STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03727

GESHIKHTE

A. Yefimov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. יעפימאָוו אונ נ. פרייבערג

ג ע ש י כ ט ע

די עפּאָכע פונ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליזמ

לערנבוכ פאַר דער מיטלשול

7-טער אונ 8-טער לערניאָרנ

אונטער פ. פ. קאָזלאָווס רעדאַקציע

צווייטע אופלאגע

פונעמ רוסישנ לערנבוכ, וואָס איז דערלויבט פונ דער קאָלעגיע פונ פאָלקאָמבילד רספסר

איבערגעזעצט צ. קאָטליאר

דער טעקסט פונ דער איבערזעצונג איז באשטעטיקט פונעמ פאָלקאָמבילד רספסר

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1934

Printed in Soviet Union

קאפיטל I

די אינדוסטריעלע רעוואָליוציע אינ ענגלאנד אינ דער צווייטער העלפט פונעמ XVIII יה.

1. די פאָרבאדינגונגענ פונ דער אינדוסטריעלער רעוואָליוציע

די מאָדערנע קאפיטאליסטישע געזעלשאפט מיט איר גרויסער מאשינ-אינדוסטריע, פאבריקנ אונ זאוואָדנ, מיט איר שארפער צעטיילונג אפ צוויי גרונטיקע, איינער דעמ אנדערנ קעגנזעצלעכע קלאסנ — בורזשואזיע אונ פראָלעטאריאט — איז אופגעקומענ אינ רעזולטאט פונ דער אינדוסטריעלער רעוואָליוציע, וואָס איז אינ פארשיידענע צייטנ פאָרגעקומענ אינ פארשיידענע לענדער פונ אייראָפע.

פריער ווי אינ אנדערע לענדער איז די אינדוסטריעלע איבערקערעניש פאָרגעקומענ אינ ענגלאנד. דער ענגלישער קאפיטאליזמ האָט געהאט קאָלאָסאלע דערפאָלגנ אינ זיינ אנטוויקלונג אינ פארלויפ פונ XVI אונ XVII יה. דער האנדל, די אינדוסטריע, די לאנדווירטשאפט פונ ענגלאנד זיינענ קאָלאָסאל אויסגעוואָקסנ אינעמ דאָזיקנ פעריאָד. עס איז אויסגעוואָקסנ א רייכע אונ פאָליטיש-ווירקנדיקע בורזשואזיע.

אינ דער מיט XVII יה. איז אינ ענגלאנד פאָרגעקומענ א בורזשואזע רעוואָליוציע — די גרויסע ענגלישע רעוואָליוציע (אינ די יאָרנ 1642—1653) אונ די אזויגערופענע רומפולע רעוואָליוציע פונ 1688 יאָר. אינ רעזולטאט פונ דער דאָזיקער רעוואָליוציע איז באזייטיקט געוואָרנ א ריי פעאָדאלע איבערבלייבעכצנ, וואָס האָבנ געשטערט דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ, אונ עס איז געשאפנ געוואָרנ א פאָליטישע אָרדענונג, וואָס האָט געזיכערט אינ א גענוגנדיקער מאָס די ווירקונג פונ דער בורזשואזיע. נאָכ דער בורזשואזער רעוואָליוציע איז די קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג פונ ענגלאנד אוועק נאָכ גיכער.

די אָנפאנגלעכע אָנזאמלונג

„דער היסטאָרישער פאָרבאדינג פאר דער אנטשטייונג פונעמ קאפיטאל, — האָט לענינ געשריבנ, — איז ערשטנס, די אָנזאמלונג פונ א געוויסער געלט-סומע אינ די הענט פונ איינצלנע פערזאָנענ בא א פארהעלטניסמעסיק הויכנ אנטוויקלונג-ניוואָ פונ דער סכוירע-פראָדוקציע, אונ, צווייטנס, די אָנוועזנהייט פונ א „פרייענ“, אינ צווייפאכיקנ זינ, ארבעטער, וואָס איז פריי פונ יעטווידער באשרענקונג אונ באגרענעצונג צו פארקויפנ זיינ ארבעט-קראפט אונ איז פריי פונ ערד אונ ביכלאל פונ פראָדוציר-מיטלענ, אנ אָנווירטשאפטלעכנ ארבעטער, „א פראָלעטאריער“, וואָס האָט ניט פונ וואָס צו עקזיסטירנ, אויסער ווי פונ פארקויפנ די ארבעט-קראפט“. אלזאָ, איידער

עס איז אופגעקומענ די קאפּיטאליסטישע פאבריק, האָט געמוזט פאָרקומענ יענער היסטאָרישער פּראָצעס, וועלכנ מארקס האָט אָנגערופנ „אָנפאנגלעכע אָנזאמלונג”. זי איז געווענ אָנפאנגלעכ דערפאר, ווײַל זי איז געקומענ ניט אלס רעזולטאט פונעמ קאפּיטאליסטישנ פּראָדוציר-אויפנ, נאָר אלס זײַנ אויסגאנג-פּונקט; זי איז פאָרגעגאנגענ פאר יענער קאפּיטאליסטישער אָנזאמלונג, וואָס קומט פאָר אינ דער פאבריק, ווו דער קאפּיטאליסט נעמט פאר זיכ צו דעמ מערווערט, עקספּלואטירנדיק דעמ לוינ־ארבעטער.

די אָנפאנגלעכע אָנזאמלונג, וואָס האָט צו זיכ קיינ גלײַכנ ניט אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט אינ זינ פונ בארויבנ די ארבעטנדיקע מאסנ, האָבנ די הערשנדיקע קלאסנ פארווירקלעכט דורכ די סאמע הארבסטע גוואלד-מיטלענ אונ דורכ פארשיידנארטיקע אויפאנימ. בארויבנ די קאָלאָניעס, עקספּראָפּריִרנ (אָפּנעמענ) דאָס פויערשע ערד-אייגנטומ, עקספּלואטירנ די קליינ-פּראָדוצירער — האנטווערקער אונ קוסטארנ — דורכ דעמ אופקויפער אונ מאנופאקטוריסט, — אָט דאָס זײַנענ געווענ די הויפּט-קוואלנ פונ דער דאָזיקער „אָנזאמלונג”. לאָמיר א קוקטאָנ, וויאזוי די דאָזיקע דערשײַנונגענ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ ענגלאנד.

דאָס בארויבנ די קאָלאָניעס

סאָפ XV אונ אָנהייב XVI יה. האָבנ די אייראָפּייער אנטדעקט נײַע טראנסאטלאנטישע לענדער — די דאָרעמדיקע אונ צאָפנדיקע אמעריקע — אונ עס זײַנענ געפונענ געוואָרנ די יאמ-וועגנ קיינ אינדיע אונ כינע. דער ערשטער רעזולטאט דערפונ איז געווענ דאָס, וואָס די אייראָפּייִשע מעלוכעס האָבנ פארכאפּט די מערהײַט פונ די דאָזיקע לענדער, פארוואנדלט זיי אינ קאָלאָניעס אונ בארויבט אונ עקספּלואטירט זייער באפעלקערונג. פונ אָנהייב האָבנ דאָס ערשטע אָרט צווישנ די קאָלאָניאלע מעלוכעס אינ אייראָפּע פארנומענ שפּאניע אונ פּאָרטוגאל. אָבער די דאָזיקע לאגע זייערע האָט לאנג ניט געדויערט. שוואכ אנטוויקלטע אינ אינדוסטריעלער הינזיכט, האָבנ זיי אָפּגעטראָטנ זייער אָרט די צאָפנדיקע לענדער — האָלאנד, פראנקרײַכ אונ ענגלאנד. דער אײַנגעשפּארטער קאָנקורענצ-קאמפּ צוליב די קאָלאָניעס, וואָס איז פאָרגעקומענ צווישנ די דאָזיקע דרײַ לענדער אינ XVIII יה., האָט זיכ פארענדיקט מיט א ניצאָכנ פונ ענגלאנד. דער גרעסטער טייל צאָפנ-אמעריקע, אינדיע, פילצאָליקע אינזלענ אינ פארשיידענע אָקעאנענ זײַנענ אריבער אינ זײַנ באזיצ. די ענגלישע קאָלאָניאלע קאָמפּאניעס האָבנ פארכאפּט אינ מאָנאָפּאָל דעמ גאנצנ האנדל מיט די טראנסאָקעאנישע לענדער אונ באזײַטיקט אלע זייערע קאָנקורענטנ. די קאָלאָניעס האָבנ געגעבנ די ענגלישע קאפּיטאליסטנ קאָלאָסאלע הכנאָסעס. די גרעסטע ענגלישע מאָנאָפּאָל-קאָמפּאניע, די אָסט-אינדישע, האָט אינ 1600 יאָר אָנגעהויבנ איר האנדל מיט א קאפּיטאל פונ 68.373 פונט סטערלינג, אונ אינ 1708 יאָר האָט איר קאפּיטאל שוינ באטראָפנ 3163 טויזנט פונט סטערלינג. אירע יערלעכע רעוואָכימ האָבנ דערגרייכט ביז 40 פּראָצענט. די קאָמפּאניע האָט אָנ שומ קאָנטראָל געבאלעבאטעוועט אינ אינדיע, געפירט מילכאָמע קעגנ די אָרטגעבירטיקע פירשטנ, ארויסגעלאָזט מאטבייעס; זי האָט דערקלערט פאר איר מאָנאָפּאָל די אמערסטנ לוינבארע צווײַגנ פונ האנדל אינ אינדיע (רײַז, בוימוואָל, אָפּיומ אאוו.). די אָסט-אינדישע קאָמפּאניע האָט אויכ געהאלטנ אינ אירע הענט דעמ האנדל מיט כינע.

א צווייטע, ניט וויניקער לויגבאַרע פאָרם פון דער ענגלישער קאָלאָניאַלער־רויבעריַי איז געווען דער האַנדל מיט נעגערס אַלס קנעכט. לויט מאַרקס אויסדרוק, האָבן די ענגלישע סאָחרים פאַרוואַנדלט אַפריקע אין „א יאַגד־פעלד אויף שוואַרצהויטיקע", סיסטעמאַטיש צושטעלנדיק נעגערס פאַר די אַמעריקאַנישע פּלאַנטאַציעס. אין אָנהייב XVIII יה. האָט ענגלאַנד זיך דערשלאָגן מאָנאָפּאָל־רעכט אויף באַזאָרגן מיט שקלאַפישער אַרבעט־קראַפט שפּאַניע און אירע קאָלאָניעס אין דאָרעם־אַמעריקע.

אין אירע אייגענע צפון-אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס זיינען אין 1776 יאָר שוין געווען 500 טויזנט שקלאַפן. פונעם האַנדל מיט שקלאַפן איז רייך געוואָרן און איז קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן דער גרעסטער ענגלישער האַפן ליווערפּול. אין 1730 יאָר האָבן זיך מיט שקלאַפן-האַנדל פאַרנומען 15 ליווערפּולער שיפן, אין 1792 יאָר — 132 שיפן. אָט אַזוי זיינען „די אוצרות, וואָס מע האָט אַרויסבאַקומען אויסער די גרענעצן פון אייראָפּע, דורך רויבעריי, דורך פאַרשקלאַפן די אָרטגעבוירטיקע, דורך האַריגעס, אַריבערגעפלאָסן צו דער מעטראָפּאָליע * און דאָ זיינען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַפּיטאַל" (ק. מ א ר ק ס).

צום מיטן XVIII יה. האָבן זיך אין רעזולטאַט פון די אויסערגעוויינלעכע רעוואַכים פונעם קאָלאָניאַלן האַנדל, פון רויבעריַי און שקלאַפן־האַנדל געשאַפן אין ענגלאַנד קאָלאָסאַלע פריַיע געלט־מיטלען. די מאָנאָפּאָל־קאָמפּאַניעס און איינצלנע קאַפּיטאַליסטן האָבן געוועט אויסנוצן דאָס געלט דער ענגלישער מעלוכע און האָבן באַקומען דערפאַר הויכע פּראָצענטן, וואָס פלעגן שפּעטער אויסגעצאָלט ווערן פון די געהעכערטע שטייערן אויף די פאָלקסמאַסן. זייער גערן פלעגט מען זיך פאַרשריַיבן אויף אַלערליי נייע אונטערנעמונגען פון האַנדל־קאָלאָניאַלן כאַראַקטער, וואָס פלעגן זיך אָפטמאָל אַרויסוויַיזן פאַר לופט-געשעפטן און פלעגן זיך אויסלאָזן מיט א באַנקראָט. די קאַפּיטאַליסטן זיַינען גרייט געווען אַריַינלייגן זייער געלט אין יעטווידן געשעפט, אַבי עס האָט נאָר געגעבן א וואַסער־ניט־איז האָפענונג אויף רעווח.

דאָס אַנטערדן די פּויערים

דאָס אָפּנעמען די ערד באַם פּויערטום האָט געשפּילט א באַזונדערס גרויסע ראָליע אין דער אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג. „אין דער געשיכטע פון אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג, — האָט מאַרקס געשריבן, — האָבן געהאַט א קאָלאָסאַלע באַדיַיטונג די אַלע איבערקערענישן, וואָס האָבן אַזוי אָדער אַנדערש געדינט פאַר א הייבער אויף אויפצוהייבן דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויספורעמען; נאָר גאָר א באַזונדערס וויכטיקע ראָליע האָבן געשפּילט יענע מאָמענטן, ווען באַדיַיטנדיקע מאַסן מענטשן זיַינען פּלוצעם און מיט גוואַלד אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע עקזיסטענץ־מיטלען און זיַינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן אַרבעט־מאַרק אַלס פּראָלעטאַריער, וואָס זיַינען אָוועקגעשטעלט אויסערן געזעץ". דאָס אַנטערדן די פּויערים איז טאַקע געווען יענע קאָלאָסאַלע גוואַלד-רעוואָליוציע („אַגראַר־רעוואָליוציע"), וואָס האָט אָפּגעריסן די מאַסע פּויערים קליין־פּראָדוצירער פון זייערע אייגענע פּראָדוציר-מיטלען און האָט זיי פּראָלעטאַריזירט, צוגרייטנדיק, אויף אַזאַ אופן, א רעזערוו־אַרמיי פון אַרבעט פאַר די צוקינפטיקע פאַבריקאַנטן.

די ענגלישע ווירטשאַפט, אָנהייבנדיק פון סאָף XV יה. לעבט איבער א

---

* מעטראָפּאָליע — אַזוי הייסט דאָס לאַנד, וואָס באַזיצט קאָלאָניעס.

טיפן איבערבראָך, ס'פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער דער פּראָצעס פון אַרײַנ־דרינגען פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן. מיט דער אַנטוויקלונג פונעם ענג־לישן אויסערן האַנדל פאַרגרעסערט זיך אַלץ מער דער אַרויספיר פון ענגלישן וואָל, דערהויפּט אין פלאַנדריע (איצטיקע בעלגיע). שפּעטער האָט זיך געפאָדערט א קאָ־לאָסאַלע צאָל וואָל אף צו באַפרידיקן דעם נאָכפרעג אף רויוואַרג מיצאַד דער ענגלישער געוואַנט־פּראָדוקציע. פון דער צווייטער זײַט, האָט די וואַקסנדיקע אינדוסטריע פון שטאָט געפאָדערט אַלץ א גרעסערן סכום ברויט, פלייש, לעדער, פּוטער און אַנדערע פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט און פיצוכט. די שעפּסנ־צוכט האָט זיך שוין אין XV—XVI יה. גערעכנט פאַר א באַזונדערס רעוועכדיקער באַשעפטיקונג. סײַ די פּריצים און סײַ די מער פאַרמעגלעכע פּוי־ערים האָבן דעריבער געײַלט צו פאַרנעמען זיך מיטן דאָזיקן געשעפט. נאָר דער איבערגאַנג צו שעפּסנצוכט, ווי אַן איבערגאַנג צו א מער אינטעסיווער לאַנד־ווירטשאַפט (צו דער פילפעלד־סיסטעם אאַוו.) האָט זיך אָנגעשטויסן אף מע־ניִעס מיצאַד די אַלטע געמיינדע־פּאָראַנדקעס, וואָס האָבן געהערשט אין ענגלישן דאָרף (דער באַצוווּנגענער זיי־פאַרקער, די דרײַפעלד־סיסטעם, די צוואָרפענע ערד־פּאַסן, די פּיטער־פלעצער אף צו פּאַשען פי נאָכן אַראָפּנעמען די גערעטעניש). בא אַזעלכע באַדינגונגען האָט די פּריצים מער געלוינט אויסטײלן „אַרומצאַמען“ זײ־ערע ערדכאַלאַקים און דערנאָך באַלעבאַטעווען אף זיי, ווי זיי איז געפעלן. פאַרייניקנדיק די צוואָרפענע שטעקלעך אין איין אָרט, האָבן די פּריצים איינצײַ־טיק פאַרכאַפּט די ווייספּעס, די לאָנקעס און אַנדערע גרעסערע נאַכלעס, וואָס מיט זיי האָבן זיך פריִער באַנוצט די פּויערים. דאָס „צעטיילן“ די געמיינדע־ערדן, וואָס איז איינגאַנצן דורכגעפירט געוואָרן אונטערן קאָנטראָל פון די פּריצים, האָט זיך שווער אָפּגעשפּיגלט אף דער איבערוועגנדיקער מערהײַט ענגלישע פּוי־ערים, אַפילו אף די פּויערים, וואָס זײַנען געווען אייגנטימער (פריהאַלדערס). באַקומענדיק באַם פאַרטיילן און אַפּצאַמען א נישטיקן ערדשטיקל, האָט דער פּויער, וואָס האָט אַצינד פאַרלאָרן די מעגלעכקײַט צו באַניצן זיך מיט דער גע־מיינדע־פּאַשע, אָפּט ניט געקאָנט זעלבשטענדיק פירן זײַן באַלעבאַטישקײַט און איז געווען געצוווּנגען צו וואַרפן אָדער פאַרקויפן זײַן ערדשטיקל דעם פּאָרעץ. נאָך ערגער און אויסוועגלאָזער איז געווען די לאַגע פון די פּויערים קאָפּיהאָל־דערס, וואָס האָבן באַזעסן ערד אָפּ לעבנלענגלעכע און יערושע־אַרענ־דאַטערס.

דער פּאָרעץ האָט געהאַלטן, אַז אים לוינט איינגאַנצן ניט פאָרצוזעצן די אַלט־פרענקישע אַרענדע און ער האָט זיך געסטאַרעט מאַכן א סאָף צו איר. ער פלעגט אָן קיין צערעמאָניעס אַראָפּיאָגן די קאָפּיהאָלדערס פון זייערע פלעצער. דערבײַ פלעגט ער זיך איינגאַנצן אָפּזאָגן געבן די פּויערים ערד, אָדער ער פלעגט פאַר־דינגען די ערד אף נײַע באַדינגונגען אין א קורצטערמיניקער אַרענדע. דעם פּאָרעץ האָט אָבער איצט געלוינט ניט די קליינע, נאָר די גרויסע אַרענדע.

אָט די נײַע אַזויגערופענע פערמער־אַרענדע האָט געגעבן דעם ערדבאַזיצער א הויכע רענטע. די אַרענדע האָט געקאָנט זײַן צוטריטלעך בלויז פאַרן באַ־לעגוף אָדער קאַפּיטאַליסט.

איז קיינ ווונדער ניט, וואָס די פּויערימ האָבנ אקשאָנעסדיק געקעמפט קעגנ די אָפּצאמונגענ. אינעמ XVI אונ XVII יה. זײַנענ אינ ענגלאנד פאָרגעקומענ ניט ווייניק אגרארע אומרוענ אונטערנ לאָזונג: „נידער מיט דער אָפּצאמונג“. אָבער צו הילפ די פּריצימ פלעגט קומענ די מעלוכע־מאכט. אינ דאָרפ פלעגנ געשיקט ווערנ שטראָפ־אָטריאדנ. דער „געזעצ“ האָט פארטיידיקט די אינטערעסנ פונעמ פּאָרעצ. פונ אָנהייב XVIII יה. האָט דער ענגלישער פארלאמענט ארויסגעגעבנ ספּעציעלע באשטימונגענ וועגנ אָפּצאמונגענ, וואָס פלעגנ דורכגעפירט ווערנ אינ לעבנ ווי געזעצנ.

אויב אינ די ערשטע 60 יאָר פונעמ XVIII יה. זײַנענ אָפּגעצאמט געוואָרנ בא 312 טויזנט אקר * ערד, האָט אינ די יאָרנ 1760—1801 דער שטעטעכ פונ אלע אָפּגעצאמטע ערד דערגרייכט 3 מיליאָנ אקר.

די רעזולטאטנ פונ די אָפּ־צאמונגענ

דאָס אָפּצאמענ די ערד האָט געהאט גוואלדיקע סאָציאל־עקאָנאָמישע פאָלגנ. אָנשטאָט דעמ פעאָדאלנ אייגנטומ, האָט זיכ אינ רעזולטאט פונ די אָפּצאמונגענ געשאפנ דאָס בורזשואזע ערד־אייגנטומ. דער רײַכגעוואָרענער טייל ערדבאזיצער האָט זיכ פארוואנדלט אינ גרויסע אונטערנעמער, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיטנ האנדל אונ מיט די בענק. אָנשטאָט דער קליינער פּויערשער פּראָדוקציע מיט איר פּרימיטיווער טעכניק, איז אויפגעקומענ די גרויסע פערמער-ווירטשאפט, וואָס האָט זיכ באניצט מיט פארפולקומטנ געצײַג, אײַנגעפירט די פילפעלדער־סיסטעמ, פּיצוכט אאוו.

די אנטערדיקטע פּויערימ זײַנענ בלויז טיילווײַז פארבליבנ אינ דאָרפ אלס לאנדווירטשאפטלעכע באטראקעס, וואָס האָבנ געארבעט אינ די פערמעס. דער גרעסטער טייל רוינירטע פּויערימ האָט זיכ אוועקגעלאָזט אינ שטאָט ארײַנ, גרייט צו פארקויפנ זייער ארבעט-קראפט אפ די ערגסטע באדינגונגענ. די אגראר־רע־וואָליוציע האָט געשאפנ דעמ וויכטיקסטנ עלעמענט, אָנ וועלכנ עס קאָנ זיכ ניט באגיינ די גרויס־קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע: אינ איר רעזולטאט איז אפנ מארק ארויסגעוואָרפנ געוואָרנ א מאסע ארבעטלאָזע פּראָלעטאריער, „פרײַע, ווי פויגלענ“.

די עקספּראָפּריאציע פונעמ פּויערטומ האָט געשאפנ נאָכ איינ באדינג, וואָס איז נייטיק פאר דער אנטוויקלונג פונ דער קאפּיטאליסטישער אינדוסטריע. די אגראר־איבערקערעניש האָט געבראכט מיט זיכ א פארברייטערונג פונעמ אינערלעכנ מארק. די פּויערימ, בא וועמענ מע האָט אָפּגענומענ די ערד אונ ארויסגעטריבנ אינ די שטעט, זײַנענ איצט געווענ געצוווּנגענ צו באפרידיקנ זייערע באדערפענישנ אינ שפּײַז אונ אינ קליידונג בלויז דורכ אײַנקויפנ שפּײַז־פּראָדוקטנ אונ זאכנ פונ ברייטנ געברויכ. די עקספּראָפּריאציע פונעמ פּויערטומ האָט אויכ באטײַט דאָס פארשווינדנ פונ דער דאָרפישער באהילפיקער אינדוסטריע, די אינדוסטריע איז פולשטענדיק אָפּגעטיילט געוואָרנ פונ דער ערדארבעט. די פערמערס, וואָס האָבנ איצט פארנומענ דאָס אָרט פונ די פּויערימ, האָבנ אײַנגעקויפט ניט בלויז געברויכ־מיטלענ, נאָר אויכ פּראָדוציר־מיטלענ (לאנדווירטשאפטלעכנ אינווענטאר, געצײַג אדג.).

---

* אקר — איז בא 1 אכטל הא.

די צעפאלונג פון דער האנט־ווערקערײַ. די מאנופאקטור־סטאדיע פונעם קאפּיטאליזם אין דער אינדוסטריע

די עקספּראָפּריאַציע פונעם קלײנעם פּראָדוצירער איז פאָרגע־קומען אויך אין געביט פון אינדוסטריע. אָנהײבנדיק פונעם XVI יה. האָט זיך אין ענגלאנד אנטוויקלט די קאַפּיטאליס־טישע מאנופאקטור. זײַענדיק א דירעקטע פאָרגײיערן פון דער פאבריק, האָט נאָך אָבער די מאנופאקטור קלאל נים פארניכ־טעט די קלײן־פּראָדוקציע. די שטאָטישע האנטווערקערײַ און די דאָרפישע הויז־אינדוסטריע האָבן, פארקערט, א לאנגע צײַט געדינט אלס באזע פאר דער אנטוויקלונג פון דער מאנופאקטור גופא. אינעם מא־נופאקטור־פעריאָד האָט מען געקאָנט באגעגענען די סאמע פארשיידנארטיקסטע שטופעס אין דער לאגע פון דעם קלײנעם האנטווערקער — אָנהײבנדיק פון א מער אָדער װײניקער זעלבשטענדיקער לאגע זײַנער אפן מארק און ביז דעם פול־שטענדיקן פארוואנדלען אים אין א מאנופאקטור־ארבעטער, האגאם ער ארבעט אויך, ווי פריער, בא זיך אין דער היים. דאניעל דעפאָ, דער אוטער פונעם באוווסטן „ראָבינזאָן קרוזאָ" האָט איבערגעלאָזט אינטערעסאנטע באשרײַבונגען וועגן דעם צושטאנד פון דער געוואנט־אינדוסטריע אָנהײב XVIII יה. אין די צאָפנ־דיקע קרײַזן פון ענגלאנד. פון די דאָזיקע באשרײַבונגען איז צו זען, אז דער קלײן־פּראָדוצירער איז נאָך דעמלט אין אײניקע ערטער ארויסגעטראָטן זעלב־שטענדיק אפן מארק.

„באזונדערע הײַזער פון וועבער, — שרײַבט דעפאָ, — געפינען זיך קימאט שטענדיק אפ א שטרעקע פון א מענטשלעכער שטים אײנס פון אנדערן. אין יע־דער שטוב קאָן מען זען ראמען אפ אָנציִען געוואנט און קימאט אין יעדער ראם — געוואנט אָדער אנ אנדער וואָל־געוועב. יעדעס גרעסערע הויז איז אין דער דאָזיקער געגנט א האנט־ווערקערישער וועבער־ווארשטאט. יעדער געוואנטלער האָט ווײניקסטנס אײן פערד, אפ וועלכן ער פאָרט מיט זײַנע סכוירעס אפן מארק".

אין דער בוימוואָל־אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אין ענגלאנד אָנגעהויבן אנטוויקלען סאָפ XVII יה., האָט אויך צוערשט דאָמינירט די הויז־אינ־דוסטריע.

אָבער שוין אין XVII יה. האָבן זיך אין דער געוואנט־אינדוסטריע גע־לאָזט הערן אָנקלאָגעס פון די וועבער אפ דעם דרוק פון די אופקויפער. מיט דער פארברײטערונג פונעם מארק איז דעם האנטווערקער אלץ שווערער געוואָרן אָפּ־צוזעצן זײַן פּראָדוקט. אלס פארמיטלער צווישן דעם קלײן־פּראָדוצירער און דעם מארק טרעט ארויס דער סוחר, וואָס האָט גוט־געוווסט די מארק־באדינגונגען, וואָס האָט פארמאָגט קאפּיטאל און האָט גאנץ גיך אָנגעהויבן דעריבער דיקטירן זײַנע באדינגונגען דעם האנטווערקער. אינגיכן איז דער האנטווערקער געוואָרן אָפּהענגיק פונעם אופקויפער אויך אין הינזיכט פון רויווארג. דער סוחר דער פארמיטלער איז פארוואנדלט געוואָרן אין א פאנאנדערטײלער אנ אופקויפער, וואָס גיט דעם האנטווערקער א באשטעלונג און נעמט בא אים אָפּ די גאנצע פּראָדוקציע אפ פרײַזן, וואָס ער (דער אופקויפער) באשטימט. דער קוסטאר, וואָס איז אָפּ־הענגיק פונעם קאפּיטאליסט, איז געצווונגען צו פארגרעסערן זײַן ארבעטטאָג, — ער צווינגט צו ארבעטן זײַן גאנצע פאמיליע, אפילע די קלײנינקע קינדער. זײ

ארבעטן א גאנצן טאָג און אפילו באנאכט. איינער פון די צוקינפטיקע מאשינ־דערפינדער (קראָמפטאָן), א זון פון א קוסטאר, האָט אין די זיכרוינעס וועגן זיין קינדהייט געשריבן אזוי: „איך האָב קוים אָנגעהויבן גיין, האָט מען מיך שוין געצווונגען צו ארבעטן אין דער בוימוואָל-וועבערײַ. דעם גארן פלעגט מיין מו־טער ארײַנלייגן אין א טיפן בעקן, וווּהין מע פלעגט אָנגיסן וואסער, און מיך ארײַנשטעלן אין דעם בעקן, קעדיי איך זאָל מיט די פיס אָפּקלאפּן דעם גארן. אהין פלעגט מען אָן אופהער אונטערגיסן וואסער, און ווען דער בעקן פלעגט פול ווערן אזוי, אז איך פלעג שוין ניט אימשטאנד זיין צו שטיין, פלעגט מען צו אים צורוקן א שטול און איך פלעג זיך האלטן פאר זיין פארענטשע און פלעג ווײַ־טער ארבעטן". סאַפּקאָלסאָפּ איז אזא קוסטאר פארוואנדלט געוואָרן אין אן עמעסן לוינ-ארבעטער, וואָס ארבעט בא זיך אין שטוב פארן קאפּיטאליסט.

די צעזייטע און די קאָנצענטריר־טע מאנופאקטור

פארברייטערנדיק אלץ מער זיין ווירקונג אפן קוסטאר, האָט דער קאפּיטאליסט דער אופקויפער געצווונגען ארבעטן אף זיך גאנצע דערפער, ברייט פּראקטיקירנדיק דערבײַ די טעכנישע ארבעט־צעטיילונג צווישן די הויז־ארבעטער. יעדן באזונדערן אר־בעט-פּראָצעס איבערן וואָל — קעמען, שפּינען, וועבן, פארבן, ענדגילטיק באארבעטן (דעקאטירונג) — האָט אויסגעפילט א באזונדערער ארבעטער אָדער גרופּע ארבעטער. דאָס האָט געגעבן א גוואלדיקע פארגיכערונג פון דעם ארבעט־פּראָצעס. די פּראָ־דוקציע האָט זיך געדרויבלט אף די איינפאכסטע מעכאנישע אָפּעראציעס; עס האָט זיך אויסגעארבעט א נײַער טיפּ ארבעטער מיט דער סאמע שמאָלסטער ספּעציא־ליטעט, זיי זײַנען אינגאנצן און פולשטענדיק אָפּהענגיק געווען פון זייערע אר־בעט־געבער — קאפּיטאליסטן.

א סאך זעלטענער פלעגט זיך טרעפן א צווייטע פאָרם מאנופאקטור, א צענט־ראליזירטע אָדער קאָנצענטרירטע, ווען דער אופקויפער דער מאנופאקטוריסט האָט פארייניקט די ארבעטער אף איין אָרט, אין א גרויסער מאנופאקטור, אונטער־ווארפנדיק זיי אונטער זיין פולשטענדיקן קאָנטראָל. אזא מאנופאקטור האָט זיך אונ־טערשיידט פון א פאבריק בלויז דערמיט, וואָס אין איר זײַנען נאָך ניט געווען קיין מאשינעס. אדאם סמיט, דער גרעסטער עקאָנאָמיסט פונעם XVIII יה., האָט אזוי באשריבן די שפּילקע־מאנופאקטור פון זיין צייט, זײַענדיק אנציקט פון איר אויסערסט קאָמפּליצירטער ארבעט־צעטיילונג: „איין ארבעטער ציט דעם דראָט, דער צווייטער גלייכט אים אויס, דער דריטער שנײַדט אים אָפּ, דער פער־טער פארשארפט, דער פינפטער שלײַפט אָפּ דעם שפּיץ אף ארײַנזעצן דאָס קעפּל. דאָס מאכן דאָס קעפּל גופא צעפאלט זיך אף צוויי אָדער אף דרײַ אָפּעראציעס; א באזונדער אָפּעראציע — ארופזעצן עס, א צווייטע — פּאָלירן די שפּילקע; אינגאנצן א באזונדערע, זעלבשטענדיקע ארבעט איז אפילו דאָס אײַנפּאקן די שפּילקעס אין פּאפּירלעך. די הויפּט־ארבעט פון אויסארבעטן א שפּילקע צעפאלט זיך אזויארום אומגעפער אף 18 פארשיידענע אָפּעראציעס".

די צענטראליזירטע מאנופאקטור און די צעשפּליטערטע מאנופאקטור האָבן זיך זייער אָפט קאָמבינירט. א טייל ארבעט, די סאמע פאראנטוואָרטלעכע מאָמענטן אירע, זײַנען אויסגעפילט געוואָרן אין דער מאנופאקטור גופא, די איבעריקע ארבעט האָט זיך, ווי פריער, געפירט באם קוסטאר אין דער היים. ערשט די־

פאבריק האָט ענדגילטיק פארענדיקט דעם פּראָצעס פון פארניכטן די קליין־פּראָדוקציע. אָבער שוין אינעם מאנופאקטור־פעריאָד איז דער האנטווערקער געווען רויִנירט, האָט פארלאָרן זײַן זעלבשטענדיקײַט, איז געווען אוועקגעשטעלט אין פול־שטענדיקער אָפּהענגיקײַט פונעם קאפּיטאל און האָט געליטן פון דער סאמע אומפּאר־שעמטער עקספּלואטאציע.

די סאכאקלען פון דער אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג. די נאָענטסטע סיבעס פון דער טעכנישער רעוואָליוציע

אלזאָ, אין רעזולטאט פון דער אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג זײַנען אין ענגלאנד געשאפן געוואָרן אלע נייטיקע באדינגונגען פאר דער אנטשטייונג פון דער גרויס־קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע. אלס רעזולטאט פון בארויבן די קאָלאָניעס האָבן זיך אויסגעבילדעט קאָלאָסאלע קאפּיטאלן אין די הענט בא איינצלנע קאפּיטאליסטן, וואָס האָבן געזוכט א פּראקטישע אָנווענדונג פאר זייערע מיטלען צוליב עקספּלואטאציע. די אגראר־רעוואָליוציע האָט געשאפן פארן קאפּיטאל א רעזערוו־ארמיי פּראָלעטאריער, וואָס פארמאָגן ניט קיין שום אייגנטום. אזוינע פּראָלעטאריער האָבן זיך אויך געשאפן אין רעזולטאט פון דעם, וואָס דער אופקויפער האָט עקספּראָפּריִרט די אמאָל אומאָפּהענגיקע האנטווערקער.

דאָס, וואָס די פּראָדוצירער זײַנען אָפּגעשיידט געוואָרן פון די פּראָדוציר־מיטלען, האָט געגעבן א שטארקן שטויס, אז אין ענגלאנד זאָל זיך אנטוויקלען און פארברייטערן אויך דער אינערלעכער מארק. די ברייט־אנטוויקלטע טעכנישע ארבעט־צעטיילונג אין דער מאנופאקטור איז געווען א צוגרייטונג־שטופּע צו דער אנטשטייונג פון דער מאשין־פּראָדוקציע. אדאנק דער מאנופאקטור, וואָס האָט פארייִנפאכט און ביז גאָר דעטאליזירט די באזונדערע ארבעט־פּראָצעסן, דערפירנדיק זיי ביז צו איינפאכע און איינארטיקע אָפּעראציעס, האָט זיך געשאפן א ברייטע מעגלעכקײַט צו דערפינדן מעכאנישע אינסטרומענטן פאר דער ארבעט, דה. מאשינעס, וואָס טוען די דאָזיקע איינארטיקע אָפּעראציעס. בלויז די מאנופאקטור האָט געקאָנט שאפן אזוינע ארבעטער, וואָס האָבן געקאָנט מאכן מאשינעס מיט די איידעלע און גאנץ קאָמפּליצירטע טיילן זייערע.

אזויארום איז די דערפינדונג פון מאשינעס געקומען ווי אן אומפארמײַדלעכער רעזולטאט פון אלע פריִערדיקע ענדערונגען אין דער ענגלישער עקאָנאָמיק און טעכניק, אָנהייבנדיק פונעם XVI יה. די נייטיקײַט אין מאשינעס האָט זיך אָנגעהויבן לאָזן פילן אלס נייטיקע געזעלשאפטלעכע באדערפעניש אין XVIII יה. דער אויסגעוואָקסענער מארק האָט געשאפן א גוואלדיקן נאָכפרעג אף פּראָדוקטן פון דער אינדוסטריע, וועלכן עס איז אוממעגלעך געווען צופרידנשטעלן, בלײַבנדיק באם מאנופאקטור־אויפן פון דער פּראָדוקציע. אין פארלויף פונעם גאנצן XVIII יה. זײַנען אין ענגלאנד געמאכט געוואָרן אקשאָנעסדיקע פרווון אויסצוגעפינען נײַע פּראָדוציר־מעטאָדן. ענדלעך, זײַנען די דאָזיקע פרווון באקרוינט געוואָרן מיט א דערפאָלג. אין דער צווייטער העלפט XVIII יה. קומט פאָר א טעכנישע רעוואָליוציע, עס ווערן דערפונדן מאשינעס, וואָט דער דירעקטער רעזולטאט דערפון איז געווען די אנטשטייונג פון דער פאבריק.

2. די אינדוסטריעלע רעוואָליוציע

די טעכנישע רעוואָליוציע אין דער בוימוואָל - אינדוסטריע

די אינדוסטריעלע איבערקערעניש איז פריִער פאר אלץ פאָרגעקומען אין דער בוימוואָל־אינדוסטריע. דאָס דערקלערט זיך מיט איר אייגנאַרטיקער לאַגע צווישן די אנדערע צווייַגן פון דער דעמלטיקער ענגלישער אינדוסטריע. די בוימוואָל־פּראָדוקציע איז געווען א נייַע זאַך. דאָ זייַנען קיין צעכן ניט געווען. דער דאָזיקער אינדוסטריע־צווייַג האָט ניט געוווּסט פון קיין רעגירונג-רעגלאַמענטאַציע. אין דער זעלבער צייַט איז ער געווען אָפן פאר דער אויסערלעכער קאָנקורענץ אין געשטאַלט פון דער אינדישער האַנטווערקערישער בוימוואָל-אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אנטוויקלט פון לאַנגאָניקע צייַטן. אינדישע געוועבן זייַנען אריינגעפירט געוואָרן קיין ענגלאַנד אַפ שיפן פון די אָסט־אינדישע קאָמפּאַניעס און זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער א הויכער קוואַליטעט. אין די באַדינגונגען פונעם אַלץ-וואַקסנדיקן נאָכפרעג אַפ בוימוואָל־געוועבן, וואָס האָבן ארויסגעשטויסן די לייַנענע, ווי אויך טיילווייַז די געווענטענע פאבריקאַטן, — זייַנען די בוימוואָל מאַנופאַקטוריסטן מער, איידער וואָסער־ניט־איז אנדערע אונטערנעמער, געווען פאַרינטערעסירט אין טעכנישע פארפולקומונגען, אין אריבערגיין צו א מאַסעווער קאַפּיטאַליסטישער גרויס-פּראָדוקציע. אַלס ענטפער אַפ דער דאָזיקער רייף געוואָרענער באַדערפעניש איז געקומען א שטראָם דערפינדונגען. די דערפינדער זייַנען געווען מענטשן, וואָס האָבן געהערט צו די סאַמע פארשיידענע קלאַסן און פּראָפעסיעס. די מערהייַט פון זיי זייַנען געווען אויטאָדידאַקטן, ארבעטער און האַנטווערקער, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט מער אָדער ווייניקער קאָמפּליצירטע אינסטרומענטן (א שפּינראָד, א זייגער, א וואַסער־מיל אדג). א סאַך שפּעטער האָבן זיך פאר דערפינדונגען גענומען ספּעציעלע געלערנטע.

די ערשטע באַדייַטנדיקע פארפולקומונג אין דער בוימוואָל־אינדוסטריע איז פאָרגעקומען אין דער וועבערייַ־פּראָדוקציע. דער מעכאַניקער קיי האָט אין 1733 יאָר דערפונדן א פליִענדיק שיפל. קודם צו ברענגען אין באַוועגונג אָט דאָס שיפל איז געווען גענוג א שלעפּ צו טאָן דאָס הענטל מיטן שנור, אין דער צייַט, ווען פריִער האָט דער וועבער געמוזט אריבערוואַרפן אָט דאָס שיפל אַמאָל מיט דער רעכטער, אַמאָל מיט דער לינקער האַנט. דאָס פליִענדיקע שיפל האָט אַזויאַרום פארגיכערט דעם אַרבעט־פּראָצעס און האָט, אַחוץ דעם, געגעבן א מעגלעכקייַט איין וועבער צו וועבן אַזוינע ברייטע לייַוונטן, וועלכע עס האָבן פריִער געקאָנט וועבן בלויז צוויי וועבער. קייס שיפל איז גאַנץ גיך געוואָרן ברייט

דזשאָן קיי

פארשפּרייט, און די וועבערייַ האָט שטאַרק אויסגעשפּילט אין דער גיכקייַט. אָבער אַדאַנק דער דאָזיקער דערפינדונג, וואָס האָט פארגיכערט דעם פּראָצעס פון דער וועבער־פּראָדוקציע, האָבן די שפּינער בעפיירעש ניט באַוויזן צו באַפרידיקן דעם אויסגעוואַקסענעם נאָכפרעג אַפ גאַרן. דער ארבעטלוין פון די שפּינער איז געשטיגן. די מאַנופאַקטוריסטן זייַנען אופגעבראַכט געווען און האָבן זיך געקלאָגט אַפ דער

„ווידערשפעניקײַט“ און „זשעדנעקײַט“ פונ די שפינער, וואָס ווילנ ניט ארבעטנ פארנ פריִערדיקנ קאפּצאָנישנ לוינ. דער „שפינערײַ־הונגער“ האָט געשטויסנ די קאפּיטאליסטנ צו זוכנ וועגנ פאר פארפולקומונגענ אויכ אינ דער שפינערײַ. אינ 1761 יאָר האָט די „געזעלשאפט צו שטיצנ די קונסט און די אינדוסטריע“ ארויס־געגעבנ א ספּעציִעלנ אופרופ, וואָס האָט פּאָרגעלייגט א פּרעמיע דעמ, ווער עס וועט דערפינדנ א מעכאנישנ שפינשטול. און ווירקלעכ, אינ 1765 יאָר האָט דער וועבער דזשעמס כארגריווס דערפונדנ ניט קיינ גרויסנ מעכאנישנ שפּינ־שטול, וואָס איז געבראכט געוואָרנ אינ באוועגונג מיט דער האנט. ער האָט אימ א נאָמענ געגעבנ נאָכ זײַנ טאָכטער — „דזשעני“. אפ „דזשעני“ האָט מענ געקאָנט ארבעטנ מיט 16—18 שפינדלעכ אפּאמאָל. די דאָזיקע דערפינדונג איז געווענ א גראנדיִעזער שפּרונג אינ דער אנטוויקלונג פונ דער שפינערײַ-טעכניק. דאָס נײַע געצײַג איז שוינ געווענ א ווירקלעכע מאשינ, וואָס האָט פארביטנ פריִערדיקע 16—18 האנטווערקער, וואָס האָבנ געארבעט אפ זייערע שפינשטולנ מיט איינ שפינדל בלויז.



מעכאניש שפינדל „דזשעני“

מארקס האָט אינ „קאפּיטאל“ געשריבנ: „די מאשינ, פונ וועלכער עס הייבט זיכ אָנ די אינדוסטריִעלע רעוואָליוציע, פארבײַט דעמ ארבעטער, וואָס ארבעט גלײַכצײַטיק בלויז מיט איינ אינסטרומענט, אפ אזא מעכאניזמ, וואָס אָפּערירט מיטאמאָל מיט א מאסע אלצײנע אָדער איינארטיקע געצײַג און ווערט געבראכט אינ באוועגונג דורכ איינ באוועג-קראפט, וואָס פאר א פאָרמ די לעצטע זאָל ניט האָבנ“. „דזשעני“ האָט זיכ פארשפּרייט זייער גיכ. ניט קיינ שווערע און

פארהעלטניסמעסיק א ביליקע, איז זי אַרײַנגעדרונגען אין די הײַזער צו די קוסטארן. דער גארן איז גיך ביליקער געוואָרן. איצט זײַנען, פארקערט, די וועבער געווען אין א פיל בעסערער לאגע, זיי פלעגן ניט באַווײַזן צו איבעראַרבעטן דעם שארף אויסגעוואַקסענעם סכום גארן. דער נאָכפרעג אף וועבער האָט זיך פארגרעסערט. זייער ארבעטלוין איז געשטיגן. א סאך וועבער פויערים האָבן ענדגילטיק אַוועקגעוואָרפן זייער לאַנד־ און גאָרטן־ווירטשאַפט און זײַנען אינגאנצן פארוואַנדלט געוואָרן אין אינדוסטריעלע ארבעטער.

די מאַשין „דזשעני" פלעגט ארויסגעבן א דינעם אָבער ניט קיין שטארקן פאָדעם. דעריבער האָבן נאָך איר אנטדעקונג זיך ניט אופגעהערט די זוכענישן פון ווײַטערדיקע פארפולקומונגען אין געביט פון שפּינערײַ.

פרוּוון פון נײַע דערפינדונגען האָבן געמאַכט מענטשן פון פארשיידנסטע קלאַסן און פּראָפעסיעס. דער פלינקער און ניט־שעמעוודיקער פאַבריקמאַכער, זייגער־מאַכער און מעכאַניקער אוטאָדידאַקט, ריטשארד אַרקרײַט, האָט אוועקגעגאַנוועט בא איינעם דערפינדער א מאָדעל פון א גרויסער שפּין־מאַשין. ער האָט עטוואָס פארפולקומט די נײַע מאַשין און האָט זי ארויסגעגעבן פאר זײַנער א דערפינדונג (1768 יאָר). דאָס איז געווען די אזוי־גערופענע וואַטער־מאַשין, דה. א וואַסער־מאַשין, ווײַל זי איז געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג דורך וואַסער. שפּעטער האָט ארקרײַט אליין אָרגאַניזירט עטלעכע בוימוואָל־פאַבריקן אָדער, ווי זיי האָבן געהייסן אין ענגליש, בוימוואָל־מילן, לויט זייער ענלעכקײַט צו וואַסער־מילן. ארקרײַטס דערפינדונג איז געווען א נײַער שריט אין דער אנטוויקלונג פון דער מאַשין.

ארקרײַט

אלס באַוועגער פון דער דאָזיקער מאַשין האָט געדינט די קראַפט פון דער נאַטור און ניט פונעם מענטשן. זי האָט שוין געפאָדערט צו קאָנצענטרירן די פּראָדוקציע אין א גרויסער פאַבריק. דער קוסטאַר האָט זיך ניט געקאָנט באַניצן מיט אזא מאַשין. פונקט אזא גרויסער מעכאַניזם, וואָס איז צוטריטלעך בלויז פאַרן קאַפּיטאַליסט פאַבריקאַנט, איז געווען די שפּעטערדיקע פארפולקומטע מאַשין פונעם מעכאַניקער סאַמועל קראָמפּטאָן (1799 י.). די מיול־מאַשין,* ווי קראָמפּטאָן האָט זי אָנגערופן, — האָט אין זיך פארייניקט די אייגנשאַפטן פון „דזשעני" און פון דער וואַטער־מאַשין, פלעגט געבן א דינעם, אָבער א פעסטן פאָדעם. די געוועבן, וואָס די מיול־מאַשינעס האָבן אויסגעאַרבעט, האָבן אריבערגעשטיגן לויט דער קוואַליטעט די בעסטע געוועבן פון די סאַמע געשיקטע אינדישע וועבער.

דאָס, וואָס די וועבערײַ איז אָפּגעשטאַנען פון דער שפּינערײַ, אלס רעזולטאַט פון אָנווענדן די נײַע שפּין־מאַשינעס, האָט ארויסגערופן א דרינגענדיקע באַדערפעניש צו דערפינדן מאַשינעס אויך אין געביט פון וועבערײַ. דער „וועב־

* מ י ו ל, דה. מול: א געמיש פון אן אייזל מיט א פערד.

בערײַ־הונגער" איז אויסגעלעבט געוואָרנ אדאנק דער דערפינדונג פונ א מ ע כ א־נ י ש נ וועבשטול. דעמ וועבשטול האָט דערפונדנ ע ד מ ו נ ד ק א ר ט ר ײַ ט, לויט דער פּראָפעסיע א גאלעכ, אויכ א געוועזענער אווטאָדידאקט א מעכאניקער. ארבעטנדיק אפ קארטרײַטס מעכאנישנ וועבשטול, האָט דער ארבעטער געקאָנט פאר א געוויסנ צײַט־איינס אויסארבעטנ פונקט אזויפיל, וויפל עס האָבנ פריִער געקאָנט מאכנ 40 האנט־וועבער.

אינ 1813 יאָר האָט ר ע ד ק ל י פ כ אָ ר אָ ק ס פארפולקומט קארטרײַטס וועב־מאשינ, וועלכע איז דערנאָכ ארײַנ אינ אלגעמײַנעמ באנוצ אונ האָט שנעל ארויס־געשטויסנ די האנט־וועבער, וואָס האָבנ געארבעט אינ דער שטוב-אינדוסטריע. פונ די צווייטראנגיקע דערפינדונגענ פונ יענער צײַט האָט געהאט א גרויסע באדײַטונג ב ע ל ס דערפינדונג (אינ 1783 יאָר). בעל האָט דערפונדנ א מיטל אָפּצוקלאָפּנ געמעלנ אפ געוועבנ מיט דער הילפ פונ א צילינדער. זײַנ צילינ־דרישע ציצ-דרוקמאשינ האָט פארביטנ 100 ארבעטער.

די דערפאָלג פונ דער גרויסער בוימוואָל־אינדוסט־ריע די פארשפריי־טונג פונ מאשי־נעס אינ אנדערע צווײַגנ פונ דער טע־קסטיל־אינדוסטריע

די דערפינדונג פונ מאשינעס האָט געענדערט די אָרגאניזאציע פונ דער אינדוסטריע. די גרונט־פאָרמ פונ דער אינדוסטריע, וואָס האָט געשווינד ארויסגעשטויסנ אלע פריִער עקזיסטירנדיקע פאָרמענ — די האנטווערקערײַ, די צעזייטע אונ קאָנצענטרירטע מאנופאקטור — איז געוואָרנ די פאבריק, די גרויסע קאפּיטאליס־טישע אונטערנעמונג מיט דער מאשינ־טעכניק. אינ 1790 יאָר זײַנענ שוינ אינ ענגלאנד געווענ ביז אָנדערהאלבנ הונדערט בוימוואָל-שפּינערײַ־פאבריקנ. דאָס זײַנענ געווענ 4—5 שטאָקיקע מויערנ. אינ יעדערער פונ זיי האָבנ געארבעט פונ 150 ביז 600 מאנ. די ערשטע פאבריקנ, וואָס מע פלעגט בויענ הויפּטזאכלעכ נאָענט לעבנ טײַכ (צוליב דעמ וואסער-באוועגער), האָבנ זיכ זייער געדיכט צעשפּרייט איבער די טײַכ־ברעגעס פונ צאָפנ-מײַרעוודיקנ ענגלאנד.

דער וווּקס פונ דער בוימוואָל־פּראָדוקציע איז מיטאמאָל געוואָרנ קאָלאָסאל גרויס. אויב אָנהויב XVIII יה. האָט מענ אינ ענגלאנד ארײַנגעפירט ניט מער ווי איינ מיליאָנ פונט בוימוואָל אונ די דאָזיקע ציפער איז אינ די ערשטע 50 יאָר פונעמ XVIII יה. פארגרעסערט געוואָרנ אינ 3 מאָל, האָט זיכ מיט דער דערפינדונג פונ שפּינערײַ־ אונ וועבערײַ־מאשינעס פארגרעסערט דער אימפּאָרט פונ בוימוואָל אינ צענדליקער מאָל. אינ 1764 יאָר האָט מענ ארײַנגעפירט 3870 טויזנט פונט בוימוואָל, אונ אינ 1789 יאָר — 32.476 טויזנט פונט.

דער זעלבער שטורמישער וווּקס איז פאָרגעקומענ אויכ אינ די ווײַטערדיקע יאָרנ פונעמ לעצטנ יאָרצענדליק פונ XVIII אונ אינ דער ערשטער העלפט פונ XIX יה. אינ 1799 יאָר האָט מענ קיינ ענגלאנד ארײַנגעפירט 48 מיליאָנ פונט בוימוואָל, אינ 1821 יאָר — 137 מיליאָנ פונט, אינ 1841 יאָר — 437 מיליאָנ פונט.

די שפּינערײַ־פּראָדוקציע אינ דער בוימוואָל־אינדוסטריע איז שוינ סאָפ XVIII יה. געוואָרנ, אינ גרונט, א מעכאנישע. א סאכ לענגער האָבנ זיכ גע־האלטנ די האנט־וועבער. אָבער אינ דער ערשטער העלפט XIX יה. ווערנ זיי אויכ ארויסגעשטויסנ מיצאד דער פאבריק. פאָלגנדיקע טאבעלע באווײַזט אָנשוי־לעכ דעמ דאָזיקנ פּראָצעס פונ אונטערגאנג פונ דער האנט-וועבערײַ.

י אָ ר ן	1921—1819	1831—1829	1836—1844	1861—1859
די צאָל וועבער אין דער פאבריקישער בוימוואָל־אינ־דוסטריע	10 000	50 000	150 000	208 000
די צאָל האנט־וועבער	240 000	525 000	60 000	7 300

פון דער בוימוואָל־אינדוסטריע זײַנען די מאשינעס אריבער אויך אין די איבעריקע צווײַגן פון דער ענגלישער טעקסטיל־אינדוסטריע — געוואנט, טריקאָטאזש־ און זײַד-אינדוסטריע. „די איבערקערעניש אינעם פראָדוציר-אויפן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין איין ספערע פון דער אינדוסטריע, באדינגט שוין אויך אן איבערקערעניש אין אנדערע ספערן", — האָט מארקס געשריבן. מער לאנגזאם, איידער אין דער בוימוואָל־אינדוסטריע, איז שפעטער פאָרגעקומען די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אויך אין אנדערע צווײַגן. אויך דאָ האָט די פאבריק ארויסגעשטויסן די איבערגעבליבענע האלב-אומאָפהענגיקע האנטווערקער און הויז-ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט פארן אויפקויפער.

די דערפינדונג פונעם דאמפ־באוועגער

די ערשטע גרויסע מאשינעס האָבן אויסגעניצט אלס באוועגער הויפטזאכלעך די וואסער-קראפט. דעריבער זײַנען די ערשטע פאבריקן געבויט געוואָרן געוויינלעך נאָענט צו טײַכן. אָבער דאָס איז געווען זייער ניט באקוועם פאר די אונטערנעמער: די אייגנטימער פון די ערד-פלעצער, וואָס ליגן בײַ די טײַכן, האָבן אויפגעשרויפט די ארענדע-פרײַזן. אָפטמאָל פלעגט אויסקומען עפענען פאבריקן אָן א זײַט פון די מערק און פון גרויסע וועגן. אזויארום האָט זיך די אנטוויקלונג פון דער פאבריק־אינדוסטריע געמוזט באשרענקען בלויז מיט די גרענעצן פון די טײַך-באסיינען. דאָס אלץ האָט געצוווּנגען צו זוכן א באוועגער פון אן אנדער טיפ, וואָס זאָל טויגן אין יעטווידן אָרט. אזא באוועגער איז געוואָרן די דערפונדענע **דאמפ-מאשין**.

דזשעמס וואט

דאמפ-מאשינעס זײַנען אין ענגלאנד געווען באוווּסט נאָך פריער אויך. שוין אין סאָף XVII יאָרהונדערט האָט מען אין דער בארג־אינדוסטריע אָנגעווענדט דאמפ-פאָמפעס. אָבער ערשט אין 1765 יאָר האָט דער מעכאניקער **דזשעמס וואט** געמאכט די ערשטע מאָדעל פון א פארפולקומטער דאמפ-מאשין, וועלכע האָט געקאָנט אויסגעניצט ווערן ווי א באוועגער פון יעדן ארבעט־מעכאניזם. אין דער פראקטיק האָט מען אָנגעווענדט די דאמפ־מאשין א סאך שפעטער. די ערשטע שפינערײַ־פאבריק מיט א דאמפ־באוועגער איז אויסגעבויט געוואָרן ערשט אין 1784 יאָר. א ביסל פריער איז אויך געלונגען אויסצושטעלן עטלעכע מאשינעס אף מעטאלורגישע זאוואָדן. צום סאָף XVIII יאָרהונדערט האָט שוין די

דאמפ־מאשינ אומעטום ארויסגעשטויסנ די וואסער־באַוועגערס. אינ 1800 יאָר האָבנ אינ גאַנצ גרויסבריטאַניע געאַרבעט 321 דאמפ-מאַשינעס, צווישנ זיי זײַנעַנ 84 געווענ אינ דער בוימוואָל־אינדוסטריע.

די איבערקערע־ניש אינ דער מעטאלורגישער אינדוסטריע

אינ דער מעטאלורגישער אינדוסטריע פונ ענגלאַנד זײַנענ סאָפּ XVIII יאָרהונדערט אויכ פּאָרגעקומענ קאָלאָסאַלע ענדערונגענ. דאָס אופקומענ פונ מאשינעס האָט ארויסגערופנ א נײַעמ אינ־דוסטריע־צווײַג — די מאשינבויונג, וואָס האָט געפּאָדערט אַלס רויוואַרג א גרויסנ סכום מעטאַל. דעריבער האָט אינ ענגלאַנד, אָנ אַנ אַנטשפּרעכנדיקער אַנטוויקלונג פונ דער מעטאַלורגיע, ניט געקאָנט זײַנ קיינ פולשטענדיקער טריומפ פונ דער מאשינ-טעכניק.

אָבער די ענגלישע מעטאַלורגישע אינדוסטריע איז אינ XVIII יאָרהונדערט געווענ הינטערשטעליק אַפילע אינ פארגלײַכ מיט אַנדערע לענדער. אינ אָנהייב אונ אַפילע אינמיטנ XVIII יאָרהונדערט האָט אינ ענגלאַנד ניט געקלעקט קיינ אייגנ אײַזנ. עס איז אויסגעקומענ אַרײַנצופירנ עס פונ דער שווייצ, פונ רוסלאַנד, אַפילע פונ שפּאַניע אונ פונ די צאָפנ-אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס. די גרונט־שוועריקײַט איז געווענ מיט הייצוואַרג. מע פלעגט שמעלצנ מעטאַל אויסשליסלעכ אַפ האָלצ־קוילנ. אינ ענגלאַנד איז אָבער געווענ ווייניק וואַלד. שוינ אינ XVI יאָרהונ־דערט איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ א געזעצ, וואָס האָט פאַרווערט אײַנצואָרדענענ זאַוואָדנ פונ אײַזנ־ אונ טשוהונ־שמעלצ לענגויס דעמ טײַכ טעמזע אונ נאָענט צו לאָנדאָנ, ווײַל דאָס אויסראָטנ די וועלדער האָט געדראָעט דער אַנטוויקלונג פונ דער שיפבויונג. די רײַכסטע אײַזנ-אַרצנ פונ ענגלאַנד זײַנענ געלעגנ ניט קיינ אויסגעניצטע. אינ לאַנד זײַנענ געווענ גענוג רײַכע פלאַסטנ שטיינקוילנ. אָבער דאָס אויסשמעלצנ אַרצ אַפ שטיינקוילנ האָט א לאַנגע צײַט געגעבנ ניט קיינ ריינעמ, ברעכיקנ טשוהונ, וואָס האָט זיכ ניט געלאָזט באַאַרבעטנ מיטנ האַמער.

פאַר די דערפינדער האָט זיכ געשטעלט די אופגאַבע צו אַנטדעקנ אַנ אופנ פונ ארויסבאַקומענ גוטנ מעטאַל אַפ שטיינקוילנ. סאָפ יאָרהונדערט איז די דאָזיקע אופגאַבע פולשטענדיק געלייזט געוואָרנ. אינ 1735 יאָר האָט דער אייגנטימער פונ טשוהונ-זאַוואָד אבראהאמ דערבי אַנטדעקט א מיטל אָנצווענדנ שטיינקוילנ צו שמעלצנ טשוהונ, צומישנדיק צומ אַרצ ניט קיינ געלאָשענעמ קאַלכ. דאָס אָנ־ווענדנ דאָס דאָזיקע מיטל האָט געגעבנ גוטנ טשוהונ. איצט האָט מענ באַדאַרפט לייזנ די אופגאַבע, וויאַזוי פונ טשוהונ ארויסצובאַקומענ אײַזנ אונ שטאָל. דאַנ האָט קאָרט אינ 1780 יאָר אונ כענטסמאַנ אינ 1790 יאָר באַזײַטיקט אויכ די דאָזיקע שוועריקײַט, אויסגעפינענדיק א מיטל צו באַקומענ אַזעלכע הויכע טעמ־פּעראַטורנ, ווענ טשוהונ ווערט פאַרוואַנדלט אינ אײַזנ אונ שטאָל. איצט האָט די מעטאַל-פּראָדוקציע אַפ מינעראַלנ הייצוואַרג געקאָנט ווערנ א מאַסעווע.

די דערפינדונג פונ דער דאמפ־מאשינ האָט געגעבנ באַוועג־קראַפט אויכ דער מעטאַלורגיע. אינ די 80־ער יאָרנ פונעמ XVIII יה. האָט וואַט קאָנסטרויִרט א מעכאַנישנ האַמער, וואָס האָט געוויגנ 120 פונט אונ האָט דערלאַנגט 150 קלעפּ אינ א מינוט. אינ די 90-ער יאָרנ פונעמ XVIII יה. האָט מענ שוינ אָנגעווענדט די פאַרשיידנאַרטיקסטע מאשינעס, וועלכע האָבנ מעכאַניזירט קימאַט אַלע וויכטיק־סטע אָפּעראַציעס. דער פּראָדוציר-פּראָצעס האָט זיכ פאַרגיכערט אינ צענדליקער

מאָל. אנטשפּרעכיק איז געוואקסן אויך די פּראָדוקציע פון די מעטאַלורגישע זאַ־וואָדן, וואָס האָבן, פּונקט ווי די טעקסטיל־פאבריקן, אַרויסגעשטויסן די קוסטארישע מעטאַל־פּראָדוקציע. דעם וווּקס פון דער מעטאַלורגיע צוזאמען מיטן אַרויסבאַקום פון שטיינקוילן קאָן מען זען פון די פאָלגנדיקע אָנגאבן: אין 1720 יאָר האָט מען אין ענגלאנד אַרויסבאַקומען 18 טויזנט טאָן טשוהון און אין 1802 יאָר — 250 טויזנט טאָן. שטיינקוילן האָט מען אין 1750 יאָר אַרויסבאַקומען בא 5 מיליאָן טאָן, און סאָף XVIII יה. — העכער 10 מיליאָן טאָן.

דאָס אָרט פון די אַלטע קליינע שמעלץ־אויוונס האָבן פאַרנומען די דאָמנעס, וואָס יעדע פון זיי האָט אויסגעשמאָלצן יערלעך א סאך מאָל מער מעטאַל, איידער דער פריִערדיקער שמעלץ־אויוון.

די רעוואָלוציע אינעם טראַנספּאָרט

די פאַרברייטערונג פון דער פּראָדוקציע און פונעם אָפּזאַץ־מאַרק האָט אַרויסגערופן די נייטיקייט פון נייע פאַרקער־וועגן. די פריִערדיקע גרונט־וועגן אין ענגלאנד, אַף וועלכע עס האָבן געקאָנט דורכגיין בלויז געזאָטלטע כייעס און פוסגייער, האָבן איצט בעפיירש ניט געטויגט. באַקוועמער איז געווען זיך באַניצן מיט די טייכן, אָבער זייער נאַטירלעכע נעץ איז שוין אויך ניט געווען גענוג. אין מעשעך פונעם XVIII י. ה. און אין אָנהייב XIX יה. האָט מען אין ענגלאנד שטאַרק גענומען בויען קאַנאַלן.

אין 1825 יאָר האָט די נעץ קינסטלעכע קאַנאַלן דערגרייכט ביז 500 מייל, און אין 1840 יאָר — העכער אַכטערהאַלבן טויזנט מייל. גלייכצייטיק זיינען פאַרפּולקומט געוואָרן אויך די יאַבאָשע־וועגן. בלויז אינעם פעריאָד פון די יאָרן 1769—1774 זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 452 אַקטן (געזעצן) וועגן אויסבויען און רעמאָנטירן די אַלטע שאָסיי־וועגן. פאַר די צוועלף יאָר — 1818—1829 — זיינען דורכגעלייגט געוואָרן 1900 מייל נייע שאָסיי־וועגן.

פונעם לעצטן פערטל XVIII יאָרהונדערט הייבט אָן אין ענגלאנד רעגולער פונקציאָנירן א פּאָטשט. ענדלעך, האָט זיך אין די ערשטע יאָרצענדליקער פונעם XIX יאָרהונדערט אָנגעהויבן די בויונג פון אייזנבאַנען, צוערשט מיט פערדישער שלעפּ־קראַפט, און דערנאָך אַף דאַמפּ. אין 1814 יאָר האָט **דזשאָרדזש סטעפענסאָן**, פריִער אַן אַרבעטער און דערנאָך א דירעקטאָר פון א מאַשינבוי־זאַוואָד, דערפונדן דעם לאָקאָמאָטיוו. אין 1825 יאָר האָט ער דעם דאָזיקן לאָקאָמאָטיוו פאַרפּולקומט. אין 1829 יאָר האָט מען דורכגעפירט די ערשטע אייזנבאַן, 50 קילאָמעטער די לענג, וואָס האָט פאַרבינדט ליווערפּול מיט מאַנטשעסטער.

אין די 30־ער און 40־ער יאָרן פונעם XIX יאָרהונדערט ווערט ענגלאנד באַדעקט מיט א נעץ וועגן. אַנערעך אין דער זעלבער צייט הייבט מען אָן אין ענגלאנד פאַרבייטן דעם זעגל־פלאָט אַף א דאַמפּ־פלאָט. די ערשטע דאַמפּ־שיף האָט דערפונדן דער אַמעריקאַנער **פולטאָן** אין 1807 יאָר, אינגיכן איז די דאָזיקע דערפינדונג אַריינגעדרונגען קיין ענגלאנד. אין 1836 יאָר ציילט מען שוין אָן אין ענגלאנד ביז 500 דאַמפּערס.

דער וווּקס פון שטעט

די אַנטוויקלונג פון דער גרויסער מאַשין־אינדוסטריע האָט גע־ענדערט די עקאָנאָמישע געאָגראַפיע פון ענגלאנד. אויב ביז דער אינדוסטריִעלער איבערקערעניש איז דער סאַמע געדיכט־באַפעלקערטער און אין האַנדל־אינדוסטריִעלער הינזיכט אַנטוויקלטער טייל פון

ענגלאנד געווען דאָס דאָרעם־מיזרעכדיקע פירשטנטום, * האָט נאָך דער איבערקע־רעניש א קאָלאָסאַלע צאָל באַפעלקערונג פון דאָרעם־מיזרעכדיקן ענגלאַנד זיך צוריק א לאָז געטאָן אפ צאָפן־מײַרעוו. דאָ, אין די ראַיאָנען פון דער נײַער פאַבריק־אינדוסטריע, נאָענט צו די גרובן פון שטיינקוילן און אַרץ, זײַנען באַשאַפן געוואָרן נײַע אינדוסטריעלע צענטערס, זײַנען גיך געוואַקסן נײַע שטעט.



פולטאָנס ערשטע שיפ

דעם שנעלן וווּקס פון דער באַפעלקערונג אין די נײַע אינדוסטריעלע שטעט איז צו זען פון פאָלגנדיקע בײַשפילן. די שטאָט בירמינגהעם — דער צענטער פון דער מעטאַלורגישער אינדוסטריע — האָט אין 1740 יאָר געהאַט א באַפעלקערונג פון 25 טויזנט מאַן און אין 1800 יאָר איז זי אויסגעוואַקסן ביז 73 טויזנט. די שטאָט מאַנטשעסטער, דער צענטער פון דער ענגלישער טעקסטיל־אינדוסטריע, איז אין אָנהייב XVIII יאָרהונדערט געווען א גרויס דאָרף, און אין 1800 יאָר האָבן אין איר געוווינט שוין 95 טויזנט מענטשן.

צום אָנהייב 40-ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט ווערט ענגלאַנד ענדגילטיק פאַרוואַנדלט אין א לאַנד פון שטעט. אין 1835 יאָר האָט די דאָרפישע באַפעלקערונג אין ענגלאַנד באַטראָפן 28 פראָצ. פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד.

3. די איבערקערעניש אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן געבוי פון דער געזעלשאַפט

דאָס אײַנפירן די פאַבריק־פּראָדוקציע האָט גלײַכצײַטיק באַטײַט א ראַדיקאַלע ענדערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור — די אויסבילדונג פון נײַע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. די געזעלשאַפט האָט זיך שאַרף צעטיילט אַף צוויי קעגנזעצלעכע קלאַסן: א גרויס־בורזשואַזיע און א פּראָלעטאַריאַט.

די קליינבורזשואַזיע האָט זיך געפונען צווישן די דאָזיקע צוויי קלאַסן. די מערהײַט זעלבשטענדיקע און האַלבזעלבשטענדיקע האַנטווערקער זײַנען רויִנירט געוואָרן און אַרויסגעשטויסן געוואָרן אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט. און בלויז ניט קיין סאַך „גליקלעכע” האָבן אַף די פּלייצעס פון די רויִנירטע זיך דערהייבן צו דער לאַגע פון גרויסע פאַבריקאַנטן.

* פירשטנטום — גובערניע אָדער געגנט, אין וועלכע ענגלאַנד איז איינגעטיילט.

ענגעלס האָט אזוי כאראקטעריזירט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע איבערקערעניש אין דעם געבוי פון דער געזעלשאפט: „די מאָדערנע אינדוסטריע, — האָט ער געשריבן אין דער „לאגע פונעם ארבעטער־קלאס אין ענגלאנד", — איז בלויז דער־פאר זיך אזוי צעוואָקסן, ווייל זי האָט פארביטן די אינסטרומענטן אף מאשינעס, די ווארשטאטן — אף פאבריקן, און אלס רעזולטאט דערפון האָט זי פארוואנדלט די האָרעפּאשנע עלעמענטן פונעם מיטעלן קלאס אין אן ארבעטער־פּראָלעטאריאט



ניַיע אינדוסטריעלע ראיאָנען אין ענגלאנד נאָך דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש

און די פריערדיקע גרויס־הענדלער — אין פאבריקאנטן; ווייטער, האָט זי אָפּגע־שטויסן די קליינבורזשואזיע און האָט צעטיילט די גאנצע באפעלקערונג אף צוויי קעגנזעצלעכע לאגערן — אף ארבעטער און קאפּיטאליסטן. אָבער דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין געביט פון דער אינדוסטריע אין ענגן זין פון וואָרט, דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין געביט פון האנטווערקעריי און אפילע פון האנדל. אָנשטאָט די פריערדיקע מייסטערס און געזעלן זיינען אופגעקומען גרויסע קאפּי־טאליסטן און ארבעטער, וואָס האָבן ניט קיין שום האָפענונג ארויסצוגיין פון זייער קלאס; די האנטווערקעריי איז פארוואנדלט געוואָרן אין א פאבריק־פּראָדוק־

ציע, עס האָט אָנגעהויבן שטרענג דורכגעפירט ווערן די ארבעט-צעטיילונג; די קליינע מײַסטערס, וואָס האָבן ניט געהאט קיין מעגלעכקײַט צו קאָנקורירן מיט די גרויסע ווארשטאטן, זײַנען אָפּגערוקט געוואָרן אין די רייען פון דעם פּראָ־לעטאריאט.

די איבערקערעניש אין דער אינדוסטריע, וואָס איז צוגעגרייט געווען, ווי עס איז פריִער געזאָגט געוואָרן, דורך דער אגראר-רעוואָליוציע, האָט איצט, פון איר זײַט ווידער, געווירקט אָפּ דער לאנדווירטשאפט. דער קאָלאָסאלער נאָכפרעג אָפּ פּראָדוקטן פון דער לאנדווירטשאפט מיצאד דער אינדוסטריע אין די וואקסנדיקע שטעט האָט פארגיכערט די איבערבויונג פון די לאנדווירטשאפטלעכע פערמעס אין קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגען, וואָס פּראָדוצירן שפּײַז-פּראָדוקטן און רויוואַרג פאר דער אינדוסטריע. אין ענגלאנד האָט זיך סאָף XVIII יאָרהונדערט אָנגעהויבן א פארשטארקטע קאָנצענטראציע פון די פערמעס. דער קאפּיטאליסט דער פערמער, וואָס האָט ארענדירט באם לענדלאָרד הונדערטער העקטארן און האָט געהאלטן שטענדיקע און סעזאָנע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער, איז געווען אין דאָרף דאָס, וואָס דער פאבריקאנט אין שטאָט, דה. אן אונטערנעמער א קאפּיטאליסט. מיטן פארשווינדן פון דער באהילפיקער הויז-אינדוסטריע, וועלכע די פאבריק-קאָנקורענץ האָט דערהארגעט, האָט דער פּויער, וואָס איז נאָך וווּ-ניט-וווּ גאנץ געבליבן, שוין ניט געקאָנט אויסגלײַכן זײַנע האכנאָסעס מיט די הויצאָעס. פאר אים זײַנען גע-בליבן צוויי אויסוועגן: גיין אָפּ דער פאבריק און ווערן א פאבריק-ארבעטער, אָדער זיך שטעלן פאר א באטראק באם פערמער. אָט אזוי איז אויך אין דאָרף איצט אופגעקומען אן אונטערנעמער א קאפּיטאליסט — אָפּ איין פּאָליוס און א לאנדווירטשאפטלעכער פּראָלעטאריאט א באטראק, וואָס ווערט עקספּלואטירט, — אָפּן צווייטן פּאָליוס.

די אינדוסטריעלע בורזשואזיע

די געזעלשאפטלעכע קראפט און די באדײַטונג פון דער אינ-דוסטריעלער בורזשואזיע זײַנען געוואָקסן צוזאמען מיטן וווּקס פון דער פאבריק-פּראָדוקציע. די אדעליקע אריסטאָקראטיע און די אַלטע האנדל- און פינאנץ-בורזשואזיע, וואָס האָט צוערשט מיט פאראכטונג גע-קוקט אָפּ די „אופגעקומענע“, האָבן גיך דערפילט די ווירקונג פון דער דאָזיקער נײַער געזעלשאפטלעכער קראפט. די נײַע אינדוסטריעלער, די פאבריקאנטן זײַנען שוין געווען מיליאָנערן. זיי האָבן קאָמאנדעוועט מיט גאנצע ארמייען ארבעטער. בא אָרקײַטן זײַנען אָפּ די עלטערע יאָרן געווען ארום 10 פאבריקן. אָפּ דער פאבריק פון א צווייטן גרויסן אונטערנעמער, בא פּילן, האָבן אין 1857־טן יאָר געארבעט 15.000 ארבעטער — די גאנצע שטאָט בערג. א דריטער פאבריקאנט סאַ-מועל אלדנאָול פלעגט אין יענער צײַט באקומען 17.000 פונט סטערלינג פּראָפּיט יערלעך. מיט איין וואָרט — „אומעטום, ווו די גרויס-אינדוסטריע האָט פארביטן די מאנופאקטור, האָט די „בורזשואזיע אין אן אויסערגעוויינלעך גרויסער מאָס פאר־מערט איר רײַכקײַט און איר ווירקונג און איז געוואָרן דער ערשטער קלאס אין לאנד“, — האָט ענגעלס געשריבן. אויב פריִער, ביז דער איבערקערעניש, האָט דער האנדל-קאפּיטאל, דער אופקויפער, געהאלטן אין זײַן רעשוס די פּראָדוקציע און האָט דיקטירט דעם פּאָדוציִרער זײַנע באדינגונגען, איז אצינד געוואָרן פארקערט: דער אינדוסטריעלער קאפּיטאל האָט פארוואנדלט, לויט מארקס אויסדרוק, דעם

האנדל אין „א מעשאָרעס פון דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע", אין זײַנעם אַן אגענט.

„די בורזשואזיע האָט אונטערגעוואָרפן אויך דאָס דאָרף אונטער דער הער־שאפט פון דער שטאָט" („קאָמוניסטישער מאניפעסט").

זי איז ארײַנגעטראָטן אין קאמף קעגן די גרויסע ערדבאזיצער, וואָס זײַנען געווען דער הערשנדיקער קלאס אין ענגלאנד.

די ווידערשפרוכן צווישן דער נײַער אינדוסטריעלער בורזשואזיע און די אלטע הערשנדיקע קלאסן האָבן זיך ארויסגעוויזן באזונדערס שטארק אין דער האנדל־פּאָליטיק. די ענגלישע פּריצים זײַנען פאראינטערעסירט געווען אין הויכע פרײַזן אף פּראָדוקטן פון דער לאנדווירטשאפט. וואָס טײַערער עס איז דאָס ברויט און אנדערע שפּײַז־פּראָדוקטן, אלץ גרעסער איז געוואָקסן די רענטע, וואָס די פּערמערס האָבן געצאָלט די פּריצים. די ערד־אריסטאָקראטיע האָט ארויסגעגעבן געזעצן, וואָס האָבן באגרענעצט דעם פרײַען אימפּאָרט פון אויסלענדישער טווע, שפּײַז־פּראָ־דוקטן און לאנדווירטשאפטלעכן רויווארג אין ענגלאנד. אָבער די פאבריקאנטן זײַנען געווען פאראינטערעסירט אין ביליקערע טווע און רויווארג, ווײַל דאָס האָט פארגרעסערט זײַערע רעוואָכים. זיי האָבן געפּאָדערט א פולשטענדיק-פרײַען האנדל (אָן גרענעץ-אָפּצאָל). די הויכע טעכניק פון דער ענגלישער אינדוסטריע אין פאר־גלײַך מיט אנדערע לענדער האָט זיי דערלויבט ניט מוירע צו האָבן, טאָמער וועט מען ארײַנפירן וואָסערע־ניט־איז פאבריקאטן פון אויסן.

די פּאָדערונג פון א פרײַען האנדל איז געוואָרן דער לאָזונג פון דער אינ־דוסטריעלער בורזשואזיע אין איר קאמף קעגן דער אריסטאָקראטיע.

אדאם סמיט דער אידעאָלאָג פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע

אן אָנגעזעענסטער אידעאָלאָג פון דער נײַער בורזשואזיע איז געווען אדאם סמיט (1723—1790), וואָס האָט זיך גערעכנט פאר דעם „פאָטער" פון דער בורזשואזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אין 1776 י. האָט ער פארעפנטלעכט א גרויס בוך „דאָס רײַכטום פון פעלקער", אין וועלכן די בורזשואזע עקאָנאָמישע טעאָריע האָט באקומען איר פולשטענדיקע און סיסטע־מאטישע באשרײַבונג. אדאם סמיט האָט באהויפּט, אז דאָס רײַכטום פון פעלקער — דאָס זײַנען די מאסן־סכוירעס, וואָס די גרויס־אינדוסטריע באשאפט. אָבער וואָס דארף מען האָבן, כדיי צו פארגרעסערן קעסיידער די דאָזיקע מאסע? ארבעט־צעטיילונג און פרײַע קאָנקו־רענץ. אין דער פראגע וועגן פרײַער קאָנקורענץ האָט אדאם סמיט אָנגעמערקט פאר דער בורזשואזיע א פּראָגראם פון קאמף אף גאנצע יאָרצענדליקער. לויט זײַן מיינונג איז די פרײַע קאָנקורענץ דער העכסטער וויל, דער אייביקער, אומפארענדערלעכער געזעץ פון דער נאטור. אין רעזולטאט פאר פרײַע קאָנקורענץ ווערט דערגרייכט א הארמאָניע צווישן דעם פערזענלעכן וווילשטאנד פון יעדן איינצלנעם מענטשן און דעם וווילשטאנד פון דער גע־זעלשאפט אינגאנצן גענומען. בלויז די פרײַע קאָנקורענץ קאָן, לויט סמיטן, זיכערן די ביליקייט און די הויכע קוואליטעט פונעם פּראָדוקט... דעריבער מוז אָפּגעשאפט ווערן אלץ, וואָס שטערט דעם פרײַען האנדל — די פּראָטעקציאָניסטישע גרענעץ־אָפּצאָלן, די מאָנאָפּאָל-קאָמ־פּאניעס, צעכן אא. אדאם סמיט איז קעגן יעטווידער ארײַנמישונג פון דער מעלוכע־מאכט אין די איניאָנים פון אינדוסטריע און האנדל. „א מעלוכע־טוער, וואָס וואָלט געוו־מען אף זיך די מי אָנצווײַזן פּריוואטע פּערזאָנען, וויאזוי זיי דארפן אויסניצן זײַערע קאפּיטאלן, — האָט סמיט געשריבן, — וואָלט זיך פארנומען מיט אן אבסאָליוט אומנו־ציקער זאך". די מעלוכע דארף זיך ניט ארײַנמישן אויך אין די באציִונגען צווישן דעם קאפּיטאליסט און די ארבעטער. עס דארף זײַן א פולשטענדיקע „פרײַהײַט פון ארבעט". ווי

אַן עמעסער בורזשואַ איז סבֿיט געשטימט קעגן אַלערלײ מינים אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, קעגן פּראָפעסיאָנעלע פֿאַראײנען, אַפֿילע קעגן געזעלשאַפֿטן פֿון קעגנזײַטיקער הילף.

די לאגע פונעם פראלעטאריאט

קײנמאָל פֿריִער איז נאָך די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די אַרבעטער ניט געווען אַזוי וואַקלדיק, אַזוי אָפּהענגיק פֿון די קאַפּיטאַליסטן, ווי אין דעם פּעריאָד פֿון דער מאַשין־פּראָדוקציע. די מאַשין אַלײן האָט אַ קאָלאָסאַלן ווערט, ווײַל זי שפּאָרט אײַן און פֿאַרגרינגערט די אַרבעט פֿונעם מענטשן. אָבער אין די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען ווערט זי אַ מיטל פֿון פֿאַרשטאַרקן די עקספּלואַטאַציע און פֿאַרערגערן די לאַגע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. די אַרבעטער זײַנען אין רעזולטאַט פֿון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש דערפֿירט געוואָרן ביזן סאַמע נידעריקסטן שטאַפּל פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לײטער, אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין אָרעמקײַט און קאַפּיטאַליסטישער קנעכטשאַפֿט.

סאָף XVIII און אָנהײב XIX יאָרהונדערט איז פֿאַר דעם ענגלישן אַרבעטער געווען אַ באַזונדערס שווערער פּעריאָד.

די אַרבעט־פּראָדוקטיװקײַט פֿונעם אײנצלנעם אַרבעטער איז צוליב די מאַשינעס געשטיגן אין צענדליקער און אַפֿילע אין הונדערטער מאָל, אָבער דער אַרבעטלוין איז, אָנשטאָט אופֿהײבן זיך, נאָך געפֿאַלן. אויב אין די 90-ער יאָרן פֿון XVIII יאָרהונדערט האָט אַן ענגלישער װעבער פֿאַרדינט ביז 4 פֿונט סטערלינג אַ װאָך, איז אין אָנהײב XIX יאָרהונדערט, נאָך דער אַנטדעקונג פֿון קאַרטרײַטס װעבער־װעבשטול, דער פֿאַרדינסט געפֿאַלן ביז 13 שילינג, * אין 1806 — ביז 10 שילינג, און אין 1816 — אַפֿילע ביז 5 שילינג אַ װאָך. און דאָס איז דעמלט, װען די פּרײַזן אַף אַלע פּראָדוקטן פֿון ערשטן געברויך זײַנען אין ענגלאַנד מוירעדיק אויסגעװאָקסן. אַלע פּרײַזן אַף שפּײַז־פּראָדוקטן האָבן פֿון 1760 ביז 1812 יאָר זיך אופֿגעהויבן אין ענגלאַנד דורכשניטלעך אַף 134 פּראָצ. בלויז די פּרײַזן אַף ברויט זײַנען אָנהײב XIX יאָרהונדערט, אַדאַנק דעם, װאָס ענגלאַנד האָט דאַן מילכאָמע געהאַלטן מיט פֿראַנקרײַך, געשטיגן אין 8 — 10 מאָל אין פֿאַרגלײַך מיט די פּרײַזן פֿון די 70־ער — 80־ער יאָרן פֿון XVIII יאָרהונדערט. אַזאַ יאַקרעס האָט געהײסן פֿאַרן אַרבעטער מיט זײַן פֿאַמיליע פּאַשעטער הונגער.

די פֿאַבריק האָט מיט איר קאָנקורענץ רויִנירט הונדערטער טויזנטער קוסטאַרן און האָט זײ פֿאַרװאַנדלט אין בעטלער. האָבנדיק אַן איבערפֿליסיקע רעזערװ־אַרמײ פֿון אַרבעטלאָזע, האָט דער פֿאַבריקאַנט געקאָנט דערפֿירן די עקספּלואַטאַציע פֿון זײַנע אַרבעטער ביז די העכסטע גרענעצן און ברענגען דעם אַרבעטער־קלאַס צו דער גרעסטער פֿאַראָרעמונג. דער אומגלויבלעך לאַנגער אַרבעטטאָג, דער שרעקלעך־נידעריקער אַרבעטלוין, די אומראַכמאָנעסדיקע עקספּלואַטאַציע פֿון פֿרויען־אַרבעט און קינדער־אַרבעט, קולטור־פֿאַרווילדעװעטקײַט און אויסשטאַרבונג, — אָט װאָס די קאַפּיטאַליסטישע פֿאַבריק האָט געבראַכט פֿאַר די אַרבעטער.

---

* אַ שילינג — $^1/_{20}$ פֿונט, באַ 46 קאָפּ.; אַ פּעני — $^1/_{12}$ שילינג.

די עקספּלואַטאַציע פון פרויען־ און קינדער־אַרבעט

באַם אָנווענדן מאַשינעס האָט זיך ניט געפאָדערט קיין פיזישע קראַפט. דאָס האָט דערלויבט די קאַפּיטאַליסטן ברייט אָנצוּווענדן די עקספּלואַטאַציע פון פרויען־ און קינדער־אַרבעט. עמעס, די פרויען- און קינדער־אַרבעט איז שוין געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אויך אינעם מאַנופאַקטור־פּעריאָד. די אַרבעטער די קוסטאַרן פלעגן מיט דער גאַנצער פאַמיליע, אַפילע מינדעריאָריקע קינדער, אַרבעטן פאַר די אופקויפער. אין די גרויסע מאַנופאַקטורן מיט זייער צעדרויבלטער אַרבעט־צעטיילונג, וואָס פאַרלייכטערט אויסצופילן באַזונדערע פּראָצעסן, האָט מען אויך גאַנץ ברייט אויסגעניצט סיי די אַרבעט פון פרויען סיי די אַרבעט פון קינדער. אָבער ערשט אין פאַבריק-פּעריאָד האָט די עקספּלואַטאַציע פון פרויען־ און קינדער־אַרבעט באַקומען אַ מאַסן־כאַראַקטער און האָט אָנגענומען אין דער זעלביקער צייט די סאַמע אַכזאָריעסדיקע און אומענטשלעכע פאָרמען. אין גייעג נאָך אַ מער העכערן רעווח פלעגן די פאַבריקאַנטן אָפּזאָגן די אַרבעטער־מענער און זיי פאַרבייטן אַף מער ביליקע אַרבעט פון פרויען, יוגנט, און אַפילע גאָר מינדעריעריקע קינדער. דער אונטערשייד פונעם אַרבעטלוין צווישן די דערוואַקסענע און קינדער איז געווען אַ קאָלאָסאַלער: אין 1806 יאָר, אַשטייגער, האָט אַ מאַנצביל אַ שפּינער באַקומען 24 שילינג אַ וואָך, אַ פרוי אַ שפּינערן — 14 שילינג, און אַ קינד — 4 שילינג מיט 6 פּענס. אַזויאַרום פלעגן די פרויען באַקומען צוויי מאָל ווייניקער, איידער די מענער, און די קינדער אין 3—4 מאָל ווייניקער, איידער דער פאַרדינסט פון די אַרבעטערנס.

ווי ווייט עס איז געווען פאַרשפּרייט די פרויען- און קינדער-אַרבעט באַווייזן פאָלגנדיקע ציפערן: אין 1815 יאָר האָבן די פרויען אין דער בוימוואָל־פּראָדוקציע אויסגעמאַכט 56 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער, אין דער ליינ־פּראָדוקציע — מער פון 70 פּראָצ. און 1834 יאָר איז אין שאָטלאַנד אַף 380 טעקסטיל־פאַבריקן מיט 46.825 אַרבעטער אויסגעקומען 13.720 יוגנטלעכע (פון 13 ביז 18 יאָר) און 7400 קינדער אין עלטער ביז 13 יאָר.

די לאַגע פון די קינדער, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַבריק, איז געווען אַ שוידערלעכע. קינדער פלעגן אָנהייבן אַרבעטן פון פינפיאָריקן און אָפטמאָל אַפילע פון דרייאָריקן עלטער, אויספילנדיק וואָסערע-ניט-איז איינפאַכע אָפּעראַציע — פאַנאַנדערקעמען די וואָל אָדער דעם גאַרן, אויסווישן די סאַזשע פון די קעסלען און טרויבן אַדג. זייער אַרבעטטאָג האָט געדויערט פונקט אַזויפיל, וויפל דער אַרבעטטאָג פון די דערוואַקסענע, דה. 14 — 15 און אָפטמאָל אַפילע 18 שעה. זייער אַ סאַך קינדער האָבן זיך פאַקטיש געפונען אין דער לאַגע פון שקלאַפן. די אונטערנעמער פלעגן זיי אַרויסנעמען פון די געמיינדישע קינדערהייזער אָדער אָפּקויפן אַף גאַנצענע יאָרן בא פאַראָרעמטע עלטערן. אייניקע פלינקע ספּעקוליאַנטן פלעגן אָנווערבירן גאַנצע פּאַרטיעס פון הונדערטער קינדער און אַריבערשיקן זיי דערנאָך אין די צאָפנדיקע פאַבריק־ראַיאָנען. אָן פרישער לופט, שלעכט געשפּייזט און פאַרמאַטערט ביזן פולשטענדיקן פאַרלירן די קויכעס, פלעגן די קינדער בוכשטעבלעך אויסשטאַרבן אין די פאַבריקן אָדער פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַליקעס אַפן גאַנצן לעבן. די אופזעער פלעגן זיך דערלויבן אַף פאַרשיידענע אויפאַנים צו פּייניקן די דאָזיקע „קליינינקע שקלאַפן“ פון קאַפּיטאַל. שלאָגן מיט די פויסטן, מיט די פיס און מיט ריטער איז געווען אַ וואָכעדיקע זאַך. אַף באַנאַכט פלעגט מען

די קינדער פארשפארנ אינ די נאכטלעגער-צימערנ, קעדיי זיי זאָלנ זיכ ניט צע-לויפנ. ניט זעלטנ פלעגנ די אופזעער, גייענדיק איבער די פאבריק-געביידעס נאָכ דער ארבעט, זיכ אָנשטויכנ אפ טויטע קינדער, וואָס זיינענ געפאלנ פונ פארמא-טערטקייט אונ אויסצערונג טאקע לעבנ די מאשינעס.

אינ 1802 יאָר האָט די רעגירונג ארויסגעגעבנ א געזעצ, וואָס האָט באגרע-נעצט דעמ ארבעטסטאָג פאר קינדער ביז 12 שאָ. דער געזעצ פונ 1814 יאָר האָט פארווערט צו ארבעטנ קינדער אינ עלטער ביז 9 יאָר. אָבער ביזנ איינפירנ די פאבריק-אינספעקציע (אינ 1833 יאָר) איז דער דאָזיקער געזעצ, לויט דער אנער-קענונג פונ די פאבריקאנטנ אליינ, געבליבנ א טויטער בוכשטאב.

> די שטייגער-באַ-ווינונגענ פונ די ארבעטער אינ ענגלאנד סאָפ XVIII אונ אָנ-הייב XIX יאָר-הונדערט

דער שוידערלעכער עקספלואטאציע אינ פאבריק האָבנ פולשטענ-דיק אנטשפראָכנ אויכ די היימישע שטייגער-באדינגונגענ פונ די ענגלישע ארבעטער. די איבערפולטקייט פונ די נייע אינ-דוסטריעלע צענטערס האָט געשאפנ א שארפנ ווױנונג-קריזיס, וועלכער האָט זיכ מיט דער גאנצער שווערקייט געלייגט אפ די ארבעטער. גוטע דירעס האָבנ געקאָסט טייער אונ די אר-בעטער איז אָפט אויסגעקומענ צו שטיקנ זיכ אינ האלב-רוי-נירטע אלטע הייזער אָדער געוועזענע געביידעס פאר באלעכייִמ (פערד-שטאלנ, פי-שטאלנ אדג.). די נייע הייזער, וואָס די ספעקוליאנטנ די אונטערנעמער האָבנ אויסגעבויט ספעציעל אפ צו פארדינגענ די ארבעטער, האָבנ ניט פארמאָגט אפילע די סאמע פרימיטיווסטע באקוועמלעכקייטנ. די ארבעטער האָבנ געלעבט אינ זיי אויסערגעוויינלעכ ענג, אינ אומריינקייט אונ אינ פייכטקייט. ענגעלס האָט אזוי באשריבנ דעמ אינערלעכנ אויסזעענ פונ א ווױנונג בא די מאנטשעסטער ארבע-טער: „ניט זעלטנ ווױנענ אינ איינ צימער א מאנ, א פרוי, פיר אָדער פינפ קינדער אונ אָפטמאָל נאָכ דערביי א זיידע מיט א באָבע אויכ. אלע אינ איינ צימער פונ 10 ביז 12 קוואדראט-פוט די גרייס, וווּ זיי ארבעטנ, עסנ אונ שלאָפנ. מערסטנטייל איז אינ דער ווױנונג פונעמ ארבעטער קימאט ניטאָ קיינ מעבל. דעמ געלעגער פארבייט א הויפנ אלטע טראנטעס". „די דאָזיקע ווױנונג-געביידעס, — האָט געשריבנ איינ רעגירונג-קאָמיסאר וועגנ די ארבעטער-ווױנונגענ אינ גלאז-גאָ — זיינענ געוויינלעכ אזוי אומריינ אונ פייכט, אזוי פארלאָזט, אז אפילע פאר קיינ שטאל טויגנ זיי אויכ ניט".

די שלעכטע דערנערונג, דער אנטיסאניטארער צושטאנד פונ די פאבריקנ אונ פונ די ארבעטער-ווױנונגענ זיינענ אויכ געווענ דער קוואל פונ פילצאָליקע עפידעמיעס. דער אזויגערופענער „פאבריק-פיבער", וואָס האָט זיכ ברייט פאר-שפרייט איבער די פאבריק-ראיאָנענ, האָט אוועקגעטראָגנ אינ קייוער אריינ ביז 16 פראָצ. קראנקע. צווישנ די ארבעטער איז אויכ שטארק פארשפרייט געווענ דער טיפוס. זייער פיל ארבעטער זיינענ קראנק געווענ אפ טובערקוליאָז. „קימאט אלע ארבעטער, — האָט ענגעלס געשריבנ, — זיינענ שלאבריקע, דארע, בלייכע, די מוסקולנ זייערע זיינענ אָפגעשוואכט, אויסער די, וועלכע עס קומט זיי אויס אָנ-צושטרענגענ בא דער ארבעט". די שטערבלעכקייט צווישנ די קינדער אינ די אר-בעטער-פאמיליעס פלעגט דערגרייכנ צו א מוירעדיקער ציפער: 75 פראָצ. פונ אלע ארבעטער-קינדער פלעגנ אויסשטארבנ, ניט דערלעבנדיק ביזנ 5-יאָריקנ עלטער.

די רעוואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג פון די פאבריקן אפ די ארבעטער

די אינדוסטריעלע איבערקערעניש, וואָס האָט געשאפן דעם ארבעטער-קלאס, האָט אים ארײַנגעוואָרפן אין די גרעסטע צאָרעס און אין דאלעס. אָבער די קאפיטאליסטישע פאבריק האָט ניט בלויז עקספלואטירט די ארבעטער, זי האָט זיי אויך באַהעפט, פאראייניקט, אָרגאניזירט צום קאמף קעגן די עקספלואַטאטערס. דער קאפיטאליסטישער דרוק און די עקספלואטאציע האָבן רעוואָליוציאָניזירט דעם באוווסטזײַן פונעם פראָלעטאריאט, אופגעהויבן אין אים דאָס געפיל פון פראָטעסט קעגן יענע אומענטשלעכע באדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיי אוועקגעשטעלט דער קאפיטאל. ענגעלס האָט אזוי געשריבן וועגן דער ווירקונג פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש אפן באוווסטזײַן פון די ארבעטער: „מיט דער פארניכטונג פון דער פריערדיקער האנטווערקערישער פראָדוקציע און מיט דער פארשווינדונג פון דער קלייןבורזשואזיע פארלירט דער ארבעטער-קלאס יעטווידע מעגלעכקײַט צו ווערן אליין א בורזשוא. ביז איצט איז בא אים שטענדיק געווען א האָפענונג צו באזעצן זיך ערגעץ־ווו, אײַנשאפן זיך אן אייגענעם ווארשטאט און שפעטער אפילע נעמען געזעלן. איצט, ווען די מײַסטערס אליין זײַנען ארויסגעשטויסן געוואָרן דורך די פאבריקאנטן, ווען אפ אײַנאָרדענען א זעלבשטענדיקן געשעפט זײַנען נייטיק גרויסע קאפיטאלן, איז דער פראָלעטאריאט געוואָרן א פולקום באשטימטער, שטאנדהאפטיקער קלאס פון דער באפעלקערונג, דאן, ווען פריער איז די לאגע פון א פראָלעטאריער אָפט געווען בלויז אן עטאפ אפן וועג צו דער לאגע פון א בורזשוא. ווער עס ווערט איצט געבוירן אן ארבעטער, מוז בלײַבן אזא אפ שטענדיק. אָט פארוואָס דער פראָלעטאריאט איז ערשט איצט געווען אימשטאנד צו שאפן זײַן אייגענע זעלבשטענדיקע באוועגונג״.

אינעם „קאָמוניסטישן מאניפעסט״ האָבן מארקס און ענגעלס אופגעקלערט פאר די ארבעטער פון אלע לענדער, אז דער קאפיטאליזם אליין שאפט אין דער פערזאָן פון די ארבעטער יענע קראפט, וואָס וועט אים פארניכטן. „דער פראָגרעס פון דער אינדוסטריע, — האָבן זיי געשריבן, — וואָס דער ניטווילנדיקער טרעגער זײַנער איז די בורזשואזיע, וועלכע איז ניט פייִק אנטקעגנשטעלן זיך קעגן דעם פראָגרעס, שטעלט אוועק — אָנשטאָט דער צעשיידונג צווישן די ארבעטער דורך דער קאָנקורענץ — די רעוואָליוציאָנערע פאראייניקונג זייערע דורך די אסאָציאציעס. מיט דער אנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע ווערט אזויארום ארויסגעריסן בא דער בורזשואזיע פון אונטער די פיס די באזע גופע, אפ וועלכער זי פראָדוצירט און פאראייגנט פאר זיך די פראָדוקטן. זי פראָדוצירט פריער פאר אלץ אירע אייגענע באגרעבער. איר אומקום און דער ניצחון פונעם פראָלעטאריאט זײַנען בײדע גלײַך אומפארמײַדלעך״ („קאָמוניסטישער מאניפעסט״).

דער אָנהייב פון אן ארבעטער־באוועגונג. דאָס ברעכן מאשינעס

די ארבעטער־באוועגונג הייבט זיך אָן מיט דער אנטשטייונג פון דער גרויסער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע. די אײַנגעפירטע מאשינעס, וואָס האָבן רויִנירט די קוסטארן און די ארבעטער פון דער הויז־אינדוסטריע און אראָפגעזעצט דעם פארדינסט פון די קוואליפיצירטע ארבעטער, האָבן ארויסגערופן א גאנצע ריי פראָטעסטן און אומרוען מיצאד די ארבעטער. אין דער צווייטער העלפט פונעם

XVIII יה. און אין אָנהײב XIX יה. זײַנען אין ענגלאנד ניט אײן מאָל פאָרגעקומענ פרוװנ מיצאד די ארבעטער — געװעזענע קוסטארנ און ארבעטער פונ דער הױז-אינדוס־טריע—צו צעברעכנ די מאשינעס און אונטערצינדנ די פאבריקנ. אינ 1769 יאָר האָט די רעגירונג ארױסגעגעבנ א ספעציעלנ געזעצ, װאָס האָט געדראָעט מיט טױטשטראָפ די אלע, װאָס ברעכנ מאשינעס און די געבײַדעס, אינ װעלכע די מאשינעס זײַנענ אײַנ־געאָרדנט. ניט געקוקט אפ דעמ, האָבנ די סטיכײיִשע בונטנ קעגנ די מאשינעס ניט אופגעהערט. אינ 1779 יאָר האָט די באװעגונג קעגנ דער מאשינ אָנגענומענ אינ לאנקאשיר אזא ברײטנ כאראקטער, אז אפ צו דערשטיקנ די „בונטארנ" האָט די מאכט געמוזט ארױסרופנ מיליטער. אינ 1796 יאָר זײַנענ פאָרגעקומענ בונטנ אינעמ צאָפנדיקנ פירשטנטום — יאָרקשיר. אָנהײב XIX יה. זײַנענ די ברעכער פונ מאשינעס ארױסגעטראָטנ אונטערנ נאָמענ לודיטנ. * די לודיטישע באװעגונג איז געװענ א באװעגונג פונ רויִנירטע האנט-ארבעטער, װאָס די פאבריק האָט זײ ארױסגעשטױסנ. אינ דער באװעגונג האָט גענומענ אנ אָנטײל אױכ די קלײנ-בורזשואזיע אינ געשטאלט פונ די באלעבאטימ פונ די קלײנע װארשטאטנ, װעלכע זײַנענ אױכ געשטאנענ אינ געפאר אונטערצוגײנ צוליב דער פארשפרײטונג פונ דער מאשינ-פראָדוקציע. די פאבריק-ארבעטער, כאָטש זײ פלעגנ זיכ אָפטער אױכ אָנשליסנ צו די מאשינ־ברעכערס, האָבנ דאָכ פונדעסטװעגנ ניט געשפילט די גרונט־ראָליע. אינ 1811—1812 האָט די באװעגונג ארומגעכאפט עטלעכע פירשטנטומס (נאָטינגהעמ, לײסטערשיר און דערבשיר). אינ נאָטינגהעמ האָבנ די לודיטנ, װאָס זײַנענ באשטאנענ פונ האנט־ארבעטער פונ דער זאָקנ־און-טריקאָטאזש-אינדוסטריע, אינ מעשעכ פונ דרײַ װאָכנ אינ מארט 1811 יאָר צעבראָכנ ביז 200 זאָקנ- און טריקאָטאזש-מאשינעס. די ארבעטער האָבנ געשאפנ געהײמע פארבאנדנ, װאָס האָבנ געהאט דעמ ציל סיסטעמאטיש צו צעשטערנ די מאשינעס אינ ענגלאנד. די באַ-װעגונג איז דערשטיקט געװאָרנ דורכ מיליטער, דערבײַ האָט מענ עטלעכע ארעס-טירטע פירער פונ דער באװעגונג אופגעהאנגענ.

צוגלײַכ מיט די סטיכײיִשע בונטנ קעגנ די מאשינעס האָבנ די ארבעטער געפרוװט אױכ אפ א פרידלעכנ, לעגאלנ אופנ זיכ דערשלאָגנ, אז מע זאָל אופ־הערנ ניצנ מאשינעס. עס זײַנענ פארבליבנ פיל צענדליקער פעטיציעס (ביטעס) פונ ארבעטער און קוסטארנ פונ פארשײדענע מינימ פראָדוקציעס, מיט װעלכע זײ האָבנ זיכ געװענדט צומ פארלאמענט. אינ די 70-ער יאָרנ פונ XVIII יה. האָבנ אזא פעטיציע, צומ בײַשפיל, דערלאנגט די ארבעטער פונ דער בױמװאָל-פראָדוקציע. אינ 1794 יאָר האָבנ די קעמער דערלאנגט א פעטיציע װעגנ פאר-װערנ אײַנפירנ קאטרײַטס קאמ-מאשינ. אינ די יאָרנ 1808 — 1809 האָבנ די אר-בעטער די װעבער, די בױמװאָל-שפינער דערלאנגט א פעטיציע, אינ װעלכער זײ האָבנ זיכ געקלאָגט, אז זײ זײַנענ רויִנירט דורכ דער אָנװענדונג פונעמ מעכא־נישנ װעבער-װערקשטעל. „דער מאכאנישער װעבער־װערקשטעל, — האָבנ די פעטי־ציאָנערנ געשריבנ, — האָט אונדז אינגאנצנ דערהארגעט און איבער דער פארלאמענט

* דעמ נאָמענ „לודיטנ" דערקלערט מענ מיטנ נאָמענ פונ אײנעמ א גענעראל ל ו ד א, אפ װעמענ די אופשטענדלער האָבנ זיכ קלױמערשט פארופנ אלס אפ זײערנ א פירער. אינ דערעמעס האָט קײנ שומ „גענעראל לודא", פארשטײט זיכ, קײנמאָל ניט עקזיסטירט.

וועט אונדז ניט באוואָרענענ מיט א פארבאָט צו צאָלנ נידעריקער פונ א געוויסנ מינימומ, וועלנ מיר אלע פאלנ צו לאסט דער געמיינדע". דער פארלאָמענט האָט, פארשטייט זיכ, קיינ שומ אכט ניט געלייגט אפ אזוינע אָנקלאָגערס אונ ביטעס פונ ארבעטער.

דער אריבערגאנג צו העכערע פאָרמענ פונ קאמפ. די שטרייק־באוועגונג.

דאָס ברעכנ מאשינעס אונ דאָס דערלאנגענ פעטיציעס קעגנ אָנווענדנ מאשינעס זיינענ כאראקטעריסטיש פאר דער אָנהייבסטאדיע פונ דער ארבעטער-באוועגונג. דעריקער האָבנ זיכ אינ דעמ דאָזיקנ קאמפ באטייליקט די מאנופאקטור־ארבעטער פונ דער הויז-אינדוסטריע, וואָס זיינענ געווענ פארינטערעסירט איינצוהיטנ די האנט-ארבעט. דער אידעאל פונ די דאָזיקע ארבעטער איז געווענ אומקערנ זיכ צוריק צו דער פארגאנגענהייט. זיי האָבנ געטרוימט איינצוהיטנ די אלטע פראָדוציר-פאָרמענ אונ זיינענ געווענ קעגנער פונ טעכנישנ פראָגרעס. דער קאמפ פונעמ פאבריק-פראָלעטאריאט קעגנ די קאפיטאליסטנ האָט שוינ געטראָגנ גאָר אנ אנדער כאראקטער. די ארבעטער האָבנ פארשטאנענ, אז ניט אינ די מאשינעס גייט עס, נאָר אינ זייער קאפיטאליסטישער אָנווענדונג, אז מע דארפ פירנ א קאמפ ניט קעגנ די מאשינעס, נאָר קעגנ די, וואָס האָבנ פארוואנדלט די מאשינעס אינ א געצייג פונ קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע, ד. ה. מע דארפ פירנ א קאמפ קעגנ די קאפיטאליסטנ. אלס א מיטל פונ קאמפ האָבנ זיי זיכ באנוצט מיטנ שטרייק אונ האָבנ געשאפנ די פראָפעסיאָנעלע פאריינענ. די שטרייק־באוועגונג פונ די ארבעטער איז אומופהערלעכ געוואָקסנ. סאָפ 90-ער יאָרנ פונעמ XVIII יאָרהונדערט האָבנ די שטרייקנ אויסגעזענ אפ אזויפיל געפערלעכ פאר דער בורזשואזיע, אז לויט איר פאָדערונג איז אינ 1799 יאָר ארויסגעגעבנ געוואָרנ א געזעצ קעגנ ארבעטער־קאָאליציעס (פארייבענ). דער דאָזיקער געזעצ האָט באטראכט יעטווידע קאָלעקטיווע ארויסטרעטונג פונ די ארבעטער, ווי א „בונט“ אָדער א „פארשווערונג“ קעגנ די באלעבאטימ. עס זיינענ פארווערט געוואָרנ אלע ארבעטער־פאריינענ, א שטרייק האָט מענ דערקלערט פאר א קרימינעלנ פארברעכנ. שטיצנדיק זיכ אפ דעמ דאָזיקנ געזעצ, האָבנ די ענגלישע ריכטער אינ משעכ פונ 25 יאָר געפירט אכזאָריעסדיק דערשטיקנ די ערשטע אנטפלעקונג פונ א זעלבשטענדיקער קלאסנ־באוועגונג פונעמ פראָלעטאריאט.

קאפיטל II

די גרויסע פראנצויזישע רעוואָליוציע

לויט דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג איז פראנקרייך אין XVIII יה. געווען דאָס סאמע פאָרגעשריטענע לאנד פון דער קאָנטינענטאלער אייראָפּע. בלויז ענגלאנד איז געשטאנען העכער פאר אים, ווייל דאָרט האָט דעם געזעלשאפטלעכן באָדן פאר דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג געהאט צוגעגרייט נאָך די בורזשואזע רעוואָליוציע פון XVII יה. אין פראנקרייך אָבער, איז ניט געקוקט אָפּ דער לאנג שוין אָנגעהויבענער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישן, האָבן סאָף XVIII יה. נאָך אלץ דאָמינירט פעאָדאלע פאָראָנדקעס. די סיבע, פארוואָס די פראנצויזישע בורזשואזיע האָט פארשפּעטיקט (אין פארגלייך מיט דער ענגלישער) צו אָפּרייניקן דעם געזעלשאפטלעכן באָדן פארן קאפּיטאליזם, האָט אָנגעוויזן מארקס. ער האָט פארצייכנט. אז „קיין זאך האָט אזוי ניט פארהאלטן דעם זיגרייכן מארש פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע, ווי דאָס, וואָס זי האָט ערשט אין 1789 יאָר זיך אנטשלאָסן צו האנדלען סאָלידאר מיטן פויערטום".

די פעאָדאלע פענטעס אין פראנקרייך האָט צעריסן די גרויסע בורזשואזע רעוואָליוציע פון XVIII יה., וועלכע האָט אראָפּגעוואָרפן דעם פעאָדאליזם און האָט באפרייט דעם וועג פאר דער אנטוויקלונג פון דער בורזשואזער געזעלשאפט. אין דער דאָזיקער „ליקווידאציע פון פעאָדאליזם צוליב דער פארפעסטיקונג פונעם קאפּיטאליזם" (סטאלין) האָט אן אנטשיידנדיקע ראָליע געשפּילט די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור פון די אונטערשטע פאָלק־שיכטן, דעריקער פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמשאפט, וואָס האָט אין א קורצן טערמין אופגעטאָן אזא ארבעט, וועגן וועלכער „די בורזשואזיע מיט איר אומרויקער פאָרזיכטיקייט וואָלט זיך ניט ספּראוועט אין מעשעך פון יאָרצענדליקער" (מארקס). אָט אין דעם רעזולטאט פון דער טעטיקייט און פון דער דערפארונג פון דער ערשטער אין דער געשיכטע דיקטאטור פון די אונטערשטע פאָלק־שיכטן באשטייט טאקע די גראנדיעזע היסטאָרישע באדייטונג פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע.

4. די סאָציאל-עקאָנאָמישע אָרדענונג פונעם פאררעוואָליוציאָנערן פראנקרייך

סאָף XVIII יאָרהונדערט איז פראנקרייך הויפּטזאכלעך געווען אן אגראר־לאנד. פון 25 מיליאָן באפעלקערונג האָבן העכער $^{9}/_{10}$ געלעבט אין דאָרף. גרויסע שטעט איז געווען ווייניק, בלויז אין פאריזש און אין ליאָן האָט די צאָל איינוווינער אריבערגעשטיגן 100 טויזנט מאן.

דער אויסערלע־כער האנדל

גיכער פאר אנדערע זיינען געוואַקסן די שטעט, וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט פון די יאַם־האַפנס און וואָס זיינען געווען פארבונדן מיט פראנקרייכס אויסערלעכן האנדל. די אומזאצן פון דעם דאָזיקן האנדל האָבן זיך גיך פארגרעסערט: פון 1715 ביז 1789 יאָר זיינען זיי אויסגעוואַקסן קימאט אין 5 מאָל אזויפיל, און ערעוו דער רעוואָליוציע האָבן זיי דערגרייכט ביז 750 מיליאָן ליווער* א יאָר. די פראנצויזישע בורזשואזיע האָט געהאט לעבהאפטע האנדל־באציִונגען ניט בלויז מיט די אייראָפּייִשע לענדער, נאָר אויך מיט דער גאנצער מיזרעכדיקער ברעג־זאַנע פונעם מיטללענדישן יאַם, מיט אינדיע, מיט די וועסט־אינדישע אינדזלען, מיט די צאָפן־אמעריקאנער פאראייניקטע שטאטן. פון אירע קאָלאָניעס און פון די לענדער פון לעוואנט (טערקיי, עגיפּטן) פלעגן די פראנצויזישע סאָכרים ברענגען צו פירן ראָר־צוקער, קאווע, קאקאָא, פארב פאר שטאָפן, בוימוואָל, לעדער און אנדערע רויוואַרג. דער האנדל מיט נעגערס, וועלכע זיי פלעגן פארכאפּן אין אפריקע און פלעגן פארקויפן פאר שקלאפן צו די פלאנטאטערס פון די צאָפן־אמעריקאנישע פאראייניקטע שטאטן, פלעגט אריינטראָגן די פראנצויזישע סאָכרים גרויסע רעוואָכים.

דער הויפּט־ארטיקל פון עקספּאָרט פון פראנקרייך גופא זיינען געווען ווייַנען און לוקסוס־זאכן, וואָס אָן א שיר פראנצויזישע קוסטארן־האנטווערקער און ארבעטער פון גרויסע מאנופאקטורן פלעגן מיט זייער מי אויסארבעטן. דאָס באראבן די קאָלאָניאַלע לענדער און די ברייטע אנטוויקלונג פונעם יאַם־האנדל איז אויך פאר דער פראנצויזישער בורזשואזיע, פונקט ווי פאר דער ענגלישער, געווען דער הויפּט־קוואַל פון דער אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג.

אין די האנדל־שטעט — מארסעל, באָרדאָ, האַוור, נאנט — איז אויסגעוואַקסן א מעכטיקע האנדל־אינדוסטריעלע בורזשואזיע. ערעוו דער רעוואָליוציע פלעגן בלויז פון איין מארסעל אָפּגיין יערלעך אין פארשיידענע לענדער ביז אָנדערהאלבן טויזנט שיפן.

די האנדל־אומזאצן פון מארסעל זיינען דערגאנגען ביז 300 מיליאָן ליווער א יאָר. העכער 80 טויזנט ארבעטער זיינען געווען באשעפטיקט אינעם מארסעלער האפן. די הויפּט־רעוואָכים פונעם יאַם־האנדל האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די הענט בא די גרויסע האנדל־קאָמפּאניעס. די דאָזיקע קאָמפּאניעס האָבן באקומען פונעם קיניג דאָס רעכט פון מאָנאָפּאָל־האנדל מיט באזונדערע טראנס־אָקעאנישע לענדער אויך דאָרט פלעגן זיי אומפארשעמט באראבן די אָרטגעבוירטיקע באפעלקערונג. באזונדערס איז באוווּסט געווען די אָסט־אינדישע האנדל־קאָמפּאניע, וואָס האָט קאָנצענטרירט אין אירע הענט דעם גאנצן האנדל מיט אינדיע.

די באראבונג פון דער קאָלאָניאַלער באפעלקערונג, דער האנדל מיט סכוירעס און מיט מענטשן (נעגערס) האָבן מיטגעווירקט דערצו, אז אין די הענט פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע זאָלן זיך אָנזאמלען אומגעהייער גרויסע געלט־מיטלען. די דאָזיקע געלט־מיטלען האָבן געזוכט א ווייטערדיקע אָנווענדונג אינעם האנדל, אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט פון פראנקרייך. אָבער אין די אלע געביטן פון דער פאָלקווירטשאפט האָט זיך די אנטוויקלונג פון די קאפּיטאליסטישע

* ל י ו ו ע ר — א פראנצויזישע מאטבייע, וואָס איז לויטן ווערט גלייך צו א פאר־מילכאָמעדיקן פראנק. אין א ליווער איז 20 סו, דה. 37½ קאָפּעקעס:

פארהעלטענישנ אפ יעדנ טראָט אָנגעשטויסנ אפ די פעאָדאלע פּאָראָנדקעס, וואָס זײַנענ איר געשטאנענ ווי א שטערונג אינ וועג.

די פעאָדאלע פּאָראַנדקעס אינעמ פראנצויזישנ דאָרפ.

דאָס פראנצויזישע דאָרפ פונ XVIII יה. האָט זיכ שטארק אונטערשיידט פונעמ דעמאָלטיקנ ענגלישנ דאָרפ. אויב אינ ענגלאנד האָט אינ סאָפ XVIII יאָרהונדערט די גרויסע ווירטשאפט פונעמ פּאָרעצ דעמ לענדלאָרד אָדער פונעמ פערמער דעמ ארענדאטער שוינ אינ א באדײַטנדיקער מאָס ארויסגעשטויסנ דעמ קלײנעמ פויער, האָט אינ פראנקרײַכ דאָמינירט די קלײנפויערשע ווירטשאפט אונ עס איז נאָכ פארבליבנ די דאָרפישע געמײנדע. דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיכ, אז אינ פראנקרײַכ איז ניט געווענ קײנ גרויסער ערדבאזיצ. ער איז געווענ. גרויסע ערדבאזיצער זײַנענ געוויינלעכ געווענ אדעליקע פּריצימ, וואָס זייערע גיטער האָבנ דערגרייכט פונ 2 ביז 5 טויזנט הא, אינ דער צײַט, ווענ די מערהײַט פויערשע ערדכאלאָקימ האָט ניט אריבערגעשטיגנ קײנ עטלעכע הא. כוצ די אדעליקע פּריצימ איז אינ פראנקרײַכ געווענ א גרויסער ערדבאזיצער די קאטוילישע קירכע, צו וועלכער עס האָט געהערט בא $^{1}/_{3}$ פונ דער גאנצער צאָל באארבעטער ערד אינ פראנקרײַכ.

די איבערוועגנדיקע מערהײַט דאָרפישע באפעלקערונג איז אינ פראנקרײַכ באשטאנענ פונ פויערימ, וואָס זײַנענ געזעסנ אפ ניט קײנ גרויסע שטיקלעכ ערד אונ האָבנ באארבעט זייער ערדכײלעק מיט פּרימיטיווע לאנדווירטשאפטלעכע געצײַג. די צאָל אזוינע קלײנע פויערשע ווירטשאפטנ האָט דערגרייכט ביז 4 מיליאָנ. דער פראנצויזישער פויער איז אָבער ניט געווענ דער פולשטענדיקער באלעבאָס פונ זײַנ ערדכײלעק. דער באזיצער פונ זײַנ ערד האָט זיכ גערעכנט דער פּאָרעצ דער סעניאָר אָדער די קירכע, בא וועמענ די עלטער־זיידעס פונעמ געגעבענעמ פויער האָבנ קלוימערשט באקומענ די דאָזיקע ערד אינ באנוצ אונ דעריבער דארפנ זיי צאָלנ פאר איר לײַבשטײַער, שטײַערנ אונ אויספילנ אלערליי פליכטנ. די ערד איז דאָר־אויס אונ דאָר־אײַנ איבערגעגאנגענ פונ פאָטער צומ זונ צוזאמענ מיט די היסכײַוועסנ, וואָס ליגנ אפ איר. דאָס פראנצויזישע פויערטומ אלײנ איז פאר דער רעוואָליוציע אינ זײַנ מאסע געווענ פרײַ; דער פּאָרעצ האָט זיכ ניט געקאָנט שאפנ מיט דער פּערזענלעכקײַט פונ דעמ פויער אונ מיט זײַנ פאמיליע; דער פויער האָט געקאָנט אוועקגײנ ווענ ער וויל אונ וווּהינ ער וויל פונ זײַנ ערדכײלעק. דאָכ, אפ וויפל ער איז געבליבנ זיצנ אפ דער ערד, איז ער מעכויעוו געווענ אויסצופילנ א רײ פליכטנ בענעגייע דעמ סעניאָר דעמ פּאָרעצ אָדער בענעגייע דער קירכע.

די דאָזיקע פעאָדאלע פליכטנ, וואָס זײַנענ געלעגנ אפ דער פויערשער ערד, האָבנ געפּענטעט דעמ פראנצויזישנ פויער מיט א שווערער נעצ פונ פארשיידענע באשרענקונגענ אונ באגרענעצונגענ; זיי האָבנ אָפּגענומענ בא אימ דעמ גרעסטנ טײל פונ זײַנ האכנאָסע אונ ביכלאל זײַנ ווירטשאפטלעכע זעלבשטענדיקײַט.

פאר יעדנ ערדכײלעק האָט דער פויער געמוזט יערלעכ אָפּצאָלנ דעמ פּאָרעצ דעמ סעניאָר אָדער א געוויסע סומע געלט (טשינש), אָדער א כײלעק פונ דער גערעטעניש (שאמפּאר), וואָס פלעגט אָפּטמאָל דערגרייכנ ביז א פערטל פונ דער אראָפּגענומענער גערעטעניש.

באמ קויפנ ערד אָדער באמ איבערגעבנ זי אינ יערושע איז דער פויער אויכ באשטײַערט געוואָרנ לעטויווועס דעמ פּאָרעצ. צומ סעניאָר אינ קעשענע זײַנענ אויכ געגאַנגענ באזונדערע אָפּצאָלונגענ פאר איבערפירנ טוווע אָדער ווײַנ אַפּנ מארק איבער די בריקנ אונ וועגנ. אָפּטמאָל פלעגט מענ דעמ פויער פארווערנ אָנצוהייבנ אראָפּנעמענ זײַנע ווײַנטרויבנ, איידער עס וועט ניט זײַנ פארענדיקט דער אראָפּנעמ פונ דעמ פּאָרעצס ווײַנטרויבנ; מע האָט דעמ פויער ניט דערלויבט צו פארקויפנ זײַנ ווײַנ פרײַער, ווי אינ א כוידעש ארומ נאָכנ ענדיקנ דעמ גאנצנ אראָפּנעמ. דערמיט האָט מענ געזיכערט פארנ פּאָרעצ צוערשט בילּיקע ארבעט-הענט אינ סאַמע ברענ פונ אראָפּנעמ, אונ דערנאָכ דעמ אָפּזאַצ פונ ווײַנ אַפּ טײַערע פרײַזנ; אונ די פויערימ איז דערנאָכ אויסגעקומענ צו פארקויפנ זייער ווײַנ שפּאָט בילּיק.

דער האנדל מיט טוווע איז אויכ געווענ זייער באשרענקט אונ באגרענעצט. די פויערימ האָבנ געוויינלעכ געמוזט מאָלנ זייער טוווע אינ פּריציש מילנ; באקנ ברויט —

די לאגע פונעמ פויערטומ בא דער אַלטער אָרדענונג

אומבאדינגט אינ פּריצישנ 'אויוונ, אָדער זיכ אָפּקויפנ מיט געלט פונ די דאָזיקע אלע באשרענקונגענ (באנאליטעטנ).

וועגנ אלע איניאָנימ, וואָס האָבנ א שײַכעס צו פעאָדאלע היסכײַוועסנ, האָט דער פויער זיכ געקענט ווענדנ בלויז צומ געריכט פונעמ אָרטיקנ סעניאָר דעמ פּאָרעצ, וואָס האָט אָדער אליינ אימ געמישפּעט, אָדער ער האָט באשטימט אזא ריכטער, וועלכנ ער האָט געוואָלט. קיינ כידעש ניט, וואָס אלע געריכט־פּראָצעסנ צווישנ דעמ פויער מיטנ פּאָרעצ פלעגנ זיכ געווײנלעכ אויסלאָזנ לעטויווועס דעמ פּאָרעצ.

כוצ דעמ, האָט דער סעניאָר געהאט די אויסשליסלעכע רעכט אַפּ געיעג. די פויערימ האָט מענ פארווערט צו האָבנ יעגער־ביקסנ אפילע אַפּ צו פארטיידיקנ זיכ פונ וועלפ, אונ די פּריצימ פלעגנ בײַמ זייער געיעג אומבאשטראָפט מיט זייערע פערד אונ הינט צעטרעטנ די פויערשע פעלדער. די טויבנ אונ קראָליקעס, וואָס די פּריצימ האָבנ געהאָדעוועט אינ א

גרויסער צאָל, האָבן אויך געשעדיקט און פאַרניכטעט די פויערשע פאַרזייען, און די פויערים האָבן אפילו קיין רעכט ניט געהאַט אַראָפּצוטרייבן זיי פון זייערע פעלדער, ווייל דערפאַר האָט געדראָעט אַ כזאַריעסדיקע שטראָף.

דעם פויער האָבן אויך אונטערדריקט די קליינע פליכטן, וואָס פלעגן דערנידעריקן באַשעפט זיין פערזענלעכקייט. אשטייגער, באַם באַגעגענען זיך מיטן פּאַרעץ האָבן די פויערים געמוזט זיך נידעריק פאַרנייגן, אָפטמאָל קושן זיין האַנט אָדער די פּלייצע.

מיט איין וואָרט, די פעאָדאַלע פליכטן, וואָס זיינען געפאַלן אַף דער פויערשער ערד, האָבן געשמידט דעם פויער די הענט און פיס.

דער שטייערן־דרוק

די שווערקייט פון די פעאָדאַלע פליכטן, וואָס זיינען געפאַלן אַפן פויער, פלעגט נאָך פאַרגרעסערט ווערן דורך די אָפּצאָלונגען פאַר דער קירכע. די פויערים האָבן געמוזט יערלעך אויסצאָלן דער פראַנצויזישער קירכע אַ באַזונדערן שטייער, דעם אַזויגערופענעם „צענטל“־שטייער, ווייל ער פלעגט באַטרעפן $1/_{10}$ און פאַקטיש אָפטמאָל נאָך אַ גרעסערן טייל פון דעם פויערס האַכנאָסע.

אַף די פויערים איז געפאַלן אויך די הויפּט־לאַסט פון מעלוכע־שטייערן — סיי דירעקטע סיי אומדירעקטע.

כוץ דעם אַלגעמיינעם שטייער אַפן אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן אָדער אַף דער גאַנצער ברוטאָ־האַכנאָסע (אַזויגערופענע „טאַליע“), איז דעם פויערטום נאָך אויסגעקומען צאָלן קאָפּ־שטייער („קאַפּיטאַציע“) און אַ „צוואַנציקסטל“, ד. ה. $1/_{20}$ פון דער האַכנאָסע. פון די אומדירעקטע שטייערן איז באַזונדערס שווער געווען פאַר די פויערים דער שטייער אַף זאַלץ (אַזויגערופענער „גאַבעל“), דער זאַלץ־פאַרקויף איז געווען אַ מעלוכע־מאָנאָפּאָל, דער פּרייז אַף זאַלץ איז געווען זייער הויך און איבער דער זעלבער צייט האָט יעדער פויער געמוזט קויפן יערלעך אַ באַשטימטן סכום זאַלץ, אַ סאַך מער אײדער זיין ווירקלעכע באַדערפעניש איז געווען. אויך דער ווייַן, וואָס די פויערים פלעגן אַליין אויסאַרבעטן, איז באַשטייערט געוואָרן.

אַ שווערע לאַסט זיינען געווען פאַר די פויערים די וועג־פליכטן, ד.ה. די פליכט צו פאַרריכטן און האַלטן אין אָרדענונג די וועגן.

דער קריזיס פון דער לאַנדווירטשאַפט

די דאָזיקע אַלע טשינשן, שטייערן און פליכטן האָבן אָפּגענומען באַם פויער בא $2/_{3}$ פון זיין ריינער האַכנאָסע. בא אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך דער פראַנצויזישער פויער קוים־קוים דורכגעלעבט און האָט ניט זעלטן געפירט אַ האַלבהונגעריקע עקזיסטענץ.

אויב מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז $3/_{4}$ פון דער גאַנצער באַאַרבעטער ערד אין פראַנקרייַך איז דאַן געווען פאַרנומען מיט אָט דער נעבעכדיקער פויערשער ווירטשאַפט, וועט קלאָר ווערן, אַז איר יערידע האָט געהייסן אַ יערידע פון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז אין פראַנקרייַך געווען די גרונט־באַשעפטיקונג פון דער באַפעלקערונג. די לאַנדווירטשאַפט האָט אין פראַנקרייַך איבערגעלעבט אַ שווערן און לאַנגדויערנדיקן קריזיס.

די גרויסע ערד־באַזיצער (דער אַדל, די קירכע, די בורזשואַזיע) פלעגן געוויינלעך אַליין ניט פירן די ווירטשאַפט, נאָר זיי פלעגן אָפּגעבן די ערד אין אַרענדע די זעלבע פויערים. די פראַנצויזישע פויערים, וואָס האָבן געליטן פון ערד־מאַנגל, זיינען געווען גרייט צו נעמען ערד אין אַרענדע אַף די שווערסטע באַדינגונגען, אַבי נאָר ווי־ניט־איז זיך דערנערן. עס האָט דאָמינירט די „הונגער“־אַרענדע. געוויינלעך פלעגט דער פּאַרעץ זיך אויסנעמען אַ העלפט גערעטע-

ניש (ארענדע פונ האלב). בא אזא לאגע האָט דעמ פּאָרעצ, פארשטייט זיכ, ניט געלוינט צו פירנ קיינ אייגענע ווירטשאפט. עס איז אויכ פארשוועריקט געווענ די אנטוויקלונג פונ דער גרויסער ארענדע, וואָס איז געווענ אויסגערעכנט אפ צו באקומענ רעוועכ. די „הונגער"־ארענדישע פרײַזנ, וואָס די פויערימ אליינ זײַנעג געווענ געצווונגענ אופצובלאָזנ, פלעגנ פאר פריער אופעסנ די גאנצע מעגלעכע האכנאָסע. דאָס אלצ האָט אויסערסט געשטערט אינ פראנקרײַכ דער אנטוויקלונג פונ א גרויסער קאפּיטאליסטישער אונטערנעמערשאפט אינ דער לאנדווירטשאפט. דעריבער איז פראנקרײַכ אפילע אינ די געגנטנ מיט א גרויסנ ערדבאזיצ געבליבנ הויפּטזאכלעכ א לאנד פונ א קלײנפויערשער ווירטשאפט.

דאָס ארײַנדרינגענ פונ קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ אינ דאָרפ. די דיפערענצירונג פונעמ פויערטומ

דאָכ איז די סכוירע־ווירטשאפט, וואָס האָט זיכ אנטוויקלט אינ פראנקרײַכ, אונ די קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ ארײַנגעדרונגענ אויכ אינ דאָרפ, ברענגענדיק מיט זיכ נײַע לאסטנ פארנ פראנצויזישנ פויערטומ.

מיטנ ארײַנדרינגענ פונ די געלט־סכוירישע אונ קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ אינ דאָרפ ווערט די ערד א סכוירע, א זאכ פונ קויפ אונ פארקויפ. די סעניאָרנ שטרעבנ צו פארגרעסערנ זייערע ערד־מאיאָנטקעס אפּנ כעזשבנ פונ די פויערשע ערד, אונ צו פארקלענערנ זיי אפּנ כעזשבנ פונ די פויערשע ערדכאלאָקימ אונ צו פארכאפּנ געמיינדישע ערד, וועלדער, פּאשע־פעלדער. די סעניאָרנ האָבנ זיכ געניטיקט אינ מיטלענ, קעדיי צו קאָנענ אריבערפירנ זייער ווירטשאפט אפ די רעלסנ פונ קאפּיטאליסטישער אונטערנעמערשאפט, צוליב דעמ פלעגנ זיי אינ די ארכיוונ פונ זייערע שלעסער אויסזוכנ אלטע כארטיעס וועגנ לאנג פארגעסענע פעאָדאלע פליכטנ אונ פונדאָסנײַ זיי ארופלייגנ אפּנ פויערטומ, פאָרלייגנדיק אויסצוקויפנ זיכ פונ זיי מיט געלט.

די אנטוויקלונג פונ די קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ אינ דאָרפ האָט ארויסגערופנ א צעשיכטונג צווישנ די פויערימ. פונ דער אלגעמיינ־פויערשער מאסע האָט זיכ אויסגעטיילט א קאפּיטאליסטישער אויבערשיכט פונ פויערימ, וואָס פלעגט אָפּגעבנ ערד אינ ארענדע אָדער דינגענ ארבעטער, וואָס פלעגט האנדלענ מיט פי, טוויע, ווײַנ אונ אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ. דער באזיצ פונ די דאָזיקע דאָרפישע באלעגופימ פלעגט אָפּטמאָל דערגײַנ ביז עטלעכע צענדליק העקטאר. פונ דער צווייטער זײַט, האָט זיכ גענומענ אויסטיילנ די דאָרפישע אָרעמשאפט — קנאפּערדיקע אונ אָנערדיקע פויערימ, וואָס זײַנענ געווענ געצווונגענ צו לעבנ פונ לוינארבעט אונ גייג פאר באטראקעס אָדער צומ פּאָרעצ אָדער צו זייער „אייגענעמ" באלעגופ אינ דאָרפ. די צאָל אזוינע קנאפּערדיקע אונ אָנערדיקע פויערימ האָט זיכ שטארק געוואקסנ לויטנ ראיאָנ, נאָר אינ אלגעמיינ איז זי געווענ א גאנצ באדײַטנדיקע. אשטייגער, אינ צענטראל־פראנקרײַכ איז דער פּראָצענט אָנערדיקע פויערימ געווענ 17 אונ אינ אייניקע געגנטנ איז זייער צאָל דערגאנגענ ביז 80 פּראָצענט.

צווישנ אָט דער פויערשער אָרעמשאפט אונ די דאָרפישע גווירימ איז אינדערמיט נאָכ געבליבנ א געדיכטער שיכט מיטלפויערטומ. אינ צענטראל־פראנקרײַכ איז די דורכשניטלעכע גרייס פונ זייערע ערדכאלאָקימ דערגאנגענ ביז 10 הא.

צווישנ אָט די פאַרשיידענע שיכטנ פונעם פראַנצויזישנ פויערטום איז גע־ גאַנגענ א פאַרביטערטער קאַמפּ איבער א רײ פראַגעס. באַזונדערס שאַרפע צו־ זאַמענשטויסנ האָט ארויסגערופנ די פראַגע וועגנ ארויסטרעטנ פונ דער דאָרפי־ שער געמיינדע און וועגנ פאַנאַנדערטיילנ די געמיינדישע ערד.

די פויערים די באַלעגופים, וועלנדיק אריבערגיינ צו א פאַרבעסערטער פירונג פונ דער ווירטשאַפט, האָבנ געפאָדערט, מע זאָל ארויסגיינ פונ דער געמיינדע און פאַנאַנדערטיילנ די געמיינדישע ערד. אינ דעם פראַט האָבנ זיי געהאַט שטיצע פונ די אָנערדיקע אָרעמפויערים, וואָס האָבנ געהאָפט, אז בײַם דער פאַנאַנדערטיילונג וועלנ זיי באַקומענ אינ אינדיווידועלנ באַנוץ כאָטש א קליינ שטיקל ערד פונ יענעם געמיינדישנ פאָנד, מיט וועלכנ זיי האָבנ אַל־ צײַטנס זיכ ניט געקאָנט באַנוצנ. אָבער די אָרעמשאַפט איז באַשטאַנענ אַפ פאַנאַנדערטיילנ די געמיינדישע ערד־פּלעצער גלײַכ אַפ גלײַכ צווישנ אַלע אײַנוווינער פונ דאָרפ, אינ דער צײַט, ווענ דער באַלעגופּישער אויבערשיכט האָט פאָרגעלייגט פאַנאַנדערטיילנ די גע־ מיינדישע ערד אינ העסקעם מיט דער צאָל פאַראַנענער פי, ערד אאַוו.

און די מיטלפויערים זײַנענ געווענ קעגנ פאַנאַנדערטיילנ, וואָרעם דאָס צושניידנ ניט קיינ גרויסנ שטיק ערד האָט דאָכ זיי ניט געקאָנט פאַרבײַטנ דעם פאַרלוסט פונ די געמיינ־ דישע ערד־פּלעצער, באַזונדערס די פּאַשע־פּלעצער פאַרנ פי.

נאָר ניט געקוקט אפנ קאַמפּ צווישנ די פאַרשיידענע שיכטנ פונעם פראַנ־ צויזישנ פויערטום, איז דאָס פויערטום פונדעסטוועגנ ארויסגעטראָטנ אינ אנ איינ־ הײַטלעכנ פראָנט קעגנ דער אַלטער אָרדענונג, ווײַל די פעאָדאַלע רעכט און פּריווילעגיעס פונ די הארנ די פּריצים, דער שטײַערנ-דרוק, די ערד־ענגשאַפט האָבנ געדריקט ניט בלויז דעם אָרעמפויער און מיטלפויער, נאָר אויכ דעם באַלעגופּ. אָדער ענדערנ די לאַגע פונעם פראַנצויזישנ פויערטום, אנטשיידנ פאַרניכטנ די רעשטלעכ פעאָדאַליזם און געבנ א פולשטענדיקע ראַכוועס דער פּריוואַט-ווירט־ שאַפטלעכער טעטיקײַט, און דאָס האָט געקאָנט דערגרייכט ווערנ בלויז אפנ וועג פונ א רעוואָליוציע, אָדער די גרונטיקע ארבעטנדיקע באַפעלקערונג זאָל ווײַטער אויסגעריסנ ווערנ און עס זאָל אונטערגעגראָבנ ווערנ די גאַנצע ווירטשאַפט אינ פראַנקרײַכ. אזוי און נאָר אזוי איז געשטאַנענ די „פויערים־פראַגע“ ערעוו דעם פאַלנ פונ דער אַלטער אָרדענונג.

די מאַנופאַקטור־ סטאַדיע פונ דער פראַנצויזישער אינדוסטריע

אויכ פאַר דער אנטוויקלונג פונ דער פראַנצויזישער אינדוסטריע זײַנענ די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישנ געווענ אנ ערנסטע שטע־ רונג. נאָכ פונ דער צווייטער העלפט XVII יאָרהונדערט האָבנ זיכ אינ פראַנקרײַכ אנטוויקלט גרויסע מאַנופאַקטורנ. די מאַנו־ פאַקטור פונ גאָבעלענענ* אינ פאַריז, די געוואַנט-מאַנופאַק־ טור פונ די ברידער וואַנ-ראָבע אינ פּיקאַרדיע, דיטריכס אײַזנבוי-זאַוואָד אינ לאָטאַרינגיע, וועלכע האָבנ קאָנצענטרירט אונטער איינ דאַכ צו עטלעכע הונדערט ארבעטער, זײַנענ ניט געווענ קיינ איינצלנע אויסנאַמענ. דאָכ, איז די אַלגעמיינע צאָל אזוינע צענטראַליזירטע, גרויסע מאַנופאַקטורנ געווענ ניט גרויס. די צע־ פאַלנדיקע, אָבער נאָכ אַלץ עקזיסטירנדיקע צעכנ-אָרדענונג מיט אירע באַשרענ־ קונג־רעכט, וואָס האָבנ פאַרווערט צו פאַרגרעסערנ די צאָל לוינ־ארבעטער, די קליינלעכע רעגלאַמענטירונג פונ דער פּראָדוקציע, די סיסטעם פונ נעמענ דער־ לויבענישנ אַפ אָרגאַניזירנ מאַנופאַקטורנ, וואָס האָט געפאָדערט יעדעס מאָל א

* אויסגענייטע שפּאַליערנ, טעפּעכער.

באזונדערנ קיניגלעכנ פאטענט,—דאָס אלצ האָט זייער געדריקט די אנטוויקלונג פונ די צענטראליזירטע מאנופאקטורנ. אשטייגער, באזונדערע קיניגלעכע באפעלנ פלעגנ פאָרויס באשטימענ, וואָס פאר א לענג אונ ברייט עס דארפ זייַנ די שטאָפ, ווי דיג עס זאָל זייַנ דער פאָדעמ, פונ וועלכנ קאָליר דאָס געוועב אאוו.

„איכ האָב געזענ, ווי אינדערפרי האָט מענ געשניטנ אפ שטיקלעכ 80, 90, 100 שטיק לייַוונט אונ געוואנט. איכ האָב צוגעקוקט די דאָזיקע סצענע טאָגטעגלעכ אינ מעשעכ פונ עטלעכע יאָר. דאָס אלצ איז געטאָנ געוואָרנ אפנ גרונט פונ די קלאָלימ אונ לויטנ באפעל פונ מיניסטער. פארוואָס? בלויז דערפאר, ווייַל די שטאָפ איז געוועננ ניט גלייַכ, אָדער זי איז געוועננ אויסגעוועבט ניט ריכטיק", — אזוי האָט געשריבנ איינער פונ די האנדל-אינספעקטאָרנ בא דער אלטער אָרדענונג.

יאָגנדיק זיכ נאָכ ביליקע ארבעט-הענט, נאָכ פרייַער ווירטשאפטלעכער טעטיקייַט, אָנ די צעכנ-באשרענקונגענ, האָט זיכ די פראנצויזישע אינדוסטריע געלאָזט פונ שטאָט אינ דאָרפ ארייַנ. דאָ האָט זיכ אנטוויקלט א „דעצענטראליזירטע", „צעוואָרפענע" מאנופאקטור, וואָס איז טיפיש פאר פראנקרייַכ אינעמ XVIII יאָרהונדערט.

די אופקויפער די אונטערנעמער פלעגנ עפענענ ספעציעלע פארטייל-קאָנטאָרנ, וווהינ עס פלעגנ קומענ טויזנטער שכיינישע פויערימ אונ נעמענ רויוואַרג, אָפּגעבנ די גרייטע ארבעט אונ באקומענ פאר איר ארבעטלוינ לויטנ אייַנגעשטעלטנ טאריפ.

דירעקט אינ ווארשטאט פונעמ אופקויפער דעמ מאנופאקטוריסט אליינ האָבנ געווייַנלעכ געארבעט ווייניק ארבעטער, אָבער ניט זעלטנ פלעגט די גאנצע געגנט פאקטיש זיכ געפינענ אונטער זייַנ ווירקונג. דער דאָרפישער קוסטאר דער האנטווערקער האָט פארלאָרנ זייַנ אמאָליקע זעלבשטענדיקייַט; ער איז ארייַנגעפאלנ צומ גרויסנ אופקויפער דעמ מאנופאקטוריסט אינ די הענט אונ לויט זייַנ אָפּהענגיקייַט איז ער שוינ געוועננ נאָענט צומ לוינ-ארבעטער.

צוגלייַכ מיט די צענטראליזירטע מאנופאקטורנ פונ די גרויסע שטעט האָט די דאָזיקע דאָרפישע אינדוסטריע שטארק אונטערגעגראָבנ די צעכנ-אָרדענונג, וואָס האָט אומבאדינגט געמוזט אָפּגעשאפט ווערנ צוליב דער פרייַער אנטוויקלונג פונ דער גרויס-אינדוסטריע.

עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אויכ דער פראָצעס פונ ארייַנדרינגענ פונ מאשינעס אינ דער פראנצויזישער טעקסטיל-אינדוסטריע. עמעס, די צאָל זייערע איז נאָכ אינ יענער צייַט אינ פראנקרייַכ געוועננ זייער ניט קיינ גרויסע.

אינ גרונט האָט די פראנצויזישע אינדוסטריע איבערגעלעבט די מאנופאקטורסטאדיע,—דעמ ערעוו פונ דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש. די אופגאבע, וואָס איז פאר איר געשטאנענ, אריבערצוגיינ צו גרויסער מאשינ-פראָדוקציע, האָט זיכ פארהאלטנ, ווי מיר האָבנ געזענ, צוליב די פעאָדאלע פארהעלטענישנ. קאָלזמאנ עס האָבנ עקזיסטירט די פעאָדאלע פארהעלטענישנ, האָט די קאפיטאליסטישע אינדוסטריע ניט געקאָנט באקומענ איבערגענוג ארבעטער, וואָס זאָלנ זייַנ „פרייַ" פונ דער ערד אונ פונ די פראָדוציר-מיטלענ. זי האָט ניט געקאָנט האָבנ קיינ גענוג ברייטנ אינערלעכנ מארק, וואָס זאָל זיכערנ איר אנטוויקלונג.

די שמאָלקײַט
פונ דעמ אינער־
לעכנ מארק.

א קאָלאָסאלע שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פונעמ קאפי־טאליזמ איז געווענ די גוואלדיקע שמאָלקײַט פונעמ אינערלעכנ מארק, די שוואכע קויפפײַקײַט פונ דער גרונט-מאסע באפעלקערונג—פונעמ פויערטומ, וואָס האָט געגעבנ ניט קײנ באדײַטנדיקנ נאָכפרעג אפ דער אויכארבעטונג פונ דער פראנצויזישער אינדוסטריע. דאָס פויערטומ איז געווענ געצווונגענ אויסצוקומענ דערמיט, וואָס זײַנ אײגענע ווירטשאפט האָט אימ געגעבנ. די פראנצויזישע פויערימ זײַנענ געגאנגענ באָרוועס אָדער אינ הילצערנע שיכ, אָנ זאָקנ. דאָס האָט איבערראשט אײנעמ אנ ענגלישנ רײַזנדער, וואָס האָט דורכגערײַזט פראנקרײַכ ערעוו דער רעוואָליוציע. „דאָס, וואָס די אָרעמשאפט האלט זיכ אָפ פונ באניצנ לעדערנע אונ זײַדענע אויסארבעטונגענ, דארפ מענ אנערקענענ פארנ גרעסטנ בײז פאר דער אינדוסטריע”,—שרײַבט ער.

די דאָזיקע שמאָלקײַט פונעמ אינערלעכנ מארק האָט געדריקט אפ דער פראנצויזישער אינדוסטריע אונ האָט זי געצווונגענ צו פארברײטערנ הויפטזאכלעכ בלויז יענע צווײַגנ, וואָס זײַנענ געווענ אויסגערעכנט צו באפרי־דיקנ די באדערפענישנ אונ גלוסטענישנ פונ די צאָלפײַקע שיכטנ באפעלקע־רונג,—פונ דער פראנצויזישער אריסטאָקראטיע, פונ די בורזשואזע קרײַזנ, אָדער אויסארבעטנ לוקסוס-זאכנ, וואָס קאָנענ אויסהאלטנ די טײַערע טראנספּאָרט־הויצאָעס באמ אריבערפירנ אינ אנדערע לענדער. דער גרונט-צווײַג פונ דער פראנצויזישער אינדוסטריע איז געווענ די פראָדוקציע פונ זײַד, געוואנט, לײַב אונ בוימוואָל־געוועבנ אונ פונ פארשײדענע לוקסוס-זאכנ. די פראנצויזישע פאר־פומענ, זײפ, פודער, האפטנ האָבנ געשעמט איבער גאנצ אײראָפּע אונ האָבנ געפונענ א ברײטנ אָפזאצ בא די הערשנדיקע קלאסנ פונ פארשײדענע לענדער.

אכוצ דעמ איז דאָס פאררעוואָליוציאָנערע פראנקרײַכ צעטײלט געווענ אפ א רײ געגנטנ, אָפגעגרענעצטע אײנע פונ דער אנדערער מיט גרענעצ־אָפּצאָלנ. באמ אריבערפירנ סכוירעס פונ אײנ געגנט אינ דער צווײטער פלעגט אויסקומענ אָפּ־צוצאָלנ אָנ א שיר פארשײדענע גרענעצ־אָפּצאָלנ אונ טשינשנ.

דערצו איז נאָכ אינ אײניקע געגנטנ פארבליבנ פונ די פעאָדאלע צײַטנ בא זונדערע סיסטעמענ פונ מאָס אונ וואָג; די דאָזיקע בונטקײַט האָט, פונ איר זײַט, אויכ שטארק באשרענקט די אנטוויקלונג פונעמ אינערלעכנ האנדל.

דער נידעריקער ניוואָ פונעמ נאָכפרעג אפ די אויסארבעטונגענ פונ דער פראנצויזישער אינדוסטריע, די צעכנ־אָרדענונג, די קלײנלעכע רעגלאמענטאציע אונ די דערלויבעניש-סיסטעמ באמ עפענענ גרויסע מאנופאקטורנ האָבנ פארלאנג־זאמט, פארהאלטנ דעמ אָנקומ פונ דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש. דאָס האָט געשטעלט די פראנצויזישע אינדוסטריע אינ אויסערסט ניט גינסטיקע באדינגונגענ אינ פארגלײַכ מיט דער ענגלישער. וואָס מער די ענגלישע אינדוסטריע איז אי־בערגעגאנגענ צומ מאשינ־אויפנ אינ דער פראָדוקציע, האָט זיכ איר טעכנישע אויבערהאנט איבער דער פראנצויזישער אינדוסטריע אלצ מער פארגרעסערט. די ענגלישע סכוירעס האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ בעסער אונ ביליקער פונ די פראנצוי־זישע אונ האָבנ זײ ארויסגעשטויסנ פונעמ מארק. אינ רעזולטאט דערפונ האָט

דער אויסערלעכער האנדל אין פראנקרײַך אלץ מער און מער געליטן פון דער קאָנקורענץ פון די ענגלישע סאָכרים.

די אופגעבראכטקײַט פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע איז דערגאנגען ביז דער העכסטער שטופע, ווען אין 1876 יאָר האָט די פראנצויזישע רעגירונג געשלאָסן א האנדל־אָפּמאך מיט ענגלאנד, וועלכער האָט פארקלענערט די גרענעץ־אָפּצאָלן פאר די ארײַנגעפירטע ענגלישע סכוירעס קיין פראנקרײַך, און דערפאר האָט מען אראָפּגעזעצט די גרענעץ־אָפּצאָלן אף די פראנצויזישע ווײַנען אין ענגלאנד. דאָס האָט געהייסן בעפּיירעש ברענגען פאר א קאָרבן די אינטערעסן פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע צוליב דעם ערדבאזיצערישן אדל פון פראנקרײַך.

אָפּשאפן אלע פעאָדאלע באשרענקונגען, פולשטענדיקע פרײַהײַט פון פריוואט־ווירטשאפטלעכער טעטיקײַט, אופהייבן די צאָלפּײַקײַט פון דער פראנצויזישער באפעלקערונג, קעדיי צו פארברייטערן דעם אינערלעכן מארק, אן אקטיווע אויסערלעכע פּאָליטיק, קעדיי צו פארטיידיקן די אינטערעסן פונעם פראנצויזישן האנדל און אינדוסטריע, און ביפראט דער קאמף קעגן דער ענגלישער קאָנקורענץ,—אָט דאָס זײַנען געווען די באדינגונגען, וואָס זײַנען געוואָרן אומבאדינגט נייטיק פאר דער ווײַטערדיקער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג פון דער פראנצויזישער אינדוסטריע.

5. די קלאסן־צעטיילונג און די פּאָליטישע אָרדענונג אינעם פאר־רעוואָליוציאָנערן פראנקרײַך

קלאסן און שטאנדן

די גאנצע באפעלקערונג פון פראנקרײַך האָט זיך געטיילט אף 3 שטאנדן: דער קלער, אדל און דריטער שטאנד. די ערשטע צוויי שטאנדן זײַנען ארײַנגעגאנגען אין באשטאנד פון איין קלאס—גרויסע ערד־באזיצער. זייערע רעכט און פּריווילעגיעס זײַנען געווען פאָרויסגעזען און אײַנגעשטעלט אין א ריי געזעצן. די גאנצע איבעריקע באפעלקערונג פון פראנקרײַך—די פינאנציִעלע, האנדל־אינדוסטריִעלע, שטאָטישע קליינבורזשואזיע, פּויערים, ארבעטער—איז ארײַנגעגאנגען אין באשטאנד פונעם אבסאָליוט־רעכטלאָזן דריטן שטאנד.*

דער אדל און דער קלער

דער אדל און דער העכסטער קלער זײַנען געווען פּריווילעגירטע שטאנדן. ערעוו דער רעוואָליוציע האָבן זיי צווישן דער 25־מיליאָניקער באפעלקערונג פון פראנקרײַך אויסגעמאכט קוים 270 טויזנט. די דאָזיקע צוויי שטאנדן, דה. דער קלאס גרויסע ערדבא־

---

* אונטערן שלייער פון שטאנדן זײַנען אין דער פעאָדאלער געזעלשאפט ארויסגעטראָטן קלאסן. די רעכט און פליכטן פון יעדן שטאנד זײַנען געווען באשטימט דורך געזעצן. אף וויפל דער פעאָדאליזם איז געוואָרן צעלייגט, אף וויפל עס האָבן זיך אנטוויקלט קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישן און עס האָבן זיך אויסגעבילדעט נײַע קלאסן, איז די אלטע שטאנדן־צעטיילונג שוין ניט צונויפגעפאלן מיט דער נײַער קלאסן־צעטיילונג פון דער געזעלשאפט. אזא מין לאגע זעען מיר טאקע ערעוו דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע, ווען עטלעכע קלאסן גייען ארײַן אין באשטאנד פון איין דריטן שטאנד.

זיצער, זײַנען עס געװען דער רעגירנדיקער אויבערשיכט אין פראנקרײַך בא דער אלטער אָרדענונג. זיי האָבן פארמאָגט א סאך פארשיידענע להאָטעס און פרי־װילעגיעס און האָבן ניט געטראָגן קימאט קיין שום פליכטן.

דער גאנצער מעלוכישער אפאראט פונעם אלטן פראנקרײַך האָט געהאט די אויפגאבע אָפצוהיטן זייערע אינטערעסן. באם אדל אין די הענט זײַנען געװען קאָנצענטרירט קאָלאָסאלע ערדבאזיצן; דער אדל האָט פארנומען די העכסטע שטעלעס אינעם מעלוכישן אפאראט און די קאָמאנדיר־פּאָסטנס אין דער ארמיי.

די אדעליקע זײַנען געװען קימאט אינגאנצן באפרײַט פון צאָלן שטײַערן, אין דער צײַט, װען זיי אליין פלעגן יערלעכ אופמאָנען באם פויערטום אלס פעאָדאלע פליכטן ביז 100 מיליאָן ליװער און פלעגן, אויסער דעם, באקומען גװאלדיקע געהאלטן און געשאנקען פון דער מעלוכישער קאסע.

דער העכסטער הויף־אדל פלעגט אײַנטיילן צװישן זיך די 30—40 מיליאָן ליװער, װאָס פלעגן אויסגעגעבן װערן יערלעכ אפ אויסהאלטן דעם קיניגלעכן הויף, בא 30 מיליאָן אלס מעלוכע־פענסיעס, 48 מיליאָן אלס געהאלט פאר 12 טויזנט אָפיצערן פון דער פראנצויזישער ארמיי, און, צולעצט, צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען פאר טראָגן פארשיידענע מינים ערן־פליכטן און שטעלעס, װאָס זײַנען געשאפן געװאָרן ספעציעל, קעדיי אָנפילן די אדעליקע קעשענעס. בלויז אין די לעצטע 15 יאָר פאר דער רעװאָליוציע האָט מען די הויף־לײַט צעטיילט העכער 200 מיליאָן ליװעד.

נאָכ דער הויף־אריסטאָקראטיע האָט זיך געצויגן אויכ דער פּראָװינציע־לער אדל, װאָס האָט געלעבט פון די האכנאָסעס פון זײַנע גיטער און האָט זיך געהאלטן פעסט בא די פעאָדאלע פליכטן, װאָס זײַנען געלעגן אפן פויערטום.

אָבער דער פּראָצעס פון קאפיטאליסטישער אנטװיקלונג, װאָס איז פּאָרגע־קומען אין פראנקרײַך, האָט פארכאפּט אין קרײַז פון זײַן װירקונג אויכ א טייל פונעם ערדבאזיצערישן אדל. אין פראנקרײַך האָבן זיך פונקט װי אין ענג־לאנד, אויסגעבילדעט ערעװ דער גרויסער בורזשואזער רעװאָליוציע שיכטן פונעם „נײַעם אדל", װאָס איז געװען ארײַנגעצויגן אינעם קרײַז פון בורזשואזע פאר־העלטעניש.

דער דאָזיקער „נײַער אדל" איז געװען ענג פארבונדן מיט דער בור־זשואזיע.

א צװייטער פּריװילעגירטער שטאנד אין פראנקרײַך איז געװען דער העכסטער קלער װאָס איז געװען ענג פארבונדן מיטן אדל. די קלאסן־באזע פון די העכסטע קרײַזן פונעם פראנצויזישן קלער (דער ערדבאזיץ), איז געװען די זעלבע, װאָס באם אדל; ערעװ דער רעװאָליוציע האָט צו דער פראנצויזישער קירכע געהערט בא $1/_3$ פונעם גאנצן באארבעטן ערד־שעטעכ אין פראנקרײַך. בא־גלײַך מיטן אדל איז דער קלער אויכ געװען באפרײַט פון צאָלן שטײַערן און האָט געלעבט פון די האכנאָסעס פון די קלויסטער־ערד און פונעם ספעציעלן שטײַער לעטויװעס דער קירכע („צענטל"־שטײַער), מיט װעלכן עס איז געװען באשטײַערט די באפעלקערונג אין פראנקרײַך.

די דאָזיקע צװיי שטאנדן, דער אדל און דער העכסטער קלער, זײַנען גע־װען פּאראזיטן, װאָס האָבן געלעבט אפן כעזשבן פון די אַרבעטנדיקע מאסן. די

בישאָפנ אונ ארציביעאָפנ, וואָס שטאמענ געוויינלעכ פונעמ ייִכעסדיקנ אדל, פלעגנ דורכשניטלעכ באקומענ צו 100 טויזנט ליווער א יאָר. די האכנאָסע פונעמ קאר־דינאל ראָהאנ האָט דערגרייכט ביז א מיליאָנ ליווער. אינ דער זעלבער צײַט האָבנ די געמיינדע־גאלאָכימ געוויינלעכ געלעבט אינ דאכקעס אונ האָבנ זיכ פײַנטלעכ באצויגנ צו די „פירשטנ פונ קלויסטער", וואָס האָבנ באקומענ קאָ־לאָסאלע האכנאָסעס. זיי זײַנענ געשטאנענ נעענטער צו די נויטנ פונעמ פויער־טומ אונ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט. זייער מאטעריעלע לאגע איז אינ א היפשער מאָס געווענ אָפהענגיק פונ די קלויסטער־אָפצאָלנ, וואָס זיי פלעגנ אופ־מאָנענ בא דער פויערשער באפעלקערונג. עס איז דעריבער קיינ ווונדער ניט, וואָס די געמיינדע־גאלאָכימ האָבנ זיכ צײַטנווײַז געשטעלט אפ דער זײַט פונ די ארבעטנדיקע קעגנ דער פעאָדאלער אריסטאָקראטיע.

די אבסאָליוטע מאָנארכיע פונעמ XVIII יאָרהונדערט

אינעמ XVIII יאָרהונדערט איז פראנקרײַכ געווענ אנ אבסאָליו־טע (אומבאגרענעצטע) מאָנארכיע. אינ שפיצ איז געשטאנענ א קיניג, וואָס זײַנ אבסאָליוטע מאכט איז געווענ אנ אויסדרוק פונ דער הערשאפט פונ די גרויסע פעאָדאלע גוטבאזיצער, וועל־כע האָבנ געהערשט אינ פראנקרײַכ. דער פראנצויזישער קיניג איז אליינ געווענ דער גרעסטער ערד־אייגנטימער אונ האָט אונטערגעהאלטנ א פעסטע פארבינדונג מיט דער פעאָדאלער אריסטאָקראטיע. דער גאנצער מעלוכישער אפאראט איז געווענ אינ די הענט פונעמ אדל. פונ דעמ אדל אָדער פונעמ העכסטנ קלער פלעגנ באשטימט ווערנ מיניסטאָרנ. בלויז מעיוכעסדיקע אדליקע האָבנ געקאָנט פארנעמענ קאָמאנדיר־פאָסטנס אינ דער ארמיי.

אינ די פראָווינצנ זײַנענ געזעסנ באשטימטע פונעמ קיניג אדליקע פונ דער באאמטי־שער אריסטאָקראטיע—אינטענדאנטנ, וואָס זייער מאכט איז אינ די גרענעצנ פונ דער געגע־בענער טעריטאָריע פונ קיינעמ גאָרניט קאָנטראָלירט געוואָרנ. די 25־מיליאָניקע באפעלקערונג פונ לאנד האָט געמוזט אָנ שומ טײַנעס זיכ אונטערוואַרפנ די 35 אינטענדאנטנ, וואָס דער קיניג האָט באשטימט. פארשטענדלעכ, אז אזא פארוואלטונג־סיסטעמ האָט געעפנט די ברייט־סטע מעגלעכקײַטנ פאר ווילקיר אונ מיסברויכנס סײַ מיצאד די אָרטיקע, אזוי אויכ מיצאד דער צענטראלער מאכט. דער קלענסטער פרווו צו דעמאסקירנ אינ דער פרעסע אוואָסער־ניט־איז אומאָרדענונג איז באשטראָפט געוואָרנ מיט אומראכמאָנעסדיקער שטרענגקײַט. לויט דער אָנווײַזונג פונ דער הארבער צענזור זײַנענ אלע „געפערלעכע" ביכער פארברענט געוואָרנ. מע האָט פארפאָלגט ניט בלויז זייערע אווטערס, נאָר אויכ די פארלעגער אונ אפילע די פאר־קויפער. דער אָנשפאר פונעמ אבסאָליוטיזמ — די פראנצויזישע קאטוילישע קירכע — האָט ביטער געקעמפט קעגנ אלע נײַע אידייענ. די פארשטיינערטע דאָגמעס פונ דער קאטוילישער רעליגיע האָבנ געדארפט אויסדריקנ די פעסטקײַט פונ יענע פעאָדאלע פארהעלטענישנ, אפ וועלכע זי האָט זיכ געהאלטנ.

דער אבסאָליוטיזמ האָט אײַנגעהיט די פעאָדאלע פאָראָנדקעס אינ דאָרפ. דער אבסאָליוטיזמ איז געשטאנענ אפ דער וואכ פונ די פריווילעגיעס פונ די האַרנ די פריצימ. דער אבסאָליוטיזמ האָט פארטיידיקט די הערשנדיקע לאגע פונ דער פראנצויזישער קירכע. אינ אלע געביטנ פונ פאָלק־לעבנ איז די אבסאָליוטע מאָ־נארכיע פונעמ XVIII יאָרהונדערט געוואָרנ די גרעסטע מעניע אפנ וועג פונ דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג פונעמ לאנד, אפ איר האָט עס די בורזשואזיע דעריבער געמוזט א קלאפ טאָנ, קעדיי אָפצוראמענ דעמ וועג פאר דער אנטוויק־לונג פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט.

דער דריטער שטאנד

כוצ די 270 טויזנט אדעליקע אונ דעמ קלער האָט די גאנצע אי־בעריקע 25-מיליאָניקע באפעלקערונג פונ פראנקרײַכ פאָרגעשטעלט דעמ אזויגערופענעמ „דריטנ שטאנד". דער קלאַסנ־באשטאנד פונעמ „דריטנ שטאנד" איז געווענ זייער א בונטער: אינ אימ איז ארײַנ די גרויסע אונ קליינע שטאָטישע בורזשואזיע, די ארבעטער אונ, צולעצט, דאָס גאנ־צע פויערטומ, וואָס איז געווענ די גרונט-מאסע פונ דער באפעלקערונג.

דאָס פויערטומ

מיר האָבנ שוינ געזענ, ווי שווער עס איז געווענ די לאגע פונעמ פראנצויזישנ פויערטומ. די מאסע פויערימ האָט קעסיי־דער געהונגערט. די וועגנ אינ פראנקרײַכ זײַנענ געווענ פול מיט בעטלערס אונ שלעפּערס. ערעוו דער רעוואָליוציע האָט זייער צאָל אריבערגעשטיגנ א מיליאָנ, די פויערשע אומרוענ אונ די הונגער-בונטנ זײַנענ געווענ א גאנצ אָפטע דער־שײַנונג אינעמ פאררעוואָליוציאָנערנ פראנקרײַכ. בלויז אינ איינ נאָרמאנדיע זײַ־נענ פאָרגעקומענ פויערשע אומרוענ אינ די יאָרנ 1725, 1739, 1752, 1764, 1765, 1766, 1767, 1768. אינ די 70־ער יאָרנ זײַנענ געווענ אומרוענ אינ ריימס, דיזשאָנ, פאָנטוואזע אונ א ריי אנדערע ערטער פונ פראנקרײַכ. אינ דאָפינע אונ אָווערני האָבנ די פויערימ צעבראָכנ די טווע־שפּײַכלערס אונ האָבנ צוגענומענ דאָס ברויט לויטנ פרײַז, וואָס זיי אליינ האָבנ באשטימט. אינ ארלע האָבנ 2 טויזנט באַ־וואָפנטע פויערימ זיכ צונויפגעזאמלט באמ שטאָטישנ ראטהויז אונ געפאָדערט ברויט. סאָלדאטנ האָבנ זיי פאנאנדערגעטריבנ. דאָס פראנצויזישע פויערטומ, וואָס האָט געהאסט די פעאָדאלע פאָראָנדקעס, איז געווענ איינער פונ די גרונטלעכע טרײַב־קויכעס פונ דער רעוואָליוציע. פולשטענדיק אָפּשאפנ די פעאָ־דאלע פליכטנ, פארלײַכטערנ די שטײַער־לאסט אונ פאר־ברייטערנ דעמ ערד־שעטעכ—דאָס זײַנענ געווענ די גרונט־פאָדערונגענ פונעמ פראנצויזישנ פויערטומ. דאָס אונטערדריקטע, דערשלאָגענע, ניט־אָרגאניזירטע פויערטומ האָט אָבער געקאָנט זיכ דערשלאָגנ צו א ניצאָכנ ניט אנדערש, ווי נאָר ארויסטרעטנדיק אונטער דער אָנפירונג פונ דער בורזשואזיע אָדער פונ פראָלעטאריאט.

„...אָרגאניזירטקײַט, פּאָליטישע באוווסטזיניקײַט פונ די ארויסטרעטונגענ, זיי־ער צענטראליזירונג (וואָס איז נייטיק פארנ ניצאָכנ) — דאָס אלצ קאָנענ די צע־שטויבטע מיליאָנענ דאָרפישע קליינווירטנ באקומענ בלויז דאנ, ווענ עס פירט אָנ מיט זיי אָדער די בורזשואזיע אָדער דער פּראָלעטאריאט" (לענינ).

דער פּראָלע־טאריאט

מיר האָבנ שוינ געזענ, אז אינ פראנקרײַכ איז אינעמ XVIII יאָרהונדערט ניט געווענ ניכ קיינ פאבריק-זאוואָדישע מאשינ־אינדוסטריע, ניט קיינ אײַזנבאנענ; עס איז אויכ ניט געווענ קיינ פאבריק־זאוואָדישער פּראָלעטאריאט. אינעמ באשטאנד פונעמ דעמאָלטיקנ אר־בעטער־קלאַס זײַנענ ארײַנגעגאנגענ האנטווערקערישע ארבעטער פונ די גרויסע מא־נופאקטורנ, דאָרפישע קוסטארנ, האנטווערקער, וואָס האָבנ געארבעט אפנ אופקוי־פער־מאנופאקטוריסט, ארבעטער-געזעלנ אונ לערניינגלעכ פונ קליינע ווארשטאטנ אונ צולעצט, א גרויסע צאָל סעזאָנ-ארבעטער, הויפטזאכלעכ בויער (מולערס, טעסלערס אויכ טאָג-ארבעטער, שווארצארבעטער אאזוו. אאזוו.), וואָס פלעגנ זיכ צונויפקומענ אינ פּאריזש אונ אינ אנדערע גרויסע שטעט צו פרילינג-צײַט אונ זומער-צײַט,

די לאגע פון די דאָזיקע אַלע שיכטן פונעם ארבעטער-קלאַס, דעם דעמלטיקן שטאָטישן פּלעבס, איז געווען זייער א שווערע, דער ארבעטלוין איז געווען ביז גאָר נידעריק, דער ארבעטסטאָג האָט זיך געצויגן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט; פאַר דער קלענסטער פאַרשולדיקונג האָט מען שטראָפירט מיט א סאַך געלט; אפילו דאָס היימישע לעבן פון די ארבעטער איז געווען אונטער א שטרענגער אויפזיכט.

ביטער זיינען עקספּלואַטירט געוואָרן די האַנטווערקער פון דער דעצענטראַליזירטער מאַנופאַקטור, וואָס האָבן געארבעט פאַר די אויפקויפער. שטיק-ארבעט באַ נידעריקע טאַריפן, ווילקיר פון די סקוירע-צונעמער, וועלכע האָבן ברייט אָנגעווענדט בראַקערײַ, האַלוואָעס אַף וווּכערישע באַדינגונגען, דאָס געבן ארבעט ניט רעגולער, קעדיי מיט הונגער דערשטיקן די פּראָטעסטן — אָט דאָס זיינען עס געווען די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָט זיך געפונען דער ארבעטער פון דער דעצענטראַליזירטער מאַנופאַקטור. קעדיי ווי־עס-איז מיט צאָרעס זיך דורכלעבן, האָט ער געארבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, צווינגענדיק זײַן ווײַב און די מינדעריאָריקע קינדער, אַז זיי זאָלן אים העלפן.

שווער איז אויך געווען די לאַגע פון די צעכאָווע ארבעטער-געזעלן, וועלכע דער באַלעבאָס דער מײַסטער פלעגט אָן ראַכמאָנעס עקספּלואַטירן. געליטן האָבן די ארבעטער אויך פונעם יאָקרעס אַף די שפּײַז-פּראָדוקטן. די פּרײַזן אַף די פּראָדוקטן האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן צוליב די גרענעצ-אָפּצאָלן, וואָס מע פלעגט אויפמאָנען באַ די שטאָטישע ראָגאַטקעס, און צוליב די שטײַערן און טשינשן דער רעגירונג.

אָפטמאָל פלעגן אויך באַ דער אַלטער אָרדענונג אַף די גרויסע אונטערנעמונגען אויסברעכן שטרײַקן, צײַטנווײַז אויפשטאַנדן. נאָך אינמיטן XVIII יאָרהונדערט איז אַף דער געוואַנט-מאַנופאַקטור פון די ברידער וואַנ-ראָבע פאָרגעקומען א שטרײַק, וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע כאָדאָשים. מיט א יאָר 40 ביז דער רעוואָליוציע איז די שטאָט ליאָן אין מעשעך פון עטלעכע טעג געווען אין די הענט פון די אויפגעשטאַנענע ארבעטער.

אָבער דער דעמלטיקער ארבעטער-קלאַס פון פראַנקרײַך האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָפּגעזונדערט פון דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע און איז געווען נאָך „קימאַט צונויפגעגאָסן מיט איר" (לענין). ער האָט ניט געהאַט ניט זײַן פּאַרטיי, וואָס זאָל קאָנען אָנפירן מיט זײַנע רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגען, ניט די נייטיקע דערפאַרונג פון קלאַסנקאַמף. די איינציקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן דעמלט עקזיסטירט, זײַנען געווען די „ברידערשאַפטן" פון די צעכאָווע געזעלן און ווו-ניט-ווו קאַסעס פון קעגנזײַטיקער הילף. דער ארבעטער-קלאַס איז נאָך ניט געווען פייִק ארויסצוטרעטן אלס אָנפירער אינעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פון די ארבעטנדיקע, ער איז נאָך ניט געווען פייִק צו שטעלן זיך אין שפּיץ פון זייער רעוואָליוציאָנערן דראַנג קעגן דעם פעאָדאַליזם. אינעם פּאָליטישן קאַמף איז ער געגאַנגען אַפן עקסט-לינקן פליגל פון דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע. פונדעסטוועגן האָבן די ארבעטער שוין דאַן פאָרגעשטעלט מיט זיך איינע פון די טרײַב-קרעפטן פון דער רעוואָליוציע און זיי זײַנען ארויסגעטראָטן אלס די גרעסטע רעוואָליוציאָנערע קראַפט, באַזונדערס אין פּאַריזש, ווו די ארבעטער האָבן באַטראָפן א באַדײַטנדיקע מאַסע פון דער באַפעלקערונג.

די בורזשואזיע

אױס אָנפֿירנדיקע קראַפֿט פֿונעם „דריטן שטאַנד" אין זײַן קאַמף קעגן דער אַלטער אָרדענונג איז אינעם ערשטן פּעריאָד פֿון דער רעוואָלוציע אַרױסגעטראָטן די בורזשואזיע. אין פֿאַרלױף פֿון עטלעכע יאָרהונדערטער איז געוואָקסן די עקאָנאָמישע מעכטיקײַט פֿון דער פֿראַנצױזישער בורזשואזיע. דער וואַקסנדיקער האַנדל און אינדוסטריע פֿון פֿראַנקרײַך זײַנען געווען איר פֿונדאַמענט. די רײַכע געוואָרענע בורזשואַ האָבן קאָנקורירט אין לוקסוס מיט די אַריסטאָקראַטישע אַדעליקע אין פֿראַנקרײַך. זײ האָבן געבױט הײַזער, וואָס די בעסטע אַרכיטעקטאָרן און קינסטלער פֿון פֿראַנקרײַך האָבן זײ באַפּוצט. זײערע קינדער פֿלעגן באַקומען אַ גלענצנדיקע דערציִונג, אין זײערע פּרעכטיקע סאַלאָנען פֿלעגן זיך צונױפֿקומען די פֿאָרגעשריטענע פֿאָרשטײער פֿון דער דעמלטיקער װיסנשאַפֿט און קונסט.

קאָנצענטרירנדיק אין אירע הענט די אינדוסטריע און דעם האַנדל, האָט די פֿראַנצױזישע בורזשואזיע אַפֿילו אין געביט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט אָנגעהױבן קאָנקורירן מיטן אַדל און קירכע. אין די לעצטע יאָרצענדליקער פֿאַר דער רעוואָלוציע הײבט אָן די פֿראַנצױזישע בורזשואזיע צו פֿאַרנעמען זיך מיט אױפֿקױפֿן ערד. סאָכרים, וואָס האָבן זיך אָנגעלעבט אױף די האַנדל־אָפּעראַציעס, גרױסע מאַנופֿאַקטוריסטן, וואָס זײַנען רײַך געוואָרן אַדאַנק דעם וווּקס פֿון דער אינדוסטריע, דערווערבן זיך גרױסע גיטער.

מיטן וווּקס פֿון דער עקאָנאָמישער מעכטיקײַט פֿון דער בורזשואזיע איז געוואָקסן אױך איר קלאַסנווער זעלבסטבאַוווּסטזײַן. זי האָט אַלץ שאַרפֿער אָנגעהױבן באַנעמען איר פּאָליטישע רעכטלאָזיקײַט און האָט אַלץ ווײטיקלעכער דערפֿילט די אומפֿײִקײַט פֿון דער אַדעליקער מלוכה צו באַפֿרידיקן אירע אינטערעסן.

אָט דער ווידערשפּרוך צווישן דער עקאָנאָמישער מעכטיקײַט און פּאָליטישער רעכטלאָזיקײַט, וואָס איז פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן דורכן אַבסאָליוטיזם, האָט עס געשטױסן די פֿראַנצױזישע בורזשואזיע אױפֿן וועג פֿון רעוואָלוציע. אָבער ווײַט ניט אַלע שיכטן פֿון דער בורזשואזיע זײַנען געווען געשטימט רעוואָלוציאָנער. אַשטײגער, די פֿינאַנציעלע בורזשואזיע אין פֿראַנקרײַך (מאָנאָפּאָל־פּאַכטער באַנקירן) איז געווען ענג צוגעבונדן צו די יסודות פֿון דער אַלטער אָרדענונג און האָט נאָר געוואָלט זי אַ ביסל ברענגען אין אָרדענונג. די סיסטעם פֿון אָפּגעבן אין פּאַכט די שטײַערן, וואָס האָט געגעבן די פּאַכטער קאָלאָסאַלע רעוואָכים, האָט געקאָנט עקזיסטירן בלױז בײַ דער אַלטער אָרדענונג. אַרײַנטראָגנדיק פּאָרױס אין דער מלוכישער קאַסע גרױסע געלט־מיטלען, פֿלעגן די פּאַכטער באַקומען פֿון דער רעגירונג דאָס רעכט אַלײן אײַנצומאָנען די שטײַערן בײַ דער באַפֿעלקערונג און זײ פֿלעגן אומפֿאַרשעמט באַרױבן דאָס פֿאָלק. די באַנקירן פֿלעגן לײַען דער מלוכה גרױסע סומעס געלט און באַקומען פֿאַר זײ קאָלאָסאַלע פּראָצענטן, דעריבער זײַנען זײ לחלוטין ניט געווען פֿאַראינטערעסירט צו ליקווידירן די אַלטע אָרדענונג. זײ האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס ווײַטערדיקע רױבערישע באַלעבאַטעווען פֿונעם אַדל וועט ברענגען די מלוכה צו באַנקראָט און צום אָפּזאָגן זיך פֿון צאָלן חובֿות. דעריבער האָבן זײ חײשק געהאַט צו אײַנשטעלן אַ געוויסן קאָנטראָל איבער די מלוכישע האַכנאָסעס און הוצאָות, אָבער ניט שטעלנדיק זיך לחלוטין אױפֿן וועג פֿון רעוואָלוציע.

א סאַך מער אַנטשלאָסן איז געווען געשטימט די **האַנדל-אינדוסטרי-
עלע בורזשואַזיע**. די גאַנצע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער אַדעליקער
מאָנאַרכיע, וועלכע האָט טאָרמאָזירט דעם איבערגאַנג פונעם לאַנד צום אינדוס-
טריעלן קאַפּיטאַליזם, האָט געשטויסן די בורזשואַזיע אויפן וועג פון רעוואָליוציע.
די האַנדל-אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט געפאָדערט ראַדיקאַל איבערצובויען אַלע
געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן — פאַרניכטן די שטאַנדן-פּריווילעגיעס, געבן פול-
שטענדיקע פרייהייט דער פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, באַטייליקונג אין
דער אָנפירונג מיטן פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, מיט איין וואָרט, — פאַרניכטן די
פעאָדאַלע רעשטלעך און אָפּרייניקן דעם באָדן פאַר דער ווייטערדיקער קאַפּיטאַ-
ליסטישער אַנטוויקלונג אין פראַנקרייך. דעריבער וועלן מיר ווייטער זען, אַז אינעם
ערשטן פעריאָד פון דער רעוואָליוציע האָט די האַנדל-אינדוסטריעלע בורזשואַזיע
געשפּילט די ראָליע פון איינער פון די טרייב-קרעפטן פון דער רעוואָליוציע.
אָבער זייער גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בורזשואַזיע קאָן ניט דערפירן ביזן
סאָף די בורזשואַזע רעוואָליוציע, ס'האָט זיך אַנטפּלעקט איר שטרעבונג צו קומען
צו אַן אויסגלייך מיט די קרעפטן פון דער אַלטער אָרדענונג. „דער בורזשואַזיע
לוינט אָנצושפּאַרן זיך אויף אייניקע רעשטלעך פונעם אַלטוואַרג קעגן דעם פּראָ-
לעטאַריאַט, צום ביישפּיל, אויף דער מאָנאַרכיע, אויף דער שטענדיקער אַרמיי אאַז.
דער בורזשואַזיע לוינט, אַז די בורזשואַזע רעוואָליוציע זאָל ניט צופיל אַנטשיידן
אַראָפּראַמען אַלע רעשטלעך פונעם אַלטוואַרג, נאָר זי זאָל איבערלאָזן אייניקע פון
זיי, ד.ה. אַז די דאָזיקע רעוואָליוציע זאָל ניט זיין פולקום קאָנסעקווענט, זאָל
ניט דערגיין ביזן סאָף, זי זאָל ניט זיין אַנטשיידן און אומדערבאַרעמדיק" (**לענין**).

די שטאָטישע קליינבורזשואַזיע

די צעכן-מייסטערס, אייגנטימער פון ניט קיין גרויסע וואַרשטאַטן,
זעלבשטענדיקע האַנטווערקער האָבן אויסגעמאַכט דעם סאַמע
פילצאָליקן שיכט פון דער דעמאָלטיקער שטאָטישער באַפעלקערונג.
באַזונדערס האָבן געלעבט אַ סאַך אַזוינע האַנטווערקער אין פּאַריזש און אין
זיינע פאָרשטעט, ווו עס איז פון לאַנג אָן געווען קאָנצענטרירט די האַנטווער-
קעריי, וואָס האָט אויסגעאַרבעט לוקסוס-זאַכן פאַר דער פראַנצויזישער און אויס-
לענדישער אַריסטאָקראַטיע.

די שטאָטישע קליינבורזשואַזיע האָט שטאַרק געליטן פונעם שטייערן-דרוק און
פון דער פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט, פון די מאָנאָפּאָליעס און פּריווילעגיעס פונעם
אַדל; זי האָט געשטרעבט צו דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון דער אַלטער
אָרדענונג. די קליינבורזשואַזיע, וואָס איז ניט געווען געבונדן ניט מיט קיין גרויסע
פאַרמעגנס, ניט מיט קיין שרעק פאַר די שטאָטישע אונטערשטע שיכטן, וואָס
זיינען נעענטער געווען צו איר לויט זייער פאַרמעגן-לאַגע, איז גרייט געווען צו
האַנדלען אַנטשיידן און רעוואָליוציאָנער, קעדיי אַראָפּוואַרפן די אַלטע אָרדענונג.
אָבער דער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען, איז געווען
אַן ערנסטע געפאַר אויך פאַר דער קליינבורזשואַזיע. אויף וויפל יעטווידער גרויסע
אונטערנעמונג איז אַ קלאַפּ פאַר דער קליינער אונטערנעמונג, אויף אַזויפיל וואָלט
די קליינבורזשואַזיע, קעמפנדיק קעגן דער אַלטער אָרדענונג, געוואָלט צוזאַמען
דערמיט אָוועקשטעלן גרענעצן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע
און פון דעם גרויס-אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. דערמיט דערקלערט זיך די צווייע-

דיקע נאטור פונעמ קלײנעמ בורזשוא. פונ אײנ זײַט, קעמפט ער קעגנ דעמ גרויסנ קאפיטאל, וועלכער רוינירט אימ, קעגנ דער גרויסבורזשואזיע; פונ דער צווײטער זײַט, וויל ער פארפעסטיקנ זײַנ לאגע טאקע אלס לאגע פונ א קלײנעמ אײגנטימער, קעגנ דעמ אופוואכנדיקנ פראָלעטאריאט. אָבער אזא אופגאבע איז אינ טאָכ אומדערלײזבאר, און די קלײנבורזשואזיע ציט זיכ ניט ווילנדיק און אומפארמײַדלעכ אמאָל צו דער בורזשואזיע, אמאָל צומ פראָלעטאריאט. פונדאנענ שטאמט די וואקלדיקע, ניט שטאנדהאפטיקע לאגע פונ דער קלײנבורזשואזיע אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. דאָכ, אינ דער עפּאָכע פונ אראָפּווארפנ דעמ אבסאָליוטיזמ טרעט ארויס די שטאָטישע קלײנבורזשואזיע אלס אײנע פונ די טרײַבקרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע קעגנ די קרעפטנ פונ דער אלטער אָרדענונג און גײט צוזאמענ מיט די ארבעטער און פויערימ שטורעמענ דעמ פעאָדאליזמ.

דערמיט דערקלערט זיכ יענע רעוואָליוציאָנערע, אנטשײדנדיקע ראָליע, וואָס די שטאָטישע קלײנבורזשואזיע פונ פראנקרײַכ און אירע פירער האָבנ אָפּגעשפּילט אינ דער עפּאָכע פונ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע.

6. די אידעאָלאָגיע פונ דער אופשטײַגנדיקער בורזשואזיע

די אידעאָלאָגיע פונ דער בורזשואזיע פונ XVIII יאָרהונדערט איז געווענ די אזוי־גערופענע „אופקלערונג־פילאָסאָפיע“.

אינ גרונט פונ איר וועלט־אָנשויונג האָט די רעוואָליוציאָנערע בורזשואזיע פונעמ XVIII יאָרהונדערט געלײגט פרײַער פאר אלצ העמ גלויבנ אינ דער הערשאפט פונ שׂכל, אינעמ קויעכ פונ „אופקלערונג“. די פילאָסאָפיע פונ דער פעאָדאלער עפּאָכע, וואָס האָט אונטערגעוואָרפנ דעמ שׂכל צומ גלויבנ אינ דער הערשאפט פונעמ קלויסטער און פונ רעליגיע, האָט די בורזשואזיע אָפּגעוואָרפנ, ווי אנ איבעריקע לויטנ געדאנק פונ די בורזשואזע פילאָסאָפנ פונעמ XVIII יה. האָבנ דער שׂכל און די בילדונג געדארפט באפרײַענ דעמ מענטשנ פונ אלערלײ פאָרורטײלנ; מע דארפ בלויז פארניכטנ אלע באשרענקונגענ, אלע קײטנ, וואָס די קירכע און די פעאָדאלע אָרדענונג האָבנ ארופגעלײגט אפ דער מענטשהײט, דאנ וועט אָנקומענ די „נאטירלעכע אָרדענונג“, וואָס וועט געבנ די מעגלעכקײט צו פארווירקלעכנ די נאטירלעכע און אומאָפּנעמבארע רעכט, וואָס זײַנענ דעמ מענטשנ געגעבנ בא זײַנ געבורט.

די דאָזיקע טעאָריע פונ נאטירלעכנ רעכט האָט געדינט אלס געווער פאר דער בורזשואזיע אינ איר קאמפ קעגנ דעמ פעאָדאליזמ. פונעמ שטאנדפּונקט פונ שׂכל און פונ „נאטירלעכע“, „אײַנגעבאָרענע“ מענטשנ־רעכט האָט זי קריטיקירט די גאנצע פעאָדאלע אָרדענונג, אלע פעאָדאלע אנשטאלטנ. אירע קלאסנ־פאָדערונגענ פלעגט די בורזשואזיע ארויסשטעלנ אלס פאָדערונגענ פונ דער גאנצער מענטשהײט, אלס אירע „נאטירלעכע“, „אײַנגעבאָרענע“ רעכט. די קריטיק פונ דער אלטער אָרדענונג האָבנ די פילאָסאָפנ די אופקלערער אָנגעהויבנ פונעמ קאמפ קעגנ קלויסטער, וואָס האָט פארטײדיקט די אומגעוואקלטקײט פונ די קאטוילישע דאָגמעס קעגנ דער נײַער וועלט־אָנשויונג.

וואָלטער
(1778—1691)

באזונדערס שארפ איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דעמ קאטוילישנ קלויסטער דער באוווסטער פילאָסאָף פונעמ XVIII יאָרהונדערט וואָלטער, וועלכער האָט אויסגעדריקט די שטימונגענ און די קלאסנאינטערעסנ פונעמ אויבערשיכט בורזשואזיע און פונעמ פארבורזשואזעוועטנ אדל. וואָלטער האָט געפאָדערט „צעשטערנ די אלטע געבײַדע פונ שווינדל“, אָפּנעמענ באמ קלויסטער

זײַנע ערדבאזיצנ, פארניכטנ די פּריווילעגיעס פונ דעמ קלער אונ אריבערפירנ אימ אפ גע־האלט, צוגלײַכנדיק דעמ קלער צו מעלוכישע באאמטע.

אָבער די שטרעבונג צו „צעטרעטנ דעמ געמיינעמ“ (אזוי האָט ער אָנגערופנ דעמ קלויסטער) האָט בא וואָלטערנ געהויזט מיטנ אנערקענענ די נייטיקײַט פונ רעליגיע אלס מיטל צו האלטנ אינ געהאָרכזאמקײַט די נידעריקע קלאסנ. „אויב קיינ גאָט וואָלט ניט געווענ — וואָלט מענ אימ באדארפט אויסטראכטנ“, — פלעגט זאָגנ וואָלטער. לויט וואָל־טערס מיינונג, דארפ מענ „דעמ האמױנ האלטנ אינ שטרענגער געהאָרכזאמקײַט. דאָס פּאָשעטע פאָלק איז שטענדיק גראָב אונ טעמפּ. דאָס זײַנענ אָקסנ, וואָס דארפנ האָבנ א יאָכ, אנ אָנטרײַבער אונ פוטער“. „ווענ דער האמױנ ווערט אָנהייבנ צו טראכטנ, דאנ איז אלצ פארפאלנ“, — האָט וואָלטער באהויפּטעט. טאקע קעדיי צו האלטנ די מאסנ אינ צוימ, געפינט וואָלטער פאר נייטיק אײַנצוהאלטנ אי די רעליגיע אי די קיניגלעכע מאכט. אלס אויסדריקער פונ די אינטערעסנ פונעמ אויבערשיכט פונ דער דעמלטיקער בורזשואזיע, האָפט וואָלטער, אז אנ „אויפגעקלערטער קייסער“ זאָל פארווירקלעכנ זײַנע אידייענ, אונ פירט א טיכטיקע אונ בניפעדיקע קאָרעספּאָנדענצ דאָס מיטנ פּרײַסישנ קיניג, דאָס מיט דער רוסישער קייסערינע קאטערינע די צווייטע.

מאָנטעסקיע (1755—1689)

עטוואָס ווײַטער אינ געביט פונ פּאָליטישע פאָדערונגענ איז גע־גאנגענ א צווייטער אידעאָלאָג פונ יענער צײַט — מ אָ נ ט ע ס ק י ע. אינ זײַנ באוווסטנ ווערק „דער גײַסט פונ די געזעצנ“ האָט ער געלויבט די קאָנסטיטוציאָנעלע (באגרענעצטע) מאָנארכיע אונ איז געווענ א פארברענטער אָנהענגער פונ דער ענגלישער אָרדענונג. פאר א נייטיקער באגרענעצונג פונ דער מאָנארכיע האָט מאָנטעסקיע געהאלט די פ א נ א נ ד ע ר ט ײ ל ו נ ג פ ו נ ד ע ר מ א כ ט, בלויז דאָס וואָלט געקאָנט, לויט זײַנ מיינונג, זיכערנ די עמעסע פרײַהײַט. די געזעצגעבערישע מאכט דארפ זיכ געפינענ אינ די הענט פונ די פאָלק־פאָרשטייער, וואָס זײַנענ פאנאנדערגעטיילט אפ צוויי פּאלאטעס, די אויספירנדיקע — אינ די הענט פונעמ מאָנארכ, די געריכטלעכע — בא אויסגעווײלטע ריכטער. אלצ וואָלט פארלאָרנ געגאנגענ, ווענ איינ אונ דער זעלבער מענטש, אָדער א גרופּע מענטשנ וואָלט געהאט צו שאפנ אי־בער אלע דרײַ מינימ מאכט, — אזוי האָט מאָנטעסקיע באהויפּטעט.

די ענציקלאָפּעדיסטנ

וואָס מער עס איז קלאָר געוואָרנ, אז די פּריווילעגירטע שטאנדנ גייענ ניט אפ קיינע האנאָכעס, איז די פּראָגראמ פונ דער בורזשוא־זיע געוואָרנ אלצ שארפער אונ באשטימטער. דער גלויבנ אינ גאָט האָט אָפּגעטראָטנ דאָס אָרט דעמ מאטעריאליזמ אונ אטעיזמ.

דער יינגערער דאָר פילאָסאָפנ־אויפקלערער האָט זיכ גרופּירט ארומ דער אויסגאבע פונ דער „גרויסער ענציקלאָפּעדיע פונ קונסט אונ האנטווערקערײַ“, וואָס דער ציל אי־דער איז געווענ צו פארשפּרײטנ די וויסנשאפטלעכע דערגרייכונגענ אינ פארשיידענע געביטנ פונ וויסנ אונ זיי פארשפּרייטנ צווישנ דעמ ברייטנ עולעמ. די רעדאקטאָרנ פונ דער „ענציקלאָפּעדיע“ זײַנענ געווענ דער פילאָסאָפ ד י ד ר אָ (1713—1784) אונ דער מאטעמאטיקער ד א ל א מ ב ע ר (1717—1783). אלס מיטארבעטער אינ איר זײַנענ גע־ווענ צוגעצויגנ אלע פּאָרגעשריטענע דענקער פונ יענער צײַט; דערפאר האָט מענ זיי טאָ־קע א נאָמענ געגעבנ „ענציקלאָפּעדיסטנ“. די „ענציקלאָפּעדיע“ האָט אומדערבארעמדיק קריטיקירט אלע אנשטאלטנ פונ דער אלטער אָרדענונג. ניט אומזיסט האָט דער קיניגלע־כער ראט באשלאָסנ צו פארניכטנ די ערשטע צוויי בענדער פונ דער „ענציקלאָפּעדיע“. דאָכ, האָבנ די ענציקלאָפּעדיסטנ, די אויסדריקער פונ די אינטערעסנ פונ דער ליבעראלער בור־זשואזיע פונ XVIII יה., לאכלוטנ ניט געפאָדערט אײַנצופירנ די דעמאָקראטיע אונ זײַנענ גרייט געווענ צו באפרידיקנ זיכ מיט א קאָנסטיטוציאָנעלער (באגרענעצטער) מאָנארכיע. די מאכט פונ קיניג האָט געדארפט דינענ דער בורזשואזיע פאר א זיכערער שוצ קעגנ דעמ „אומוויסנדיקנ אונ אומזיניקנ האמױנ“.

רוסאָ (1712—1778).

וואָלטער, מאָנטעסקיע, די ענציקלאָפּעדיסטנ האָבנ אינ א פארשיי־דענער פאָרמ (מיט פארשיידענע שאטירונגענ) אויסגעדריקט די אינטערעסנ פונ פארשיידענע שיכטנ פונעמ פארבורזשואזעוועטנ אדל אונ פונ דער ליבע־

ראלער בורזשואזיע, וואָס קאָנ ניט ,,ניט שטרעבנ צו פרײַהײַט אונ צו געזעצלעכקײַט, וואָרעמ אָנ דעמ איז די הערשאַפט פונ דער בורזשואזיע ניט פולשטענדיק, ניט אומצעמויבלאר, ניט געזיכערט" (ל ע נ י נ). אָבער אינ דער אײגענער צײַט האָבנ זײ אַלע אָפּגעשפיגלט די שרעק פונ דער דאָזיקער ליבעראַלער בורזשואזיע פאַר דער באַוועגונג פונ די מאַסנ. פונדאַנענ נעמט זיכ די ניט־קאָנסעקווענטקײַט אונ האַלבקײַט פונ די בורזשואזע אידעאָלאָגנ. א סאַכ א שאַרפערער פּראָטעסט קלינגט דעריבער ניט אינ זײערע אָנפאַלנ אַפנ קלויסטער, אַבסאָלוטיזמ אונ פעאָדאַלע פּריווילעגיעס, נאָר אינ דער קריטיק, וואָס האָט זיכ געלאָזט הערנ פונ צווישנ דער קלײנבורזשואזער דעמאָקראַטיע, וואָס איר אָנגעזעענסטער פאָרשטײער איז געווענ ר ו ס אָ. רוסאָס אידײענ האָבנ קאָלאָסאַל געווירקט אַפ א רײ טוער פונ דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָבנ פאָרגעשטעלט די אינטערעסנ פונ דער שטאָטישער קלײנבורזשואזיע אונ פונעמ פויערטומ.

שטאַמענדיק אַלײנ פונ דער קלײנבורזשואזער סוויווע,* איז רוסאָ שאַרפ אַרויסגעטראָטנ קעגנ די קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס אונ קעגנ דער געזעלשאַפטלעכער אומגלײַכהײַט. ,,די ניטגלײַכהײַט ברענגט דערצו, וואָס אײניקע שטאַרבנ פונ הונגער אינ דער צײַט, ווענ אַנדערע שטיקנ זיכ פונ ווילטאָג,—האָט רוסאָ געזאָגט. אינ דער אָפּהאַנדלונג וועגנ ,,דער אַנטשטײונג פונ ניטגלײַכהײַט" האָט רוסאָ געמיט זיכ דערווײַזנ, אַז דער קוואַל פונ אַלע צאָרעס אונ אומגליקנ איז דאָס פּריוואַט־אײגנטומ אַפ ערד. רוסאָ האָט אָבער פונ דער דאָזיקער האַנאָכע לאַכלוטנ ניט געמאַכט דעמ אויספיר וועגנ דער נײטיקײט צו פאַרניכטנ דאָס פּריוואַט־אײגנטומ. רוסאָ קעמפט בלויז קעגנ צופיל גרויסע פאַרמעגנס אונ איז א הײסער פּאַרטײדיקער פונעמ קלײנעמ פּריוואַט־אײגנטומ. ,,קעדײ צו פאַרבעסערנ די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג דאַרפ מענ, אַז יעדער זאָל האָבנ פונ אַלצ גענוג אונ בא קײנעמ זאָל ניט זײַנ צופיל".—אַזוי האָט רוסאָ געשריבנ. זײַנע גרונט־אידײענ איבערגעגעבנ אינעמ באַוווסטנ ווערק ,,דער געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַכ". לויט רוסאָס געדאַנק אַנטשטײט די געזעלשאַפט דורכ א קעגנזײַטיקנ אויסגלײַכ פונ אײנצלנע פּערזאָנענ, וואָס שליסנ אַנ אָפּמאַכ צווישנ זיכ. רוסאָס געזעלשאַפטלעכער אידעאַל איז א דעמאָקראַטישע רעפּובליק פונ קלײנע אײגנטימער, ווו יעדע פאַמיליע באַפרידיקט אינ גרונט אַלײנ אירע באַדערפענישנ. אינ רוסאָס פילאָסאָפיע האָט זיכ אָפּגעשפיגלט די צווײַענדיקע לאַגע פונעמ קלײנעמ בורזשוא, קלײנעמ אײגנטימער.

א רעפּובליק פונ קלײנע אײגנטימער, דער דאָזיקער אידעאַל רוסאָס איז א פאַנטאַזיע, וואָס קאָנ ניט פאַרווירקלעכט ווערנ. רוסאָס אויסגלײַכערישער דעמאָקראַטיזמ איז פאַלש, אויב מע זאָל אימ באַטראַכטנ פונ שטאַנדפּונקט פונ די געזעצנ אינ דער אַנטוויקלונג פונ דער סכוירע־ווירטשאַפט אונ פונ דער בורזשואזער געזעלשאַפט, אָבער ,,דער דאָזיקער דעמאָקראַטיזמ איז דער ע מ ע ס פונ יענעמ אײגנאַרטיקנ, היסטאָריש־באַדינגטנ דעמאָקראַטישנ קאַמפ פונ די פויערשע מאַסנ, וואָס איז אַנ אומצערײַסבאַרער עלעמענט פונ דער בורזשואזער איבעראַנדערשונג אונ א באַדינג פאַר איר פולשטענדיקנ ניצאָכנ" (ל ע נ י נ).

רוסאָס אידײענ זײַנענ געווענ אַנ אויסדרוק פונ דער ,,שטרעבונג פונ די אַרבעטנדיקע מיליאָנענ קלײנבורזשואזיע א י נ ג א נ צ נ א סאָפ מאַכנ צו די אַלטע פעאָדאַלע עקספּלואַטאַטערס אונ פונ דער פאַלשער האָפענונג צו באַזײַטיקנ ,,פאַרײַנוועגס" די נײַע עקספּלואַטאַטערס, די קאַפּיטאַליסטישע" (ל ע נ י נ).

עמבריאָנענ פונ סאָציאַליסטישע לערעס

ניט לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע באַווײַזנ זיכ אינ פראַנקרײַכ אויכ עמבריאָנענ פונ די סאָציאַליסטישע לערעס. ,,בלויז דער אַלגעמײנער ערדבאַזיצ, וואָס האָט עקזיסטירט אינ דער עפּאָכע פונעמ אוראַלטנ קאָמוניזמ, קאָנ געבנ גליק דער מענטשהײַט", — האָט געזאָגט אײנער פונ רוסאָס נאָכפאָלגער, וועלכער האָט געמאַכט די ווײַטערדיקע אויספירנ פונ זײַנ אויסגלײַכערישער טעאָריע. ,,אינ דער געזעלשאַפט דאַרפ קײנ זאַכ ניט געהערנ צו וועמענ־ניט־איז באַזונדער אַלס אײגנטומ, כוץ זאַכנ, וואָס זײַנענ נײטיק אַפ צו באַפרידיקנ די באַדערפענישנ, פאַרגעניגנס אונ די טאָגטעגלעכע אַרבעט. אַלע בירגער ווערנ אויסגעהאַלטנ אונ באַקומענ אַרבעט אַפנ כעזשבנ פונ דער מעלוכע",—באַהויפּט א צווײטער פילאָסאָפ. אָבער די

---

* רוסאָ איז געווענ א זונ פונ א זײגערמאַכער אינ זשענעווע.

דאָזיקע סאָציאַליסטישע אידייענ זײַנענ געווענ בלויז „דער סימפּטאָמ, דער אויסדריקער, דער אָנזאָגער פונ יענעמ קלאָס, וועלכנ דער קאפּיטאליזמ געבוירט אונ וואָס איצט, צום אָנהייב XX יה., איז ער אויסגעוואָקסנ אינ א מאסנ-קראפט, וועלכע איז פײַיק צו מאכנ א סאָפּ צום קאפּיטאליזמ אונ גייט אָנ אָפּהאלט דערצו" (לענינ).

די סאָציאַליסטישע לערעס האָבנ אינ XVIII יאָרהונדערט געטראָגנ איבערהויפּט אנ אגרארנ כאראקטער. זיי האָבנ גערעדט וועגנ דעמ שאָדנ פונ פּריוואט-אייגנטומ בלויז אפּ ערד אונ ניט אפּ אלע געצײַג אונ מיטלענ פונ דער פּראָדוקציע.

אזא לאגע האָט ארויסגערופנ דער ניוואָ פונ דער דעמלטיקער ווירטשאפטלעכער אנט-וויקלונג אינ פראנקרײַכ, וואָס איז אינ סאָפּ XVIII יאָרהונדערט נאָכ פארבליבנ דעריקער אנ אגרארער לאנד, מיט אנ אינדוסטריע אונ מיט אנ ארבעטער-קלאס פונ מאנופאקטור-פּעריאָד.

7. די עפּאָכע פונ דער גרינדונג- אונ געזעצגעבערישער פארזאמלונג

די נאָענטסטע סי־בעס פונ דער רעוואָליוציע

די אומעגלעכקײַט פונ דער ווײַטערדיקער קאַפּיטאליסטישער אנטוויקלונג אינ פראנקרײַכ אינ די באדינגונגענ פונ דער אלטער אָרדענונג, אָט דאָס איז די גרונט-סיבע פונ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע. אָבער עס זײַנענ געווענ נאָענטסטע סיבעס, וואָס האָבנ ארויסגערופנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ אופרײַס גראָד אינ סאָפּ XVIII יה. אינ 1789 יאָר.

אויסערסט שווער איז געווענ די לאגע מיט די מעלוכישע פינאנצנ. ערעוו דער רעוואָליוציע האָט דער דעפיציט * שוינ דערגרייכט ביז 43 פּראָצענט פונעמ גאנצנ מעלוכישנ בודזשעט.** זוכנדיק געלט-מיטלענ, האָט די רעגירונג אָפּגעגעבנ אינ פאכט די שטײַערנ אפּ א סאכ יאָרנ פאָרויס אונ האָט געמאכט פילצאָליקע האלוואָעס. פראנקרײַכס אלגעמײנער כויוו האָט דערגרייכט 4,5 מיליארד, דאנ ווענ די יערלעכע האכנאָסע האָט באטראָפנ סאכאקל 2,5 מיליארד ליווער. אינ דער פארוואלטונג מיט די פינאנצנ האָט געהערשט א פולשטענדיקע אומאָרדענונג. די פּראָצענטנ פאר די האלוואָעס אונ די הויצאָעס אפּ אויסצוהאלטנ דעמ הויפּ אונ די ארמיי האָבנ יערלעכ אײַנגעשלונגענ העכער דרײַ פערטל פונעמ מעלוכישנ בודזשעט. אויסצאָלנ אפילע נאָר די פּראָצענטנ פאר די האלוואָעס איז געוואָרנ אלץ שווערער, באזונדערס נאָכ פראנקרײַכס אָנטייל אינ דער מילכאָמע פונ די אמעריקאנער קאָלאָניעס פאר אומאָפּהענגיקײַט, וואָס האָט געבראכט צו גרויסע הויצאָעס. אָבער דאָס פארהאלטנ די צאָלונגענ האָט ארויסגערופנ א שטארקע אומצופרידנקײַט בא דער פינאנציעלער בורזשואזיע, אלס הויפּט-האלטערנ פונ די מעלוכישע האלוואָעס. זי האָט מוירע געהאט, אז די מעלוכע וועט זיכ דערקלערנ באנקראָט אונ וועט אינגאנצנ אופהערנ צאָלנ. שליסנ נײַע האלוואָעס איז געוואָרנ אומעגלעכ: עס האָט געדראָעט א פינאנציעלע קאטאסטראָפע.

צום פינאנציעלנ קריזיס איז צוגעקומענ דער אינדוסטריעלער. די ענגלישע סכוירעס, וואָס פלעגנ פרײַ ארײַנגעפירט ווערנ קיינ פראנקרײַכ לויטנ אָפּמאכ פונ

* דעפיציט — מאנגל. דעפיציט אינ מעלוכע-בודזשעט איז די סומע אפּ וועלכער די הויצאָעס שטײַגנ אריבער די האכנאָסעס.

** בודזשעט — יערלעכע סמעטע פונ די מעלוכישע הויצאָעס אונ האכנאָסעס.

1786 י., האָבן ארונטערגעריסן דעם אָפּזאַץ פון די פאַבריקאַטן פון דער פראַנ-צויזישער אינדוסטריע. די רוסיש-טערקישע מילכאָמע פון די יאָרן 1787—1791 האָט דערלאַנגט א שטאַרקן קלאַפּ איבערן אָפּזאַץ פון די פראַנצויזישע סכוירעס אינ׳ לעוואַנט. דאָס האָט ארויסגערופן א קריזיס אין דער פראַנצויזישער אינדוסטריע. די ארבעטלאָזיקייט האָט ארומגעכאַפּט העכער 200 טויזנט ארבעטער.

און צולעצט, די אומגערעטעניש פון 1788 יאָר האָט ווייטעקדיק א קלאַפּ געטאָן איבער דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז אזוי אויך געווען אין זייער א שווערער לאַגע. עס האָט זיך געשאַפן א לאַגע, ווען ניט בלויז „די אונטערשטע שיכטן האָבן ניט געוואָלט לעבן אפן אלטן שטייגער", נאָר אויך „די אויבער-שיכטן האָבן ניט געקאָנט" שוין אָנפירן אפן אלטן שטייגער (לענינ). די נויט און צאָרעס פון די אונטערדריקטע קלאַסן האָבן זיך זייער פאַרשאַרפט; עס האָט זיך אופגעהויבן אויך זייער אקטיווקייט; עס האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסעווע ארויסטרעטונגען פון פויערים און ארבעטער, פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמשאַפט. עס האָבן אופגעפלאַקערט הונגער-בונטן און אופשטאַנדן, וואָס אפּ איינשטילן זיי האָט מען ארויסגעשיקט מיליטער. אין פאַריז זיינען פאָרגעקומען אומרוען צווישן די מאַנופאַקטור-ארבעטער. עס האָבן אויך געטומלט די סעזאָנ-ארבעטער, וואָס זיינען געקומען קיין פאַריז זוכן פאַרדינסטן און האָבן ניט גע-פונען פאַר זיך קיין ארבעט איבערן אלגעמיינעם שטילשטאַנד אין די געשעפטן.

די פרווון פון דער קיניגלעכער מאַכט דורכצופירן וועלכע-ניט-איז רעפאָרמעס, קעדיי געפינען אַן אויסוועג פון דער לאַגע, האָבן צו גאָרנישט ניט געבראַכט, און האָבן בלויז אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אז אויך די „אויבערשיכטן" קאָנען שוין ניט אָנפירן אפן אלטן שטייגער.

אשטייגער, דער גענעראַל-קאָנטראָליאָר* טיורגאָ, וואָס האָט געפּרווט מאַכן עטלעכע שריט אפּ צופּאַסן די אלטע מאָנאַרכיע צו די נייע בורזשואזע פּאָראָנדקעס, האָט געכאַפּט א פולשטענדיקע מאַפּאַלע. טיורגאָ האָט זיך דערשלאָגן בא לוי XVI א האַסקאָמע ארויסצו-נעמען איניקע אומדירעקטע שטייערן בא די פּאַכטער פון די הענט, אָפּצושאַפן די צעכן. טיורגאָ האָט גערעכנט אויסקויפן די פעאָדאלע פליכטן און אָפּשאַפן די שטאַנדן-פּרי-ווילעגיעס. אָבער טיורגאָס ערשטע פּרווון האָבן ארויסגערופן א שטורעם פון צאָרן בא די פּריווילעגירטע. קעגן טיורגאָן האָט זיך אויסגעבילדעט א פעסטע פּאַרטיי אומצופרידענע פון צווישן אדל, דעם העכערן קלער און גרויסע פּאַכטער. טיורגאָן איז אויסגעקומען אָנצוגעבן אינ דעמיסיע און די רעפאָרמעס, וואָס ער האָט דורכגעפירט, זיינען אָפּ-געשאַפט געוואָרן. דער אדל און דער העכערער קלער האָבן אנטשיידן דערוויידערט קעגן מינד-סטן אָנרירן זייערע רעכט און פּריווילעגיעס.

מיט איין וואָרט, די הערשנדיקע קלאַסן האָבן, שטייענדיק פארן טיפן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס, ארויסגעוויזן, אז עס פעלט צווישן זיי אכדעס. די צעשפּאַלטונג אין זייער סוויווע איז געוואָרן א פאַקט. און אָט אין דעם דאָזיקן שפּאַלט פון דער אלטער מאָנאַרכיע האָט זיך אָנגעהויבן דורכרייסן די אומצופרידנקייט פון פאָלק, וואָס האָט געשלאָגן ווי א קוואַל. די רעוואָליוציע האָט זיך אָנגערוקט גאָר נאָענט.

---

* א פּאָסטן, וואָס אנטשפּרעכט דעם פּאָסטן פון פינאַנצ-מיניסטער.

דאָס צונויפרופנ די גענעראל־שטאטנ

זוכנדיק אנ אויסוועג פונ דער געשאפענער לאגע, איז דער קיניג געווענ געצווונגענ צו דערקלערנ וועגנ דעמ פאָרשטייענדיקנ צונויפרופ פונ די גענעראל־שטאטנ, וואָס האָבנ זיכ ניט פאר־זאמלט שוינ העכער אָנדערהאלבנ הונדערט יאָר, פונ 1614 יאָר אָנ.

די גענעראל־שטאטנ, וואָס זײַנענ אופגעקומענ נאָכ אינעמ XIV יאָרהונדערט, זײַנענ געווענ א פארזאמלונג פונ פאָרשטייער פונ דרײַ שטאנדנ, דערבײַ האָט זיכ יעדער שטאנד געהאט זײַנ באזונדערע זיצונג אונ געשטימט באזונדער. באמ לײַזנ וויכטיקע פראגעס פלעגנ די מיינונגענ פונעמ אדל אונ פונעמ קלער, וואָס האָבנ פאָרגעשטעלט אינ גרונט איינ אונ דעמ זעלבנ קלאס גרויסע ערדבאזיצער, גע־ווײנלעכ צונויפאלנ; אזויארומ פלעגט דער דריטער שטאנד בלײַבנ אינ דער מינדערהײַט. ווענדיק באקומענ פונעמ דריטנ שטאנד א האסקאָמע אפ אײַנצופירנ נײַע שטײַערנ, האָט איצט די קיניגלעכע מאכט געגעבנ זייערע פאָרשטייער 600 ערטער אינ די גענעראל־שטאטנ, אונ דעמ אדל אונ קלער נאָר צו 300. אָבער אינעמ באפעל וועגנ דעמ צונויפרופ איז גארניט געווענ געזאָגט וועגנ דעמ סיידער פונ שטימענ. בא א נאָמענטלעכער אָפשטימונג וואָלט דער דריטער שטאנד באקומענ פונקט אזויפיל שטימענ (600) וויפל דער אדל אונ דער קלער צוזאמענ (300 + 300). אויב אָבער די אָפשטימונג וואָלט פאָרקומענ באזונדער לויט יעדנ שטאנד, איז וויפל פאָרשטייער דער דריטער שטאנד זאָל ניט האָבנ, וואָלט מענ אלצײַנס זײַנ שטימ גערעכנט פאר אנ איינס לעגאבע די צוויי שטימענ פונעמ אדל אונ קלער. דעריבער האָט די פראגע וועגנ דעמ סיידער פונ דער אָפשטימונג ארויסגערופנ ליידנשאפטלעכע שטרײַטנ נאָכ ערעוו דעמ צונויפרופ פונ די גע־נעראל־שטאטנ.

די וואלנ פונ די גענעראל־שטאטנ זײַנענ פאָרגעקומענ בא אנ אלגעמיינער אופרעגונג; איבערנ גאנצנ לאנד האָט זיכ געפירט אנ אגיטאציע, עס האָבנ זיכ באוויזנ א מאסע בראָשורנ אונ פלוג־בלעטלעכ, וואָס האָבנ פארטיידיקט די אינ־טערעסנ פונ פארשיידענע קלאסנ. די ווונטשנ אונ די ביטעס פונ דער באפעל־קערונג זײַנענ אויכ געוואָרנ באשריבנ אינ באזונדערע „אפעליאציע־העפטנ”, אָנזאָגנ, וואָס זײַנענ צונויפגעשטעלט געוואָרנ בײַס די וואלנ פונ די גענעראל־שטאטנ. אינ די אָנזאָגנ פונעמ אדל אונ קלער האָט מענ זיכ מיט מעליצע געפלײַסט צו דער־ווײַזנ די נייטיקײַט צו איבערלאָזנ אומבארירלעכ די יעסוידעס פונ דער אלטער אָרדענונג — די שטאנדנ־פריווילעגיעס פונעמ אדל אונ קלער.

אינ די אָנזאָגנ פונ דער בורזשואזיע איז געווענ דײַטלעכ פאָרמולירט איר קלאסנ־פראָגראמ: די פאָדערונג פונ פאָליטישע רעכט, אָפשאפנ די שטאנדנ־פריווי־לעגיעס, פרײַהײַט פונ פריוואט־ווירטשאפטלעכער טעטיקײַט אונ אנ אומבאשרענקטעס אייגנטומ־באנוצ. וועגנ דער פראגע צו אָפשאפנ די פעאָדאלע פליכטנ, וואָס זײַנענ געפאלנ אפנ פויערטומ, האָט די בורזשואזיע געהאלטנ פאר גלײַכער צו שווײַגנ.

דערפאר אָבער זײַנענ די פויערשע אָנזאָגנ געווענ פול מיט אָנקלאָגעס אפנ מאנגל אינ ערד, אפ די הויכע ארענדע־פרײַזנ, אפ די שווערע שטײַערנ אונ פעאָדאלע פליכטנ, אפ דער אונטערדריקונג אונ אכזאָריעסדיקײַט מיצאד די סע־ניאָרנ, וואָס האָבנ פארכאפט די געמיינדישע גיטער.

דער סיידער פון די וואלן

וואלרעכט האבן באקומען בלויז די, וואס צאלן דירעקטע שטייערן. כוץ דעם, האט מען געדארפט האבן אפגעוווינט א געוויסע צייט אפ איין ארט, האבן אן אייגענע דירע אאוו. צו דערצו זיינען די דירעקטע וואלן איינגעשטעלט געווארן בלויז פאר פריווי־לעגירטע; די וואלן פון די דעפוטאטן פונעם דריטן שטאנד זיינען געווען צוויי־דריי־ און אפילע פיר־שטופיקע. *

פארשטענדלעך, אז בא אזוינע באדינגונגען זיינען די פויערים, ארבעטער און קליינע האנטווערקער פארשטויסן געווארן אפן הינטער־פלאן און אין באשטאנד פון די גענעראל־שטאטן זיינען פונעם דריטן שטאנד פאקטיש דורכגעגאנגען



א זיצונג פון די גענעראל־שטאטן

פארשטייער פון דער בורזשואזיע און פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ. צווישן די דעפוטאטן פון דעם קלער איז צוגלייך מיט די בישאפן און אבאטן געווען א סאך דארף־גאלאכים. קיין פויערים און ארבעטער זיינען אין די גענעראל־שטאטן ניט געווען.

די עפענונג פון די גענעראל־שטאטן

דעם 5־טן מיי 1789 יאר האבן זיך געעפנט די גענעראל־שטאטן. אפ דער פייערלעכער זיצונג איז אויסגעהערט געווארן א דעקלאראציע פון דער רעגירונג, פון וועלכער עס איז קלאר געווארן, אז די גע־נעראל־שטאטן מוזן זיך באגרענעצן בלויז מיט געבן זייער דערלויבעניש אפ נייע שטייערן און טארן ניט פארנעמען קיין שום ערנסטע רעפארמעס. פאר דער בור־זשואזיע האט אבער דער דאזיקער פארשלאג ניט געטויגט. אסיגנירן געלט פאר

* דירעקטע הייסן אזוינע וואלן, ווען די גאנצע באפעלקערונג קלייבט אויס די־רעקט די דעפוטאטן אליין; בא צווייישטופיקע וואלן מערקט אן די באפעלקערונג ערשט די וויילער, וועלכע קלייבן שוין נאכדעם אליין אויס פון צווישן זיך דעפוטאטן.

דער רעגירונג, ניט אײַנשטעלנדיק איבער איר קײנ שומ קאָנטראָל, ניט צווינגענ-דיק זי צו דינענ אירע, דער בורזשואזיעס, אינטערעסנ — דאָס האָט זי ניט גע-וואָלט. קעדײ צו דערשלאָגנ זיכ צו אירע צילנ, „האָט זי זיכ אָנגעכאַפּט פאַר דער פראַגע וועגנ דער אָפּשטימונג, וועלכע דער באַפעל וועגנ צונויפרופנ די גענעראַל-שטאַטנ האָט, ווי געזאָגט, אינגאַנצנ פאַרשוויגנ. אינ מעשעכ פונ א גאַנצנ כוידעש האָבנ די דעפּוטאַטנ פונ דער בורזשואזיע געפּרוווט ווירקנ אפנ אדל אונ קלער, אז זײ זאָלנ מאַסקימ זײַנ אפ א נאָמענטלעכער אָפּשטימונג. די פּריווילעגירטע זײַנענ אָבער ניט מאַסקימ געווענ, ווײַל א נאָמענטלעכע אָפּשטימונג וואָלט איבערגעגעבנ די לײזונג פונ אלע פראַגעס צו דער בורזשואזיע אינ די הענט. געענדיקט האָט זיכ דערמיט, וואָס דעמ 17-טנ יונ 1789 יאָר האָבנ די דעפּוטאַטנ פונעמ דריטנ שטאַנד, פילנדיק הינטער זיכ די אונטערשטיצונג פונ די פאָלקמאַסנ, זיכ דערקלערט פאַר א נאַציאָנאַלער (שפּעטער — גרינדונג) פאַרזאַמ-לונג אונ האָבנ פאָרגעלײגט די דעפּוטאַטנ פונעמ אדל אונ קלער צו אָנשליסנ זיכ צו זײ. אויב ניט האָבנ זײ געדראָעט ניט אנערקענענ זײערע מאַנדאַטנ. מוירע האָבנדיק, מע זאָל זײ ניט פאַנאַנדערטרײַבנ מיט גוואַלד, האָבנ די דעפּוטאַטנ פונ-נעמ דריטנ שטאַנד אַרויסגעטראָגנ א באַשלוס, וואָס האָט פאַרווערט דער רעגירונג אופצומאָנענ וואָסערע-ניט-איז שטײַערנ אָנ דער באַשטעטיקונג פונ זײער גרינ-דונג-פאַרזאַמלונג.

אפנ רופ פונעמ דריטנ שטאַנד האָבנ זיכ די ערשטע אָפּגערופנ די דאָרפ-גאַלאַכימ. אינגיכנ איז צוגעשטאַנענ צו זײ די גרופּע „נײַער אדל“, וואָס איז געווענ פאַרבונדנ דורכ אלגעמײנע אינטערעסנ מיט דער האַנדל-בורזשואזיע אונ האַנדל-אינדוסטריעלער בורזשוא-זיע. אָבער דער קיניגלעכער הויפ אונ א באַדײַטנדיקער טײל פּריווילעגירטע האָבנ פּראָ-טעסטירט. לויטנ באַפעל פונ קיניג איז דער זיצונג-זאַל פונעמ דריטנ שטאַנד פאַרשפּאַרט געוואָרנ. דאַנ (דעמ 20-טנ יונ 1789 יאָר) האָבנ די דעפּוטאַטנ זיכ צונויפגעזאַמלט אינ א פּריוואַטער געבײַדע (אינ א זאַל אפ שפּילנ אינ פּילקע) אונ האָבנ געשוואָרנ זיכ ניט פאַ-נאַנדערגײנ, קאָלזמאַנ עס וועט ניט אויסגעאַרבעט ווערנ א קאָנסטיטוציע — די גרונט-גע-זעצנ וועגנ פאַרוואַלטנ מיטנ לאַנד. אלס ענטפער אפ דער דאָזיקער „בונטאַרישער“ באַשטימונג האָט דער קיניג ווידער צונויפגערופנ א פײַערלעכע פאַרזאַמלונג פונ אלע דעפּוטאַטנ אונ האָט באַפוילנ אלע שטאַנדנ פאַנאַנדערגײנ זיכ אונ פירנ די זיצונגענ יעדערער באַזונדער. אָבער די דעפּוטאַטנ פונ דריטנ שטאַנד האָבנ זיכ ניט אונטערגעוואָרפנ דעמ דאָזיקנ באַפעל. די דאָזיקע אויסוועגלאָזיקע לאַגע האָט געצוווּנגענ די רעגירונג צו גײנ אפ האַנאָכעס; דער קיניג האָט געהײסנ דעמ אדל אונ קלער זיכ אָנשליסנ צומ דריטנ שטאַנד.

אזוי זײַנענ די גענעראַל-שטאַטנ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אָדער גרינדונג-פאַרזאַמלונג פונ פראַנקרײַכ. דאָס איז געווענ א גרויסער ניצאָכנ פונ דער בורזשואזיע.

די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונג פונ די פאָלק-מאַסנ. דאָס אײַננעמענ באַסטיליע דעמ 14 יול 1789 י.

אָבער מיט דער דאָזיקער האַנאָכע האָט די רעגירונג גע-שטרעבט בלויז צו געווינענ צײַט. קײנ פּאַריזש אונ ווערסאַל האָט מענ צונויפגעצויגנ מיליטער אפ פאַנאַנדערטרײַבנ די גרינ-דונג-פאַרזאַמלונג. אינ אָנהײב יול האָט דער קיניג באַפרײַט אינ דעמיסיע דעמ פּאָפּולערנ פינאַנצ-מיניסטער נעקער, וואָס איז געווענ גרײט צו גײנ אפ אנ אויסגלײַכ מיט דער בורזשואזיע. דאָס איז געווענ מיצאַד דעמ קיניג א דירעקטער אַרויסרופ, וועל-כער איז געוואָרפנ געוואָרנ אינ פּאָנעמ אַרײַנ די ברײטע מאַסנ פונ דער באַפעלקערונג.

ווינטער 1788/89 האָבן ניט אופגעהערט די פויערשע אומרוען. די רעוואָליוציאָ-נערע אופרעגונג האָט ארומגעכאפט אויך די שטעט. די מאסן האָרעפּאשניקעס האָבן מיט אומגעדולד געווארט, אז די גענעראל־שטאטן וועלן פארגרינגערן זייער לאגע. דעריבער האָבן די קלאנגען וועגן דעם פאָרשטייענדיקן פאנאנדערטרייַבן די נאַ־ציאָנאלע פארזאמלונג פארשטארקט די אופרעגונג פון די פאָלקמאסן. די ידיעה וועגן נעקערס דעמיסיע און וועגן דעם נייַעם רעאקציאָנערן מיניסטעריום, וואָס דער קיניג האָט צונויפגעשטעלט, איז געווען א פונק, וואָס איז אריינגעפאלן אין א פולווער־קעלער. „צום געווער!" — האָבן געהילכט אויסגעשרייען. די געווער־לאגערן זייַנען צעגראָמירט געוואָרן, די באפעלקערונג האָט פארכאפּט אין אירע הענט ביקסן און אפילו עטלעכע הארמאטן. א באזונדערס אקטיווע ראָליע האָט געשפּילט דערבייַ די ארבעטערשע און האנטווערקערשע באפעלקערונג פון די פאריזשער פאָרשטעט סען-אנטואן און סען־מארסאָ.

איבער גאנץ פּאריזש האָבן געקלונגען אליארעם־גלעקער. דעם 14־טן יול 1789 י. אינדערפרי, האָט דאָס פאָלק זיך א לאָז געטאָן צו דער באסטיליע — צו דער אלטער



דאָס אייַנעמען די באסטיליע, דעם 14־טן יול 1789 י.

פעסטונג, וואָס האָט געקאָנט ווערן א שטיץ־פונקט פאר דעם קיניגלעכן מיליטער. אכוץ דעם, האָט דאָס פאָלק אייַנגעזען אין דער באסטיליע די פארקערפערונג פון דער אלטער אָרדענונג, ווייַל די דאָזיקע פעסטונג האָט גלייַכצייַטיקט געדינט אויך אלס טפיסע פאר מעלוכישע פארברעכער.

די אופגעשטאנענע פאָלקמאסן האָבן אָנגעהויבן באלאגערן די פעסטונג. אומ-זיסט האָבן געדונערט די פעסטונג-הארמאטן, די באלאגערער זייַנען דרייסט געגאנגען אין שלאכט. זיי האָבן ניט געקוקט ניט אף דער געפאר און ניט אפן

טויט. דעם 14־טן יול 1789 האָבן זיי איינגענומען באַסטיליע. * א טייל מיליטער איז אריבער צו די ארבעטער- און האַנטווערקער-מאַסן פון פּאַריזש.

„אָבער דאָס איז דאָך א בונט!“ — האָט אויסגעשריִען לוי XVI, ווען מע האָט אים געלאָזט וויסן וועגן די פאָרגעקומענע געשעענישן. „ניין, קיניג, דאָס איז א רעוואָליוציע“, — האָט געענטפערט איינער פון די הויף-לײַט.

דער פאָלק-אופשטאַנד האָט גערעטעוועט די נאַציאָנאַלע פארזאמלונג פון דער געפאַר פאַנאַנדערגעטריבן צו ווערן. דער קיניג איז געווען געצוווּנגען אָפּצוגעבן א באַפעל וועגן ארויספירן דאָס מיליטער פון פּאַריזש און צו אנערקענען די נאַ-ציאָנאַלע פארזאמלונג. די בורזשואזיע האָט זיך געאײַלט צו פארפעסטיקן פאר זיך די פּרוכט פונעם ניצאָכן.

נאָך מיט עטלעכע טעג פאַרן אײַננעמען די באַסטיליע שאַפט די בורזשואזיע א באַזונדערע „נאַציאָנאַלע גוואַרדיע“ — א שוץ־אַרמיי, וווּהין מע האָט צוגענומען בלויז פאַרמעגלעכע בירגער. אין דער שפּיץ פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן דער מאַרקיז לאַפאַיעט, איינער פון די פאָרשטייער פון די פאַרבורזשואזעוועטע שיכטן פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטיע, וועלכער איז אריבער־געגאַנגען אַפ דער זײַט פונעם דריטן שטאַנד. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט די בורזשואזיע באַשטימט ניט בלויז אַפ קעמפן קעגן דער אַלטער אָרדענונג, נאָר אויך, אין פאַל ווען עס וועט נייטיק זײַן, צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דראַנג פון די פאָלקמאַסן. אין דער אייגענער צײַט זעט די בורזשואזיע מיט אַלע מיטלען אָפּצונעמען דאָס געווער בא די עלעמענטן, מיט וועלכע זי איז ניט זיכער. נאָכן אײַננעמען די באַסטיליע האָט זיך די רעוואָליוציאָנערע כוואַליע צעגאָסן איבער גאַנץ פראַנקרײַך, מע האָט אָנגעהויבן ברעכן די אַלטע מעלוכע-מאַשין. אין די שטעט האָט מען אראָפּגענומען די באַאַמטע פון דער פריִערדיקער אָרדענונג און מע האָט אויסגעוויילט שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, אַלס אָרגאַנען פון דער נײַער בורזשואזער מאַכט. אומעטום האָט זיך אָרגאַניזירט די נאַציאָנאַלע בורזשואזע גוואַרדיע אַפ באַשיצן די נײַע אָרדענונג. אדאַנק דער ארויסטרעטונג פון די ברייטע מאַסן ארבעטנדיקע האָט די בורזשואזיע אומעטום געזיגט, פונקט ווי אין פּאַריזש.

די גרויס־בורזשואזיע און דאָס פּויערטום

ברייטע מאַססטאַבן האָט אָנגענומען אויך די פּויערשע מאַסנ־באַוועגונג. אומעטום האָבן אופגעפלאַקערט פּויערשע אופ־שטאַנדן. די פּויערים האָבן זיך גענומען צום געווער. באַוואָפנט מיט קאָסעס, היי־גאָפּלען, דרעש־דרענגלעך, האָבן זיי גע־צונדן די שלעסער פון די פעאָדאַלן, פאַרניכטעט די דאָקומענטן וועגן די פאַר־האַסטע פעאָדאַלע פליכטן און טיילמאָל אויסגעהארגעט די סעניאָרן אליין. איבער גאַנץ פראַנקרײַך האָבן געקלונגען די שטורעם־גלעקער. א טייל פונעם דערשראָ־קענעם אדל איז אנטלאָפן קיין אויסלאַנד.

די פאַרמעגלעכע בורזשואזיע, וואָס איז געזעסן אין דער גרינדונג־פאַרזאמ־

---

* די פראַנצויזישע בורזשואזיע פּייערט נאָך ביז איצט יערלעך דעם טאָג פון אײַננעמען די באַסטיליע, דעם 14־טן יול.

לונג, איז געווען אין טויט־שרעק פאר דער אגראר־רעוואָליוציע. צו איר אליין האָט געהערט א באדייטנדיקער טייל פון די אדעליקע ערד און זי האָט באקומען האכנאָסע פון פעאָדאלע פליכטן. זי האָט מוירע געהאט, אז די אופגעשטאנענע פויערים וועלן באם פארניכטן דאָס פעאָדאלע אייגנטום ניט נאָר אָנטאָן איר שאָדן, נאָר זיי וועלן שפּעטער אָנגרייפן אויך אפן בורזשואזן אייגנטום. קעדיי צו דער־שטיקן די רעוואָליוציאָנערע פויערים־באוועגונג זיינען טייקעף ארויסגעשיקט געוואָרן שטראָף-אָטריאדן. אָבער אין איין אָרט פלעגט מען די פויערשע אופשטאנדן דערשטיקן און אין א צווייטן אָרט פלעגן זיי ווידער אופלאקערן. גאנץ פראנקרייך איז געווען ארומגעכאפּט פון דער אגראר־רעוואָליוציע. ווילנדיק ניט ווילנדיק איז דער בורזשואזיע אויסגעקומען א טראכט צו טאָן וועגן דעם פויערטום. אפ דער באנאכטיקער זיצונג פונעם 4-טן אווגוסט 1789 יאָר האָבן די דערשראָקענע גאלאָכים און פריצים אליין פאָרגעלייגט אָפּשאפן אייניקע פעאָדאלע רעכט. דערביי האָבן די אדעליקע גערן אָנגעוויזן אפ דער שווערקייט פון דעם קלויסטער־שטייער („צענטל-שטייער“), און די גאלאָכים האָבן שיין געטייַנעט וועגן אדעליקן געיעג, וואָס איז אן אומגליק פאר די פויערשע פעלדער. מיט איין וואָרט, יעדער איז גרייט געווען אָפּצוזאָגן זיך פון יענע רעכט, וואָס האָבן אים ניט געהערט. נאָך לאנגע קריגערייען איז באשלאָסן געוואָרן אָפּצושאפן די שטאנדן־פּריווילעגיעס, דעם „צענטל־שטייער“, דאָס רעכט אפ געיעג און נאָך אייניקע פארעלטערטע און פאר די פריצים ווייניק וויכטיקע רעכט. עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן א פייערלעכע דעקלאראציע וועגן דער פארניכטונג פון די פעאָדאלע פליכטן. אָבער זי איז געבליבן נאָר אפן פאפיר. עס זיינען בלויז אָפּגעשאפן געוואָרן די פליכטן, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער פערזענלעכקייט פונעם פויער (פריצישע געריכטן, באנאליטעטן אדג.), אָבער פון די פליכטן, וואָס זיינען געלעגן אפ דער ערד, האָבן די פויערים געמוזט, לויטן באשלוס פון דער גרינדונג־פארזאמלונג, זיך אויסקויפן און דערביי אפ זייער שווערע, ניט־אויספילבארע באדינגונגען.

די אויסקויף־סומע, וואָס די גרינדונג־פארזאמלונג האָט באשטימט, האָט באטראָפן 20 — 25 מאָל אזויפיל, ווי די יערלעכע גרייס פון די פליכטן. פון אלע פליכטן האָט מען באדארפט זיך אויסקויפן מיטאמאָל און דערביי דאָס גאנצע דאָרף צוזאמען. די גאנצע אויסקויף־סומע האָט מען געמוזט ארייַנטראָגן מיטאמאָל. אין אלגעמיין האָט די גרינדונג־פארזאמלונג פאָרגעלייגט דעם פראנצויזישן פויערטום אויסצאָלן ביז צוויי מיט א האלבן מיליארד ליווער, קעדיי זיך צו באפרייען פון די פעאָדאלע פליכטן. קלאָר, אז בא אזוינע באדינגונגען איז דער אויסקויף געווען אומעגלעך און די פעאָדאלע פליכטן זיינען געבליבן ליגן ווי א לאסט אפן פראנצויזישן פויערטום. די פויערים־פראגע איז אזוי טאקע געבליבן ניט געלייזט אין משעך פון דער גאנצער צייט, וואָס עס האָט עקזיסטירט די גרינדונג־פארזאמלונג. ניט געקוקט אפ די דראָונגען פון דער גרינדונג־פארזאמלונג, האָבן די פויערים זיך אָפּגעזאָגט אויסצופילן די פעאָדאלע פליכטן און זיי האָבן ווייטער געפירט דעם רעוואָליוציאָנערן קאמף קעגן דעם פעאָדאלן דרוק.

די אַרויסטרעטונג פונ די פּאַריזשער מאַסנ

די בורזשואַזע גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט אויכ גאָרניט געטאָנ אַפּ צו פאַרגרינגערנ די לאַגע פונ דער שטאָטישער אָרעמשאַפט. די באַפעלקערונג פונ פּאַריזש און פונ זײַנע פאָרשטעט האָט זיכ געמאַטערט אינ קלעמ פונ נויט אונ איז געווענ אופגעבראַכט. דעמ 5-טנ אָקטיאַבער 1789 יאָר האָט די פּאַריזשער אָרעמשאַפט, איבערהויפּט פרויענ, זיכ א לאָז געטאָנ אַפּ ווערסאַל * אונ מיט גוואַלד געצווונגענ דעמ קיניג מיט זײַנ פאַמיליע אַריבערצופאָרנ פונ ווערסאַל קיינ פּאַריזש. דער קיניג איז געוואָרנ אָט ווי א געפאַנגענער באַמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלק.

די רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגענ פונ די פּויערימ אונ אַרבעטנדיקע מאַסנ האָבנ אָנגעשראָקנ די גרויסבורזשואַזיע, אונ זי האָט גענומענ זוכנ אַנ אויסגלײַכ מיט די קרעפטנ פונ דער אַלטער אָרדענונג. די גרויס־בורזשואַזיע האָט שוינ מוירע פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע אונ זאָרגט קוידעמ־קאָל וועגנ אײַנהיטנ איר אייגנטומ אונ דאָס פּריצישע אייגנטומ קעגנ די אָנפאַלנ פונ די פּאָלקמאַסנ. שוינ דעמ 10-טנ אויגוסט 1789 י. האָט די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווענ אָנגעשראָקנ פונ די פּויערשע אומרוענ, אַרויסגעגעבנ א געזעצ וועגנ דערשטיקנ די אומרוענ, וואָס זײַנענ געווענדט „קעגנ די שטערער פונ דער געזעלשאַפטלעכער רויִקײַט״, וואָס פאַרמעסטנ זיכ אַפּנ „הייליקנ אייגנטומ״ פונ די פּריצימ. אינ אָקטיאַבער 1789 יאָר, נאָכנ מאַרש פונ דער פּאַריזשער אָרעמשאַפט אַפּ ווערסאַל, גיט אַרויס די גרינדונג־פאַרזאַמלונג א געזעצ וועגנ קריג־צושטאַנד אונ דערלויבט דער מאַכט צו שיסנ אינ אומבאַוואָפנטנ המונ, ווענ ער וועט ניט וועלנ פאַנאַנדערגיינ זיכ. דעמאָלט הייבנ זיכ אויכ אָנ די פאַרפאָלגונגענ קעגנ די רעוואָליוציאָנערע צײַטונגענ.

אַזוי האָט די גרויסבורזשואַזיע זיכ אָפּגעזאָגט צו דערפירנ די בורזשואַזע רעוואָליוציע ביזנ סאָפּ, ד. ה. צו פאַרניכטנ דעמ פעאָדאַליזמ אינ פראַנקרײַכ אונ צו באַזײַטיקנ די פאַרטיידיקערנ פונ די פעאָדאַלע פּאָראָנדקעס — די קיניגלעכע מאַכט. אַלס די גרונט־טרײַבקרעפטנ, וואָס זיכערנ, אַז די רעוואָליוציע זאָל דערפירט ווערנ ביזנ סאָפּ, זײַנענ אַרויסגעטראָטנ דאָס פּויערטומ אונ דער פּלעבס.

די „דעקלאַראַציע פונ רעכט פונעמ מענטשנ אונ בירגער״ אונ די קאָנסטיטוציע פונ 1791 יאָר

אַלס רעזולטאַט פונעמ אָפּמאַכ צווישנ דער גרויסבורזשואַזיע מיט די פּריצימ איז געקומענ די קאָנסטיטוציע פונ 1791 יאָר, וועלכע די גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט אויסגעאַרבעט. נאָכ פאַר דער קאָנסטיטוציע איז געווענ אויסגעאַרבעט די „דעקלאַרציע פונ רעכט פונעמ מענטשנ אונ בירגער״, — אינ 1789 יאָר.

די באַוווּסטע „רעכט־דעקלאַראַציע״ פונ 1789 יאָר איז געווענ א מאַניפעסט פונ דער פראַנצויזישער רעוואָליוציאָנערער בורזשואַזיע פונ XVIII יאָרהונדערט. זי האָט פײַערלעכ פּראָקלאַמירט די יעסוידעס פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט: די אָפּשאַפונג פונ שטאַנדנ אונ שטאַנדנ־פּריווילעגיעס, אַלעמענס גלײַכהײַט פאַרנ

* ווערסאַל איז דאָס אָרט, ווו דער קיניג פלעגט זיכ געפינענ — 20 קילאָמעטער ווײַט פונ פּאַריזש. אַהינ איז אויכ אַריבערגעפירט געוואָרנ די גרינדונג־פאַרזאַמלונג.

געזעצ, דעם פרינציפ פונעם פאָלקס איבערהאַנט, די איַינגעבוירענע „נאַטירלעכע״ רעכט פון יעדן מענטש און בירגער.

1. „מענטשן ווערן געבוירן און בלײַבן פרײַע און גלײַכע אין די רעכט; די סאָציאַלע אונטערשיידן קאָנען זיך באַזירן בלויז אַפן אַלגעמיינעם נוצן״.

2. „דער ציל פון יעטווידן פּאָליטישן פאַרבאַנד איז איַינהיטן די נאַטירלעכע און אומאָפּנעמבאַרע רעכט פונעם מענטשן; די דאָזיקע רעכט זײַנען: פרײַהײַט, אייגנטום, געפאַרלאָזיקײַט און ווידערשטאַנד קעגן אונטערדריקונג״,—ווערט געזאָגט אין דער דעקלאַראַציע.

די דעקלאַראַציע האָט איַינגעשטעלט די אומבאַרירלעכקײַט פון פערזענלעכקײַט, פרײַהײַט פון וואָרט, פון פרעסע, פון רעליגיעזן גלויבן, דאָס רעכט פון די בירגער אַליין אָדער דורך זייערע פאָרשטייער אַרויסצוגעבן געזעצן און איַינצופירן די אָדער יענע שטײַערן.

די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען האָט די בורזשואַזיע פּראָקלאַמירט אַלס אוניווערסאַלע, פאַר אַלע צײַטן און אַלע פעלקער. איגדערעמעסן אָבער זײַנען אין דער „רעכט־דעקלאַראַציע״ אויסגעדריקט די יעסוידעס פון דער ב ו ר ז ש ו א ז ע ר געזעלשאַפט, וואָס איז געקומען פאַרבײַטן די פעאָדאַלע געזעלשאַפט. אונטערן באַגריף „גלײַכהײַט״ האָט די בורזשואַזיע פאַרשטאַנען בלויז גלײַכהײַט פאַרן געזעץ און די פרײַהײַט איז געווען בלויז פרײַהײַט צו באַלעבאַטעווען איבערן בורזשואַזן פּריוואַט־אייגנטום. דעם בורזשואַזן קלאַסן־כאַראַקטער פון דער „רעכט־דעקלאַראַציע״ איז באַזונדערס בוילעט צו זען אינעם 2־טן * און 17־טן אַרטיקלען פון דער „דעקלאַראַציע״, ווו דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון דער בורזשואַזיע ווערט צוויי מאָל פּראָקלאַמירט, אַלס הייליק און אומאָפּנעמבאַר רעכט.

„אַזויווי אייגנטום איז אַ הייליק און אומצעשטערלעך רעכט, קאָן מען דאָס בײַ קיינעם ניט אָפּנעמען, אויסער די פאַלן, ווען דאָס פאָדערט די געזעצלעך־פעסטגעשטעלטע געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקײַט, דערבײַ מיטן באַדינג פון אַ פאָרויסיקער באַלוינונג״,—זאָגט דער 17־טער אַרטיקל.

ניט וועגן פרײַהײַט פון פאַרזאַמלונגען, ניט וועגן פרײַהײַט פון פאַריינען, וואָס זײַנען אַזוי וויכטיק פאַר די אַרבעטנדיקע אין זייער קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, איז אין דער „רעכט־דעקלאַראַציע״ קיין וואָרט ניט געזאָגט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אויך ניט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם, ווי קאָן מען זיכערן אַווירקלעכע עקאָנאָמישע גלײַכהײַט פון אַלע בירגער.

דאָך, איז אין XVIII יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך געפירט אַ קאַמף קעגן פעאָדאַליזם, קעגן פעאָדאַלע פּריווילעגיעס און אַבסאָליוטיזם זײַנען די פּרינציפּן, וואָס זײַנען אויסגעדריקט אין דער „רעכט־דעקלאַראַציע״ געווען ר ע וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ע פּרינציפּן, און די „רעכט־דעקלאַראַציע״ האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע באַדײַטונג. מע האָט זי מיט באַגײַסטערונג געלייענט ניט בלויז אין פראַנקרײַך, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע. אפילע אינעם לײַבייגנטימערישן זעלבסטהערשערישן רוסלאַנד האָבן זיך געלאָזט הערן אירע אָפּקלאַנגען.

די קאָנסטיטוציע פון 1791 יאָר, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין $2^1/_2$ יאָר אַרום, איז געווען אַ שאַפונג פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט שוין געהאַט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די פּריצים. לויט דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע זײַנען די בירגער אָנשטאָט דער „גלײַכהײַט״, וואָס די „דעקלאַראַציע״ האָט פּראָקלאַמירט, איַינגעטיילט געוואָרן אַפ „אַקטיווע״ און „פּאַסיווע״, דה. אָן וואַל־רעכט. צו דער צאָל אַקטיווע האָט מען פאַררעכנט בלויז די פאַרמעגלעכע

* דער אויבן געבראַכטער.

בירגער; פונ דער 25-מיליאָניקער באַפעלקערונג אינ פראַנקרײַכ האָבנ זיכ געפונענ סאַכאַקל 4 מיליאָנ אַזוינע „אַקטיווע" בירגער. בלויז „אַקטיווע" בירגער האָבנ געקאָנט אויסגעוויילט ווערנ אינ די אָרגאַנענ פונ דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַל-טונג, בלויז זיי האָבנ געקאָנט אַרײַנגעטרעטנ אינ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס איז געוואָרנ, אַזויאַרומ, אַ ריינ בורזשואַזע שוץ־אַרמיי; די גאַנצע איבעריקע באַפעלקערונג האָט ניט געהאַט קיינ רעכט צו טראָגנ געווער. „דער, וואָס פאַרמאָגט גאָרניט — דער איז ניט קיינ מיטגליד פונ דער געזעלשאַפט", — האָבנ געזאָגט די דעפּוטאַטנ פונ דער בורזשואַזיע אינ דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. „פאַר-וואַלטונג אונ געזעצגעבערײַ — דאָס איז אַ זאַכ פאַר אייגנטימער, ווײַל בלויז זיי זײַנענ ווירקלעכ פאַראינטערעסירט אינ דעמ".

מיט אַ שאַרפנ פראָטעסט האָבנ דערויפ אָפּגעענטפערט די פאַרטיידיקער פונ די אינטערעסנ פונ דער קליינבורזשואַזיע אונ שטאָטישער אָרעמשאַפט.

„אויב נאָר איינ טייל פונ דער נאַציע פאַרמאָגט די העכסטע רעכט, אונ דער צווייטער טייל זײַנענ פּאַשעט אונטערטאַנער, איז אַזאַ פּאָליטישע אָרדענונג ניט מער אונ ניט ווייניקער, ווי אַנ עמעסע אַריסטאָקראַטיע. אונ נאָכ וואָס פאַר אַנ אַריס-טאָקראַטיע! די סאַמע אומדערטרעגלעכסטע פונ אַלע: אַנ אַריסטאָקראַטיע פונ רײַכע, וואָס אונטער איר יאָכ ווילט איר אַוועקשטעלנ דאָס פאָלק, וואָס האָט זיכ נאָרוואָס באַפרײַט פונעמ דרוק פונ דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע... ווער זשע האָט אײַכ גע-געבנ דאָס רעכט אָפּצונעמענ באַמ פאָלק זײַנע רעכט"? — פרעגט אויפגעבראַכט ראָבעספּיער (1758 — 1794), דער פירער פונ דער קליינבורזשואַזיע.

ראָבעספּיער

מאַקסימיליאַנ ראָבעספּיער, אַנ אַדוואָקאַט לויט דער פראָפעסיע, האָט מיט זײַנע פלאַמיקע רעדעס שוינ לאַנג צוגעשמידט צו זיכ די אַכטונג פונ די רעוואָליוציאָנערע קרײַזנ. ראָבעספּיערס אַרויסטרעטונגענ קעגנ די ברייטע פולמאַכטנ, וואָס זײַנענ געגעבנ געוואָרנ דעמ קיניג, קעגנ ניט דערלאָזנ די פאַסיווע בירגער אינ די רייענ פונ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, זײַנע רעדעס צו פאַרטיידיקנ די רעכט פונ מאַסנ-פעטיציעס האָבנ געשאַפנ ראָבעספּיערנ אַ ברייטע פּאָפּולערקײַט בײַ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע.

ראָבעספּיערנ האָט מיטגעפילט אויכ מאַראַט (1744 — 1793), אַ פלאַמיקער רע-וואָליוציאָנער, וואָס האָט געהאַסט די אַלטע אָרדענונג אונ וואָס האָט פילבאַר זיכ אָפּגערופנ אויפ די נויטנ פונ די ברייטע פאָלקמאַסנ. אַ דאָקטער לויט זײַנ ביל-דונג, אַ טאַלאַנטפולער פובליציסט, האָט מאַראַט אָפּגעגעבנ זײַנ פענ צו דינסט דער רעוואָליוציע. זײַנ צײַטונג „פרײַנט פונ פאָלק" איז ברייט באַוווּסט געווענ צווישנ די אַרבעטנדיקע. מאַראַט האָט אינ איר גאַליק אויסגעלאַכט די שטראָמענ רעדנער־קונסט פונ די דעפּוטאַטנ אינ דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס שטרעבנ מיט פרעכטיקע רעדעס צו פאַרדעקנ די אומטעטיקײַט פונ דער בורזשואַזיע אונ איר אומפײַיקײַט צו לייזנ די גרונט־פראַגעס פונ דער רעוואָליוציע.

„מע האָט קיימ באַווײַזנ צו אָנערקענענ, אַז אַלע מענטשנ זײַנענ גלײַכ לויט

זייער נאטור און מוזנ אָנ שום אונטערשייד גערופנ ווערנ אפ די שטעלעס, צו וועלכע זיי זײַנענ פייִק און מיט וועלכע זיי זײַנענ ווערט אָנצופירנ, ווי איר האָט שוינ צוגעגעבנ: אָבער — ניט האָבנדיק געצאָלט קיינ דירעקטנ שטײַער א מארקע אינ זילבער,* קאָנענ זיי ניט זײַנ קיינ פאָרשטייער פונ דער נאציע; ניט צאָלנדיק קיינ דירעקטנ שטײַער פונ 10 ליווער, קאָנענ זיי ניט ווערנ קיינ וויי־לער; ניט צאָלנדיק קיינ דירעקטנ שטײַער פונ דרײַ ליווער קאָנענ זיי ניט זײַנ קיינ אקטיווע בירגער. אָט אזוי האָט איר מיט די דאָזיקע דריבנע באוואָרענישנ געפונענ א כיטרע מיטל צו פארמאכנ פאר אונדז די טירנ פונ דער געזעצגעבע־רישער פארזאמלונג, פונ די געריכטנ, דירעקטאָריעס, מוניציפאַליטעטנ... אײַער בא־וווסטע „רעכט־דעקלאראציע" איז, הייסט עס, געווענ ניט מער ווי א פוסטע צאצקע, וואָס נאראָנים זאָלנ זיכ מיט איר טרייסטנ, אזוי לאנג ווי איר האָט מוירע געהאט פאר זייער אופרעגונג, אָדער זי בא־שטייט, אינ דער לעצטער שורע, פאָשעט אינ אײַ־בערגעבנ די רײַכע אינ די הענט אלע פאָרצוגנ, אלע קיבודימ אינ דער נײַער אָרדענונג... און פאר אונדז בלײַבנ די פאָרצוגנ פונ דער קאָנסטי־טוציע שטעקנ אינ דעמ, וואָס מע לאָזט אונדז צו־ריק אינ נויט און אינ קויט", — אזוי האָט געשריבנ מאראט, דער פרײַנט פונ פאָלק.

מאראט

קעדיי צו דערשטיקנ די באוועגונג, האָט די גרויסבורזשואזיע זיכ געניייטיקט אינ א שטארקער מאכט. לויטנ אָפמאכ מיט די פריצימ האָט די בורזשואזיע געלאָזט אינ דער שפיצ פונ פראנקרײַכ דעמ קיניג און האָט אימ געגעבנ ברייטע פולמאכטנ. דער קיניג האָט באשטימט די מיניסטאָרנ און די הויפט־קאָמאנדירנ, געפירט דיפלאָמאטישע אונטערהאנדלונגעג מיט אנדערע לענדער; ענדלעכ, האָט ער געקאָנט זיכ אָפזאָגנ צו באשטעטיקנ די געזעצנ, וואָס די גע־זעצגעבערישע פארזאמלונג האָט אָנגענומענ, און „אָפשטעלנ" זייער דורכפירונג אינ לעבנ. צו דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג האָט געהערט בלויז דאָס רעכט ארויסצוגעבנ געזעצנ און פאנאנדערטיילנ די באשטײַערונג. אזויארומ איז אינ פראנקרײַכ אײַנגעשטעלט געוואָרנ א ק אָ נ ס ט י ט ו צ י אָ נ ע ל ע (באגרענעצטע) מ אָ נ א ר כ י ע, וואָס האָט פארטיידיקט די אינטערעסנ פונ דער גרויסבורזשואזיע און פונ די פארבורזשואזועטע פריצימ.

די גרינדונג־פארזאמלונג האָט אָפגעראמט דעמ באָדנ פאר דער בורזשואזער געזעלשאפט און האָט דערמיט פארניכטעט די פריִערדיקע אײַנטיילונג פראנקרײַכס אפ באזונדערע פראָווינצנ מיט זייערע באזונדערע גרענעצ־אָפצאָלנ, פארשיידנאר־טיקער סיסטעמ פונ מאָס און וואָג. עס איז אײַנגעפירט געוואָרנ די מעטרישע מאָס־סיסטעמ. די אינערלעכע טאמאָזשנע־שיידוועגט זײַנענ פארניכטעט געוואָרנ; גאנצ פראנקרײַכ איז אײַנגעטיילט געוואָרנ אינ 83 גלײַכע דעפארטאמענטנ, ווו די אָר־

* בא 54 פראנק.

טיקע מאכט איז געוואָרן אויסגעוויילט פון דעם פאַרמעגלעכן טייל באַפעלקערונג — פון די „אַקטיווע" בירגער. דער גערייכט פון סעניאָרן און קיניגלעכע באַאַמטע איז פאַרביטן געוואָרן אויף א גערייכט פון געשווירענע. עס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן די צעכן, עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די רעגירונג־רעגלאַמענטאַציע פאַר דער אינדוסטריע. עס איז איבערגעקוקט געוואָרן אויך די שטײַערן־סיסטעם, און אין גרונט איז געלייגט געוואָרן דער שטײַער אויף ערד; דאָס באַוועגלעכע פאַרמעגן איז באַשטײַערט געוואָרן א סאך שוואכער, וואָס דאָס האָט ווידערמאָל געלוינט דער האַנדל־אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער בורזשואזיע.

די גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט אויך דורכגעפירט א קלויסטער־רעפאָרמע.

די הויפּט־מעכטיקײַט פונעם קאַטוילישן קלויסטער האָט זיך געהאַלטן אויף זײַנע קאָלאָסאַלע ערד־פאַרמעגנס. שטרעבנדיק צו פאַרניכטן די ווירקונג פונעם קאַטוילישן קלויסטער, אַלס איינעם פון די אָנשפּאַרן פון דער אַלטער פעאָדאַלער אָרדענונג, האָט די בורזשואזיע קאָנפיסקירט די גאַנצע קלויסטער־ערד. די קלויסטער־ערד איז דערקלערט געוואָרן אַלס א „נאַציאָנאַל־פאַרמעגן", און דער קלער איז צוגעגליכן געוואָרן צו דער לאַגע פון באַאַמטע — אָנגעשטעלטע, וואָס באַקומען געהאַלט בא דער מעלוכע. די גאַלאָכים און בישאָפן פלעגן צוגלײַך מיט אַנדערע אַמט־פערזאָנען געוויילט ווערן אויף א פאַרזאַמלונג פון אַקטיווע בירגער און האָבן געמוזט שווערן טרײַהײַט דער קאָנסטיטוציע. די קלויסטער־רעפאָרמע האָט געהאַט אויך א פינאַנציעלע באַדײַטונג: די ערד, וואָס מע האָט אָפּגענומען באַם קלויסטער, האָט מען אָנגעהויבן פאַרקויפן, כדי דעקן דעם מעלוכע־כויוו. די רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזט ספּעציעלע פּאַפּיר־געלט (אַסיגנאַטן), וועלכע זי האָט געזיכערט מיט די אָפּגענומענע קלויסטער־ערד. די בורזשואזיע און די פאַרמעגלעכע שיכטן פון פויערטום האָבן באַקומען די מעגלעכקײַט צו קויפן ערדכאַלאָקים פון די געוועזענע קלויסטער־ערד.

די פּאָליטיק פון דער בורזשואזיע בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס. לע־שאַפּעליעס געזעץ (14־טן יונג 1791 יאָר)

באַזונדערס בולעט האָט דער בורזשואזער כאַראַקטער פון דער פּאָליטיק פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג זיך אַרויסגעוויזן אין איר באַציונג צו די אַרבעטער.

אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע איז די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס אַלץ געבליבן זייער א שווערע. איבער דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין אָפּזאַץ האָט זיך פאַרקירצט די פּראָדוקציע פון לוקסוס־זאַכן, פון וועלכע עס האָבן געלעבט א מענגע האַנטווערקער; די גווירים האָבן אָפּגעזאָגט א סאך פון זייערע באַדינער. פון דער אַרבעטלאָזיקײַט האָבן געליטן די שנײַדער, שוסטער, בוי־אַרבעטער. מוירע האָבנדיק פאַר אומרוען אויפן באָדן פון אַרבעטלאָזיקײַט, האָט די רעגירונג אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ווינטער 1790/91 יאָר האָט זיך די לאַגע עטוואָס פאַרבעסערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן א פעריאָד פון א געוויסער אינדוסטריעלער אויפלעבונג. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט א פאָדערונג וועגן העכערן דעם אַרבעטלוין, וואָס איז געשטאַנען אויף זייער א נידעריקן ניוואָ, און האָבן אונטערגעשטיצט זייערע פאָדערונגען מיט שטרײַקן. עס האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. אַשטייגער, די בוי־אַרבעטער האָבן אָרגאַניזירט א געזעלשאַפט פון קעגנזײַטיקער הילף פאַר די בויער, די דרוקער — א פאַריין פון דרוקערײַ־אַרבעטער. די

שטאָט־פּאַרוואַלטונג פון פּאַריז, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט בא דער גרויסבורזשואַזיע, האָט אָנגעגריפן אַף די אַרבעטער. זי איז אויך געשטיצט געוואָרן פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג.

דעם 14-טן יונ 1791 יאָר האָט די גרינדונג-פאַרזאַמלונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרווערט אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניקונגען, פאַרזאַמלונגען, שטרײַקן. די ברעכער פונעם געזעץ האָבן געדאַרפט שטרענג באַשטראָפט ווערן. דער געזעץ האָט באַקומען דעם נאָמען „לע-שאַפּעליעס געזעץ", אַ נאָמען נאָכן דעפּוטאַט, וואָס האָט אים פאָרגעלייגט. איניגיכן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַשטימונג וועגן ליקווידירן די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן; בא 20 טויזנט אַרבעטער זײַנען אַרויס־געוואָרפן געוואָרן אַפ דער גאַס. אַזוי איז די בורזשואַזיע, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט בלויז אַדאַנק דעם רעוואָליוציאָנערן דראַנג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, באַלד אַרויסגעטראָטן קעגן די אַרבעטער בא זייער ערשטן פּרווו אָנצוהייבן אַ קאַמפּ פאַר די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס. לע-שאַפּעליעס געזעץ, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 14-טן יונ 1791 יאָר, איז געבליבן אין קראַפט ביז 1864 י.

דעם קיניגס אַנט־לויפן

די קלאַסן-ווידערשפּרוכן אין לאַנד האָבן געהאַלטן אין איינ פאַרשאַרפט ווערן. גייענדיק אַפ געצווונגענע האַנאָכעס, האָט דער קיניג און די הויף־קליקע געהיים געוואַרט בלויז אַפ אַ גוטער געלעגנהייט, קעדיי אַ טעל צו מאַכן פון דער רעוואָליוציע. זיי האָבן געהאָפט אַפ אַן אויסלענדישער אַרײַנמישונג און אַפ הילפ פון די אַדעליקע עמיגראַנטן. דעם קיניגס ברידער און אַ סאַך פון דער הויף־אַריסטאָקראַטיע, אַפילע אייניקע בור־זשואַזע געשעפט־לײַט, זײַנען אַנטלאָפן קיינ אויסלאַנד אויס שרעק פאַר דער רע־וואָליוציע.

דער צענטער פון דער דאָזיקער קאָנטררעוואָליוציאָנערער עמיגראַציע איז געוואָרן די דײַטשישע קליינע שטאָט קאָבלענץ, נאָענט צו דער מיזרעכדיקער גרענעץ פון פראַנקרײַך. סאָפ 1791 יאָר האָט דאָס בינטל קאָנטררעוואָליוציאָנערע עמיגראַנטן אין קאָבלענץ דער־גרייכט ביז 20 טויזנט מאַן. דאָ האָט מען געמאַכט פּלענער פון אַן אָנפאַל אַפ פראַנקרײַך, עס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן עמיגראַנטישע אָטריאַדן צו גייען אַפ פּאַריז. עס זײַנען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן געזאַנדטע צו די אויסלענדישע הויפן מיט ביטעס וועגן קריג־און געלט־שטיצע.

די עמיגראַנטן האָבן פאַרטראַכט צו אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן פונעם פראַנ־צויזישן קיניג קיינ אויסלאַנד, ווו ער האָט באַדאַרפט זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער עמיגראַנטישער אַרמיי און מאַרשירן אַפ פראַנקרײַך. מיט דער קראַפט פון באַגנעטן האָט מען זיך געקליבן אופצושטעלן אין פראַנקרײַך צוריק די אַלטע פאָראָנדקעס.

באַם הויף האָט מען זיך טיכטיק געגרייט צום אַנטלויפן. די קלאַנגען וועגן דעם האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער גאַנץ פּאַריז. אָבער די גרינדונג־פאַר־זאַמלונג האָט גאָרנישט ניט פאָרגענומען, קעדיי צו שטערן דעם קיניג. אין דער נאַכט פון 20־טן אַפן 21־טן יונ 1791 יאָר איז לוי XVI צוזאַמען מיט זײַן פאַמיליע געהיים אַרויסגעפאָרן פון פּאַריז און האָט זיך געלאָזט צו דער עסטרײַכישער גרענעץ, איבערלאָזנדיק אַ בריוו, פול מיט דראָונגען אַפן נאָמען פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. אין שטעטל וואַרען, ניט ווײַט פון דער פראַנצויז־

זישער גרענעצ. האָט מענ פונדעסטוועגנ לוי XVI דערקענט, מע האָט אימ פארהאלטנ אונ אונטער א וואכ געבראכט צוריק קיינ פאריזש. די רעוואָליוציאָנערע פרעסע אונ די קלובנ האָבנ אופגעהויבנ א שטורעמדיקע אגיטאציע קעגנ דער קיניגלעכער מאכט. א גרויסע ווירקונג האָט דעמלט אינ פאריזש געהאט דער קלוב פונ די יאקאָבינער, וואָס האָט זיכ אזוי אָנגערופנ לויטנ נאָמענ פונעמ מאָנאסטיר, ווו עס זיינענ פאָרגעקומענ זיינע זיצונגענ. אָבער די גרינדונג־פארזאמלונג



די עקזעקוציע אפנ מארס־פעלד דעמ 17־טנ יול 1791

האָט מוירע געהאט פארנ פאָלק אונ אויכ ניט געוואָלט ברעכנ איר בונד מיט די פריצימ אונ זי האָט ניט געקוקט אפנ בעפיירעשנ פאראט פונעמ קיניג ארויסגעגעבנ א דעקרעט וועגנ זיינ אומשולדיקייט, דערקלערנדיק, אז דער קיניג איז ניט אליינ אנטלאָפנ, נאָר מע האָט אימ „ארויסגעגאנוועט“ פונ פאריזש.

די עקזעקוציע אפנ מארס־פעלד דעמ 17־טנ יול 1791 יאָר

די ארבעטער, די קליינבורזשואזיע אונ האנטווערקער־באפעלקערונג פונ פאריזש האָט דעמ 17־טנ יול 1791 יאָר געענטפערט אפ דעמ דאָזיקנ דעקרעט מיט א דעמאָנסטראציע. דאָס פאָלק, וואָס האָט זיכ פארזאמלט אפנ מארס־פעלד, האָט געפאָדערט איבערגעבנ די פראגע וועגנ דעמ גוירל פונ לוי XVI צומ באהאנדלענ אינ דער נייער נאציאָנאל־פארזאמלונג. אונטער דעמ איז, אינ טאָכ גענומענ, געווענ באהאלטנ די פאָדערונג אראָפצוזעצנ דעמ קיניג. די דעמאָנסטראציע אפנ מארס־פעלד האָט געטראָגנ א פרידלעכנ כאראקטער. פונדעסטוועגנ האָט די פאריזשער מאכט אונ די בורזשואזע נאציאָנאלע גווארדיע, וואָס זיינענ

אהין אראפגעקומענ, פאנאנדערגעטריבנ דעמ אומבאוואפנטנ האמוינ מיט א שיסעריי. דאס מארס־פעלד איז באדעקט געווארנ מיט טויטע קערפערס.

די עקזעקוציע אפנ מארס־פעלד האט אויסגעגראבנ א טיפנ אפגרונט צווישנ דער בורזשואזיע אונ די הארעפאשנע מאסנ פונ פאריזש, דאס האט אויך געדינט אלס א מעכטיקער שטויס פארנ וווקס פונ דער רעפובליקאנישער באוועגונג.

די געזעצגעבע־רישע פארזאמ־לונג

די ארבעט פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג האט זיך פארענדיקט. די קאנסטיטוציע פונ 1791 יאר איז אריינגעטראטנ אינ געזעצלעכער קראפט, זי האט געזיכערט די מאכט פונ דער בורזשואזיע. עס זיינענ אנגעקומענ די וואלנ אינ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג. אינ די וואלנ, ווי מיר האבנ שוינ געזאגט, האבנ זיך באטייליקט בלויז „אקטיווע", דה. פארמעגלעכע בירגער. דאס האט פארויס באשטימט אויך דעמ באשטאנד פונ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, וואס האט געעפנט אירע זיצונגענ דעמ 1־טנ אקטיאבער 1791 יאר. צווישנ די 766 דעפוטאטנ האבנ זיך געפונענ בלויז 3 פויערימ אונ 4 האנטווערקער. דאס דאמינירנדיקע ארט האבנ אינ איר פארנומענ די פארשטייער פונ דעמ נייעמ פארבורזשואזועטנ אדל אונ פונ דער גרויס־בורזשואזיע.

שוינ אינ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, וואס האט אנגעהויבנ ארבעטנ דעמ 1־טנ אקטיאבער 1791 יאר, האט זיך אויסגעבילדעט א פאליטישע גרופירונג, וואס האט פארטיידיקט די אינטערעסנ פונ דער האנדל־אינדוסטריעלער בורזשואזיע. די סאמע אנגעזעענע פארשטייער אירע זיינענ געווענ אויסגעוויילט פונעמ דעפארטאמענט זשיראנדע. פונדאנענ האבנ זיי טאקע באקומענ דעמ נאמענ זשיראנדיסטנ. יאקאבינער, פארשטייער פונ דער רעוואליוציאנערער דעמאקראטיע, וואס האבנ זיך גרופירט ארומ דעמ יאקאבינישנ קלוב, זיינענ געווענ ווייניק.

די געזעצגעבערישע פארזאמלונג, פונקט ווי די גרינדונג־פארזאמלונג, האט פארטיידיקט די אינטערעסנ פונעמ הערשנדיקנ קלאס — פונ דער גרויסבורזשואזיע. אינ קאמפ קעגנ די ארל־עמיגראנטנ, וואס האבנ געגרייט בא די גרענעצנ פונ פראנקרייך קאדרענ פאר א קאנטררעוואליוציאנערער אינטערווענצ, האט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג דערקלערט א קאנפיסקאציע פונ פארמעגנ אונ טויטשטראפ פאר יענע עמיגראנטנ, וואס וועלנ זיך נית אומקערנ קיינ פראנקרייך צו א באשטימטנ טערמינ. שטרעבנדיק אוועקצושטעלנ דעמ קלויסטער צו דינסט די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזער מעלוכע, האט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג געפאדערט, אז דער קלער זאל שווערנ טריי־הייט דער קאנסטיטוציע, אונ האט אפגענומענ דעמ געהאלט בא די גאלאכימ, וואס האבנ זיך אפגעזאגט צו געבנ די דאזיקע שוווע. אבער לוי XVI, וואס האט פארטיידיקט די אינטערעסנ פונ „זיינ" אדל אונ קלער, האט זיך אפגעזאגט צו באשטעטיקנ די דאזיקע געזעצנ אונ דאס האט ארויסגערופנ א נייעמ אויפרייס פונ צארנ בא די ארבעטנדיקע.

פארטיידיקנדיק די אינטערעסנ פונ דער גרויסבורזשואזיע קעגנ די קרעפטנ פונ דער אלטער ארדענונג, האט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג גארניט נית געטאנ אפ צו פארגרינגערנ די לאגע פונ די פאלקמאסנ. די פויערימ־פראגע איז געבליבנ נית געלייזט; איבער דעמ פראנצויזישנ פויערטומ איז נאך אלצ געהאנגענ די לאסט פונ פעאדאלע פליכטנ, וועלכע דאס פויערטומ האט זיך אקשאנעסדיק אפגעזאגט אויסצופילנ. די אופרעגונג צווישנ די פויערימ איז געוואקסנ אונ

איז שוינ איצט געווענ געווענדט ניט בלויז קעגנ די סעניאָרנ, נאָר אויכ קעגנ דער גרויס־בורזשואזיע, וואָס איז געזעסנ אינ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג.

צוגלײַכ מיט די אגראר־אומרוענ צווישנ דער שטאָטישער אונ דאָרפישער אָרעמ־שאפט האָט זיכ אויכ פארשטארקט די באוועגונג אפנ באָדנ פונ דעמ אלצ וואק־סנדיקנ יאקרעס. די פרײַזנ פונ די פראָדוקטנ, וואָס מע פלעגט ברענגענ צו פירנ פונ די פראנצויזישע קאָלאָניעס, זײַנענ אָנ אופהער געוואָקסנ איבער דעמ, וואָס אינ די קאָלאָניעס האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אופשטאנד פונ די נעגערס די קנעכט, וועמענ די גרינדונג־פארזאמלונג האָט זיכ אָפגעזאָגט צו געבנ פרײַהײַט.

אינ א ריי געגנטנ פונ פראנקרײַכ האָט זיכ ארויסגעוויזנ א מאנגל אינ ברויט; שוינ אינ פרילינג 1792 יאָר האָבנ זיכ אָנגעהויבנ דערנערונג־אומרוענ; עס זײַנענ ארויסגעשטעלט געוואָרנ פאָדערונגענ אײַנצושטעלנ פעסטע פרײַזנ אפ טוויגע.

דער וווּקס פונעמ יאקרעס האָט זיכ פארגרעסערט, ווײַל עס איז געפאלנ דער ווערט פונעמ פאפירענעמ געלט (אסיגנאטנ), וואָס איז אויסגעקומענ ארויסצולאָזנ אינ א גרויסנ סכומ, קעדיי צו דעקנ די מעלוכישע הויצאָעס. צו העלפט 1792 יאָר איז דער ווערט פונ די אסיגנאטנ געפאלנ אפ 57 פראָצענט; די מעטאלענע מאטבייע איז קימאט ווי פארשווּנדנ פונ פארקער, די פרײַזנ אפ די סכוירעס זײַנענ שנעל געוואָקסנ. די בורזשואזיע האָט גאָרנישט פאָרגענומענ אפ צו פארגרינגערנ די לאגע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ. דער קעגנזעצ צווישנ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע אונ פונ די ברייטע פאָלקמאסנ איז געוואָרנ אלצ בולטער.

דאָס דערקלערנ עסטרײַכ א מיל־כאָמע

פריִער אָדער שפעטער איז דער צוזאמענשטויס פונעמ רעוואָליוציאָנער־בורזשואזנ פראנקרײַכ מיט דער פעאָדאל־פריצישער אייראָפע געווענ אומפארמײַדלעכ. די פעאָדאלע אייראָפע האָט גאסטפרײַנטלעכ אופגענומענ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פראנצויזישע עמיגראנטנ אונ האָט געמוטיקט זייער טעטיקײַט, וואָס איז געווענ געווענדט אפ צוגרייטנ א באוואָפנטע אינטערווענצ אינ פראנקרײַכ, קעדיי אײַנשטעלנ צוריק די אלטע אָרדענונג. די עסטרײַכישע רעגירונג האָט צוגערוקט איר מיליטער צו די פראנצויזישע גרענעצנ אונ האָט געדראָעט פראנקרײַכ צונויפצורופנ א באוואָפנטנ קאָנגרעס פונ די אייראָפּעיִשע מעלוכעס, קעדיי אופשטעלנ צוריק דעמ אבסאָליוטיזמ אינ פראנקרײַכ. בא אזעלכע באדינגונגענ האָט די האנדל־אינדוסטריעלע בורזשואזיע, וואָס האָט געהערשט אינ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, באשלאָסנ צו פארגיכערנ דעמ קריג־צוזאמענשטויס.

מיטנ פארגיכערנ די געשעענישנ האָט זי גערעכנט צו דערגרייכנ צוויי ערליי צילנ: ערשטנס, פארפעסטיקנ איר לאגע אינעווייניק אינ לאנד, אָפציִענדיק די אופמערקזאמקײַט בא די ברייטע מאסנ האָרעפּאשנע באפעלקערונג פונ דער לאגע אינעווייניק אינ פראנקרײַכ אונ דערבײַ טאקע אוועקשיקנ אפנ פראָנט די „בונטארעס", ד.ה. דעמ סאמע ענערגישנ אונ רעוואָליוציאָנערנ טייל באפעלקערונג. צווייטנס, האָט די בורזשואזיע געשטרעבט דורכ א מילכאָמע צו פארפעסטיקנ אויכ די אינטערנאציאָנאלע לאגע פראנקרײַכס, וועלכע איז געווענ אָפגעשוואכט בא דער אלטער אָרדענונג; שליסנ נײַע ליובבארע אָפמאכנ מיט ענגלאנד אונ עסטרײַכ אונ ענדלעכ געניסנ פונ די פירענייִשע באזיצנ, וואָס געהערנ צו די דײַטשישע פירשטנ אונ פארברייטערנ די טעריטאָריע פונ פראנקרײַכ ביז אירע „נאטירלעכע גרענעצנ" — ביז די אלפנ אונ ביזנ רײַנ.

פאר א מילכאָמע איז אויכ געווענ די הויפ־קליקע. דער קיניג אונ זײַנע נאָענטע לײַט

האָבנ געהאָפט, אז אינ רעזולטאט פונ א מילכאָמע וועט צעגראָמירט ווערנ דאָס רעוואָליוציאָנערע פראנקרײַכ און עס וועט צוריק אופגעשטעלט ווערנ די אלטע אָרדענונג מיטנ קיעב פונ אויסלענדישע באַגנעטנ.

אָבער די יאקאָבינער, די פירער פונ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע, באזונדערס ראָבעספיער, האָבנ אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז מע טאָר ניט אָנהייבנ קיינ מילכאָמע, קאָלזמאנ אינ שפיצ פונ פראנקרײַכ שטייט א קעניג א פארעטער, קאָלזמאנ דער פאראט איז אײַנגעוואָרצלט אינעם קאָמאנדירנ-באשטאנד פונ דער ארמיי, מיט איינ וואָרט, קאָלזמאנ די רעוואָליוציע האָט זיכ נאָכ ניט אָפגערעכנט מיט אירע סאָנים א י נ ע ווי נ י ק א י נ ל א נ ד. „ווי קאָנ מענ מילכאָמע האלטנ, ווענ אינ שפיצ פונ דער ארמיי שטייענ באוווסטע קאָנטררעוואָליוציאָנערנ? בא אזוינע באדינגונגענ וועלנ די מילכאָמע אויסניצנ אָדער די הויפּ-פארטיי, אָדער די מעסיקע", — האָט געטײַנעט ראָבעספיער.

פרילינג 1792 יאָר האָט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג דערקלערט א מילכאָמע קעגנ עסטרײַכ. אינגיכנ איז צו עסטרײַכ צוגעשטאנענ פרײַסנ, וואָס האָט נאָכ פריִער מיט אים געהאט געשלאָסנ א בונד.

די סאָנים פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראנקרײַכ זײַנענ געווענ די אָפּגעשטאנענע פעאָדאלע לענדער פונ אייראָפּע. אכוצ די דאָזיקע לענדער איז אָבער קעגנ פראנקרײַכ ארויסגעטראָטנ נאָכ אנ אויסערגעוויינלעכ געפערלעכער פײַנט — ענגלאנד, וועלכעס איז דאנ אינ אינדוסטריִעלער היניזיכט געווענ דאָס סאמע פאָרגעשריטענע לאנד אינ דער וועלט. צוויי גרונטלעכע סיבעס האָבנ געשטויסנ די ענגלישע בורזשואזיע צו א מילכאָמע מיט פראנקרײַכ. ערשטנס, איז אינ ענגלאנד פאָרגעקומענ אנ אינדוסטריִעלע איבערקערעניש און די ענגלישע בורזשואזיע האָט זיכ געניי-טיקט אינ נײַע מערק פאר איר פארברייטערטער אינדוסטריע. די ענגלישע בורזשואזיע האָט פארשטאנענ, אז אינ פראנקרײַכ, וועלכע האָט שוינ לאנג, כאָטש עמעס אָנ דערפאָלג, געפירט מיט ענגלאנד א קאמפ פאר דער אלוועלטלעכער אינדוסטריִעלער און האנדלשער העגעמאָניע, אז אינ דאָזיקנ פראנקרײַכ וועט, אויב די רעוואָליוציע וועט אמאָל אָפּהאלטנ א ניצאָכנ און ס'וועלנ אײַנגעשטעלט ווערנ בורזשואזע פּאָראָנדקעס, אויכ אופקומענ א גרויס-אינדוסטריע, און דאנ וועט פראנקרײַכ, באפרײַט פונ די פעאָדאלע פענטעס, ווערנ פאר ענגלאנד א ביז גאָר געפערלעכער קאָנקורענט. די אנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע אינ פראנקרײַכ האָט מיטגעהאָלפנ דעמ וווּקס פונ די רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ אינ ענגלאנד גופע. אינ 1793-טנ יאָר איז די אופרעגונג פונ די פאָלקמאסנ אינ ענגלאנד קעגנ דעמ יאָכ פונ דער ענגלישער בורזשואזיע געווענ אזוי שטארק, אז אינ גאנצ ענגלאנד איז אינ יענער צײַט דערקלערט געוואָרנ קריג-צושטאנד און די מאכט אפ די ערטער איז איבערגעגעבנ געוואָרנ צו די קאָמאנדירנ פונ די מיליטעריש-קרעפטנ. דער וווּקס פונ די רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ אינ לאנד האָט געצווּונגענ די הערשנדיקע קלאסנ צוײַלנ זיכ מיטנ דערקלערנ פראנקרײַכ מילכאָמע. אפ אזא אופנ איז דער רעוואָליוציע אינ פראנקרײַכ אויסגעקומענ אויסצוהאלטנ א שווערנ קאמפ ניט נאָר מיט דער אינערלעכער קאָנטררעוואָליוציע, נאָר אויכ מילכאָמע האלטנ אפ די אויסערלעכע פראָנטנ — קעגנ די פעאָדאלע קרעפטנ און קעגנ מעכטיקנ בורזשואזנ קאָנקורענט — קעגנ ענגלאנד.

אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ דער קאמפ פונעמ בורזשואזנ פראנקרײַכ קעגנ אייראָפּע; דער קאמפ האָט זיכ געצויגנ העכער 20 יאָר.

8. דאָס אראָפּשלײַדערן די מאָנארכיע. די רעוואָליוציע פון 10־טן אווגוסט 1792 יאָר

די מאַפּאָלע אפּן פראָנט

די ערשטע שלאַכטן האָבן אנטפּלעקט די שעדיקערײַ און פּאַ־ראַט, וואָס איז געווען אײַנגעוואָרצלט אין דער פראנצויזישער ארמיי. די מערהײַט קאָמאנדירן, וואָס האָבן געשטאמט פון אדל, זײַנען געווען אָנהענגער פון דער אלטער אָרדענונג און האָבן אין הארצן געווונטשן פראנקרײַך א מאַפּאָלע. די סאָלדאטן האָבן פארלאָרן דעם לעצטן צוטרוי צו זייערע קאָמאנדירן און אין יעדן אָפיצער, און ביפראט אין א גענעראל, האָבן זיי געזען א פארעטער. די דיסציפּלין איז געווען ארונטערגעריסן. די אלטע ארמיי איז דעמאָראליזירט געוואָרן צוזאמען מיט דער אלטער אָרדענונג.

גלײַך בא די ערשטע באגעגענישן מיטן עסטרײַך־פּרײַסישן מיליטער האָט די פראנצויזישע ארמיי אָנגעהויבן כאפּן איין מאַפּאָלע נאָך דער אנדערער. די מיל־באָמע וועוט אריבערגעטראָגן אפּ דער טעריטאָריע פון פראנקרײַך. דאָס עסטרײַ־כיש-פּרײַסישע מיליטער רוקט זיך אפּ פּאריזש.

דער רעוואָליו־ציאָנערער אופ־שטײַג אין פּא־ריזש

אין פּאריזש וואַקסט די אופרעגונג. עס גייען ארום פּעסטע קלאַנגען וועגן דעם, אז די „עסטרײַכערן"* אינפאָרמירט דעם סוינע וועגן די מיליטערישע סוידעס. די געזעצגעבערישע פאר־זאמלונג האָט ארויסגעגעבן א דעקרעט וועגן אײַנאָרדענען אונטער פּאריזש א מיליטערישן לאַגער פון 20 טויזנט פרײַ־וויליקע פעדעראַטאַן,** קעדיי באשיצן די הויפּטשטאָט אין פאל פונעם סוינעס אָנ־גריף. אָבער דער קיניג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באשטעטיקן דעם דאָזיקן דעק־רעט. דעם קיניגס אָפּזאָג האָט ארויסגערופן אין לאַנד א שטורעם פון צאָרן.

דעם 20־טן יונ 1792 יאָר אָרדענען אײַן די פּאריזשער א גראנדיעזע דע־מאָנסטראַציע, וואָס איר קערן איז ווידער געווען די ארבעטער־ און האנטווערקער־באפעלקערונג פון סענ-אנטואַנער פאָרשטאָט.

אָבער מיט דער דעמאָנסטראַציע האָבן אָנגעפירט זשיראָנדיסטן, די פּארטיי און דער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, וואָס איז ניט געווען פייִק צו קיין אנטשיידענעם קאמף קעגן דער אלטער אָרדענונג. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך דע־ריבער געענדיקט מיט א פולשטענדיקן דורכפאל. די דעמאָנסטראַנטן האָבן בא־וויזן ארײַנצודרינגען אין פּאַלאַץ, צווינגען דעם קיניג אָנצוטאָן א רויט מיצל און זאָגן א טאָסט פארן געזונט פון דער נאַציע; עס האָט זיי זיך אָבער ניט אײַנ־געגעבן ארויסצורײַסן באם קיניג די צושטימונג אפּ אײַנאָרדענען הינטער פּאריזש

---

* „עסטרײַכערן" — דאָס איז די פראנצויזישע קיניגין, לוי XVI פרוי, וואָס איז געווען א ליבלעכע שוועסטער פונעם עסטרײַכישן אימפּעראַטער. דאָס פאַנאַנדער־קלײַבן די קיניגלעכע פּאַפּירן האָט באַוויזן, אז זי פלעגט ווירקלעך אינפאָרמירן דעם סוינע וועגן די פּלענער פון דער קאַמפּאַניע.

** דאָס וואָרט „פעדעראַט" האָט זיך גענומען פונעם „פעדעראַציע"-יאָנטעוו, וואָס דער בורזשואַזער פאַרבאַנד פלעגט אײַנאָרדענען אפּן מאַרס־פעלד יערלעך דעם 14-טן יול, אין דעם טאָג פון אײַנעמען די באַסטיליע. אפּ דעם דאָזיקן יאָנטעוו פלעגן אָנקומען דעלעגאַטן פון אלע דעפּאַרטאַמענטן אין פראנקרײַך.

א באוואָפּנטן לאַגער. דער דורכפאַל פון דער דעמאָנסטראַציע האָט אונטערגעגעבן מוט דער הויף־קליקע. אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּעטיציעס פון מאָנאַרכיסטן, פול מיט דראָונגען קעגן די יאַקאָבינער און זייערע פירער. דערווייל האָט זיך די לאַגע אפן פראָנט אלץ פאַרערגערט. דער סוינע האָט זיך גערוקט אפ פּאַריז. דעם 11־טן יול 1792 יאָר האָט די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג דערקלערט „דאָס פאָטערלאַנד אין געפאַר". די פּאַריזער אײַנוווינער גיט מען אַרויס געווער און צוליבן מאַנגל אין ביקסן ווערט אין אַלע וואַרשטאַטן פון פּאַריז אײַליק אויסגעאַרבעט קאַלט געווער (שפּיזן, שווערדן אאוו.). טראָץ דעם ווילן פון קיניג, זאַמלען זיך אין גאַנצן לאַנד אָטריאַדן פון דער פעדעראַטיוו ר שוץ־אַרמיי, וואָס רוקן זיך אײַליק צו פּאַריז, רײַסנדיק זיך צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציאָנערע הויפּטשטאָט קעגן דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער אינטערווענץ. באַזונדערס איז באַרימט געוואָרן דער אָטריאַד פעדעראַטן, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון מאַרסעל. די מאַרסעלער זײַנען מוטיק געגאַנגען צו פּאַריז אונטער די קלאַנגען פונעם רעוואָלוציאָנערן הימן, וואָס האָט זיך אײַנגעבן געלאָזט הערן ניט בלויז אין גאַנץ פראַנקרײַך, נאָר אויך איבער גאַנץ אייראָפּע — דאָס איז געווען די באַוווּסטע מאַרסעליעזע. פאַרפאַסט האָט זי דער קאַפּיטאַן רוזשע דע ליל.

די איניציאַטיוו פון באַשיצן דאָס לאַנד קעגן דער קאָנטררעוואָליציע, דער אינערלעכער און אויסערלעכער, איז אַריבערגעגאַנגען צו די פאָלקמאַסן.

די רעוואָליוציאָנערע קלובן און סעקציעס פון פּאַריז

א פאַרשטאַרקטע אַגיטאַציע פירן אין פּאַריז די פּאָליטישע קלובן און די רעוואָליוציאָנערע פּרעסע. באַזונדערס צייכנט זיך אויס דער יאַקאָבינישער קלוב, וואָס האָט פאַררייניקט אין זײַנע רייען די רעוואָליוציאָנער־געשטימטע קליינבורזשואַזיע. ער האָט אָנגעקניפּט ענגע באַציִונגען מיט א ריי פּראָווינציעלע קלובן און האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך א גרויסן אַגיטאַציאָנעלן און אָרגאַניזאַציאָנעלן צענטער. אין זײַנע זאַלן זײַנען דאָס טאָקע פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונגען פון די פּרײַוויליקע פעדעראַטן, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען קיין פּאַריז פון גאַנץ פראַנקרײַך. די פירער פון דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע ראָבעספּיער און מאַראַט האָבן געהאַלטן אין איין רײדן וועגן דעם פאַראַט פון קיניגלעכן הויף און האָבן גערופן די מאַסן צו א רעוואָליוציאָנערער אַרויסטרעטונג. פון דער טריבונע פונעם יאַקאָבינישן קלוב האָט ראָבעספּיער געפאָדערט אַראָפּזעצן דעם קיניג, פאַנאַנדערלאָזן די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג און צונויפרופן א נײַע פאָלק־פאַרזאַמלונג — א קאָנווענט, וואָס דאַרף אויסגעוויילט ווערן פון אַלע בירגער אָן שום אײַנטיילונג אפ אַקטיווע און פּאַסיווע.

„די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג איז אונדזער פאַרביטערטסטער סוינע; אזוי לאַנג, ווי זי וועט שטיין אפ די פיס, וועט זי זיך נויקעם זײַן אָן אײַך און וועט זיך פלײַסן אײַנצושלעפערן אײַך מיט פאַלשע צוזאָגעכצן... פאָדערט, מע זאָל צונויפרופן א קאָנווענט, וואָס זאָל מישפּטן דעם קיניג און איבערקוקן די קאָנסטיטוציע" — אזוי האָט מאַראַט געשריבן אין זײַנע פלאַמיקע אַרטיקלען. עס האָט געקאָכט א רעוואָליוציאָנערע אַרבעט אויך אין די סעקציעס פון פּאַריז.* מעטי־

* די שטאָט פּאַריז איז געווען אײַנגעטיילט אפ 48 סעקציעס — ראַיאָנען.

קער פון אנדערע זײַנען געווען די סעקציעס, וואָס זײַנען באַזעצט געווען מיט אַרבעטער און האַנטווערקער, — זיי זײַנען געגאַנגען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג. אַ ריי סעקציעס האָט נאָך אין יולי 1792 יאָר אַרײַנגענומען אין זייער שורות סײַ אַקטיווע סײַ פּאַסיווע בירגער און זיי האָבן געפירט זייערע זיצונגען



אַ זיצונג פון יאַקאָבינישן קלוב

אָן איבעררײַס. סאָף יולי האָט זיך די מערהײַט סעקציעס פון פּאַריזש אַרויסגעזאָגט פאַר אַראָפּוואַרפן לויִ XVI. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אויך אַ צענטראַלער רעוואָליוציאָנערער קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון אַלע סעקציעס. אין זײַנע הענט האָט זיך קאָנצענטרירט די צוגרייטונג צום אויפשטאַנד.

די רעוואָליוציע פונעם 10-טן אויגוסט 1792 י.

סאָף יולי האָט זיך באַוויזן אַ מאַניפעסט פונעם פּרײַסישן הויפּט־קאָמאַנדיר, דעם בראַונשווייגער הערצאָג, אין וועלכן ער האָט געדראָעט ניט איבערצולאָזן אין פּאַריזש קיין גאַנץ אָרט, אויב אין פראַנקרײַך וועט ניט אויפגעשטעלט ווערן צוריק די אומבאַגרענעצטע מאַכט פונעם קיניג. דאָס איז געווען אַן אָפענער אַרויסרוף, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן דעם רעוואָליוציאָנערן פּאַריזש. אין דער נאַכט אויפן 10-טן אויגוסט האָט זיך אין פּאַריזש דערהערט אַ שטורעם־גלאָק. אינעם שטאָטישן ראַטהויז האָבן די פאָרשטייער פון די פּאַריזשער סעקציעס געבילדעט אַ רעוואָליו־

ציאָנערע פּאַריזשער קאָמונע,* וואָס איז געוואָרן דער צענטער פונעם אופשטאַנד. דאָס איז געווען די באַוווסטע קאָמונע פונעם 10־טן אווגוסט, וועלכע איז באַ־רימט געוואָרן מיט איר רעוואָליוציאָנערער ענערגיע. די באַוואָפנטע פּאַריזשער מאַסן און די פרייוויליקע פעדעראַטן, וואָס זיינען געקומען קיין פּאַריז, האָבן אַטאַקירט דעם קיניגס פּאַלאַץ. ביז 20 טויזנט אַרבעטער און האַנטווערקער פון די פּאָרשטעט סענט־אַנטואַן און סען־מאַרסאָ זיינען געווען דער הויפּט־קערן פון די אופשטענדלער. נאָך דעם בלוטיקן געראַנגל איז דער פּאַלאַץ איינגענומען געוואָרן. דער קיניג און זיין פאַמיליע זיינען אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג.

דאַנטאָן

די בורזשואַזע געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג האָט מיט אומרו נאָכגעשפּירט נאָך די געשעע־נישן. קאָלזמאַן דער אויסוועג פונעם קאַמף איז געווען א צווייפלהאַפטער, האָט זי פאַרנומען ניט קיין אַנטשלאָסענע פּאָזיציע און האָט גענומען דעם קיניג אונטער איר שוץ. ווען אָבער דער ניצחון האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די הענט פונעם אופגעשטאַנענעם פאָלק, איז די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג געווען געצוווּנגען אַראָפּצוזעצן לוי XVI און מעלדן, אז עס ווערט צונויפגע־רופן א קאָנווענט אָפּ צו מישפּטן דעם קיניג.

לויט דער פאָדערונג פון דער פּאַריזשער קאָמונע איז לוי XVI אַרע־סטירט געוואָרן און אַריינגעזעצט געוואָרן אינעם טאַמפּל־טורעם.

די פּאַריזשער קאָמונע, וואָס האָט זיך געשטיצט אָפּ די אַרבעטער און אָפּ די קליינבורזשואַזע שיכטן באַפעלקערונג, האָט פאַקטיש קאָנצענטרירט די מאַכט אין אירע הענט. די אָנגעזעענסטע פירער פון די יאַקאָבינער — ראָבעספּיער און מאַראַט — זיינען אַריין אין באַשטאַנד פון דער קאָמונע.

די פּאַריזשער קאָמונע האָט פאַנאַנדערגעשיקט איבער גאַנץ פראַנקרייך ספּע־ציעלע קאָמיסאַרן מיט יעדיעס וועגן די פאָרגעקומענע געשעענישן. אין פּאַריזש גופא האָט די קאָמונע געפירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע. זי האָט געמאַכט פּיליצאָליקע אונטערזוכונגען און אַרעסטן, פאַרמאַכט די מאָנאַס־טירן, פאַרווערט די מאָנאַרכיסטישע צייטונגען, רעאָרגאַניזירט די נאַציאָנאַלע גוואַר־דיע און האָט מאַסנווייז אָפּגעשיקט אויפן פראָנט פרייוויליקע.

דערווייל האָבן די פּרייסן שוין איינגענומען לאָנגווי און האָבן באַלאַגערט ווערדען. די פרייוויליקע האָבן נית געוואָלט אָוועקגיין אויפן פראָנט, ווען בא דער אַרמיי אין הינטער־לאַנד זיינען געבליבן נעסטן פון מאָנאַרכיסטן. עס האָט עקזיסטירט א געפאַר, אז די אַרעס־טירטע קאָנטררעוואָליוציאָנערן וועלן אַרויס פון די טפיסעס און מאַכן אַן אופשטאַנד אין הינטערלאַנד. „פריער לאָמיר זיך אָפּרעכענען מיט די קאָנטררעוואָליוציאָנערן, וואָס זיצן אין די טפיסעס, און דערנאָך ערשט גיין אויפן פראָנט״,— האָבן געמאָלדן די פרייוויליקע. און די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג האָט דערווייל אויף פאַרשיידענע אופנים אָפּגעצויגן

* קאָמונע איז אַן אָרגאַן פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

דעמ געריכט איבער די ארעסטירטע, ארויסרופנדיק דערמיט א פולשטענדיק-געזעצלעכנ אומרו אונ בשאד בא די רעוואָליוציאָנערע מאסנ. מאכמעס דער פאַרברעכערישער אומטעטיקײַט פונ דער געזעצגעבערישער פאַרזאמלונג האָט די מאסע גענומענ אפ זיכ אליינ דעמ געריכט איבער די ארעסטירטע. אינ פאריז האָט מענ אָנגעהויבנ סטיכיייִש זיכ אָפּרעכענענ מיט די מאָנארכיסטנ, וואָס זײַנענ געזעסנ אינ די טפיסעס. די פרווונ פונעמ באַאָבאַכטונג-קאָמיטעט פונ דער פאריזשער קאָמונע אײַנצושפאַנענ דעמ דאָזיקנ סטיכיייִשנ אופרײס אינ אנ אָרגאַניזירטנ שטראָמ זײַנענ דורכגעפאלנ.

די קאָמונע האָט פיבערהאפט אָרגאַניזירט א נײַע ארמיי אפ צו געבנ א ווידערשטאנד דעמ סוינע. די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פונ די פאָלקמאסנ האָט זיכ געטאָנ אירס.

„גאנצ פראנקרײַכ איז געקומענ אינ באוועגונג, אלע ברענענ מיטנ ווילנ צו שלאכט",— האָט פונ דער טריבונע פונ דער געזעצגעבערישער פאַרזאמלונג געזאָגט דאנטאָנ, אײנער פונ די יאקאָבינער, וואָס איז ארויסגערוקט געוואָרנ פאר א יוסטיצ-מיניסטער.

„זאָל א טייל פאָלק זיכ לאָזנ אפנ פראָנט, דער צווייטער וועט בלײַבנ גראָבנ דאָ שוצ-גראָבנס, דער דריטער וועט מיט באגנעטנ אינ די הענט פארטיידיקנ אונדזערע שטעט! מיר פאָדערנ טויטשטראָפ פאר די, ווער עס וועט זיכ אָפזאָגנ צו גייג קעגנ סוינע אָדער אָפצוגעבנ דאָס געווער, וואָס געפינט זיכ בא אימ. עס זײַנענ ביטיק אנטשיידנדיקע מאָסמיטלענ. ווענ דאָס פאָטערלאנד איז אינ געפאר, — האָט קיינער ניט דאָס רעכט אָפצוזאָגנ זיכ פונ דינענ דעמ פאָטערלאנד, ניט ריזיקירנדיק צו באפלעקנ זיכ מיט שאנד אונ צו פארדינענ דעמ נאָמענ פארעטער פונ פאָטערלאנד. דער שטורעמ-גלאָק, וואָס איז שוינ גרייט צו צעקלינגענ זיכ, וועט הילכנ ניט מיט קיינ אליארעמ-סיגנאל נאָר מיט א סיגנאל צו אנ אטאקע אפ אונדזערע סאָנימ. קעדיי צו באזיגנ זיי, מוזנ מיר האָבנ דרייסטקייט, דרייסטקייט אונ נאָכאמאָל דרייסטקייט. דאנ וועט פראנקרײַכ געראַטעוועט ווערנ!" — האָט דאנטאָנ געזאָגט. דעמ דאָזיקנ שלאכט-לאָזונג האָט אונטערגעכאפט גאנצ פראנקרײַכ.

ענדלעכ, האָט דעמ 20-טנ סענטיאבער 1792 יאָר די פראנצויזישע ארמיי בײַמ דער שלאכט בא וואלמע אָפגעהאלטנ א ניצאָכנ איבער די פרײַסנ, אונ פאריזש איז געראטעוועט געוואָרנ פונ דער דירעקטער געפאר פונ א קאָנטררעוואָליוציאָנערער אינוואזיע.

דער ניצאָכנ בא וואלמע האָט נאָכ מער באגײַסטערט די פראנצויזישע סאָלדאטנ אונ האָט זיי געגעבנ זיכערקײַט אינ זייערע קרעפטנ. אינגיכנ האָט דאָס פראנצויזישע מיליטער ניט נאָר אָפגעשלאָגנ די ארמיי פונ די פרײַסנ אונ עסטרײַכער, נאָר עס האָט אויכ פארנומענ גאנצ בעלגיע.

9. אפ די וועגנ צו דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור

דאָס צונויפרופנ דעמ קאָנווענט

די רעוואָליוציע פונעמ 10-טנ אווגוסט 1792 יאָר האָט באצייכנט דעמ איבערוק פונ דער ווירקונג צו דער שטאָטישער קליינבורזשואזיע, צו די ארבעטער אונ פויערימ. די וואלנ אינ קאָנווענט זײַנענ פאָרגעקומענ שוינ אָנ דער אײַנטיילונג אפ אקטיווע אונ פאסיווע בירגער. עס האָט אָנטייל גענומענ אינ זיי קימאט די גאנצע דערוואקסענע מאנצבלשע באפעלקערונג פונ פראנקרײַכ. אָבער די דעמלטיקע פראנצויזישע ארבעטער אונ די דאָרפישע אָרעמשאפט האָבנ נאָכ ניט גענוג דײַטלעכ באנומענ זייערע קלאסנ-אינטערעסנ. זיי האָבנ ניט געהאט זייערע קיינ באזונדערע פארטיי, וואָס זאָל קאָנענ אָנפירנ

מיט זייער קאמפ. אלס רעזולטאט דערפונ זײַנענ צווישנ די 750 דעפוטאטנ פונ קאָנווענט געווענ סאכאקל 2 ארבעטער.

ניט אומזיסט האָט דער קאָנווענט גלײַכ אינעם טאָג פונ זײַנ צונויפרופ, צוגלײַכ מיטנ פראָקלאמירנ אינ פראנקרײַכ א רעפובליק, איינמוטיק אָנגענומענ א דעקרעט, וואָס דאנטאָנ האָט פאָרגעלייגט, וועגנ דעם, אז „יעטווידער מינ אייגנטום—פערסאָנעלע, ערד-אייגנטום אונ אינדוסטריעלע—בלײַבט אײַנגעהיט אפ אייביק".

דער קאמפ צווישנ דעם „בארג" מיט דער זשיראָנדע

צווישנ די פאָרשטייער פונ דער גרויסער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואזיע אונ די פארטיידיקער פונ די אינטערעסנ פונ די דעמאָקראטישע מאסנ קליינבורזשואזיע, פויערטום אא. איז אינ קאָנווענט פאָרגעקומענ א פארביטערטער קאמפ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ פונעמ ערשטנ טאָג אָנ, ווי דער קאָנווענט האָט אָנגעהויבנ ארבעטנ. די פאָרשטייער פונ דער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואזיע, וואָס האָבנ זיכ געשטיצט הויפטזאכלעכ אפ די דאָרעמ-מײַרעווודיקע דעפארטאמענטנ פונ פראנקרײַכ,—די זשיראָנדיסטנ האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט די רעכטע גרופירונג פינ קאָנווענט. אינעמ ערשטנ פעריאָד פונעמ קאָנווענטס טעטיקײַט האָבנ זיי באוויזנ צו פארכאפנ די מאכט אונ די ווירקונג צו זיכ אינ די הענט.

די זשיראָנדיסטנ, אלס אָנהענגער פונ פרײַהײַט פאר קאפיטאליסטישער אונטערנעמערשאפט אונ עקספלואטאציע, זײַנענ געווענ סאָנימ פונ דער אלטער אָרדענונג. נאָכ אינ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג האָבנ זיי אָנגעהויבנ א קאמפ קעגנ דער הויפ-פארטיי, אָבער זיי האָבנ אימ געפירט ניט קאָנסעקווענט. צוזאמענ מיט אנדערע מיטגלידער פונעמ קאָנווענט האָבנ זיי געשטימט פאר אײַנשטעלנ אינ פראנקרײַכ א רעפובליק ערשט נאָכ דעמ, ווי די פאָלקמאסנ האָבנ זי פאקטיש אײַנגעפירט, אראָפשלײַדערנדיק דעמ קיניג. אָבער שטעלנדיק זיכ בא דער מאכט אונ פארכאפנדיק אינ זייערע הענט די מיניסטאָרישע ערטער, האָבנ די זשיראָנדיסטנ געהאלטנ די רעוואָליוציע פאר געענדיקט. לויט זייער מיינונג איז געקומענ די צײַט אויסצוניצנ די פרוכטנ פונעמ דעראָבערטנ לעטויוועס דער אומבאגרענעצטער ספעקוליאציע אונ פראָפיט. די רעוואָליוציאָנערע פאריזשער קאָמונע, וואָס האָט זיכ געשטיצט אפ דער ארבעטער-האנטווערקערישער באפעלקערונג פונ דער הויפטשטאָט אונ אפנ מיטגעפיל פונ די ברייטסטע מאסנ פויערימ, האָט ארויסגערופנ בא די זשיראָנדיסטנ אנ ערנסטע שרעק.

די לינקע גרופירונג אינ קאָנווענט זײַנענ געווענ די יאקאָבינער, אָדער די פארטיי פונ „בארג", די מאָנטאניארנ. אזוי האָט געהייסנ די דאָזיקע גרופירונג דערפאר, וואָס אירע מיטגלידער זײַנענ געזעסנ אפ די אויבערשטע בענק אינ קאָנווענט*. די יאקאָבינער האָבנ פארטיידיקט די אינטערעסנ פונ די דעמאָקראטישע מאסנ אונ האָבנ געהאלטנ, אז די רעוואָליוציע איז נאָכ ווײַט ניט פארענדיקט. אונ אינדערעמעסנ, די גרונט-פראגעס, וואָס די רעוואָליוציע האָט

* „בארג" — אפ פראנצויזיש „מאָנטאנ"; דאָס וואָרט „מאָנטאניארנ" באטײַט „בארגלײַט".

דער זיצונג-זאל פונ קאָנווענט איז געווענ געבויט ווי אנ אמפיטעאטער; די יאקאָבינער האָבנ פארנומענ די אויבערשטע בענק.

אַרויסגערוקט, זײַנען נאָך אַלץ ניט געלייזט געווען. אַף די פּויערים איז נאָך אַלץ געלעגן דער דרוק פון די פעאָדאַלע פליכטן, וועלכע זיי האָבן אַלץ גע־פאָדערט פולשטענדיק אָפּצושאַפן אָן שום אויסקויף. די אַרבעטער־באַפעלקערונג פון די שטעט האָט ניט געקאָנט זיך באַרויִקן, קאָלזמאַן ס׳איז ניט פאַרגרינגערט געוואָרן איר לאַגע. מיט דער הילף פון אומופהערלעכע פּעטיציעס, באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס און צײַטנווײַז אַפילע מיט דירעקטע אופשטאַנדן האָבן זיי אַקטיוו געשטיצט די יאַקאָבינער און געצווונגען די וואַקלדיקע מערהײַט פון קאָנווענט (דעם אַזויגערופענעם „זומפּ״), וואָס האָט אונטערגעהאַלטן אַמאָל די זשיראָנדיסטן און אַמאָל די יאַקאָבינער—לויט דעם נאָך ווער עס איז געווען שטאַרקער—געצווונ־גען די דאָזיקע מערהײַט אופצוהערן שטיצן די זשיראָנדיסטן און אָפּגעבן זייערע שטימען די יאַקאָבינער.

דער קאַמף צווישן דעם „באַרג״ און דער זשיראָנדע, צווישן די פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטישע מאַסן און דער גרויסבורזשואַזיע איז פאָרגעקומען איבער אַ רײַ גרונט־פּראַגעס.

דאָס קעפּן דעם קיניג (21־טן יאַנוואַר 1793 יאָר)

צו די פּראַגעס האָט געהערט קודעמקאָל די פּראַגע וועגן לויִ XVI. די יאַקאָבינער האָבן געפאָדערט וואָס גיכער מישפּעטן און קעפּן לויִ XVI, ווײַל זיי האָבן געזען אין דעם אַ מיטל צו מאַכן אַ סאָף צו אַלע פּרוּוון פון די מאָנאַרכיסטן אופצושטעלן צוריק די מאַכט פון קיניג. די זשיראָנדיסטן אָבער, וואָס האָבן מוירע געהאַט פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע און פאַר נײַע אַרויסטרעטונגען פון די פאָלקמאַסן, האָבן אַף פאַרשיידענע אופאַנים אָפּ־געצויגן דעם פּראָצעס און האָבן, אין טאָך גענומען, געפּרוּווט ראַטעווען דעם קיניג.

נאָך דער אַקטיווער אַרײַנמישונג פון דער פּאַריזשער קאָמונע און פון די פּאַריזשער סעקציעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין שיקן ספּעציעלע דעלעגאַציעס צו די גראַטעט פון קאָנווענט, איז דער ניצאָכן געבליבן אַף דער זײַט פון די יאַקאָבינער. נאָכן געריכט איבערן קיניג איז ער אַנערקענט געוואָרן פאַר שולדיק און איז געקעפּט געוואָרן דעם 21־טן יאַנוואַר 1793 יאָר.

די דערנערונג־פּראַגע

אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דעם „באַרג״ מיט דער זשיראָנדע האָט זיך געפירט אַרום דער דערנערונג־פּראַגע. די גע־רעטעניש פון יאָר 1792 איז געווען אַ שלעכטע. נאָך זומער און האַרבסט 1792 יאָר זײַנען אין אַ רײַ געגענטן פאָרגעקומען אומרועס אַפן באָדן פון מאַנגל אין דערנערונג. ווינטער 1792/93 יאָר האָט זיך די לאַגע נאָך מער פאַרשאַרפט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דערפאָלגן פונעם פראַנצויזישן מיליטער (עס האָט אײַנגענומען בעלגיע און האָלאַנד) האָט ענגלאַנד אָנגעהויבן אַרויסווײַזן אַן אָפענע פײַנטשאַפט צו פראַנקרײַך. ענגלאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן ביל (געזעץ), וועלכער האָט פאַרווערט אַרויספירן ברויט קיין פראַנקרײַך. דערויף האָט דאָס זשיראָנדיסטישע מיניסטעריום באַלד געענטפערט מיט צערײַסן דעם האַנדל־אָפּמאַך פון 1786 יאָר, וועלכן די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט פאַרהאַסט. דאָס קעפּן דעם קיניג האָט די ענגלישע בורזשואַזיע געפונען פאַר אַ פּאַסיקן אויסרייד צו

א קאָנפליקט. אינ פעוורואַל 1793 יאָר האָט ענגלאַנד זיכ פאַראייניקט צו דער עסטרײַכ-פרײַסישער קאָאַליציע.

דער ענגלישער פלאָט האָט בלאָקירט די האַפנס פונ פראַנקרײַכ אונ האָט אַרונטערגעריסנ זײַנ טראַנס-יאַמישנ האַנדל. אינ פראַנקרײַכ זײַנעג די פרײַזנ אַפ קאָלאָניאַלע פראָדוקטנ—צוקער, קאַווע אאַ.—שטאַרק אויסגעוואַקסנ.

די מילכאָמע האָט געפאָדערט קאָלאָסאַלע הויצאָעס. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיי געדעקט מיט נײַע אונ נײַע פאַפירענע געלט, וואָס האָט געהאַלטנ אינ איינ פאַלנ אינעם ווערט. די אַרמיי האָט זיכ גענייטיקט אינ קאָלאָסאַלע דערנערונג-מיטלענ. דורכ דעם, וואָס א באַדײַטנדיקער טייל מאַנצבילשע באַפעלקערונג איז אַוועק אַפ דער מילכאָמע, האָט זיכ דער פאַרזיי-שעטעכ פאַרקלענערט. די פרײַזנ אַפ ברויט אונ אַנדערע פראָדוקטנ זײַנענ געוואָקסנ אָנ אָפּהאַלט. דערבײַ האָבנ די פויערים זייער ניט גערנ גענומענ פאַרנ ברויט פאַפירענע געלט אונ האָבנ באַם צאָלנ געפאָדערט מעטאַלענע מאַטבייעס. די באַזאָרגונג פונ די שטעט האָט זיכ שטאַרק פאַרשווערט, גוואַלדיקע רייענ זײַנענ געשטאַנענ בא די שפײַז-קראָמענ. באַזונדערס האָבנ פונ דעם יאָקרעס געליטנ די אַרבעטער. א פונט ברויט האָט געקאָסט 8 סו, ווענ זייער אַרבעטלוינ האָט ניט אַריבערגעשטיגנ קיינ 30—35 סו. דער אַרבעטער-פאַמיליע איז אויסגעקומענ דעם גרעסטנ טייל פאַרדינסט פאַטערנ בלויז אַפ ברויט אַליינ. ניט זעלטנ פלעגט דער האַמויג גראָמירנ די ברויט-קראָמענ אונ פאָדערנ ברויט לויט פעסטע פרײַזנ.

דער קאַמפ פאַר א „מאַקסימום”, דה. פאַר אײַנשטעלנ לימיט-פרײַזנ, אז העכער פונ אָט די פרײַזנ זאָל מענ ניט טאָרנ פאַרקויפנ קיינ פראָדוקטנ, איז באַזונדערס ענערגיש געפירט געוואָרנ אינ פאַריזש אונ אינ אַנדערע גרויסע שטעט אינ פראַנקרײַכ.

פונ האַרבסט 1792 יאָר אָנ האָבנ די פילצאָליקע דעפוטאַציעס פונ דער פאַריזשער קאָמונע, קלובנ אונ סעקציעס געפאָדערט באַם קאָנווענט אײַנצושטעלנ לימיט-פרײַזנ אַפ ברויט.

די זשיראָנדיסטנ האָבנ באַגעגנט די דאָזיקע פעטיציעס מיט אָפענער פײַנטשאַפט. אַלס פאַרטיידיקער פונ די אינטערעסנ פונ דער האַנדל-אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, וואָס האָט ספעקולירט אַפ די הויכע פרײַזנ, אַלס קעגנער פונ אַוועלכער-ניט-איז מעלוכישער אַרײַנמישונג, וואָס זאָל באַגרענעצנ די פרײַהײַט פונ האַנדל-אונטערנעמערישער אונ ספעקוליאַטיווער טעטיקײַט פאַר פריוואַטע פערזאָנענ, האָבנ די זשיראָנדיסטנ פאַרטיידיקט די פולשטענדיקע פרײַהײַט פונ ברויט-האַנדל, דה. די פולשטענדיקע פרײַהײַט צו ספעקולירנ אַפנ הונגער. אָנשטאָט אַרויסצוהעלפנ די פאָלקמאַסנ, האָט מענ נאָכ געהאַלטנ זיי אינ איינ באַשולדיקנ. „דעזאָרגאַניזאַטערס זײַנענ יענע, ווער עס וויל אויסגלײַכנ דאָס אייגנטום אונ פאַרמעגנ, אײַנשטעלנ פרײַזנ אַפ דערנערונג-פראָדוקטנ, ווער עס וויל, אז דער אַרבעטער זאָל באַקומענ אזויפיל וויפל דער געזעצגעבער”,—אזוי האָט געשריבנ דער פירער פונ די זשיראָנדיסטנ בריסאָ.

די יאַקאָבינער האָבנ זיכ די ערשטע צײַט געוואַקלט. פאַר א סאַכ קליינהענדלער, אייגנטימער פונ ניט קיינ גרויסע וואַרשטאַטנ, פאַר פויערים, וואָס פאַרקויפנ זייערע ברויט-רעשטנ, האָט ניט געלוינט מע זאָל אײַנשטעלנ פעסטע פרײַזנ.

דעריבער האָט ראָבעספיער, דער פירער פונ די יאקאָבינער, ניט פארטיידיקט דעמ „מאקסימומ“, נאָר ער האָט פאָרגעלייגט בלויז, מע זאָל ענערגיש באקעמפנ די ברויט־ספעקוליאציע. אָט די וואקלענישנ פונ די יאקאָבינער האָבנ געגעבנ א מעגלעכקייט די זשיראָנדיסטנ אָפצוהאלטנ א ניצאָכנ. אינ דעקאבער 1792 יאָר האָט דער קאָנווענט ארויסגעגעבנ א געזעצ וועגנ פולשטענדיקער פרייהייט פונ ברויט־האנדל אונ האָט פארווערט בלויז צו עקספאָרטירנ טוווע קיינ אויסלאנד.

דער דאָזיקער דעקרעט האָט ארויסגערופנ צאָרנ בא דער פאריזשער אָרעמשאפט. עס איז קלאָר געוואָרנ, אז וועגנ באפרידיקנ אירע פאָדערונגענ איז ניטאָ וואָס צו טראכטנ, קאָלזמאנ דער קאָנווענט גייט נאָכ די זשיראָנדיסטנ. די שטאָטישע אָרעמשאפט האָט איצט דערקענט אינ די זשיראָנדיסטנ פארטיידיקער פונ ספעקוליאציע, שולדיקע אינעמ הונגער, אונ האָט געפאָדערט אויסשליסנ זיי פונעמ קאָנווענט.

די ארויסטרעטונג פונ די „ווילדע“

בא די מאסנ פאריזשער באפעלקערונג האָבנ אָנגעהויבנ באקומענ גרויס דערפאָלג די „ווילדע“,—אזוי האָט אינ א שפאס די בורזשואזיע אָנגערופנ די עקסטרעמע רעוואָליוציאָנערנ, וואָס האָבנ ארויסגערוקט אפנ פאָדערגרונט די פראגע וועגנ באפרידיקנ די עקאָנאָמישע נויטנ אונ פאָדערונגענ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט.

די „ווילדע“ האָבנ ניט געהאט קיינ פאָרשטייער אינעמ קאָנווענט גופע: זיי האָבנ געפירט אנ אגיטאציע אינ די פאריזשער סעקציעס. די גרעסטע ווירקונג האָבנ די פירער פונ די „ווילדע“ געהאט אינ די סעקציעס פונ דער ארבעטעריש־האנטווערקערישער באפעלקערונג. ווינטער אונ זומער 1793 יאָר פלעגנ די פירער פונ די „ווילדע“—זשאק רו, איינער פונ די געוועזענע פאריזשער גע־מיינדע־גאלאָכימ, אונ דער יונגער רעוואָליוציאָנער ווארלע,—אטאקירנ די אופקויפער אונ די גווירימ אונ שארפ אָנפאלנ אפ די מיטגלידער פונ קאָנווענט, אָנווייזנדיק, אז זיי האָבנ גאָרניש געטאָנ אפ צו פארגרינגערנ די נויט פונ פאָלק.

„פרייהייט איז א פוסטער געשפענסט, ווענ איינ קלאס קאָנ אומבאשטראָפט מאטערנ מיט הונגער דעמ צווייטנ. גלייכהייט איז א פוסטער געשפענסט, ווענ דער רייכער קאָנ אדאנק די מאָנאָפאָליעס האָבנ צו שאפנ איבערנ לעבנ אונ טויט פונ זיינע נאָענטע. א פוסטער געשפענסט איז אויכ די רעפובליק, ווענ טאָג־איינ טאָג־אויס ארבעט די קאָנטררעוואָליוציע אונ שטעלט איינ אזוינע פרייזנ אפ פראָדוקטנ, אז דריי פערטל בירגער קאָנענ ניט צוקומענ צו זיי אונ וואשנ זיכ מיט טרערנ... צי דענ איז דאָס אייגנטומ פונ די שווינדלער טייערער פונעמ מענטשלעכנ לעבנ“—האָט געפרעגט זשאק רו, ארויסטרעטנדיק אינ דער שפיצ פונ א דעלעגאציע, וואָס איז געקומענ צו די גראטעס פונ קאָנווענט.

קריטיקירנדיק די בורזשואזע פרייהייט אונ גלייכהייט, וואָס פארגרינגערנ נאָכ ניט די נויטנ פונ די אָרעמע, האָבנ זשאק רו אונ אנדערע פונ די „ווילדע“ אָבער ניט ארויסגעשטעלט קיינ פראָגראמ פונ ראדיקאלער עקאָנאָמישער איבערבויונג. זיי האָבנ געפאָדערט בלויז אנ אָנראכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ די אופקויפער אונ ספעקוליאנטנ, זיי זיינענ שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ די רייכע הענדלער, אונ מע האָט אויכ ניט געקאָנט דערווארטנ, אז אינ יענער עפּאָכע, ווענ דער ארבעטער־קלאס האָט נאָכ ניט באנומענ זיינע קלאסנ־ציל אונ די וועגנ, וואָס פירנ

צו זיי, ווען די בורזשואזע אָרדענונג האָט נאָך ערשט געבראָכן די פעאָדאלע פעסטונגען, אז אין יענער עפּאָכע זאָלן ארויסגערוקט ווערן פארגאנצטע קאָמוניסטישע פּראָגראמעס פון געזעלשאפטלעכער איבערבויונג.

די מאפּאָלעס אפן פראָנט און דער אופשטאנד אין וואנדייע

דערווײַל האָט זיך די אלגעמיינע לאגע אלץ מער פארשארפט. די פראנצויזישע ארמיי, וואָס האָט דערקלערט „פרידן מיט די שטיבלעך און מילכאָמע קעגן די פאלאצן", האָט זיך באגעגנט מיט א גרויזאמען בונד פון פעאָדאלע מעלוכעס פון דער קאָנטינענטאלער אייראָפּע. אין דער שפּיץ פון בונד האָט זיך געשטעלט דאָס בורזשואזע ענגלאנד, וואָס האָט ניט געוואָלט דערלאָזן פראנקרײַך צו דער איבערהאנט. דער רעוואָליוציאָנערער דראנג פון הארבסט 1792 יאָר האָט אָפּגעשלײַדערט דעם סוינעס ארמיי ווײַט פון פראנקרײַכס גרענעצן, אָבער די רעאָרגאניזאציע פון דער פראנצויזישער ארמיי איז נאָך ווײַט ניט געווען פארענדיקט. עמעס, א טייל פונעם אלטן קאָמאנדירן-באשטאנד איז פארביטן געוואָרן מיט רעוואָליוציאָנערע אָפיצערן, וואָס האָבן געשטאמט פונעם דריטן שטאנד, אָבער די דיסציפּלין איז נאָך ווײַט ניט געווען צוריק אויפגעשטעלט. די גענעראלן און אָפיצערן האָבן צווישן זיך קיין קאָנטאקט ניט געהאלטן, די סאָלדאטן האָבן געליטן פון מאנגל אין שוכווארג, אין קליידונג, אין מיליטערישער אמוניציע; דעריבער זײַנען געווען אָפטע פאלן פון דעזערטירערײַ.

דאָס זאטע, גוט באוואָפנטע אויסגעמושטרירטע פײַנטלעכע מיליטער האָט ווידער אָנגעהויבן אָפּהאלטן ניצחוינעס. פרילינג 1793 יאָר איז די פראנצויזן אויסגעקומען צו פארלאָזן בעלגיע. כוץ דעם, איז דער פראנצויזישער הויפּט־קאָמאנדיר, דער גענעראל דיומורע, אריבער צום סוינע. דער פאראט פונעם גענעראל דיומורע, וואָס איז געשטאנען נאָענט צו די זשיראָנדיסטן, האָט אין פאריז ארויסגערופן אן אויפרײַס פון צאָרן.

די לאגע איז געוואָרן געפערלעך, ווײַל עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער אופשטאנד אין וואנדייע.* די באלעגופישע פארמעגלעכע שיכטן פונעם וואנדייִשן פויערטום זײַנען שוין לאנג געווען ניט צופרידן מיט דער מילכאָמע און מיט דער טאקסע אף פּראָדוקטן, וואָס מע האָט ווו־ניט־ווו אָנגעהויבן אײַנפירן. די קאָנטררעוואָליוציאָנערע אגיטאציע פון די גאלאָכים און פריצים, די אונטערשטיצונג מיצאד ענגלאנד האָבן אויפגעטאָן זייערס. אין וואנדייע האָט אויסגעבראָכן א פויערשער אופשטאנד אונטערן לאָזונג פון באשיצן דעם קיניג און די רעליגיע. אין אזא אָנגעשטרענגטער לאגע פון בירגערקריג און אויסערלעכער מילכאָמע איז נייטיק געווען צו פארייניקן אלע רעוואָליוציאָנערע קויכעס און פירן אן ענערגישן קאמף קעגן די פײַנט פון דער רעוואָליוציע סײַ אין פראנקרײַך אליין סײַ אף אירע גרענעצן. אין דעם דאָזיקן פעריאָד טרעטן ארויס די יאקאָבינער אין א בונד מיט די „ווילדע" און צוזאמען מיט זיי שטעלן זיי זיך אין שפּיץ פונעם אלגעמיין-דעמאָקראטישן רעוואָליוציאָנערן דראנג פון דער קליינבורזשואזיע, ארבעטער און פויערים. דעם 4 מײַ 1793 יאָר ווערט אונטערן דרוק פון די רעוואָליוציאָנערע מאסן אין פאריז, קעגן דעם ווילן פון די זשיראָנדיסטן,

* א געגנט אין מערעוו-פראנקרײַך, בא די ברעגן פונעם טײַך לאורע.

אײַנגעפירט דער מאקסימום (לימיט־פרײַזן) אפ ברויט, עס ווערט דורכגעפירט א צוואנג-האלוואָע בא די רײַכע און א פּראָגרעסיווער האכנאָסע-שטײַער. מע נעמט אָן רעקרוטן אין דער ארמיי פארן קאמף קעגן וואנדייע. דערבײַ האָט מען די רײַכע פארווערט אויסצוקויפן זיך פונעם פריזיוו. צוליבן קאמף קעגן די קאָנטר-רעוואָליוציאָנערן ווערט באשאפן א העכסטער רעוואָליוציאָנערער טריבונאל. אפן רעוואָליוציע־פלאץ ווערט אופגעשטעלט א גילאָטינע.*

די רעוואָליוציע פון 31 מײַ — 2 יונ 1793 יאָר

די זשיראָנדיסטן האָבן זיך אקשאָנעסדיק אנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם דאָזיקן דרוק פון די מאסן אפ דער פארמעגלעכער בורזשואזיע, קעגן דעם דרוק, וואָס האָט געזאָלט אײַנברעכן דעם ווידערשטאנד פון דער בורזשואזיע קעגן דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע. האָבנדיק נאָכ די שטיצע פונעם וואקלדיקן „זומפ", שאפן די זשיראָנדיסטן א ספּעציעלע קאָמיסיע פון 12 מאנ צו קעמפן קעגן דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג; זיי גיבן איבער צום געריכט פונעם רעוואָליוציאָנערן טריבונאל מאראטן, דעם פרײַנט פון פאָלק, זיי ארעסטירן אייניקע פירער פון די „ווילדע" און די אָנפירער פון דער פאריזשער קאָמונע. גלײַכצײַטיק פלײַסן זיך די זשיראָנדיסטן אופצוהייבן קעגן פאריזש די פּראָווינציעלע דעפּארטאמענטן, ד.ה. זיי שטעלן זיך אפן וועג פון בירגערקריג. אונטער זייער אָנפירונג האָט זיך אָנגעהויבן אן אופשטאנד אין ליאָן — אין צענטער פון דער פראנצויזישער זײַד-אינדוסטריע. די פירער פון די ליאָנער „ווילדע" און יאקאָבינער זײַנען אומגעקומען אפ דער גיליאָטינע. די בורזשואזיע פון טולאָן, באָרדאָ, מארסעל האָט זיך געגרייט שיקן קיין פאריזש באוואָפנטע אָטריאדן צו פארטיידיקן די זשיראָנדיסטן. די זשיראָנדיסטישע פירער האָבן געדראָעט אראָפּצווישן דעם רעוואָליוציאָנערן פאריזש פון דער ערד. דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער אופשטאנד אין וואנדייע האָט זיך פארברייטערט און פארפעסטיקט, שעפנדיק צוגאָב־קרעפטן אין דעם ווידערשטאנד פון די זשיראָנדיסטן קעגן דעם דראנג פון די רעוואָליוציאָנערע מאסן. איבער פראנקרײַך, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט סאָנים, איז אופגעגאנגען דאָס פײַער פון בירגערקריג. די אנטשטייענדיקע צוזאמענשטויסן צווישן דעם „בארג" מיט דער זשיראָנדע, צווישן דער גרויסער בורזשואזיע מיט דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע, זײַנען געוואָרן אומפארמײַדלעך.

„דאָס פאָלק איז פארמאטערט... ראטעוועט עס, אָדער עס וועט זיך אלייִן ראטעווען", — מיט אזוינע צאָרנדיקע ווערטער האָט זיך די דעלעגאציע פון דער פאריזשער קאָמונע געווענדט צום קאָנווענט. ארויסטרײַבן די זשיראָנדיסטן פונעם קאָנווענט און אײַנשטעלן „אן אלגעמיינעם מאקסימום", פעסטע פרײַזן אפ אלע זאכן פון מאסן-געברויך, — די דאָזיקע לאָזונגען פון די „ווילדע" האָבן די פאָלק־מאסן אונטערגעכאפּט. ווידער האָט אין פאריזש, ווי אין די טעג פון דער רעוואָליוציע פונעם 10-טן אווגוסט זיך געשאפן אן אופשטאנד-קאָמיטעט. אן אָנגעזעענע ראָליע האָבן אין אים געשפּילט די „ווילדע".

---

* א מאשין, וואָס מיט איין קלאפּ פון א מעסער האקט זי אָפּ דעם קאָפּ פונעם פארורטיילטן. זי האָט זיך אָנגערופן גיליאָטינע לויטן פאמיליע-נאָמען פון איר דערפינדער דאָקטער גיליאָטען.

דעם 31־טנ מײַ 1793 יאָר האָט אינ פאריזש ווידער אליארמירט דער שטורעם־גלאָק. די באוואָפנטע סעקציעס פונ פאריזש האָבנ ארומגערינגלט דעם קאָנווענט אונ האָבנ געפאָדערט צו פארניכטנ די זשיראָנדיסטישע קאָמיסיע פונ די 12 אונ ארויסטרײַבנ פונעם קאָנווענט די זשיראָנדיסטנ אליינ. דער קאָנווענט, אָנגעשראָקנ פונעם אופשטאנד, האָט טייקעפ טאקע פארניכטעט די קאָמיסיע פונ די 12, אָבער ער האָט זיכ אָפּגעזאָגט ארויסצוטרײַבנ די זשיראָנדיסטנ פונ זײַנ סוויווע. דאנ זײַנענ אינ דער נאכט פונעם 1-טנ אפנ 2־טנ יונ ארעסטירט געוואָרנ אייניקע אָנגעזעענע זשיראָנדיסטנ אונ עס איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ א באפעל וועגנ פארווערנ די זשיראָנדיסטישע צײַטונגענ. דעם 2-טנ יונ 1793 יאָר איז די געבײַדע פונעם קאָנוועבט ווידער געווענ ארומגערינגלט פונ די באוואָפנטע סעקציעס פונ פאריזש. דער אופשטאנד־קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבנ א באפעל „ארומרינגלענ דעם קאָנוועבט מיט באוואָפנטער קראפט, קעדיי די פירער פונ דער פארשווערונג זאָל מענ קאָגענ ארעסטירנ באטאָג אינ פאל, אויב דער קאָנוועבט וועט זיכ אָפּזאָגנ צו באפרידיקנ די גערעכטע פאָדערונגענ פונ די פאריזשער בירגער“.

דער פּרווו פונ די מיטגלידער פונעם קאָנוועבט ארויסצוגיינ פונ דער קאָנוועבט-געבײַדע, וואָס איז געווענ ארומגערינגלט פונ די באוואָפנטע סעקציעס, האָט זיכ געענדיקט מיט א דורכפאל: אומעטום האָבנ זיי זיכ אָנגעשטויסנ אפ באגנעטנ. „קאנאָנערנ! צו די הארמאטנ!“ — האָט א קאָמאנדעווע געטאָנ דער קאָמאנדיר פונ די פאריזשער סעקציעס בייסנ פּרווו פונ די קאָנוועבט-מיטגלידער דורכצורײַסנ דעם אײַזערנעם רינג, אינ וועלכנ זיי האָבנ זיכ געפונענ. דער קאָנוועבט איז געווענ געצוווּנגענ אונטערצוגעבנ זיכ אונ ארויסגעבנ א דעקרעט וועגנ ארעסטירנ די זשיראָנדיסטנ.

די זשיראָנדיסטנ זײַנענ איבערגעגעבנ געוואָרנ צומ געריכט פונעם רעוואָליוציאָנערנ טריבונאל אונ זיי זײַנענ גיליאָטינירט געוואָרנ אינ הארבסט 1793 יאָר.

אינ רעזולטאט פונ דער רעוואָליוציע פונ 31־טנ מײַ אונ 2־טנ יונ 1793 יאָר איז די מאכט ארויסגעריסנ געוואָרנ פונ די הענט בא דער גרויסער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואזיע — בא די זשיראָנדיסטנ — אונ איז אריבערגעגאנגענ אינ די הענט צו דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע — צו דער שטאָטישער קליינבורזשואזיע, צו די ארבעטער אונ פּויערים.

די האנדל־אינדוסטריעלע בורזשואזיע האָט זיכ ארויסגעוויזנ ניט בלויז ניט בעקויעכ צו לייזנ די אופגאבעס, וואָס די רעוואָליוציע האָט אוועקגעשטעלט, נאָר זי איז געוואָרנ א שטערונג פאר איר אנטוויקלונג, זי איז אינדערעמעסנ געוואָרנ קאָנטררעוואָליוציאָנער, אָנהייבנדיק א בירגערקריג קעגנ די רעוואָליוציאָנערע מאסנ אינ לאנד, וואָס איז געווענ ארומגערינגלט מיט פײַנט.

די שטאָטישע אָרעמשאפט האָט ניט אופגעהערט צו לײַדנ פונ מאנגל אינ דערנערונג. די פּויערימ זײַנענ נאָכ אלצ געווענ אומרויִק אונ געפאָדערט אָפּשאפנ אלע פעאָדאלע פליכטנ, קאטעגאָריש אָפּזאָגנדיק זיכ אויספילנ די דאָזיקע פליכטנ.

מיט דער אויפגאַבע צו באַשיצנ דאָס לאַנד האָט די האַנדל־אינדוסטריִעלע בורזשואַזיע זיכ אויכ ניט געקאָנט קיינ אייצע געבנ. די רעאָרגאַניזירונג פונ דער אַרמיי איז געפירט געוואָרנ ניט גענוג ענערגיש און דאָס פראַנצויזישע מיליטער האָט דערווייַל געליטנ מאַפּאָלעס. אַזויאַרום האָט זיכ די גרויסבורזשואַזיע אַרויס־ געוויזנ פאַר ניט פייִק צו דערפירנ ביזנ סאָפ די בורזשואַזע רעוואָליוציע, צו פאַרטיידיקנ זי פונ קלעפּ פונ אינוויינִיק און פונ אויסנ. „בלויז די אַרייַנמישונג פונעם פויערטום און פראָלעטאַריאַט, פונעם „פּלעבייִשנ עלעמענט פונ שטאָט" איז פייִק ערנסט א רוק צו טאָנ פאָרויס די בורזשואַזע רעוואָליוציע". (לענינ)

נאָכ דער רעוואָליוציע פונעם 31־טנ מייַ און 2־טנ יונ 1793 יאָר איז אָנגע־ קומענ דער פּעריִאָד פונ דער רעוואָליציָאָנער־דעמאָקראַטישער דיק־ טאַטור פונ דער קליינבורזשואַזיע, וואָס האָט זיכ געשטיצט אפ די ברייטסטע פאָלקמאַסנ.

10. די דיקטאַטור פונ דער רעוואָליוציָאָנער דעמאָקראַטיע

די יאַקאָבינער, וואָס האָבנ זיכ געשטעלט בא דער מאַכט, איז אויסגעקומענ צו לייזנ יענע אויפגאַבעס פונ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע, וועלכע די גרויס־ בורזשואַזיע האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר ניט פייִק צו לייזנ. די אומשטענדנ, אינ וועלכע זיי איז אויסגעקומענ צו אַרבעטנ, זייַנענ אָבער געווענ אויסערסט שווערע, זומער און האַרבסט 1793 יאָר, ווענ די מאַכט איז אַריבער צו זיי אינ די הענט, איז די פראַנצויזישע רעפּובליק געווענ אפנ ראַנד פונ אומקום.

די זשיראָנדיסטנ האָבנ זיכ אָפנ געשטעלט אפ דער זייַט פונ דער קאָנטר־ רעוואָליוציע. א סאַכ פונ זיי זייַנענ אַנטלאָפנ פונ פּאַריזש און האָבנ געמאַכט א קאָנטררעוואָליוציָאָנערנ אויפשטאַנד אינ די דאָרעמדיקע און מייַרעוודיקע געגנטנ, וו זיי האָבנ געהאַט פעסטע פאַרבינדונגענ מיט דער אָרטיקער בורזשואַזיע. צו די זשיראָנדיסטנ האָבנ איצט אָנגעהויבנ צושטייִנ אויכ די אָנהענגער פונעם קיניג. באָרדאָ, ליִאָנ, מאַרסעל און אַנדערע האַנדל־אינדוסטריִעלע שטעט אינ פראַנקרייַכ האָבנ זיכ דערקלערט אַלס אומאָפּהענגיקע פונ פּאַריזש. טולאָנ, דעם וויכטיקסטנ פראַנצויזישנ האַפנ אפנ מיטללענדישנ יאַם, האָט מענ מיט אַקיוונ אָפּגעגעבנ צו די ענגלענדער. אינ פראַנקרייַכ האָט געפלאַקערט דער בירגערקריג. עס איז גע־ ווענ א מאָמענט, ווענ פונ די 83 דעפּאַרטאַמענטנ זייַנענ בלויז 23 געבליבנ טרייַ דעם קאָנווענט. אויכ אינ פּאַריזש אַליינ האָט די קאָנטררעוואָליוציע געהאַט איר נעסט.

ניט געקוקט אפ די פּאָליטישע רייניקונגענ, האָט אינ די מיניסטעריעס און רעגירונג־ דיקע קאַנצעליאַריעס געשוועבלט מיט געהיימע סאָנים פונ דער רעוואָליוציע; בא זיי איז געווענ „רעוואָליוציע אפ דער צונג און קאָנטררעוואָליוציע אפ דער לונג". די געוועזענע אַדעליקע און גאַלאָכים, וואָס זייערע אינטערעסנ האָבנ געליטנ אינ צייַט פונ דער רעוואָליו־ ציע, האָבנ באַוווּסטזיניק זיכ צוגעדעקט מיט א מאַסקע פונ פּאַטריִאָטיזם און זייַנענ אַרייַנ־ געדרונגענ אינעמ מעלוכישנ אַפּאַראַט, קעדיי צו קאָנענ אָנטאָנ מער שאָדנ דער רעוואָליוציע. די אויסלענדישע מעלוכעס האָבנ, פונ זייער זייַט, מיט א ברייטער האַנט געשאָטנ גאָלד אפ אונטערהאַלטנ דעמ שפּיאָנאַזש, די שעדיקערייַ און די קאָנטררעוואָליוציָאָנערע פאַרשווערונ־ גענ. אינ אָנהייב יול 1793 יאָר האָט שאַרלאָטע קאָרדע, אַנ אַדעליקע, א נאָענטע צו די זשיראָנדיסטנ, דערשטאָכנ מיט א קינזשאַל מאַראַטנ.

אינ יול 1793 יאָר זײַנענ אינ קאָמיטעט פונ געזעלשאַפטלעכער רעטונג צוגעשטעלט געוואָרנ איבערגעכאַפּטע פּאַפּירנ פונ אײנעמ אַנ ענגלישנ שפּיאָנ, ווי עס זײַנענ געווענ יעדיעס וועגנ גרויסע סומענ, אויסגעגעבענע אפ אָרגאַניזירנ שעדיקערײַ, אפ באַלוינענ שפּיאָנענ, וואָס געפינענ זיכ אפ א שטענדיקנ געהאַלט. עס איז געפונענ געוואָרנ א באַזונדערע אינסטרוקציע וועגנ אויפאַרבעטנ פּאָספאָר-קנױטנ אפ אונטערצינדנ די אַרסענאַלנ אונ פּוראַזש-לאַגערנ. אונ ווירקלעכ, זומער 1793 יאָר האָבנ אפ די פּאַטראָנ-זאַוואָדנ פונ ב א י אָ נ ע, אינ אַרטילעריש פּאַרק אינ שעמיליע אויסגעבראָכנ ברײַפעס, וואָס האָבנ אָנגעמאַכט גוואַלדיקע שאָדנס. פּאַראַט אונ שעדיקערײַ איז אויכ געווענ צווישנ דעמ קאָמאַנדירנ-באַשטאַנד פונ דער פראַנצויזישער אַרמײ. דער פּאַראַט פונ די גענעראַלנ ד י ו מ ו ר ע, ק י ו ס ט י נ א א. האָט אָוועקגעשטעלט די פראַנצויזישע אַרמײ אינ זײער א שווערער לאַגע. די אַרסענאַלנ, וואָס די רעגירונג פונ לוי XVI האָט בעקיוונ איבערגעלאָזט גאַנצ, זײַנענ געווענ ליידיק. עס האָט ניט געקלעקט ניט קײנ שלאַכט-אַמוניציע, ניט קײנ קליידונג, ניט קײנ דערנערונג.

דער אויסערלעכער סוינע האָט אַרומגערינגלט פראַנקרײַכ פונ יאַמ אונ פונ דער יאַבאָשע. עס האָט אויסגעזענ אַזוי, אַז נאָכ עטלעכע אַנטשיידנדיקע קלעפּ — אונ די רעפּובליק וועט אומקומענ.

די רעוואָליוציאָנערע רעגירונג. די קאָנסטיטוציע פונ 1793 יאָר

די יאַקאָבינער איז אויסגעקומענ אָנצונעמענ זײער ענערגישע אונ אַנטשיידנדיקע מאָסמיטלענ צו ראַטעווענ די רעפּובליק. אינ עטלעכע טעג אַרומ נאָכנ אַרויסטרײַבנ די זשיראָנדיסטנ האָבנ זײ שוינ געהאַט אויסגעאַרבעט פאַר פראַנקרײַכ א רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציע. די יאַקאָבינישע קאָנסטיטוציע פונ 1793 יאָר האָט געגעבנ וואַלרעכט דער גאַנצער דערוואַקסענער מאַנצבלשער באַפעלקערונג פונ לאַנד אונ האָט אײַנגעפירט א געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג, וואָס וועט יעדעס יאָר איבערגעוויילט, ווי אויכ געווײלטע מאַכט-אָרגאַנענ אפ די ערטער. די וויכטיקסטע געזעצנ האָבנ געמוזט איבערגעגעבנ ווערנ אפ באַשטעטיקנ צומ פאָלק אַלײנ. דאָס 21־טע אַרטיקל פונ דער קאָנסטיטוציע האָט אײַנגעשטעלט, אַז די מעלוכע איז מעכויעוו פאַרשאַפנ אַרבעט אָדער אַרויסגעבנ עקזיסטענצ־מיטלענ אַלע נויטבאַדערפטיקע בירגער. אינ קעגנזאַצ צו דער קאָנסטיטוציע פונ 1791 יאָר, וואָס האָט געגעבנ פּאָליטישע רעכט בלויז אײגנטימער, איז אינ דער יאַקאָבינישער קאָנסטיטוציע געזאָגט געוואָרנ, אַז דאָס עצעמ-רעכט אפ פּריוואַט-אײגנטומ קאָנ ניט אָפּגענומענ ווערנ בא קײנ אײנ בירגער. כאָטש די קאָנסטיטוציע פונ 1793 יאָר איז די סאַמע דעמאָקראַטישסטע פונ יענער צײַט, איז זי געווענ פונדעסטוועגנ א קאָנסטיטוציע א בורזשואַזע, וואָס האָט זיכ געשטיצט אפ די פּרינציפּנ פונ פּריוואַט-אײגנטומ.

אינ דער לאַגע, אינ וועלכער עס האָט זיכ געפונענ די פראַנצויזישע רעפּובליק, האָט די קאָנסטיטוציע פונ 1793 יאָר ניט געקאָנט אָנגעווענדט ווערנ. דער קאַמפ קעגנ דער אויסערלעכער אונ אינערלעכער קאָנטררעוואָליוציע האָט געפאָדערט אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלענ, געפאָדערט קאָנצענטרירנ די מאַכט אינ די הענט פונ רעוואָליוציאָנערע אָרגאַנענ. די יאַקאָבינער האָבנ דאָס גוט פאַרשטאַנענ.

„די אופגאַבע פונ דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג איז אײַנהיטנ די רעפּובליק. די אופגאַבע פונ דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג איז אײַנשטעלנ זי", — האָט געזאָגט דער פירער פונ די יאַקאָבינער ראָבעספּיער. „א רעוואָליוציע — דאָס איז א מילכאָמע פונ דער פרײַהײט קעגנ אירע סאָנימ". „די רעוואָליוציאָנערע רעגירונג דאַרפ אַרויסווײַזנ אויסשליסלעכע ענערגיע טאָקע דערפאַר, וואָס זי געפינט זיכ אינ צושטאַנד פונ מילכאָמע. פאַר איר

פאַסן ניט קיין שטרענגע, אויטאַרטיקע קלאָלים טאַקע דערפאַר, וואָס די אומשטענדן, באַ וועלכע זי אַרבעט, זײַנען שוידערלעך און פאַרעטעריש און באַזונדערס נאָך דערפאַר, ווײַל זי איז געצוווּנגען אָן אויפהער צו זוכן אַלץ נײַע און גיכע מיטלען קעגן די אפסנײַ אַנט-שטאַנענע און דרינגענדיקע געפאַרן... די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג איז מעכוייעוו צו באַ-שיצן אַלע גוטע בירגער, אָבער פאַר די שׂונאים פונעם פאָלק, פאַרמאָגט זי בלויז איינס — טויט".

אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פון די יאַקאָבינער איז די גאַנצע מאַכט געווען קאָנצענטרירט אין די הענט באַ די קאָמיטעטן פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג און געזעלשאַפטלעכער געפאַרלאָזיקייט. ביידע זײַנען זיי געווען אויסגעוויילט פון צווישן דעם קאָנווענט און האָבן אים צוגעשטעלט באַ-ריכטן וועגן זייער טעטיקייט. אין די הענט פונעם געזעלשאַפטלעכן רעטונג-קאָ-מיטעט איז געווען קאָנצענטרירט די אָנפירונג מיט דער אויסערלעכער און אי-נערלעכער פּאָליטיק פון דער רעפּובליק. אים זײַנען אונטערגעוואָרפן געווען אַלע מאַכטן אַף די ערטער, אַלע גענעראַלן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, אַלע דיפּ-לאָמאַטישע אַגענטן.

דער קאַמף קעגן ספּעקולאַציע און קאָנטררעוואָלוציע איז קאָנצענ-טרירט געווען אין די הענט באַם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער געפאַרלאָזיקייט.

די פאַרבינדונג מיט די באַזונדערע דעפּאַרטאַמענטן איז פאַרווירקלעכט גע-וואָרן דורך באַזונדערע מיטגלידער פונעם קאָנווענט (קאָמיסאַרן), וואָס זײַנען פאַ-באַנדערגעשיקט געוואָרן איבער דער גאַנצער רעפּובליק און וואָס האָבן זיך אויך אונטערגעוואָרפן דעם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער רעטונג.

די דאָזיקע קאָמיסאַרן פונעם קאָנווענט האָבן אָנגעפירט מיט דער רייניקונג פון די אָרטיקע מאַכטן, זיי האָבן ווערבירט רעקרוטן, רעקוויזירט פּראָוויאַנט אַף צו באַזאָרגן די אַרמיי און די שטעט, באַשטײַערט די רײַכע מיט צוואַנג-האַלוואָ-עס, אײַנגעפירט רעוואָלוציאָנערע שטײַערן, געפירט אַן אַרבעט אין די פאָלק-גע-זעלשאַפטן. אָט די גאַנצע ריזיקע אַרבעט האָבן זיי געקאָנט אויספירן בלויז שטיצנדיק זיך אַף די אָרטיקע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. גאַנץ פראַנקרײַך איז געווען באַדעקט מיט אַ נעץ פאָלק-געזעלשאַפטן, קלובן, קאָמיטעטן. דורך זיי טאַקע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן די ענגע פאַרבינדונג פון דער רעוואָלוציאָנע-רער רעגירונג מיט די מאַסן. די דאָזיקע פאָלק-געזעלשאַפטן זײַנען עס געווען די דורכפירער פון די רעוואָלוציאָנערע מאָסמיטלען פון דער יאַקאָבינישער רע-גירונג, זיי זײַנען עס געווען אַף די ערטער די „טרײַע וועכטער און היטער פון דער רעוואָלוציע".

דער אָנפירנדיקער צענטער פון די דאָזיקע פאָלק-געזעלשאַפטן און רעוואָלו-ציאָנערע קלובן, פאַנאַנדערגעוואָרפענע איבער גאַנץ פראַנקרײַך, איז געווען דער יאַקאָבינישער קלוב אין פּאַריז. אַלע אָרטיקע געזעלשאַפטן זײַנען געווען מיט אים אין אַן ענגער פאַרבינדונג, האָבן באַקומען פון אים אינסטרוקציעס, אָנפירנדיקע אָנווײַזונגען, און האָבן פון זייער זײַט איבערגעשיקט אים די פּראָטאָקאָלן פון זייערע זיצונגען. די באַדײַטונג פונעם יאַקאָבינישן קלוב איז געווען אַ קאָלאָסאַ-לע. אַף זײַנע זיצונגען האָט מען באַהאַנדלט די וויכטיקסטע פראַגעס פון דער לויפנדיקער פּאָליטיק, פון זײַן טריבונע האָבן זיך אַרויסגערוקט פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאָליטישע טוער.

דער רעוואָליוציאָנערער טעראָר

צוליבן קאַמף קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע אינווייניק אין לאַנד האָבן די יאַקאָבינער ארויסגעגעבן א ריי טעראָריסטישע דעקרעטן, וואָס זײַנען געווען געווענדט קעגן דעם אדל, קעגן די עמיגראַנטן, אופקויפער, קאָנטררעוואָליוציאָנערע גאַלאָכים און אנדערע סאָנים פון דער רעוואָליוציע.

אין הארבסט 1793 יאָר האָבן די פאַריזשער קאָמונע און דער יאַקאָבינישער קלוב אונטערן פרישן אײַנדרוק פון דער יעדיע וועגן דעם, אז מע האָט אָפּגעגעבן טולאָן די ענגלענדער, געפאָדערט פונעם קאָנווענט „אוועקשטעלן דעם טעראָר אין טאָג־אָרדענונג". אופקויפן דערנערונג איז דערקלערט געוואָרן פאר א קרימענעלן פאַרברעכן, און די אופקויפער האָט מען געשיקט אפן דער גיליאָטינע. די גאַלאָכים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שווערן דער קאָנסטיטוציע, זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן אין די ווײַטע קאָלאָניעס. די אדל־עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געהיים אומגעקערט, האָט געדראָעט טויטשטראָף. א באַזונדער דעקרעט וועגן „פאַרדעכטיקע" האָט געהאלטן אונטערן כשאד יעדערן, „ווער עס האָט מיט זײַן אופירונג, אָדער מיט זײַנע פאַרבינדונגען, אָדער מיט זײַנע רעדעס אָדער מיט זײַנע ווערק זיך ארויסגעוויזן פאר אן אָנהענגער פון דער טיראַנײַ און פאר א סוינע פון דער פרײַהײַט". די קאָנטררעוואָליוציאָנערע אופשטאנדן אין ליאָן און אין אנדערע שטעט זײַנען שטרענג דערשטיקט געוואָרן. ליאָן איז רויִנירט געוואָרן און האָט באַקומען א נײַעם נאָמען — „באַפרײַטע קאָמונע". אפן זײַן אָרט האָט דער קאָנווענט אוועקגעשטעלט א שטיינערנעם זײַל מיט א קורצער אופשריפט: „ליאָן איז אופגעשטאנען קעגן דער פרײַהײַט — ניטאָ מער ליאָן".

אין דעקאַבער 1793 יאָר האָט דאָס רעפובליקאַנישע מיליטער ווידער אײַנגענומען טולאָן; צווישן דעם קאָמאנדירן־באשטאנד האָט זיך דאָ באַזונדערס ארויסגעטיילט דער יונגער אָפיצער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארט.

קיין וואנדייע האָט דער קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג געשיקט מיליטער צו דערשטיקן דעם אופשטאנד. ארום פרילינג 1794 יאָר האָט דער אופשטאנד אָנגעהויבן זיך אײַנשטילן. פון דער פאַריזשער אָרעמשאַפט זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן באַזונדערע אָטריאַדן פון דער „רעוואָליוציאָנערער ארמיי", וואָס זײַנען געשיקט געוואָרן אין די דעפאַרטאַמענטן צו דערשטיקן די קאָנטררעוואָליוציאָנערע אופשטאנדן און צו באַזאָרגן די הויפּטשטאָט מיט דערנערונג.

דער יאַקאָבינישער טעראָר האָט געטראָגן א קלאָר ארויסגעדריקטן קלאַסנכאַראַקטער און איז געווען געווענדט אפ באַשיצן און פאַרפעסטיקן די רעפובליק.

„דער גאַנצער פראַנצויזישער טעראָריזם, — שרײַבט מאַרקס, — איז געווען ניט עפּעס אנדערש, ווי א פּלעבייִשער אויפן פון צערעכענען זיך מיט די סאָנים פון דער בורזשואַזיע — מיטן אבסאָליוטיזם, פעאָדאַליזם, „באַלעבעסלדיקײַט"".

דאָס איז געווען „אן עמעסער, אַלפאָלקישער טעראָר, וואָס האָט ווירקלעך באַנײַט דאָס לאַנד, א טעראָר, מיט וועלכן עס איז באַרימט געוואָרן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָליוציע" (לענין). ענגעלס לויבט די יאַקאָבינער, אלס „מענטשן מיט אן אײַזערנער ענערגיע, וואָס האָבן באַוויזן צו דערגרייכן אזוינס, אז אָנהייבנדיק פונעם 31־טן מײַ 1793 יאָר און ביזן 26 יול 1794 יאָר האָט קיין איין

פאכדן, קיין איין קרעמער, קיין איין ספעקוליאַנט,—מיט איין וואָרט, קיין איין בורזשוא ניט געוואגט צו באַווײַזן זיך אַפ דער שײַן" (ענגעלס).

די רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי

די יאַקאָבינער האָבן ענערגיש דורכגעפירט אויך די רעאָר־גאַניזאַציע פון דער אַרמיי. אין הארבסט 1793 יאָר איז איבער דער גאַנצער רעפובליק דערקלערט געוואָרן אַ מאַסן־פּריזיוו אין דער אַרמיי.

„אַלע פראַנצויזן ווערן גערופן אַפ שטענדיקער דינסט אין דער אַרמיי,—איז געשטאַנען אינעם דעקרעט פון קאָנווענט.—די יוגנט וועט גיין אין שלאַכט, די באַווײַבטע וועלן שמידן געווער און אונטערפירן אַמוניציע; די פרויען וועלן מאַכן בײַדלעך, קליידונג און וועלן באַדינען די שפּיטאָלן; די קינדער וועלן צופּן שאַרפּן, די זקיינים וועט מען אַרויסטראָגן אַפן פּלאַץ, אַז זיי זאָלן דערוועקן דרייסטקײַט בא די קריגלײַט און אײַנפּלאַנצן האַס צו די קיניגן".

אַרום פרילינג 1794 יאָר איז די אַרמיי דערפירט געוואָרן ביז 800 טויזנט מאַן. דאָס איז לויט יענער צײַט געווען אַ קאָלאָסאַלע ציפער.

דאָס אַלטע קאַדער-מיליטער האָט דער קאָנווענט פאַרייניקט מיט די פרײַוויליקע אָטריאַדן און האָט באַנײַט דעם גאַנצן קאָמאַנדירן-באַשטאַנד. אַפ די ערטער פון די אַדל-אָפיצערן זײַנען געשטעלט געוואָרן נײַע קאָמאַנדירן, אַ טייל לויטן דינסט-ראַנג, אַ טייל אויסגעוויילטע, אַ טייל באַשטימטע פון קאָנווענט. איצט איז פאַר יעדן סאָלדאַט געווען אָפן דער וועג צו אַ העכערן ראַנג. און ווירקלעך, אינגכינ האָבן זיך פון די פאָלקמאַסן אַרויסגערוקט טאַלאַנטפולע און ענערגישע קאָמאַנדירן.

די נײַע קאָמאַנדירן האָבן געלעבט גלײַך מיט די סאָלדאַטן און געטיילט מיט זיי אַלע שוועריקײַטן אין די מאַרשן. די גאַנצע אַרמיי איז איצט געווען אַן איינהײַטלעך פאַרגאַנצטע און האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטער אַ שטרענגער דיסציפּלין. די גענעראַלן האָבן זיך אָבער טײַנעס אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פונעם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער רעטונג. אין יעדער אַרמיי איז געשיקט געוואָרן אַ קאָמיסאַר פונעם קאָנווענט מיט אומבאַגרענעצטע פולמאַכטן. כוץ דער אויפזיכט אַפ די מיליטער-טײַלן, האָבן די קאָמיסאַרן געדאַרפט אָנפירן מיט דער פּאָליטישער בילדונג פון דער אַרמיי. אין דער אַרמיי זײַנען געשיקט געוואָרן צײַטונגען, זשורנאַלן, פּראָקלאַמאַציעס פון יאַקאָבינישן קלוב, דעקרעטן פונעם קאָנווענט. אין די אַרמייִשע קלובן האָט מען געפירט שמועסן וועגן פּאָליטישע פראַגעס. די אַרמיי איז געוואָרן אַ באַוווסטזיניקער אָנשפּאַר פון דער רעוואָלוציאָנע-רער רעגירונג.

„די אונטערדריקטע קלאַסן האָבן געבערנט מיט אומבאַגרענעצטן רעוואָליר-ציאָנערן ענטוזיאַזם; די מילכאָמע האָבן אַלע געהאַלטן פאַר אַ גערעכטיקע, אַ באַ־שיצערישע און זי איז אינדערעמעסן געווען אַזאַ. דאָס רעוואָליוציאָנערע פראַנקרײַך האָט זיך באַשיצט קעגן דער רעאַקציאָנער-מאָנאַרכיסטישער אייראָפּע" (לענינ).

אַ געוויסן אָטעם-איבערכאַפּ האָט באַקומען די פראַנצויזישע רעפובליק אויך אַדאַנק די רײַבונגען אינעם לאַגער פון די סאָנים. יעדער פון זיי האָט מורא געהאַט, אַז אין פאַל פון אַן אַלגעמיינעם ניצאָכן איבער פראַנקרײַך, וועט זײַן פאַר־

בינדעטער זיך צו פיל פארשטארקן. די באציִונגען צווישן פרייסן און עסטרייך האָבן זיך באַזונדערס פארשארפט נאָך דעם, ווי פרייסן האָט אין 1793 יאָר דורכגעפירט די צווייטע צעטיילונג פון פוילן צווישן זיך און רוסלאַנד אָן שום אָנטייל פון עסטרייך.

די בלוקעדייעס אינעם לאגער פון די סאָנים, די פארפעסטיקונג פון דער ארמיי, די העכערונג פון איר שוצפייִקייט און באַוווסטזיניקייט האָבן געגעבן א מעגלעכקייט אריבערצוגיין אין אָנגריף. סאָף 1793 יאָר איז דאָס מיליטער פון די פארבינדעטע אָפגעשליידערט געוואָרן פון די גרענעצן פון דער רעפובליק.

אזויארום האָבן די יאַקאָבינער מיט דערפאָלג אויסגעפילט אויך די אויפגאַבע פון באשיצן דאָס לאַנד.

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון די יאַקאָבינער

די יאַקאָבינער האָבן דורכגעפירט א סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס האָט אנטשיידן ליקווידירט אלע רעשטלעך פונעם פעאָדאליזם. באלד נאָכן פארכאפּן די מאכט האָבן די יאַקאָבינער זיך גענומען צו דערלייזן יענע גרונט־אויפגאַבעס פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע, וואָס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן נאָך אין דער עפּאָכע פון די גענעראַל-שטאַטן, אָבער זיי זיינען אזוי טאקע געבליבן ניט געלייזט אין פארלויף פונעם גאנצן פעריָאָד, ווען עס האָט געהערשט די גרויס-בורזשואַזיע.

שוין אין די ערשטע כאדאָשים פון זייער דיקטאטור (17-טן יולי 1793 יאָר) האָבן די יאַקאָבינער ארויסגעגעבן א דעקרעט וועגן אָפּשאפן פול־שטענדיק און אומזיסט אלע פעאָדאלע פליכטן. דעמלט אויך האָט דער קאָנווענט ארויסגעגעבן א באפעל צו פארברענען אלע פעאָדאלע דאָקומענטן, קעדיי מע זאָל זיי ניט קאָנען צוריק איינפירן. די דאָרפישע געזעלשאפטן האָט מען אומגעקערט אלע ערד, וואָס די פריצים די סעניאָרן האָבן בא זיי פריִער פארכאפּט. די בירגער, וואָס האָבן ניט געהאט קיין ערד, האָבן באקומען להאָטעס צו קויפן ניט קיין גרויסע ערדכאלאָקים פון די עמיגראַנטישע גיטער, וואָס זיינען דערקלערט געוואָרן אלס פארמעגן פון דער רעפובליק (דעקרעט פון 3־טן יוני און פון 13־טן סעפּטיאבער 1793 יאָר). צולעצט, האָט דער קאָנווענט דערלויבט די פויערים לויטן ווילן פון דאָרף צו פאנאנדערטיילן די געמיינדע־ערד אזוי, אז יע־דער איינווינער זאָל באקומען א גלייכן כיילעק.

אזוי איז דורכגעפירט געוואָרן די פולשטענדיקע ליקווידאציע פון די פעאָדאלע פּאָראָנדקעס אין דאָרף, דערמיט איז באפרי־דיקט געוואָרן די גרונט־פאָדערונג פונעם פראנצויזישן פוי־ערטום.

די רעוואָליוציאָנערע רעגירונג האָט אויך אָנגענומען א ריי מאָסמיטלען צו פארגרינגערן די לאַגע פון דער שטאָטישער אָרעמשאפט. פון אירע אינטערעסן וועגן איז דורכגעפירט געוואָרן א דעקרעט וועגן צאָלן 40 סו פאר באזוכן די זיצונגען פון די סעקציעס, עס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען צו אָרגאניזירן די סאָציאלע פארזיכערונג. עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פענסיעס פאר אלטע, שטיצע פאר די, וואָס האָבן גרויסע געזינדן און פאר ניט־פארמעגלעכע בירגער. עס איז אויס־געפילט געוואָרן אויך די לאנגאָניקע פאָדערונג פון די אונטערשטע שיכטן פון דער שטאָ־

טישער באפעלקערונג: אין הארבסט 1793 יאָר איז איַנגעשטעלט געוואָרן אן אלגעמיינער „מאקסימום“, ד. ה. לימיט-פּריַזן (פעסטע פּריַזן) אף אלע זאכן פון מאסן-געברויך. פאר די, וואָס ברעכן דעם „מאקסימום“, האָט געדראָעט א הארבע שטראָף — ביז טויטשטראָף. פאר אָפּזאָגן זיך נעמען פּאפּיר-געלט לויט זיַן נאָמינעלן פּריַז האָט מען געשיקט אף דער גיליאָטינע. אָבער צוגליַיך מיט די לימיט-פּריַזן אף פּראָדוקטן האָבן די יאקאָבינער אויך איַנגעפירט לימיט-טאריפן פארן ארבעטלוין.

דער קאמף קעגן קלויסטער

די קאָנטררעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט פון די ניט-געשווירענע* גאלאָכים האָט געצוווּנגען דעם קאָנווענט אָנצונעמען קעגן זיי שטרענגע מיטלען. די שטאָטישע מאסע האָט זיך אלץ מער דורכגעדרונגען מיט האס צום קאטוילישן קלויסטער און קלער, וואָס איז געווען ענג פארבונדן מיט דער קאָנטררעוואָליוציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאמף קעגן קלויסטער און קעגן דער קאטוילישער רעליגיע. פול מיט גלויבן אינעם צוקינפטיקן טריומף פון סייכל, האָט די קליינבורזשואזיע געוואָלט אוועקשטעלן דעם „קולט פון סייכל“ און דעם „קולט פון העכסטן וועזן“ אָנשטאָט דעם פארעלטערטן קריסטנטום. די קלויסטערס און קירכעס זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין „סייכל-טעמפלען“, אין זיי האָט מען אופגעשטעלט קאטעדרעס פאר רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאגאנדע. די גלעקער האָט מען איבערגעשמאָלצן אין הארמאטן. פון די קלויסטערשע קיילים האָט מען געמאכט מאטבייעס.

פיל בישאָפן און גאלאָכים האָבן אראָפּגענומען פון זיך דעם טיטל און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פארבלענדענישן. אָנשטאָט די קלויסטערשע יאָנטויוים זײַנען איַנגעאָרדנט געוואָרן פּײַערלעכע רעוואָליוציאָנערע יאָנטויוים. ברייט האָט זיך פארשפּרייט דער מינהעג פון בירגערלעכע באסענעס, טויפונגען און לעווײַעס. קעדיי צו קעמפן קעגן פאנאטיזם און קעגן אָבערגלויבענישן האָט מען ווינטער 1793 י. אָנשטאָט דער פריִערדיקער צײַטרעכענונג איַנגעפירט א נײַעם „רעפּובליקאנישן קאלענדאר“. די 12 כאָדאָשים האָט מען געגעבן נײַע נעמען, לויט די צײַטן פון יאָר. אשטייגער דער הארבסט-כוידעש האָט געהייסן ברומער, וואָס איז דער טײַטש — כוידעש פון נעפּלען; דער ווינטער-כוידעש — ניוואָז, — כוידעש פון שניי, די פרילינג-כאָדאָשים: זשערמינאל — דער כוידעש, ווען די זוימען הייבן אָן שפּראָצן. פרעריאל — דער כוידעש פון לאָנקעס; אײנער פון די זומערדיקע כאָדאָשים האָט געהייסן טערמידאָר — דער כוידעש פון וואַרעמקײַט אאוו. אָבער אין קאמף קעגן קלויסטער האָט די קליינבורזשואזיע ארויסגעוויזן איר האלביקײַט. עס איז איר געגאנגען ניט אינעם קאמף קעגן רעליגיעזן אָפּיום ביכלאל, נאָר בלויז וועגן דעם, אז אָפּשטאָט פונעם קאטוילישן קלויסטער זאָל אוועקגעשטעלט ווערן א נײַער מעלוכישער קולט.

דער קאָנווענט האָט זיך שטארק געזאָרגט וועגן פאָלק-בילדונג. ער האָט געוואָלט איַנאָרדענען אלגעמיינע און אומזיסטע בילדונג, שאפן א שול, וואָס זאָל זײַן פרײַ פון גאלאָכים און פון קלויסטערישער ווירקונג. גרויס אכט איז אָפּגעגעבן געוואָרן די פּינקטלעכע וויסנשאפטן. דעמלט האָט מען דאָס איַנגעפירט איבער גאנץ פראנקרײַך די איינהײַטלעכע מעטרישע מאָסן-סיסטעם, וואָס האָט זיך פארשפּרייט איבער גאנץ אייראָפּע. אָבער עס איז געווען צו ווייניק צײַט און צו אָנגעשטרענגט די לאגע. דעריבער איז א ריי פּראָיעקטן אין געביט פון פאָלק-בילדונג געבליבן ניט פארווירקלעכט.

---

* אזוי האָט מען גערופן די גאלאָכים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן א שווּע פון טרײַהײַט דער קאָנסטיטוציע.

דערמיט, וואָס די יאַקאָבינער האָבן אזוי ענערגיש זיך אָפּגערעכנט מיט די טאָנים פון דער רעוואָליוציע, דערמיט, וואָס זיי האָבן אזוי אנטשיידן דורכגעפירט די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּאָליטיק אין די אינטערעסן פון די האָרעפּאשניקעס, האָבן זיי באהעפט ארום זיך די ברייטסטע פּאָלקמאסן.

טאקע דערפאר איז די יאַקאָבינער געלונגען ארויסצורופן אינעם גאנצן לאנד אַן אופברויז פון יענעם רעוואָליוציאָנערן ענטוזיאזם, וואָס איז געווען נייטיק אפ ראטעווען די רעפּובליק.

אָבער די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער יאַקאָבי-נישער רעגירונג איז געבליבן א קליינבורזשואזע.

פירנדיק א קאמף קעגן אדל און קעגן די אייגנטימער פון גרויסע פארמעגנס, וואָס זיינען אריבערגעגאנגען אין לאגער פון דער קאָנטררעוואָליוציע, האָבן די יאַקאָבינער זיך לאכלוטן ניט געקליבן צו פארניכטן דאָס פּריוואט-אייגנטום. אָפּנעמענדיק, אשטייגער, די ערד באַם קלויסטער און בא די אדל-עמיגראנטן, האָבן די יאַקאָבינער זיך גאָרניט געקליבן צו קאָנספיסקירן די ערד בא אלע פריצים און צו דערקלערן די גאנצע ערד פארן פארמעגן פון דער מעלוכע. נאָך וויינ-קער האָבן זיי געטראכט וועגן איבערגעבן אין די הענט פון דער מעלוכע די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען: די אונטערנעמונגען זיינען אויך אפ ווייטער פאר-בליבן אין די הענט בא פּריוואטע אייגנטימער.

נאָר אין פראנקרייך פונעם XVIII יאָרהונדערט מיט זיין צעזייטער, צעשפּלי-טערטער אינדוסטריע, וואָס באזירט זיך אפ דער האנט-ארבעט פונעם האנטווערקער, מיט אַן ארבעטער-קלאס, וואָס האָט נאָך ניט באנומען ניט זיינע קלאסן-צילן, ניט די וועגן ווי זיי צו דערגרייכן, און וואָס האָט ניט געהאט קיין אייגענע אָנפירנדיקע פּראָלעטארישע פארטיי, האָבן די געזעלשאפטלעכע באדינגונגען אויך ניט דערלויבט אוועקצושטעלן די פראגע וועגן עקספּראָפּריירן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אין פראנקרייך פונעם XVIII יה. זיינען ניט געווען ניט דער ווירטשאפטלעכער באָדן פארן סאָציאַליזם, ניט קיין גענוג רייפער ארבעטער-קלאס, וואָס זאָל קאָנען אונטער דער אָנפירונג פון זיין פארטיי מאכן א פּראָלעטארישע סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע.

דער היסטאָרישער פארדינסט פון די יאַקאָבינער איז באשטאנען דערין, וואָס זיי האָבן ארויסגעריסן מיטן וואָרצל און האָבן ליקווידירט אין פראנקרייך די פעאָדאלע פּאָראָנדקעס.

„די ווירקלעך רעוואָליוציאָנערע צערעכענונג מיטן אָפּגעלעבטן פעאָדאליזם, דער איבערגאנג פונעם גאנצן לאנד, און דערביי שנעל, אנטשלאָסן, ענערגיש, מיט אַן עמעסער רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישער מעסירעס-נעפעשדיקייט, צו א העכערן פּראָדוציר-אופן, צו א פרייען פויערשן ערדבאזיץ — אָט דאָס זיינען יענע מאטעריעלע, עקאָנאָמישע באדינגונגען, וואָס האָבן מיט א „ווונדערלעכער" שנעל-קייט געראטעוועט פראנקרייך, **איבערגעבוירנדיק, באנייענדיק** זיין ווירטשאפטלעכע לאגע" (**לענין**).

11. די קאָנטררעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש פונעמ 9־טנ טערמידאָר (27־טנ יול 1794) אונ דער איבערגאנג פונ דער מאכט צו דער גרויסבורזשואזיע אינ די הענט

דער קליינבירגערלעכער טאָכ פונ דער יאקאָבינישער רעגירונג

אדאנק די דערגרייכטע דערפאָלגנ האָט די לאגע פונ דער יאקאָבינישער רעגירונג געקאָנט דוכטנ, אז זי איז פעסט אונ שטאנדהאפטיק. אָבער אינדערעמעסנ איז דאָס געווענ גאָר ניט אזוי. די קליינבורזשואזיע איז לאכלוטנ ניט אזא קלאס, וואָס איז פייִק דורכפירנ א זעלבשטענדיקע ליניע. ניט ווילנדיק אונ אומפארמיידלעכ נייגט זי זיכ אמאָל צו דער בורזשואזיע, אמאָל צומ פראָלעטאריאט. דער זעלבער קאפיטאליזמ, צוליב וועלכנ עס זיינענ אינ פראנקרייכ פארניכטעט געוואָרנ די פעאָדאלע פענטעס פאר זיינ אומגעשטערטער אנטוויקלונג, האָט אומפארמיידלעכ ארויסגערופנ אונ פארגיכערט די דיפערענציאציע צווישנ די רייענ פונ דער קליינבורזשואזיע.

באזונדערע קליינצאָליקע שיכטנ אירע זיינענ רייכ געוואָרנ אונ זיינענ אריבער אינ די רייענ פונ דער גרויסבורזשואזיע. אנדערע זיינענ רויִנירט געוואָרנ אונ האָבנ זיכ דערנעענטערט צו דער שטאָטישער אָרעמשאפט. די דאָזיקע אומפארמיידלעכע באמ קאפיטאליזמ פאנאנאנדערשיכטונג פונעמ קליינבירגערטומ האָט אָפגעשוואכט אונ וואקלדיק געמאכט דעמ קלאסנ-אָנשפאר פונ דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. בא אזוינע באדינגונגענ האָט די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ די יאקאָבינער ניט געקאָנט זיינ קיינ לאנגדויערנדיקע. אָדער די בורזשואזע רעוואָלוציע אינ פראנקרייכ האָט געמוזט אריבערוואקסנ אינ א פראָלעטארישער אונ אנשטאָט דער דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ די יאקאָבינער האָט געמוזט קומענ א סאָציאליסטישע דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט (אָבער פאר איר זיינענ אינ פראנקרייכ פונ XVIII יאָרהונדערט נאָכ ניט געווענ ניט קיינ אָביעקטיווע, ניט קיינ סוביעקטיווע פאָרבאדינגונגענ), אָדער פונ די הענט פונ דער קליינבורזשואזיע האָט די מאכט אומפארמיידלעכ געמוזט אריבערגיינ צו דער גרויסבורזשואזיע אינ די הענט. די וואקלדיקע קליינבירגערלעכע פאָליטיק, אלס אומפארמיידלעכער רעזולטאט פונ דער קלאסנ-נאטור פונ די יאקאָבינער, האָט געשטעלט די רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור אינ אנ ערנסטער געפאר באמ ערשטנ דראנג פונ די פיינטלעכע קרעפטנ. אונ די דאָזיקע קרעפטנ זיינענ אָנ אופהער געוואָקסנ. די אומראכמאָנעסדיקע אונ פעסטע רעוואָלוציאָנערישקייט פונ די יאקאָבינער, וואָס האָבנ געוויזנ א מוסטער פונ ווירקלעכע רעוואָלוציאָנערנ, האָט געשעפט איר קראפט, אגעוו, פונ דער איליוזיע, אז בלייבנדיק אפנ באָדנ פונ פריוואט-אייגנטומ קעמפנ זיי קלוימערשט פאר ווירקלעכער פרייהייט, פאר ווירקלעכער גלייכהייט. זיי האָבנ אופריכטיק געגלייבט, אז מיט זייער ניצאָכנ „איז צומ ערשטנ מאָל אופגעגאנגענ די זונ, אָנגעקומענ דאָס קיניגרייכ פונ סייכל אונ אז פונ דעמלט אָנ וועלנ די אָבערגלויבעניש אונ די אומגערעכטיקייט, די פריווילעגיעס אונ די אונטערדריקונג אָפטרעטנ זייער אָרט דעמ אייביקנ עמעס, דער אייביקער גערעכטיקייט, דער נאטירלעכער גלייכהייט אונ די אומאָפנעמבארע רעכט פונעמ מענטשנ" (ע נ ג ע ל ס). מאכנדיק א וועג פאר דער שנעלסטער אנטוויקלונג פונ דער בורזשואזער געזעל-

שאפט, האָבנ זיי אופריכטיק געמיינט, אַז זיי האָבנ באפרײַט די מענטשהײַט פונ שקלאפערײַ, פונ עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. פונ דער דאָזיקער איליוזיע האָבנ זיי געשעפט זייערע קרעפטנ, אָבער די זעלבע איליוזיע האָט אויכ אָפּגעשפּיגלט זייער קאָלאָסאַלע שוואַכקײַט.

אויסדרײַסנדיק מיטנ וואָרצל דעם פעאָדאַליזם אינ פראַנקרײַכ, האָבנ די קליינבירגערלעכע רעוואָליוציאָנערנ אָפּגעראַמט דעם וועג פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס אירע אינטערעסנ האָבנ זיי געדינט, כאָטש זיי האָבנ דאָס אפילע ניט באַנומענ, מאַסקירנדיק זיכ מיט ווערטער וועגנ פרײַהײַט, גלײַכהײַט און ברידערשאַפט. אָבער די עקאָנאָמיק פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס זיי האָבנ פאַרפעסטיקט, איז געווענ אַזאַ, אַז „די הערשנדיקע קראַפט קאָנ זײַנ בלויז דער קאַפּיטאַל אָדער דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס שלײַדערט אים אַראָפּ. קיינ אַנדערע קויכעס זײַנענ ניט פאַראַנ אינ דער עקאָנאָמיק פונ דער דאָזיקער געזעלשאַפט“ (לענינ). און אינדערעמעסנ, דאָס פּויערטום — באַזונדערס זײַנע פאַרמעגלעכע שיכטנ — האָט שוינ פונ דער רעוואָליוציע באַקומענ אַ באַפרידיקונג פונ זײַנע גרונט-פאָדערונגענ. די פעאָדאַלע פליכטנ, צוזאַמענ מיטנ קלויסטער-שטײַער, זײַנענ פאַרניכטעט געוואָרנ; די שטײַערנ זײַנענ שטאַרק אַראָפּגעזעצט געוואָרנ; נאָכנ פאַנאַנדערטיילנ די געמיינדע-ערד, נאָכנ אײַנקויפנ ערדכאַלאָק'ס פונעמ פאָנד פונ די „נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס“ האָט דער אויבערשיכט און טיילווײַז אויכ די מיטעלע שיכטנ פונעמ פראַנצויזישנ פּויערטום באַדײַטנדיק פאַרברייטערט זייער ערד-שעטעכ. די דאָזיקע טיילנ פונעמ פּויערטום האָבנ געוואָלט האָבנ רו און אַ מעגלעכקײַט אויסצוניצנ פאַר זייערע אינטערעסנ דאָס, וואָס איז דעראָבערט געוואָרנ אַדאַנק דער רעוואָליוציע.

די לאַגע פונ דער דאָרפישער אָרעמשאַפט, פונ די קנאַפּערדיקע אָדער אַבסאָליוט אָנערדיקע פּויערים איז אָבער נאָכ אַלץ געבליבנ זייער אַ שווערע. באַפרײַענדיק זיכ פונעמ פעאָדאַלנ דרוק, זײַנענ זיי אַרײַנגעפאַלנ אינ די הענט צו די רײַכע פּויערים. קיינ אייגנ ברויט האָט בײַ זיי ניט געסטײַעט, אויסרעכענענ אָפּ קויפנ ערד פונעמ פאָנד פונ „נאַציאָנאַלנ פאַרמעגנ“ האָבנ זיי ניט געקאָנט. און אינ רעזולטאַט דערפונ האָט די פּויערשע אָרעמשאַפט, בײַס פאַר אירע אויגנ האָט מענ געהאַלטנ אינ אײַנקויפנ נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס, אָנגעהויבנ שטאַרקער צו ריידנ וועגנ אַנ „אַגראַר-געזעץ“, ד.ה. וועגנ אַנ אַלגעמיינער און גלײַכער איבערפאַרטיילונג פונ דער גאַנצער ערד, אָדער וועגנ ווייניקסטנס די ערד פונעמ פאָנד פונ „נאַציאָנאַלנ פאַרמעגנ“. די דאָזיקע „אויסגלײַכערישע“ פּלענער האָבנ, פאַרשטייט זיכ, אָנגעוואָרפנ אַ שרעק אָפ די דאָרפישע באַלעגופים די גווירים, וואָס האָבנ שטאַרק געלעכצט נאָכ אַ פעסטער רעגירונג, וואָס זאָל זײַנ פעיִק אײַנצוצוימענ די דאָרפישע אָרעמשאַפט. כוץ דעמ, איז דאָס פאַרמעגלעכע פּויערטום, וואָס האָט געהאַסט דעם געזעץ וועגנ „מאַקסימום“, וועלכער האָט אָפּגענומענ בײַ אים דעם רעווע פונ פאַרקויפנ ברויט אָפ ספּעקוליאַטיווע מאַרק-פּרײַזנ, גרייט געווענ צו לײַדנ די רעקוויזיציע פונ די פּראָדוקטנ אָפ פעסטע פּרײַזנ בלויז אַזוי לאַנג, ביז עס איז נאָכ ניט געווענ אָפּגעשלאָגנ דער דראַנג פונעמ אינוויינִיקסטנ און אויסנווייניקסטנ סוינע, וואָס הינטער זײַנ פּלייצע זײַנענ געשטאַנענ די פּריצים די עמיגראַנטנ.

די ניצכוינעס, וואָס די יאַקאָבינער האָבנ אָפּגעהאַלטנ אָפּנ פראָנט און אינ-

ווייניק אין לאנד, האָבן געגעבן די פויערים די אייגנטימער די מעגלעכקײַט אויסצודריקן זייער אומצופרידנקײַט. ניט ענדערנדיק שארף זייער פּאָליטיק לעטויווס די גרונט-מאסן אייגנטימערישן פויערטום, האָבן די יאקאָבינער שוין ניט געקאָנט אויסרעכענען אפ דער ווײַטערדיקער אונטערשטיצונג מיצאד די דאָזיקע מאסן.

צוזאמען דערמיט האָבן די יאקאָבינער זיך ניט באוואָרנט מיט קיין שטיצע אויך מיצאד דער דאָרפישער אָרעמשאפט. די יאקאָבינער האָבן זיך אנטקעגנגעשטעלט קעגן די שמועסן וועגן אן אגראר-געזעץ (איבערפארטיילן די גאנצע ערד), ווײַל זיי האָבן אײַנגעזען אין דעם געזעץ א פרווו אָנצופאלן אפן פריוואט-אייגנטום.

„עקאָנאָמישע גלײַכהײַט איז א כימערע",* — האָט געזאָגט ראָבעספּיער, דער פירער פון די יאקאָבינער. — דאָס איז „אבסאָליוט אומעגלעך אין א בירגערלעכער געזעלשאפט". דער „אגראר-געזעץ" איז אן אומגעלומפּערטע סטראשידלע, מיט וועלכער בײַזוויליקע מענטשן שרעקן די נאראָנים".

נאָך אין פרילינג 1793 יאָר האָט דער קאָנווענט ארויסגעגעבן א ספּעציעלן דעקרעט, וואָס האָט געדראָעט מיט טויטשטראָף יעדן, ווער עס וועט פאָרלייגן אן „אגראר-געזעץ". די יאקאָבינער האָבן ניט געשטיצט די דאָרפישע אָרעמשאפט, ניט דיסקאָנטירט די ענזערונגען אויך אין די שטימונגען פונעם פארמעגלעכן טייל אין דאָרף. בא אזוינע באדינגונגען איז געווען א געפאר, אז דאָס פראנצויזישע דאָרף וועט אויפהערן זײַן דער אָנשפאר פון דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג.

די ארבעטער האָבן אויך אָנגעהויבן פילן אן אנטוישונג אין דער פּאָליטיק פון די יאקאָבינער. עמעס, דער געזעץ וועגן „מאקסימום", וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן לויט דער פאָדערונג פון די האָרעפּאשניקעס, האָט צײַטווײַליק געהאָלפן אײַנאָרדענען די באזאָרגונג פון דער ארמיי און עטוואָס פארגרינגערט די לאגע פון דער ארבעטער-האנטווערקערישער באפעלקערונג אין די שטעט. אָבער דער געזעץ וועגן „מאקסימום" האָט זיך דאָך ארײַנגעמישט בלויז אינעם געביט פון פאנאנדערטיילן די פּראָדוקטן און האָט אינגאנצן ניט געשטעלט די פראגע וועגן פּראָדוצירן זיי. און אפ וויפל די פּראָדוקציע און די באזאָרגונג איז געבליבן אין די הענט ניט בא דער מעלוכע, נאָר בא קליינע פריוואטע אייגנטימער, אפ אזויפיל האָט דער געזעץ וועגן „מאקסימום" ניט געקאָנט אפ א ראדיקאלן אויפן לייזן די דערנערונג-פראגע. די קליינע אייגנטימער האָבן אלץ אײַנגעשפארט זיך אָפּגעזאָגט צוצושטעלן פּראָדוקטן אפ א פעסטן פרײַז, ניט געקוקט אפ די דראָענדיקע דעקרעטן פונעם קאָנווענט.

און דער קאָנווענט האָט זיך ניט געקאָנט שטיצן ניט אפ א גרויסער נאציאָנאליזירטער אינדוסטריע, ניט אפ סאָציאליסטישע אונטערנעמונגען אין דער לאנדווירטשאפט (וואָס זײַנען ניט געווען און האָבן ניט געקאָנט זײַן אין יענער צײַט). די גאנצע פּראָדוקציע איז אין אלע געביטן פון דער פאָלקווירטשאפט געבליבן אין די הענט בא דער בורזשואזיע און בא די קליינע באלעבאטים, קליינע פריוואט-אייגנ-

* כימערע — א פוסטע אויסטראכטעניש.

טימער. הײַנט דאָס דורכפירן דעם געזעץ גופא וועגן „מאקסימום“ איז אויך געוועגן אָפּהענגיק פון די שטאָטישע זעלבסטפארוואלטונגען, וואָס זײַנען אין א באַדײַטנדיקער מאָס באשטאנען פון פערזאָנען לאכלוטן ניט פארינטערסירטע אינעם שטרענגן דורכפירן דעם „מאקסימום“: פון בורזשואזיע, קלײנהענדלער, אײגנטימער פון ניט קײן גרויסע ווארשטאטן אאוו.

די לאַגע פון די ארבעטער האָט זיך פארשארפט נאָך דערמיט, וואָס צוגלײַך מיט די פעסטע פרײַזן אפ סכוירעס האָט די רעוואָליוציאָנערע רעגירונג אין סענטיאבער 1793 יאָר אויך אײַנגעפורט *לימיט-טאריפן פאר ארבעטלוינ*. עמעס, דער ארבעטלוינ פונעם ארבעטער איז געהעכערט געוואָרן אין *אַנדערהאלבן* מאָל אנטקעגן די טאריפן פון 1790 יאָר, אָבער די פּראָדוקטן זײַנען אפן פרײַען מארק פאר דער דאָזיקער צײַט טײַערער געוואָרן *אין עטלעכע צענדליק מאָל*, דער קורס פונעם פאפירענעם געלט איז געפאלן אפ צווײ מאָל אזויפיל, און די רעוואָליוציאָנערע רעגירונג איז ניט געווען בעקויעך אײַנצוואָרענען די באַזאָרגונג פון די ארבעטער אפ פעסטע פרײַזן. כוץ דעם, זײַנען די ארבעטער־פאריינען און אָרגאניזאציעס געבליבן פארבאָטן ווי פריִער, עס איז געבליבן אין קראפט לע־שאפעליעס געזעץ. דאָס אלץ האָט ארויסגערופן אן אנטוישונג בא די ארבעטער און דער שטאָטישער אָרעמשאפט, וואָס האָבן ניט געזען קײן פערספעקטיוו אפ פארבעסערן זײער לאגע.

די קלײנבירגערלעכע רעוואָליוציאָנערן, וואָס האָבן פארווירקלעכט די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור, האָבן אלײן ניט באנומען זײער ניט שטאנדהאפטיקע לאגע, זײ האָבן, כוץ דעם, ניט פארשטאנען, וועלכע קרעפטן זײַנען צו זײ פײַנטלעך, און אפ וועלכע קרעפטן זײ קאָנען זיך אָנשפארן, קעדײַ אײַנצוהאלטן די מאכט פאר זיך. „דער פראנצויזישער קאָנווענט האָט זיך פארמאָסטן מיט ברײטע מאָסמיטלען. נאָר אפ דורכפירן זײ האָט ער ניט געהאט קײן געהעריקן אָנשפאר, ער האָט ניט געוווּסט אפילע, אפ וועלכן קלאס ער דארף זיך אָנשפארן קעדײ דורכפירן דעם אָדער יענעם מאָסמיטל“ (*לענין*). ארויסגײענדיק פון דער אוטאָפּיע פון איבערקלאסעווער גלײַכהײט און איבערקלאסעווער פרײַהײט, האָבן די יאקאָבינער ניט געקאָנט און ניט געוווּסט ווי אזוי צו דיסקאָנטירן די פּאָרגעקומענע ענדערונג אין די שטימונגען און אין די אינטערעסן פון באזונדערע קלאסן און גרופּעס, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן אלץ שטארקער און שטארקער, וואָס גיכער עס האָט זיך פארענדיקט דער פּראָצעס פון פארניכטן דעם פעאָדאליזם און פארפעסטיקן די בורזשואזע געזעלשאפט.

דאָס ליקווידירן אין גרונט דעם בירגערקריג אינעווייניק אין לאנד, דאָס באזײַטיקן די אומיטלבארע געפאר פון א פײַנטלעכער אינטערווענץ פון אויסן האָבן מיטגעווירקט צו פארשטארקן דעם דרוק מיצאד די פארשײדענע קלאסן אפ דער רעגירונג פון דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור. די פארמעגלעכע עלעמענטן אין דאָרף, די דאָרפישע אָרעמשאפט, די ארבעטער און די שטאָטישע אָרעמשאפט — זײ אלע האָבן געפאָדערט אויסצופילן זײערע פאָדערונגען. און די יאקאָבינער האָבן אדאנק זײער קלאסנ־נאטור ניט געקאָנט פירן ניט קײן קאָנסעקווענט־בורזשואזע, ניט קײן קאָנסעקווענט־פּראָלעטארישע פּאָליטיק. און קײן מיטלוועג איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זײַן.

די דאָזיקע סיטואציע האָט די בורזשואזיע פּאָליטיש אויסגעניצט.

די אינדוסטריעלער, הענדלער, געשעפט־מאכער, וואָס זײַנען רײַך געוואָרן אלס ליפעראנטן פון דער ארמײ, די ספּעקוליאנטן, וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם געזעץ וועגן „מאקסימום“ און האָבן זיך אויסגעבאהאלטן פונעם גרויזאמען רעוואָליוציאָנערן טריבונאל. די אופקויפער, וואָס האָבן געמאכט א פארמעגן באם אויספארקויפן די „נאציאָנאלע פארמעגנס“, די אזוי גערופענע „נײַע בורזשואזיע“,

וואָס איז רײַך געוואָרן אין די יאָרן פון דער רעוואָליוציע באַגלײַך מיט דער „אַלטער", — זיי אַלע האָבן נאָר ארויסגעקוקט אַפּ אַ פּאסיקן מאָמענט קעדיי ארויסצובאקומען צוריק די מאכט, וואָס איז בא זיי ארויסגעריסן געוואָרן דורכן אַ̈פשטאנד פון 31־טן מײַ — 2־טן יונ 1793 יאָר, זיי האָבן אַלץ שטארקער און שטארקער דערווידערט קעגן דעם ווײַטערדיקן אָנווענדן טעראָר און קעגן די באגרענעצונגען אין געביט פון ווירטשאפטלעכער טעטיקײַט.

דער קאמף פון די יאקאָבינער קעגן די „ווילדע"

מיר וויסן, אז די יאקאָבינער האָבן אָפּגעהאלטן אַ ניצאָכן איבער די זשיראָנדיסטן אין בונד מיט די „ווילדע", וואָס זײַנען געווען די פארטיידיקער פון די אינטערעסן פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמשאפט, פון די קליינע האנטווערקער און ארבעטער. די „ווילדע" האָבן געפאָדערט אַן אומדערבארעמדיקן קאמף קעגן אַלע גווירים, אופקויפער, באנקירן און האָבן פאָרגעלייגט אָפּריייניקן די רעפּובליק פון אַלע די, „וואָס פארמאָגן עפּעס וואָס". קיין פארגאנצטע עקאָנאָמישע פּראָגראם איז אָבער בא די „ווילדע" אויך ניט געווען. דער פּראָלעטאריאט פונעם דעמלטיקן פראנקרײַך האָט נאָך ניט באנומען די נייטיקײַט צו פארניכטן דאָס פּריוואט־אייגנטום אַפּ די געצײַג און מיטלען פון פּראָדוקציע, ער האָט ניט ארויסגעשטעלט קיין פּראָגראם פון קאָמוניסטישן איבערבויען די געזעלשאפט. אָבער אין קעגנזאץ צום בורזשואזן פּרינציפּ פון גלײַכהײַט פון אַלע פארן געזעץ האָבן די „ווילדע" שוין געפאָדערט דורכפירן „גלײַכהײַט אַפּ אַן עמעסן", גלײַכהײַט עקאָנאָמישע.

די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פון די אידייען פון זשאק רו און אנדערע פירער פון די „ווילדע" האָט געבראכט, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, צו באבעפס קאָמוניאַליזם.

זומער און הארבסט 1793 יאָר האָט זיך צווישן די יאקאָבינער מיט די „ווילדע" פאנאנדערגעפלאקערט אַ פארביטערטער קאמף. זשאק רו האָט אין זײַנע רעדעס שארף קריטיקירט די פּאָליטיק פון די יאקאָבינער, „וואָס האָבן גאָרנישט ביז אופגעטאָן פארן פּאָלק", און ער האָט געדראָעט דעם קאָנווענט מיט „די שפּיזן פון די אונטערדריקטע". די יאקאָבינער האָבן, פון זייער זײַט, זיך דערשלאָגן ארויסצושליסן פון די רעוואָליוציאָנערע קלובן זשאק רוען און אנדערע פירער פון די „ווילדע" און האָבן פארשמעלערט די רעכט פון די פאריזשער סעקציעס, אַפּ וועלכע די „ווילדע" האָבן זיך געשטיצט.

הארבסט און ווינטער 1793/94 יאָר האָבן די יאקאָבינער דערלאנגט די „ווילדע" אַן ענדגילטיקן קלאַפּ. דער פירער פון די „ווילדע", זשאק רו, איז ארעסטירט געוואָרן און ער האָט זיך דערשטאָכן מיט אַ מעסער, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אז מע האָט זײַן איניען איבערגעגעבן צום רעוואָליוציאָנערן טריבונאל.

אָבער דער ניצאָכן איבער די „ווילדע" איז געקויפט געוואָרן פאר אַ טײַערן פּרײַז. דער קאָנווענט האָט ארומגעשניטן די רעכט און די טעטיקײַט פון יענע אונטערשטע אָרגאניזאציעס, וואָס זײַנען געווען דער אָנשפּאר און דער הייבער פון דער גאנצער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אין דעם בונד פון דער קליינבורזשואזיע מיט די ברייטע מאסן פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמשאפט און ארבעטער האָט זיך ארויסגעבילדעט די ערשטע שפּארונע.

אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערײַען צווישן די יאַקאָבינער אַליין.

דער לינקער פליגל פון די יאַקאָבינער האָט זיך גרופּירט אַרום דער פּאַריזשער קאָמונע און האָט באַקומען דעם נאָמען „עבעריסטן", לויטן נאָמען פונעם טאַלאַנטפולן זשורנאַליסט און געהילף-פּראָקוראָר פון דער פּאַריזשער קאָמונע עבער. זײַן צײַטונג „דער פּאָטער דיושען", וואָס פלעגט איבערגעבן די וויכטיקסטע פּאָליטישע נײַס אין א פּאָשעטן און גראָבלעכן טאָן, איז אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער פּאַריזשער אָרעמשאַפט. די עבעריסטן האָבן געפאָדערט ענערגיש מילכאָמע צו האַלטן פאַר פאַרברייטערן און פאַרפעסטיקן די רעוואָלוציע, ברייט אָרגאַניזירן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אײַנאָרדענען שפּיטאָלן און אינוואַלידן-הײַזער פאַר זקיינים, רעגולירן די באַזאָרגונג פון דער באַפעלקערונג מיט אַלע זאַכן פון ערשטן געברויך לויט פעסטע פּרײַזן, און אומדערבאַרעמדיק אָנווענדן טעראָר קעגן די סאָנים פון דער רעוואָלוציע. נאָך דער פּאַריזשער קאָמונע און נאָך די עבעריסטן זײַנען נאָכגעגאַנגען די אָרעמסטע שיכטן פונעם קליינבירגערטום, און פון פּרילינג 1794 יאָר, נאָכן צעגראָמירן די „ווילדע", האָבן זיי געהאַט די שטיצע אויך פון די אַרבעטער-האַנטווערקערישע קרײַזן אין פּאַריז, וועלכע האָבן געהאַט פאַרלוירן זייערע פירער אין דער פּערזאָן פון זשאַק רו און זײַנע כאַוויירים.

די געלט-מיטלען אַפּ דורכפירן די דאָזיקע אַלע רעפאָרמעס האָבן די עבעריסטן געדעכנט צו באַקומען דורך באַשטײַערן די בורזשואַזיע און די מער פאַרמעגלעכע שיכטן פון דער קליינבורזשואַזיע.

פאַרשטענדלעך, אַז ראָבעספּיער, דער טיפּישער פאַרשטייער פון דער קליינבורזשואַזיע, און דאַנטאָן, וואָס האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער נײַער בורזשואַזיע, האָבן ענערגיש געקעמפט קעגן עבערן און זײַנע אָנהענגער.

אין מאַרט 1794 יאָר האָבן די עבעריסטן זיך אַנטשלאָסן אַפּ אַן אָפענער אַרויסטרעטונג. די פירער פון די עבעריסטן האָבן אָבער ניט באַוויזן צו פאַנאַנדערוויקלען קיין ברייטע פּראָגראַם פון עקאָנאָמישע פאָדערונגען, וואָס זאָל זײַן קלאָר פאַר דער מאַסע. און דעריבער האָט די מאַסע זיי ניט געשטיצט. דערום האָט דער פּרווו פון די עבעריסטן געליטן א מאַפּאָלע. זייערע פירער האָט מען אַרעסטירט און געקעפּט.

דער אומקום פון די עבעריסטן האָט פאַרשטאַרקט די פּאָזיציעס פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך גרופּירט אַרום דאַנטאָנען. לויט זײַנע אָנשוויגנגען האָט דאַנטאָן פאַרנומען, אין טאָך גענומען, א צווישנאָרט צווישן דעם „באַרג" און דער זשיראָנדע. „זיצנדיק אַפּן שפּיץ באַרג, איז דאַנטאָן אין דערעמעסן געווען דער פירער פונעם „זומפּ"", זאָגט וועגן אים מאַרקס. די דאַנטאָניסטן האָבן געפאָדערט צו לינדערן דעם טעראָר, אָרגאַניזירן א „קאָמיטעט פון באַרעמהערציקײַט" אַפּ פאַנאַנדערקלײַבן די איניאָנים פון די אַרעסטירטע, און דעריקער — פולשטענדיקע פרײַהײַט פוןווירטשאַפטלעכער טעטיקײַט, קעדיי די רײַך געוואָרענע בורזשואַ זאָלן רויִק געניסן פון זייערע דעראָבערונגען פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע. באַזונדערס האָבן די דאַנטאָניסטן אָנגעוויזן אַפּ די „געפערלעכע שטריכן" פונעם „מאַקסימום" און האָבן אים געוואָלט אָפּשאַפן. דער ניצאָכן פון די דאַנטאָניסטן וואָלט באַטײַט א ניצאָכן פון דער בורזשואַזיע.

די ראָבעספּיעריסטן האָבן פאַרגעשטעלט די פאַרמעגלעכע שיכטן פונעם קליינ־בירגערטום אין שטאָט און אין דאָרף און האָבן זיך געוואַקלט צווישן דער בור־זשואַזיע און די ארבעטער. אָט האָבן זיי זיך אָנגעשפּאַרט אַף די דאַנטאָניסטן קעגן עבערן און אָט זײַנען זיי ארויסגעטראָטן אין א בונד מיט די פּאַריזשער ארבעטער און אָרעמשאַפט, פּרווונדיק אויסניצן זיי אינעם קאַמף קעגן די דאַנטאָ־ניסטן. מיט איין וואָרט, די ראָבעספּיעריסטן האָבן ארויסגעוויזן א ריי וואַקלע־נישן, וואָס זײַנען אייגנטימלעך גראָד פאַר דער קליינבורזשואַזיע, וועמעס פאָר־שטייער זיי זײַנען געווען. אינעם קאַמף קעגן די דאַנטאָניסטן האָבן זיי געזיגט.

אין עטלעכע טעג ארום נאָך דעם, ווי מע האָט געקעפּט עבערן, האָט מען ארעסטירט און דערנאָך געקעפּט די דאַנטאָניסטן (אפּרעל 1794 יאָר).

די לאַגע פון די ראָבעספּיעריסטן אליין איז אָבער אויך געווען זייער א וואַקלדיקע. דערפירנדיק די בורזשואַזע רעוואָליוציע ביזן סאָף, באַגעגענענדיק זיך פּאָנעם-על־פּאָנעם מיט דער נײַער ב ו ר ז ש ו א ז י ע ר געזעלשאַפט, צעגראַמירנדיק די עבע־ריסטן און דאַנטאָניסטן, האָבן די ראָבעספּיעריסטן זיך געפונען אין א לאַגע פון מענטשן, וואָס שטייען אַף דעם וואַקלדיקן און ניט שטאַנדהאַפטיקן פונדאַמענט פון דער קליינבורזשואַזיע אין שטאָט און אין דאָרף. די קלענסטע וואַקלונג פון דער קליינבורזשואַזיע אין שטאָט און פונעם זעלבשטענדיקן פּויערטום אין דאָרף (מיטעלע און באַלעגופים) צו דער זײַט פון דער בורזשואַזיע האָט געדראָעט די ראָבערספּיעריסטן ארונטערצורײַסן זייער מאַכט. און א מער שטאַרקערע וואַקלונג אין דער זעלבער זײַט האָט זיי לײַכט געקאָנט אומוואַלגערן. אָבער די ראָבעס-פּיעריסטן האָבן ניט באַנומען און ניט דיסקאָנטירט די שטימונגען, וואָס האָבן זיך פאַרשטאַרקט אין דער סוויווע פונעם פאַרמעגלעכן קליינבירגערטום און באַ-זונדערס אין דער סוויווע פונעם זעלבשטענדיקן פּויערטום נאָך דעם, ווי דער פעאָדאַליזם איז פאַרניכטעט געוואָרן, דער בירגערקריג האָט זיך אײַנגעשטילט און די געפאַר פון אַן אינטערווענץ האָט זיך אָפּגערוקט. דער גאַנג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג האָט געגאָסן וואַסער אַף דער מיל פון דער בורזשואַזיע.

בא אזא זאַכלאַגע איז דאָס פאַלן פון דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאַטור גע־וואָרן אומפאַרמײַדלעך.

זומער 1794 יאָר, ווען די נײַע ניצחונות האָבן געזיכערט דעם טריומף פון דער פראַנצויזישער ארמיי, איז קעגן די ראָבעספּיעריסטן ארויסגעטראָטן א פאַר־שיידנפאַרביקער בלאָק פון די רעשטלעך גרופּירונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט צע־גראַמירט. די דאָזיקע גרופּירונגען האָט אַקטיוו געשטיצט דער „זומפּ", וואָס האָט דערפילט די וואַקלעניש פון דער קליינבורזשואַזיע און פּויערטום (מיטעלן און פאַרמעגלעכן) און האָט אָנגעהויבן ווערן אַקטיוו.

די קאָנטררעוואָליוציאָנערע איבערקערעניש פונעם 9-טן טערמידאָר

דעם 9-טן טערמידאָר (27-טן יולי 1794 יאָר), ווען ראָבעספּיער איז ארויסגעטראָטן אין קאָנווענט מיט א רעדע, האָט מען אים ניט געלאָזט ריידן. מיט א מערהײַט שטימען איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס וועגן איבערגעבן ראָבעספּיערן און זײַנע אָנהענגער צום געריכט פונעם רעוואָליוציאָנערן טריבונאַל. לויט א באַשלוס פון קאָנווענט זײַנען זיי דערקלערט געוואָרן אויסערן געזעץ.

די פּאַריזשער קאָמונע און דער יאַקאָבינישער קלוב, וואָס זײַנען געבליבן אַף

ראָבעספּיערס זײַט, האָבנ געפּרוווט מאכנ אנ אופשטאנד, קעדיי אימ צו פּאַרטײַדיקנ. אָבער די ברייטע מאסנ ארבעטער אונ די פּאַריזשער אָרעמשאפט האָבנ זיכ שוואכ אָפּגערופנ אפ זייער רופ. זיי האָבנ שוינ געהאט פּאַרזוכט די אומפייִקײַט פונ דער יאקאָבינישער רעגירונג ארויסצופירנ זיי פונ דער שווערער נויט. אינ דער קאָמונע אליינ זײַנענ שוינ ניט געווענ די פריִערדיקע פירער, וואָס זײַנענ געווענ זייער פּאָפּולער בא דער פּאַריזשער באפעלקערונג. די מאסנ, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט לעבנ דער געבײַדע פונ דער קאָמונע, ווו ראָבעספּיער האָט זיכ געפונענ אינ דער נאכט פונעמ 9־טנ אפנ 10 טערמידאָר, זײַנענ דעריבער אלצ שיטערער געוואָרנ. אינדערפרי זײַנענ די אָטריאדנ פונ קאָנווענט אָנ שומ שטערונגענ ארײַנ אינ דער געבײַדע פונ דער קאָמונע אונ האָבנ ארעסטירט ראָבעספּיערנ מיט זײַנע אָנהענגער. מע האָט זיי גיליאָטינירט אינ דעמ זעלבנ טאָג, דעמ 10־טנ טערמידאָר.

די איבערקערעניש פונעמ 9־טנ טערמידאָר איז געווענ דער סאָפ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור פונ די יאקאָבינער. געזיגט האָט די גרויסבורזשואזיע. צו איר אינ די הענט איז אויכ אריבער די מאכט אינ דער פראנצויזישער רעפּובליק.

די היסטאָרישע באַד טונג פון דער יאקאָביני־ שער דיקטאַטור

די היסטאָרישע באַדײַטונג פונ דער יאקאָבינישער דיקטאטור, אנדערש גערעדט, די דערפאָרונג פונ אָט דער דיקטאטור, האָט געהאט אנ אויסערגעווײנלעכנ ווערט פאר דעמ גאנצנ ווײַטערדיקנ קאמפ פונ די אונטערדריקטע קלאסנ אונ פריִער פאר אלצ פאַרנ פּראָלעטאריאט. אינקורצנ קאָנ מענ דאָס אויסדריקנ אזוי:

די יאקאָבינער האָבנ געגעבנ דעמ מוסטער פונ א רעוואָליוציאָנער, וואָס איז פעסט אונ אנטשיידנ געגאנגענ צומ אָנגעמערקטנ ציל, אָפּוואַרפנדיק אונ בײַקומענדיק אלע שטערונגענ אפ זײַנ וועג. ניט אומזיסט האָט לענינ געזאָגט, אז עס פאַרדינט ניט דעמ נאָמענ פּראָלעטארישער רעוואָליוציאָנער דער מענטש, וואָס פאַרשטייט ניט צו שעצנ די גרויסע בורזשואזע רעוואָליוציאָנערנ פונ דער פאַרגאנגענהײַט — ראָבעספּיערנ, מאַראטנ אא.

די יאקאָבינער האָבנ געגעבנ א מוסטער פונ א רעוואָליוציאָנער, וואָס שטיצט זיכ אפ די מאסנ. „די היסטאָרישע גרויסקײַט פונ די עמעסע יאקאָבינער" איז באשטאנענ דערינ, וואָס זיי זײַנענ געווענ „יאקאָבינער מיטנ פאָלק, מיט דער רעוואָליוציאָנערער מערהײַט פונ פאָלק, מיט די רעוואָליוציאָנערע פּאָרגעשריטענע קלאסנ פונ יענער צײַט" (לענינ).

קעמפנדיק קעגנ דעמ פעאָדאליזמ, וועלנדיק, ווי רוסאָ, „פּאַריינס" באַזײַטיקנ אויכ דעמ נײַעמ עקספּלואטאטער, זײַנענ „די יאקאָבינער פונ 1793 יאָר ארײַנ אינ דער געשיכטע אלס גרויסארטיקער מוסטער פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ קעגנ דעמ קלאס עקספּלואטאטערס מיצאד דעמ קלאס ארבעטנדיקע אונ אונטערדריקטע, וועלכער האָט גענומענ די גאנצע מאכט אינ זײַנע הענט" (לענינ).

די יאקאָבינער האָבנ דערוויזנ, אז פאַרנ דערפאָלג פונ יעטווידער רעוואָליוציע איז נייטיק א דיקטאטור פונעמ סאמע רע־

וואָליוציאָנערסטנ קלאס. אינ דער עפאָכע פונ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע איז אזא קלאס געווענ די שטאָטישע אונ דאָרפישע אונטערשיכטנ, די פלעבייִשע מאסע, ווי מארקס רופט זיי אָנ.

די יאקאָבינער האָבנ אפ אנ עמעס דערוויזנ, אז א מאסעווער, קלאסעווער, רעוואָליוציאָנערער טעראָר איז נייטיק געווענ אינ די הענט פונ רעוואָלוציאָנערנ קלאס, קעדיי צו דערגרייכנ זײַנע צילנ. „די הערשאפט פונ טעראָר אינ פראנקרײַכ האָט דעריבער געקאָנט דינענ בלויז קעדיי מיט די קלעפ פונ זײַנ שרעקלעכנ האמער אראָפצווישנ מיט איינ מאָל, ווי מיט קישעפ, אלע פעאָדאלע כורוועס פונ פראנקרײַכס ערד" (מארקס).

די יאקאָבינער האָבנ געגעבנ אנ אויסגעצייכנטנ מוסטער פונ קאמפ קעגנ דער קאָנטררעוואָליוציע אינווייניק אינ לאנד אונ א מוסטער פונ קאמפ קעגנ דער אינטערווענצ פונ אויסנ. זייער קאמפ קעגנ די ראָיאליסטנ אונ זשיראָנדיסטנ, וואָס האָבנ אופגעהויבנ די פאָנ פונ בירגערקריג אינווייניק אינ לאנד, זייער קאמפ קעגנ דער אינטערווענצ, קעגנ דער פעאָדאלער ארומרינגלונג גיט בוילעטע בײַשפילנ, וויאזוי עס דארפ זיכ פירנ דער רעוואָליוציאָנערער קלאס אינ אזעלכע באדינגונגענ.

טראָצקיס קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע פלוידערײַ וועגנ טערמידאָר

נאָכ ערעוו דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט טראָצקי אפ א קאָנטררעוואָליוציאָנערנ אויפנ אָפגעשאצט דעמ פרווו פונ דער יאקאָבינישער דיקטאטור. ער האָט גערעדט וועגנ דעמ „אומזינ פונ די יאקאָבינער", וועגנ „אוטאָפיזמ" פונעמ רעוואָליוציאָנערנ טעראָר, וועגנ דער גיליאָטינע, ווי א „מעכאניש געצײַג פונ פאָליטישנ זעלבסטמאָרד".

אינ 1927 יאָר האָבנ טראָצקי אונ די טראָצקיסטנ פארשפרייט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע לעגענדע וועגנ „טערמידאָריאנישנ איבערגעבורט" פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי אונ פונ דער ראטנמאכט — דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אינ פססר. די דאָזיקע קאָנטררעוואָליוציאָנערע פלוידערײַ טראָצקיס מיט זײַנע נאָכבאמקערס באווײַזט אויכ זייער עלעמענטארע אמעראצעס אינ געביט פונ געשיכטע. די געשעענישנ פונעמ 9־טנ טערמידאָר זײַנענ אינ פראנקרײַכ פאָרגעקומענ ניט מאכמעס דער „איבערגעבורט" פונ דער יאקאָבינישער דיקטאטור — קיינ שום „איבערגעבורט" פונ דער דאָזיקער דיקטאטור איז ניט פאָרגעקומענ, — נאָר מאכמעס דער אומעגלעכקײַט, אז א קליינבירגערלעכע דיקטאטור זאָל עקזיסטירנ א לענגערע צײַט. די יאקאָבינישע דיקטאטור איז געפאלנ ניט פונ קיינ „איבערגעבורט", נאָר אונטערנ דרוק פונ דער בורזשואזיע, וואָס אפ איר צאד האָבנ זיכ א וואקל געטאָנ דאָס פארמעגלעכע פויערטומ אונ דאָס קליינבירגערטומ.

די אמעראצעס פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פלוידערזעק די טראָצקיסטנ אנטפלעקט זיכ אויכ אינ דעמ, וואָס זיי האָבנ פארגלײַכט די פראנצויזישע בורזשואזע רעוואָליוציע מיט דער אָקטיאבערשער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. „די אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז ניט קיינ פאָרזעצונג אונ ניט קיינ פארענדיקונג פונ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע. דער ציל פונ דער פראנצויזישער רעוואָליוציע איז געווענ ליקווידירנ דעמ פעאָדאליזמ, קעדיי פארפעסטיקנ

דעם קאפיטאליזם. דער ציל אָבער פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז — ליקווידירן דעם קאפיטאליזם, קעדיי פארפעסטיקן דעם סאָציאַליזם" (סטאלין).

די אמעראצעס פון דער פלוידעריַי פון די קאָנטררעוואָליוציאָנערן די טראָצקיסטן אנטפלעקט זיך אויך אין דעם, וואָס זיי האָבן צונויפגעמישט די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונעם קליינבירגערטום מיט דער סאָציאַליסטישער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט. אין פראנקרייַך האָט די דיקטאטור פארווירקלעכט די קליינבורזשואזיע, וואָס איז לויט איר קלאסן־נאטור און בא אירע וואקלענישן ניט געווען פייִק צו פירן א קאָנסעקווענטן קאמף קעגן דער בורזשואזיע, וועלכע איז אפ איר אָנגעגריפן; בא אונדז אין פססר פארווירקלעכט די דיקטאטור דער סאָציאַליסטישער פראָלעטאריאט אונטער דער אָנפירונג פון זייַן פארטיי, וואָס פירט א פעסטע אומאָפנייגלעכע ליניע אפ פולשטענדיק ליקווידירן די קאפיטאליסטישע קלאסן, אפ פולשטענדיק זיי צו פארניכטן און אויסבויען די אָנקלאסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט.

די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פלוידעריַי האָבן טראָצקי און די טראָצקיסטן געדארפט האָבן, קעדיי אָפלייקענען דעם סאָציאַליסטישן כאראקטער פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אָפלייקענען די מעגלעכקייַט, אז דער סאָציאַליזם קאָן אין אונדזער לאנד זיגן, און דערמיט אליין אידייִש צוגרייטן די ווידערופשטעלונג פונעם קאפיטאליזם אין פססר. פלוידערנדיק וועגן „טערמידאָריאַנישער איבערגעבורט", זייַנען זיי ארויסגעטראָטן, ווי אגענטן פון דער אינטערנאציאָנאלער בורזשואזיע. עס איז קיין כידעש ניט דעריבער, וואָס נאָכן ארויסטרייַבן זיי פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, זייַנען זיי אָפן אריבערגעגאנגען דינען זייערע בורזשואזע באלעבאטים און זייַנען פארוואנדלט געוואָרן אינעם פאָדערשטן אָטריאד פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע.

12. דער סאָף פונעם קאָנווענט און די עפּאָכע פון דער דירעקטאָריע

די טערמידאָריאַנישע רעאקציע

מיט ראָבעספיערס אומקום האָט זיך פארענדיקט די אופשטייַגנדיקע ליניע פון דער פראנצויזישער רעוואָליוציע. עס איז אָנגעקומען די עפּאָכע פון רעאקציע. בא דער מאכט האָבן זיך געשטעלט די זיגער פונעם 9-טן טערמידאָר — די „טערמידאָריאַנער", וואָס האָבן אין גרונט פאָרגעשטעלט די אינטערעסן פון דער נייַער בורזשואזיע.

אינגיכן נאָך דעם, ווי מע האָט געקעפט ראָבעספיערן, האָט מען אָנגעהויבן קעפן און רוידעפן די ברייטע קרייַזן פון זייַנע אָנהענגער. די כוואליע פון ווייַסן טעראָר האָט זיך דורכגעקייַקלט איבער גאנץ פראנקרייַך. א סאך אָנגעזעענע רעוואָליוציאָנערן זייַנען געקעפט געוואָרן און פארשיקט געוואָרן, און די גאנץ געבליבענע זשיראָנדיסטן האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין קאָנווענט. דעם יאקאָבינישן קלוב האָט מען פארמאכט, די פאריזשער קאָמונע — פארניכטעט. אָנשטאָט די פריִערדיקע סעקציעס איז פאריזש געווען איצט אייַנגעטיילט אין 12 שטאָטישע פארוואלטונגען, וואָס זייַנען צווישן זיך מיט גאָרנישט ניט פארבונדן. דער קאָנווענט

האָט אָפּגעשאַפט דעם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל און דעם געזעץ וועגן „מאַקסימום". מע האָט ווידער געלאָזט אין פאַרקער מעטאַלענע מאַטבייעס.

די פּרווון פון אַן אויפשטאַנד אין פּרילינג 1795 יאָר

דאָס אָפּשאַפן דעם „מאַקסימום" און דער אָנגעקומענער יאַקרעס האָט שמערצלעכער פאַר אַלץ אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער אָרעמער־באַפעלקערונג פון פּאַריז. עמעס, איצט האָט דער דורכשניטלעכער אַרבעטער באַקומען 100 — 120 ליווער אַ טאָג, אָבער אַ פונט ברויט האָט געקאָסט 50, און אַ פונט פלייש 100 — 120 ליווער.

די שאַרפע פאַרערגערונג אין דער לאַגע פון דער שטאָטישער אָרעמשאַפט האָט ווידעראַמאָל אַרויסגערופן אַן אויפבריוז פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין פרילינג 1795 יאָר האָבן די הונגערנדיקע פּאַריזשער אַרבעטער און די אָרעמשאַפט צוויי מאָל געפּרוווט מאַכן אַן אויפשטאַנד אונטער דער פאָדערונג: „ברויט און די קאָנסטיטוציע פון 1793 יאָר!".

אָבער די דאָזיקע פּרווון זײַנען דערשטיקט געוואָרן מיט באַוואָפנטער קראַפט. די יאַקאָבינישע קאָנסטיטוציע פון 1793 יאָר איז שוין אַזוי געבליבן ניט דורכגעפירט אין לעבן. דער קאָנווענט, ווו עס האָט איצט געבאַלעבאַטעוועט דער „זומפּ", וואָס האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער נײַער בורזשואַזיע, האָט אין 1795 יאָר פאַר זײַן פאַנאַנדערגעלאָזן ווערן אויסגעאַרבעט אַ נײַע קאָנסטיטוציע פאַרן בורזשואַזן פראַנקרײַך.*

די עפּאָכע פון דער דירעקטאָריע (די יאָרן 1795—1799)

די דאָזיקע קאָנסטיטוציע האָט געלאָזן די רעפּובליקאַנישע אָרדענונג, נאָר זי האָט געגעבן וואַלרעכט בלויז פאַרמעגלעכע בירגער.

די געזעצגעבערישע מאַכט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך צוויי פּאַלאַטעס: די פּאַלאַטע פון 500 און די פּאַלאַטע פון די עלטסטע. די אויספיר־מאַכט אין דער רעפּובליק איז איבערגעגעבן געוואָרן צו 5 אויסגעוויילטע דירעקטאָרן, פונדאַנען שטאַמט אויך דער נאָמען פון דער גאַנצער אָרדענונג: דירעקטאָריע. די צײַט פון דער דירעקטאָריע (די יאָרן 1795 — 1799) איז געווען די גאָלדענע צײַט פאַר דער רויבערישער און ספּעקולאַנטישער גרויסבורזשואַזיע.

ניט שלעכט האָט זיך געלעבט אויך די באַלעגופישע און פאַרמעגלעכע שיכטן פונעם פּויערטום. דאָס אָפּשאַפן די פעאָדאַלע פליכטן און די קלויסטער־שטײַערן, בײַכלאַל דאָס אַראָפּזעצן דעם שטײַערן-דרוק, דאָס פאַרברייטערן דעם ערד־שטעטעכל אַפּן כעזשבן פון די פריערדיקע גיטער פון די אַדעליקע און פון די קלויסטערס, — דאָס אַלץ האָט מיטגעווירקט צו באַרײַכערן די דאָזיקע שיכטן. די ערד איז געשטיגן אין פּרײַז.

דער רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע איז געווען די פאַרברייטערונג און פאַרפעסטיקונג פון יענע שיכטן פאַרמעגלעכן באַלעגופישן פּויערטום, וועלכע זײַנען געוואָרן אין

---

* די דאָזיקע קאָנסטיטוציע פון 1795 יאָר האָט לויט דער רעפּובליקאַנישער צײַט-רעכענונג געהייסן: „די קאָנסטיטוציע פון III יאָר".

פראנקרײַכ דער זיכערער אָנשפאר פונ דער בורזשואזער אָרדענונג. אָבער די לאגע פונ דער פויערשער אָרעמשאפט איז געבליבנ זייער א שווערע.

די לאגע פונ די ארבעטער אונ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט

שווער איז געווענ אויכ די לאגע פונ די ארבעטער אונ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט. צוגלײַכ מיטנ יאקרעס האָט אפ די ארבעטער געדריקט אויכ די שוידערלעכע ארבעטלאָזיקײַט. פאר די יאָרנ פונ מילכאָמע אונ רעוואָליוציע איז די פראנצויזישע אינדוסטריע געפאלנ. עס האָט איר ניט געקלעקט קיינ רויוואַרג: די אויסלענדישע מערק האָט זי אָנגעוואָרנ. פראנקרײַכ האָט זיכ ארויסגעוויזנ פארפלייצט מיט אויסלענדישע סכוירעס. א סאכ אונטערנעמונגענ האָבנ זיכ פארמאכט, צענדליקער טויזנטער ארבעטער זײַנענ ארויסגעוואָרפנ געוואָרנ אפ דער גאס. דער יאקרעס אונ די ארבעטלאָזיקײַט האָבנ דערפירט די ארבעטער ביז פארצווייפלונג. עס זײַנענ אָפטער געוואָרנ די פאלנ פונ זעלבסטמאָרד אפנ באָדנ פונ הונגער. דער קלענסטער פרווו פונ קאמפ פאר א העכערנ ארבעטלוינ איז שטרענג באשטראָפט געוואָרנ. קעגנ די ארבעטער־פארייניגנ האָט מענ פעסט אָנגעווענדט לע־שאפעליעס געזעצ, וואָס די גרינדונג־פארזאמלונג נאָכ האָט געהאט ארויסגעגעבנ (דעמ 14־טנ יונ 1791 י.).

באבעפ אונ די פארשווערונג פונ די „גלײַכע"

אָט בא אזא לאגע האָט זיכ עס געשאפנ די פארשווערונג פונ די „גלײַכע", וואָס איז אינ פראנקרײַכ געווענ די ערשטע רעוואָליוציאָנער־קאָמוניסטישע באוועגונג. זי איז ענג פארבונדנ מיט באבעפס נאָמענ.

באבעפ איז געבוירנ געוואָרנ אונ איז אויסגעוואָקסנ אינ אנ אָרעמער פאמיליע; פונ פריִער יוגנט איז ער געצוווּנגענ געווענ אליינ זיכ פארדינענ אפנ לעבנ. ארבעטנדיק אלס אָנגעשטעלטער אינ די פעאָדאלע ארכיוונ פונ די פריצימ די סעניאָרנ, האָט באבעפ צוגעקוקט אָנ א שיר שרעקנדיקע אומגערעכטיקײַטנ אינ די ערד־אינייאָנימ. שוינ אינ 1789 יאָר, אינ אָנהייב רעוואָליוציע, האָט באבעפ ארויסגעלאָזט א ווערק, ווו ער האָט געפאָדערט, מע זאָל פאנאנדערטיילנ די ערד אפ גלײַכ צווישנ אלע בירגער. אָבער באבעפ האָט זיכ ניט אָפגעשטעלט אפ דער דאָזיקער „אויסגלײַכערישער" פראָגראמ. אינ עטלעכע יאָר ארומ, אינ דער עפּאָכע פונ דער דירעקטאָריע איז באבעפ שוינ ארויסגעטראָטנ אונ האָט געפרעדיקט קאָמוניסטישע אָנשויונגענ, וואָס ער האָט געהאט אויסגעשמידט אינ די יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע.

דאָס פריוואט־אייגנטומ דארפ, לויט באבעפס מיינונג, פארניכטעט ווערנ. „קיינער קאָנ ניט פארייגענענ דאָס אינדוסטריעל־ אָדער ערד־אייגנטומ אויסשליסלעכ פאר זיכ, ניט באגייענדיק דערמיט אָליינ קיינ פארברעכנ", — זאָגט דער מאניפעסט פונ די „גלײַכע", * די קומענדיקע געזעלשאפט דארפ זיכ באזירנ אפ געזעלשאפטלעכנ אייגנטומ. „די ארבעט אונ דער געברויכ מוזנ זײַנ אלגעמיינע פאר אלעמענ". די גאנצע געזעלשאפט שטעלט צונויפ „איינ גרויסע סאָציאלע פאמיליע", ווו עס איז ניטאָ ניט קיינ רײַכע, ניט קיינ אָרעמע.

* באבעפס אָנהענגער האָבנ זיכ אָנגערופנ „געזעלשאפט פונ גלײַכע", ווײַל זיי האָבנ געשטרעבט צו דערגרייכנ א פאקטישע פארמעגנס־ג ל ײַ כ ה ײַ ט, וואָס באזירט זיכ אפ דער פארניכטונג פונ פריוואט־אייגנטומ.

די דאָזיקע קאָמוניסטישע אידייענ פאַרייניקנ זיכ בא באבעפנ מיטנ רופ צו אקטיווער ארויסטרעטונג, מיט דער פריידיקונג פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד אונ פארכאפנ די מאכט, אײַנשטעלנ די דיקטאטור פונ אר־בעטנדיקע, קעדיי אויסבויענ א קאָמוניסטישע געזעלשאפט.

באבעפס באדײַטונג באשטייט דעריקער אינ דעמ, וואָס ער איז גלײַכצײַטיק געווענ *ניט בלויז א קאָמוניסט, נאָר אויכ א רעוואָליוציאָנער א פראקטיקער*.

אינ דער צײַט פונעמ איבערגאנג-פעריאָד, ווענ די מאכט געפינט זיכ שוינ אינ די הענט בא די ארבעטנדיקע, מוז מענ צו די סאָנימ פונ דער נײַער אָרדענונג אָנווענדנ טעראָר. „מיט אנ אײַזערנער האנט דארפ מענ דערשטיקנ דעמ סוינע, — האָט באבעפ געשריבנ. וואָס טויג דעמ אָרעמענ אונ דעמ קאפצנ די פרײַהײַט, ווענ מיט איר באניצנ זיכ אויכ די רײַכע? אונדזער פרײַהײַט דארפ זײַנ א פארשקלאפונג פאר די רײַכע, מיר זײַנענ מעכויעוו אײַנצוברעכנ זיי אונ אײַנשטעלנ די דיקטאטור פונ די אָרעמע".

באבעפ

באלד נאָכנ פארכאפנ די מאכט, האָט אָנגעוויזנ דער „אקט פונ אופשטאנד", וואָס די באבוויסטנ* האָבנ געהאט צונויפגעשטעלט, דארפ דאָס פאָלק גלײַכ פארכאפנ אַלע שפּײַז-קראָמענ אונ אומזיסט פאנאנדערטיילנ ברויט צווישנ די אָרעמע, טייקעפ פאנאנדערטיילנ צווישנ די אָרעמע דאָס פארמעגנ, וואָס מע וועט קאָנפיסקירנ בא די סאָנימ פונ פאָלק, אומזיסט אומקערנ די ניטפאר־מעגלעכע זייערע זאכנ, וואָס זיי האָבנ פארזעצט אינ לאָמבארד אאוו.

אינ באבעפס לערע זײַנענ א סאכ זאכנ געווענ נאָכ זייער ניט רייפ, אוטאָפיש. צומ בײַשפיל, כאָטש באבעפ האָט פארבונדנ דעמ ניצאָכנ פונ זײַנ לערע דערמיט, וואָס די ארבעטנדיקע דארפנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ פארכאפנ די מאכט, האָט ער פונדעסטוועגנ ניט אינגאנצנ קלאָר באנומענ די באדײַטונג פונ קלאסנקאמפ אונ האָט ניט געזענ אינעמ פראָלעטאריאט דעמ איינציקנ ביזנ סאָפ רעוואָליוציאָנערנ קלאס, דעמ באגראבער פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אונ דעמ בויער פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט. באבעפ האָט גערעדט וועגנ דער דיקטאטור פונ די ארבעטנדיקע אונ ניט וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. באבעפ האָט אויכ ניט באנומענ די נייטיקייט צו פארבינדנ דעמ קאמפ פאר די ענדציִלנ מיט די טאָגטעגלעכע עקאָנאָמישע פאָדערונגענ פונעמ פראָלעטאריאט.

צו מײַ 1796 יאָר האָבנ די באבוויסטנ געהאלטנ, אז זייער פארשווערונג איז שוינ גענוג צוגעגרייט אונ האָבנ געוואָלט באשטימענ דעמ טאָג פונ אופשטאנד. אָבער איינער פונ די פראָוואָקאטערס, וואָס איז ארײַנגעדרונגענ אינעמ באשטאנד פונ דער באבוויסטישער אָרגאניזאציע, האָט וועגנ דעמ צו וויסנ געגעבנ דער

* באבוויסטנ — באבעפס אנהענגער.

פּאָליציי. אינ מײַ 1796 יאָר זײַנענ באבעפ אונ זײַנע אָנהענגער ארעסטירט געוואָרנ אונ נאָכ א יאָר מפיכע זײַנענ זיי איבערגעגעבנ געוואָרנ צום געריכט. באבעפנ אונ איינעמ פונ זײַנע כאַווײרימ האָט מענ פאַרמישפּעט צו טויטשטראָפ, 7 אנדערע—אפ פאַרשיקונג. די טויט־שטראָפ איז אויסגעפירט געוואָרנ דעמ 27־טנ מײַ 1797 יאָר. אויב אפילע די פּלענער פונ די באבוויסטנ וואָלטנ ניט געווענ באצײַטנס אויסגעדעקט פונ דער פּאָליציי דורכ א מעסירע פונעמ פּראָוואָקאטער, וואָלטנ זיי אָבער אלצײַנס געליטנ א מאפּאָלע. ניט די ווירטשאפטלעכע אָרדענונג פונ פראנקרײַכ, ניט זײַנ ארבעטער־קלאס זײַנענ דערבײַ נאָכ ניט געווענ רײַפ פאַר א פּראָלעטארישער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.

דאָכ האָט די פאַרשווערונג פונ די „גלײַכע" א גוואלדיקע באדײַטונג. דאָס איז געווענ דער ערשטער פּרווו צו פאַרווירקלעכנ אינ דער פּראקטיק די קאָמוניסטישע אידייענ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ, דורכ א באוואָפנטנ אופשטאנד, דורכנ פאַרכאפּנ די מאכט אונ אײַנשטעלנ די דיקטאטור פונ די ארבעטנדיקע. ניט אומזיסט האָבנ די באבוויסטנ גערעכנט די פראנצויזישע רעוואָליוציע „בלויז פאַר א פאָרגייערנ פונ א צווייטער, א סכ גרעסערער רעוואָליוציע, וואָס וועט שוינ זײַנ די לעצטע".

13. אפ די וועגנ צו א מיליטעריש־בורזשואזער דיקטאטור

דער וווקס פונ דער ווירקונג פונ דער ארמיי

כוץ דעמ אויבערשיכט פונ דער בורזשואזיע אונ פונעמ באלעגופישנ פויערטומ איז געווענ נאָכ איינע זייער א רעאלע קראפט, אפ וועלכער די רעגירונג פונ דער דירעקטאָריע האָט זיכ געשטיצט. די דאָזיקע קראפט איז געווענ די פראנצויזישע ארמיי. אינ דער עפּאָכע פונ דער טערמידאָריאנישער רעאקציע אונ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער דירעקטאָריע האָט דאָס פראנצויזישע מיליטער ניט אופגעהערט צו אָפּהאלטנ ניצכוינעס. זיי האָבנ פאַרנומענ בעלגיע, האָלאנד, די פירענייִשע פירשטנטומס אונ צאָפנ־איטאליע. די מילכאָמעס פונ דער דירעקטאָריע האָבנ שוינ געטראָגנ ניט קיינ פאַרטיידיקונג־כאראקטער, נאָר א דעראָבערונג־כאראקטער. א ריי געגנטנ זײַנענ פאַראייניקט געוואָרנ צו פראנקרײַכ, אפ די באזיגטע לענדער האָט מענ ארופגעלייגט קאָלאָסאלע געלט־אָפּצאָלונגענ (קאָנטריבוציעס). די דאָזיקע קאָנטריבוציעס זײַנענ געגאנגענ אפ אָנפילנ די אייביק פוסטע מעלוכישע קאסע פונ דער דירעקטאָריע. אשטייגער, אפ איינער פונ די געגנטנ אינ צאָפנ־איטאליע האָט דער רעפּובליקאנישער גענעראל נאפּאָלעאָנ באָנאפּארט ארופגעלייגט א קאָנטריבוציע פונ 20 מיליאָנ ליווער. אונטער זײַנ קאָמאנדע איז די פראנצויזישע ארמיי ארײַנ אינ רוימ, ארעסטירט דעמ פויפּסט אונ אימ אָפּגעשיקט קיינ פראנקרײַכ.

אזויארומ, זײַנענ די ניצכוינעס פונ די פראנצויזישע גענעראלנ געוואָרנ א קוואל פונ גרויסע געלט־אײַנקונפטנ פאַר דער קאסע פונ דער דירעקטאָריע. אינ א באדײַטנדיקער מאָס האָט אינ יענער צײַט די פראנצויזישע בורזשואזע מעלוכע

טאקע געלעבט אפנ כעשבנ פונ די מיליטערישע קאָנטריבוציעס. אָבער וואָס גרעסער עס זיינענ געוואָרנ די דאָזיקע איינקונפטנ, אלצ ערנסטער איז געוואָרנ דער דירעקטאָריעס אָפּהענגיקייט פונ דער ארמיי אונ פונ אירע פירער.

די איבער־געבורט פונ דער פראַנצויזישער ארמיי

דערווייל האָט זיכ דער כאראקטער פונ דער פראַנצויזישער ארמיי שטארק פארענדערט. דער לאַנגדויערנדיקער טערמינ פונ מיליטער־דינסט האָט אָפּגעריסנ דעמ סאָלדאט פונ זיינ סאָציאַלער סוויווע. די סאָלדאטנ זיינענ צוגעוווינט געוואָרנ צו קוקנ אפ זיכ, ווי אפ עפּעס א באזונדערס, אָפּגעזונדערטס פונעמ גאנצנ פאָלק. זייער פערזענלעכנ ווילשטאנד האָבנ זיי פארבונדנ שוינ ניט מיטנ טריומפ פונ דער רעוואָלוציע, נאָר מיט די דערפאָלגנ אונ דערגרייכונגענ פונ זייער קאָמאנדיר. זיי האָבנ מיט פאראכטונג זיכ באצויגנ צו דער רעגירונג פונ דער דירעקטאָריע, וואָס איז ניט פויִק געווענ ניט אונטערצוהאלטנ די אָרדענונג אינעווייניק אינ לאנד, ניט איינאָרדענענ, ווי עס באדארפ צו זיינ די באזאָרגונג פונ דער ארמיי. בא אזעלכע באדינגונגענ האָט די ארמיי גרינג געקאָנט ווערנ א געצייג אינ די הענט פונ עפּעס אנ ערנגייציקנ אונ ענערגישנ גענעראל, אונ וואָס ווייניקער שטאנדהאפטיק עס איז געווענ די לאגע פונ דער דירעקטאָריע, אלצ ווארשיינלעכער איז געווענ אזא אויסוועג.

די ניטשטאנדהאפטיקע לאגע אפנ פראָנט

אינ אָנהייב פונ דער דירעקטאָריע איז די לאגע אפנ פראָנט געווענ א גלענצנדיקע. אינ 1795 יאָר האָט די פראַנצויזישע רעפּובליק געשלאָסנ שאָלעמ מיט פריסנ, וואָס האָט אנערקענט די פראַנצויזישע דערגאָבערונגענ; אינ 1797 יאָר איז אויכ דאָס באזיגטע עסטרייכ געצוווּנגענ געווענ צו שליסנ שאָלעמ. בעלגיע אונ א טייל איטאליע זיינענ פארייניקט געוואָרנ צו פראנקרייכ; ארומ פראנקרייכ האָט זיכ אויסגעבילדעט א ריי „שוועסטער“־רעפּובליקנ פונ די דעראָבערטע געגנטנ.

אָבער ענגלאנד איז געבליבנ ניט באזיגט. זיינ אינדזל־לאגע בא דער אויבער־האנט פונ דעמ ענגלישנ פלאָט האָט געשאפנ אזא לאגע, אז די פראַנצויזישע ארמייענ האָבנ צו ענגלאנד ניט געקאָנט צוקומענ. נאָכנ ניט געלונגענעמ פרווו ארויסצוזעצנ א פראַנצויזישנ אָטריאד אינ אירלאנד, ווו עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א רעוואָלוציאָנערער אופשטאנד קעגנ דעמ ענגלישנ דרוק אונ עקספּלואטאציע, האָט די דירעקטאָריע געפרווט דערלאנגענ ענגלאנד א קלאַפּ אינ די לענדער, וואָס האָבנ עס באזאָרגט מיט רייכטומ, אונ פארכאפּנ ענגלאנדס טראנסיאמישע מערק צו זיכ אינ די הענט. א קאָלאָסאלע עקספּעדיציע מיט נאפּאָלעאָנ באָנאָפּארט אינ דער שפּיצ איז געשיקט געוואָרנ קיינ עגיפּטנ. מע האָט געבויט פּלענער וועגנ א מארש אפ אינדיע. אָבער אויכ די אונטערנעמונג האָט זיכ פארענדיקט מיט א דורכפאל. דער ענגלישער פלאָט האָט צעקלאפּט די פראַנצויזישע עסקאדרע אינעמ מיטללענדישנ יאמ אונ די עגיפּטישע ארמיי איז געבליבנ אָפּגעשניטנ פונ פראנקרייכ.

אינ דער צייט האָט זיכ ענגלאנד איינגעגעבנ צו שאפנ א נייע קאָאליציע קעגנ דער פראַנצויזישער רעפּובליק. דאָס מאָל זיינענ צו ענגלאנד צוגעשטאנענ רוסלאנד, עסטרייכ אונ טערקיי. דער רוסישער צאר האָט געטריבנ זיינע סאָלדאטנ אונטער סוואָראָווס קאָמאנדע פאר טויזנטער ווי‌אָרסט איבער גאנצ אייראָפּע, קעדיי העלפנ הערשטוקנ די פראַנצויזישע „קראַמאָלניקעס“. האלב־פארפרוירענע, אינ טיפע שנייענ זיינענ די רוסישע סאָלדאטנ, ווערבירטע פונ לייביגענע פויערימ, געקראָכנ איבער די אלפּנ־בערג מיט שרעקלעכע פארלוסטנ. די פאראייניקטע קרעפטנ פונעמ רוסיש־עסטרייכישנ מיליטער אונטער סוואָראָווס קאָמאנדע האָבנ דערלאנגט א ריי טויטקלעפּ דער פראַנצויזישער ארמיי. אינ 1799 יאָר איז דאָס מיליטער פונ דער דירעקטאָריע געווענ געצוווּנגענ אָפּרייניקנ צאָפנ־איטאליע. דער דאָזיקער דורכפאל האָט געמאכט די לאגע אפנ פראָנט זייער ערנסט. פראנקרייכ האָט אָנגעשטרענגט אלע קויכעס, אָבער קיינ סאָפ פונ דער מילכאָמע האָט זיכ נאָכ ניט פארויסגעזענ.

די ניטשטאַנד־האַפטיקע לאַגע פונ דער דירעקטאָריע

די לאַגע אינוועייניק אינ דער רעפּובליק איז געוואָרנ זייער ניט שטאַנדהאַפטיק. פונ איינ זײַט, איז די דירעקטאָריע די גאַנצע צײַט געווענ באַדראָעט פונעמ צאָרנ פונ די פאָלקמאַסנ (דער פרווו פונ אַנ אופשטאַנד אינ פרילינג 1795 יאָר, באַבעפס פאַר־שווערונג), פונ דער צווייטער זײַט, האָבנ די מאָנאַרכיסטנ ניט אופגעהערט זייערע פרווונ אופצושטעלנ צוריק די אַלטע אָרדענונג. אַשטייגער, אינ האַרבסט 1795 יאָר האָבנ די מאָנאַרכיסטנ אָרגאַניזירט אַ גאַנצע אַרמיי פונ זייערע אָנהענגער אונ האָבנ אַרומגערינגלט דעמ קאָנווענט. בלויז מיט דער הילפ פונעמ גענעראַל באָנאַפּאַרט האָט מענ די מאָנאַרכיסטישע אָטריאַדנ פאַנאַנדער־געטריבנ אונ דער קאָנווענט איז באַפרײַט געוואָרנ. די רעגירונג פונ דער דירעקטאָריע האָט זיכ געוואָרפנ פונ איינ זײַט צו דער צווייטער, אינ שרעק דאָס פאַר דער „יאַקאָבינישער געפאַר”, דאָס פאַר דער פאַרשווערונג פונ די מאָנאַרכיסטנ.

די ניטשטאַנדהאַפטיקע לאַגע פונ דער דירעקטאָריע האָט זייער געדריקט אָפ דער גרויסבורזשואַזיע. זי האָט געטרוימט וועגנ אַ פעסטער מאַכט, וואָס זאָל מאַכנ אַ סאָפ סײַ צו דער „רויטער געפאַר” אונ סײַ צו די פאַרשווערונגענ פונ די מאָנאַרכיסטנ. באַ דער אויסשליסלעכער לאַגע, וועלכע די אַרמיי אונ אירע פירער האָבנ פאַרנומענ באַ דער דירעקטאָריע, האָט אַזאַ „פעסטע מאַכט” געקאָנט זײַנ בלויז אַ מ י ל י ט ע ר י ש ע ד י ק ט א ט ו ר. די פראַגע איז נאָר געווענ, ווער פונ די מער גליקלעכע אונ דרייסטערע גענעראַלנ וועט דער ערשטער זיכ באַניצנ מיט דער געשאַפענער לאַגע, אונ וועט פאַרכאַפּנ די מאַכט אינ זײַנע הענט.

די איבערקערע־ניש פונעמ 18־טנ בריומער (9־טנ נאָיאַבער 1799 יאָר)

פאַר אַזעלכנ האָט זיכ אַרויסגעוויזנ דער טאַלאַנטפולער אונ ערנ־גײַציקער גענעראַל נאַפּאָלעאָנ באָנאַפּאַרט. באָנאַפּאַרט איז גע־בוירנ געוואָרנ אָפנ אינדזל קאָרסיקי אונ האָט געדינט אַלס אָפיצער נאָכ ביז דער רעוואָליוציאָנערער צײַט.

צומ ערשטנ מאָל האָט ער זיכ אַרויסגערוקט בייס דאָס מיליטער פונ קאָנווענט האָט אינ דער צײַט פונ דער יאַקאָבינישער דיק־טאַטור באַלאַגערט טולאָנ. אינ יענעמ פעריאָד איז ער געווענ באַפרײַנדעט מיט ראָבעספּיערס יינגערנ ברודער, אָבער נאָכ דעמ, ווי מע האָט אַראָפּגעשלײַדערט די יאַקאָבינישע דיקטאַטור, איז ער אַריבערגעגאַנגענ צו די טערמידאָריאַנער. אינ האַרבסט 1795 יאָר האָט דער טערמידאָריאַנישער קאָנווענט באַאופטראָגט באָנאַפּאַרטנ צו באַשיצנ דעמ קאָנווענט קעגנ דעמ דראַנג פונ די אופגעשטאַנענע מאָנאַרכיסטנ; באָנאַפּאַרט האָט גלענצנדיק אויסגעפירט זײַנ אופגאַבע אונ אינ פרילינג 1796 יאָר האָט די דירעקטאָריע באַשטימט באָנאַפּאַרטנ פאַרנ הויפּט־קאָמאַנדיר פונ דער איטאַליענישער אַרמיי. דאָ האָט באָנאַפּאַרט אָפּגעהאַלטנ אַ ריי גלענצנדיקע ניצ־חונעס אונ האָט געצווונגענ עסטרײַכ צו שליסנ שאָלעמ אָפ באַדינגונגענ, וואָס האָבנ זייער געלוינט פאַר פראַנקרײַכ.

דער איטאַליענישער מאַרש האָט געקרוינט באָנאַפּאַרטנ מיט אַ גלענצנדיקנ מיליטערישנ רומ. זײַנ נאָמענ איז אינ פראַנקרײַכ געוואָרנ אויסשליסלעכ פּאָפּולער. פאַריזש האָט מיט באַגײַסטערונג באַגעגנט דעמ זיגרײַכנ גענעראַל, וואָס האָט אָפּ־געשלאָגנ ניט בלויז דעמ אָנפאַל פונעמ אויסערלעכנ סוינע, נאָר אויכ דעמ דראַנג

פֿן די מצנאַ־כיסטן. די דירעקטאָריע האָט דערפֿילט א געפֿאר פֿאר זיך אין דעם צופֿיל מאָזלדיקן גענעראל. זי האָט באשטימט דערוויַיטערן באָנאפּאַרטן פֿון פּאריזש און אוועקשטעלן אים אין דער שפּיץ פֿון דער עגיפּטישער עקספּעדיציע. אָבער די פֿראנצויזישע ארמיי האָט ווידער אָנגעהויבן כאַפּן מאפּלעס. דערוויסנדיק זיך וועגן דער לאגע, האָט נאפּאָלעאָן באשלאָסן, אז עס איז געקומען דער מאָמענט צו פֿארווירקלעכן זיַינע לאנגאָניקע ערגגיַיציקע פּלענער. ער האָט איבערגעלאָזט די עגיפּטישע ארמיי אפֿ העפּקער און אומגעריכטערהייט האָט ער זיך באוויזן אין פּאריזש. די בורזשואזיע איז געווען גרייט, אויס שרעק פֿאר אן אָנפֿאל פֿון אויסן, אָפּצוטרעטן פֿון אירע פּאָליטישע פּרעטענזיעס, אבי נאָר אײַנהיטן פֿאר זיך די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וואָס זײַנען דעראָבערט געוואָרן זינט דער צײַט פֿון דער רעוואָליוציע. זי איז גרייט געווען צו באגריסן יעטווידע פֿעסטע מאכט, אבי זי זאָל איר נאָר באוואָרענען די בורזשואזע אָרדענונג אינוויייניק אין פֿראנקרײַך און זיכערן פֿון געפֿאר אירע אויסערלעכע גרענעצן. עס איז קיין וונדער ניט, וואָס בא אזוינע באדינגונגען איז באָנאפּארט געוואָרן דער אָפּגאָט בא דער בורזשואזיע. „די דיקטאטור פֿון שווערד“ אין נאפּאָלעאָנס פּערזאָן האָט פֿולקום אנטשפּראָכן אירע אינטערעסן. די גרויסבורזשואזיע האָט געגעבן באָנאפּארטן א סאָך לידע געלט־שטיצע. אזוי האָט איין גרויסער ליפֿעראנט פֿון דער ארמיי, קאָלע, אנטליַען באָנאפּארטן 500 טויזנט פֿראנק גאָלד אפֿ פֿארווירקלעכן זײַנע פּלענער.

די מעלוכישע איבערקערעניש איז פֿאָרגעקומען דעם 9־טן נאָיאבער 1799 יאָר (דעם 18־טן בריומער לויטן רעפּובליקאנישן קאלענדאר). אין יענעם טאָג זײַנען די זיצונגען פֿונעם געזעצגעבערישן קאָרפּוס, לויט דער באשטימונג פֿון דער דירעקטאָריע, וואָס די מערהײַט אירע האָט באָנאפּארט געהאט אריבערגעצויגן אפֿ זײַן זײַט, אריבערגעטראָגן געוואָרן פֿון פּאריזש אין דער קליינער שטאָט סען־קלו, און די מיטגלידער פֿון דער דירעקטאָריע, וואָס האָבן ניט מיטגעפֿילט דער איבער־קערעניש, זײַנען ארעסטירט געוואָרן. וועגן די דעפּוטאטן פֿון דער געזעצגעבערי־שער פֿארזאמלונג האָבן אָנגעפֿרעגט בא באָנאפּארטן וועגן די סיבעס פֿון דעם אלץ, וואָס קומט פֿאָר, זײַנען זיי, אָנשטאָט צו באקומען אן ענטפֿער, פֿאנאנדער־געטריבן געוואָרן דורך אן אָטריאד נאפּאָלעאָנישע סאָלדאטן.

אזוי איז פֿאָרגעקומען די איבערקערעניש דעם 18־טן בריומער. זי האָט ניט באגעגנט קיין שום ווידערשטאנד ניט פֿון קיין איין קלאס פֿון דער באפֿעלקערונג. די ארבעטער האָבן לאכלוטן ניט געשטרעבט צו פֿארטיידיקן די רעגירונג פֿון דער דירעקטאָריע, בא וועלכער זיי זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער. די גרויסבור־זשואזיע האָט געדאָרשט נאָך א פֿעסטער מאכט און האָט אָפֿן מיטגעפֿילט דער איבערקערעניש; ניט אומזיסט האָט די בירזשע אָפּגעענטפֿערט מיט א געהעכערטן קורס פֿון די מעלוכישע פּאפּירן. די אייגנטימערישע שיכטן פֿונעם פֿראנצויזישן פּויערטום זײַנען גרייט געווען אונטערשטיצן יעטווידן, וועד עס וועט זיי גאראנ־טירן די אומבארירלעכקײַט פֿון זייערע ערדכאלאָקים. זיי האָבן מיטגעפֿילט דעם איבערגאנג פֿון דער מאכט אין די הענט צו א גענעראל, וואָס זײַן נאָמען איז געווען פֿארבונדן מיט א געזיכערטער אָרדענונג אינוויייניק אין לאנד און מיט גלענצנדיקע ניצחוינעס אפֿן פֿראָנט.

14. די עפּאָכע פון קאָנסולאַט און פון דער ערשטער אימפּעריע

דער קלאַסן־מע־הוס פון דער ערשטער אימ־פּעריע

די איבערקערעניש פונעם 18-טן בריומער (9-טן נאָיאַבער 1799 יאָר) האָט איינגעשטעלט אין פראַנקרייך באָנאַפּאַרטס מיליטע־רישע דיקטאַטור. דער גענעראַל באָנאַפּאַרט איז געוואָרן דער „ערשטער קאָנסול" פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק און האָט באַקומען דיקטאַטאָרישע פולמאַכטן. אינגיכן איז ער געוואָרן קאָנסול אויפן גאַנצן לעבן, און אין 1804 יאָר איז ער געוואָרן אימפּעראַטאָר פון פראַנקרייך מיטן נאָמען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער.

אין צענטער — די אומבאַגרענעצטע מאַכט פונעם אימפּעראַטאָר; אויף די ערטער — אָנשטאָט די פריִערדיקע אויסגעוויילטע מאַכט־אָרגאַנען — אַלמעכטיקע באַאַמטע (פּרעפעקטן), באַשטימטע דורך נאַפּאָלעאָנען, — אַזאַ איז געווען די אָרדענונג פון דער פראַנצויזישער אימפּעריע אין אָנהייב XIX יאָרהונדערט. קעדיי צו פאַרפעסטיקן די אימפּעריע, האָט נאַפּאָלעאָן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער קאַטוילישער קירכע. „אין דער רעליגיע, — פלעגט זאָגן נאַפּאָלעאָן, — אינטערעסירט מיך דאָס, וואָס זי טראָגט אַרויף אויפן הימל די אידיי פון גלייכהייט, וועלכע שטערט די רייכע צו הערשן איבער די אָרעמע". „מיט מיינע זשאַנדאַרמען און מיט מיין קלער קאָן איך אַלץ אויפטאָן". לויטן אָפּמאַך מיטן פּויפּסט איז דער קאַטוילישער גלויבן דערקלערט געוואָרן פאַר דער „רעליגיע פון דער מערהייט פראַנצויזן". דער טייל קלויסטערישע ערד, וואָס איז נאָך געבליבן ניט פאַרקויפט, פון די אָפּגענומענע בייס דער רעוואָלוציע, האָט מען אומגעקערט צוריק דעם קלער. די גאַלאָכים האָבן באַקומען געהאַלט פון דער מעלוכישער קאַזנאַ און זיינען געוואָרן טרייע דינער פון דער אימפּעריע.

אויף וועלכע־זשע קלאַסן האָט זיך געשטיצט די אימפּעריע?

די גרויסבורזשואַזיע פון פראַנקרייך האָט פריִער פאַר אַלץ זיך געיילט אויסצונוצן די גינסטיקע פאַר איר פּאַראַנדקעס. נאָך דער רע־וואָלוציע, וואָס האָט פאַרניכטעט די צעך־אָרדענונג און דעם הויפן באַשרענקונג־קלאַלים און באַפעלן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג אין דער פראַנצויזי־שער אינדוסטריע.

נאָך דעם, ווי די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט זיך באַפרייט פון די פענ־טעס פונעם פעאָדאַליזם, האָט זי געשטרעבט אומבאַדינגט ניט בלויז צו דעריאָגן די ענגלישע בורזשואַזיע, נאָר טאַקע זי באַזיגן אינעם קאַמף פאַר דעם עקאָנאָ־מישן און פּאָליטישן אויבנאָן. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע איז גרייט געווען שאָלעם מאַכן מיט דעם, וואָס זי פאַרלירט די פּאָליטישע רעכט, אויב וויפל די נאַפּאָלעאָנישע אימפּעריע האָט פאַר איר געזיכערט די עקאָנאָמישע דעראָבערונגען, געהאַלטן אין צוים דעם אַרבעטער־קלאַס און האָט נאָך צוגעזאָגט צו באַזיגן איר לאַנגאָניקן קאָנקורענט — די בורזשואַזיע פון ענגלאַנד.

אויך די איינגנטימערישע שיכטן פונעם פראַנצויזישן פּוי־ערטום האָבן געשטיצט די נאַפּאָלעאָנישע אימפּעריע. דאָס פאַרמעגלעכע פּויערטום האָט געזען אין נאַפּאָלעאָנען פריִער פאַר אַלץ דעם באַשיצער און באַ־היטער פון זיינע ערד־דעראָבערונגען. פאַר די פּויערים די איינגנטימער איז „דער

ערדכיילעכ, — א פארגרעסערטער און פארקלענערטער בא זיי אינ פאנטאזיע — געווענ די פארקערפערונג פונעם באגריפ פאָטערלאנד" (מ א ר ק ס).

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאָליטיק פונ דער נאַפּאָלעאָנישער רעגירונג

אינ די אינטערעסנ פונ די דאָזיקע קלאַסנ (די גרויסבורזשואַזיע און די באַלעגופּישע שיכטנ פונעם פויערטום) איז טאקע געפירט געוואָרנ די גאנצע פּאָליטיק פונ דער נאַפּאָלעאָנישער רעגירונג. דאָס אומבארירלעכע רעכט פונ די, וואָס האָבנ גע־קויפט נאציאָנאלע פאַרמעגנס, איז געווענ פעסטגעשטעלט אינ א ספּעציעלנ ארטיקל פונ דער נאַפּאָלעאָנישער קאָנסטיטוציע. די בורזשואַזע אָרדענונג, וואָס איז געווענ געשאפנ דורכ דער רעוואָליוציע, אינ אויסגעפורעמט געוואָרנ אינ א באַזונדער געזעצ־בוכ, אינ דעם אזויגערופענעם נאַפּאָלעאָנישנ ציווילנ קאָ ד ע ק ס. העכער 800 ארטיקלענ פונעם דאָזיקנ קאָדעקס האָבנ איינגעטייטשט דאָס הייליקע רעכט פונעם בורזשואַזנ פּריוואַט־אייגנטום. „אייגנטום איז דאָס רעכט צו ניצנ א זאכ, א רעכט, וואָס איז ניט באדינגט און ניט באגרענעצט מיט גאָרנישט אויסער דער פליכט פונ אונטערווארפנ זיכ דעם געזעצ", — אזוי איז געשטאנענ אינ נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס. דער קאָדעקס האָט באשטעטיקט די גלייכהייט פונ אלע פארנ געזעצ און האָט פארפעסטיקט די בורזשואַזע פאמיליע, אלס גרונט־קעמערל פונ דער בורזשואַזער געזעלשאפט. „מיינ עמעסער רומ איז ניט פונ דעמ, וואָס איכ האָב געווונענ 40 שלאכטנ", — פלעגט זאָגנ וועגנ זיכ נאַפּאָלעאָנ אליינ: „ניט פארגעסנ ווערנ און לעבנ אייביק וועט בלויז מיינ ציווילער קאָדעקס".

דעמלט איז אויכ צונויפגעשטעלט געוואָרנ דער קאָ מ ע ר צ י ע ל ע ר קאָ ד ע ק ס, וואָס האָט באשיצט די אינטערעסנ פונ דער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. קעדיי איינצוהיטנ די האכנאָסעס פונ דער בורזשואַזיע, איז אָפּגעשאפט געוואָרנ דער פּראָגרעסיווער האכנאָסע־שטייער. עס זיינענ אלצ מער און מער געוואקסנ די אומדירעקטע שטייערנ, וואָס זיינענ געפאלנ אפ די פלייצעס פונ די האָרעפּאשניקעס. דעמלט איז אויכ געגרינדעט געוואָרנ דער פראנצויזישער באנק, קעדיי אונטערצוהאלטנ די פארבינדונגענ מיט די באנקירישע קרייזנ. דער באנק האָט באקומענ גוואלדיקע פּריווילעגיעס. איינער פונ די פיי־מיטגלידער פונ באנק איז געווענ נאַפּאָלעאָנ אליינ.

פונ די פארשיידענע שיכטנ בורזשואַזיע איז גראָד די א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ע בורזשואַזיע געווענ דער שיכט, וועמעס אינטערעסנ די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג האָט געשטעלט אפנ ערשטנ אָרט. קאָלאָסאלע סומעס זיינענ אינ נאַפּאָלעאָנס צייטנ ארויסגעגעבנ געוואָרנ פונ דער מעלוכישער קאסע אפ שטיצנ די פאבריקנ און זאוואָדנ.

כוצ דעמ, האָט די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג באוואָרנט די אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגענ מיט גרויסע מעלוכישע באשטעלונגענ.

די פּאָליטיק בע־נעגייע דעמ אר־בעטער־קלאס

פונ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע איז אויכ ארויסגע־דרונגענ נאַפּאָלעאָנס פּאָליטיק בענעגייע דעמ ארבעטער-קלאס. בא צוזאמענשטויסנ צווישנ ארבעטער מיט די באלעבאטים האָט זיכ די רעגירונג אלעמאָל אָפּגעשטעלט אפ דער זייט פונ די באלעבאטים. דער געזעצ האָט פארווערט שטרייקנ, באשטראָפנדיק פאר זיי מיט טפיסע פונ א כוידעש ביז 5 יאָר. עס איז אויכ געבליבנ אינ קראפט דער פאר־

באָט אַף פּאַריינען, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פון 1791 יאָר, זינט לע-שאַפּעליעס געזעץ. מוירע האָבנדיק פאַר אַרויסטרעטונגען פונעם אַרבעטער-קלאַס, האָט די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג געשטעלט די אַרבעטער אונטער אַ שטרענגער פּאָליציי־שער אויפזיכט.

ווי עס דערציילט איינער פון זײַנע מיניסטאָרן, „האָט זיך נאַפּאָלעאָן געשראָקן פאַר יעדער מינדסטער אויפרעגונג צווישן די אַרבעטער פּיל מער, איידער פאַר אַ פאַרשפּילטער שלאַכט". דעריבער האָט די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג געזאָרגט וועגן ליקווידירן די אַרבעטלאָזיקייט. צוליבן קאַמף קעגן דער אַרבעטלאָזיקייט זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, אַ געוויסער טייל מעלוכישע באַשטעלונגען פלעגט מען איבערגעבן די האַנטווערקער אאַז"וו. דאָס איז געווען אַ נעזאָווע, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן דעם אַרבעטער־קלאַס, איינצײַטיק מיט דעם, ווי ער איז פּאָליצייִש פאַרשקלאַפט געוואָרן.

די אויסערלעכע פּאָליטיק פון דער נאַפּאָלעאָנישער רעגירונג

די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, דעריקער פון אירע אינדוסטריעלע קרײַזן, האָבן באַשטימט אויך נאַפּאָלעאָנס אויסערלעכע פּאָליטיק. פירנדיק אָן אופהער מילכאָמעס, האָט באָנאַפּאַרט פאַרהיט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע פון אַ קאָנטררעוואָליוציאָנערן אָנפאַל מיצאַד די פעאָדאַלע פריצישע מעלוכעס (עסטרײַך, רוסלאַנד, פּרײַסן). פון דער צווייטער זײַט, איז ער, לויטן ווילן פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, אַרײַנגעטראָטן אין אַ ווילדן קאַמף קעגן דער ענגלישער בורזשואַזיע, וואָס האָט געהאַט אַריבערגעיאָגט פראַנקרײַך. דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אויבנאָן אין אייראָפּע.

די גלענצנדיקע ניצחוינעס אין די ערשטע יאָרן פונעם קאָנסולאַט און פון דער אימפּעריע האָבן אָפּגעגעבן אין נאַפּאָלעאָנס הענט קימאַט די גאַנצע קאָנטינענטאַלע אייראָפּע. די פאַרבינדעטע זײַנען צעקלאַפּט געוואָרן ביזן גרונט. פראַנצויזישע סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען בערלין און ווין. פראַנקרײַך איז געווען אַרומגערינגלט מיט מעלוכעס, וואָס זײַנען אים געווען אונטערגעוואָרפן און אין זייער שפּיץ האָט נאַפּאָלעאָן אוועקגעשטעלט זײַנע פילצאָליקע קרויווים.

עס איז אַנערקענט געוואָרן פראַנקרײַכס רעכט אַף גענוע, פּיעמאָנט און אַף אַנדערע איטאַליענישע באַזיצונגען. די נעאַפּאָליטאַנישע קרוין האָט באַקומען צוערשט נאַפּאָלעאָנס ברודער יאָסיף באָנאַפּאַרט, דערנאָך איז זי איבערגעגעבן געוואָרן נאַפּאָלעאָנס מאַרשאַל מיוראַטן, און יאָסיף באָנאַפּאַרט האָט באַקומען שפּאַניע. די פאַרוואַלטונג אין האָלאַנד האָט נאַפּאָלעאָן איבערגעגעבן אַ צווייטן ברודער זײַנעם — לוי באָנאַפּאַרט. פון 16 באַזונדערע מעלוכעס אין דײַטשלאַנד (באַדען, בײַערן, ווירטעמבערג אאַז"וו.) איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער רײַנישער פאַרבאַנד, וווּ נאַפּאָלעאָן איז געווען דער פאַקטישער באַלעבאָס. פון די פּוילישע באַזיצונגען, וואָס פּרײַסן האָט געהאַט פאַרכאַפּט, האָט נאַפּאָלעאָן אויפגעשטעלט דאָס „אומאָפּהענגיקע" וואַרשעווער הערצאָגטום.

דער שאָלעם, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין 1807 יאָר אין טילזיט, ווו עס איז פאָרגעקומען די באַגעגעניש פונעם רוסישן אימפּעראַטאָר מיטן פראַנצויזישן, איז געווען די העכסטע שטופע פון נאַפּאָלעאָנס רום. נאָך די ניצחוינעס פונעם פראַנצויזישן מיליטער זײַנען אומפאַרמײַדלעך געקומען אַזעלכע האַנדל־אָפּמאַכן, וואָס האָבן געלוינט פאַר דער פראַנצויזישער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. דאָך איז די פראַנצויזישע אינדוסטריע געבליבן הינטערשטעליק אַנטקעגן דער ענגלישער.



די קאָנטינענ־
טאַלע בלאָקאַדע

אונטערן דרוק פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע האָט נאַ־
פּאָלעאָן באַשלאָסן אָפּצוצאַמען ענגלאַנד פון דער קאָנטינענ־
טאַלער אייראָפּע און דערמיט אַרונטעררײַסן דעם בריטאַנישן
האַנדל און די אינדוסטריע. דורך באַזונדערע דעקרעטן (אין די יאָרן 1806—1807—
1810) האָט נאַפּאָלעאָן באַפוילן אַלע לענדער, וואָס זײַנען געווען אָפּהענגיק פון
אים, איבעררײַסן די האַנדל־באַציִונגען מיט ענגלאַנד. אַלע סכוירעס פון די

שיפן, וואָס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין ענגלישע האַפנס, האָט מען גערעכנט פאַר קאָנטראַבאַנדע און מע פלעגט זיי אָפּנעמען אָן שום געצאָלט. קימאַט די גאַנצע קאָנטינענטאַלע אייראָפּע האָט זיך, ווי מיט אַ בלינדער וואַנט, אָפּגעגרענעצט פון ענגלאַנד און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָנאָפּאָליסטישן מאַרק פאַר דער פראַנצויזישער אינדוסטריע. אין דעם איז באַשטאַנען דער טאַך פון דער באַוווּסטער „קאָנטינענטאַלער בלאָקאַדע". די דאָזיקע קאָנטינענטאַלע בלאָקאַדע — דאָס הייסט אײַנרײַסן די האַנדל־באַציִונגען מיט ענגלאַנד — האָבן געמוזט שטערנגג אָפּהיטן יענע אַלע מעלוכעס, וואָס זײַנען געווען פראַנקרײַכס פאַרבינדעטע, דערונטער אויך רוסלאַנד.

דער דורכפאַל פון דער בלאָקאַדע

די קאָנטינענטאַלע בלאָקאַדע האָט אָבער ניט באַרעכטיקט די האָפענונגען, וואָס די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אויף איר געלייגט. אַלס ענטפער אויף דער דערקלערטער קאָנטינענטאַלער בלאָקאַדע האָט ענגלאַנד געמאָלדן, אַז עס וועט ניט צולאָזן צו קיין יאַם־האַנדל יענע לענדער, וואָס פאַרמאַכן זייערע האַפנס פאַר ענגלישע שיפן. באַניצנדיק זיך מיט זײַן הערשאַפט אויפן יאַם, פלעגט דער ענגלישער פלאָט פאַרכאַפּן די האַנדל־שיפן פון פראַנקרײַך און פון זײַנע פאַרבינדעטע.

כוץ דעם, האָט די פראַנצויזישע אינדוסטריע ניט באַוויזן צו באַזאָרגן אייראָפּע מיט סכוירעס אין אַזאַ צאָל און פון אַזאַ קוואַליטעט, ווי די ענגלישע. ניט געקוקט אויף דער דראָונג צו פאַרברענען די ענגלישע סכוירעס, — אַ דראָונג וואָס פלעגט אויך אויסגעפירט ווערן, — איז דער קאָנטראַבאַנדע־האַנדל מיט ענגלישע סכוירעס אַלץ געוואָקסן; בא דער פראַנצויזישער רעגירונג האָט ניט געקלעקט קיין קויכעס צו קעמפן קעגן אָט דעם האַנדל.

די פראַנצויזישע רעגירונג אַליין האָט זיך אויך ניט געקאָנט באַגיין אָן ענגלישע סכוירעס; די פראַנצויזישע אַרמיי איז געווען געקליידט אין ענגלישן געוואַנט און האָט געטראָגן ענגלישע שיך. די לעצטע יאָרן פון דער אימפּעריע איז די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג געווען געצוווּנגען אַרויסצוגעבן אײַנצלנע דערלויבעשן אויף אײַנקויפן אייניקע סכוירעס אין ענגלאַנד. דאָס האָט באַזונדערס בוילעט אונטערגעשטראָכן די שוואַכקייט פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע.

כוץ דעם, האָט די קאָנטינענטאַלע בלאָקאַדע אַ שמערצלעכן קלאַפּ געטאָן איבער אַ ריי לענדער, פאַר וועלכע דער האַנדל מיט ענגלאַנד איז געווען פּאַשעט אַ לעבנ־באַדערפעניש. זייער פאַראָרעמונג האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף די אומזאַצן פון פראַנצויזישן האַנדל. די רויִנירטע לענדער האָבן ניט געקאָנט קויפן דאָס, וואָס די פראַנצויזישע אינדוסטריע האָט זיך באַמיט זיי אָפּזעצן. אין רעזולטאַט איז דער ענגלישער אויסערלעכער האַנדל געוואָקסן, און די אומזאַצן פון דעם פראַנצויזישן האָבן זיך פון 1801 ביז 1812 יאָר פאַרקירצט אין אָנדערהאַלבן מאָל. אַזוי־אַרום האָט די קאָנטינענטאַלע בלאָקאַדע אין לעצטן סאַכאַקל דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבער דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע אַליין.

צו דעם אַלעמען האָבן נאָך די פּרעטענזיעס פון די פראַנצויזישע אינדוסטריעלער, געשטיצט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, אַרויסגערופן אַ שאַרפע אומצופרידנהײַט בא די הערשנדיקע קלאַסן פון אַנדערע לענדער. באַזונדערס זײַנען געווען אומצופרידן די רוסישע פּריצים און סאָכרים, וואָס זײַנען געווויינט געווען פון לאַנ־

אָנ צו באקומענ קאָלאָסאלע רעוואָכים פונ אָפּזעצנ אינ ענגלאנד טוווע, וואָלד, לייַוונט אונ אנדערע מינימ רויוואַרג. זייער דרוק האָט געצוווּנגענ אלעקסאנדער דעמ ערשטנ צו דערקלערנ נאפּאָלעאָנענ, אז ער זאָגט זיכ אָפּ אָפּצוהיטנ די קאָנטינענטאלע בלאָקאדע. דער דאָזיקער אָפּזאָג האָט געקאָנט ארונטעררייַסנ די גאנצע סיסטעמ, וואָס באָנאפּארט האָט אייַנגעשטעלט; ער האָט דערקלערט רוסלאנד א מילכאָמע אונ האָט אָנגעהויבנ זייַנ באוווּסטנ מארש אפ מאָסקווע. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די מילכאָמע פונ די יאָרנ 1812—1814, וואָס האָט זיכ געענדיקט מיט א מאפּאָלע פונ דער פראנצויזישער ארמיי אונ מיטנ פאלנ פונ נאפּאָלעאָנס אימפּעריע.

דער אינערלעכער קריזיס פונ דער אימפּעריע

דערווייַל איז אינ פראנקרייַכ אַליינ אויכ רייַפ געוואָרנ אַנ ערנסטע אומצופרידנהייַט. דאָס פויערטומ, רויִנירט פונ די אומופהערלעכע מילכאָמעס אונ אויסגעצערט דורכ די שטייַערנ אונ רעקרוטנ, האָט געדאָרשט נאָכ א שאָלעמ. די בורזשואזיע, וואָס האָט זיכ אנטוישט אינ די דערפאָלגנ פונ דער נאפּאָלעאָנישער פּאָליטיק, האָט מער ניט געוואָלט שטיצנ די מאכט, וואָס האָט איר ניט געקאָנט זיכערנ ניט קיינ ביליקנ רויוואַרג, ניט קיינ שטאנדהאפטיקנ אָפּזאצ פונ די סכוירעס.

זעענדיק די וואקסנדיקע אומצופרידנהייַט מיצאד דער אינדוסטריִעלער בורזשואזיע, האָט די נאפּאָלעאָנישע רעגירונג געפּרווּוט פארברייטערנ די קלאסנ־באזע פונ דער אימפּעריע דורכ אַנ אויסגלייַכ מיט די קויכעס פונ דער אלטער אָרדענונג. אזוי איז אינ 1811 יאָר דערקלערט געוואָרנ אמניסטיע פאר די עמיגראנטנ אונ מע האָט זיי צוגעזאָגט אומצוקערנ דעמ טייל ערד, וואָס איז בייס דער רעוואָלוציע בא זיי צוגענומענ געוואָרנ אונ איז נאָכ ניט געווענ פארקויפט. צוגלייַכ מיט דעמ האָט נאפּאָלעאָנ מיט א ברייטער האנט געטיילט דעמ טיטל אדל אונ גרויסע ערד־געשאנקענ מענטשנ פונ דער גרויס־בורזשואזיע, ווי אויכ די קאָמאנדירנ פונ זייַנ ארמיי. דאָס האָט געשאפנ א נייַעמ ערדבאזיצערישנ אדל. אשטייגער, די מאיאָנטקעס, וואָס מע האָט געשענקט דעמ מארשאל ד א וו ו, האָבנ ארייַנגעטראָגנ העכער 400 טויזנט פראנק האכנאָסע א יאָר אָדער דעמ מארשאל ל א נ א ס מאיאָנטקעס — העכער 300 טויזנט פראנק.

אָבער אזא פּאָליטיק האָט אָפּגעשטויסנ פונ באָנאפּארטנ דאָס פויערטומ אונ האָט ארויסגערופנ א רייַסערייַ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ אדל; דאָס האָט בלויז צעטרייסלט די געבייַדע פונ דער נאפּאָלעאָנישער אימפּעריע.

גרויסע ענדערונגענ זייַנענ פאָרגעקומענ אויכ אינ דער פראנצויזישער ארמיי. די לאנגדויערנדיקע מילכאָמעס האָבנ זי געענדערט. זי האָט אויפגעהערט צו זייַנ „א באוואָפנט פאָלק“ אונ האָט אינ א באדייַטנדיקער מאָס אָנגענומענ א פּראָפעסיאָנעלנ כאראקטער. כוץ דעמ, האָט נאפּאָלעאָנ אינ די יאָרנ פונ דער אימפּעריע באמ באשטימענ קאָמאנדירנ אָפּגעגעבנ דעמ פאָרצוג די, וואָס שטאמענ פונ אלטע אדעליקע פאמיליעס. צווישנ די סאָלדאטנ אונ קאָמאנדירנ־באשטאנד איז אויסגעוואָקסנ א וואנט פונ קעגנזייַטיקנ אומצוטרוי אונ פייַנטשאפט. אזוי איז פארשווּנדנ געוואָרנ די קלאסנ־איינהייַט פונ דער ארמיי.

עס איז אויכ אָפּגעשוואַכט געוואָרנ די פריִערדיקע רעוואָליוציאָנערע דיסציפּלינ. אינ דער קאַמפּאַניע פונ 1812—1814, זײַנענ אַ מאַסע סאָלדאַטנ אָפּגעשטאַנענ פונ זייערע טיילנ אונ האָבנ זיכ פאַרנומענ מיט באַראַבעווענ די אַרומיקע באַפעלקערונג. אונ, ענדלעכ, אויב פריִער איז דער ציל פונ דער מילכאָמע (פאַרטיידיקנ די דעראָבערונגענ פונ דער רעוואָליוציע אונ פאַרטרײַבנ דעמ סוינע פונ די גרענעצנ פונ דער רעפּובליק) געווענ קלאָר פאַר יעדנ פראַנצויזישנ פּויער, וואָס איז געווענ אָנגעטאָנ אינ סאָלדאַטישע קליידער, האָבנ איצט די סאָלדאַטנ, אַוועקגייענדיק אינעמ ווײַטנ רוסלאַנד, אַבסאָליוט ניט געוווּסט וווּהינ אונ נאָכ וואָס מע טרײַבט זיי.

די פאָלק־אופשטאַנדנ אינ די דעראָבערטע לענדער

צו דעמ אַלעמענ האָט נאָכ אינ די דעראָבערטע לענדער אונ אינ די לענדער, וואָס זײַנענ געווענ אָפּהענגיק פונ פראַנקרײַכ, זיכ אָנגעהויבנ אַ ערנסטע באַוועגונג קעגנ דער פראַנצויזישער הערשאַפט. אינ דער עפּאָכע פונ דער דירעקטאָריע, פונעמ קאָנסולאַט אונ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער אימפּעריע האָט די פראַנצויזישע אַרמיי געהאַלטנ אינ אייג פאַרניכטנ אינ די דעראָבערטע לענדער די רעשטלעכ פעאָדאַליזמ. אומעטומ, ווו עס זײַנענ דורכגעגאַנגענ די פראַנצויזישע אַרמייענ, איז געוואָרנ אײַנגעשטעלט די גלײַכהײַט פאַרנ געזעצ, עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרנ דאָס לײַביגנשאַפט, דאָס בורזשואַזע אייגנטומ איז באַפרײַט געוואָרנ פונ אַלערליי באַשרענקונגענ. אַזוי אַרומ האָבנ אויכ אינ נאַפּאָלעאָנס צײַטנ די פראַנצויזישע אַרמייענ ווײַטער פאַרשפּרייט אינ אייראָפּע די גרונט־יעסוידעס פונ דער גרויסער בורזשואַזער רעוואָליוציע אונ אונטערגעגראָבנ דעמ פונדאַמענט פונ דער אַלטער אָרדענונג. דעריבער פלעגט דאָרט אינ דער ערשטער צײַט אַ אַנדערשמאָל מיט באַגײַסטערונג באַגעגנט ווערנ דאָס פראַנצויזישע מיליטער מיצאַד דער באַפעלקערונג, וואָס האָט געזעענ אינ אימ די באַפרײַער פונעמ דרוק פונ פעאָדאַליזמ. מיט אָט דער שטיצע מיצאַד די פאָלקמאַסנ איז טיילווײַז צו דערקלערנ די דערפאָלגנ פונ נאַפּאָלעאָנס אַרמייענ אינ זײַנ ערשטער קאַמפּאַניע.

אָבער די נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג איז אינ איר קאַמפּ קעגנ דער ענגלישער בורזשואַזיע אַרײַנגעטראָטנ אינ אַ בונד מיט די פעאָדאַלע מעלוכעס פונ דער קאָנטינענטאַלער אייראָפּע: עסטרײַכ, פרײַסנ, רוסלאַנד. אַפילע אינ דער קאַמפּאַניע פונ די יאָרנ 1812—1814 האָט נאַפּאָלעאָנ גערעכנט, אַז ער וועט ווידער זיכ דערשלאָגנ, סאָפּקאָלסאָפּ, צו אַנ אויסגלײַכ מיט די רוסישע, עסטרײַכישע אונ פרײַסישע פריציִמ. ניט אינ פרײַסנ, ניט אינעמ צאַרישנ רוסלאַנד איז נאַפּאָלעאָנ ניט געגאַנגענ אָפּ אָפּשאַפנ דאָס לײַביגנשאַפט אונ אָפּ באַפרײַענ די פרײַסישע אונ רוסישע פּויעריִמ פונעמ פעאָדאַלנ דרוק. נאַפּאָלעאָנ האָט ניט בלויז זיכ ניט באַניצט מיט די פּויערשע אומרוענ, קעדיי פונ אינוועייניק פאַנאַנדערלייגנ דאָס פעאָדאַלע פריצישע רוסלאַנד, נאָר פאַרקערט ער האָט אַכזאָריעסדיק דערשטיקט די פּויערשע אופשטאַנדנ. אַלס רעזולטאַט דערפונ האָבנ די פּויעריִמ זיכ אויסגעקערעוועט קעגנ דער נאַפּאָלעאָנישער אַרמיי.

דערצו האָבנ נאָכ די גוואַלדיקע געלט־קאָנטריבוציעס, דאָס שטענדיקע רעקווירירנ רעזערוונ פאַר דער אַרמיי, די אַלגעמיינע לאַסט פונ די מיליטער־לאַגערונגענ אונ אָקופּאַציעס שנעל אופגעהויבנ קעגנ די פראַנצויזנ די באַפעלקערונג אינ די באַזיגטע לענדער.

אָפּנ באַדנ פונ דער אַלגעמיינער אומצופרידנקײַט האָט זיכ אינ די דעראָבערטע לענדער אָנגעהויבנ אַ ברייטע באַוועגונג קעגנ די דעראָבערער. אינ 1809 יאָר האָט אינ שפּאַניע אויסגעבראָכנ אַ אָפּענער אופשטאַנד. קעדיי „אונטערהאַלטנ די אָרדענונג“ איז נאַפּאָלעאָנענ אויסגעקומענ אומעטומ איבערלאָזנ מיליטער; אונ אויסהאַלטנ אַזאַ גראַנדיעזענ פראָנט איז דאָס אויסגעשעפּטע פראַנקרײַכ שוינ ניט געווענ בעקויעכ.

דאָס אַלץ האָט פאָרויסבאַשטימט פאַר פראַנקרײַכ דעמ ניט געלונגענעמ סאָפּ פונ דער קאַמפּאַניע אינ 1812 י. פונ נאַפּאָלעאָנס קאָלאָסאַלער אַרמיי זײַנענ בלויז 18 טויזנט מאַנ אַריבער צוריק דעמ טײַכ נעמאַנ. נאַפּאָלעאָנ אַליינ האָט פאַרלאָזט די רעשטלעכ אַרמיי אונ איז אַנטלויפנ אַוועק קיינ פראַנקרײַכ ווערבירנ אַ נײַ מיליטער.

דאָס אראָפּזעצן באַפּאָלעאָנען. „די הונדערט טעג״

אין 1814 יאָר האָט דאָס רוסישע, פּרײַסישע, ענגלישע און עסטרײַכישע מיליטער דערלאַנגט דער פראַנצויזישער ארמיי אַן אַנטשיידנדעם טויטקלאַפּ. פרילינג 1814 יאָר זײַנען די ארמייען פון די פאַרבינדעטע אַרײַנגעטראָטן קיין פּאַריז און האָבן געצווונגען נאַפּאָלעאָנען זיך אָפּזאָגן פונעם טראָן. מיט דער קראַפט פון שפּיזן האָבן די פאַרבינדעטע צוריק אופגעשטעלט אין פראַנקרײַך די קיניגלעכע מאַכט און האָבן ארופגעזעצט אפן טראָן לוי XVIII,* אַ לײַבלעכן ברודער פון לוי XVI, וואָס איז געקעפּט געוואָרן אין 1793 יאָר.

אָבער פראַנקרײַכס האַס צו די בורבאָנען, וואָס זײַנען אים אָנגעבונדן גע־וואָרן מיט גוואַלד, איז געווען אַזוי גרויס, אַז נאַפּאָלעאָנען איז ווידער געלונגען אַפּ אַ צײַט צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין זײַנע הענט. אין 1815 יאָר איז ער אַנט־לאָפן פונעם אינדזל עלבאַ, וועלכן מע האָט אים געגעבן אין מיטללענדישן יאַם, און האָט זיך ארויסגעזעצט אין דאָרעם-פראַנקרײַך. די ארמיי, וואָס די בורבאָנען האָבן ארויסגעשיקט קעגן נאַפּאָלעאָנען, איז אריבערגעגאַנגען אַפּ זײַן זײַט. די בורבאָנען זײַנען אַנטלאָפן, נאַפּאָלעאָן האָט זיך ווידער אומגעקערט קיין פּאַריז, און אין פאַרלויף פון 100 טעג איז ער ווידער געווען דער אימפּעראַטאָר פון פראַנקרײַך. אָבער דאָס אויסגעצערטע פראַנקרײַך האָט שוין קיין קויכעס ניט געהאַט צו קעמפן קעגן די פילטויזנטדיקע ארמייען פון די פאַרבינדעטע.

אין שלאַכט בײַ וואַטערלאָאָ (אין 1815 יאָר) איז די פראַנצויזישע ארמיי צעשלאָגן געוואָרן, די ענגלענדער האָבן גענומען נאַפּאָלעאָנען אין גע־פענקעניש און האָבן אים פאַרשיקט אפן אינדזל „הייליקע העלענע״, דאָרט איז ער פאַרבליבן שוין ביזן טויט. אין פראַנקרײַך זײַנען צוריק אופגע־שטעלט געוואָרן די בורבאָנען.

דער ווינער קאָנ־גרעס.

קעדיי באַשליסן, וואָס עס זאָל זײַן מיט פראַנקרײַך און מיט די אַנדערע מעלוכעס, איז אין 1814 יאָר צונויפגערופן געוואָרן אין ווין אַן אייראָפּעיִשער קאָנגרעס. די באַשליסנדיקע ראָליע האָבן אין אים געשפּילט די לענדער די זיגער — ענגלאַנד, עסטרײַך, פּרײַסן און רוסלאַנד.

איצט האָט ענגלאַנד געקאָנט פאַרפעסטיקן פאַר זיך די באַקומענע דעראָבע־רונגען און אַפּ לאַנג פאַרנעמען דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אויבנאָן. פראַנקרײַך איז געבליבן צוריק בײַ די גרענעצן פון 1792 יאָר. פראַנקרײַך האָט פאַרלאָרן זײַנע וויכטיקסטע קאָלאָניעס און איז געווען געצווונגען ניט בלויז אויסצאָלן 700 מיליאָן פראַנק קאָנטריבוציע, נאָר אין פאַרלויף פון 5 יאָר אויסהאַלטן אַפּ זײַן טעריטאָריע אַ 150-טויזנטיקע ארמיי פון די פאַרבינדעטע.

די אופשטעלונג פון די בורבאָנען אין פּערזאָן פון לוי XVIII האָט געהייסן אַ ניצאָכן פון דער רעאַקציע. אַלס רעזולטאַט דערפון איז דער ווײַטער־דיקער גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין פראַנקרײַך פאַרלאַנגזאַמט געוואָרן אַפּ אַ סאַך יאָרן. ענגלאַנד האָט געקאָנט פײַערן זײַן ניצאָכן. זײַנע

* לוי XVII האָט זיך גערעכנט אַלס זון פונעם געקעפּטן לוי XVI, ער איז קינד־ווײַז געשטאָרבן.



קאָלאָניאלע פארמעגנס זײַנען באַדײַטנדיק פארברייטערט געוואָרן. אין איירָאָפּע האָט ענגלאנד באַקומען דעם אינדזל העלהאָלאנד (אין צאָפנדיקן יאם, נאָענט לעבן דער לעפצונג פון טײַך ריין), די יאָנישע אינדזלען און דעם אינדזל מאלטא — דער וויכטיקסטער שטיצפונקט אין מיטללענדישן יאם; אין אזיע — דעם אינדזל ציילאָן און א באַדײַטנדיקן טייל פון אינדאָסטאן; אין אפריקע — קאפלאנד. כוץ דעם, זײַנען בא ענגלאנד געבליבן טאסמאניע און אייניקע פון די אנטילער אינדזלען.

דער ווינער קאָנגרעס האָט פארפעסטיקט די צעטיילונג פון פוילן צווישן עסטרײַך, פּרײַסן און רוסלאנד.* עסטרײַך האָט, כוץ דעם, נאָך באַקומען געגנטן אין איטאליע. פּרײַסן האָט פארברייטערט זײַנע גרענעצן אפן כעזשבן פון באַזונדערע דײַטשישע פירשטנטומס;** דאָס צארישע רוסלאנד האָט באַקומען פינלאנד און בעסאראביע.

דער „הייליקער בונד“

צוגלײַך מיטן איבערשנײַדן די לאנד־קארטע פון איירָאָפּע לעטוועס די באזיגער, האָבן די רעדלפירער פון ווינער קאָנגרעס אוועקגעשטעלט פאר זיך אַן אופגאבע צו קעמפן קעגן דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, ווו נאָר זי וועט זיך אנטפּלעקן. פונקט ווי נאָכן ווערסאלער רויבערישן שאָלעם פון 1919 יאָר איז אפּ אונטערהאלטן די ווערסאלער סיסטעם געשאפן געוואָרן די „פעלקער־ליגע“, — דער שטיצפונקט פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע אין XX יאָרהונדערט, אזוי איז אפן ווינער קאָנגרעס געשאפן געוואָרן „דער הייליקער בונד“, אלס שטיצפונקט פון דער פעאָדאלער רעאקציע. די רוסישע צארן (פריער אלעקסאנדער I, דערנאָך ניקאָלײַ I) און דער עסטרײַכישער מיניסטער מעטערניך זײַנען געווען די טאָנגעבער פון דער רעאקציאָנערער פּאָליטיק אינעם „הייליקן בונד“. אין משעך פון 30 יאָר האָבן זיי געשפּילט די ראָליע פון א „זשאנדארם פון איירָאָפּע“ און האָבן ארויסגעשיקט מיליטער „אפּ האלטן אָרדענונג“ אין פארשיידענע לענדער.

די אינטערנאציאָנאלע באַדײַטונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע

אָבער דער „הייליקער בונד“ איז געווען אָנמעכטיק א דריי צו טאָן צוריק די ראָד פון דער געשיכטע. די גרויסע פראנצויזישע רעוואָליוציע, וואָס האָט געמאכט א סאָף צו די פעאָדאלע פּאָראָנדקעס אין פראנקרײַך, האָט געהאט א גוואלדיקע אינטערנאציאָנאלע באַדײַטונג. די פּאָרגעשריטענע פאָרשטייער פון דער בורזשואזער דעמאָקראטיע האָבן מיט באַגײַסטערונג באַגריסט די „דעקלאראציע פון רעכט פון מענטש און בירגער“, — דעם מאניפעסט פון דער רעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע פון XVIII יאָרהונדערט. דער רעוואָליוציאָנערער אופבראָז האָט זיך אָנגעהויבן אין ענגלאנד, אירלאנד און אין באַזונדערע דײַטשישע מעלוכעס. אין די לענדער, וואָס פראנקרײַך האָט דעראָבערט, זײַנען פארניכטעט געוואָרן די אלטע פעאָדאלע פּאָראָנדקעס און עס איז פארלייגט געוואָרן דער

---

* פוילן האָט אלס זעלבשטענדיקע מעלוכע ניט עקזיסטירט זינט דעם ווינער קאָנגרעס ביזן ווערסאלער שאָלעם פון 1919 יאָר.

** אין דער צײַט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע און פון דער נאפּאָלעאָנישער רעגירונג זײַנען אין דײַטשלאנד פאָרגעקומען אזוי פיל פּאָליטישע ענדערונגען, אַז דער קאָנגרעס האָט אָנשטאָט די פריערדיקע 360 דײַטשישע מעלוכעס אָנערקענט בלויז 39.

פונדאמענט פון דער נײַער בורזשואזער געזעלשאפט. עס זײַנען צעטרייסלט געװאָרן די יסאָרידעס פונעם פעאָדאַליזם אויך אין יענע מעלוכעס, וואָס זײַנען דירעקט ניט געווען אונטערגעװאָרפן צו פראנקרײַך. אשטייגער, די פרײַסישע רעגירונג, קעדיי צוציִען אף איר זײַט דאָס פויערטום און אנדערע שיכטן באפעלקערונג, איז געווען געצוואונגען דורכצופירן בא זיך א גאנצע ריי רעפאָרמעס, וואָס האָבן צעטרייסלט דעם פונדאמענט פון דער פעאָדאַלער געזעלשאפט. אפילו אינעם צארישן רוסלאנד איז דער רעגירונג אויך אויסגעקומען דורכצופירן אייניקע געזעצן, וואָס זײַנען שײַעך דער לאגע פון די פויערים. עס איז געווען, אשטייגער, באגרענעצט די פאנשטשינע; די פויערים האָט מען דערלויבט צו קלאָגן זיך אפן פּאָרעץ.

די פראנצויזישע רעוואָליוציע איז געווען א קלאסישע, טיפּישע בורזשואזדעמאָקראטישע רעוואָליוציע. זי האָט אנטשיידן ליקווידירט די פעאָדאַלע פּאָראָנדקעס און האָט אָפּגעריינִיקט דעם באָדן פאר דער בורזשואזער געזעלשאפט. צום אונטערשייד פון די שפּעטערדיקע בורזשואזע רעוואָליוציעס, האָט די פראנצויזישע בורזשואזיע אינעם ערשטן עטאפּ פון דער רעוואָליוציע געשפּילט די ראָליע אלס איינע פון די טרײַבקרעפטן און זי האָט באוויזן, עמעס, נאָר אף א קורצן טערמין, צו באהעפטן ארום זיך די האָרעפּאשנע מאסן אין פראנקרײַך אין זייער דראנג קעגן דעם פעאָדאַליזם און אבסאָליוטיזם.

די דאָזיקע ראָליע איז געוואָרן מעגלעך פאר דער בורזשואזיע דערפאר, ווײַל „דער פּראָלעטאריאט און די פראקציעס פון דער געזעלשאפט, וואָס האָבן ניט געהערט צו דער בורזשואזיע, האָבן אָדער נאָך ניט געהאט קיין אינטערעסן, וואָס פאלן ניט צונויף מיט די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, אָדער זיי האָבן נאָך ניט געבילדעט קיין שום זעלבשטענדיק זיך אנטוויקלנדיקע קלאסן אָדער טיילן פון קלאסן" (מארקס).

טאקע דערפאר, וואָס דער פּראָלעטאריאט האָט נאָך ניט ארויסגעשטעלט זײַנע לאָזונגען, ניט פאנאנדערגעוויקלט זײַן פּראָגראם „האָבן אין 1789 יאָר די קליינבירגער נאָך געקאָנט זײַן גרויסע רעוואָליוציאָנערן" (לענין).

דער אנטשלאָסענער דראנג פון די ארבעטער, פויערים און שטאָטישער קליינבורזשואזיע האָט פארענדיקט די בורזשואז-דעמאָקראטישע רעוואָליוציע אין פראנקרײַך.

די רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישע דיקטאטור פון די יאקאָבינער האָט אף אזויפיל גרינטלעך ליקווידירט די פעאָדאַלע פּאָראָנדקעס אין פראנקרײַך גופא, אז אפילו די צעיושעטע פּריצישע רעאקציע, וואָס האָט זיך נאָכדעם אײַנגעשטעלט אין פראנקרײַך זינט עס זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן די בורבאָנען, האָט שוין ניט געקאָנט זיי צוריק אופלעבן.

און דאָס דערפירן ביזן סאָף די בורזשואז-דעמאָקראטישע רעוואָליוציע האָט א קאָלאָסאלע באדײַטונג פאר דער ווײַטערדיקער פאנאנדערוויקלונג פונעם קלאסנקאמף, פארן קאמף פונעם פּראָלעטאריאט קעגן דער בורזשואזיע.

„די בורזשואזע רעוואָליוציע איז אומבאדינגט נייטיק אין די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאריאט. וואָס פולער און אנטשיידענער, וואָס קאָנסעקווענטער עס וועט זײַן די בורזשואזע רעוואָליוציע, וועט אלץ געזיכערטער זײַן דער קאמף פונעם פּראָלעטאריאט קעגן דער בורזשואזיע פארן סאָציאַליזם" (לענין).

די טשארטיסטישע באוועגונג אין ענגלאנד

15. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אנטוויקלונג און דער פּאָליטישער קאמף אין ענגלאנד אינעם ערשטן דריטל XIX יאָרהונדערט

דאָס פארענדיקן די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אין ענגלאנד

די אינדוסטריעלע איבערקערעניש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ענגלאנד אין דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט, איז אין דער ערשטער העלפט פונעם פאָלגנדיקן יאָרהונדערט געווען ענדגילטיק פארענדיקט. אין דער מיט XIX יאָרהונדערט האָט ענגלאנד געהאט אפ א סאך אריבערגעיאָגט די איבעריקע אייראָפּייִשע לענדער און האָט דעראָבערט דעם אָנצווייפלהאפטן אויבנאָן אפן וועלט־מארק.

אין 1844 יאָר האָט ענגעלס אזוי באשריבן ענגלאנדס אינדוסטריעלע דערפאָלגן:

„מיט א יאָר זעכציק אָדער אכציק צוריק איז דאָס געווען א לאנד, ווי אנדערע לענדער, מיט ניט קיין גרויסע שטעט, מיט ניט קיין באדײַטנדיקער און ווייניק־אנטוויקלטער אינדוסטריע און מיט א שיטערער, הויפטזאכלעך ערדארבעטערישער באפעלקערונג. איצט איז עס א לאנד, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט, מיט א הויפטשטאָט, וואָס ציילט צווי מיט א האלבן מיליאָן אײַנוווינער, מיט קאָלאָסאלע פאבריק־שטעט, מיט אן אינדוסטריע, וואָס באזאָרגט מיט איר פּראָדוקציע די גאנצע וועלט און וואָס פּראָדוצירט קימאט אלץ מיט דער הילף פון די סאמע קאָמפּליצירטע מאשינעס; די ארבעטזאמע, אינטעליגענטע און געדיכטע באפעלקערונג, וואָס איז אפ $^2/_3$ פארנומען אין דער אינדוסטריע, באשטייט אצינד גאָר פון אנדערע קלאסן, — נאָכמער: זי איז געוואָרן גאָר אן אנדער נאציע מיט אנדערע רעכט, מיט אנדערע באדערפענישן" (ענגעלס).

אין די 40-ער יאָרן האָט זיך פארענדיקט די אגראר־איבערקערעניש אין דאָרף. דאָס פויערטום איז שוין אינגאנצן פארשוווּנדן. די שטאָטישע באפעלקערונג האָט קימאט אין דרײַ מאָל אריבערגעשטיגן די דאָרפישע.

אָבער די פולקום אויסגעבילדעטע קאפּיטאליסטישע גרויס־אינדוסטריע אין ענגלאנד האָט זיך זייער ניט גלײַכמעסיק אנטוויקלט. יאָרן פון אופשטײַג האָבן זיך געביטן אפ יאָרן פון קריזיסן און דעפּרעסיעס.* די גרעסטע עקאָנאָמישע

* דעפּרעסיע איז צום אונטערשייד פון קריזיס א לאנגדויערנדיקער פארצויגענער שטילשטאנד אינעם געביט פון האנדל און אין דער אינדוסטריע, אין דער צײַט, ווען דער קריזיס טראָגט א מער שארפערן און פארגייענדיקן כאראקטער, און אין פעריאָד פונעם פארמאָנאָפּאָליסטישן (אינדוסטריעלן) קאפּיטאליזם דויערט ער ווייניק.

קריזיסנ, וואָס האָבנ באקומענ אנ אלוועלטלעכע פארשפרייטונג, — די קריזיסנ פונ די יאָרנ 1825, 1836—1837 און 1847—1848, — האָבנ באזונדערס שטארק א קלאפ געטאָנ די ענגלישע אינדוסטריע, אנטפּלעקנדיק דײַטלעכ די גאנצע טיפקײַט פונ די ווידערשפּרוכנ פונ דער קאפּיטאליסטישער סיסטעמ. אינ דער זעלבער צײַט האָט די פארשארפונ פונ די קלאסנ-ווידערשפּרוכנ זיכ אויסגעגאָסנ אינ א ברייטער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונעמ ענגלישנ פּראָלעטאריאט, וואָס האָט געשטעלט אינ געפאר די עקזיסטענצ גופא פונ די הערשנדיקע קלאסנ אינ ענגלאנד. די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג איז געוועז דער טשארטיזמ. לאָמיר זענ, אינ וועלכע באדינגונגענ איז אנטשטאנענ די דאָזיקע באוועגונג.

די פּאָליטישע אָרדענונג אינ ענגלאנד סאָפ XVIII און אָנהייב XIX יאָרהונדערט

זינט דער רעוואָליוציע פונ 1688 יאָר האָט זיכ אינ ענגלאנד ענדגילטיק אײַנגעשטעלט די אָרדענונג פונ דער פּארלאמענטארישער מאָנארכיע. אינ דער שפּיצ פונ דער מעלוכע איז געשטאנענ א קיניג; זײַנ מאכט איז געוועזנ באגרענעצט דורכנ פּארלאמענט, וואָס איז באשטאנענ פונ צוויי פּאלאטעס: אנ אויבערשטע — די פּאלאטע פונ לאָרדנ, און אנ אונטערשטע — די פּאלאטע פונ געמיינדעס. די מיניסטאָרנ פלעגנ באשטימט ווערנ פונעמ קיניג פונ צווישנ די לידערס (פירער) פונ די פּארטייענ, וואָס האָבנ באקומענ אינ פּארלאמענט די מערהײַט. געוויינלעכ, האָבנ זיכ בא דער מאכט געביטנ צוויי פּארטייענ — די פּארטיי טאָרי, פּאָרשטייער פונ דער ערד־אריסטאָקראטיע און פונעמ פּראָווינציעלנ אדל, און די פּארטיי וויגי — אויכ אנ אריסטאָקראטישע פּארטיי, אָבער זי איז געוועזנ ענג פארבונדנ מיט די אויבערשיכטנ פונ דער האנדל- און פינאנצ־בורזשואזיע. שוינ דער דאָזיקער באשטאנד פונ די רעגירנדיקע פּארטייענ האָט אָפּגעשפּיגלט די דאָמינירנדיקע פּאָליטישע ווירקונג פונ דער ערד־אריסטאָקראטיע אינ לאנד. די ערד-מאגנאטנ האָבנ אויסגעמאכט א מערהײַט ניט בלויז אינ דער אויבערשטער, נאָר אויכ אינ דער אונטערשטער פּאלאטע. בא זיי אינ די הענט האָבנ זיכ געפונענ אלע וויכטיקסטע מיליטערישע, בירגערלעכע, אדמיניסטראטיווע און געריכטלעכע אמטנ. פּריצימ זײַנענ אויכ געשטאנענ אינ דער שפּיצ פונ דער אָרטיקער פארוואלטונג, די געמיינדע־ריכטער און די שעריפנ* זײַנענ אלע געוועזנ פונ צווישנ די ערד־באזיצער.

די ענגלישע לאנדווירטשאפטלעכע בורזשואזיע האָט זיכ גוט געקאָנט צופּאסנ צו דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג פונעמ לאנד. אינ אירע הענט זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט קאָלאָסאלע ערד־ און געלט־רײַכטימער. די אריסטאָקראטנ האָבנ גענומענ אנ אָנטייל אינ די אקציאָנערע האנדל- און קאָלאָניאלע קאָמפּאניעס און האָבנ געהאט פײַענ אינ די גרעסטע בענק.

די הערשאפט פונ דער ערד־אריסטאָקראטיע האָט ביז א געוויסנ גראד צופרידנגעשטעלט די אלטע האנדל-און פינאנצ־בורזשואזיע. די אינטערעסנ פונ דער דאָזיקער בורזשואזיע האָבנ זיכ ענג איבערגעפלאָכטנ און צונויפגעוואָקסנ מיט די אינטערעסנ פונ די ערדבאזיצער (האנדל-מאָנאָפּאָליעס, שוטפעסדיקע בארויבונג פונ די קאָלאָניעס, געמיינזאמע פארכאפּונג פונ פויערשע ערד אאוו.). די אריס־

* שעריפ האָט געהייסנ דער עלטסטער פונעמ גראפנטומ.

טאָקראַטישע און סאָכריש־באַנקירישע פאַמיליעס פלעגן געוויינלעך טאָן שידוכים איינע מיט די אַנדערע. צווישן דעם אדל זײַנען געווען הונדערטער פאַמיליעס, וואָס זײַנען אַרויסגעקומען פון רײַכע לאַנדאָנער סאָכרים אָדער באַנקירן. גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע פון דער נײַער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסגעוואַקסן פאַר דער צײַט פון דער מילכאָמע מיט פראַנקרײַך, האָט אַלץ מער גענומען באַגרײַפן זײַנע זעלבשטענדיקע קלאַסנ־אינטערעסן. די פּאָליטיק פון דער אַריסטאָקראַטיע האָט שוין מער ניט געקאָנט באַפרידיקן די באַדערפענישן פונעם וואַקסנדיקן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם. די נײַע ברויט-געזעצן פון 1815־טן יאָר, וואָס האָבן געזיכערט פאַר די ערדבאַזיצער הויכע רענטעס און וואָס האָבן זיך שווער אָפּגעשפּיגלט אַף די ענגלישע אַרבעטנדיקע, האָבן שטאַרק ניט געלוינט אויך דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. פאַר די פאַבריקאַנטן האָבן די גרענעץ־שטײַערן אַף ברויט באַטײַט, אַז ס'וועט טײַערער די פּראָדוקציע און ס'וועט אוממעגלעך צו דערשלאָגן זיך פון אַנדערע לענדער, אַז זיי זאָלן דערלויבן אַרײַנפירן צו זיי פאַבריקאַטן, קעדיי צו אויסטוישן אַף ברויט און רויוואַרג.

דאָס האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע פון דער ענגלישער אינדוסטריע, וואָס האָט נאָכן קריג איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס.

דער נײַער בורזשואַזיע איז פאָרגעשטאַנען פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך שטאַרק פאַרפעסטיקט בא דער מאַכט. די רויִנירטע קליינבורזשואַזיע האָט אויך געטראָגן אַ טיפע אומצופרידנקײַט קעגן דער אַלטער פּאָליטישער אָרדענונג. נאָך אַ גרעסערע אומצופרידנקײַט מיט דער דאָזיקער אָרדענונג האָט זיך געפילט באַם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט פּאַקטיש ניט געהאַט קיין שום פּאָליטישע רעכט.

די אומצופרידנקײַט פון די נײַע קלאַסן מיט דער אַלטער פּאָליטישער סיסטעם האָט זיך אויסגעדריקט באַזונדערס בולעט אינעם קאַמף פאַר דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפאָרמע. אָנגעהויבן האָט זיך דער דאָזיקער קאַמף נאָך אין די 70־קער יאָרן XVIII יה. און ער האָט געדויערט די גאַנצע ערשטע העלפט פונעם XIX יה.

דאָס ענגלישע פּאַרלאַמענטאַרישע וואַלרעכט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין XVII יה., האָט לאַכלוטן ניט אַנטשפּראָכן דער נײַער קלאַסנ־גרופּירונג פון דער באַפעלקערונג. די גרעסטע אינדוסטריעלע שטעט און צענטערס, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש, האָבן ניט געהאַט דאָס רעכט צו שיקן זייערע פאָרשטייער אין פּאַרלאַמענט. און די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּירשטנטומס, וואָס אַמאָל זײַנען זיי געווען געדיכט באַפעלקערט, אָבער איצט זײַנען זיי שוין געווען פאַרהעלטעניסמעסיק קנאַפּ באַזעצט, אַט די פאַרשיידענע „פוילע שטעטלעך", דה. אַזוינע יישווים, וואָס זײַנען אַמאָל געווען באַלעבטע האַנדל־צענטערס און דערנאָך, אַלס רעזולטאַט פון די ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער געאָגראַפיע פון לאַנד, זײַנען זיי פולשטענדיק צעפאַלן,— זיי האָבן געשיקט צו צענדליקער פאָרשטייער. אָפט זײַנען די „פוילע שטעטלעך" געווען פּאַשעטע דערפלעך מיט צוויי־דרײַ הײַזער, טיילמאָל האָבן זיי אַפילע אינגאַנצן ניט עקזיסטירט, זײַענדיק שוין לאַנג רויִנירט. אין אַזוינע פאַלן פלעגט

דער אָרטיקער ערדבאַזיצער, וואָס האָט זיך גערעכנט פארן אייגנטימער פונעם דאָזיקן שטעטל, דאָך „וויילן" (אליין) א דעפוטאט און אים שיקן אין פארלאמענט. אדאנק די „פוילע שטעטלעך" איז יעדער פירשט און הערצאָג געווען פאָרגעשטעלט אין דער אונטערשטער פאלאטע וויי־ניקסטנס מיט א צענדליק כניפע־דיקע דעפוטאטן, וואָס ער האָט פראָטעזשירט און וואָס פלעגן דורכפירן זיין ווילן. ווי מיר האָבן געזען, האָבן די אָפּצאמונגען געבראכט אין רעזולטאט צו דער פארשווינדונג פונעם ענגלישן פויערטום. די ארענדאטערס די פערמערס האָבן קיין וואלרעכט ניט געהאט און די פריצים זיינען, אזויארום, געווען די איינציקע, וואָס האָבן אין פארלאמענט פאָרגעשטעלט דאָס לאנדווירטשאפטלעכע ענגלאנד. אין די אלטע שטעט, וואָס האָבן יאָ געהאט דאָס רעכט צו שיקן דעפוטאטן, האָט געהערשט דער דרוק פון די אָרטיקע גרויסע סאָחרים און באנקירן. די שטאָטישע מאסע האנטווערקער און ארבעטער איז געווען רעכטלאָז. קעדיי דורכצופירן איר פּאָליטיק, האָט די נייע בורזשואזיע געמוזט פריער פאר אלץ באהערשן דעם פארלאמענט.

די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אין ענגלאנד אין דער עפּאָכע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע

די גרויסע פראנצויזישע רעוואָליוציע האָט געפונען א לעבעדיקן אָפּקלאנג אין ענגלאנד. ווי אין ענגלאנד זעלבסט, אזוי אויך אין אנדערע טיילן פונעם קיניגרייך — אין שאָטלאנד און אירלאנד — האָבן זיך אויסגעבילדעט געהיימע רעוואָליוציאָנערע געזעלשאפטן. אייניקע פון די דאָזיקע געזעלשאפטן, ווי אשטייגער, אין אירלאנד, האָבן געטראָגן א נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערן כאראקטער און זיינען געווען אן ענטפער אפן נאציאָנאלן דרוק, וואָס די אירלענדישע באפעלקערונג האָט געליטן מיצאד דער ענגלישער אריסטאָקראטיע און בורזשואזיע. אן אנדער שטרעמונג האָבן פאָרגעשטעלט די אזוי־גערופענע „קאָנסטיטוציאָנעלע געזעלשאפטן", וווהין עס זיינען אריינגעגאנגען די לינקע וויגיס, וואָס האָבן גענומען אף זיך פאָרצושטעלן די אינטערעסן פון דער ליבעראלער אינדוסטריעלער בורזשואזיע. דער ציל פון די דאָזיקע געזעלשאפטן איז געווען זיך דערשלאָגן צו א פארלאמענטארישער וואל־רעפאָרמע; דער פראנצויזישער מוסטער זיינען פאר זיי געווען די זשיראָנדיסטן. ענדלעך, די דעמאָקראטישע מאסן (די ראדיקאלע קליינבורזשואזיע, האנטווערקער, ארבעטער), וואָס האָבן מיטגעפילט די פראנצויזישע יאקאָבינער, זיי האָבן זיך באמיט צו דערשלאָגן אלגעמיינע וואל־רעכט, יערליקע פארלאמענטן, הילף מיצאד ענגלאנד דער פראנצויזישער רעוואָליוציע. די דעמאָקראטישע באוועגונג פון סאָף XVIII יאָרהונדערט האָט זיך אין גרונט קאָנצענטרירט ארום די אזויגערופענע „קאָרעספּאָנדענטן־געזעלשאפטן". אין שפּיץ פון די דאָזיקע קאָרעספּאָדענטן־געזעלשאפטן איז געשטאנען די לאָנדאָנער קאָרעספּאָדענטן־געזעלשאפט (1795—1792), וואָס איר גענעראל־סעקרעטאר איז געווען אן ארבעטער א האנטווערקער — טאָמאס הארדי. אין די יאָרן 1792 און 1793 האָבן די „קאָרעספּאָנדענטן־געזעלשאפטן" באוויזן צונויפרופן אין עדינבורג, דער הויפּט־שטאָט פון שאָטלאנד, צוויי קאָנוועגטן. דער קאָנוועגט פון 1793 יאָר האָט זיך דערקלערט אלס קאָנוועגט פון די נאציעס פון ענגלאנד, שאָטלאנד און אירלאנד. ער האָט געמאָלדן זיינע זיצונגען פאר שטענדיקע און האָט זיך געווענדט צו די פאָלקמאסן נאָך הילף.

די רעגירונג האָט דערזענ, אז די באוועגונג דראָעט מיט ערנסטע פאָלגנ. גראָד ניט לאנג פאר דעמ האָט ענגלאנד דערקלערט פראנקרייַכ מילכאָמע. פארופנדיק זיכ אפנ קריג־צושטאנד, האָט פּיטס רעגירונג אָפּגעשאפט אלע פּאָליטישע פרייַהייַטנ, פאנאנדערגעטריבנ דעמ עדינבורגער קאָנווענט, פארמאכט אלע רעוואָליוציאָנערע קלובנ און קאָרעספּאָנדענטנ־געזעלשאפטנ, דורכגעפירט א ריי געזעצנ קעגנ דער פּרעסע און האָט אפ אזא אופנ אייַנגעשטעלט אנ אָפענע דיקטאטור פונ די הערשנדיקע קלאסנ.

די ענגליש-פראנצויזישע מילכאָמע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אלס מילכאָמע קעגנ דער יאקאָבינישער רעפּובליק האָט זיכ דערנאָכ געצויגנ גאנצע 23 יאָר. זי האָט אָפּגעקאָסט דעמ לאנד קאָלאָסאלע געלט־מיטלענ. דער מעלוכע-כויוו פונ ענגלאנד ערעוו דער דאָזיקער מילכאָמע האָט באטראָפנ בא 290 מיליאָנ פונט סטערלינג, אינ 1815 יאָר, אינעמ מאָמענט פונ פארענדיקנ די מילכאָמע, איז ער אויסגעוואָקסנ ביז 900 מיליאָנ פונט סטערלינג. בלויז יערלעכע פּראָצענטנ פארנ נאציָנאלנ כויוו איז די רעגירונג געווענ געצווּנגענ אינ 1816 יאָר אויסצאָלנ 32 מיליאָנ פונט סטערלינג. סובסידירנדיק זייַנע פארבינדעטע — פּרייַסנ, עסטרייַכ, רוסלאנד, אָנשטרענגענדיק אלע זייַנע קאָלאָניאלע רעסורסנ און אויסניצנדיק די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פונ לאנד, אלצ אפנ כעזשבנ פונ די גרעסטע מאטערישנ פונ די פּאָלקמאסנ, האָט דער ענגלישער קאפּיטאל סאָפּקאָלסאָפּ זיכ דערשלאָגנ צו א פולשטענדיקנ ניצאָכנ איבער זייַנע קאָנקורענטנ — איבער דער פראנצויזישער בורזשואזיע, באזונדערס אינ דער צווייטער העלפט פונ די 90־קער יאָרנ. די פּאָלקמאסנ פונ ענגלאנד האָבנ ניט בלויז געמוזט אָפּצאָלנ די קריג־הויצאָעס אינ דער פאָרמ פונ קאָלאָסאלע שטייַערנ, נאָר אויכ שרעקלעכ ליידנ פונעמ יאקרעס אפ שפּייַז-פּראָדוקטנ, וואָס האָט זיכ גענומענ פונ דער קאָנטינענטאלער בלאָקאדע, ווי אויכ פונ דער ארבעטלאָזיקייַט אינ צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס אינ דער צייַט פונ דער מילכאָמע איז די מערהייַט אייראָפּייִשע מערק געווענ פאר ענגלאנד פארמאכט. דעריבער איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס די באוועגונג פונ די פּאָלקמאסנ האָט זיכ ניט איבערגעריסנ פאר אלע יאָרנ פונ דער מילכאָמע. אינ 1797 יאָר זייַנענ פאָרגעקומענ בונטנ איבער גאנצ אירלאנד,* וואָס האָט געהאָפט אפ הילפ פונ די פראנצויזישע רעפּובליקאנער. סאָפ XVIII אָנהייב XIX יה. זייַנענ פאָרגעקומענ פילצאָליקע ארבעטער-שטרייַקנ, וואָס האָבנ געבראכט צומ געזעצ פונ 1799 יאָר, וואָס איז געווענדט געווענ קעגנ די ארבעטער־קאָאליציעס. פּיטס רעגירונג פונ די „ליבעראלע" טאָריס האָט מיט דער גאנצער אכזאָריעס דערשטיקט די דאָזיקע אלע באוועגונגענ. שטרעבנדיק צו מאכנ א סאָפ צו דער רעוואָליוציע אינ אייראָפּע, האָט די ענגלישע אריסטאָקראטיע נאָכ מיט א גרעסערער קראפט זיכ ארופגעוואָרפנ אפ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג בא זיכ אינ דער היימ.

---

* אינ אירלאנד איז די איבערהויפּטיקע מערהייט פריציִמ געווענ ענגלענדער, וואָס פיל פונ זיי האָבנ געוווינט אינ ענגלאנד און האָבנ עקספּלואטירט די אירלענדישע פּויערימ־ארענדאטערס דורכ פארוואלטערס.

די פּאָזיציע פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, די אַגיטאַציע פאַר א פּאַרלאַמענטאַרי־שער רעפאָרמע

די ליבעראַלע אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט אין די באַדינגונגען פון דער מילכאָמע און פון א מאַסעווער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג זיך אָפּגעזאָגט פון אוואָסער־ניט־איז אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער אַריסטאָקראַטיע. די פאַבריקאַנטן און זאַוואָד־אייגנטימער האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען די געפאַר פון דער פראַנצויזישער קאָנקורענץ און דעריבער האָבן זיי אין דער צייַט פון דער מילכאָמע אונטערגעהאַלטן א פּרייַנטלעכן בלאָק (בונד) מיט די קלאַסן, וואָס זייַנען געשטאַנען בא דער מאַכט.

ערשט ווען עס האָט זיך געענדיקט די מילכאָמע מיט פראַנקרייַך, האָט זיך ווידער באַנייַט דער קאַמף פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע פאַר א צוטריט צו דער מאַכט. די ווידערשפּרוכן צווישן דער נייַער בורזשואַזיע מיט דער אַריסטאָקראַטיע האָבן זיך צו דער דאָזיקער צייַט נאָך מער פאַרשאַרפט. זייַענדיק צוגעווינט פאַר דער צייַט פון דער מילכאָמע צו הויכע פּרייַזן אויף ברויט, זייַנען די ערדבאַזיצער לאַכלומען ניט גענייגט געווען אָראָפּצולאָזן זיי באַם ענדיקן די מילכאָמע. צוליב דעם זייַנען אין 1815 יאָר אין פּאַרלאַמענט דורכגעפירט געוואָרן די אַזויגערופענע „ברויט־געזעצן", וואָס האָבן דערלויבט אַרייַנפירן קיין ענגלאַנד אויסלענדיש ברויט בלויז דאַן, ווען די ברויט־פּרייַזן אינווייניק אין ענגלאַנד וועלן זיך אויפהייבן ביז 82 שילינג פאַר א קוואַרטער. * פאַקטיש האָט דער דאָזיקער געזעץ קימאַט ווי פולשטענדיק פאַרבאָטן דעם אויסלענדישן ברויט־אימפּאָרט. די ענגלישע און ענגליש־אירלענדישע פּריצים זייַנען דערמיט אַלייַן געזיכערט געוואָרן מיט א הויכער רענטע. אָבער די אינדוסטריעלער האָבן צוליב דעם געמוזט צאָלן די אַרבעטער א העכערן אַרבעטסלוין, קעדיי זיי זאָלן האָבן כאָטש א וואָסערן־ניט־איז לעבנ־מינימום. נאָר וועגן אָפּשאַפן די ברויט־געזעצן איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן, קאָלזמאַן דער פּאַרלאַמענט איז אינגאַנצן געווען אין די הענט בא די ערדבאַזיצער. אַזוי־אַרום איז די פראַגע וועגן רעפאָרמעס פונעם וואַלרעכט געשטאַנען פאַר דער בורזשואַזיע אין איר גאַנצער שאַרפקייַט.

אָנהייב 20־קער יאָרן האָט די אַגיטאַציע פאַר א פּאַרלאַמענטאַרישער רעפאָרמע זיך אָנגעהויבן פירן באַזונדערס ענערגיש אין צוזאַמענהאַנג מיטן נייַעם אויפשטייַג פון דער ענגלישער אינדוסטריע. צו יענער צייַט האָט ענגלאַנד שוין געהאַט צוריק באַקומען א באַדייַטנדיקן טייל מערק, וואָס ענגלאַנד האָט פאַרלוירן אין פּעריאָד פון דער מילכאָמע. כוץ דעם, האָבן זיך פאַר ענגלאַנד געעפנט נייַע מערק אין דאָרעם־אַמעריקע אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרוואַנדלען די דאָרעם־אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס אין זעלבשטענדיקע מעלוכעס.** אַגיטירנדיק פאַר א רעפאָרמע פון פּאַרלאַמענט, האָבן די בורזשואַזע ראַדיקאַלן געשטרעבט צו באַקומען שטיצע פון דער קלייַנבורזשואַזיע און פון די אַרבעטער.

---

* קוואַרטער איז אן ענגלישע מאָס פון שיטעוודיקע קערפּער, זי האַלט אן ערעך בא 290 ליטער.

** די דאָרעם־אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס האָבן פריער געהערט צו שפּאַניע און פּאָרטוגאַליע. זיי זייַנען געוואָרן אומאָפּהענגיקע פון זייערע מעטראָפּאָליעס אין רעזולטאַט פון א רייִ אויפשטאַנדן סאָף XVIII יה. ביזן 1823 יאָר.

דער ארבעטער-קלאַס פון ענגלאַנד האָט אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון XIX יאָרהונדערט פאַרגעשטעלט א גאַנץ פאַרשיידנפאַרביקן שיכט. אפן צאָפן האָבן זיך אויסגעבילדעט פילצאָליקע קאַדרען פון פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט, אין דער ערשטער ריי אין דער בוימוואָל- און קוילן-אינדוסטריע. אין דער מעטאַלור-גישער אינדוסטריע, וואָס אירע צענטערס זיינען געווען בירמינגהעם און שע-פילד, זיינען דעריקער געווען ארבעטער פון דער צענטראַליזירטער מאַנופאַקטור. אין לאָנדאָן גופע און אין אַנדערע אַלטע שטעט איז געווען א גרופּע הויכ-קוואַליפיצירטע האַנטווערקערישע ארבעטער. די איבעריקע מאַסן פון פּראָלעטאַ-ריאַט האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט שטוב-ארבעטער „פון דער צעזייטער מאַנו-פאַקטור", אָדער וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די אויפקויפער. א גאַנץ פילצאָליקער איז געווען דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָלעטאַריאַט.

די ארבעטער-באַוועגונג פון די 20-קער יאָרן.

די ארבעטער-באַוועגונג האָט נאָך דער פראַנצויזישער מילכאָמע זיך ווייטער שטאַרק אַנטוויקלט. די שטרייקן פון פאַבריק-אַר-בעטער זיינען געוואָרן אלץ גרעסער לויט דער צאָל פון זייערע אָנטיילנעמער און אלץ אקשאָנעסדיקער. די ארבעטער פלעגן זיך ניט באַנוגענען בלויז מיטן עקאָנאָמישן קאַמף, נאָר זיי פלעגן אַרויסשטעלן א ריי פּאָליטישע פאָדערונגען וועגן דעמאָקראַטיזירן די פּאָליטישע אָרדענונג. די

די עקזעקוציע איבער די ארבעטער אפן „פעטראָווער פעלד" לעבן מאַנטשעסטער (1819 י.)

רעגירונג פלעגט ענטפערן אף די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען פון די ארבעטער מיט נייע רעפּרעסיעס. ווען אין 1818 יאָר איז פאָרגעקומען א גרויסער שטרייק פון ארבעטער-טעקסטילער אין לאַנקאַשיר, האָט די מאַכט אַכזאָריעסדיק דערשטיקט דעם שטרייק, אַרעסטירט זיינע אָרגאַניזאַטערס און זיי צוגעצויגן צום געריכט פאַר אָנגעהעריקייט צו פאַרווערטע אָרגאַניזאַציעס. אין 1819 יאָר איז פאָרגעקומען א בלוטיקע עקזעקוציע אפן „פעטראָווער פעלד" נאָענט לעבן מאַנטשעסטער, ווו די

פּאָליציי איז צוזאַמען מיטן מיליטער באַפאַלן אַ מיטינג פון אַרבעטער און האָבן פיל פון זיי אויסגעהאַרגעט.

דאָך האָט דער דראַנג פון די אַרבעטער פאַרט געצוווּנגען די רעגירונג צו גיין אַפ האַנאַכעס. אין 1824 און 1825 יאָר האָט מען אָפּגעשאַפן דעם געזעץ קעגן קאָאַליציעס. די געהיימע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זיינען אַרויס פון אונטערערד און האָבן אָנגעהויבן גיך וואַקסן. עס זיינען אַנטשטאַנען הונדערטער נייע פּראָפפאַריינען. אין יעדער אינדוסטריעלער געגנט, אין יעדער שטאָט האָבן זיך אויסגעבילדעט אייגענע אָרטיקע פאַריינען. דער וווּקס פון דער פּראָפעסיאָנעלער און שטרייק-באַוועגונג האָט געצוווּנגען דעם פּאַרלאַמענט איבערצוקוקן דעם געזעץ פון 1824 — 1825־טן יאָר. דער פּאַרלאַמענט האָט אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס באַגרענעצט דאָס קאָאַליציע־רעכט. דער געזעץ דראָעט מיט דריי כאַדאָשים צוואַנגאַרבעט פאַר אַגיטאַציע צו קעמפן דורך קאָאַליציע פאַר העכערן דעם אַרבעטלוין. דער געזעץ פון 1825־טן יאָר איז אָבער ניט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן דעם וווּקס פון די פּראָפפאַריינען. גלייך נאָך די פאַבריק־אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פאַריינען אויך די האַנטווערקער־אַרבעטער.

אונטער דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט די שטרייק-באַוועגונג באַקומען אַ מער אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. די שטרייקן פאַרענדיקן זיך אַלץ אָפטער מיט אַ ניצאָכן פון די אַרבעטער.

אין 1824 יאָר האָבן די שאָטלענדער באַרג-אַרבעטער געקעמפט צען וואָכן און האָבן זיך ניט דערשלאָגן קיין העכערונג פונעם אַרבעטלוין. די זעלבע רעזולטאַטן האָבן אויך געהאַט די זאָקן־שטריקער, וואָס זייער שטרייק האָט געדויערט 13 וואָכן. די ברעטפאָרדער אַרבעטער פון דער בוימוואָל-אינדוסטריע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ניצאָכן איבער זייערע באַלעבאַטים אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן באַקומען הילף פון די אַרבעטער פון דער וואָל- און-באַרג־אינדוסטריע.

דער קריזיס פון 1825 יאָר און דער שטילשטאַנד אין דער אינדוסטריע, וואָס איז געקומען גלייך נאָך אים און וואָס האָט זיך געצויגן ביז 1829 יאָר, האָבן באַוויזן, אַז צעשפּליטערטע פּראָפפאַריינען זיינען ניט אימשטאַנד צו געבן אַ ווידערשטאַנד די אונטערנעמער, וואָס פלעגן אַראָפּזעצן דעם אַרבעטלוין און פאַרמאַכן זייערע אונטערנעמונגען. באַנעמענדיק דאָס, האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן שטרעבן צו צענטראַליזירן די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. די אָרטיקע פאַריינען אָרגאַניזירן זיך אין נאַציאָנאַלע פאַריינען אָדער, אין ערגסטן פאַל, אין ראַיאָנע פאַריייניקונגען. אין 1830 איז אַנטשטאַנען די „נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע“, וואָס האָט פאַרייניקט אין זיך די פאַריינען פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס: טעקסטילער, שוסטער, מעטאַליסטן, דרוקער, בויער אאַז"וו.

די צאָל מיטגלידער פון דער דאָזיקער אַסאָציאַציע האָט אײַנגיכן דערגרייכט ביז עטלעכע טויזנט. די אויפגאַבע פון דער נייער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו געפינען געלט־מיטלען אַפ פירן די שוץ־שטרייקן. נאָר איבער די רייבונגען צווישן די פירער פון די פאַרשיידענע פאַריינען איז די אַסאָציאַציע אײַנגיכן זיך צעפאַלן.

ניט געקוקט אַפ איינצלנע מאַפּאָלעס און אַפ דער אָרגאַניזאַציאָנעלער שוואַכקייט, האָט די באַוועגונג פון די ענגלישע אַרבעטער אָנהייב 30־קער יאָרן געהאַט

קאָלאָסאַלע דערפאָלגנ. זי האָט זיכ אופגעהויבנ אפ דער שטופע פונ אנ אָרגאניזירטער שטרײַק־באַוועגונג און פונ באַשאַפנ פראָפעסיאָנעלע פאַרײנענ, וואָס האָבנ אַלצ אַקטיווער זיכ באַטײליקט אינעמ פּאָליטישנ קאַמפ, עמעס, דערווײַל נאָכ אונטער דער אָנפירונג פונ דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע.

די פּאַרלאַמענט־רעפאָרמע פונ 1832 יאָר און דער אַרבעטער־קלאַס

די יול־רעוואָליוציע פונ 1830 יאָר אינ פּאַריז איז געוועזנ א נײַער שטויס פאַר דער באַוועגונג צו רעפאָרמירנ דעמ פּאַרלאַמענט. קעדיי זיכ דערשלאָגנ צו איר ציל, האָט די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע אָרגאַניזירט ספּעציעלע „פאַרײנענ פונ קאַמפ פאַר א וואַל־רעפאָרמע". דער ערשטער איז צווישנ זיי געוועזנ דער בירמינגהעמער פאַרײנ, וואָס האָט אײַנגעשלאָסנ אינ זײַנע רייענ די מיטעלע און קלײנבורזשואַזיע און א טייל אַרבעטער. א צווייטער פאַרײנ, דער אַזוי־גערופענער „נאַציאָנאַלער פּאָליטישער פאַרײנ" פונ אַרבעטער און האַנטווערקער איז אָרגאַניזירט געוואָרנ אינ לאָנדאָנ. דעמ פאַרײנ האָט אָרגאַניזירט א געוועזענער האַנטווערקער אַרבעטער, וואָס איז דערנאָכ רײַכ געוואָרנ, דער שנײַדער פּלעס. דער דאָזיקער פאַרײנ האָט עס לויטנ פּלאַנ פונ די ראַדיקאַלנ געדאַרפט ריכטנ דעמ אָנגעהויבענעמ פּאָליטישנ קאַמפ פונ די אַרבעטער אינ אַזא שטראָמ, וואָס איז נייטיק פאַר דער בורזשואַזיע. די אַרבעטער־מאַסנ האָבנ אינ די הענט פונ די ראַדיקאַלנ געדאַרפט זײַנ א סטראַשידלע פאַר דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיכ נאָכ אַקשאָנעסדיק אַנטקעגנגעשטעלט יעטווידער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפאָרמע.

שטיצנדיק זיכ אפ די אַרבעטער, האָט דער בורזשואַזיע סאָפקאָלסאָפ זיכ אײַנגעגעבנ דורכצופירנ די רעפאָרמע. די אַלטע אַריסטאָקראַטישע פּאַרטייענ האָבנ זיכ צעשפּאָלטנ. די פּאַרטיי וויגיס האָט באַשלאָסנ צו נעמענ אינ אירע הענט די איניציאַטיוו פונ דער רעפאָרמע, קעדיי דערמיט אַלײנ זי מאַכנ מער מעסיקער. פאַרבליבנ זײַנענ די טאָריס. א טייל פונ זיי אינ דער שפּיצ מיטנ הערצאָג וועלינגטאָנ איז ווײַטער אַרויסגעטראָטנ קעגנ דער רעפאָרמע. אָבער דער צווייטער טייל טאָריס האָט זיכ אַרויסגעוויזנ מעסיקער און האָט זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ די וויגיס. די דעמאָנסטראַציעס פונ די אַרבעטער אינ לאָנדאָנ גופע און אינ דער פּראָווינצ האָבנ געשראָקנ די לאָרדנ מיט דער פּערספּעקטיוו פונ א רעוואָליוציע און האָבנ זיי געצוווּנגענ מיט האַרצקלעמעניש צו גײנ אפ האַנאָכעס. די ראַדיקאַלנ צווישנ די לינקע וויגיס, וואָס האָבנ אַלײנ אינ האַרצנ מער פאַר אַלצ זיכ געשראָקנ פאַר א רעוואָליוציע, האָבנ פונדעסטוועגנ ספּעקולירט אפ דער אַרבעטער־באַוועגונג, דערקלערנדיק אינ פּאַרלאַמענט, אַז אויב מע וועט ניט אָננעמענ דעמ ביל, וועלנ זיי רופנ קײנ לאָנדאָנ די אַרבעטער פונ צאָפנ.

נאָכ די „באַוווּסטע" רעפאָרמע פונ 1832 יאָר, וואָס די בורזשואַזע היסטאָריקער האָבנ אַזוי געלויבט, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ אינדערעמעסנ פאַר א גאַנצ באַשיידענער. די רעפאָרמע איז געוועזנ א קאָמפּראָמיס צווישנ די וויגיס מיט די טאָריס, צווישנ דער בורזשואַזיע מיט די ערדבאַזיצער. זי האָט קײנ אַלגעמײנעמ וואַלרעכט ניט אײַנגעפירט, נאָר בלויז א ביסל פאַרברייטערט דעמ קרײַז פּערזאָנענ, וואָס באַניצנ זיכ מיט וואַלרעכט. אויב פריער פלעגנ ווײלנ דעמ ענגלישנ פּאַרלאַמענט 435 טויזנט ווײלער, האָבנ נאָכ דער רעפאָרמע געווײלט 662 טויזנט

חיילער. עס זיינען אָפּגעשאפט געוואָרן די רעכט פון די 56 „פוילע שטעטלעך" מיט א באפעלקערונג ווייניקער פון 2000 מאן; 30 אנדערע ניט קיין גרויסע שטעט מיט א סכום איינוווינער ביז 4 טויזנט מענטשן האָבן אָנשטאָט צוויי דעפּוטאטן איצט געשיקט צו איין דעפּוטאט. פון די 143 פּארלאמענט-ערטער, וואָס זיינען אף אזא אויפן באפרייט געוואָרן, איז דער גרעסטער טייל אָפּגעגעבן געוואָרן צו די נייע אינדוסטריעלע שטעט (מאנטשעסטער, לידס, בירמינגהעם אא). דער נייער געזעץ האָט איינגעשטעלט אן איינארטיקן וואלצענז. אין די דאָרפישע ערטער האָט געקראָגן וואלרעכט יעדער אייגנטימער פון א ניטבאוועגלעכן פארמעגן מיט א יערלעכער האכנאָסע פון 10 פונט סטערלינג אָדער אן ארענדאטער מיט א האכנאָסע פון 50 פונט סטערלינג. אין די שטעט האָבן באקומען שטימרעכט אלע אייגנטימער אָדער ארענדאטערס פון הייזער מיט א האכנאָסע ניט ווייניקער פון 10 פונט סטערלינג.

דער ביל (געזעץ) פון 1832 האָט אבסאָליוט ניט פארקלענערט די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט פון די ארבעטער; דער פּארלאמענט איז ווי פריער געבליבן פאר-מאכט פאר זייערע פּאָרשטייער. אזויארום האָט דער קלאס פון דער באפעלקע-רונג, וואָס מיט זיין הילף איז דערגרייכט געוואָרן דער דערפאָלג פון דער רע-פאָרמע, אינדערעמעסן ניט באקומען פון איר גאָרניט. די סאמע פאָרגעשריטענע ארבעטער האָבן נאָך אין 1831 יאָר בעשאס די וויגיס האָבן פארעפנטלעכט זייער פּראָיעקט פון דער רעפאָרמע, פּראָטעסטירט קעגן זיין באשרענקטקייט. אָבער די ראדיקאלן האָבן מיט פרייד זיך אָנגעכאפּט פאר דער האנאָכע פון די אריסטאָ-קראטן און האָבן פאראטן די ארבעטער. ווי נישטיק עס איז ניט געווען די-רעפאָרמע פון 1832 יאָר, וועלכע די וויגיס האָבן דורכגעפירט, האָט זי פונדעסט-וועגן געגעבן דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע א צוטריט צו דער מאכט. די אייגנטימער פון פאבריקן און זאוואָדן האָבן איצט געקאָנט זיין זיכער, אז זייער שטים וועט דערהערט ווערן אין פּארלאמענט און זיי וועלן קאָנען דורכפירן די געזעצן, וואָס זיינען פאר זיי נייטיק.

די ענגלישע ארבעטער האָט מען אָפּגענארט. די בורזשואזיע האָט זיי אויס-געניצט פּאָשעט אלס געווער, קעדיי צו דערגרייכן אירע צילן, פּונקט ווי אין דער פראנצויזישער רעוואָליוציע פון 1830 יאָר האָבן די ארבעטער, קעמפנדיק קעגן דער רעגירונג פון די בורבאָנען, געזיכערט בלויז דעם טריומף פון זייער סוינע— פון דער בורזשואזיע. אינעם „קאָמוניסטישן מאניפעסט" האָבן מארקס און ענגעלס אזוי געשריבן וועגן דער דאָזיקער ערשטער שטופע פון פּאָליטישן קאמף פון די ארבעטער: „אף דער דאָזיקער שטופע קעמפן די פּראָלעטאריער... ניט קעגן זייע-רע סאָנים, נאָר קעגן די סאָנים פון זייערע סאָנים — קעגן די רעשטלעך פון דער אבסאָליוטער מאָנארכיע, קעגן די ערדבאזיצער, קעגן דעם ניט אינדוסטריעלן בורזשוא, קעגן דעם קליינעם בורזשוא. אזויארום קאָנצענטרירט זיך די גאנצע היסטאָרישע אנטוויקלונג אין די הענט בא דער בורזשואזיע און יעדער ניצאָכן, וואָס ווערט אָפּגעהאלטן אין די דאָזיקע באדינגונגען, איז א ניצאָכן פון דער בורזשואזיע".

די לעקציעס פונעם קאמף פאר דער פּארלאמענטארישער רעפאָרמע פון 1832 יאָר האָבן ניט ווייניק מיטגעווירקט אופצוקלערן דעם קלאסעווון זעלבסטבאוווסטזיין.

פונ די ארבעטער. די ווײַטערדיקע פאָליטיק פונ דער בורזשואזיע, וואָס איז געקומענ צו דער מאכט, האָט נאָכ מער מיטגעווירקט, אז די ארבעטער זאָלנ באנעמענ זייערע אייגענע קלאסנ־אינטערעסנ.

דער נײַער געזעצ וועגנ אָרעמע

אינ 1834 יאָר האָט דער פארלאמענט, וואָס איז געווענ אויסגעווײלט אפנ גרונט פונעמ געזעצ פונ 1832 יאָר, דורכגעפירט א נײַעמ געזעצ וועגנ אָרעמע. ביז דעמלט האָט אינ ענגלאנד געווירקט דער אלטער געזעצ פונעמ XVI יאָרהונדערט, לויט וועלכנ די הילפ פאר אָרעמעלײַט איז געלעגנ אפ די אָרטיקע קלויסטער־געמיינדעס. לויטנ דאָזיקנ אלטנ געזעצ האָבנ געדארפט באקומענ שטיצע סײַ די, וואָס זײַנענ אינגאנצנ ניט פייִק צו ארבעט, סײַ יענע, וואָס פארדינענ ווייניק, ווי אויכ די, וואָס האָבנ אינגאנצנ קיינ ארבעט ניט. מיטלענ פלעגט מענ אויסזוכנ מיט דער הילפ פונ א ספעציעלנ שטײַער אפ די גרויסע אונ קליינע ערדבאזיצער. דער דאָזיקער געזעצ איז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ דעמ מוירעדיקנ וווקס פונ דער פאופעריזירונג צווישנ דער באפעלקערונג אינ ענגלאנד אדאנק דער אגראר־איבערקערעניש. פונ דער צווייטער זײַט, האָט ער געלוינט פאר די פריצימ דערמיט, וואָס ער האָט צוגעהאלטנ אינ דאָרפ די איבערפליסיקע ארבעט־קראפט, וואָס מע האָט געקאָנט אויסניצנ בא לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט.

די נײַע בורזשואזיע האָט געהאלטנ, אז די דאָזיקע שטיצע־סיסטעמ טויג אינגאנצנ ניט. זי האָט זיכ גענייטיקט אינ א רעזערוו־ארמיי פאר אירע פאבריקנ אונ זאוואָדנ. אינ צאָפנ־מײַרעוו פונ ענגלאנד האָט שוינ אינ די 30-ער יאָרנ אינ די פעריִאָדנ פונ אינדוסטריעלנ אופשטײַג אויסגעפעלט ארבעט־הענט. דאָס אָפשאפנ די אלטע פאָרמ פונ שטיצע פאר אָרעמע האָט געמוזט פארגיכערנ די פראָלעטאריזירונג פונ די קוסטארנ אונ ארויסטרײַבנ די דאָרפישע פאופערנ (פאראָרעמטע געוואָרענע) אינ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ.

לויטנ נײַעמ געזעצ איז אָנשטאָט דער אלטער געמיינדע־הילפ איבערגעגעבנ געוואָרנ די זאכ פונ שטיצנ די אָרעמע אינ די הענט צו באזונדערע רעגירונג־קאָמיסארנ, וואָס פלעגנ אײַנאָרדענענ די אָרעמע אינ די אזויגערופענע א ר ב ע ט ־ ה ײַ ז ע ר. די באדינגונגענ זײַנענ אינ די דאָזיקע ארבעט־הײַזער געווענ ערגער, ווי אפ קאטאָרגע אָדער אינ טפיסע. אָנקומענדיק אינ ארבעט־הויז, איז דער ארבעטער פארוואנדלט געוואָרנ אינ אנ עמעסנ ארעסטאנט. ער האָט געמוזט טראָגנ באזונדערע קליידער, וואָס האָבנ דערמאָנט די טפיסע־קליידונג. די מאנצבלענ האָבנ געלעבט אינ איינ געבײַדע, די פרויענ אונ קינדער—אינ א צווייטער. זיכ זעענ מיט אייגענע פלעגט דערלויבט ווערנ בלויז בא א גוטער אופירונג. די ארבעטער האָט מענ בוכשטעבלעכ געפײַניקט מיט הונגער אונ זיי געצווונגענ טאָג־אײַנ טאָג־אויס דורכמאכנ אנ איינארטיקע, פארמאטערנדיקע אונ אבסאָליוט ניט־פראָדוקטיווע ארבעט. די מאנצבלענ פלעגנ האקנ שווערע שטיינער, די פרויענ אונ קינדער האָבנ פונ א פעכיקנ דיקנ שטריק ארויסגעצויגנ פאקליעס. קיינ ווונדער ניט, וואָס די ארבעטער האָבנ בעסער געוואָלט אויסגייִנ פונ הונגער, איידער אָנקומענ אינ די דאָזיקע „באסטיליעס פאר אָרעמע". די בורזשואזיע איז געווענ צופרידנ. די הויצאָעס אפ די אָרעמע האָבנ זיכ שנעל פארקירצט. אינ 1831 יאָר האָבנ די הויצאָעס אפ שטיצנ די פאופערנ באטראָפנ 6 1/2 מיליאָנ פונט סטערלינג אונ

אין 1841 יאָר — בלויז $4\frac{1}{2}$ מיליאָן. דערפאַר האָט אָבער דער אַרבעטער־קלאַס באַגעגנט דעם דאָזיקן געזעץ מיט צאָרן. אין אַ רײ ערטער האָבן זיך די אַרבעטער געפּרוּווט צעשמעטערן די „באַסטיליעס" און זײַנען אָפּגעטראָטן בלויז פאַר באַוואָפנטער קראַפט. דער געזעץ וועגן די אָרעמע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אינעם ווײַטערדיקן אופשטײַג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

ראָבערט אָוועָן און זײַן ווירקונג אויף די אַרבעטער

ווען די אַרבעטער האָבן זיך איבערצײַגט, אַז די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע האָט נאָך דער רעפאָרמע פון 1832 יאָר געבראַכט פאַר זײ נײַע לײדן, האָבן זײ זיך אָפּ אַ געוויסער צײַט אַנטוישט אין דעם פּאָליטישן קאַמף, קאָנצענטרירנדיק זייערע קרעפטן אויף דער עקאָנאָמישער באַוועגונג. דער לאָזונג פון אַן 8־שעהיקן אַרבעטסטאָג, אײַנהיטנדיק דעם פריערדיקן אַרבעטלוין, איז געוואָרן באַזונדערס פּאָפּולער. אַלס אַ מיטל אויף דורכפירן אים אין לעבן איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ צווייטער לאָזונג פון „הייליקן כוידעש", ד. ה. אַן אַלגעמיינער שטרײַק.* אָבער באַם אָרגאַניזירן דעם אַלגעמיינעם שטרײַק האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שטערונגען. אַ רײ פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען, וואָס האָבן געהאַט אָנגעהויבן צוגרייטן דעם שטרײַק, האָט די רעגירונג צעגראָמירט. דעמלט האָט די גרונט־מאַסע פון די פאַבריק־אַרבעטער דערפילט אַ נייטיקײַט צו פאַרבינדן זייער עקאָנאָמישן קאַמף מיטן פּאָליטישן קאַמף קעגן די הערשנדיקע קלאַסן. דאָס אַרײַנלאָזן זיך בלויז אין עקאָנאָמישן קאַמף איז דערויף פאָרגעקומען בײַ די האַנטווערקערישע אַרבעטער. טאָקע צווישן אָט די אַרבעטער האָט דער גרעסטער ענגלישער סאָציאַליסט ראָבערט אָוועָן געפירט זײַן אַגיטאַציע.

ראָבערט אָוועָן

אָוועָן איז געבוירן געוואָרן אין 1771 יאָר, געשטאָרבן אין 1858 יאָר. זײַן טעטיקייט צווישן די אַרבעטער האָט ער אָנגעהויבן פון פילאַנטראָפּיע, ד. ה. פון פרוּוון פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער פאַבריק, וווּ ער איז געווען פאַרוואַלטער, אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג גופא, „טוענדיק זיי טובֿות" פון אויבן. אויף דער באַוול־שפּינערײַ־פאַבריק (אין ניו־לאַמאַרק, שאָטלאַנד) האָט אָוועָן פאַרקלענערט דעם אַרבעטסטאָג, אָרגאַניזירט שולן פאַר די קינדער פון אַרבעטער, אויסגעבויט שפּיטאָלן. אָבער אינגיכן האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז צווישן די פאַבריקאַנטן איז קיינער ניט געניגט נאָכצוטאָן זײַן בײַשפּיל. דערלערנענדיק נעענטער די אַרבעטער־פראַגע און איבערצײַגנדיק זיך אין דער אַנאַרכישקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, איז אָוועָן געוואָרן אַ סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט. ער האָט פאָרגעלייגט אָרגאַניזירן קאָמוניסטישע געמיינדעס. אין די דאָזיקע געמיינדעס וואָלטן, לויט זײַן מיינונג, די פּראָדוציר־קרעפטן דערגרייכן צו דער העכסטער אַנטוויקלונג און דאַן וועט פאַרשווינדן ווערן יעטווידע אומגלײַכהייט. „די ניט־גלײַכמעסיקע פאַנאַנדערטיילונג פון עם רײַכטום צווישן מענטשן אָדער זייער אינדיווידועלע אָנזאַמלונג וועט ווערן פּונקט אַזוי אומנוציק און אומזיניק, ווי מע זאָל נעמען

---

* די אידיי פון אַן אַלגעמיינעם שטרײַק האָט באַזונדערס פּאָרטיידיקט וויליאַם בענבאָו (געבוירן אין 1784 י.), אַ רעוואָלוציאָנער אַן אַרבעטער, איינער פון די אָנטיילנעמער אינעם מיטינג בײַ מאַנטשעסטער אינעם יאָר 1819.

פאנאנדערטיילנ אפ ניט קיינ גלײַכע כאלאָקימ די לופט אָדער דאָס וואסער, אָדער ווענ יע־כידימ זאָלנ פרווונ פארכאפנ אונ אָנזאמלענ פאר זיכ די דאָזיקע גאָב פונ דער נאטור" — האָט געטײַנעט אָגענ.

אָגענ האָט געפרווט פראקטיש פארווירקלעכנ זײַנ לערע. זײַנע אָנהענגער האָבנ אָרגאניזירט א קאָמוניסטישע געמיינדע אינ אמעריקע. אינ ענגלאנד גופע האָט אָגענ אָרגאניזירט די אזויגערופענע „אויסטויש־מערק“, וווהינ די האנטווערקער האָבנ באדארפט אָפטראָגנ די פראָדוקטנ פונ זייער ארבעט אונ אויסבײַטנ זיי אפ די נייטיקע געברויכ־זאכנ, אויסמײַדנדיק, אזוי ארומ, דעמ קאפיטאַליסטישנ מארק. בא אָגענ איז געווענ צולעצט א געדאנק צו פאראייניקנ די קאָאָפעראטיווע באוועגונג מיט דער פראָפעסיאָנעלער. אינ 1934 יאָר איז אינ לאָנדאָנ, לויט זײַנ איניציאַטיוו, פאָרגעקומענ א צוזאמענפאָר פונ דעלעגאטנ פונ פארשיידענע פראָפעסיאָנעלע פאראיינענ (טרעד־יוניאָנענ). וואָס האָט פארלייגט דעמ פונדאמענט פונעמ „גרויסנ נאציאָנאלנ פארבאנד פונ טרעד־יוניאָנענ“. דער ענדציל פונעמ נײַעמ „פאראיינענ־פארבאנד“ איז דערקלערט געוואָרנ אזוי: „אבסאָלוט באפרײַענ די ארבעטער פונ דער טיראנײַ פונעמ קאפיטאל“. די פראָפעסיאָנעלע פאראיינענ האָבנ געדארפט אָרגאניזירנ געברויכנערישע אונ פראָדוצירישע קאָאָפעראטיוונ אונ אויכ קויפנ ערד באלאָקימ אפ דעמ פאל, ווענ זייערע מיטגלידער וועלנ בלײַבנ אָנ ארבעט. אָבער, אזוי ווי די אָוּעניסטנ זײַנענ זיכ פאנאנדערגעגאנגענ מיט די פירער פונ די פראָפפאראיינענ, אונ אויכ מאכמעס די פארפאָלגונגענ מיצאד די פאבריקאנטנ, וואָס האָבנ זיכ אָפגעזאָגט אָנצונעמענ אפ ארבעט פאראיינ־מיטגלידער, איז דער פאראיינ זיכ צעפאלנ.

אָוּענ איז געווענ א סאָציאַליסט־אוטאָפיסט, וואָס האָט ניט געהאלטנ פונ קלאסנקאמפ אונ פונ רעוואָליוציאָנערע קאמפ־מעטאָדנ. ער איז געווענ קעגנ דעמ, אז דער ארבעטער־קלאס זאָל פארכאפנ די מאכט. אפילע א שטרײַק האָט ער געהאלטנ פאר א ניט פאסיקער פאָרמ פונ קאמפ. געפינענדיק אנ אָפקלאנג בא די ארבעטער די האנטווערקער, וואָס האָבנ געטרוימט צו געפינענ בא די ארטעלנ א שוצ קעגנ דעמ גרויסנ קאפיטאל, האָט אָוּענס לערע ניט געהאט קיינ וויפל ניט איז ברייטע ווירקונג אפ די מאסנ פונ דעמ פאבריק־פראָלעטאריאט.

די נײַע כוואליע פונעמ עקאָנאָמישנ קריזיס אינ די יאָרנ 1836—1837, די אומגערעטענישנ פונ 1838/39, האָט אופגעטרייסלט די ארבעטער־מאסנ אונ האָט געווענדט די באוועגונג זייערע אינ א שטראָמ פונ א ברייטנ פאָליטישנ קאמפ.

16. דער טשארטיזמ

די אנטשטייונג פונ דער טשארטיסטישער באוועגונג

דער קריזיס פונ די יאָרנ 1836—1837 האָט ארויסגערופנ א מאסנ־ארבעטלאָזיקײַט צווישנ די פאבריק־ארבעטער, ארבעטער־האנטווערקער אונ האָט אינ דער זעלבער צײַט רויִנירט א סאכ באלעבעסלעכ פונ דער קלײנבורזשואזיע. אפנ באָדנ פונ דער ברייטער אומצופרידנקײַט צווישנ די הארעפאשנע מאסנ האָבנ די בורזשואזע ראדיקאלנ ווידעראמאָל אָנגעהויבנ זייער פראָפאגאנדע וועגנ פארברייטערנ ווײַטער דאָס וואלרעכט. די רעפאָרמע פונ 1832 יאָר האָבנ איצט די בורזשואזע ראדיקאלנ געהאלטנ פאר ניט גענוג, ווײַל זי האָט נאָכ אלצ ניט געבראכט צומ אָפשאפנ די גרענעצ־אָפצאָלנ אפ ברויט, וואָס איז געווענ דער הויפט־פונקט אינ דער ליבעראלער פראָגראמ. די ראדיקאלנ האָבנ גערעכנט ווידעראמאָל איבערצוכאזערנ דעמ פרווו פונ אָפנארנ די ארבעטער, וואָס פלעגנ איז אזוי געלונגענ אינ די יאָרנ 1831—1832. די ארבעטער האָבנ אונטערגעכאפט די

פאָדערונג צו פארברייטערנ דאָס וואלרעכט, אָבער אינ זייער קאמפ פאר פאָלי-טישע רעכט זײַנענ זיי אוועק א סאכ ווײַטער פונ יענער גרענעצ, וועלכע די ראדיקאלנ האָבנ פאר זיי געשטעלט.

אינ 1836 יאָר האָבנ אינ לאָנדאָנ די האנטווערקער־ארבעטער געגרינדעט די „לאָנדאָנער אסאָציִאציע פונ ארבעטער", וואָס אינ איר שפיצ איז געשטאנענ וו י ל י א מ ל אָ ו ו ע ט (1800—1877), א לאָנדאָנער סטאָליער. די נײַע אָרגאניזאציע האָט זיכ אויס־געצייכנט מיט א גרויסער מעסיקײַט אינ אירע אָנשויונגענ.

לאָוועט

לויט לאָוועטנ, איז די נאָענטסטע אופגאבע פונ דער אסאָציִאציע געווענ צו „פארייניקנ דעמ אינטעליגענטישנ אונ סאמע ווירקונגפולנ טייל פונעמ ארבעטערקלאס, קעדיי מיט אלע געזעצלע־כע מיטלענ זיכ דערשלאָגנ צו גלײַכע פאָליטישע אונ סאָציִאלע רעכט פאר אלע קלאסנ פונ דער געזעלשאפט". די אסאָציִאציע איז געווענ פארבונדנ מיט די ראדיקאלנ. פלעס אליינ האָט אָנטיילגע־נומענ אינ דער אסאָציִאציע.

אינ 1837 יאָר, מיטנ אָנטייל פונ לאָוועטנ, איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ אינ נאָמענ פונ דער אסאָציִאציע א פעטיציע צומ פארלאמענט, וואָס האָט אנטהאלטנ 6 פונקטנ פונ דער דעמאָקראטישער פראָגראמ: 1) אלגעמיינע וואלרעכט פאר אלע פוליאָריקע מאנצבלענ, 2) יערלעכע איבערוואלנ פונ פארלאמענט, 3) באלוינונג פאר די דעפו־טאטנ, 4) געהיימע אָפשטימונג, 5) גלײַכע וואלקרײַזנ אונ 6) אָפשאפנ דעמ פארמעגנ-צענז פאר קאנדידאטנ אפ דעפוטאטנ. די דאָזיקע פאָדערונגענ האָבנ באקומענ דעמ נאָמענ כארטיע (אפ ענגליש טשארטער). דערפונ שטאמט טאקע דער נאָמענ גופע פונ דער באוועגונג — ט ש א ר ט י ז מ. אינ 1838 יאָר האָט די אסאָציִאציע פאנאנדערגעשיקט דעמ טשארטער אינ דער פאָרמ פונ א ביל (געזעצ־פראָיעקט) איבער גאנצ ענגלאנד.

ניט געקוקט אפ דער מעסיקײַט פונ די לאָנדאָנער טשארטיסטנ, האָט דער טשארטער, אלס פאָליטישע פראָגראמ, באטײַט די שטרעבונג פונ די ארבעטער צו פארכאפנ די פאָליטישע מאכט צוליב עקאָנאָמישער באפרײַונג.

אכוצ לאָנדאָנ איז דער צווייטער צענטער פונ דער אגיטאציע פאר דער כארטיע געוואָרנ בירמינגהעמ, ווו דער ראדיקאל אטוווד האָט אינ 1837 יאָר געגרינדעט א נײַעמ „פאָליטישנ בונד", וואָס איז באשטאנענ פונ ארבעטער אונ קליינבורזשואזיע. דער „פאָליטישער בונד" האָט זיכ פארבונדנ מיט דער לאָנדאָנער אסאָציִאציע. א באזונדער קראפט אונ פארנעמ האָט דער באוועגונג צוגעגעבנ דאָס, וואָס צו איר האָבנ זיכ אָנגעשלאָסנ די פאבריק־ארבעטער פונ צאָפנ, וועלכע האָבנ אינ זעלביקנ 1837 יאָר געגרינדעט אונטער דער אָנפירונג פונ אָ'קאָנאָר דעמ אזויגערופענעמ „גרויסנ צאָפנ-פארבאנד". דער צענטער פונעמ טשארטיזמ אינ צאָפנ-געגנט זײַנענ געווענ די גרעסטע אינדוסטריִעלע גראפשאפטנ לאנקאשיר אונ

יאָרקשיר. אינ לידס — א גרויסער אינדוסטריעלער צענטער — האָט אָ'קאָנאָר אינ 1837 אָנגעהויבנ ארויסצוגעבנ דעמ „צאָפנ־שטערנ", וואָס איז אינגיכנ געוואָרנ דער צענטראל־אָרגאנ פונ די טשארטיסטנ, אונ וואָס האָט געהאט א טיראזש פונ 50 טויזנט עקזעמפליארנ א יאָר.

אפ די פילצאָליקע מיטינגענ פלעגנ זיכ צונויפקומענ צענדליקער אונ אמאָל אויכ הונדערטער טויזנטער ארבעטער, א סאכ פונ זיי באוואָפנטע. מע האָט אָנגעהויבנ קלײַבנ כסימעס אונטער א פעטיציע צומ פארלאמענט. די צאָל כסימעס אונטער דער פעטיציע צומ פארלאמענט האָט דערגרייכט א מיליאָנ מיט 250 טויזנט. אפ אזא אויפנ האָט די באוועגונג גלײַכ באקומענ א גראנדיעזנ מאסשטאב. די מאסנ-מיטינגענ אונ דעמאָנסטראציעס האָבנ אינ 1837 אונ באזונדערס זומער 1838 אָנשוילעכ באוויזנ, אז פארנ טשארטיזמ שטייענ די סאמע ברייטע מאסנ פונ ענגלישנ פראָלעטאריאט אונ ארבעטנדיקע.

דער קאמפ פונ שטרעמונגענ אינוועייניק אינ טשארטיזמ

אָבער די טשארטיסטישע באוועגונג איז די ערשטע צײַט געווענ זייער פארשיידנפארביק לויט איר באשטאנד. כוצ די פאבריק-ארבעטער, וואָס האָבנ פאָרגעשטעלט דעמ גרונט-יאָדער פונ דער טשארטיסטישער באוועגונג, האָבנ זיכ צומ טשארטיזמ אָנגעשלאָסנ, באזונדערס אינ ערשטנ פעריאָד, אויכ א סאכ ניט פראָלעטארישע עלעמענטנ. אזוי איז אינ בירמינגהעמ צו די טשארטיסטנ צוגעשטאנענ א שטארקע גרופע ראדיקאלנ בורזשויענ מיטנ באנקיר אטווד אינ דער שפיצ, וועלכע האָט געשטרעבט אויסצוניצנ די באוועגונג צוליב בורזשואזע רעפאָרמעס. א טייל אריסטאָקראטנ טאָריס, וואָס האָבנ געהאסט די בורזשואזיע, האָט זיכ אויכ גערעכנט פאר טשארטיסטנ, פאָרשטעלנדיק זיכ פאר „פארטיידיקער" פונ די ארבעטער. אונ פונקט ווי די אריסטאָקראטיע, האָט אויכ די ענגלישע קירכע געזוענ ניט דורכלאָזנ די געלעגנהײַט צו פאָרשטעלנ זיכ אלס פירער פונ די „אָרעמע". פונ די אגיטאטערס די קלעריקאלנ האָט זיכ באזונדערס אויסגעטיילט ס ט י פ ע נ ס (1805—1879), וואָס האָט גערופנ די ארבעטער צו גוואלדטאטנ קעגנ די אונטערדריקער. אָבער אינ טאָכ האָט ער זיכ באמיט אומקערנ צוריק די „גוטע אלטע צײַט" פונ די פאר־קאפיטאליסטישע פארהעלטענישנ. די דאָזיקע מענטשנ האָבנ, לויט מארקס אויסדרוק, פונעמ פראָלעטאריאטס בעטלערישער טאָרבע געמאכט א פאָנ אפ זאמלענ ארומ זיכ דאָס פאָלק. די אריסטאָקראטיע האָט אָנגעוויזנ, אז ווענ זי האָט געהערשט, האָט אינגאנצנ ניט עקזיסטירט קיינ פראָלעטאריאט אונ זי האָט באשולדיקט די בורזשואזיע אינ דעמ, וואָס בא איר הערשאפט האָט זיכ אנטוויקלט א קלאס, וועלכער וועט אויפרײַסנ אינ דער לופט די גאנצע אלטע אָרדענונג. דעריבער האָט זי גערופנ די ארבעטער אפ צוריק צו יענע צײַטנ, ווענ קיינ פראָלעטאריאט איז נאָכ ניט געווענ. די גאלאָכימ האָבנ געפריידיקט פאר די ארבעטער דאָס זעלבע. „פונקט אזוי, זאָגט מארקס, ווי דער גאלעכ האָט געלעבט שטענדיק צוזאמענ מיטנ פעאָדאל, אזוי איז אויכ דער גאלאָכישער סאָציאליזמ — מיטנ פעאָדאליזמ". די דאָזיקע אלע „מיטלויפער" זײַנענ אינ גאנג פונ דער טשארטיסטישער באוועגונג אָפגעפאלנ. וואָס מער די באוועגונג האָט זיכ אנטוויקלט, אלצ מער האָט זי זיכ באפרײַט פונ די פײַנטלעכע צומ פראָלעטאריאט עלעמענטנ. אָבער דער ענגלישער פראָלעטאריאט אליינ איז נאָכ אינ דער ערשטער

העלפט פונעמ XIX יאָרהונדערט ניט געווענ אייכארטיק. די ארבעטער פונ דער פאבריק־אינדוסטריע, די מאנופאקטור־ארבעטער, די ארבעטער די האנטווערקער, די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אונ די רויִנירטע קוסטארנ אונ פויערימ, וואָס זײַנענ צוגעשטאנענ צו די ארבעטער־מאסנ, האָבנ זיכ שארפ אונטערשיידט איינס פונעמ אנדערנ מיט א פארשיידענעמ ניוואָ פונ קלאסנ־באוווסטזײַנ. די קליינבירגערלעכע שטימונגענ זײַנענ געווענ זייער שטארק אפילו בא א טייל פאבריק־ארבעטער, וואָס האָבנ ערשט ניט לאנג געהאט זיכ אָפּגעזעגנט מיט דער קליינ־פּראָדוקציע.

לאָוועטס גרופּע איז געווענ דער רעכטער פליגל פונ די טשארטיסטנ. דער אָנשפאר זײַנער איז געווענ די „ארבעטער־אריסטאָקראטיע“, ד. ה. הויכ־קוואליפיצירטע האנטווערקער־ארבעטער. אלס מעטאָדנ פונ קאמפ האָט לאָוועט רעקאָמענדירט די ארבעטער בלויז געזעצלעכע (לעגאלע) מיטלענ. ער האָט געזאָגט: „וואָס אָנבאלאנגט די בעסטע מיטלענ אפ דורכפירנ די כארטיע, זײַנענ מיר קוידעמקאָל קעגנער פונ אלצ, וואָס קאָנ דערמאָנענ אָנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, קעגנער פונ רופנ צו פיזישער קראפט, צו גוואלדטאט; מיר מיינענ, אז דער ניצאָכנ, וואָס וואָלט אָפּגעהאלטנ געוואָרנ אפ אזא אויפנ, וואָלט זײַנ א מאפּאָלע פאר די ווירקלעכע פּרינציפּנ פונ דעמאָקראטיע. מיר האלטנ אויכ, אז קעדיי זיכ דערשלאָגנ צו רעפאָרמעס, מוז מענ נייטיק איבערצײַגנ אלע קלאסנ פונ דער באפעלקערונג אינ דעמ, אז זיי דארפנ זײַנ פאראינטערעסירט אינ פאררייניקנ זיכ צו אונדז. אזוי אונ בלויז אזוי וועלנ מיר קאָנענ דעראָבערנ די כארטיע אפ א פרידלעכנ אויפנ“.

קעגנ דער דאָזיקער גרופּע אָנהענגער פונ „מאָראלער קראפט“ האָבנ ענערגיש געקעמפט די פאָרשטייער „פונ פיזישער קראפט“ — די לידערס פונ די ארבעטער פונעמ אינדוסטריעלנ צאָפנ. אָ׳ברײַענ (1805—1864), אָ׳קאָנאָר (1794—1855) אונ הארני (1817—1897) האָבנ געפאָדערט אנ אנטשיידענעמ קאמפ קעגנ דער רעגירונג ביז אָנווענדנ באוואָפנטע קראפט. אפ איינעמ פונ די לאָנדאָנער מיטינגענ האָט אָ׳קאָנאָר זיכ אויסגעדריקט אזוי: „דאָס פאָלק האָט זייער לאנג אונ האכנאָעדיק געדולדעט די אונטערדריקונגענ... איכ ראט זיי (די מאסנ) ניט אָנווענדנ ניט קיינ אופשטאנד, ניט קיינ בירגערקריג, אָבער איכ וועל פונדעסטוועגנ זאָגנ, — אונ זאָל דאָס הערנ די געמיינדעס־פאלאטע, — אז אויב מע וועט דריקנ דאָס פאָלק, אויב מע וועט ברעכנ די קאָנסטיטוציע, אויב דאָס פאָלק וועט לעבנ אינ שטענדיקער נויט, — דאנ, אויב קיינ צווייטער וועט ניט וואגנ אפ דעמ, וועל איכ אליינ פירנ דאָס פאָלק צומ טויט אָדער צומ רומ... בעסער שטארבנ א פרײַער, איידער לעבנ ווי א שקלאפ!“

אָבער דער זעלבער אָ׳קאָנאָר איז געווענ אנ אנטשיידענער קעגנער פונ קאָמוניזמ. „איכ בינ געווענ, — האָט ער געזאָגט אינ א צווייט אָרט, — אונ, איכ מיינ, כ׳וועל שטענדיק בלײַבנ א קעגנער פונ קאָמוניזמ... דער קאָמוניזמ צעשטערט די געזונטע פארמעסטונג*. בלויז דאָס פריוואט־אייגנטומ אונ די מיטארבעטערשאפט פונ ארבעט שאפט א געזונטע פארבינדונג צווישנ אלע קלאסנ פונ דער געזעל־

* „א געזונטע פארמעסטונג“, מיינט אָ׳קאָנאָר, איז עס די קאפּיטאליסטישע קאָנקורענצ.

שאפט... איכ האלט פונעמ פרינציפ: „מײַנס“ אונ „דײַנס“. אפ אָ׳קאָנאָרנ האָבנ זיכ באזונדערס בוילעט אָפגעשפיגלט די קליינבירגערלעכע שטימונגענ פונ די ארבעטער, געוועזענע אירלענדישע פויערימ, וואָס האָבנ געשטרעבט אומצוקערנ זיכ צוריק אפ ערד אונ ווערנ צוריק קליינע באלעבעסלעכ.

מארקס האָט וועגנ אימ געשריבנ: „אָ׳קאָנאָר, אנ אירלענדישער סקווײַער, וואָס פרעטענדירט צו זײַנ אנ אורייניקל פונ די אמאָליקע קיניגנ פונ מיונסטער, איז ניט געקוקט אפ זײַנ אָפשטאמונג אונ פּאָליטישער ריכטונג, אנ עכטער פארשטייער פונעמ אלטנ ענגלאנד. לויט זײַנ גאנצער נאטור איז ער קאָנסערוואטיוו אונ פילט א גאנצ באשטימטנ האס סײַ צומ אינדוסטריעלנ פראָגרעס אונ סײַ צו דער רעוואָלוציע. אלע זײַנע אידעאלנ זײַנענ דורכ־אונ־דורכ פול מיט פאטריארכאלנ קליינבירגערלעכנ גײַסט. ער פאראייניקט אינ זיכ אנ אומויסדריקבארע מאסע ווידערשפּרוכנ, וואָס געפינענ זייער לייזונג אונ הארמאָניע אינעמ באוווסטנ פלאכנ סייכל־האיאָשער אונ גיבנ אימ די מעגלעכקײַט פונ יאָר צו יאָר שרײַבנ זײַנע וועכנטלעכע לאנגע בריוו אינ „פּאָליארער שטערנ“, דערבײַ געפינט זיכ געוויינלעכ יעדער נײַער בריוו אינ א באשײַמפּערלעכנ ווידערשפּרוכ מיטנ פאָריקנ. טאקע דעריבער האלט זיכ אָ׳קאָנאָר פאר דעמ סאמע קאָנסעקווענטנ מענטשנ אינ אלע דרײַ קיניגרײַכנ, וואָס האָט אינ פארלויפ פונ 20 יאָר פאָרויסגעזאָגט אלע געשעענישנ. זײַנע ברייטע פּלייצעס, זײַנ לייב־שטימע, זײַנ זעלטענע קונסט אינ באָקס, מיט וועלכער ער האָט איינ מאָל פארטיידיקט דעמ נאָטינגהעמער מארק פונ א האמוינ העכער 20 טויזנט מאנ, — דאָס אלצ איז כאראקטעריסטיש פאר א פארשטייער פונ אלטנ ענגלאנד. קלאָר, אז אזא מענטש, ווי אָ׳קאָנאָר, דארפ זײַנ א גרויסע שטערונג פאר דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. נאָר אזוינע מענטשנ זײַנענ גראָד נוצלעכ דערמיט, וואָס צוזאמענ מיט זיי אונ אינ זיי פארשווינדט די מאסע שוינ פונ לאנג אײַנגעוואָרצלטע פאָרורטיילנ, אונ ווענ די באוועגונג באזיגט סאָפּקאָלסאָפּ די דאָזיקע מענטשנ, באפרײַט זי זיכ איינמאָל פאר אלעמאָל פונ די פאָרורטיילנ, וואָס די דאָזיקע מענטשנ האָבנ פאָרגעשטעלט“.

דער צווייטער פאָרשטייער פונ לינקנ פליגל אָ׳ברײַענ האָט זיכ געהאלטנ בא אזוינע סאָציאלע אָנשויונגענ, וועלכע האָבנ זיכ אויכ ניט אויסגעצייכנט מיט א באזונדערער גרויסער קלאסנ־פינקטלעכקײַט. אָ׳ברײַענ האָט געזענ די קעגנזעצלעכקײַט פונ די אינטערעסנ פונ די פארשיידענע קלאסנ—אריסטאָקראטיע אונ בורזשואזיע פונ איינ זײַט, די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע פונ דער צווייטער.

ער איז אנ איבערצײַגטער קעגנער פונ פריוואט־אייגנטומ. „די מענטשנ דארפנ ווערנ די אייגנטימער פונ דער ערד אונ פונ די מאשינעס, אָנשטאָט צו זײַנ אליינ מאשינעס בא אויסוורפנ, וואָס האָבנ פארכאפּט סײַ דאָס סײַ יענצ“. אָ׳ברײַענ פארשטייט פונדעסטוועגנ ניט די היסטאָרישע ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט.

אלס פאָרשטייער פונ די אינטערעסנ פונ די מאסנ פאבריק־זאוואָדישנ פראָלעטאריאט רופט מארקס אָנ ערנעסט דזשאָנס אונ הארני. הארני האָט געוואָרנט די ארבעטער קעגנ א בונד מיט די בורזשואזע פארטייענ. „א נידעריקע, א צוויי־פּנימדיקע, א פארעטערישע פאראייניקט זי (דה. די בורזשואזיע) זיכ, — זאָגט הארני, — צו דער באוועגונג בלויז צוליב דעמ, קעדיי זי צעשפּאלטנ... צו וואָס די בורזשואזיע האָט זיכ ווענ ניט איז געקומענ, האָט זיכ דאָס שטענדיק ארויסגעוויזנ צומ שאָדנ פונעמ פאָלק, אלס איליוזיע אָדער שווינדל, אונ קעדיי די פּראָדוצירישע קלאסנ זאָלנ קאָנענ פונדאָסנײַ שאפנ די געזעלשאפט, מוזנ זיי זיכ פארלאָזנ אפ זיכ אונ נאָר אפ זיכ“.

אינ לאָנדאָנ האָט הארני אָרגאניזירט א „דעמאָקראטישע אסאָציאציע“, וואָס

417—9

האָט זיכ אינ 1838 יאָר אָפגעשפּאָלטנ פֿונ דער לאָוועטישער „לאָנדאָנער אסאָציִאציע". דער ענדציל פֿונ דער „דעמאָקראטישער אסאָציִאציע" איז געווענ אויסגעדריקט גאנצ נעפּלהאפֿט — „פֿארניכטנ די אומגלייַכהייַט אונ אייַנשטעלנ אַלגעמיינעמ גליק". אָבער הארני האָט געהאט אנ אנטוויקלטע מינימומ־פּראָגראמ פֿאר ארבעטער. זי האָט אייַנגעשלאָסנ אינ זיכ די פֿאָדערונג אייַנצופֿירנ אנ אכט־שאָעדיקנ ארבעטטאָג, צו פֿארווערנ די ארבעט פֿונ מינדעריִאָריקע, אָפּצושאפֿנ דעמ געזעצ וועגנ אָרעמע, לעגאליזירנ די טרעד־יוניאָנעס, געבנ פֿרייַהייַט דער פּרעסע, געבנ אַלגעמיינע אָנפאנגלעכע בילדונג אדג.

די טשארטיסטישע באוועגונג האָט געדויערט פֿונ די 30־קער ביז אינמיטנ די 50-קער יאָרנ פֿונ XIX יאָרהונדערט. די מאָמענטנ פֿונ העכסטנ אופשטייַג פֿונעמ טשארטיזמ קומענ אויס אפֿ די יאָרנ פֿונ גרעסטנ קריזיס, די יאָרנ 1837 — 1839, 1841 — 1842 אונ 1847 — 1848. פֿריִער איז שוינ געווענ אָנגעוויזנ אפֿ דער גיכער אנטוויקלונג פֿונ דער מאסנ-באוועגונג, וואָס איז געגאנגענ אונטערנ לאָזונג פֿונ א „כארטיע" אינ די יאָרנ 1837 — 1838. אפֿ די מיטינגענ, ווו די פֿאָלק־כארטיע פֿלעגט באהאנדלט אונ אָנגענומענ ווערנ, פֿלעגט מענ קלייַבנ כסימעס אונטער דער פּעטיציע, וואָס מע האָט באשלאָסנ דערלאנגענ דער קיניגנ צוזאמענ מיטנ ביל וועגנ דער כארטיע. אינ דער זעלביקער צייַט איז אפֿ די מיטינגענ ארויסגערוקט געוואָרנ דער געדאנק וועגנ צונויפֿרופֿנ א נאציִאָנאלנ טשארטיסטישנ צוזאמענפֿאָר. דעמ 4־טנ פֿעווראל 1839 יאָר האָט זיכ געעפֿנט אינ לאָנדאָנ דער ערשטער טשארטיסטישער נאציִאָנאלער קאָנווענט פֿונ די ארבעטנדיקע קלאסנ אינ באשטאנד פֿונ 53 דעלעגאטנ. פֿונ סאמע אָנהייב אָנ האָבנ זיכ אינ קאָנווענט אָנגעהויבנ היציקע שטרייַטנ ארומ דער פֿראגע וועגנ טאקטיק. די פֿאָרשטייער פֿונ דער „לאָנדאָנער אסאָציִאציע" אונ אטוודס אָנהענגער האָבנ זיכ ארויסגעזאָגט קעגנ גוואלדטעטיקע ארויסטרעטונגענ אונ האָבנ געהאלטנ, אז די הויפּטאויפֿגאבע פֿונ קאָנווענט איז פּראָפּאגאנדירנ די כארטיע אונ זענ, מע זאָל זי וואָס גיכער דורכפֿירנ אינ פּארלאמענט דורכ אנ אויסגלייַכ מיט די ראדיקאלע מיטגלידער פֿונ דער פּאלאטע. דער לינקער טייל פֿונ קאָנווענט — אָ'קאָנאָר, הארני אונ אנדערע — האָבנ געשטעלט די פֿראגע וועגנ דעמ, אז די מאסנ זאָלנ אפֿ א רעוואָליוציִאָנערנ אויפֿנ ווירקנ אפֿנ פּארלאמענט („דרוק פֿונ אויסנ"). זיי האָבנ פֿאנאנדערגעוויקלט א גרויסע טעטיקייַט אויסערנ קאָנווענט, אָרגאניזירנדיק אינ לאָנדאָנ אונ באזונדערס אינ די אינדוסטריִעלע צענטערס די גרעסטע מיטינגענ, ווו די ארבעטער זייַנענ גערופֿנ געוואָרנ צו שטיצנ אפֿ א רעוואָליוציִאָנערנ אויפֿנ דעמ קאָנווענט, אינ פֿאל אויב דער פּארלאמענט וועט אָפּווארפֿנ די כארטיע.

דער ערשטער עטאפּ פֿונ דער טשארטיסטישער באוועגונג. דער קאָנווענט פֿונ 1839 י.

ז׳קאָנאָר

קעדיי צו זייַנ נעענטער צו די מאסנ, האָבנ די לינקע פֿאָרגעלייגט אריבער־

טראָגנ די זיצונג פונעם קאָנווענט אפ צאָפנ. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אָנגענומענ געוואָרנ, נאָר דאָס אָרט, ווו דער קאָנווענט זאָל זיכ געפינענ, איז באַשטימט געוואָרנ אינ בירמינגהעם — האַגאַמ א מער אינדוסטריעלע שטאָט, ווי לאָנדאָנ, אָבער זי איז נאָכ דאַנ ניט געוועזנ קיינ צענטער פונ גרויס־אינדוסטריע. קעדיי צו ווירקנ אפנ פארלאמענט, האָט דער קאָנווענט (אינ בירמינגהעם) דעמ 14־טנ מײַ באַשלאָסנ, אַז אויב עס וועט דורכפאלנ די פעטיציע, זאָל מענ רופנ די דעפאָזיטערס ארויסצונעמענ זייערע אָפגעשפאָרטע געלטער פונ די בענק, אונ די ארבעטער זאָלנ אָנהייבנ דעמ „הייליקנ כוידעש”, ד.ה. אַנ אלגעמיינעמ שטרײַק.

די אָנהענגער פונ דער „מאָראַלער קראַפט” האָבנ אָבער די דאָזיקע מאָסמיטלענ געהאַלטנ פאַר צופיל „רעוואָליוציאָנערע”, אונ די מערהײַט זייערע האָט פאַרלאָזט די זיצונג פונ קאָנווענט.

דערווײַל האָט זיכ דאָס דערלאַנגענ די פעטיציע פאַרצויגנ. אַטווּד, וואָס איז געוועזנ א מיטגליד פונ פאַרלאַמענט אונ וואָס האָט געהאַט צוגעזאָגט דורכפירנ די פעטיציע, האָט רעקאָמענדירט, מע זאָל קלײַבנ נאָכ כסימעס. דער קאָנווענט האָט אפ אָנדערהאַלבנ כאַדאָשימ איבערגעריסנ זײַנ ארבעט; זײַנע מיטגלידער האָבנ ווידער אָנגעהויבנ פירנ אַנ אַגיטאַציע אפ די ערטער צו זאַמלענ צוגאָב-כסימעס. אַזאַ טאַקטיק איז געוועזנ בעפיירעש פאַלש. ווענ דער קאָנווענט איז זיכ ווידעראַמאָל צונויפגעקומענ (1־טנ יול), האָט שוינ דערווײַל די רעגירונג זיכ געהאַט איבערצײַגט אינ דער ניט אַנטשלאָסנקײַט אונ מיינונג־פאַרשיידנהײַטנ צווישנ זײַנע לידערס אונ איז אליינ אריבער אינ אָנגריפ. זי האָט באַשלאָסנ פראָוואָצירנ א באַוואָפנטנ אופשטאַנד אינ בירמינגהעם, קעדיי דערנאָכ צו דערטרינקענ אימ אינ בלוט. ארומ בירמינגהעם האָט מענ צונויפגעצויגנ מיליטער אונ פאָליציי. עס איז פאַרווערט געוואָרנ יעטווידע פאַרזאַמלונג. דער קאָנווענט האָט כוישעד געוועזנ אינ דעמ א פראָוואָקאַציע אונ האָט אריבערגעטראָגנ זײַנע זיצונגענ צוריק קיינ לאָנדאָנ. די רעגירונג האָט אָבער זיכ דערשלאָגנ אירס. דעמ 8-טנ יול איז דאָס מיליטער אָנגעפאַלנ אפנ פרידלעכנ האַמוינ פונ די בירמינגהעמער ארבעטער, עס זײַנענ געמאַכט געוואָרנ ארעסטנ צווישנ די פירער (לאָוועט, קאָלינס). די ארבעטער האָבנ געענטפערט מיט א ווידערשטאַנד דעמ מיליטער, מיט צעגראָמירנ די קלייטנ אונ מיט אונטערצינדונגענ. אינ עטלעכע טעג ארומ האָט דאָס מיליטער אונ די פאָליציי דערשטיקט דעמ אופשטאַנד, וואָס זיי אליינ האָבנ ארויסגערופנ. די בירמינגהעמער געשעענישנ האָבנ געפונענ אַנ אָפקלאַנג אינ אַנדערע שטעט. אינ ניו-קעסטל, גלאַזגאָ אונ אינ אַנדערע ערטער זײַנענ פאָרגעקומענ שטורמישע מיטינגענ פונ ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ פאַרענדיקט מיט בלוטיקע געשלעגנ מיט דער פאָליציי. אָבער דער קאָנווענט, וואָס האָט דעמ 10־טנ יוג באַנײַט אינ לאָנדאָנ זײַנע זיצונגענ, האָט ניט באַוויזנ אויסצוניצנ די שלאַכט-שטימונג פונ די ארבעטער אונ אָרגאַניזירנ אַנ אלגעמיינעמ באַוואָפנטנ אופשטאַנד.

דער פאַרלאַמענט, וואָס האָט פריער אלצ אָפגעצויגנ דעמ איניענ פונ באַטראַכטנ די פעטיציע, איז איצט דרייסט געוואָרנ אונ האָט קימאַט איינשטימיק אָפגעוואָרפנ די טשאַרטיסטישע פעטיציע (דעמ 12-טנ יול 1839 יאָר). לויטנ באַשלוס פונעמ קאָנווענט איז דער אלגעמיינער שטרײַק געוועזנ באַשטימט אפנ 1־טנ אווגוסט. נאָר קעגנ דעמ האָבנ דערווידערט די אָנהענגער פונ „מאָראַלער” קראַפט.

דעמלט האָט דער קאָנווענט דעמ 22־טנ יול אָפּגעשאפט דעמ דאָזיקנ באשלוס אונ האָט אָנגעמערקט א קאָמיטעט צו דערלערנענ די לאגע אונ האָט אָפּגעלייגט זײַנע זיצונגענ ביז אווגוסט. סאָפ אווגוסט איז ער זיכ צונויפגעקומענ אונ האָט באשלאָסנ זיכ פאנאנדערגייענ. די דאָזיקע וואקלעניש אונ ניט-אנטשלאָסנקײַט פונעמ קאָנווענט האָט דערלאנגט א קלאַפּ דער באוועגונג. די באוועגונג האָט אָנגעהויבנ פאלנ. אפ די טשארטיסטנ האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ אכזאָריעסדיקע פארפאָלגונגענ. בא 450 טשארטיסטנ, צווישנ זיי קימאט אלע גרעסטע פירער, זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ. דער פּרווו צו פארווירקלעכנ דעמ „הייליקנ כוידעש" (אנ אלגעמיינעמ שטרײַק) האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ. די אויפלעבונג פונ דער אינדוסטריע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ דער צווייטער העלפט 1839 יאָר, האָט געבראכט צו א פארקירצונג פונ דער ארבעטלאָזיקײַט אונ דאָס האָט אויכ אראָפּגעזעצט דעמ ניוואָ פונ דער באוועגונג.

רי מאפּאָלע פונ 1839 יאָר האָט אָבער געהאט אויכ א פּאָזיטיווע זײַט, וואָס דער טשארטיזמ האָט אינ א באדײַטנדיקער מאָס זיכ באפרײַט פונ זײַנע בורזשו־אזע „מיטלויפער".

די בירמינגהעמער ראדיקאלנ האָבנ אײַנגעפונענ, אז פאר זיי איז איצט געפערלעכ צו באטייליקנ זיכ ווײַטער אינ דער באוועגונג. סטיפענס, וועלכער איז ארעסטירט געוואָרנ נאָכ אינ אָנהייב פונ 1839 יאָר, האָט זיכ באפרײַט פונ טפּיסע אונ צעריסנ מיטנ טשארטיזמ. ער האָט אינגאנצנ כאראַקטע געהאט אפ זײַנ פרי־ערדיקער רעוואָליוציאָנערער ארבעט. פאקטיש איז פונ טשארטיזמ אינגיכנ אָפּגעגאנגענ אויכ לאָוועט. נאָכ זײַנ ארעסט, זומער 1839, אונ נאָכ צוויי יאָר זיצנ אינ טפּיסע האָט ער ענדגילטיק אָפּגעזאָגט זיכ פונ פּאָליטישנ קאמפּ, אונ האָט זיכ אינגאנצנ אומגעקערט צו זײַנ אלטער „קולטורעלער" ארבעט. ער האָט געפּריידיקט וועגנ שאפנ שולנ פאר ארבעטער, ווי דעמ וויכטיקסטנ מיטל צו דערשלאָגנ זיכ, אז די לאגע פונ די ארבעטער זאָל אויסגעבעסערט ווערנ.

די באוועגונג איז אָבער ניט געבראָכנ געוואָרנ דורכנ דורכפאל פונ 1839 י. די ביטערע דערפארונג האָט אָנגעלערנט די טשארטיסטנ. זיי האָבנ פארשטאנענ, אז זיי וועלנ ניט קענענ דערגרייכנ זייערע צילנ, אויב זיי וועלנ ניט פארפעסטיקנ זייער אָרגאניזאציע אונ וועלנ ניט שאפנ אנ עמעסדיקע פארטיי.

אינ 1840 יאָר איז אפ דער קאָנפערענצ פונ די טשארטיסטנ אינ מאנטשעסטער פונ די איינצלנע גרופּעס אונ קרײַזנ אָרגאניזירט געוואָרנ א נאציאָנאלע טשארטיסטישע פארטיי („טשארטיסטישע אסאָציאציע"). דאָס איז געווענ די ערשטע פּאָליטישע ארבעטער-פארטיי מיט אויסגעווײלטע אָרגאנענ (אנ אויספיר־קאָמיטעט אונ אָרטיקע ראטנ) אונ אָרגאניזאציאָנעל אויסגעפורעמטע (מיטגליד־אָפּצאָל, מיטגליד-בילעטנ, פארטיי-קאָנפערענצנ אונ צוזאמענפאָרנ). די צאָל פארטיי־מיטגלידער האָט אינ 2 יאָר ארומ דערגרייכט 40 טויזנט.

די באוועגונג פונ 1842 יאָר. די צווייטע פּעטיציע

אינ די יאָרנ 1841—1842, וואָס זײַנענ געווענ יאָרנ פונ אומגערעטעניש, האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַער קריזיס, וואָס האָט א שטויס געגעבנ צו א נײַעמ אויפשטײַג פונ דער טשארטיסטישער באוועגונג. צו יענער צײַט זײַנענ אויכ ארויס פונ די טפּיסעס א סאכ טשארטיסטישע פירער, צווישנ זיי אָ'קאָנאָר, וואָס איז אָפּגעזעסנ

זײַנ טערמינ אינ טפּיסע אונ האָט זיכ ווידער גענומענ צו רעוואָליוציאָנערער ארבעט. דער אויספּירקאָמ פונ דער פּארטײ האָט צונויפגעשטעלט א נײַע פּעטיציע. אונטער דער דאָזיקער פּעטיציע האָבנ זיכ געכאַסמעט בא 3,5 מיליאָנ מענטשנ. די דאָזיקע צווײטע פּעטיציע פונ 1842 יאָר האָט זיכ שטארק אונטערשײדט פונ דער פּעטיציע פונ 1839 יאָר. די ערשטע פּעטיציע האָט כוץ דער פּאָליטישער פּראָגראַמ — זעקס פּונקטנ פונ דער כאַרטיע — ווײניק גערעדט וועגנ די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאָדערונגענ. אויב זי האָט אפילע ארויסגעשטעלט אײניקע פונ זײ, האָט זי דערבײַ אינ זינענ געהאַט ניט נאָר די ארבעטער, נאָר אויכ די באַלעבאַטימ — די קלײנע אונ אפילע די גרויסע בורזשואַזיע. דאָרט איז, אשטײגער, געזאָגט געוואָרנ, אז „אונדזערע ארבעטער שטארבנ פונ הונגער”, אָבער גלײַכ נאָכדעמ האָט מענ זיכ געקלאָגט, אז „אונדזערע אינדוסטריעלער שטײענ פארציטערטע באַמ ראַנד פונ באַנקראָט”, „דער קאַפּיטאַל גיט ניט קײנ האַכנאָסע”, אונ „די פאַבריק איז געבליבנ אָנ מענטשנ”.

די פּעטיציע פונ 1842 יאָר טראָגט א סאַכ א מער אויסגעהאַלטענעמ פּראָלעטאַרישנ כאַראַקטער. זי אנטהאַלט א גאַנצע רײ פּונקטנ, וואָס שילדערנ די שווערע נויט פונעמ ארבעטער־קלאַס: די הארבקײַט פונעמ נײַעמ געזעצ וועגנ אָרעמע, דער הונגעריקער ארבעטלוינ, דער לאַנגער, „איבער די מענטשלעכע קויכעס”, ארבעטטאָג, דער דרוק פונ אומדירעקטע שטײַערנ, וואָס פאַלנ הויפּטזאַכלעכ אפ די ארבעטער־מאַסנ. רײדנדיק וועגנ דעמ נישטיקנ פארדינסט פונ די ארבעטער, האָט די פּעטיציע זײער שאַרפזיניק פארגלײַכט דעמ דאָזיקנ פארדינסט (2$^3/_4$ — 3$^3/_4$ אונ אפילע 2 פּענס א טאָג) מיט דער קיניגנ וו קטאָריעס טאָג־האַכנאָסע, וואָס באַטרעפט 197 פונט 17 שילינג אונ 6 פּענס א טאָג, מיט דער האַכנאָסע פונ איר מאַנ דעמ פּרינצ אַלבערט, וואָס באַקומט 57 פונט 10 שילינג א טאָג אונ מיטנ געהאַלט פונעמ קענטערבערײשנ ארציבישאָפ — 52 פונט 10 שילינג (אויכ אינ א טאָג).

פארגעבנדיק זיכ די פראַגע וועגנ דער סיבע פונ דער געזעלשאַפטלעכער נויט, האָבנ די אויטאָרס פונ דער פּעטיציע אײַנגעזוען זי אינ דער קאַפּיטאַליסטישער מאָנאָפּאָליע. „די דערלאַנגער פונ דער פּעטיציע באַדויערנ זײער טיפ, — איז געשטאַנענ אינ דער פּעטיציע, — די עקזיסטענצ פונ פארשײדענע מינימ מאָנאָפּאָליעס אינעמ דאָזיקנ לאַנד... די דערלאַנגער פונ דער פּעטיציע ווײַזנ אָנ אפ די עקזיסטירנדיקע מאָנאָפּאָליעס אפ וואַלרעכט, אפ פּאַפּיר־געלט, אפ באַזיצנ מאַשינעס, ערד־מאָנאָפּאָליעס, מאָנאָפּאָליעס אפ דער פּרעסע, אפ רעליגיעזע פּריווילעגיעס, אפ די פארקער־מיטלענ אונ אָנ א שיר אנדערע, וואָס זײַנענ צו גרויס אינ דער צאָל, אז מע זאָל זײ קאָנענ אויסרעכענענ”. די דאָזיקע מאָנאָפּאָליעס קאָנ מענ ניט פארניכטנ, לויט דער מײנונג פונ די טשאַרטיסטנ, אזוי לאַנג, ווי דאָס פאָלק וועט ניט דערוועררבנ די מאַכט.

אזוי־ארומ איז די פּעטיציע פונ 1842 יאָר אינ א סאַכ פּראָטימ א באַוווסטזיניקער, רעוואָליוציאָנער־פּראָלעטאַרישער דאָקומענט. עס איז דעריבער קײנ וווּנדער ניט, וואָס בײס מע האָט זי באַהאַנדלט אינ פּארלאַמענט, זײַנענ די פאָרשטײער פונ די הערשנדיקע קלאַסנ ווילד אופגעבראַכט געוואָרנ. „עס איז אוממעגלעכ צו לײקענענ קאַטעגאָריש די פּעטיציע — האָט אײנער פונ די ליבעראַלע מיטגלידער פונ פּאַלאַטע דערקלערט אינ זײַנ רעדע — די פּעטיציאָנערנ ווילנ, אז מע זאָל זײ־

אָפּגעבן די העכסטע מאכט; אין יעדער וואַל־קאָרפּאָראַציע פון דער אימפּעריע װילן זיי, זאָל מען אוועקלייגן דעם קאַפּיטאַל און דאָס רײַכטום דעם אַרבעטער־קלאַס צו די פֿיס".

דעם 12־טן אַפּרעל 1842 יאָר איז אין לאָנדאָן זיך צונויפגעקומען דער צווייטער טשאַרטיסטישער קאָנווענט. דעם 2־טן מײַ האָט ער דערלאַנגט די פּעטיציע אין פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט זי אָפּגעוואָרפן, פּונקט ווי ער האָט אָפּגעוואָרפן די ערשטע פּעטיציע. די אײַנגעשפּאַרטקײַט פונעם פּאַרלאַמענט האָט אַרויסגערופן



די פּראָצעסיע מיט דער פּעטיציע אין פּאַרלאַמענט (1842)

בײַע פּראָטעסטן בײַ די אַרבעטער. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין שטורמישע מיטינגען און אין אַ שטרײַק־באַוועגונג.

די אויגוסט־שטרײַקן פון 1842 יאָר

די בורזשואַזיע האָט באַשלאָסן אויסניצן די אויפרעגונג פון די אַרבעטער צוליב דעם, קעדיי מיט זייער הילף זיך דערשלאָגן צום אָפּשאַפן די ברויט־געזעצן און דערמיט אַליין טאַקע אָפּציִען זייער אויפמערקזאַמקײַט פונעם פּאָליטישן קאַמף. האָבנדיק שוועריקײַטן פונעם קריזיס אין די יאָרן 1841—1842, האָט די בורזשואַזיע אַליין געוווירקט צו פאַרשטאַרקן די שטרײַק־באַוועגונג, מיט אַ מיין אָנצושרעקן די ערד־אַריסטאָקראַטיע און צווינגען זי צו גיין אויף הענאַכעס. צוליב דעם ציל האָבן די פאַבריקאַנטן דערקלערט אַ לאָקאַוט.

נאָר די מאַסעווע שטרײַק־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַלס ענטפער אויף דעם דאָזיקן לאָקאַוט, האָט גלײַך אַריבערגעשפּאַנט איבער די ראַמען, וואָס די בורזשואַזיע האָט פאַר איר אוועקגעשטעלט. ניט אָפּשאַפן די גרענעץ־אָפּצאָלן אויף טווע האָבן די שטרײַקער געפאָדערט, נאָר מע זאָל העכערן דעם אַרבעטלוין און פאַרוואַנדלען די כאַרטיע אין אַ געזעץ. די באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט מאַנטשעסטער און אַלע איבעריקע צאָפּנדיקע אינדוסטריעלע גראַפשאַפטן. די אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן דיסציפּלינירט. צום שטרײַק זײַנען צוגעשטאַנען אַלץ

נײַע ראיאָנענ. עס האָט זיכ געדוכט, אַז „דער הײליקער כוידעש” האָט באַקומענ זײַנ פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג.

אָבער פאַר די פירער פונ די טשאַרטיסטנ אַלײנ איז דער שטרײַק געקומענ אומדערוואַרט און זײ האָבנ אים שלעכט אָרגאַניזירט. די דאָרעמדיקע גראַפשאַפטנ און לאָנדאָנ האָבנ אײנגאַנצנ זיכ ניט באַטײליקט אינעם שטרײַק, און דערווײַל האָבנ די איבערגעשראָקענע פאַבריקאַנטנ זיכ צוגעײַלט אַרויסרופנ מיליטער, און אַפ די שטרײַקער האָבנ זיכ אַ שאָט געטאָנ רעפּרעסיעס. אײנגיכנ האָט די שטרײַק־כוואַליע אָנגעהויבנ פאַלנ, און דער שטרײַק פונ די אַרבעטער האָט זיכ געענדיקט מיט אַ מאַפּאָלע. אַזויאַרום האָבנ זיכ אינעם צווײטנ פעריאָד פונ דער באַוועגונג אַנטפּלעקט די שוואַכקײַט פונ דער אָרגאַניזאַציע און די ניט־צוגערײטקײַט פונ די אָנפירער.

דער אַלגעמײנער שטרײַק פונ 1842־טנ יאָר האָט פונדעסטוועגנ געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג. דער שטרײַק האָט אופגעהויבנ די טשאַרטיסטישע באַוועגונג אַפ אַ נײַער העכערער שטופע.

די טשאַרטיסטנ אינ פעריאָד פונ די יאָרנ 1842 — 1847

די מאַפּאָלע פונעם אַלגעמײנעם שטרײַק אינ אויגוסט 1842 יאָר האָט באַטײַט אַ נײַע צעגראָמירונג פונ דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג. די רעגירונג האָט ווידער אָנגעהויבנ אַרעסטירנ און מאַכנ געריכט־פּראָצעסנ איבער די טשאַרטיסטישע אָנפירער, באַשולדיקנדיק זײ אינ פּראָפּאַגאַנדירנ אַנ אַלגעמײנעם שטרײַק. די אַרבעטער־מאַסנ זײַנענ געווענ אַנטוישט. די צאָל מיטגלידער פונ דער טשאַרטיסטישער פּאַרטײ האָט זיכ גיכ פאַרקירצט פונ 40 טויזנט ביז 3—4 טויזנט.

דער נײַער אופשטײַג פונ דער אינדוסטריע, וואָס האָט זיכ געצויגנ פונ סאָפ 1842 ביז 1847, האָט מיטגעווירקט דעמ פאַלנ פונ דער באַוועגונג. די פּראָפּעסיאָנעלע פאַרײנענ זײַנענ אַלץ מער אַרופגעטראָטנ אַפ דעמ וועג פונ בלויז עקאָנאָמישנ קאַמפּ. אַ טײל האָבנ זיכ געלאָזט גײנ נאָכ די טאָרישע לידערס, וואָס האָבנ צוגעזאָגט די אַרבעטער אַרויסצורײַסנ בײַ דער בורזשואַזיע אַ רײ געזעצנ וועגנ אַרבעט־שוץ. און ווירקלעכ, אינ 1844 יאָר איז דורכגעפירט געוואָרנ זײער אַ וויכטיקער געזעצ, וואָס באַגרענעצט די אַרבעט פונ מינדעריאָריקע מיט 10 שאָ אַ טאָג, און אינ 1847 יאָר איז אײַנגעפירט געוואָרנ אַ 10־שאָיקער אַרבעטסטאָג פאַר פרויענ, וואָס האָט זיכ פאַקטיש פאַרשפּרײט אויכ אַפ די מענער, וואָס אַרמעטנ צוזאַמענ מיט די פרויענ. אַ ביסל פריִער האָבנ זיכ די ליבעראַלנ דערשלאָגנ אינ פּאַרלאַמענט, אַז מע זאָל אָפּשאַפנ די ברויט־געזעצנ (אינ 1846 יאָר), וואָס האָט געהאָלפנ ביליקער מאַכנ דאָס ברויט און אַנדערע שפּײַז־פּראָדוקטנ.

ניט געקוקט אַפ די דאָזיקע אומשטאַנדנ, וואָס האָבנ דעמאָראַליזירנדיק געווירקט אַפנ טשאַרטיזמ, איז די באַוועגונג נאָכ ווײַט ניט אָפּגעשטאָרבנ. אָ'קאָנאָר און אָ'ברײַענ האָבנ געפּרוווט אינעם דאָזיקנ פעריאָד פאַראינטערעסירנ די אַרבעטער מיט ערד־פּראָיעקטנ. אינ 1845 יאָר איז אָ'קאָנאָר אַרויסגעטראָטנ מיט אַ פּלאַנ צו גרינדנ באַזונדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע יישוווימ. מע האָט גערעכנט גרינדנ אַנ אַקציאָנערע געזעלשאַפט, וואָס אירע פײַ־מיטגלידער זאָלנ זײַנ אַרבעטער. אַפ די צונויפגעזאַמלטע פײַ־מיטלענ (1 אַקציע האָט געקאָסט פונ 2 ביז 5 פונט סטערלינג) האָט מענ געזאָלט קויפנ אַ גוט, וואָס זאָל אײַנגעטײלט ווערנ אינ קלײנע

ערד-כאלאָקימ און פאר ניט קיינ גרויסער רענטע זאָל דאָס אריבערגיינ צו די פײַ-מיטגלידער. אינ א געוויסער צײַט ארומ האָט דאָס גוט, אויסוואקסנדיק אינ זײַנ ווערט אדאנק דער אינטענסיווער באארבעטונג מיצאד די ארבעטער, געזאָלט פארזעצט ווערנ; פארנ מאשקאָנעס־געלט פליוס נײַע פײַענ קויפט מענ אײַנ נײַע ערד אאוו., ביזוואנענ אלע ארבעטער וועלנ זיכ ניט האָבנ אומגעקערט צו לאנדווירטשאפט. דער פלאנ איז געווענ בעפיירעש א פאנטאסטישער און איז פולשטענדיק דורכגעפאלנ. באמ פארשרײַבנ זיכ אפ אקציִעס האָט מענ דאפקע באוויזנ צונויפזאמלענ בא הונדערט טויזנט פונט סטערלינג און מע האָט געקויפט עטלעכע גיטער, אָבער די אקציִאָנערע געזעלשאפט האָט אינגיכנ געפלאצט, און אָ'קאָנאָר אליינ האָט דערבײַ אָנגעווירנ זײַנ גאנצנ פערזענלעכנ פארמעגנ. אָ'קאָנאָרס פלאנ איז געווענ ניט בלויז אנ אוטאָפישער, נאָר אויכ א רעאקציִאָנערער. די פראָפאגאנדע וועגנ אומקערנ די ארבעטער צוריק צו ערדארבעט, וואָס האָט געהאט דערפאָלג בא געוויזענע פויערימ און טיילווײַז בא האנטווערקער, האָט אָפגעצויגנ די ארבעטער פונ זייער רעוואָליוציִאָנערנ קלאסנקאמפ און האָט פארטונקלט זייער באוווסטזײַנ.

אָ ברײַענ, וואָס האָט קריטיקירט אָ'קאָנאָרס פלענער, האָט אליינ אנטוויקלט א צווייטנ פראָיעקט: די מעלוכע זאָל נאציִאָנאליזירנ די ערד, אויסצאָלנ פאר איר די ערדבאזיצער א באשטימטע באלוינונג.

א צווייטער אוטאָפישער פראָיעקט, וואָס אָ'ברײַענ האָט אנטוויקלט פאר די ארבעטער, איז געווענ דער פאָרשלאָג אײַנצואָרדענענ טויש־מערק. דער פראָיעקט איז געווענ איבערגענומענ בא אָוענענ און ער האָט אויכ געצויגנ די ארבעטער אפ א פאלשנ וועג. אזויארומ האָט אָ'ברײַענ זיכ געלאָזט אפ א רעפאָרמיסטישנ וועג אינ ווידערשפרוכ צו זײַנע פריִערדיקע רעוואָליוציִאָנערע אײַנשטעלונגענ.

די געזעלשאפט „ברידערלעכע דעמאָקראטנ״

אינ קעגנזאצ צו די דאָזיקע קליינבירגערלעכע אָנשויונגענ פונ די אָנגעזעענסטע לידערס פונעמ טשארטיזמ האָט זיכ אינ דער טשארטיסטישער באוועגונג פונ יענעמ פעריִאָד אלצ דײַטלעכער אָנגעמערקט א רעוואָליוציִאָנערע פראָלעטארישע שטרעמונג. אינ דער שפיצ אירער זײַנענ געשטאנענ דער פריִער דערמאָנטער הארני פונ דער „דעמאָקראטישער אסאָציִאציִע״ אינ לאָנדאָנ און זײַנ פרײַנט ערנעסט דזשאָנס (1819־1869)— א רעוואָליוציִאָנערער פאָעט, וואָס האָט עטלעכע יאָר פארבראכט אינ טפיסע פאר אָנטיילנעמענ אינ דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג. אינ 1845 יאָר האָט הארני אָרגאניזירט אנ אינטערנאציִאָנאלע „געזעלשאפט פונ ברידערלעכע דעמאָקראטנ״, וווּהינ עס זײַנענ, כוצ טשארטיסטנ, ארײַנגעטראָטנ פאָרשטייער פונ די לאָנדאָנער רעוואָליוציִאָנערנ - עמיגראנטנ — דײַטשנ, איטאליענער, פאָליאקנ און אנדערע.

אינ 1847 יאָר האָט מארקס, זײַענדיק אינ לאָנדאָנ אפנ צוזאמענפאָר פונעמ קאָמוניסטישנ פארבאנד, זיכ באטייליקט אינ א מיטינג פונ די ברידערלעכע דעמאָקראטנ. אפנ דאָזיקנ מיטינג איז באשלאָסנ געוואָרנ צונויפרופנ אינ קומענדיקנ 1848 יאָר א צווישנפעלקערלעכנ קאָנגרעס פונ דעמאָקראטנ - קאָמוניסטנ. נאָר איבער דער רעוואָלוציִע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ אייראָפע אינ 1848 יאָר, איז דער באשטימטער קאָנגרעס ניט פאָרגעקומענ. דערפאר אָבער נאָכנ 1848 יאָר,

װען מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך באַזעצט אין ענגלאַנד, האָבן זײ אײַנגעשטעלט נאָענטע באַציִונגען סײַ מיט האַרניִן סײַ מיט דזשאָנסאָן און געהאַט אַף זײ בײדע (באַזונדערס אַף דזשאָנסאָן) אַ גרױסע װירקונג, שטױסנדיק די אַנטװיקלונג פון זײערע אָנשױונגען נענטער צו דער טעאָריע פונעם װיסנשאַפטלעכן סאָציִאַליזם.

דער דריטער עטאַפּ פון דער טשאַרטיסטישער באַװעגונג

דער אָרדנטלעכער קריזיס פון 1847 יאָר האָט װידער אופגערודערט די אַרבעטער־מאַסן און איז געװען די סיבע פון אַ נײַעם (דריטן) אופשטײַג אין דער טשאַרטיסטישער באַװעגונג. שױן אין האַרבסט 1847 יאָר האָבן די לאַנקאַשירער פאַבריקאַנטן אָנגעהױבן אַראָפּזעצן דעם אַרבעטלױן. די אַרבעטער האָבן געענטפערט מיט שטורמישע שטרײַקן, װאָס זײַנען דערשטיקט געװאָרן דורך מיליטער. אַ סאַך פאַבריקן זײַנען אינגאַנצן פאַרמאַכט געװאָרן, אַנדערע האָבן געאַרבעט ניט קײן פולע צײַט. אין מאַנטשעסטער גופע האָבן פון 40 טױזנט אַרבעטער בלױז 18 טױזנט געאַרבעט אַ פולע װאָך. צװישן די אַרבעטלאָזע האָבן זיך אָנגעהױבן אומרוען. די ידיִעס װעגן דער רעװאָליוציע אַפן קאָנטינענט פון אײראָפּע — אין פראַנקרײַך און אין דײַטשלאַנד — האָט אַרײַנגעטראָגן נאָך אַ גרעסערע אופלעבונג אין דער באַװעגונג. עס האָט זיך געדוכט, אַז אױך אין ענגלאַנד װעט אױסברעכן אַ רעװאָליוציע. אַף די מיטינגען האָט מען װידער אַרױסגערוקט דעם טשאַרטער. דאָס מאָל צוזאַמען מיט אַ פאָדערונג פון אַ רעפּובליק. װי אין די פריִערדיקע יאָרן, האָט מען איצט אױך גענומען קלײַבן כסימעס אַף אַ פעטיציע, די צאָל אונטערשריפטן האָט דערגרײכט ביז 5 מיליאָן. דעם 4־טן אַפּרעל 1848 יאָר איז אין לאָנדאָן זיך צונױפגעקומען דער דריטער קאָנװענט פון די טשאַרטיסטן.

אָבער די באַװעגונג האָט זיך אױך דאָס מאָל װידער פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. דער נײַער קאָנװענט האָט איבערגעכאַזערט די פעלערן פון זײַנע פאָרגײער. דער קאָנװענט איז געװען שװאַך פאַרבונדן מיט די אַרבעטער פון די גרעסטע צענטערס פון דער אינדוסטריע. אין דער אָנפירונג מיט דער באַװעגונג האָט ער אַרױסגעװיזן װאַקלעניש און ניט אַנטשלאָסנקײַט. האַרני און דזשאָנס האָבן פאָרגעלײגט רופן די אַרבעטער צו אַנטשײדענע מײַסים. אָבער די אַלטע פירער — אָ׳קאָנאָר, אָ׳ברײַען און אַנדערע — האָבן ניט געגלײבט אינעם דערפאָלג פון די רעװאָליוציאָנערע מעטאָדן. דער קאָנװענט האָט זיך סאָפּקאָלסאָפּ באַגרענעצט מיט אָננעמען אַן אומבאַשטימטע רעזאָליוציע, װאָס האָט געזאָגט, אַז אין פאַל, װען דער פּאַרלאַמענט װעט אָפּװאַרפן די פעטיציע פון די טשאַרטיסטן, װעט צונױפגערופן װערן אַ נײַע פאַרזאַמלונג; די דאָזיקע פאַרזאַמלונג װעט דערלאַנגען דער קיניגין אַ מעמאָראַנדום מיט אַ פאָדערונג צו פאַנאַנדערלאָזן דעם פּאַרלאַמענט און באַשטימען אַ נײַעם מיניסטעריום, װאָס איז מעכױעװ דורכפירן די כאַרטיע דורך דעם נײַעם פּאַרלאַמענט.

עס איז באַשטימט געװאָרן צו דערלאַנגען די פעטיציע אין פּאַרלאַמענט דעם 10־טן אַפּרעל 1848 יאָר, אָרגאַניזירנדיק דערבײַ אַ גראַנדיִעזע דעמאָנסטראַציע. מע האָט אָנגעהױבן פירן אַן אַגיטאַציע. די רעװאָליוציאָנערע פירער פון די טשאַרטיסטן האָבן הינטער דער פּלײצע פונעם זיך װאַקלענדיקן קאָנװענט גערופן צו אַ באַװאָפנטן אופשטאַנד (דזשאָנס). נאָר אױב דער קאָנװענט האָט זיך גע־

וואקלט, האָט די רעגירונג שוין גראָד געהאַנדלט אַנטשיידן און אומגעוואַקלט. זי האָט אָפּגיך דורכגעפירט דורכן פּאַרלאַמענט אַ ספּעציעלן געזעץ וועגן באַשיצן דעם קיניג און די רעגירונג, האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער באַפעלקערונג, רופנדיק זי ניט צו באַטייליקן זיך אין דער טשאַרטיסטישער דעמאָנסטראַציע און האָט צוגעגרייט אַ באַוואָפנטע קראַפט.

קיין לאָנדאָן האָט מען צוגעצויגן גרויסע מיליטער-קרעפטן; צוהילף דער פּאָליציי האָט מען פאַרמירט אָטריאַדן פּריוואַטליקע פּאָליציסטן, וועלכע זענען געווען פונעם דער בורזשואַזיע. ניט פילנדיק הינטער זיך קיין שטיצע פון די מאַסן באַפעלקערונג פונעם קליינבירגערלעכן לאָנדאָן, האָבן די טשאַרטיסטן אָפּגעשאַפט די דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געווען באַשטימט אויפן 10-טן אַפּריל. די פּעטיציע, וואָס האָט געוויגן 35 פונט, האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דריי וועגענער און פאַרמאַנען האָבן זי געבראַכט צו פירן אין פּאַרלאַמענט, וווּ מע האָט זי באַגעגנט מיט אַ כויזעק און קימאַט איינשטימיק זי אָפּגעוואָרפן. דער טאָג פון 10-טן אַפּריל 1848 יאָר איז געווען אַ טאָג פון גרעסטן קראַך פאַר דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג.

די טשאַרטיסטישע באַוועגונג אָנהייב 50-ער יאָרן

נאָך דער מאַפּאָלע פון 1848 יאָר האָט דער טשאַרטיזם ניט באַלד אויפגעהערט עקזיסטירן. אָבער צו קיין נייעם אַנטשיידענעם אויפשטייג איז שוין דער טשאַרטיזם מער ניט געקומען. די באַדינגונגען פון די 50-ער יאָרן האָבן געבראַכט צו אַ ווייטערדיקער צעפאַלונג אין די רייען פון די טשאַרטיסטן. עס זיינען אויך געפאַלן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען בײַ אַ באַדײַטנדיקן טייל פונעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט. נאָך די יאָרן 1847 — 1848 טרעט ענגלאַנד אַריין אין אַ לאַנגדויערנדיקער פּאַזע פון אינדוסטריעלן אויפבלי. די פאַרענדיקטע אינדוסטריעלע איבערקערעניש האָט אַוועקגעשטעלט די ענגלישע אינדוסטריע אויפן ערשטן אָרט אינעם וועלט-האַנדל און דאָס זיינען ניט געווען בעקויעכ צו באַשטרײַטן ניט פראַנקרײַך און ניט דײַטשלאַנד, וואָס זיינען געווען עקאָנאָמיש אָן אַן ערעך שוואַכער. דער ענגלישער קאַפּיטאַל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָנאָפּאָליסט אויפן וועלטמאַרק. ניט בלויז די בעסטע אייראָפּעיִשע, נאָר אויך די אַזיאַטישע און אַמעריקאַנישע מערק זיינען געווען אין זײַנע הענט. די אַנטדעקונג פון גאָלדגרובן אין קאַליפאָרניע און אין אויסטראַליע האָט נאָך מער מיטגעהאָלפן די דערפאָלגן פונעם ענגלישן האַנדל און אינדוסטריע.

בײַ די נײַע באַדינגונגען פון אויפבלי פונעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם איז די מערהייט אַלטע לידערס אַוועק פון דער באַוועגונג. די אָנפירונג מיט די אַרבעטער, וואָס זיינען געבליבן טרײַ דעם טשאַרטיזם, איז אַריבערגעגאַנגען צו האַרני און דזשאָנס. ביידע האָבן זיי זיך ענערגיש אָנגעשטרענגט אויפצוהייבן די באַוועגונג און איבערבויען די טשאַרטיסטישע אָרגאַניזאַציע גופא. מאַרקס און ענגעלס האָבן זיי געהאָלפן מיט זייערע עצות און אָנווײַזונגען. דאָס שאַפן אַ פעסטע און עמעס פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך אָנשפּאַרן אויפן פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט — אָט וואָס עס האָט, לויט מאַרקסן און ענגעלסן, נאָך געקאָנט ראַטעווען די טשאַרטיסטישע באַוועגונג.

אין די יאָרן 1853—1854 האָט דזשאָנס זיך באַניצט מיט דער באַנײַטער

שטרייק-באַוועגונג אין די צאָפנדיקע אינדוסטריעלע געגנטן און האָט אָנגעהויבן אַ גאַנצן דערפאָלגרייכע אַגיטאַציע פאַר שאַפן אַ מאַסעווע פּראָלעטאַרישע טשאַרטיסטישע אָרגאַניזאַציע. אין מאַרט 1854 יאָר איז לויט זיין איניציאַטיוו אין מאַנטשעסטער פאָרגעקומען אַ ספּעציעלער צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־דעלעגאַטן, וועלכער האָט אָנגענומען דעם נאָמען „אַרבעטער־פּאַרלאַמענט“ — אין קעגנזאַץ צום „פּאַרלאַמענט פון די רייכע“, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אין לאָנדאָן. נאָר אויך דער אַרבעטער־פּאַרלאַמענט האָט אין דער פּראַקטיק, אָנשטאָט צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיי, ווי מאַרקס האָט אין זיין בריוו אים רעקאָמענדירט, זיך פאַרנומען מיט אַ קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן. אינגיכן איז די שטרייק־כוואַליע געפאַלן, און דער טשאַרטיזם האָט ענדגילטיק גענומען אונטערגיין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האַרני און דזשאָנס זיינען ניט געווען בעקויעך אויסצופילן די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דעם טשאַרטיזם. נאָכן אָפּפאַל פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע האָבן זיי זיך אַליין סאָפּקאָלסאָפּ אַנטוישט אין דער באַוועגונג און האָבן זיך געלאָזט אָפּן וועג פון אַן אויסגלייך מיט די ליבעראַלן. אין 1858 יאָר האָט מאַרקס צוליב דעם געמוזט אָפּילע איבעררייסן זיינע באַציונגען מיט דזשאָנסן. האַרני איז נאָך אין סאָף 1853 יאָר פאַקטיש אַוועקגעגאַנגען פון פּאָליטישן לעבן.

די סיבעס פון דער יערידע פונעם טשאַרטיזם אין די 50־ער י.

די מאַפּאָלע פונעם טשאַרטיזם, דאָס, וואָס ער איז נאָכדעם פאַרביטן געוואָרן אין ענגלאַנד אויף אַ רעפאָרמיסטישן, בורזשואַזן טרעד־יוניאָניזם, דערקלערט זיך מיט די איבערוקן אינווייניק אינעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט גופא. די מאָנאָפּאָליע פון דער ענגלישער אינדוסטריע אויפן וועלט־מאַרק האָט באַשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר דער ענגלישער בורזשואַזיע צו „אונטערהאָדעווען“, פאַרבעסערן די לאַגע פונעם קוואַליפיצירטן אויבערשיכט פונעם אַרבעטער־קלאַס.

דער פאַרדינסט פון די קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון די גרונט־פּראָפעסיעס איז באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן אין פאַרגלייך מיט די 40-ער יאָרן. אין 1850-טן יאָר, אַשטייגער, האָט אַ טאָג־אַרבעטער באַקומען 18 שילינג אַ וואָך, אין 1860 יאָר—20 שילינג, אין 1865 יאָר—30 שילינג; דער פאַרדינסט פון אַ וועבער האָט זיך אויפגעהויבן פון 13 ביז 16 שילינג. אַ סטאָליער האָט פאַרדינט אין 1840 יאָר 20 שילינג, אין 1860 יאָר האָט ער באַקומען 25 שילינג, בוי־אַרבעטער האָבן אָנשטאָט 15,5 שילינג אָנגעהויבן באַקומען 17 שילינג, די מעטאַל-גיסער האָבן אין 1845 באַקומען 22,5 שילינג אַ וואָך, אין 1855-טן יאָר און שפּעטער — 28 שילינג.

דער דאָזיקער קוואַליפיצירטער טייל אַרבעטער האָט איצט געקאָנט בעסער באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן אין שפּייז, קליידער, וווינונג. פון אים האָט זיך אויסגעטיילט אַ גרופּע עכטע „אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע“, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט בורזשואַזע שטימונגען און איז געווען די אַגענטור פון דער בורזשואַזיע אין די רייען פונעם פּראָלעטאַריאַט. איינער פון די אַלטע טשאַרטיסטן האָט אַזוי באַשריבן די ענדערונג אין דער שטימונג פון די דאָזיקע אַרבעטער: „אין אונדזער אַלטער טשאַרטיסטישער צייט זיינען טויזנטער לאַנקאַשירער אַרבעטער אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסן, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, און פיל פון זיי האָבן אָפט געהונגערט. אָבער די אינטעליגענטישקייט זייערע פלעגט זיך אַרויסווייזן אומעטום, וווהין איר זאָלט

ניט גיין. איר האָט געקאָנט זען, ווי זיי שטייען גרופּעסווײַז און באהאנדלען די גרויסע לערע וועגן פּאָליטישער גערעכטיקײַט, וועגן דעם, אז יעדער דערוואָקסענער, וואָס איז באם קלאָרן זינען, דארף האָבן א שטים באם וויילן מענטשן אפּ ארויסגעבן געזעצן, אונטער וועלכע ער וועט זיך מוזן אונטערוואַרפן, אָדער זיי האָבן געפירט אוואָסער־ניט־איז ערנסטן שטרײַט וועגן די לערעס פון סאָציאַליזם. איצט וועט איר אין לאנקאשיר אזוינע גרופּעס ניט זען. דערפאר וועט איר אָבער זען גוט־געקליידטע ארבעטער, וואָס שפּאצירן די הענט פארלייגט אין די קעשענעס און שמועסן וועגן „קאָאָפּעראציוון" און וועגן זייערע פּײַען אין די דאָזיקע קאָאָפּעראציוון אָדער אין די בוי־געזעלשאפטן". די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען (טרעד־יוניאָנען), וווהין עס זײַנען ארײַנגעגאנגען בלויז קוואליפיצירטע ארבעטער, האָבן געפירט אן עקאָנאָמישן קאמף פאר די טאָגטעגלעכע נויטן פון די ארבעטער, ניט שטעלנדיק אינגאנצן די פראגע וועגן ענדציל, — וועגן פארניכטן דעם קאפּיטאליזם. צוקוקנדיק די מאפּאָלע פונעם טשארטיזם, האָבן עס מארקס און ענגעלס דערקלערט טאקע נאָר מיט אָט דער צעשפּאלטונג פונעם זיבעטער־קלאס, מיט דער אויסטיילונג פון אן „ארבעטער־אריסטאָקראטיע", וועלכע די בורזשואזיע האָט „אונטערגעקויפט" אפּן כעזשבן פון איר ע אויבער־רעוואָכים. אין 1858 יאָר האָט ענגעלס געשריבן צו מארקסן: „דער ענגלישער פּראָלעטאריאט ווערט פאקטיש אלץ מער און מער פארבורזשואזעוועט אזוי, אז די דאָזיקע סאמע בורזשואזסטע פון אלע נאציעס וויל, אפּאָנעם, האָבן סאָפּקאָלסאָף צוגלײַך מיט דער בורזשואזיע אויך א בורזשואזע אריסטאָקראטיע און א בורזשואזן פּראָלעטאריאט... פאר א נאציע, וואָס עקספּלואטירט די גאנצע וועלט, איז דאָס ביז א געוויסער מאָס נאטירלעך". ענגעלס האָט דאָ, פארשטייט זיך, אינזינען געהאט ניט די גאנצע מאסע פונעם ענגלישן פּראָלעטאריאט, נאָר בלויז זײַן אויבערשיכט. אין „קאפּיטאל" האָט מארקס געגעבן דאָס קלאָרסטע בילד פון דער שוידערלעכער אָרעמקײַט פונעם שלעכט־באלוינטן טייל ארבעטער־קלאס אין דעם זעלבן ענגלאנד פון די 50־ער און 60-ער יאָרן — אין די יאָרן פון זײַן אינדוסטריעלן אופשטײַג. אָבער די דאָזיקע אומגליקלעכע מאסע ניטקוואליפיצירטע ארבעטער איז געווען ניט אָרגאניזירט און איז ארופּגעטראָטן אפּ וועג פון א רעוואָליוציאָנערער באוועגונג א סאך שפּעטער.

די היסטאָרישע באַדײַטונג און די לעקציעס פֿונעם טשאַרטיזם

דער טשארטיזם האָט אָפּגעשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אין דער געשיכטע פון דער אלוועלטלעכער ארבעטער־באוועגונג. דאָס איז געווען די ערשטע זעלבשטענדיקע באוועגונג פון פּראָלעטאריאט, אלס קלאס, קעגן דער גאנצער בורזשואזער אָרדענונג. די טשארטיסטישע באוועגונג איז געווען די „ערשטע ברייטע,ווירקלעך מאסעווע, פּאָליטיש־אויסגעפורעמטע, פּראָלעטאריש־רעוואָליוציאָנערע באוועגונג" (לענין). אינעם טשארטיזם האָט אָנטייל גענומען דער גאנצער ענגלישער ארבעטער־קלאס. „דער טשארטיזם, — האָט ענגעלס געשריבן, — איז א קאָנצענטרירטע פאָרם פון אָפּאָזיציע קעגן דער בורזשואזיע. אין די פאריינען און אין די שטרײַקן האָט די אָפּאָזיציע שטענדיק זיך אנטפּלעקט אין א צעשפּליטערטער פאָרם, באזונדערע ארבעטער אָדער גרופּעס

אַרבעטער האָבן געקעמפט קעגן באַזונדערע בורזשואַ... אינעם טשאַרטיזם הייבט זיך אויף קעגן דער בורזשואַזיע דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס, אָנפאַלנדיק, קוידעם־קאָל, אויף איר פּאָליטישער מעכטיקייט, אויף יענער וואַנט פון געזעצן, מיט וועלכער זי האָט זיך אַרומגערינגלט".

דער ענדציל פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג איז געווען סאָציאַליזם, אַלס קעגנזאַץ צום קאַפּיטאַליזם, כאָטש די טשאַרטיסטן האָבן נאָך וועגן דעם ניט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג.

באַזונדערס וויכטיג איז אין דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג געווען דאָס פאַרייניקן דעם פּאָליטישן קאַמף מיטן עקאָנאָמישן. דער טשאַרטיזם האָט מיטגעהאָלפן דעמאַסקירן פאַר די ברייטע מאַסן פונעם פּראָלעטאַריאַט דאָס בורזשואַזע וואַלרעכט און דעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענט אַלס פּאָליטישע מיטלען פון דער בורזשואַזער דיקטאַטור. די טשאַרטיסטן האָבן באַנומען די וויכטיקייט דערפון, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אויסניצן די פּאָליטישע מאַכט קודם באַפרייען זיך פונעם דרוק פון קאַפּיטאַל. גראָד זיי זיינען די ערשטע אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג צוגעטראָטן צו שאַפן אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, אַ זעלבשטענדיקע און אומאָפּהענגיקע פון די בורזשואַזע פּאַרטייען.

ענדלעך איז דער טשאַרטיזם, אַלס פּראָלעטאַרישע באַוועגונג, געווען אין טאָך אינטערנאַציאָנאַל. ניט צופעליק האָבן די „ברידערלעכע דעמאָקראַטן" געפּרוווט איינשטעלן אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער.

די שפּעטערדיקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויסגעניצט די דערפאַרונג פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל רעקאָמענדירט קאַטעגאָריש באַ היינטיקן טאָג די ענגלישע קאָמוניסטן צו דערלערנען די געשיכטע פונעם טשאַרטיזם. „עס טאָר ניט דערלאָזט ווערן, אַז די ענגלישע קאָמוניסטן זאָלן ניט דערצויגן ווערן אין גייסט פון אַכטונג צום טשאַרטיזם און אַז זיי זאָלן ניט וויסן די וויכטיקסטע דאָקומענטן פונעם טשאַרטיזם" (דער V פּלענום פון אויספירקאָם פון קאָמינטערן. די טעזיסן וועגן באָלשעוויזם). דערלערנענדיק די געשיכטע פונעם טשאַרטיזם, דיסקאָנטירט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט אויך די פעלערן פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג. די ניט־קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן די ענדצילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — וועגן דעם סאָציאַליזם, די קליינבירגערלעכע רעאַקציאָנערע שטימונגען („אַ קער אויף צוריק" — „אויף ערד", „צו קליינער ווירטשאַפט"), די ניטפייִיקייט פון די פירער צו געבן אַ ריכטיקע ריכטונג דער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע פון די מאַסן, קודם דערלאַנגען אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ דעם קלאַסן־סוינע, די שטרעבונג דורך „לעגאַלע מעטאָדן" (מיט דער הילף פון פּעטיציעס אאַז"וו.) באַקומען די מאַכט אין זייערע הענט, דאָס איבערטרייבן די באַדייטונג פונעם אַלגעמיינעם וואַלרעכט — די דאָזיקע אַלע מאָמענטן זאָגן אַיידעס, אַז דער דעמאָלטיקער אַרבעטער-קלאַס איז נאָך ניט געווען גענוג ריי. די ניטיקייט פאַרן פּראָלעטאַריאַט צו האָבן אַ פעסטע, ווירקלעך פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך האַלטן באַ אַ ריכטיקער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע, — דאָס איז די גרונט־לעקציע פונעם טשאַרטיזם.

קאפיטל IV

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אנטוויקלונג און דער קלאסנ־קאמפ אינ פראנקרײַכ אינ דער ערשטער העלפט פונעמ XIX יאָרהונדערט

17. די עפּאָכע פונ דער רעאקציע. די רעסטאווראציע* פונ די בורבאָנענ

די פריציִשע רעאקציע

מיט די שפּיזנ פונ די פארבינדעטע האָט מענ אינ פראנקרײַכ צוריק אופגעשטעלט דעמ קיניגלעכנ טראָנ און ארופגעזעצט אפ אימ לוי XVIII, א ברודער פונעמ געקעפּטנ לוי XVI, א מיטגליד פונ דער זעלבער פאמיליע בורבאָנענ, וואָס האָט אינ פארלויפ פונ עטלעכע יאָרהונדערטער אונטערדריקט פראנקרײַכ. אינ פראנקרייכ האָט זיכ אָנגעהויבנ א פריציִשע רעאקציע, פארמאסקירט מיט א קאָנסטיטוציע, וואָס האָט עטוואָס באגרענעצט די מאכט פונעמ קיניג דורכ א בורזשואז-פריציִשער געזעצגעבערישער פארזאמלונג. די געזעצגעבערישע פארזאמלונג איז באשטאנענ פונ צוויי פּאלאטעס. די בעִערושע-מיטגלידער פונ דער אויבערשטער פּאלאטע פלעגט דער קיניג אלייג אָנמערקנ פונ צווישנ דער אדל־אריסטאָקראטיע. מיטנ וואלרעכט אינ דער אונטערשטער פּאלאטע האָבנ זיכ באניצט בלויז גרויסע אייגנטימער. פונ דער גאנצער 30־מיליאָניקער באפעלקערונג האָבנ אינ פראנקרײַכ געהאט שטימרעכט סאכאקל 100 טויזנט גרעסטע ערדבאזיצער און געלט-זעק. די פּאלאטע פונ די דעפּוטאטנ, וועלכע זיי האָבנ אויסגעווײלט, האָט פונעמ קיניג באקומענ דעמ נאָמענ „אומפארגלײַכלעכע“, — אפ אזויפיל האָט זי אנטשפּראָכנ זײַנ ווילנ און דעמ ווילנ פונ דער הויפ־אריסטאָקראטיע.

צוזאמענ מיט די בורבאָנענ האָט זיכ קיינ פראנקרײַכ אומגעקערט די מענגע אדעליקע, קאטוילישע גאלאָכימ און יעזויטנ, וואָס זײַנענ געווענ אנטלאָפנ קיינ אויסלאנד בייס דער רעוואָליוציע. זיי האָבנ געברענט מיטנ ווילנ אומצוקערנ די אלטע אָרדענונג צוזאמענ מיט דער ערד, וואָס מע האָט בא זיי אָפּגענומענ בייס דער רעוואָליוציע. זיי אלע האָבנ געפאָדערט פאר זיכ א באלוינונג „פאר טרײַהײַט צומ קיניג“ און האָבנ געוואָרט צו באקומענ פונ אימ פּענסיעס, שטעלעס, ראנגענ, האכנאָסדיקע ערטער.

---

* רעסטאווראציע — ווידערופשטעלונג.

אינ א האלב יאָר צײַט האָבנ זיכ „אײַנגעאָרדנט" העכער $2^1/_2$ טויזנט עמיגראנטנ. צוליב זיי איז געשאפנ געוואָרנ א ספעציעלע קיניגלעכע גווארדיע פונ 6 טויזנט מאנ, וואָס איר אויסהאלט האָט אָפּגעקאָסט יערלעכ העכער 20 מיליאָנ פראנק. די אדעליקע האָבנ פארנומענ די אָנפירנדיקע שטעלעס אינעמ מעלוכישנ אפאראט אונ די קאָמאנדיר־פּאָסטנס אינ דער ארמיי. לויט דער קאטעגאָרישער פאָדערונג פונ די אדעליקע האָט מענ זיי אומגעקערט דעמ טייל ערד, וואָס מע האָט בא זיי אָפּגענומענ בײַס דער רעוואָליוציע, אינ וואָס איז נאָכ ניט געווענ פארקויפט.

מיטנ אָנקומענ פונ די בורבאָנענ איז איבערנ גאנצנ לאנד דורכגעגאנגענ א כוואליע פונ ווײַסנ טעראָר. אינ דאָרעמ־פראנקרײַכ האָבנ די צוריקגעקומענע עמיגראנטנ געמאכט עמעסע פּאָגראָמענ, געוועטדט קעגנ די באזיצערס פונ די נאציאָנאלע פארמעגנס. אינ פאלאטע זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ אויסשליסלעכע געזעצנ; איבער גאנצ פראנקרײַכ האָבנ געארבעט אויסעראָרדנטלעכע געריכטנ, וואָס האָבנ ארויסגעטראָגנ אורטיילנ אלע באשולדיקטע אינ רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט.

ניט געקוקט אפ אלע אָנשטרענגונגענ פונ די גאלאָכימ אונ עמיגראנטנ, איז געווענ אוממעגלעכ צוריק אופשטעלנ אינ פראנקרײַכ די אלטע אָרדענונג. האגאמ דער טראָנ איז אינ פראנקרײַכ יאָ געווענ אופגעשטעלט, אָבער דאָס לאנד איז גאָר ניט ענלעכ געווענ צומ אלטנ פאררעוואָליוציאָנערנ פראנקרײַכ. די איבערוקנ, צו וועלכע די רעוואָליוציע פונעמ XVIII יאָרהונדערט האָט געבראכט, זײַנענ געווענ אפ אזויפיל גרויס, אז מע האָט זיי ניט געקאָנט פארניכטנ. די פעאָדאלע אָרדע־נונג איז געווענ צעשטערט, עס האָט זיכ אנטוויקלט א בורזשואזע, קאפיטאליסטישע געזעלשאפט.

אפילע די בורבאָנענ האָבנ פארשטאנענ, אז פרווונ אָפּנעמענ די געוועזענע אדעליקע ערד בא דער קאָלאָסאלער צאָל איצטיקע באזיצערס פונ דער ערד וואָלט באטײַט א נײַע רעוואָליוציע, אונ באצאָלט וואָלט מענ דערפאר ווידער מיטנ טראָנ. דעריבער זײַנענ אינ דער צײַט פונ די בורבאָנענ, אינ דער עפּאָכע פונ דער פּריצישער רעאקציע, פארבליבנ אינ פראנקרײַכ די גרונטלעכע דעראָבערונגענ פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע: גלײַכהײַט פונ אלע פארנ געזעצ, פרײַהײַט פונ האנדל אונ פונ אינדוסטריעלער טעטיקײַט, פארניכטונג פונ די פעאָדאלע פליכטנ. עס איז אויכ געבליבנ אײַנגעהיט נאפּאָלעאָנס קאָדעקס, וואָס האָט אויסגעפורעמט די סאָציאלע דעראָבערונגענ פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע. דאָכ האָבנ די עמיגראנטנ די אדעליקע זיכ דערשלאָגנ מע זאָל זיי אויסצאָלנ א מיליארד פראנק באלוינונג פאר דער ערד, וואָס מע האָט בא זיי אָפּגענומענ בײַס דער רעוואָליוציע.

די אומצופרידנ־קײַט פונ די פּויערימ אונ פונ דער בורזשואזיע

דאָס פראנצויזישע פויערטומ, וואָס א סאכ פונ זײַנע פארמעגלעכע שיכטנ זײַנענ איצט געווענ די באזיצערס פונ די געוועזענע פּריצישע ערד, האָט פארשטענדלעכ, שטארק געמוזט האסנ די צוריקגעקומענע אדעליקע.

דער אומופהערלעכער וווקס פונ די אומדירעקטע שטײַערנ, וואָס זײַנענ געפאלנ צו לאסט די ארבעטנדיקע, האָט אויכ ארויסגערופנ א שארפע אומצופרידנ־קײַט בא די פאָלקמאסנ, באזונדערס באמ פויערטומ, וואָס האָט אויסגעמאכט דעמ גרונט־טייל פונ דער באפעלקערונג אינעמ דעמאָלטיקנ פראנקרײַכ. די ברייטע קרײַזנ

פונ דער פראנצויזישער בורזשואזיע האָבנ אויכ געהאסט די אדעליקע. די פריצים צוליב זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ הויכע גרענעצ-אָפּצאָלנ אפּ ארײַנגעפירטער טוווע. דעריבער זײַנענ די ברויט-פרײַזנ אינ פראנקרײַכ געשטאנענ זייער הויכ אונ די פאבריקאנטנ איז אויסגעקומענ צו העכערנ דעם ארבעטלוינ פונ די ארבעטער. די מיטלענ אפּ אויסצאָלנ די עמיגראנטנ די מיליארדישע באלוינונג האָט מענ גענומענ פונ דעם, וואָס מע האָט אָנגעהויבנ צאָלנ א קלענערנ פּראָצענט פאר די מעלוכישע האלוואָעס. דער גרעסטער האלוואָע-באזיצער איז געווענ די בורזשואזיע, אזוי אז דאָס דאָזיקע מאָסמיטל האָט שמערצלעכ א קלאפּ געטאָנ איבער איר קעשענע.

פונעם קאמפּ קעגנ דער ענגלישער אינדוסטריע פארנ אויבנאָנ אפנ אייראָפּייִשנ מארק האָבנ די בורבאָנענ זיכ אָפּגעזאָגט.

לויטנ טראקטאט פונ 1814 יאָר איז אינ אלע פראנצויזישע קאָלאָניעס דערלויבט געווענ ארײַנצופירנ אויסלענדישע סכוירעס, באצאָלנדיק בלויז 2 פּראָצ. גרענעצ-אָפּצאָל. אינדערעמענ האָט דאָס באטײַט דאָס אָפּטרעטנ די ענגלענדער די קאָלאָניאלע מערק פונ פראנקרײַכ.

די הויכע גרענעצ-אָפּצאָלנ, וואָס זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ באַם ארײַנפירנ אינ פראנקרײַכ ענגלישנ משוחונ, אײַזערנע אונ שטאָלענע פאבריקאטנ, האָבנ געלוינט בלויז פאר די אייגנטימער פונ גרויסע אײַזנ-גיסערײַענ אינ פראנקרײַכ, וואָס האָבנ איבערגענומענ בא ענגלאנד דעם אויפנ צו שמעלצנ אײַזנ אפּ שטיינקוילנ. אָבער די ברייטע קרײַזנ פונ דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע איז אויסגעקומענ איבערצאָלנ גרויסע סומענ פארנ אימפּאָרט פונ ענגלישע מאשינעס אונ אינסטרומענטנ, וואָס פלעגנ אינ פראנקרײַכ טיילמאָל אינגאנצנ ניט אויסגעארבעט ווערנ.

האגאם דער טעמפּ פונ דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג אינ איז פראנקרײַכ פארלאנגזאמט געוואָרנ, דאָכ איז אָבער אויכ אינ דער פראנצויזישער אינדוסטריע פאָרגעקומענ די אינדוסטריעלע איבערקערעניש, וואָס האָט זיכ פארצויגנ אפּ לאנגע יאָרנ. אויכ דאָ האָט די מאשינ ארויסגעשטופּט די האנט-ארבעט; די פראנצויזישע אינדוסטריע האָט אָנגעהויבנ, האגאם לאנגזאם, אריבערגייִנ פונ דער מאנופאקטור צו דער פאבריק.

מיט דער אנטוויקלונג פונ דער פראנצויזישער אינדוסטריע איז אויכ געוואָקסנ די פראנצויזישע אינדוסטריעלע בורזשואזיע; אָבער אינ איר גרונט-מאסע איז זי אינגאנצנ געווענ באזײַטיקט פונ דעם פּאָליטישנ לעבנ. קיינ וווּנדער ניט, וואָס צווישנ דער בורזשואזיע איז געוואָקסנ אפּ אומצופרידנקײַט.

די לאגע פונעם ארבעטער-קלאס

צוגלײַכ מיטנ וווּקס פונ דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע האָט זיכ אנטוויקלט אויכ דער פּראָלעטאריאט פונ פראנקרײַכ. כוץ די האנטווערקערישע ארבעטער הייבנ זיכ אָנ שאפנ אינ פראנקרײַכ קאדרענ פאבריק-זאוואָדישער פּראָלעטאריאט.

אזוי האָט אינעמ צאָפנדיקנ דעפּארטאמענט צומ סאָפּ עפּאָכע פונ דער רעסטאווראציע די צאָל ארבעטער שוינ אריבערגעשטיגנ 200 טויזנט, אינ דעפּארטאמענט פונ אויבערשטנ ריינ האָט מענ געציילט ביז 50 טויזנט ארבעטער אינ דער טעקסטיל-אינדוסטריע. די לאגע פונ דעם ארבעטער איז אינ דער עפּאָכע פונ דער רעסטאווראציע געווענ זייער א שווערע. אינ צוזאמענהאנג מיט דעם, וואָס די מאשינעס האָבנ ארויסגעשטויסנ די האנט-ארבעט, אונ מ'האָט אָנגעהויבנ באנוצנ קינדער- אונ פרויענ-ארבעט, איז געוואָקסנ די ארבעטלאָזיקײַט. דער לאנגער ארבעטסטאָג, דער נידעריקער ארבעטלוינ, די שווערע וווינונג-באדינגונגענ, דער יאקרעס

אפ שפּײַז־פּראָדוקטנ, וואָס האָט זיכ גענומענ פונ די הויכע גרענעצ־אָפּצאָלנ אפ טווּע לע־טוּוּעס די פּריוּצימ — דאָס אלצ האָט פארגרינגערט די ארבעטער אפ א הונגער־עקזיסטענצ.

די פראנצויזישע ארבעטער קעמפנ, פונקט ווי זייערע ענגלישע ברידער אינ די ערשטע צײַטנ פונ דער מאשינ־פּראָדוקציע, קעגנ אָנווענדנ מאשינעס. די אר־בעטער צעברעכנ, צעקלאַפּנ די מעכאנישע ווערקשטעלנ, זיי בעטנ בא דער רעגי־רונג, מע זאָל פארווערנ אָנווענדנ מאשינעס. אינ א ריי שטעט (ליאָנ, רואנ אונ אנדערע) קומענ פאָר שטרײַקנ אונ אומרוענ. די רעגירונג באקעמפט דעמ ארבעטער־קלאס, וואָס ווערט אלצ פעסטער, — זי פארווערט פאריינענ אונ שטרײַקנ, זי ווענדט אָנ קעגנ זיי די געהעריקע ארטיקלענ פונעמ נאפּאָלעאָנישנ קאָדעקס, זי ארעסטירט אונ באניצט באוואָפנטע קראפט.

האגאמ דער פראנצויזישער פּראָלעטאריאט איז אינ יענעמ פּעריאָד נאָכ ניט געווענ פײַיק צו זעלבשטענדיקער פּאָליטישער ארויס־טרעטונג, איז זײַנ ראָליע אינעמ פּאָליטישנ קאמפּ דאָכ אויסגעוואָקסנ. די אר־בעטער אונ די האנטווערקער באטייליקנ זיכ אקטיוו אינ דער רעפּובליקאנישער באוועגונג; צוזאמענ מיט דער קליינבורזשואזיע אָרגאניזירנ זיי געהײמע געזעל־שאפטנ אונ אונטערערדישע פארשווערערישע אָרגאניזאציעס קעגנ דער רעגירונג פונ די בורבאָנענ. עס וואקסנ אונ עס מערנ זיכ די רעפּובליקאנישע קרײַזלעכ „קארבאָנאריער”.*

סאָציאַליסטנ אוטאָפּיסטנ

אינ פראנקרײַכ איז די עקספּלואטאציע פונ די ארבעטנדיקע פאָרגעקומענ אָנ שומ אָפּהאלט. די שווערע לאגע פונ די אר־בעטער, דער שוידער אונ די ווידערשפּרוכנ פונ דער קאפּיטא־ליסטישער אָרדענונג האָבנ ניט געקענט דורכגײנ אָנ א שפּור בא די פאָרגעשרי־טענע מענטשנ פונ יענער צײַט. אלס פּראָטעסט קעגנ דעמ קאפּיטאליסטישנ דרוק האָבנ אָנגעהויבנ אנטשטײנ סאָציאַליסטישע לערעס.

סענ־סימאָנ
(1825—1760)

א גלענצנדיקע קריטיק פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג האָט גע־געבנ ס ע נ־ס י מ אָ נ. סענ־סימאָנ, א גראפ לויט דער אָפּשטאמונג, האָט נאָכ אינ די יאָרנ פונ דער גרויסער רעוואָליוציע זיכ אָפּגעזאָגט פונ זײַנ טיטל אונ איז אריבערגעגאנגענ אפ דער זײַט פונעמ דריטנ שטאנד. ער איז רײַכ געוואָרנ פונ אופקויפנ אונ פארקויפנ די אָפּגענומענע ערד פונ די אדעליקע. אָבער אינגיכנ איז ער רוינירט געוואָרנ אונ דעמ גרעסטנ טייל פונ זײַנ לעבנ האָט ער דורכגע־פירט אינ נויט אונ אינ דאחקעס.

סענ־סימאָנ האָט גוט געזענ די נעגאטיווע שטריכנ פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדע־נונג מיט איר קאָנקורענצ אונ קריזיסנ, מיט איר אנארכיע אינ דער פּראָדוקציע,** מיט איר בינטל פאראזיטנ אונ מיט דער שווערער לאגע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ. די דאָזיקע אלע טונקעלע זײַטנ פונעמ קאפּיטאליזמ האָט סענ־סימאָנ שארפ קריטיקירט. סענ־סימאָנ איז דער־שטוינט פונ דער אומגעלומפּערטקײַט אינ דער מאָדערנער געזעלשאפט „ווו לײדיקגײערישע קלאסנ (אדעליקע, באאמטע) הערשנ איבער די פּראָדוצירישע”.

סענ־סימאָנ האָט געזענ דעמ קלאסנקאמפּ, וואָס איז פאָרגעקומענ צווישנ דער בורזשוא־זיע אונ די ערדבאזיצער, אונ ער האָט די גאנצע געשיכטע פונ פראנקרײַכ געשילדערט, ווי

---

* ק א ר ב אָ נ א ר י ע ר — באטײַט בוכשטעבלעכ „קוילנהעקער”. דער דאָזיקער נאָמענ איז געקומענ אינ פראנקרײַכ פונ דער נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ איטאליע.

** ווירטשאפטלעכע אומאָרדענונג, אָנפּלאנישקײַט.

417—10

א געזעצמעסיקנ פראָצעס. די פארענדערונגענ אינ דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג זײַנענ לויט סענ-סימאָנס מײנונג א רעזולטאט פונ די ענדערונגענ, וואָס קומענ פאָר אינ דעמ אייגנטומ-רעכט. דאָס אייגנטומ-רעכט איז ניט עפּעס אנ אייביק אונ אומפארענדערלעכ רעכט.

„אינ יעדנ לאנד, — שרײַבט סענ-סימאָנ, — איז דער גרונט-געזעצ דער, וואָס שטעלט אײַנ די פאָרמענ פונ אייגנטומ אונ די מיטלענ צו באשיצנ עס. אָבער דערפונ, וואָס דער דאָזיקער געזעצ איז דער גרונט-געזעצ, דרינגט נאָכ ניט ארויס, אז ער קאָנ ניט געענדערט ווערנ“.

אינ זײַנ „אינדוסטריעלער סיסטעמ“ מאָלט סענ-סימאָנ א בילד פונ דער צוקונפטיקער אידעאלער געזעלשאפט, ווו דער גרונט-פּרינציפּ איז די ארבעט, ווו יעטווידער וועט באקומענ לויט זײַנע פייִקייטנ אונ ווו דאָס גאנצע געזעלשאפטלעכע לעבנ וועט געפירט ווערנ לויט איינ פּלאנ פונ איינ אָנפירנדיקנ צענטער. אינ דער שפּיצ פונ דער געזעלשאפט דארפנ, לויט סענ-סימאָנס מײנונג, שטיינ די „אינדוסטריעלער“, וואָס זײַנענ „די נאטירלעכע עלטסטע פונ דער ארבעטנדיקער נאציע“, אונ די וויסנשאפטלעכ-טעכנישע אינטעליגענצ, וועמענ סענ-סימאָנ גיט צו א קאָלאָסאלע באדײַטונג. אָבער מיטנ וואָרט „אינדוסטריעלער“ מיינט ער ניט בלויז די באלעבאטימ די אונטערנעמער, נאָר אויכ די ארבעטער. סענ-סימאָנ רעדט גערנ וועגנ דעמ קלאסנקאמפּ פונ די „אינדוסטריעלער“ קעגנ דעמ ערדבאזיצערישנ אדל, אָבער ער גייט פארבײַ דעמ קלאסנקאמפּ פונ די ארבעטער קעגנ דער בורזשואזיע. דער גרויסער דענקער רעדט בלויז וועגנ דער נייטיקייט צו פארבעסערנ די לאגע פונ דעמ „סאמע פילצאָליקנ אונ דעמ סאמע אָרעמענ קלאס“, אָבער די רעוואָליוציאָנערע ראָליע פונעמ פּראָלעטאריאט זעט ניט סענ-סימאָנ.

סענ-סימאָנ

סענ-סימאָנ האָט זיכ נעגאטיוו באצויגנ צו גוואלדטאטנ אונ צו פּאָליטישנ קאמפּ. ער האָט געטרוימט צו פארווירקלעכנ זײַנע פּלענער אפ א פרידלעכנ אופנ מיט דער הילפ פונ רעפאָרמעס, וואָס ווערנ שטופנווײַז דורכגעפירט פונ אויבנ דורכ א וואָסער-ניט-איז געבילדעטנ רעגירער.

סענ-סימאָנ האָט ניט פארגעלייגט פארניכטנ דאָס פּריוואט-אייגנטומ אפ ערד, פאבריקנ אונ זאוואָדנ, אונ איז, הייסט עס, ניט געווענ קיינ סאָציאליסט.

סענ-סימאָנ האָט בלויז געוואָלט אײַנשטעלנ אָרדענונג אינעמ קאפּיטאליזמ, באזײַטיקנ זײַנע פעלערנ, אײַנהיטנדיק די יעסוידעס פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט. זײַענדיק א מארשטייער פונ די סאמע פאָרגעשריטענע שיכטנ פונ דער דעמאָלטיקער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, האָט אָבער סענ-סימאָנ זיכ אופגעהויבנ א סאכ העכער פונ איר ניוואָ. אינ א צײַט ארומ קומט סענ-סימאָנ צומ אויספיר, אז די צוקונפט געהערט צומ ארבעטער-קלאס.

אינ זײַנ לעצטער ארבעט האָט שוינ סענ-סימאָנ דערקלערט די באפרײַונג פונעמ ארבעטער-קלאס פאר דעמ ענדציל פונ זײַנע שטרעבונגענ.

דער סענ-סימאָניזמ האָט זיכ פארשפּרייט דעריקער צווישנ דער אינטעליגענצ. אינ סענ-סימאָנס לערע האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט די אנטוויקלונג פונ דער פראנצויזישער אינדוסטריע אינ דעמ ערשטנ פערטל פונ XIX יאָרהונדערט, דער וווּקס פונ דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, וואָס האָט געמאָלדנ אירע רעכט אפ אָנפירנ מיט דער געזעלשאפט, אונ די נויטלאגע פונעמ ארבעטער-קלאס, וואָס האָט נאָכ ניט געהאט באנומענ ניט זײַנע ענדצילנ, ניט די וועגנ, וואָס פירנ צו זיי.

שארל פוריע (1837—1772)

א צווייטער פאָרשטייער פונעמ אוטאָפּישנ סאָציאליזמ איז געווענ **שארל פוריע**. אלייננ א סויכערס א זונ אונ א באפּאָלמעכטיקטער פונ אנ אונטערנעמונג, איז פוריע אינ זײַנ פּראקטיק געווענ באקאנט מיטנ ווירטשאפטלעכנ לעבנ פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. אינ זײַנע ווערק האָט פוריע שארפ אונ פארניכטנדיק קריטיקירט די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט. דער

וואַרצל פונעם שלעכטס שטעקט, לויט פוריעס מיינונג, אינ דעם, וואָס עס פעלט א פּלאַנמעסיקע איינהייטלעכע ארבעט־אָרגאַניזאַציע, אינ דער ווירטשאַפטלעכער אומאָרדענונג, אינ דער אנאַרכיע פונ דער פּראָדוקציע. א סאַכ קויכעס ווערט געפּאַטערט אומזיסט. עס עקזיסטירט א גאַנצע ארמיי פּאַראַזיטנ, לוידיקגייער, וואָס לעבנ אפּנ כעזשבנ פונ פרעמדער ארבעט. דאָס אלצ ברענגט צו הער צעפּאַלונג אונ דעגענערירונג פונ דער געזעלשאַפט. די פּאַרביטערטע קאָנקורענצ, דער קאַמפּ פונ אלע קעגנ אלע, די לוידיקגייערנ פונ איינע אונ די אומגעהייער שווערע ארבעט פונ די אנדערע, די רייכקייט פונ ווייניקע אונ די אָרעמקייט פונ די מאַסנ, — אזא איז דאָס בילד פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט אפּ פּריוואַט־אייגנטום אונ אינדיווידועלער ארבעט.

„אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, — שרייבט פוריע, — איז יעדער טוער א סוינע די מאַסנ, ווייל זייערע אינטערעסנ ווידערשפּרעכנ זיינע פּריוואַטלעכע אינטערעסנ. דער דאָקטער וויל, אז עס זאָלנ זיינ וואָס מער קראַנקע, דער פּראָקוראָר — וואָס מער געריכט־פּראָצעסנ, דער ארכיטעקטער טרוימט וועגנ סרייפעס, וואָס זאָלנ פאַרניכטנ א גאַנצנ קוואַרטל פונ שטאָט, דער גלעזער — וועגנ א האָגל, וואָס זאָל אויסקלאַפּנ אלע שויבנ. דער שניידער, דער שוסטער זיינענ זייער צופרידנ, אויב דער עולעם באַקומט שלעכטע געוועבנ אונ ניט קיינ פעסטנ לעדער, ווייל די קליידער אונ די שיכ טראָגנ זיכ דעמלט אָפּ אינ דריי מאָל גיכער, אונ דאָס לוינט פאַר זיי בעסער. צוליב אויסהאַלטנ דעם געריכט אינ פראַנקרייכ מוז באַגאַנגענ ווערנ 120 טויזנט פאַרברעכנס. אינ דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט געפינט זיכ אזוי־ארום יעדער אינדיווידואום אינ א צושטאַנד פונ אומופהערלעכער מילכאָמע מיטנ קאָלעקטיוו. קיינ אנדער רעזולטאַט האָט מענ ניט געקאָנט דערוואַרטנ בא אנ אנטיסאָציאַלער אָרדענונג“, — מאַכט פוריע דעם אויספיר.

פוריע

דעם אויסוועג פונ דער לאַגע זעט פוריע אינ דער אָרגאַניזירונג פונ באַזונדערע סאָציאַליסטישע ארבעט־געמיינדעס, די אזוי־גערופענע פאַלאַנגעס.* די ארבעט אינ די דאָזיקע פאַלאַנגעס וועט זיינ א פאַרשיידנאַרטיקע אונ א צוציִענדיקע; דעריבער וועט קיינער פונ איר זיכ ניט אָפּזאָגנ. די מענטשלעכע ליידנשאַפטנ אונ שטרעבונגענ, וואָס זיינענ אינ דער מאָדערנער געזעלשאַפט א קוואַל פונ בייז אונ פונ פעלערנ, וועלנ אינ דער פאַלאַנגע באַקומענ די ניטיקע ריכטונג אונ וועלנ ווערנ א קוואַל פונ גליק אונ פאַרגעניגנ.

יעדערע אזא פאַלאַנגע באַשטייט פונ 1500—2000 מאַנ, אונ איז א קעמערל פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. זי באַזירט זיכ אפּ פּראָדוקטיווער ארבעט אונ געמיינזאַמקייט פונ פאַרמעגנ. יעדער איינער, וואָס טרעט ארייַנ אינ דער פאַלאַנגע, לייגט ארייַנ אינ איר אָדער זיינ ארבעט, ווענ ער איז א פּאַשעטער ארבעטער, אָדער ער לייגט ארייַנ אינ איר זיינע געלט־מיטלענ אונ ווערט א מינ פּיי־מיטגליד, אנ אקציאָנער. דעריבער ווערט די ריינע האַכנאָסע פונ דער פאַלאַנגע אויכ אזוי פאַנאַנדערגעטיילט צווישנ ארבעט אונ קאַפּיטאַל: $\frac{1}{3}$ באַקומט דער קאַפּיטאַל, $2/3$ — די ארבעט אונ דער טאַלאַנט. דער כיילעק פונ „טאַלאַנט“ ווערט פאַנאַנדערגעטיילט לויט די פאַרדינסטנ נאָכ. אזוי־ארום איז כאָטש אינ זיינ פאַלאַנגע ווערנ פאַנאַנדערגעטיילט די פּראָדוקטנ לויט דער קוואַליטעט אונ קוואַנטיטעט פונ דער אָפּגעטאָנענער ארבעט, לאָזט פוריע דאָכ איבער די באַלוינונג פאַר די קאַפּיטאַליסטנ.

---

* א פאַלאַנגע האָט אינ אלטנ גריכנלאַנד געהייסנ א פאָרמ פונ מיליטערישנ שלאַכטגעבוי. לויט פוריעס מיינונג, וועלנ פאַלאַנגעס זיינ די אָטריאַדנ, וואָס וועלנ שטורעמווייז צעשטערנ די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט.

אינ צענטער פונ יעדער פאלאנגע וועט זיכ געפינענ א פאלאנסטער — א גראנדיעזע צוזאמענוווינונג, מיט געזעלשאפטלעכע גאָרקיכנ, עסצימערס, ווארשטאטנ, שולנ, לייענזאלנ אאזוו. די פרוי וועט ווערנ גלייכבארעכטיקט מיטנ מאנ. די קינדער וועלנ באקומענ א געזעלשאפטלעכע דערציונג.

צו רעוואָלוציאָנערנ קאמפ, צו גוואלדטאט האט פוריע געפילט אנ עקל. פּאָליטישע טעטיקײַט האט ער געהאלטנ פאר אנ זומזינ און זײַנע פּלענער האט ער געהאָפט צו פארווירקלעכנ מיט דער הילפ פונ עפּעס א גוויר, וואָס וועט אים געבנ געלט אפ אײַנאָרדענענ א מוסטער-פאלאנגע. אינ משך פונ צענדליקער יאָרנ האט פוריע טאָגטעגלעכ, אינ באשטימטע שעה, אלצ אָפּגעוואַרט אפ דעמ מיליאָנער, וואָס זאָל וועלנ זײַנ דער באלטויווע פונ דער גאנצער מענטשהײַט.

פוריעס לערע איז געווענ דורכגעדרונגענ מיט א טיפנ מיטגעפיל צו די ארבעטנדיקע. אָבער די ראָליע פונעמ ארבעטער-קלאס, אלס א צעשטערער פונ דער אלטער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט און בויער פונ דער נײַער קאָמוניסטישער געזעלשאפט האָט פוריע ניט געזענ.

די גרונט-שטריכנ פונעמ אוטאָפּישנ סאָציאַליזמ

סענ-סימאָנ מיט זײַנע שילער און פוריע — אינ פראנקרײַכ, אָוענ — אינ ענגלאנד זײַנענ געווענ די גרונטלייגער פונעמ אוטאָפּישנ סאָציאַליזמ.* די סאָציאַליסטנ די אוטאָפּיסטנ האָבנ דאָפּקע אײַנגעזענ דאָס גאנצע בייז פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג און האָבנ שארפ קריטיקירט אלע אירע גרונטלאגנ, דאָס האָט מיטגעווירקט דעמ וווּקס פונעמ קלאסנ-באוווּסטזײַנ בא די ארבעטער. די נוצלעכע ראָליע פונ די סאָציאַליסטנ די אוטאָפּיסטנ האָט זיכ ניט באגרענעצט בלויז מיט זייער נעגאטיווער קריטיק פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט, וואָס האָט דערצויגנ דעמ פּראָלעטאריאט. זיי האָבנ אויכ געגעבנ א ריי פּאָזיטיווע אויספירנ וועגנ דער צוקונפטיקער געזעלשאפט, וואָס האָבנ אינ א נעפּלהאפטער פאָרמ אויסגעדריקט די פּאָדערונג צו פארניכטנ די קלאסנ, פארניכטנ דעמ קעגנזאצ צווישנ שטאָט און דאָרפ, פארניכטנ די פאמיליע, דאָס פּריוואט-אייגנטומ, די לוינארבעט, פארוואנדלענ די מעלוכע אינ א פּאָשעטער פארוואלטונג פונ דער פּראָדוקציע — די דאָזיקע אלע אויספירנ האָבנ אינדערעמעסנ באטײַט די פּאָדערונג צו פארניכטנ די עקספּלואטאטערישע קלאסנ, כאָטש די אוטאָפּיסטנ האָבנ דאָס גאָרניט געמיינט.

די סאָציאַליסטנ די אוטאָפּיסטנ האָבנ אָפּנ די דאָזיקע פּאָדערונג ניט ארויסגערוקט, ווײַל זיי האָבנ ניט געזענ פאר זיכ ניט דעמ וועג צומ קאָמוניזמ, ניט דעמ קלאס, וואָס וועט דורכמאכנ דעמ דאָזיקנ איבערגאנג, און דעמ איבערגאנג גופע האָבנ זיי מערסטנטייל זיכ אויכ פאָרגעשטעלט ניט ווי קיינ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, נאָר ווי א פרידלעכע, ביסלעכווײַזע ארײַנוואקסונג פונעמ סאָציאַליזמ אינ דעמ קאפּיטאליזמ ארײַנ.

דער אוטאָפּישער סאָציאַליזמ האָט ניט געקאָנט אָנווײַזנ דעמ ווירקלעכנ אויסוועג. „ער האָט ניט געקאָנט ניט דערקלערנ דעמ טאָכ פונ דער לוינ-שקלאפערײַ באמ קאפּיטאליזמ, ניט אנטדעקנ די געזעצנ פונ זײַנ אנטוויקלונג, ניט געפינענ יענע געזעלשאפטלעכע קראפט, וואָס איז פייִק צו ווערנ דער שעפער פונ דער נײַער געזעלשאפט" (לענינ).

---

* דאָס וואָרט „אוטאָפּיע" באטײַט א ניט-עקזיסטירנדיק אָרט. אוטאָפּיש, הייסט אזוינס, וואָס קאָנ ניט אויסגעפירט ווערנ.

די סאָציאַליסטנ די אוטאָפּיסטנ האָבנ געמיינט, אז עס איז גענוג אָנצו־ווײַזנ די פעלערנ פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג אונ אָנמאָלנ דאָס בילד פונ אנ אידעאַלער געזעלשאַפט, ווען די מענשנ אַלײנ אריבערגײנ צו איר. ניט אינ די עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגענ, נאָר בלויז אינ די מויכעס פונעמ מענטשנ האָט, לויט זייער מיינונג, געזאָלט פאָרקומענ די גרונטלעכע איבערקערעניש.

די אַלצ באַזיגנדיקע קראַפט פונ געדאַנק, פונ א י ד י י — זי איז עס, לויט דער מיינונג פונ די אוטאָפּיסטנ, דער גרונט־באַוועגער פונ דער געשיכטע. דער דאָזיקער א י ד ע א ל י ז מ איז א כאַראַקטעריסטישער שטריכ בא די אוטאָפּיסטנ, וואָס האָבנ ניט באַנומענ דעמ קלאַסנקאַמפּ אונ די ראָליע פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ האָבנ געהאָפט אפנ קויעכ פונ איבערצײַגונג, פּראָפּאַגאַנדע אונ דירעקטנ בײַשפּיל. מיט דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונעמ קלאַסנקאַמפּ אונ מיט דער זעלבשטענ־דיקער פּאָליטישער אַרויסטרעטונג פונעמ פּראָלעטאַריאַט פאַרלירט דער אוטאָפּי־שער סאָציאַליזמ זײַנ אַמאָליקע באַדײַטונג. אויב די גרויסע אוטאָפּיסטנ — סענ־סימאָנ, פוריע, אָוענ — זײַנענ געווענ אינ אַסאַך הינזיכטנ רעוואָליוציאָנער, האָבנ אָבער זייערע שילער אַלעמאָל פאָרגעשטעלט מיט זיכ רעאַקציאָנערע סעקטעס. אינ דער עפּאָכע, ווענ דער קלאַסנקאַמפּ פונעמ פּראָלעטאַריאַט קעגנ דער בורזשואַזיע ווערט אַלצ פאַרשאַרפט, פּרוּװנ זיי נאָכ אַלצ שאַלעמ מאַכנ צווישנ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ אונ אינ דער נײַער היסטאָרישער סיטואַציע האַלטנ זיי זיכ נאָכ פעסט בא די פאַרעלטערטע סיסטעמענ פונ זייערע לערער, וואָס קאָנענ נאָכ דער אַנט־פּלעקונג פונעמ רעוואָליוציאָנערנ מאַרקסיזמ שפּילנ בלויז א רעאַקציאָנערע ראָליע.

18. די רעוואָליוציע פונ 1830 אונ די עפּאָכע פונ דער יולער מאָנאַרכיע (1830 — 1848)

די יולער רעוואָ־ליוציע פונ 1830 יאָר

די בורבאָנענ האָבנ מיט זייער פּאָליטיק, וואָס איז געפירט געוואָרנ אינ די אינטערעסנ פונ דער ערדבאַזיצערישער אַריס־טאָקראַטיע, אַרויסגערופנ אַלצ מער אונ מער אומצופרידנקײַט בא די ברייטע שיכטנ בורזשואַזיע, פויערטומ אונ אַרבעטער.

קאַרל X, וואָס איז געקרוינט געוואָרנ נאָכנ טויט פונ זײַנ ברודער לוי XVIII, איז געווענ דער פירער פונ די אַדעליקע עמיגראַנטנ; ער האָט באַ־שלאָסנ אָנ שומ טערוצימ באַפרידיקנ זייערע פאָדערונגענ. קעדיי אויסצוצאָלנ די פּריצימ־עמיגראַנטנ די מיליאַרדישע באַלוינונג, האָט די רעגירונג אַראָפּגעזעצט די פּראָצענטנ, וואָס זי האָט געצאָלט פאַר מעלוכישע פּאַ־פּירנ. אינ יול 1830 יאָר האָט קאַרל X, אַרויסגעגעבנ עטלעכע באַפעלנ, דורכ וועלכע ער האָט פאַרמאַכט די אָפּאָזיציאָנעלע צײַטונגענ, פאַנאַנדערגעלאָזט די דעפּוטאַטנ־פּאַלאַטע אונ האָט נאָכ מער פאַרשמעלערט דאָס וואַלרעכט, איבערלאָזנדיק עס בלויז פאַר גרויסע ערדבאַזיצער. די דאָזיקע מאָסמיטלענ האָבנ אַרויסגערופנ א פּראָטעסט מיצאַד דער גרויס־בורזשואַזיע. די בירזשע האָט אפ זיי געענטפערט מיט אַראָפּוואַרפנ דעמ קורס פונ די מעלוכישע פּאַפּירנ. דאָכ האָט די בורזשואַזיע

אפילע ניט געטראכט צו לאָזן זיך אפּן וועג פון רעוואָליוציע, ווײַל זי האָט מוירע געהאט פארן פאָלק א סאך מער, איידער פארן קיניג.

די ערשטע זײַנען ארויס אין גאס די זעצער פון די דרוקערײַען פון די פארמאכטע צײַטונגען, וואָס זײַנען געבליבן אָן ארבעט. אפּ מאָרגן נאָך דעם, ווי מע האָט ארויסגעלאָזט די קיניגליכע באפעלן, זײַנען אין די ארבעטער־ראיאָנען פון פּאריזש אויסגעבויט געוואָרן באריקאדן. אפּ זיי האָבן זיך געשלאָגן בא 10 טויזנט ארבעטער, האנטווערקער, לערניוגנט. אין די גאסן האָט מען קעסיי־דער געזונגען די מארסעליעזע,* עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען: „אראָפּ די בורבאָנען!" די זשאנדארמען און די פּאָליצײַ האָבן פאנאנדערגעטריבן דעם האמוין, דאָס קיניגלעכע מיליטער האָט צעשטערט די באריקאדעס, אָבער זיי זײַנען אפּסנײַ אנטשטאנען, און פון די פענצטערלעך פון די שמאָלינקע גאסן זײַנען געפלויגן קוילן, האָבן זיך געשאָטן שטיינער און ציגל. מיט בלוטיקע שלאכטן האָבן די אופשטענדלער פארכאפּט דאָס ראטהויז ** און דעם קיניגלעכן פּאלאַץ. דאָס מיליטער איז טיילווײַז אריבערגעגאנגען אפּ דער זײַט פון די אופּ־שטענדלער און טיילווײַז פארלאָזט די שטאָט. דער קיניג איז אנטלאָפן. די אופּ־שטענדלער האָבן געזיגט.

אָבער די ארבעטער, האנטווערקער און קליינבורזשואזיע, וואָס האָבן זיך גע־שלאָגן אפּ די באריקאדעס, האָבן ניט באוויזן אויסצוניצן די פּרוכט פון זייער ניצאָכן. גענאָסן פון די ניצכוינעס האָט די גרויס־בורזשואזיע, וואָס האָט מוירע געהאט פארן פאָלק און געציטערט אפילע פארן וואָרט „רעפּובליק". די פי־נאנציעלע קרײַזן האָבן אוועקגעזעצט אפּן טראָן לוי־פיליפּ, דעם אָרלעאנער הער־צאָג, א קאָרעוו פון די בורבאָנען. ער איז געווען ענג פארבונדן מיט די פינאנ־ציעלע קרײַזן. „לוי־פיליפּ — איז די בעסטע רעפּובליק", — האָט דער אלטער גענעראל לאפײַעט געמאָלדן מיט איראָניע די קעמפער פון די באריקאדן. די בורזשואזיע, וואָס איז געווען אויסגעצייכנט אָרגאניזירט, האָט פולשטענדיק אויס־גענוצט דעם ניצאָכן פונעם ניט־אָרגאניזירטן און נאָך ניט גענוג קלאסנבאוווּסט־זיניקן פּראָלעטאריאט, זי האָט אים ניט געגעבן קיין שום האנאָכעס אפילע אין דער פאָרם פון אײַנשטעלן א בורזשואזע רעפּובליק. אין פראנקרײַך איז אײַנגע־שטעלט געוואָרן א בורזשואזע מאָנארכיע.

די דערפארונג פון דער רעוואָליוציע אין 1830 יאָר האָט א סאך אָנגעלערנט די ארבעטער; זיי האָבן אָנגעהויבן צו פארשטיין, אז די בורזשואזיע ניצט זיי אויס פּאָשעט ווי א געצײַג אפּ צו דערגרייכן אירע קלאסן־צילן. נאָך דער רעוואָליוציע פון 1830 יאָר זײַנען די ארבעטער געוואָרן פּאָליטיש א סאך מער זעלבשטענדיק.

די יולער רעוואָליוציע פון 1830 יאָר האָט א סאָפּ געמאכט צו די פּרוון פון דער פּריצישער רעאקציע אופצולעבן די אלטע אָרדענונג. זי האָט פארפע־סטיקט די בורזשואזע אָרדענונג, אָבער צו דער מאכט איז געקומען ניט די גאנצע בורזשואזיע, נאָר בלויז איר אויבערשיכט — די באנקירישע, פינאנציעלע בורזשואזיע.

---

* א רעוואָלוציאָנערע ליד פון די צײַטן פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע.

** די געבײַדע פון דער שטאָטישער זעלבסטפארוואלטונג.

די פראַנצויזישע רעוואָליוציע פונ 1830 יאָר האָט די ערשטע דורכגעבראָכנ די וואַנט פונ דער פעאָדאַלער רעאַקציע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ אייראָפּע נאָכנ ווינער קאָנגרעס. אינ איטאַליע, בעלגיע, פוילנ קומענ פאָר רעוואָליוציאָנערע באַוועגונגענ. די אומרוענ האָבנ פאַרכאַפּט אויכ א ריי דײַטשישע פירשטנטומס. אינ ענגלאַנד פירט דער אַרבעטער־קלאַס א קאַמפ פאַר אַלגעמײַנעמ וואַלרעכט.

די יולער מאָ־נאַרכיע — די הערשאַפט פונ די באַנקירנ (די יאָרנ 1830—1848)

„ווענ דער ליבעראַלער באַנקיר לאַפיט האָט נאָכ דער יולער רעוואָליוציע פײַערלעכ אַרויסבאַגלייט אינ ראַטהויז אַרײַנ זײַנ מעכוטנ, דעמ אָרלעאַנער הערצאָג, האָבנ זיכ בא אימ אַרויסגעכאַפּט אַזעלכע ווערטער: „פונ איצט אָנ וועלנ הערשנ די באַנקירנ”. לאַפיט האָט אויסגעזאָגט דעמ סאָד פונ דער רע־וואָליוציע” (מאַרקס) ווירקלעכ, די יולער מאָנאַרכיע * איז געווענ די הערשאַפט פונ דער פינאַנציעלער אַריסטאָקראַטיע אונ פונ דער גרופּע „פעאָדאַלנ פונ דער אינדוסטריע”, וואָס איז מיט איר געווענ פאַר־בונדנ — די אײַזנבאַנ־קיניגנ, קוילנ-באַראָנענ, אייגנטימער פונ אײַזנגרובנ אונ א טייל גרויסע ערדבאַזיצער, וואָס איז אויכ צוגעשטאַנענ צו זיי. אָט די קליקע איז „געזעסנ אָפנ טראָנ, זי האָט דיקטירט די געזעצנ אינ די פאַלאַטעס, זי האָט פאַנאַנדערגעטיילט די מעלוכישע שטעלעס” (מאַרקס).

„א געזעצלעכ לאַנד”

דעפּוטאַטנ אינ דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג האָבנ בלויז גווירימ געוויילט. שטימרעכט האָט געהאַט בלויז דער, וואָס האָט יערלעכ געצאָלט ניט ווייניקער פונ 200 פראַנק דירעקטע שטײַערנ; קעדיי צו ווערנ אַלײנ אויסגעוויילט, האָט מענ געדאַרפט צאָלנ יערלעכ ניט ווײ־ניקער ווי 500 פראַנק שטײַערנ.

פונ דער 34-מיליאָניקער באַפעלקערונג האָבנ אינ פראַנקרײַכ ניט מער ווי 240 טויזנט מענטשנ זיכ געקאָנט באַטייליקנ אינ די וואַלנ. אָט די שמאָלע קרײַזנ ווײלער האָבנ באַקומענ דעמ כויזעקדיקנ צונאָמענ — „דאָס געזעצלעכ לאַנד”. אָפ אַלע פאָדערונגענ צו פאַרברייטערנ דעמ קרײַז ווײלער האָט לוי־פיליפּס מיניסטער—גיזאָ — געהאַט געגעבנ דעמ אומפאַרשעמטנ ענטפער: „ווערט רײַכ, וועט איר זײַנ ווײלער!”

קעדיי צו זײַנ זיכער מיט א מערהײַט אינ די פאַלאַטעס, האָט די רעגירונג זיכ ברייט באַניצט מיט דער סיסטעמ פונ אונטערקויפנ: סײַ דעפּוטאַטנ סײַ ווײ־לער פלעגנ באַקומענ פעטע שטעלעס, גוטע פענסיעס, מאַטאָנעס אאַוו. לוי־פיליפּ אַלײנ האָט באַטראַכט זײַנ קרוינ, ווי א קוואַל פונ האַכנאָסעס.

„די יולער מאָנאַרכיע איז געווענ ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַנ אַקציאָנערע קאָמפּאַניע אָפ עקספּלואַטירנ די פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע רײַכטימער: די די־ווידענדנ ** פלעגנ טיילנ צווישנ זיכ די מיניסטאָרנ, די פאַלאַטעס, די 240 טויזנט ווײלער מיט זייערע אונטערלעקער. לוי־פיליפּ איז געווענ דער דירעקטער פונ דער דאָזיקער קאָמפּאַניע”, — אַזוי שרײַבט מאַרקס וועגנ דער רויבערישער אומפאַר־שעמטער פּאָליטיק פונ אייגענער באַרײַכערונג, וואָס עס האָט געפירט דאָס רע־

---

* די מאָנאַרכיע פונ לוי-פיליפּ האָט מענ גערופנ יולער דערפאַר, ווײַל מע האָט זי אײַנגעשטעלט אינ יול 1830 יאָר.

** דיווידענדנ — רעווע פונ די אַקציעס.

גירנדיקע הײַפּל. עס זײַנען געוואקסנ אקציאָנערע געזעלשאפטנ, בענק, עס זײַנענ אופגעקומענ אײַזנבאנ־קאָמפּאניעס, וואָס האָבנ געקראָגנ גרויסע האלוואָעס בא דער מעלוכע. די אָנזאמלונגענ פונ די קלײנע פּײַ־מיטגלידער זײַנענ ארײַנגעפאלנ צו די גרויסע געלט-מאגנאטנ אינ די הענט. עס זײַנענ געשלאָסנ געוואָרנ מעלו-כישע האלוואָעס, וואָס האָבנ ארײַנגעטראָגנ קאָלאָסאלנ רעוועכ די באנקירנ אונ געפאלנ ווי א שווערע לאסט אפ די פּלײצעס פונ די ארבעטנדיקע. דאָס גאנצע באאמטנטום פונ דער יולער מאָנארכיע האָט זיכ אויסגעצײכנט מיט זײַנ פארקויפטקײַט אונ כאבאר. די אָנפירנדיקע קנופּיע איז רײַכ געוואָרנ אפנ כעזשבנ פונ בארויבנ די קאָלאָניעס.

אינ דער עפּאָכע פונ דער יולער מאָנארכיע פארכאפּט פראנקרײַכ אלזשיר אונ א רײ אינדזלענ אפנ אינדישנ אָקעאנ. זײַנ פּאָליטיק רופט ארויס אנ אלצ שארפערע אומצופרידנקײַט ניט בלויז באַם קלײנבירגערטום, בא די פּויערים אונ ארבעטער, נאָר אויכ בא די ברײטע שיכטנ פונ דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, וואָס איז געוואקסנ צוזאמענ מיטנ וווקס פונ דער פראנצויזישער אינדוסטריע.

די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אינ פראנקרײַכ

די יאָרנ פונ דער יולער מאָנארכיע (1830—1884) איז אינ פראנקרײַכ געוועזנ יענע צײַט, ווענ דער גאנג פונ דער קאפּי-טאליסטישער אנטוויקלונג האָט זיכ באדײַטנדיק פארגיכערט די אינדוסטריעלע איבערקערעניש האָט פארכאפּט אײנ צווײַג פונ דער אינדוסטריע נאָכ דעמ אנדערנ. די מאשינ האָט געהאלטנ אינ אײנ ארויסשטויסנ אונ אונטערוואָרפנ צו זיכ די האנטווערקערײַ.

פאר 8 יאָר (פונ 1839 ביז 1847) האָט זיכ די צאָל דאמפ-מאשינעס אינ דער פראנ-צויזישער אינדוסטריע פארגרעסערט פונ 2½ ביז 5½ טויזנט. אמערסטנ האָט די מאשינ זיכ פארשפּרײט אינ דער בוימוואָל-אינדוסטריע. אָבער אויכ אינ דער זײַד-אינדוסטריע ווערנ אײַנגעפירט מעכאנישע וועב- אונ שפּינשטולנ אונ ס'ווערט ברײט אָנגעווענדט זשאקארס ווערק-שטעל, וואָס גיט א מעגלעכקײַט אויסצוועבנ יעטווידנ געמעל.

עס אנטוויקלט זיכ אויכ די שווערע אינדוסטריע. אינ 2½ מאָל פארגרעסערט זיכ דער ארויסבאקומ פונ אײַזנארצ, עס איז געוואָקסנ דער געברויכ פונ שטײנקוילנ, עס זײַ-נענ אויסגעבויט געוואָרנ אײַזנבאנענ. די ערשטע אײַזנבאנ אינ פראנקרײַכ איז געעפנט געוואָרנ אינ 1832 יאָר, אָבער אינ 1847 יאָר האָט שוינ די לענג פונ דער אײַזנבאנ-נעצ אריבערגעשטיגנ 1800 קילאָמעטער.

עס זײַנענ אויכ געוואָקסנ די אומזאצנ פונ דעמ אויסערלעכנ האנדל: פאר דער צײַט פונ דער יולער מאָנארכיע האָבנ זײ זיכ פארגרעסערט אינ 2 מאָל אונ האָבנ דערגרײכט ביז $2^1/_2$ מיליארד פראנק.

דאָכ איז די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אינ פראנקרײַכ פאָרגעקומענ ניט בלויז שפּעטער, נאָר אויכ א סאכ לאנגזאמער, אײדער אינ ענגלאנד.

פאר דער פארלאנגזאמטער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג פונ פראנקרײַכ איז זײער כאראקטעריסטיש דער גרויסער פּראָצענט דאָרפישע באפעלקערונג. אינדער-עמעסנ, נאָכ אינ יאָר 1846 האָבנ די דאָרפישע אײַנוווינער אויסגעמאכט בא דרײַ פערטל פונ דער גאנצער באפעלקערונג אינ פראנקרײַכ.

אָבער אינ דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט זײַנענ די פראנצויזישע פּויערים שוינ ווײַט ניט געווענ יענע זעלבשטענדיקע באלעבאטים, ווי נאָכ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע. דער אומפארמײַדלעכער פּראָצעס באַם קאפּיטא-

ליזם צו פאַרניכטן דעם פּויער, אלס דריבנעם זעלבשטענדיקן לאַנדווירטשאַפט-לעכן פּראָדוצירער, איז אויך פאָרגעקומען אין פראַנקרײַך.

פאָרמעל איז דער פראַנצויזישער פּויער געבליבן דער אייגנטימער פון זײַן ערד; ער איז געבליבן זיצן אַף „זײַן" ערדכיילעך. אָבער פאַקטיש, אין דער ווירקלעכקײַט איז ער שוין ניט געווען קיין זעלבשטענדיקער באַלעבאָס; ער האָט זיך געפונען אין דער קלעם באַם האַלוואָע- און וווכער-קאַפּיטאַל; זײַן ערדכיילעך איז געווען פאַרזעצט און איבערפאַרזעצט, און דער פּויער אַליין איז געווען גע-פּענטעט אין אַ נעץ פון כויוועס.

די שווערע שטײַערן, דירעקטע און אומדירעקטע, זײַנען ווי אַ שטיין אַפן האַלדז געהאַנגען אַף דער שוואַכער פּויערשער ווירטשאַפט. אַן אומגערעטעניש אָדער אַ וועלכער ס'איז אָפּהאַלט אינעם אָפּזאַץ פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פלעגן צווינגען דעם פּויער ארײַנצוקריכן אין כויוועס און פאַרזעצן דאָס שטיקל ערד אַף הויכע וווכערישע פּראָצענטן.

די כויוועס אַף די פאַרזעצטע פּויערשע ערדכאַלאָקים האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן. אינמיטן XIX יאָרהונדערט האָבן זיי שוין אריבערגעשטיגן איבער 11 מיליאָן פראַנק און האָבן אײַנגעשלונגען באַ איין דריטל פונעם פּויערטומס ריינער האַכנאָסע. דאָס צווייטע דריטל האָבן אופגעגעסן די מעלוכישע שטײַערן.

באַפרײַט פון אונטערן דרוק פונעם פעאָדאַליזם, איז דער פּויער ארײַנגעפאַלן אין די הענט צום פּראָצענטניק. אָבער מיט דער אײַנגעשפּאַרטקײַט פון אַ קליינ-אייגנטימער האָט ער זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט פאַרן קלוימערשט „אייגענעם" כיילעך, פאַר „זײַן" פּאַרצעלע * און איז מאַסקים געווען אַף די ערנסטע קנעכ-טישע באַדינגונגען, אבי נאָר אײַנהיטן דאָס דאָזיקע, מישטיינס געזאָגט, „אייגנ-טום", וואָס איז טיילמאָל געווען, ווי עס זאָגן די פראַנצויזן, ווי אַ „נאָזטיכל" די גרייס.

מיט דער שווערער לאַגע פונעם פּויערטום האָבן זיך באַניצט די גרויסע ערדבאַזיצער אין פראַנקרײַך. די פּריצים, וואָס זײַנען געבליבן זיצן אין פראַנק-רײַך אין די יאָרן פון דער רעוואָליוציע, די „רעסטאַווריַרטע סעניאָרן", וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין פראַנקרײַך צוזאַמען מיט די בורבאָנען, די גרויס-בורזשואַזיע, וואָס זהאָט זיך אָנגעקויפט מאַיאָנטקעס נאָך אין דער עפּאָכע פון דער גרויסער רעוואָליוציע, — זיי אַלע פלעגן אָפּגעבן אין ארענדע די ערד דעם שכיינעס-דיקן קנאַפּערדיקן פּויערטום אַף שווערע פאַרשקלאַפנדיקע באַדינגונגען.

צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם איז אויך געוואַקסן די פאַנאַנדערשיכטונג פונעם פּויערטום. פון איין זײַט, האָבן זיך פון אים אויסגעשיידט באַלעגופישע שיכטן, דאָרפישע גווירים. דער באַלעגופישער אויבערשיכט פון דאָרף באַניצט זיך מיט די וואַקסנדיקע פּרײַזן אַף ברויט און אַף אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און ווענדט אָן אַלץ מער און מער לוינאַרבעטער, פאַרבעסערט די באַאַרבעטונג פון דער ערד, שאַפט זיך אײַן ראַסן-פי.

פון דער צווייטער זײַט, ווידער, זײַנען די שיכטן אין דאָרף, וואָס די אונט-

* פּאַרצעלע — אַ קליינער ערדביילעך.

וויקלונגנ פונעמ קאפיטאליזמ האָט רויִנירט, פארוואנדלט געוואָרנ אינ באטראקעס אָדער אינ א קנאפּעדיקנ „קארליקאָוונ" פויערטומ. אזוי איז אפ 7—8 מיליאָנ פויערימ „אייגנטימער" אויסגעקומענ העכער 3 מיליאָנ פויערימ, וואָס האָבנ שוינ קיינ שטייערנ ניט געצאָלט אלס ניט־פארמעגלעכע.

דאָס, וואָס די פאבריק האָט ארויסגעשטויסנ די קוסטאר־געווערבנ, האָט אויכ פארערגערט די לאגע פונ די פויערימ, אָפּנעמענדיק בא זיי דעמ זייטיקנ פארדינסט.

נאָר די פויערימ זיינענ געגאנגענ אפ יעטווידער אראָפּזעצונג פונ זייער פארדינסט, אפ יעטווידער אראָפּזעצונג פונ זייער לעבנ־ניוואָ, אבי נאָר בלייבנ בא „זייער" שטיקל ערד.

אונ די דאָזיקע לעבעוודיקייט פונעמ פויער דעמ קוסטאר האָט, פונ איר זייט, פארלאנגזאמט די אנטוויקלונג פונ דער גרויסער אינדוסטריע אינ פראנקרייכ אונ האָט פארצויגנ דעמ אומפארמיידלעכנ פראָצעס פונ ארויסשטויסנ די דריבנע פראָדוקציע דורכ דער גרויסער מאשינ־אינדוסטריע.

בא אזא שווערער לאגע, וואָס האָט זיכ געהאלטנ אינ איינ פארערגערנ, איז באמ פויערטומ, נאטירלעכ, געוואָקסנ די אומצופרידנקייט מיט די פּאָראָנדקעס פונ דער יולער מאָנארכיע.

אָבער די פויערימ, וואָס האָבנ געבילדעט די גרונט־מאסע פונ דער באפעלקערונג אינ פראנקרייכ, זיינענ דאָכ ניט געווענ פייִק אליינ צו באשיצנ זייערע אייגענע אינטערעסנ.

„אפ וויפל דאָס קליינ-פויערטומ לעבט אינ אזעלכע עקאָנאָמישע אומשטאנדנ, וואָס לייגנ ארופ אנ אלגעמיינעמ שטעמפל אפ זיינ ארט לעבנ, אפ זיינע אינטערעסנ אונ אפ זיינ גייסטיקער אנטוויקלונג אונ זיי שטעלנ אימ דערמיט אליינ אוועק אינ א פיינטלעכער באציִונג צו אנדערע קלאסנ — בילדעט עס א קלאס. אפ וויפל אָבער צווישנ די קליינ-פויערימ עקזיסטירט בלויז א לאָקאלע פארבינדונג אונ די אידענטישקייט פונ זייערע אינטערעסנ שאפט ניט צווישנ זיי קיינ געמיינזאמע נאציאָנאלע פארבינדונג, קיינ אלגעמיינע פּאָליטישע אָרגאניזאציע — בילדנ זיי ניט קיינ קלאס. זיי זיינענ דעריבער ניט פייִק צו פארטיידיקנ זייערע קלאסנ־אינטערעסנ אינ זייער אייגענעמ נאָמענ, זאָל דאָס זיינ דורכנ פארלאמענט אָדער דורכנ קאָנווענט" (מארקס).

אפ וויפל דער פויער באארבעט אליינ זיינ ערד, אפ אזויפיל געהערט ער צו די ארבעטנדיקע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג אונ איז גרייט צו האלטנ פאר זיינ אָנפירער דעמ ארבעטער־קלאס. אפ וויפל אָבער ער איז אנ אייגנטימער אונ וויל פאטיידיקנ זיינ לאגע, טאקע אלס לאגע פונ אנ אייגנטימער, — אפ אזויפיל ציט עס אימ צו דער בורזשואזיע. אונ נאָר ווענ דער ארבעטער־קלאס אונ זיינ פארטיי פירנ בענעגייע דעמ פויערטומ א ריכטיקע ליניע, קאָנ דער פראָלעטאריאט ארויסטרעטנ אלס אָנפירער (העגעמאָנ) אינעמ קאמפ פונ אלע ארבעטנדיקע קעגנ די רעשטלעכ פונעמ פעאָדאליזמ, קעגנ דער זעלבסטהערשונג אינ דער עפּאָכע פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָלוציע.

און „אַפֿ וויפֿל דעם פּראָלעטאַריאַט געלינגט ניט אָנצופֿירן מיט דער רעוואָליוציע — שטעלט זיך די דאָזיקע קראַפֿט שטענדיק אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער בורזשואַזיע״ (לענין).

די וואַקלונגען פֿון דער שטאָטישער קליינבורזשואַזיע

אַזוי ווי די מעלאָכע און די מאַנופֿאַקטור האָבן אין פֿראַנקרײַך אַרויסגעוויזן לעבעודיקײַט, איז נאָך זייער גרויס געווען אין פֿראַנקרײַך אויך דער שיכט שטאָטישע קליינבורזשואַזיע — הענדלער, קרעמער, האַנטווערקער, קוסטאַרן, באַלעבאַטים פֿון ניט קיין גרויסע וואַרשטאַטן אאַוו. זייער לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. פֿון איין זײַט, האָט אַפֿ זיי געדריקט דער גרויסער קאַפּיטאַל — די באַנקירן, די זאַוואָד-אייגנטימער. די גרויסע קראָמען האָבן אַרויסגעשטויסן די קליינע קרעמלעך; די פֿאַבריקן און זאַוואָדן האָבן אַרויסגעשטויסן די האַנטווערקערישע וואַרשטאַטן. דער דרוק פֿון די וואַקסנדיקע שטײַערן איז אַלץ געוואָרן אומדערטרעגלעכער. די אַמווייניקסטן באַזאָרגטע שיכטן פֿון דער קליינבורזשואַזיע זײַנען רויִנירט געוואָרן, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַרבעטער. פֿונדאַנען שטאַמט די פֿײַנטשאַפֿט זייערע צו דער גרויסבורזשואַזיע, וואָס באַזיגט זיי און שטויסט זיי אַרויס, די וואַקסנדיקע אומצופֿרידנקײַט זייערע קעגן דער רעגירונג פֿון לוי-פֿיליפּ, וואָס טוט דעם ווילן פֿון די באַנקירן. אָבער, פֿון דער צווייטער זײַט, האָט די קליינבורזשואַזיע אַפֿ פֿאַרשיידענערליי אופֿאַנים געשטרעבט צו פֿאַרפֿעסטיקן איר לאַגע, אַלס קליינע באַלעבעסלעך; אירע פֿאָרשטייער האָבן ניט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג דורכצושלאָגן זיך אין די רייען פֿון דער בורזשואַזיע, לויטן בײַשפּיל פֿון אייניקע זייערע מער גליקלעכערע כאַווײרים. אָט פֿאַרוואָס די קליינבורזשואַזיע האָט זיך געשראָקן פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט מיט זײַנע סאָציאַליסטישע אידייען, מיט זײַן שטרעבונג צו פֿאַרניכטן דאָס פּריוואַט-אייגנטום. פֿונדאַנען נעמט זיך די ניט-שטאַנדהאַפֿטיקײַט, די וואַקלדיקע ראָליע פֿון דער קליינבורזשואַזיע.

די דאָזיקע וואַקלענישן האָבן זיך שאַרף אַרויסגעוויזן אין דער רעוואָליוציע פֿון 1848 יאָר.

דער פֿירער פֿון דער קליינבורזשואַזיע איז אין די 30-ער—40-ער יאָרן פֿון XIX יאָרהונדערט געווען דער מיטגליד פֿון דער דעפּוטאַטן-פּאַלאַטע לעדרו-ראָלען. פֿאָדערנדיק אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אַלגעמיינע וואַלרעכט, פּראָגרעסיווע האַכנאָסע-שטײַער און אַן אַלגעמיין-צוטריטלעכן קרעדיט, האָט ער עפֿנטלעך דערקלערט: „איך בין ניט קיין קאָמוניסט, איך האַס די קאָמוניסטן״.

די אַרבעטער-באַוועגונג

די לאַגע פֿונעם אַרבעטער-קלאַס איז אין פֿראַנקרײַך אין דער עפּאָכע פֿון דער יולער מאָנאַרכיע געווען זייער אַ שווערע. ניט זעלטן פֿלעגט דער אַרבעטסטאָג געדויערן מער ווי 15 שאָ. עס איז געגאַנגען אַן אומדערבאַרעמדיקע עקספּלואַטאַציע פֿון פֿרויען- און קינדער-אַרבעט. דער איינציקער עקזיסטירנדיקער געזעץ וועגן אַרבעטשוץ, וואָס האָט באַגרענעצט די אַרבעט פֿון מינדעריאָריקע ביז 12 שאָ, איז אײַנדערעמעסן ניט אָפּגעהיט געוואָרן. דער אַרבעטלוין איז געווען אַזוי נידעריק, אַז די מאַסן אַרבעטער האָבן געהונגערט און קוים זיך דורכגעלעבט.

באַזונדערס האָבן די אַרבעטער שווער געליטן פֿון דער אַרבעטלאָזיקײַט אין די יאָרן

פון אינדוסטריעלע קריזיסן, ווען עס פלעגן זיך אָפשטעלן א סאך פאבריקן און זאוואָדן. דער פארבאָט צו שטרייקן און צו אָרגאניזירן פאריינען איז געבליבן אין קראפט. לוי-פיליפס רעגירונג האָט זיך האַרב צערעכנט מיט דער ארבעטער-באוועגונג. דאָך איז די ארבעטער-באוועגונג געוואָקסן. מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט זיך פארגרעסערט די אלגעמיינע צאָל ארבעטער, עס זיינען געוואָקסן די קאדרען פונעם פאבריק-זאוואָדישן פראָלעטאריאט, כאָטש די מערהייט ארבעטער האָט נאָך אלץ געארבעט אין קליינע אונטערנעמונגען און אין האנטווערקערישע ווארשטאטן.

אין פעריאָד פון דער יולער מאָנארכיע טרעט ארויס דער ארבעטער־קלאס שוין א סאך מער אָרגאניזירט. אָנשטאָט צו בונטעווען זיך קעגן די מאשינעס, הייבן די ארבעטער אָן צו שטרייקן און פאָדערן צו פארקירצן דעם ארבעטסטאָג און העכערן דעם ארבעטלוין. צווישן די ארבעטער וואקסן די געזעלשאפטן פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס נעמען אפ זיך צייטנווייז די אָנפירונג מיט די שטרייקן.

די ליאָנער אופשטאנדן (1831 און 1834 יאָרן)

די סאמע באדייטנדיקסטע געשעענישן אין דער ארבעטער-באוועגונג פון די 30־ער יאָרן זיינען געווען די ליאָנער אופשטאנדן פון 1831 און 1834 יאָרן. אין דער ליאָנער זייד־אינדוסטריע האָט נאָך דאָמינירט די מאנופאקטור, באזירט אפ האנטארבעט. די גרויסע אופקויפער פלעגן באזאָרגן מיט רויווארג עטלעכע הונדערט „פאבריקאנטן", וואָס פלעגן, פון זייער זייט, פאנאנדערטיילן באשטעלונגען צווישן 8000 באלעבעסלעך פון ניט קיין גרויסע ווארשטאטן, ווו עס האָבן געארבעט ארבעטער־געזעלן און לערנייִנגלעך. די אלגעמיינע צאָל זייערע האָט דערגרייכט ביז 30 טויזנט. די אופקויפער און „פאבריקאנטן" האָבן אכזאָריעסדיק עקספלואטירט סיי די באלעבעסלעך סיי די ארבעטער. דאָס ארבעטן האנט בא האנט בא איין ווארשטאט, די אלגעמיינע סינע קעגן די אופקויפער און „פאבריקאנטן" האָט דערנענטערט די באלעבאטים פון די ניט גרויסע ווארשטאטן מיט זייערע ארבעטער, האגאם די קליינע באלעבאטים האָבן זיך אויך געפרווט ארויבערלייגן אפ די פלייצעס פון די ארבעטער די שווערקייט פון דער עקספלואטאציע, וואָס זיי אליין האָבן געהאט אויסצושטיין פון די „פאבריקאנטן".

דער ארבעטלוין פון די ליאָנער וועבער איז געווען זייער א נידעריקער. און אין 1831 יאָר האָבן די ארבעטער-געזעלן און די מייסטערס די באלעבאטים געפאָדערט פון די „פאבריקאנטן" אייַנצושטעלן א גרענעץ, וואָס נידעריקער פון אים זאָל מען ניט טאָרן ארָאפלאָזן דעם ארבעטלוין. די „פאבריקאנטן" האָבן צוערשט געהאט מאסקים געווען אייַנצושטעלן אזא „טאריף", אָבער גאָר אינגיכן האָבן זיי זיך אָפגעזאָגט אים אויסצופילן. אפ דעם האָבן די ליאָנער וועבער געענטפערט מיט א שטרייק. דערצאָרנטע האָבן די ארבעטער מאסנווייז געשפאנט איבער דער שטאָט. אָטריאדן פון דער בורזשואזער נאציאָנאלער גווארדיע האָבן באגעגנט די פראָצעסיע פון די ארבעטער מיט א ביקסן-שיסעריי. דאָס איז געווען א סיגנאל צום אופשטאנד (21־טן נאָיאבער 1831 יאָר). „צום געווער"! — האָבן געשריִען די ארבעטער, בויענדיק באריקאדעס. אפ די פאָנען פון די אופגעשטאנענע זיינען געווען אָנגעשריבן די ווערטער: „לעבן ארבעטנדיק, אָדער שטארבן קעמפנדיק!" קעגן די ארבעטער האָט מען ארויסגעשיקט מיליטער און אויך אָטריאדן פון דער נאציאָנאלער גווארדיע, וואָס זיינען באשטאנען פון „פאבריקאנטן". אין אן אָפענער דריי־טאָגיקער שלאכט האָבן די ארבעטנדיקע זיך געשלאָגן קעגן די עקספלואטא-

טערס. די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט מיט א ניצחון פון די ארבעטער: דאָס מיליטער האָט מען ארויסגעפירט פון ליאָן.

אָבער די ארבעטער האָבן ניט אויסגענוצט זייער ניצחון. אין ליאָן האָט מען איבערגעלאָזט די פריערדיקע שטאָטישע מאכט. די פרוּוון פון די מער פאָרגע-שריטענע ארבעטער זיך צו פאַרבינדן מיט די רעפּובליקאַנער, קעדיי צוגעבן דעם אופשטאַנד א פּאָליטישן כאַראַקטער, ווענדן אים קעגן דער רעגירונג, ארעסטירן די אָרטיקע מאכט, — די דאָזיקע פרוּוון האָבן געליטן א דורכפאַל. די אָנפירונג מיטן קאמף האָבן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט די באַלעבאָסלעך, וואָס האָבן אַפּ פאַרשיידענע אופאַנים זיך באַמיט צו באַגרענעצן די באַוועגונג בלויז מיט עקאָנאָמישע פאָדערונגען און וואָס גיכער קומען צו אַן אויס־גלייַך מיט די „פאַבריקאַנטן". דורך זייערע אונטערהאַנדלונגען מיט דער מאכט האָבן זיי אָפּגעשוואַכט דעם אופשטאַנד. אויסגעלאָזט האָט זיך אַזוי, אַז ווען צו ליאָן איז צוגע-קומען נייַע רעגירונג־מיליטער, האָבן די ארבעטער זיך אונטערגעגעבן אָן א שלאַכט און האָבן זיך צוריקגע־קערט צו דער ארבעט. אַזוי־אַרום האָט דער ערשטער ליאָנער אופ־שטאַנד פון 1831 יאָר באַוויזן די ניט-צוגעגרייטקייַט פונעם ארבע-טער-קלאַס צו פאַרכאַפּן די מאכט. אָבער ער האָט שאַרף אונטערגע־שטראָכן דעם אָפּגרונט, וואָס ליגט צווישן דער ארבעט און דעם קאַ-פּיטאַל, און איז געוועזן דער אָנ־הייב פון דעם ווייַטערדיקן פאַנאַנ־דערוויקלען דעם קאמף פונעם ארבעטער־קלאַס.

דער ליאָנער אופשטאַנד אין 1831 י.

דער צווייטער אופשטאַנד פון די ליאָנער ארבעטער אין 1834 יאָר האָט באַוויזן, ווי הויך עס איז פאַר די דרייַ יאָר געשטיגן דער קלאַסן-באַוווסטזייַן באַם פּראָלעטאַריאַט. צוגלייַך מיט די געזעלשאַפטן פון קעגנזייַטיקער הילף, וואָס האָבן פאַראייניקט די באַלעבאַטים פון די קליינע ווארשטאַטן, האָט שוין עקזיסטירט א באַזונדערע געזעלשאַפט פון ארבעטער-געזעלן. אין דער ארבעטער-סוויווע זייַנען שוין אַרייַנגעדרונגען אויך סאָציאַליסטישע אידייען און שטרעבונגען צו א רעפּובליק, וואָס זאָל קומען אַפּ לוי־פיליפּס אָרט. באַזונדערע פאָרגעשריטענע ארבעטער זייַנען שוין אַרייַנגעטראָטן אין די אונטערערדישע רעפּובליקאַנישע געזעלשאַפטן

א כוואַליע פונ אופרעגונג האָט בא די ארבעטער ארויסגערופנ דער געזעצ פונ 1834 יאָר, לויט וועלכנ עס זײַנענ פארמאכט געוואָרנ די געזעלשאפטנ פונ קעגנזײַטיקער הילפ, וואָס האָבנ עקזיסטירט אינ לאַנ. די ארבעטער האָבנ שארפ פראָטעסטירט. אינ די ארבעטער-ראיאָנענ איז אָנגעוואַקסנ די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג. דאַסמאָל האָט די אָנפירונג מיט דער באוועגונג זיכ געפונענ אינ די הענט בא די רעפובליקאנער. דער נײַער אופשטאנד, וואָס איז אויסגעבראָכנ דעמ 5-טנ אפּרעל 1834 יאָר, האָט זיכ אונטערשיידט פונעמ ערשטנ מיט א סאכ א מער קלאָרערער פּאָליטישער באַארבונג. דאָכ, האָט דער האנטווערקערישער באשטאנד פונ די ליאָנער ארבעטער אויכ דאָס מאָל ארופגעלייגט אפנ אופשטאנד א שטארקנ שטעמפּל. די אופשטענדלער האָבנ ניט געהאט ניט קיינ קלאָר באַ־גומענע צילנ פונ דער באוועגונג, ניט קיינ פעסטע פּראָלעטארישע פּארטיי, וואָס זאָל קאָנענ אָנפירנ מיט זיי. א סיבע פונעמ דורכפאל איז געווענ אויכ די שלעכטע טעכנישע צוגרייטונג צומ אופשטאנד. די ארבעטער האָבנ ניט געהאט נים קיינ געווער, ניט קיינ אלגעמיינעמ פּלאנ פונ קאמפ. דער רעזולטאט איז געווענ, אז נאָכ א 6-טאָגיקער בלוטיקער שלאכט איז דער אופשטאנד דערשטיקט געוואָרנ, עס זײַנענ אומגעקומענ העכער 1200 מאנ; עס זײַנענ אופגעריסנ געוואָרנ גאנצע הײַזער; מע האָט אומדערבארעמדיק צעשאָסנ אלע, „בא וועמענ די הענט אונ די ליפּנ האָבנ געשײַנט צו זײַנ שווארצ פונ פּולווער“.

אינ דעמ ליאָנער אופשטאנד פונ 1834 יאָר איז א קלאס געגאנגענ קעגנ א קלאס. די ארבעטער האָבנ אינ אנ אָפענער שלאכט זיכ געשלאָגנ קעגנ די קאפּיטאליסטנ. אינ דעמ איז די גראנדיעזע באדײַטונג פונ די ליאָנער געשעענישנ. די פראנצויזישע בורזשואזיע האָט שוינ דאנ דיסקאָנטירט די דאָזיקע באדײַטונג. „דער ליאָנער אופשטאנד האָט אנטדעקט א וויכטיקנ סאָד — דעמ אינער־לעכנ קאמפ, וואָס קומט פאָר אינ דער געזעלשאפט צווישנ דעמ קלאס פארמעג־לעכע אונ דעמ קלאס, וואָס פארמאָגט גאָרניט“, — אזוי האָט געשריבנ איינע פונ די דעמאָלטיקע בורזשואזע צײַטונגענ.

דער פראנצויזישער סאָציאליזמ אונ די געהיימע געזעלשאפטנ פונ די 40־קער יאָרנ

דער ליאָנער אופשטאנד פונ 1834 יאָר האָט געפונענ אנ אָפּקלאנג אינ אנדערע שטעט פונ פראנקרײַכ: אינ שאלאָנ אפנ סאָנע, אינ מאר־סעל, אינ וויענ, סענט-עטיענ אא. אינ פאריז איז געווענ געמאכט א פּרוּוו צו אנ אופשטאנד. די אכזאָריעסדיקע עקזעקוציע האָט ניט גע־קאָנט דערשטיקנ די וואקסנדיקע ארבעטער־באוועגונג. עס וואקסט דער קלאסנווער זעלבסטבאוווּסטזײַנ באמ פּראָלעטאריאט. צווישנ די ארבעטער ווערנ פארשפּרייט די אידייענ פונ די סאָציאליסטנ־אוטאָפּיסטנ מיט זייער קריטיק פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג. די יולער רעוואָלוציע פונ 1830-טנ יאָר אונ דער קלאסנ-עגאָיזמ פונ דער בורזשוא־זיע, וואָס האָט זיכ אינ דער רעוואָלוציע אנטפּלעקט, האָבנ באוויזנ פאר די מער פּאָרגע־שריטענע ארבעטער די באדײַטונג פונ פּאָליטישנ קאמפ אונ די נייטיקײַט צו דערגרייכנ פּאָ־ליטישע רעכט. די מער פּאָרגעשריטענע פארשטייער פונעמ ארבעטער־קלאס טרעטנ ארײַנ אינ די געהיימע געזעלשאפטנ פונ די רעפּובליקאנער אונ באהערשנ די סאָציאליסטישע אידייענ. א ברייטע פארשפּרייטונג האָבנ באקומענ אינ יענער צײַט די אידייענ פונ ל ו י ב ל א נ אונ ב ל א נ ק י.

לוי בלאנ (1882—1811)

א זונ פונ אנ אָנגעזעענעמ באאמטנ, האָט באקומענ א גרויסארטיקע בילדונג. נאָכ אינ דער יוגנט ווערט ער אנ אָנגעזעענער זשורנא־ליסט אונ עטוואָס שפּעטער רוקט ער זיכ ארויס אלס, היסטאָריקער. זײַנע סאָציאליסטישע אידייענ האָט לוי בלאנ געפּרעדיקט אינ זײַנע ווערק „די ארבעט־אָרגאניזאציע“ אונ שפּעטער — „רעכט אפ ארבעט“.

„יעדער מענטש, — זאגט לוי בלאנ, — האט דאס רעכט אפ עקזיסטענצ, דאס הייסט אויכ דאס ר ע כ ט א פ א ר ב ע ט“. דאס וויכטיקסטע איז לויט לוי בלאנס מיינונג, ד י ר י כ ט י ק ע א ר ג א נ י ז י ר ו נ ג פ ו נ ד ע ר א ר ב ע ט אפנ גרונט פונ פארגעזעלשאפטלעכנ די פראדוציר-געצייג. אבער די דאזיקע פארגעזעלשאפטלעכונג דארפ, לויט לוי בלאנס מיינונג, פארקומענ ניט דורכ דעמ, וואס דער ארבעטער-קלאס זאל אפ א רעוואליוציאנערנ אויפנ פארכאפנ די מאכט, נאר מיטנ וועג פונ ביסלעכווייזנ, פאמעלעכדיקנ ארײַנדרינגענ פונעמ סאציאליזמ אינעמ קאפיטאליזמ ארײַנ. קעדיי צו געבנ די ארבעטער ארבעט-געצייג, לייגט פאר לוי בלאנ ארגאניזירנ ארבעטער-ארטעלנ, פראדוציר-געזעלשאפטנ, וואס זיי דארפ די רעגירונג ארויסגעבנ צייטווייליקע געלט-שטיצע — קרעדיט. די ארבעט אינ אזעלכע „געזעלשאפטלעכע ווארשטאטנ“ וועט זײַנ גרינגער, איידער בא די קאפיטאליסטנ, דער ארבעטער וועט זײַנ אליינ דער באלעבאס איבער זיכ אינ אזוי ארומ וועלנ די דאזיקע ארטעלנ ביסלעכווייז ארויסשטויסנ די פריוואטע אונטערנעמער. אינ די דאזיקע ארטעלנ לייגט פאר לוי בלאנ ארײַנצוציִענ ניט בלויז ארבעטער, נאר אויכ קאפיטאליסטנ, וואס וועלנ באקומענ א פראצענט פאר דעמ קאפיטאל, וואס זיי וועלנ ארײַנלייגנ. אונ קעדיי צו קריגנ בא דער מעלוכע קרעדיט אפ אײַנצואָרדענענ די דאזיקע ארטעלנ, לייגט פאר לוי בלאנ זיכ דערשלאגנ צו אלגעמיינע וואלרעכט.

אט דאס איז געווענ דער אוטאפישער פרידלעכער וועג צומ סאציאליזמ וועלכנ עס האט געמאלט דער קלײנבירגערלעכער סאציאליסט לוי בלאנ. ווי מיר זעענ, איז בא לוי בלאנ די פארווירקלעכונג פונעמ סאציאליזמ לאכלוטנ ניט פארבונדנ מיטנ קאמפ פונעמ ארבעטער-קלאס. לוי בלאנ האט זיכ בעפיירעש פײַנטלעכ באצויגנ צו רעוואליוציע אונ צו געוואלטזאמע איבערקערענישנ. ער טרוימט וועגנ א סאציאליזמ אנ קאמפ. לוי בלאנ זעט ניט די גאנצע קלאסנ-קעגנזעצלעכקײַט צווישנ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע אונ פונ דעמ פראלעטאריאט, ער פרווט „שאלעמ מאכנ“ צווישנ די אינטערעסנ פונ ארבעט אונ קאפיטאל, פראקלאמירנ געמיינזאמקײַט צווישנ די אינטערעסנ פונעמ פראלעטאריאט אונ פונ דער בורזשואזיע. אינעמ אלגעמיינעמ וואלרעכט איז ער געווענ גרייט אײַנצוזעענ דאס מיטל, וואס קענ פונ אלצ ראטעווענ.

לוי בלאנ האט נאיִוו געמיינט, אז די בורזשואזע מעלוכע, אט דער ארגאנ פונ געוואלד-טאט פונ די קאפיטאליסטנ איבער דעמ ארבעטער-קלאס, וועט קומענ צו הילפ דעמ פראלעטאריאט. אינ דער מעלוכע זעט ער איינ ניט א געצייג פונ קלאסנ-אונטערדריקונג, נאר עפעס, א מינ איבערקלאסעווע ארגאניזאציע. אזוי ארומ בלײַבט לוי בלאנ אינגאנצנ אפנ באדנ פונעמ פשארעמאכערישנ קלײנבירגערלעכנ סאציאליזמ, וואס האט פולשטענדיק אנטפלעקט זײַנ רעאקציאנערנ וועזנ אינ מאמענט פונעמ פארשארפטנ קלאסנקאמפ. „דער פראנצויזישער סאציאליסט לוי בלאנ האט אינ דער רעוואליוציע פונ 1848 יאר זיכ טרויעריק בארימט געמאכט דערמיט, וואס פונ דער פאזיציע פונ קלאסנקאמפ איז ער אריבערגעגאנגענ אפ די פאזיציעס פונ קלײנבירגערלעכע אילוזיעס,* וואס זײַנענ צוגעפוצט מיט דער פראזעאלאגיע פונ קלוימערשטנ „סאציאליזמ“, אונ אינדערעמעסנ דינענ זיי בלויז אפ צו פארפעסטיקנ די ווירקונג פונ דער בורזשואזיע אפנ פראלעטאריאט“, — אזוי האט לענינ געשריבנ אינ 1917 יאר, ווענ די מענשעוויקעס אונ די עסערנ האבנ איבערגעכאזערט לוי בלאנס פארעטערישע טאקטיק. „לוי בלאנ האט געווארט אפ הילפ פונ דער בורזשואזיע. געהאפט אונ געוועקט האפענונג, אז די בורזשואזיע קאנ, קלוימערשט, קומענ צו הילפ די ארבעטער אינ דער הינזיכט פונ „ארגאניזירנ די ארבעט“ (לענינ). אינדערעמעסנ האט ער זיכ ארויסגעוויזנ פאר א טעלער-לעקער בא דער בורזשואזיע.

לוי בלאנס קלײנבירגערלעכע לערע האט זיכ פארשפרייט צווישנ די קוסטארנ — האנטווערקער אונ רוינירטע האנטווערקערישע ארבעטער, וועלכע האבנ נאכ אלצ געלעבט מיט פוסטע קלײנבירגערלעכע אילוזיעס וועגנ דער מעגלעכקײַט צו פארטיידיקנ די לאגע פונעמ קלײנעמ זעלבשטענדיקנ פראדוצירער אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

* א י ל ו ז י ע. — א פארקריפלטע ניט ריכטיקע פארשטעלונג וועגנ דערשיינונגענ, וואס שפיגלענ אפ די ווירקלעכקײַט.

בלאנקי (1805—1881)

נאָכ אלס יונגער סטודענט האָט בלאנקי און די יאָרנ פונ דער רעסטאווראציע זיכ דערנעענטערט צו די אונטערערדישע קרײַזלעכ פונ די רעפובליקאנער און האָט זיכ מיטנ גאנצנ איממעט ארײַנגעלאָזט אינ דער אונטערערדישער ארבעט. זײַנ גאנצ לעבנ איז בלאנקי געבליבנ אנ אומדערמידלעכער רעוואָליוציאָנער און איז בא 40 יאָר אָפּגעזעסנ אינ טפיסע. צוויי מאָל האָט מענ אים געהאט פארמישפּט צו טויטשטראָפ. שוינ בײַם דער יולער רעוואָליוציע פונ 1830 יאָר האָט בלאנקי זיכ געשלאָגנ אפ די באריקאַדעס. די ליאָנער אופשטאנדנ האָבנ געמאכט אפ בלאנקינ א קאָלאָסאלנ אײַנדרוק און האָבנ פארשטארקט זײַנ האס צו די עקספּלואטאטערס. אינ קעגנזאצ צו לוי בלאנען האָט בלאנקי שארפ אונטערגעשטראָכנ די אומבעשאָלעמדיקײַט פונ די קלאסנ־ווידערשפּרוכנ, די נייטיקײַט פונ א רעוואָליוציאָנערנ קאמפ און פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד.

אינ די 30-ער און 40-ער יאָרנ איז בלאנקי נאָכ אינ א באדײַטנדיקער מאָס געווענ בלויז א רעוואָליוציאָנער א דעמאָקראט.

דער וווּקס פונעמ ארבעטער־קלאס און דער אָנטייל פונ די בלאנקיסטנ אינעמ קאמפ פונ פּראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזיע, די באקאנטשאפט מיט באבעפס פרינציפּנ און אָנהענגער, די דירעקטע און לאנגדויערנדיקע ווירקונג פונ מארקסנ און ענגעלסנ האָבנ געמאכט פונ בלאנקינ א קאָמוניסט. עמעס, בלאנקי איז אפנ גאנצנ לעבנ פארבליבנ א קאָמוניסט, וואָס האָט ניט באנומענ די ראָליע פונ די מאסנ אינ דער רעוואָליוציע און וואָס האָט געהאלטנ, אז די רעוואָליוציע קאָנ דורכגעפירט ווערנ דורכ א קלייגער גרופּע רעוואָליוציאָנערנ־פארשווערער. סאָפ 30-ער יאָרנ האָט בלאנקי אָרגאניזירט א געהיימע פארשווערערישע „געזעלשאפט פונ די צײַטנ פונ יאָר“, וואָס האָט שוינ דאנ פארייניקט בא 700 ארבעטער. זי האָט דערקלערט קריג „אלע קאפּיטאליסטנ, באנקירנ, ליפעראנטנ, גרויסע ערד־אייגנטימער — מיט איינ וואָרט, אלע רויבער, וואָס ווערנ פעט אפנ כעזשבנ פונ פאָלק“. אָבער קיינ פעסטע פארבינדונגענ מיט די מאסנ האָט די געזעלשאפט ניט געהאט. קעדיי צו פארהיטנ אירע מיטגלידער פונ א דורכפאל, איז די געזעלשאפט געווענ געגרינדעט אפ די יעסוידעס פונ שטרענגסטער קאָנספּיראציע. יעדער איינער האָט געוווּסט בלויז זײַנ דירעקטנ שעפ. פונ צײַט צו צײַט פלעגט מענ באשטימענ אלגעמיינע שלאכט־דורכקוקנ, דערבײַ האָבנ אלע געמוזט זײַנ גרייט דערצו, אז דער דורכקוק זאָל פארוואנדלט ווערנ אינ אנ אופשטאנד, די ארבעטנדיקע זאָלנ פארכאפּנ די מאכט.

א פּרווו פונ אזא אופשטאנד האָבנ די בלאנקיסטנ געמאכט אינ פאריזש זונטיק, דעמ 12-טנ מײַ 1839 יאָר, ווענ די פּאָליציי און די מאכט האָט זיכ געפונענ הינטערנ שטאָט אפ א פעלד־געלויפ. די פארשווערער האָבנ פארכאפּט דאָס ראטהויז, אויסגעוויילט בלאנקינ פארנ הויפּט־קאָמאנדיר און געשאפנ א צײַטווײַליקע רעגירונג. אָבער זייער פּרווו האָט זיכ אויסגעלאָזט מיט א מאפּאָלע. די ארבעטער־מאסנ, צווישנ וועלכע די בלאנקיסטנ האָבנ ניט געפירט קיינ ברייטע ארבעט און ניט געהאט מיט זיי קיינ ענגע פארבינדונגענ, זײַנענ געבליבנ גלײַכגילטיק. די פארישער האָבנ מיט פארווּנדערונג געקוקט אפנ הײַפל פארשווערער און האָבנ ניט באנומענ, וואָס דאָ קומט, אייגנטלעכ, פאָר. נאָכנ דערשטיקנ דעמ דאָזיקנ פּרווו איז בלאנקי און אנדערע פירער פונ די אופגעשטאנענע ארעסטירט געוואָרנ און די געזעלשאפט האָט מענ צעגראָמירט.

בלאנקי האָט קלאָר געזענ, אז נאָר דורכ א באוואָפנטנ פארכאפּנ די מאכט און דורכ אײַנשטעלנ א רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור קאָנ מענ אראָפּשלײַדערנ די בורזשואזע געזעלשאפט. ער האָט אָבער ניט באנומענ די ראָליע פונעמ פּראָלעטאריאט, אלס איינציקנ ביזנ סאָפ רעוואָליוציאָנערנ קלאס, אלס דעמ העגעמאָנ (אָנפירער) פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. צומ ארבעטער־קלאס האָט בלאנקי פארעכנט אלע האָרעפאשניקעס, ניט בלויז ארבעטער, נאָר אויכ פּויערימ, אינטעליגענצ — לערער און דאָקטוירימ. די ראָליע פונ דער אינטעליגענצ האָט בלאנקי אָפּגעשאצט צו הויכ, האלטנדיק זי פאר דער אָנפירנדיקער קראפט אינעמ גאנג פונ דער רעוואָליוציע. אינ דער צײַט, ווענ מארקס און ענגעלס האָבנ אומדערמידלעכ געארבעט אפ ארײַנצוזײַענ אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג די

ברייטע ארבעטער־מאסנ, האָט בלאנקי זיכ געשטיצט אינ זײַנ ארבעט ניט אפ די מאסנ פונ פראָלעטאריאט, נאָר אפ קלענערע פעסט געשלאָסענע גרופּעס רעוואָליוציאָנערנ־פארשווערער, וואָס באשטימענ אינ איינ שיינעמ טאָג אנ אופשטאנד אונ פארכאפּנ די מאכט אינ זייערע הענט.

די ארויסטרעטונגענ פונ די בלאנקיסטנ זײַנענ ניט געווענ פארבונדנ מיטנ קאמפ פונ די מאסנ אונ זיי זײַנענ פאָרגעקומענ אָנ א דיסקאָנט פונ דער רעאלער,ווירקלעכער סיטואציע. אָפּגעריסנקײַט פונ די מאסנ איז דער סאמע כאראקטעריסטישער שטריכ פונעמ בלאנקיזמ. „בלאנקיזמ הייסט, ווענ א מינדערהײַט פארכאפּט די מאכט“,—האָט געשריבנ לענינ, וועלכער האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכנ די געפאר, אז דער אוואנגארד זאָל זיכ ניט אָפּרײַסנ פונ די מיליאָניקע מאסנ פונעמ פראָלעטאריאט אונ ארבעטנדיקע.

די עקאָנאָמישע זײַט פונ דער רעוואָליוציע איז אויכ ניט געווענ קלאָר פאר בלאנקי אונ זײַנע כאווײרימ.

דער פראנצויזישער סאָציאליזמ פונ די 40־ער יאָרנ מיט זײַנע נעפּלדיקע, זייער ניט ריכטיקע באגריפנ פונ די וועגנ צו דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט, האָט אָפּגעשפּיגלט די ניט־גענוגנדיקע אנטוויקלונג פונ דער פראנצויזישער אינדוסטריע, די שוואכקײַט פונעמ פאבריק־זאוואָדישנ פראָלעטאריאט, די ווירקונג, וואָס האָבנ געהאט אפ אימ די קלײנבירגערלעכע אידייענ. פילנדיק שארפ אפ זיכ אלע לאסטנ פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, האָבנ די פראנצויזישע ארבעטער נאָכ דאנ ניט באנומענ, אז דער וועג צומ אראָפּשלײַדערנ די אָרדענונג אונ צומ אויסבויענ א סאָציאליסטישע געזעלשאפט ליגט בלויז דורכ א פראָלעטארישער רעוואָליוציע אונ בלויז דורכ דער דיקטאטור פונעמ ארבעטער־קלאס.

19. די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר אינ פראנקרײַכ

די נאָענטסטע סיבעס פונ דער רעוואָליוציע

„די הערשאפט פונ די באנקירנ“ אונ זייער אומפארשעמטע פּאָליטיק פונ בארײַכערונג האָבנ ארויסגערופנ בא די ברייטע שיכטנ באפעלקערונג אלצ א גרעסערע אומצופרידנקײַט. די האנדל־אינדוסטריעלע בורזשואזיע, דאָס שטאָטישע קלײנבירגערטומ, די פויערימ, די ארבעטער—אלע זײַנענ געווענ אומצופרידנ.

די קארטאָפל־קרענק אונ די אומגערעטענישנ פונ 1845 אונ 1846 יאָרנ, דער אינדוסטריעלער קריזיס פונ 1847 יאָר, וואָס האָט ארומגעכאפּט גאנצ אייראָפּע, האָבנ פארגיכערט דעמ אופרײַס פונ דער רעוואָליוציע. דער יאקרעס אפ שפּײַז־פּראָדוקטנ האָט ארויסגערופנ אינ ענגלאנד בלוטיקע צוזאמענשטויסנ.

דער קריזיס פונ 1847 יאָר האָט געבראכט צו א ריי באנקראָטנ, צומ אָפּשטעלנ א סאכ פאבריקנ אונ זאוואָדנ, צומ רויִנירנ דאָס קלײנבירגערטומ, צו ארבעטסלאָזיקײַט אונ הונגער באמ פּראָלעטאריאט. אונטערנ דרוק פונעמ אלצ וואקסנדיקנ צאָרנ בא די ארבעטער האָט די האנדל־אינדוסטריעלע בורזשואזיע אָנגעהויבנ פאָדערנ רעפאָרמעס. די בורזשואזיע האָט אײַנגעאָרדנט באנקעטנ אונ האָט געפאָדערט, מע זאָל פארברייטערנ די וואלרעכט. אָבער די שרעק פארנ ארבעטער־

קלאַס האָט געמאַכט די בורזשואַזיע פאַר אַ פאַכדאָנעסדיקע, ניט אָנטשלאָסענע, וואָס איז גרייט פונ אָנהייב אָנ צו גייג אָפּ אָנ אויסגלייַכ מיט דער רעגירונג. ווענ די רעגירונג האָט פאַרבאָטנ דעמ באַנקעט, וואָס איז באַשטימט געווענ אָפּנ 22־טנ פעווראַל, האָט זיכ די בורזשואַזיע אונטערגעוואָרפנ דעמ באַפעל, אָבער אינ דעמ טאָג, ווענ עס איז געווענ באַשטימט דער באַנקעט, האָבנ די אַרבעטער, האַנטווערקער און שטודירנדיקע יוגנט אייַנגעאָרדנט אינ פּאַריזש אַ גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע. די אייַנצלנע צוזאַמענשטויסנ מיט דער פּאָליציי זייַנען גיכ אַריבער אינ אַ באַוואָפנטנ אופשטאַנד. דעמ 24־טנ פעווראַל 1848 יאָר באַגינענ איז קימאַט גאַנצ פּאַריזש באַדעקט געוואָרנ מיט באַריקאַדעס. עס זייַנענ פאָרגעקומענ פאַרביטערטע שלאַכטנ. די בורזשואַזיע האָט זיכ אינ זיי ניט באַטייליקט. געשלאָגנ האָבנ זיכ אַרבעטער, געשטיצט פונ דער קלייַנבורזשואַזיע. די פעוורואַל־רעוואָליוציע איז לויט איר אינהאַלט געווענ אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע, אָבער די הויפּט־טרייַבקראַפט אירע איז געווענ דער פּראָלעטאַריאַט. „די פעוורואַלער רעפּובליק האָבנ די אַרבעטער דערקעמפט בא דער פּאַסיווער אונטערשטיצונג מיצאַד דער בורזשואַזיע“ (מאַרקס). די אופגעשטאַנענע האָבנ נאָכ אַ שלאַכט פאַרנומענ דעמ קיניגלעכנ פּאַלאַצ. לוי־פיליפּ איז אַנטלאָפנ קוים באַוויייַזנדיק אונטערצושרייַבנ זייַנ אָפּזאָג פונ טראָנ. ווענ דער ניצאָכנ איז געווענ בא די אופשטענדלער אינ די הענט, האָט די בורזשואַזיע ווידער זיכ באַמיט, אַז מע זאָל אָפּקומענ בלויז מיט בייַטנ דעמ קיניג, ווי דאָס איז געטאָנ געוואָרנ אינ 1830 יאָר. דעמ פאָלק האָט מענ געמאָלדנ, אַז לוי־פיליפּ האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ טראָנ לטובת זייַנ אייניקל. אָבער די באַוואָפנטע אַרבעטער־אָטריאַדנ האָבנ מיט די ביקסנ־קאָלבעס צעבראָכנ די טירנ און זיכ אַרייַנגעריסנ אינ דער פּאַלאַטע פונ די דעפּוטאַטנ.

„אַראָפּ דעמ קיניג! נידער מיט דער פּאַלאַטע! אַרויס די פאַרקויפטע דעפּוטאַטנ! לעבנ זאָל די רעפּובליק!“ — האָבנ די אופשטענדלער געשריענ. מיטנ קוילעכ פונ געווער האָבנ זיי זיכ דערשלאָגנ צו שאַפנ אַ צייַטווייַליקע רעגירונג. אָבער די נייַע רעגירונג האָט זיכ אַרויסגעוויזנ דורכויס צוזאַמענגעשטעלט פונ בורזשואַזע פאָרשטייער. דאַנ האָבנ די אופשטענדלער געצוווּנגענ אייַנשליסנ אינ באַשטאַנד פונ דער רעגירונג לוי בלאַנענ און דעמ אַרבעטער אַלבער, וואָס איז באַוווּסט געווענ מיט זייַנ אַרבעט אינ די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. צומ ערשטנ מאָל איז אַנ אַרבעטער געווענ באַטייליקט אינ דער רעגירונג. די מערהייט אָבער האָט געהערט צו דער בורזשואַזיע.

אַזוי האָט פונ די ערשטע טעג אָנ פונ דער פעווראַל־רעוואָליוציע זיכ אָנגעהויבנ דער קאַמפּ צווישנ דער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט.

די בורזשואַזיע האָט מיט אַלערליי מיטלענ זיכ באַמיט אָפּצוציענ דעמ טערמינ פונ דערקלערנ אַ רעפּובליק. דורכ דער צייַטווייַליקער רעגירונג האָט זי פאַרשלעפּט ביזנ אויפשטאַנד. עלייגט אָפּלייגנ די פראַגע וועגנ אַ רעפּובליק ביזנ צונויפרופנ די גרינדונג־פאַרזאַמלונג. די באַוואָפנטע אַרבעטער האָבנ אָבער פעסט געפאָדערט צו פּראָקלאַמירנ פראַנקרייַכ פאַר אַ רעפּובליק. בא דער געבייַדע פונ ראַטהויז, ווו די צייַטווייַליקע רעגירונג האָט געפירט אירע זיצונגענ, האָט זיכ צונויפגעזאַמלט אַ גוואַלדיקער אוילעמ. „מע וויל אונדז אָפּנאַרנ, ווי אינ 1830־טנ יאָר, היט זיכ פאַר די פאַרעטער!“ — האָבנ די אַרבעטער געשריענ. קעגנ דעמ אַרייַנגאַנג אינ ראַטהויז זייַנענ

געווען אָנגעצילט האַרמאַטן; באַ די טירן האָט מען אוועקגעשטעלט אַ באַוואָפנטע וואַך. — „אַ רעפּובליק! פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק!" — האָט דער עולם געשריגן.

„אויב די דאָזיקע פאָדערונג וועט ניט אויסגעפילט ווערן אין משך פון 2 שעה, וועל איך זיך אומקערן אַהער אין דער שפּיץ פון 200 טויזנט מאַן", — האָט געמאָלדן דער צײַטווײַליקער רעגירונג איינער פון די פירער פון די אויפשטענדלער.

ענדלעך איז דער ווידערשטאַנד פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג אײַנגעבראָכן געוואָרן. אַפן ראַטהויז איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אַ גרויסע לײַוונט מיט אַן אויפשריפט: „פראַנקרײַך איז פּראָקלאַמירט פאַר אַן איינהײַטלעכע און אומצעטיילבאַרע רעפּובליק".

צוגלײַך מיטן קאַמף פאַר אַ רעפּובליק האָבן די אַרבעטער געפאָדערט, אַז די רויטע פאָן זאָל דערקלערט ווערן פאַר דער נאַציאָנאַלער פאָן פון גאַנץ פראַנקרײַך. די רויטע פאָן האָט געפלאַטערט אַף די באַריקאַדן. אונטער דער רויטער פאָן האָבן די אַרבעטער געשטורעמט דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ, מיט דער רויטער פאָן האָט מען צוגעדעקט די טויטע קערפּערס פון די געפאַלענע קעמפער. אָבער טאַקע דערפאַר האָט די בורזשואַזיע זיך געשראָקן פאַר דער רויטער פאָן — פאַר דער פאָן פון דער אַרבעטער־רעוואָלוציע און די בורזשואַזיע האָט זיך געלאָזט אַף אַזאַ קאָמפּראָמיס, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צײַט: פאַר אַ פאָן פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק איז דערקלערט געוואָרן די פאָן מיט דרײַ קאָלירן מיט אַ רויטער ראָזעטקע.

די אַרבעטער האָבן אויך געפאָדערט צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע. אין דער פאָדערונג אַ „סאָציאַלע רעפּובליק", מיט וועלכער דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס איז אַרויסגעטראָטן, איז געווען באַהאַלטן די ניט גענוג קלאָרע, נאָך נעפּלדיקע פאָרשטעלונג פונעם דעמלטיקן פּראָלעטאַריאַט וועגן עפּעס אַזאַ רעפּובליק, ווו דעם אַרבעטער וועט זיך לעבן בעסער און די באַלעבאַטים די קאַפּיטאַליסטן וועלן אים מער ניט עקספּלואַטירן. אָבער קיין דײַטלעכער באַגריף וועגן דעם, אַף וואָס פאַר אַ באַזע אייגנטלעך עס וועט זיך האַלטן די דאָזיקע „רויטע" „סאָציאַלע" רעפּובליק איז נאָך באַ די דעמלטיקע אַרבעטער ניט געווען. דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך ניט פייִק געווען צו פאַרווירקלעכן זײַן רעוואָלוציע.

אפילו אין יונג 1848 יאָר, בײַם דעם פּראָלעטאַרישן אויפשטאַנד, איז אין אייגעם פון די אַרבעטער־אויפרופן פון סענט־אַנטואַנער פאָרשטאָט אָנשטאָט דער פאָדערונג צו פ א ר ניכ ט ן ד אָ ס פ ר י וו אַ ט ־ א י י ג נ ט ו ם געווען אָנגעשריבן פּונקט פאַרקערט: „פאַרטיידיקנדיק די רעפּובליק, פ אַ ר ט יי ד י ק ן מיר דאָס פּריוואַט־אייגנטום".

דער לאָזונג פון די אַרבעטער אין די פעוראַל־טעג איז געווען — „רעכט אַף אַרבעט". קעדיי צו געווינען צײַט, איז די בורזשואַזיע אויך דאָ געגאַנגען אַף האַנאָכעס. די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט מאַסקים געווען צו אָרגאַניזירן נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן און האָט צוגעזאָגט פאַרזיכערן מיט אַרבעט די עקזיסטענץ פון די אַרבעטער. פאַרשטייט זיך, אַז אינדערמעסן האָט מען דערמיט פּשוט גע-

נארט די ארבעטער־מאסנ. דאָס „רעכט אפ ארבעט" קאָנ מענ ניט פארווירקלעכנ בא דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, ווו די ארבעט־געצייַג געהערט ניט צו דער גאנצער געזעלשאפט, נאָר צו א קליינ הייַפל קאפיטאליסטנ. אָבער דער בורזשואזיע איז געלונגענ אָפצונארנ די ארבעטער, וואָס זייַנענ נאָכ ניט געווענ פארהארטעוועט מיט דער דערפארונג פונ קלאסנקאמפ אונ וואָס האָבנ נאָכ ניט געהאט זייער שלאכט־פארטיי.

דעמ 28 פעווראל האָט די ארבעטער־דעמאָנסטראציע געפאָדערט פונ דער צייַטווייַליקער רעגירונג אָרגאניזירנ אנ ארבעט־מיניסטעריומ. אויכ דאָ האָט די בורזשואזיע אָנגעווענדט די טאקטיק פונ האנאָכעס אפנ וואָרט אונ בלאָפ אפ אנ עמעס. אָנשטאָט אנ ארבעט־מיניסטעריומ האָט די צייַטווייַליקע רעגירונג געשאפנ א קאָמיסיע „צו פארבעסערנ די לאגע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ". די דאָזיקע קאָמיסיע האָט זיכ געפונענ אינעמ ליוקסעמבורגער פאלאצ אונ האָט דעריבער באקומענ דעמ נאָמענ „ליוקסעמבורגער קאָמיסיע". ניט קיינ אפאראט, ניט קיינ געלט האָט מענ דער דאָזיקער קאָמיסיע ניט געגעבנ. אָנפיונ מיט איר ארבעט האָט מענ געשיקט לויַ בלאנקע אונ אלבערנ. „מיט זייערע אייגענע קעפ האָבנ זיי געזאָלט צעברעכנ דעמ פונדאמענט פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט" (מ א ר ק ס). די ליוקסעמבורגער קאָמיסיע איז לעכאטכילע געווענ פארורטיילט אפ פוסטע רייד אונ פולשטענדיקער אומטעטיקייַט. שאפנדיק זי, איז די בורזשואזיע אויסנ געווענ נאָר צו געווינענ צייַט אונ אָפווענדנ די אופמערקזאמקייַט פונ די ארבעטער. כוצ דעמ, שיקנדיק אהינ לויַ בלאנקע אונ אלבערנ, האָט די בורזשואזיע פאלטיש זיי באזייַטיקט פונ אָנטיילנעמענ אינ דער רעגירונג, אונ אינ דער זעלבער צייַט געשאפנ דעמ איינדרוק, אז זיי האָבנ קלוימערשט באפרידיקט די פאָדערונגענ פונ די ארבעטער אלייג. עמעס אינ דער ליוקסעמבורגער קאָמיסיע האָבנ די ארבעטער אָפנ געקאָנט באהאנדלענ זייערע נויטנ. אפ אירע זיצונגענ זייַנענ בייַגעווענ ארבעטער קימאט פונ אלע געביטנ ארבעט, וואָס זייַנענ געווענ אינ פאריזש. די ליוקסעמבורגער קאָמיסיע האָט פונ דער הייכ פונ דער אייראָפּיישער טריבונע פראָקלאמירט דעמ סאָד פונ דער רעוואָליוציע פונ XIX יאָרהונדערט: „ד י ב א פ ר י י ו נ ג פ ו נ ע מ פ ר אָ ל ע ט א ר י א ט" (מ א ר ק ס). די בורזשואזע צייַטונגענ זייַנענ געווענ געצוווּנגענ צו געבנ באריכטנ פונ אירע זיצונגענ אונ אפ אזא אויפנ פארשפרייטנ סאָציאליסטישע אידייענ.

אָבער די פראקטישע באדייַטונג פונ דער דאָזיקער קאָמיסיע, וואָס האָט ניט געהאט ניט קיינ מענטשנ, ניט קיינ געלט, איז געווענ זייער ניט קיינ גרויסע. לויַ בלאנ האָט פונ זייַנ זייַט געטאָנ אלצ אפ צו פארשמירנ, פארטושירנ דעמ קלאסנ־אינהאלט פונ איר ארבעט. אשטייגער, לויט זייַנ פאָדערונג האָט מענ צוגעלאָזט ארבעטנ אינ דער קאָמיסיע ניט בלויז ארבעטער, נאָר אויכ מייַסטערס. באמ פאנאנדערקלייַבנ די צוזאמענשטויסנ צווישנ ארבעטער מיט באלעבאטימ פלעגט לויַ בלאנ פלייַסיק דורכפירנ אלצ די זעלבע ליניע פונ „פשאָרעמאכערייַ", פונ פארשמירנ די אומבעשאָלעמדיקייַט פונ די קלאסנ־אינטערעסנ צווישנ די ארבעטער מיט דער בורזשואזיע.

דאָכ, איז אונטערנ דרוק פונ די ארבעטער ארויסגעגעבנ געוואָרנ א דעקרעט, וואָס פארקלענערט דעמ דויער פונעמ ארבעטסטאָג ביז 10 שאָ.

פון פעווראל צו יוני. די טאקטיק פון איזאָלירן דעם ארבעטער־קלאס

מיט דער טאקטיק פון האלבע האנאָכעס, אויסגלײַכן און קאָמפּראָמיסן האָט די בורזשואזע רעגירונג געשטרעבט בלויז צו געווינען צײַט, קעדיי אָנצוזאמלען קויכעס אפ דערשטיקן די ארבעטער־באוועגונג, פּראָוואָצירנדיק דעם פּראָלעטאריאט צו אַן אָפענער ארויסטרעטונג. דער ציל פון דער בורזשואזיע איז אינעם פעריאָד פון פעווראל ביז יוני 1848 יאָר געווען צו **איזאָלירן דעם ארבעטער־קלאס**, אָפּשיידן אים פון אַלע איבעריקע קלאסן און דערמיט אַליין צוגרייטן זײַן מאפּלע.

דאָס טאקע האָט באשטימט די פּאָליטיק פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. אזוי האָט די רעגירונג צוליב געטאָן די באנקירן און האָט נאָך ביזן טערמין אויסגעצאָלט די פּראָצענטן פאר די מעלוכישע האלוואָעס און אײַנגעשטעלט א צוואנג־קורס אפ די באנק־בילעטן, דאן ווען די מעלוכישע קאסע איז געווען ליידיק. דער קליינבורזשואזיע און די ארבעטער איז אויסגעקומען „פון דער אייגענער קעשענע צו באצאָלן פאר אָט דעם אָנגענעמען סיורפּריז, וואָס די מעלוכישע קרעדיטאָרן האָבן באקומען" (**מארקס**). די רעגירונג האָט דערקלערט, אז די שפּאָר־קאסעס וועלן אופהערן ארויסגעבן געלט אפ די שפּאָר־ביכלעך, ווו די סומע איז העכער פון 100 פראנק. דער דאָזיקער באשלוס האָט וויטעקלעך א קלאפּ געטאָן איבער דער קליינבורזשואזיע און האָט זי אופגעבראכט קעגן דער רעפּובליק. און די מעלוכישע קאסע איז דערפון אלציינס ניט פול געוואָרן.

דאן האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג אײַנגעפירט א צוגאָב־שטײַער, א צוגאָב פון נאָך 45 סאנטים אפ יעדן פראנק דירעקטע שטײַערן. אזויארום האָבן זיך די דירעקטע שטײַערן פארגרעסערט קימאט אין אָנדערהאלבן מאָל.* דער דאָזיקער שטײַער איז געפאלן פריער פאר אַלץ אפן פויערטום, ד. ה. אפ דער גרעסטער מערהײַט פון דער פראנצויזישער באפעלקערונג. זײַן רעזולטאט איז געווען, אז אויך דאָס פויערטום איז אריבער צו די סאָנים פון דער רעוואָליוציע. „די פויערים איז אויסגעקומען צו טראָגן אפ זיך די קאָסטן פון דער פעווראל־רעוואָליוציע, און זיי זײַנען געוואָרן די הויפּט־ארמיי פון דער קאָנטררעוואָליוציע" (**מארקס**).

קעדיי אָנצורייצן די פויערים און די שטאָטישע קליינבורזשואזיע אפ די ארבעטער, האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג, כוץ דעם, נאָך אויסגעניצט די נאציאָנאלע ווארשטאטן. די דאָזיקע ווארשטאטן זײַנען געווען ספּעציעל אײַנגעאָרדנט פאר ארבעטלאָזע קעדיי צו דערווײַזן די ארבעטער די „אומגעלומפּערטקײַט" פון די סאָציאַליסטישע אידייען. אָנשטאָט אָרגאניזירן וועלכע־ניט־איז פּראָדוקטיווע ארבעט, אשטייגער, ווי בויען אײַזנבאנען און שאָסייען, גראָבן קאנאלן, האָט מען אין די נאציאָנאלע ווארשטאטן זייער קוואליפיצירטע ארבעטער אָפטמאָל אוועקגעשטעלט בא שווערער און ניט נייטיקער גראָבונג־ארבעט. דער אינדוסטריעלער קריזיס און די ארבעטלאָזיקײַט האָבן געצווונגען די ארבעטער, ווילנדיק ניט ווילנדיק, גיין אין די דאָזיקע ווארשטאטן. צו מײַ 1848 יאָר האָבן זיך דאָרט אָנגעקליבן בא 100 טויזנט מאן. יעדער פון זיי האָט באקומען פאר זײַן ארבעט גראָשנס, אָבער ארום

* א פראנק האָט 100 סאנטים. אליזאָ, אָנשטאָט יעדע 100 סאנטים איז אויסגעקומען צאָלן 145.

און אזוי האָט אָפּגעקאָסט אויסהאַלטן די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן 70 טויזנט פראַנק א טאָג. דערמיט האָט זיך באַניצט די בורזשואַזיע. קעדיי אופּשטעלן אויך דאָס שטאָטישע קלייִנבירגערטום און דאָס פּויערטום קעגן די אַרבעטער, האָט זי גע־האַלטן איין אייין טײַנען, אַז די נײַע שטײַערן גייען בלויז אַף אויסהאַלטן די נאַ־ציאָנאַלע וואַרשטאַטן און אַז די שפּאַרקאַסעס גיבן ניט אַרויס דאָס אַרײַנגעלייג־טע געלט קלוימערשט דערפאַר, ווײַל דאָס גאַנצע פאַראַנענע געלט גייט אַוועק אַף אויסצאָלן דעם אַרבעטלויז די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן.

אזוי האָט די בורזשואַזיע באַוויזן אָפּצונעמען באַם פּראָלעטאַריאַט זײַנע מעג־לעכע פאַרבינדעטע. איצט איז דער בורזשואַזיע נאָר געבליבן צוצוגרייטן שלאַכט־אָטריאַדן קעדיי צעגראָמירן דעם פּראָלעטאַריאַט, פּראָוואָצירנדיק אים אַף אַן אָפּע־נער אַרויסטרעטונג. צוליב דעם ציל האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג געשאַפן א באַזונדערע מאָבילע (באַוועגלעכע) גוואַרדיע פון דער אַרבעטלאָזער יוגנט, פון לומפּן, וואָס האָבן פאַרלאָרן די פאַרבינדונג מיטן אַרבעטער־קלאַס און זײַנען גרייט גע־ווען פאַר געלט צו דינען וועמען־עס־איז. אזוי האָט מען פאַרווערבירט 24 באַ־טאַליאָנען צו 1000 מענטשן איין יעדערן.

רעאַקציאָנער איז אויך געווען די אויסערלעכע פּאָליטיק פון דער צײַטווײַלי־קער רעגירונג. אין אירע ערשטע מאַניפעסטן האָט זי דערקלערט, אַז די פראַנ־צויזישע רעפּובליק איז גרייט מיטצוהעלפן די פעלקער, וואָס קעמפן פאַר זייער באַ־פרײַונג. אינדערעמעסן אָבער האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג זיך באַמיט צו שליסן א בונד מיטן צאַרישן רוסלאַנד, צוזאָגנדיק ניקאָלײַ I אָפּהיטן נייטראַליטעט בײַם ער וועט דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין פּוילן. טראָץ אירע אָפיציעלע מעלדונגען, האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג אַף אַלערליי אופנים אונ־טערגעשטראָכן פאַר די אויסלענדישע געזאַנדטע, אַז זי וואַרפט זיך אונטער די באַשלוסן פון ווינער קאָנגרעס און זאָגט זיך אָפּ אונטערצושטיצן די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונג אין אַנדערע לענדער.

באַ אַזאַ פּאָליטיק פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג האָט די פראַנצויזישע רעפּובליק פון אָנהייב אָן זיך אָפּגעזאָגט צו פירן יענעם רעוואָלוציאָנערן קריג, וואָס האָט געקאָנט „צעפּלאַקערן די נאַציאָנאַלע ענערגיע, פאַרגיכערן דעם רעוואָ־ליוציאָנערן פּראָצעס, א שטויס טאָן פאָרויס די צײַטווײַליקע רעגירונג אָדער זי אינגאַנצן אַרויסשלײַדערן".

„די רעפּובליק האָט ניט באַקומען קיין שום ווידערשטענד ניט פון אויסן, ניט פון אינעווייניק. דאָס האָט זי אַנטוואָפנט" (מ א ר ק ס).

דאָס צונויפרופן די גרינדונג־פאַר־זאַמלונג

אין אַזאַ סיטואַציע זײַנען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער גרינ־דונג־פאַרזאַמלונג, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אַף דער באַ־זע פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט. אומזיסט האָבן ב ל אַ נ ק י און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן געפאָדערט אָפּלייגן דעם טערמין פון די וואַלן, קעדיי אַרויסשיקן אַף די ערטער מענטשן, וואָס „זאָלן קאָנען אופקלערן דאָס פּויערטום".

קעדיי אויסצופירן, אַז מע זאָל אָפּלייגן דעם טערמין פון די וואַלן און צווינ־גען די רעגירונג צו באַזײַטיקן דאָס מיליטער פון פּאַריזש, האָבן די פּאַריזשער אַרבעטער אָרגאַניזירט א גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע. דעם 17־טן מאַרט 1848 יאָר

זײַנענ בא 200 טויזנט מענטשנ ארויסגעגאנגענ אינ גאס. אינ דער שפּיצ פונ דער־דעמאָנסטראציע זײַנענ געגאנגענ בלאנקי אונ אנדערע רעוואָליוציאָנערנ. נאָכ ערעוו דעמ האָט די בורזשואזע נאציאָנאלע גווארדיע אײַנגעאָרדנט א דעמאָנסטראציע קעגנ דעמ לינקנ טייל פונ דער פראנצויזישער רעגירונג. דאנ האָט לוי בלאנ זיכ באניצט מיט זײַנ פּאָפּולערקײַט, קעדיי פארוואנדלענ די דעמאָנסטראציע פונ 17־טנ מארט אינ א דעמאָנסטראציע פונ אונטערשטיצנ די גאנצע צײַטווײַליקע רעגירונג. לוי בלאנ האָט אויסגעצייכנט געזענ, אז די רעגירונג האָט גאָרניט געטאָנ אונ וועט גאָרניט אופטאָנ צו פארגרינגערנ די לאגע פונ די ארבעטער, אונ דאָכ איז ער ארויסגעטראָטנ צו פארטיידיקנ די צײַטווײַליקע רעגירונג. די דעמאָנס־טראציע איז אוועק, האָבנדיק געפּויעלט בא דער רעגירונג בלויז אפ צוויי וואָכנ אָפּלייגנ דעמ טערמינ פונ די וואלנ צו דער גרינדונג־פארזאמלונג. „דו ביסט שוינ אויכ געוואָרנ א פארעטער, דו אויכ!” — האָט איינער פונ די ארבעטער גע־שריענ צו לוי בלאנענ גלײַכ אינ פּאָנעמ ארײַנ. דאָס איז געווענ א שארפער עמעס.

אלס רעזולטאט פונ לוי בלאנס פארעטערישער טאקטיק האָט די דעמאָנסטרא־ציע פונ 17־טנ מארט בלויז פארפעסטיקט די צײַטווײַליקע רעגירונג. אינ א כוי־דעש ארומ, דעמ 16־טנ אפּרעל, זײַנענ די ארבעטער ווידעראמאָל ארויסגעטראָטנ מיט די זעלבע פאָדערונגענ. אָבער פאר דער דאָזיקער צײַט האָט די בורזשואזיע באוויזנ צו באהעפטנ ארומ זיכ די קויכעס פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. ווענ א קאָלאָנע ארבעטער איז ארויס אפ גרעווער פּלאצ, האָט זי געמוזט דורכגיינ דורכ די רייענ פונ די בורזשואזע נאציאָנאלע גוואַרדייער, וואָס האָבנ זי באגעגנט מיט ווילדע אויסגעשרייענ: „נידער מיט בלאנקי! אינ וואסער די קאָמוניסטנ!”. די בורזשואזע צײַטווײַליקע רעגירונג האָט גע־ײַלט אויסניצנ דעמ דאָזיקנ פאל, קעדיי ארײַנפירנ אינ פאריזש 5 פּאָלקנ פונ דער רעגולערער ארמיי. בא אזא סיטואציע זײַנענ פאָרגעקומענ די וואלנ צו דער גרינדונג־פארזאמלונג.

די גרינדונג־פארזאמלונג האָט זיכ געעפנט דעמ 4־טנ מײַ 1848 יאָר. די איבער־וועגנדיקע מערהײַט האָבנ געהאט די בורזשואזע פארטייענ. בלויז פונ זיי אלייג איז אויכ צונויפגעשטעלט געוואָרנ די רעגירונג. ניט לוי בלאנ, ניט אלבער זײַנענ שוינ אינ איר ניט ארײַנ. די ליוקסעמבורגער קאָמיסיע איז פארמאכט געוואָרנ, דעמ פאָרזיצער פונ דער גרינדונג־פארזאמלונג האָט מענ געגעבנ דאָס רעכט ארויס־צורופנ מיליטער אינ פאל פונ א נויט. מיט איינ וואָרט, די רעזולטאטנ פונ די וואלנ זײַנענ געווענ אזוינע, אז דער רעוואָליוציאָנער בלאנקי האָט געקאָנט מאכנ פונ זיי בלויז איינ אויספיר: „איצט איז א בירגערקריג אומפארמײַדלעכ”. דער דאָזיקער אויספיר האָט זיכ ארויסגעוויזנ ווי א נעוויִשער.

מיטנ צונויפרופנ די גרינדונג־פארזאמלונג האָט זיכ פארענדיקט דער ערשטער — פעווראלער — פּעריאָד פונ דער רעוואָליוציע. עס איז אָנגעקומענ דער צווייטער פּע־ריאָד, דער פּעריאָד פונ אײַנאָרדענענ די בורזשואזע רעפּובליק. אָפּרײַסנדיק פונ־נעמ פּראָלעטאריאט די פּויערימ אונ די קליינבורזשואזיע, וואָס איז נאָכגעגאנגענ נאָכ אימ אינ פעווראל, האָט די בורזשואזיע געקאָנט אָפּענערהייט, אָנ שומ מוירע אָפּוואַרפנ זײַנע פאָדערונגענ. צו אזוינע רעזולטאטנ האָט געבראכט לוי בלאנס פארעטערישע, שאָלעמ־מאכערישע פּאָליטיק.

לוי בלאנשטשינע

ארײַנטרעטנדיק אינ פעווראל 1848 יאָר אינ דער צײַטווײַליקער רעגירונג, וווּ די בורזשואזיע האָט געהאט די איבערוועגנדיקע מערהײַט (9 מאנ פונ 11), האָט לוי בלאנ ניט בלויז ניט דעמאסקירט איר בורזשואזנ קלאסנ־טאָכ, נאָר ער האָט אפ פארשיידענע אויפאנימ פארטושירט, פארדעקט איר פײַנטלעכע פאָליטיק צומ פראָלעטאריאט מיט זײַנע „לינקע" קלוימערשט סאָציאַליסטישע פראזעס. זײַנע פראזעס האָבנ פאקטיש בלויז פארפעסטיקט די ווירקונג פונ דער בורזשואזיע צווישנ פראָלעטאריאט. בלײַבנדיק א מיטגליד פונ דער בורזשואזער רעגירונג, האָט דער „סאָציאַליסט" לוי בלאנ אינדערעמעסנ איר געדינט פאר א גוטנ שלייער צו פארטונקלענ פאר די ברייטע מאסנ דעמ בורזשואזנ קלאסנ־טאָכ פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג. זײַענדיק א מינדערהײַט אינ דער בורזשואזער צײַטווײַליקער רעגירונג, האָבנ לוי בלאנ אונ אלבער געטראָגנ פונדעסטוועגנ אפ זיכ די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר אלע אירע פּילצאָליקע פארברעכנס אונ פאר איר פאראט קעגנ דעמ ארבעטער־קלאס. זייער אָנטייל אינ דער רעגירונג האָט פאראליזירט די רעוואָליוציאָנערע אקטיווקײַט פונעמ ארבעטער־קלאס, געפלאנצט אינ אימ א פאלשנ געדאנק וועגנ דעמ, אז אלצ איז אינ אָרדענונג, אזוי לאנג, ווי „זײַנע" פאָרשטייער גייענ ארײַנ אינ באשטאנד פונ דער רעגירונג. „אינדערעמעסנ איז לוי בלאנ געווענ דער עק פונ דער בורזשואזיע, א שפּילכל בא איר אינ די הענט" (לענינ). אינ דער זעלבער צײַט, ווענ די בורזשואזיע האָט זיכ געגרייט צו מאכנ א סאָפּ מיט די ארבעטער אינ אנ אָפענער שלאכט, האָט לוי בלאנ גערופנ דעמ פראָלעטאריאט פרידלעכ צוזאמענארבעטנ מיט דער בורזשואזיע.

די זעלבע פארעטערישע פשאָרעמאכערישע ראָליע פונ לוי בלאנ, וואָס האָט פאראטנ דעמ ארבעטער־קלאס אונ מיטגעארבעט מיט דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע, האָבנ די עסערנ אונ מענשעוויקעס איבערגעכאזערט בא אונדז אינ 1917 יאָר, ווענ זיי זײַנענ ארײַנ אינ דער בורזשואזער אימפּעריאַליסטישער צײַטווײַליקער רעגירונג, קעדיי מיטצוארבעטנ מיט דער בורזשואזיע. אָבער אינ דער רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר האָט דער ארבעטער־קלאס פונ אונדזער לאנד געהאט אנ אייגענע באָלשעוויסטישע פארטיי, וואָס האָט אָנ ראכמאָנעס אויפגעדעקט דעמ פאראט פונ די עסערנ אונ מענשעוויקעס. אונטער דער אָנפירונג פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי איז דער פראָלעטאריאט פונ אונדזער לאנד טאקע געקומענ צו דעמ אָקטיאבערישנ ניצאָכנ.

בא די פראנצויזישע ארבעטער איז אינ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר *ניט געווענ אזא פארטיי*.

אויכ דער ארבעטער־קלאס אליינ איז אינ דער עפּאָכע פונ 1848 יאָר נאָכ ווײַט ניט געווענ קיינ באהעפטער פאבריק־זאוואָדישער פראָלעטאריאט. מיר ווייסנ, ווי גרויס עס איז נאָכ אינ פראנקרײַכ געווענ די צאָל קליינע ווארשטאטנ, ווי ווייניק עס איז נאָכ בעערעכ געווענ דאָרט גרויסע פאבריקנ אונ זאוואָדנ. אָבער שוינ אינ 1848 יאָר האָט „דער פראָלעטאריאט געשטרעבט ניט צו שאָלעמ מאכנ מיט דער בורזשואזיע, נאָר צו באזיגנ זי אונ אָנ מוירע אנטוויקלענ ווײַטער די רעוואָליוציע, דערבײַ אינ אנ אינטערנאציאָנאלנ מאסשטאב" (לענינ). דער פראָלעטאריאט האָט ניט געקאָנט לאָזנ אָנ פראָטעסט די ארויסרופערישע פּאָליטיק פונ דער בורזשואזער רעגירונג. דעמ 15־טנ מײַ 1848 יאָר איז פאָרגעקומענ א גראנ־

דיזע דעמאָנסטראַציע פונ די פאַריזשער אַרבעטער. אַנ אַרבעטער־אָוילעמ האָט זיכ אַרײַנגעריסנ אינ דער בורזשואַזער גרינדונג־פאַרזאַמלונג אונ האָט געמאָלדנ, אַז זי ווערט פאַנאַנדערגעלאָזט. פונ דער טריבונע האָט מענ פאַרעפנטלעכט דאָס צעטל פונ דער נײַער רעגירונג מיט בלאַנקי אונ אַנדערע רעוואָליוציאָנערנ אינ דער שפיצ. די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג האָט געפאָדערט אָנעמענ טייקעפ מיטלענ צו „פאַרניכטנ דעמ דאַלעס אונ שאַפנ אַרבעט", באַשטײַערנ די גווירימ מיט א מיליאַרד שטײַער אונ אַרויספירנ פונ פאַריזש דאָס מיליטער. נאָר אײַנגיכנ זײַנענ אונטערגעקומענ די רעגירונג־אָטריאַדנ, וואָס האָבנ צעטריבנ די דעמאָנסטראַציע. בלאַנקי אונ אַנדערע פירער פונ אופשטאַנד זײַנענ אַרעסטירט געוואָרנ, די רעוואָליוציאָנערע קלובנ—פאַרמאַכט. פאַר דער בורזשואַזיע איז אָנגעקומענ דער באַקוועמסטער מאָמענט אפ אָפצורעכענענ זיכ מיטנ פראָלעטאַריאַט, וואָס איז געבליבנ אָנ אַנ אָנפירונג.

די יונער טעג פונ 1848 יאָר

מיט א באַוווסטזיניקנ ציל אַרויסצורופנ די אַרבעטער אפ א באַוואָפנטנ אופשטאַנד, קעדיי „מאַכנ א סאָפ צו זיי" אינ אַנ אָפענער שלאַכט, האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג דעמ 22-טנ יונ 1848 יאָר אַרויסגעגעבנ א דעקרעט וועגנ פאַנאַנדערלאָזנ די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטנ. העכער 100 טויזנט אַרבעטער זײַנענ אַרויסגעוואָרפנ געוואָרנ אפנ גאַס. „פאַר די אַרבעטער איז געבליבנ אויסצוקלײַבנ: אָדער שטאַרבנ פונ הונגער אָדער אָנהייבנ א קאַמפ. געענטפערט האָבנ זיי דעמ 22-טנ יונ מיט א גראַנדיעזנ אופשטאַנד. דאָס איז געווענ דער ערשטער גרויסער געראַנגל צווישנ ביידע קלאַסנ, אפ וועלכע עס צעפאַלט זיכ די מאָדערנע געזעלשאַפט. דאָס איז געווענ א קאַמפ פאַר אײַנהיטנ אָדער פאַרניכטנ די בורזשואַזע אָרדענונג" (מאַרקס).

די אַרבעטער-ראַיאָנענ פונ פאַריזש האָבנ זיכ באַדעקט מיט באַריקאַדעס. דאָרט האָבנ זיכ געשלאָגנ ניט בלויז די אַרבעטער פונ די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטנ, נאָר אויכ אַנדערע אָטריאַדנ פונ פאַריזשער פראָלעטאַריאַט — אַרבעטער פונ די מעכאַנישע וואַרשטאַטנ, אײַזנבאַנ־אַרבעטער אאַוו.

די גרינדונג-פאַרזאַמלונג האָט דערקלערט אינ פאַריזש באַלאַגערונג-צושטאַנד אונ האָט איבערגעגעבנ די גאַנצע מאַכט דעמ גענעראַל קאַוועניאַק. קעגנ די אופגעשטאַנענע אַרבעטער האָט קאַוועניאַק א רוק געטאָנ רעגולערנ מיליטער אונ בורזשואַזע באַטאַליאָנענ פונ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע — די 24-טויזנטיקע מאָביל-גוואַרדיע. אונ די אופגעשטאַנענע אַרבעטער האָבנ ניט געהאַט ניט קיינ איינהײַטלעכנ אָנפירנדיקנ צענטער, ניט קיינ פראָגראַמ, ניט אפילע קיינ גענוגנדיקע צאָל געווער. די קלייַנבורזשואַזיע פונ פאַריזש — די קרעמער, הענדלער, פויערימ, וואָס פלעגנ קומענ קיינ פאַריזש אָפטמאָל פאַר עטלעכע צענדליק וויאָרסט — אַלעמענ האָט די בורזשואַזיע געוואָרפנ אינ שלאַכט קעגנ דעמ פראָלעטאַריאַט.

די אַרבעטער זײַנענ געבליבנ איינזאַמ אינ זייער העראָישנ קאַמפ. „די קליינבורזשואַזיע האָט מוירע געהאַט זיכ אָנטרויענ דער אָנפירונג פונעמ פראָלעטאַריאַט, ניט פאַרשטייענדיק, אַז די דאָזיקע מוירע פאַרורטיילט זי צו פאַרטרויענ זיכ דער בורזשואַזיע, ווײַל אינ דער געזעלשאַפט פונ פאַרביטערסטנ קלאַסנקאַמפ צווישנ דער בורזשואַזיע אונ דעמ פראָלעטאַריאַט, באַזונדערס בא דער אומפאַרמײַדלעכער פאַרשאַרפונג פונ דעמ דאָזיקנ קאַמפ דורכ דער רעוואָליוציע, קאָנ

ניט זײַנען קיין „מיטעלע" ליניע, אָבער דער גאַנצער טאָכ פון דער קלאַסן־ליניע און פון די שטרעבונגען בײַ דער קליין־בורזשואַזיע באַשטייט גראָד אין



די יונער טעג פון 1848 י. (דער אַרײַנגאַנג אין סענט-אַנטואַנער פאָרשטאָט)

וועלן אומעגלעכס, אין שטרעבן צו אומעגלעכס, ד.ה. פּונקט צו אַזאַ „מיטעלער ליניע..." אפן וואָרט איז לוי בלאַן אויך געווען ווײַט פון קאַוועניאַקן, ווי דער

הימל פון דער ערד... און אין דער זעלבער צייט... האָט גראָד די שוואכקייט, וואקלדיקייט און צוטרוי צו דער בורזשואזיע פון די לוי בלאנס געבוירענ קאָוועניאקנ, געגעבנ אים דעם דערפאָלג" (לענינ).

אָפּטרעטנדיק טראָט נאָכ טראָט און פארלירנדיק טויזנטער קארבאָנעס האָבנ די ארבעטער פארטיידיקט זייערע פּאָרשטעט. ענדלעכ האָט דעם 26־טנ יונ די סענט-אנטואנער פּאָרשטאָט — די לעצטע פעסטונג פון די אופשטענדלער — זיכ אונטערגעגעבנ. מע האָט אָנגעהויבנ אכזאָריעסדיק נעקאָמע נעמענ פון די אופשטענדלער. אומעטום האָט מענ געהארגעט מענטשנ אינ העמדלעכ מיט פארשווארצטע הענט. די הויפנ אינ די קאזארמעס זיינענ געוואָרנ עמעסע שעכט־הייזער, ווו מע האָט די אופשטענדלער אומראכמאָנעסדיק צעשאָסנ; די וואכ האָט געשאָסנ אינ די געפאנגענע, וועלכע מע האָט צונויפגעשטופט אינ די ענגע קעלערס. די פארוונדעטע האָט מענ געטויט מיטנ שווערד. עס זיינענ געווענ עטלעכע טויזנט האַרוגים. 3 טויזנט געפאנגענע האָט מענ צעשאָסנ. בא פינפ טויזנט האָט מענ פארשיקט אפ קאטאָרגע אינ די קאָלאָניעס. ניט בלויז אייגצלנע הייזער, נאָר גאנצע גאסנ זיינענ געוואָרנ פוסט און כאָרעוו.

די באדייטונג פון די יונער טעג

אינ דער שלאכט צווישנ די צוויי קלאסנ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ די יונער טעג פון 1848 יאָר, האָט דער פּראָלעטאריאט געליטנ א מאפּאָלע. אָבער די באדייטונג פון די יונער טעג איז געווענ קאָלאָסאל. אינ די באוווסטע ארטיקלענ אפ די שפּאלטנ פון דער „נייער ריינישער צייטונג" האָבנ מארקס און ענגעלס פולשטענדיק באוויזנ די דאָזיקע באדייטונג. פונעם ערשטנ שאָס אָנ האָבנ זיי זיכ אנטשלאָסנ געשטעלט אפ דער זייט פון די אופשטענדלער. „אינ יונ איז אינ פאריזש פאָרגעקומענ די ערשטע גרויסע שלאכט צווישנ דעם פּראָלעטאריאט מיט דער בורזשואזיע פאר דער הערשאפט" (ענגעלס). „דער פּראָלעטאריאט פאלט מיט ערע אינ דעם גרויסנ היסטאָרישנ קאמפ; ניט בלויז פראנקרייכ — גאנצ אייראָפּע ציטערט פון דער יונער ערד־ציטערניש" (מארקס).

ערשט די יונער מאפּאָלע האָט געעפנט פארנ פּראָלעטאריאט „יענעמ עמעס, אז די קלענסטע פארבעסערונג פון זיינ לאגע אינ די גרענעצנ פון א בורזשואזער רעפּובליק איז אנ אוטאָפּיע און אז די דאָזיקע אוטאָפּיע ווערט א פארברעכנ באם ערשטנ פרווו צו פארווירקלעכנ זי" (מארקס).

די גרינדונג־פארזאמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרנ אפ דער באזע פון יענעמ אלגעמיינעמ וואלרעכט, פאר וועלכנ די ארבעטער האָבנ געקעמפט. אָבער דאָס האָט גאָרניט געשטערט דער גרינדונג־פארזאמלונג איינצופירנ אינ פאריזש באלאגערונג־צושטאנד און צו באגיסנ דעם פּראָלעטאר אט מיט א פייער פון הארמאטנ באם ערשטנ פרווו פון די ארבעטער זיכ פארמעסטנ אפ דער בורזשואזער אָרדענונג. די בלוטיקע לעקציעס פון די יונער טעג האָבנ באוויזנ דעם פּראָלעטאריאט, אז אלגעמיינע וואלרעכט איז גאָר ניט יענצ קישעפ־שטעקעלע, יענצ מיטל, וואָס ראטעוועט פון אלצ, ווי לוי בלאנ און די קליינבירגערלעכע רעפּובליקאנער האָבנ געהאלטנ. א בורזשואזע רעפּובליק מיט אלגעמיינע וואלרעכט איז ניט מער, ווי־

א פלאטפאָרם פארן פּראָלעטאריאטס ווײַטערדיקן קלאסנקאמף. אלס רעזולטאט פון די יונער טעג, איז אפּן אָרט פון די פאָדערונגען, וואָס דער פּראָלעטאריאט האָט ארויסגעשטעלט צו דער פעווראַלער רעפּובליק... ארויסגעטראָטן דער דרייסטער רעוואָלוציאָנערער שלאכט-לאָזונג: „א ראָפּוואַרפן די בורזשואזיע! דיקטאטור פונעם ארבעטער-קלאס!" (מארקס). אין דעם איז די גרעסטע אלוועלטלעך-היסטאָרישע באַדײַטונג פון די יונער טעג. די בלוטיקע לעקציעס פון די יונער טעג האָבן באַלויכטן פארן ארבעטער-קלאס פון דער גאנצער וועלט דעם וועג צום סאָציאַליזם — צו דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט.

20. פון דער בורזשואזער רעפּובליק צו באָנאפּארטס אימפּעריע

די קאָנסטיטוציע פון 1848 יאָר

די יונער מאפּאָלע פונעם פּראָלעטאריאט האָט באַטײַט א ניצאָכן פון דער רעאקציע. דעם געזעץ וועגן א 10-שאָ׳קן ארבעטסטאָג האָט מען אָפּגעשאפט, די ארבעטער-קלובן פארמאכט, די פרײַהײַט פון פּרעסע פארניכטעט; אין א ריי שטעט האָט מען אײַנגעפירט באַלאַגערונג-צושטאנד. „די רעוואָלוציע האָט זיך פארענדיקט מיט אָט דער היסטאָרישער צעשיסונג", שרײַבט לענין וועגן די יונער שלאכטן; „די קלײנבורזשואזיע, וואָס האָט דאָמינירט לויט דער צאָל, איז געווען און איז פארבליבן פּאָליטיש אן אָנמעכטיקער עק פון דער בורזשואזיע, און אין 3 יאָר ארום איז אין פראנקרײַך ווידערופגעשטעלט געוואָרן... א מאָנארכיע אין א באַזונדערס העסלעכער פאָרם"... „אבי עס איז נאָך פאראן א זומפּ, שיידים וועלן זיך שוין געפינען. אבי עס איז נאָך פאראן א שוואכע, וואקלדיקע קלײנבורזשואזיע, וואָס ציטערט פאר דער אנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, — איז שוין די דערשײַנונג פון די קאַוועניאַקס געזיכערט", — האָט לענין געשריבן אין 1917 יאָר, ווען די עסערן און מענשעוויקעס האָבן מיט זײער פארעטערישער טאקטיק צוגעגרייט קאָרנילאָווס ארויסטריט. נאָך די יונער טעג, בייסן אויסארבעטן די קאָנסטיטוציע פון 1848-טן יאָר, האָט די בורזשואזיע אָפּ פארשיידענע אויפאנים זיך באַמיט צו פארשטארקן די אויספיר-מאכט. די דאָזיקע מאכט האָט די קאָנסטיטוציע פון 1848 יאָר איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט. ער איז געווען דער שעף פון דער ארמײ און פלאָט; ער האָט באַשטימט אלע אמט-פערזאָנען, אויך די מיניסטאָרן. דער פּרעזידענט פלעגט ווערן אויסגעוויילט אויף 4 יאָר דורך אן אלפּאָלקישער אָפּשטימונג און איז לאַכלוטן ניט געווען אָפּהענגיק פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג. די רעכט פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג זײַנען געווען שטרענג באַגרענעצט בלויז מיט געזעצגעבערײַ און אין פאַל פון א צוזאמענשטויס מיטן פּרעזידענט האָט זי קיין שום קראַפט ניט געהאַט. אין טאָג געגנומענע האָבן אונטערן נאָמען רעפּובליק אויפגעלעבט די מאָנארכיסטישע פּראָנדקעס: „אפּן גוף פון דער מאָנארכיע האָט מען ארויפגעזעצט א קאָפּ פון א רעפּובליק".

דערמיט האָט זיך פארענדיקט דער צווייטער פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, דער פּעריאָד פון אײַנשטעלן א בורזשואזע רעפּובליק, דער פּעריאָד פון דער טעטיקײַט פון דער גרינדונג-פארזאמלונג (4-טער מײַ 1848 — 29-טער מײַ 1849 יאָר).

די וואלן פון לוי באָנאפּארטס (10 דעקאבער 1848 יאָר)

אַלס ערשטער פּרעזידענט פון דער בורזשואזער רעפּובליק איז אויסגעוויילט געוואָרן נאפּאָלעאָן דעם ערשטנס א פּלימעניק לוי נאפּאָלעאָן באָנאפּארט.

פאר לוי נאפּאָלעאָנען האָט אין גרונט געשטימט די מאסע פונעם פראנצויזישן פּויערטום: דאָס פּויערטום האָט געהאסט די בורזשואזע רעפּובליק, ווײַל זי האָט געהעכערט דעם שטײַער, זיי האָבן אײַנגעזען אין די באָנאפּארטס פּארטײַדיקער פון דעם קלײנפּויערישן אײגנטום. פאר לוי באָנאפּארטן האָט אויך געשטימט א טייל בורזשואזיע, וואָס האָט געטרוימט וועגן אופשטעלן צוריק די אימפּעריע. ענדלעך, האָט פאר אים געשטימט אויך א טייל ארבעטער, פּראָטעסטירנדיק דערמיט קעגן דעם גענעראל קאוועניאַק, וואָס האָט אויך ארויסגעשטעלט זײַן קאנדידאטור צו די פּרעזידענטישע וואלן.

אָבער שוין בא די פּרעזידענטישע וואלן אין 1848 יאָר האָט דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאריאט געהאט ארויסגעשטעלט אויך זײַנעם אן אײגענעם קאנדידאט ראספּײַל. ראספּײַל האָט באקומען ניט קײן סאך שטימען, אָבער דאָס, וואָס די ארבעטער האָבן ארויסגעשטעלט זייער זעלבשטענדיקן קאנדידאט, האָט געהאט א גוואלדיקע היסטאָרישע באדײַטונג. „דאָס איז געווען דער ערשטער אקט, וואָס האָט אויסגעדריקט דאָס אָפּטיילן זיך פונעם פּראָלעטאריאט, אַלס זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּארטײַ, פון דער דעמאָקראטישער פּארטײַ" (מארקס).

האָבנדיק אויסגעארבעט די קאָנסטיטוציע פאר דער רעפּובליק, איז די גרינדונג־פארזאמלונג זיך פאנאנדערגעגאנגען דעם 29־טן מײַ. איר אָרט האָט פארנומען די געזעצגעבערישע פארזאמלונג. בא די וואלן צו דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג האָבן די איבערוועגנדיקע מערהײַט באקומען די מאָנארכיסטן: די לעגיטימיסטן* (אָנהענגער פון די בורבאָנען) און די אָרלעאניסטן (אָנהענגער פון דער אָרלעאנישער דינאסטיע). פון 700 דעפּוטאטן זײַנען בא 450 געווען אָנהענגער פון אופשטעלן צוריק די מאָנארכיע. זיי האָבן געבילדעט די אזויגערופענע „אָרדענונג־פּארטײַ". פאנאנדערגעטיילט זיי האָט בלויז דער שטרײַט וועגן דעם קאנדידאט אפן טראָן. די צווייטע פּארטײַ לויט דער קראפט איז געווען די „באַרג"־פּארטײַ,** וואָס האָט פאָרגעשטעלט די אינטערעסן פון דער קלײנבורזשואזיע. דער פירער פון דער דאָזיקער פּארטײַ איז געווען לעדריו ראָלען.

דער דריטער פּעריאָד פון דער רעוואָליוציע (29 מײַ 1849 — 2 דעקאבער 1851 י.)

די אָנגעהויבענע טעטיקײַט פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג האָט מיט זיך געעפנט דעם 3־טן און דעם לעצטן פּעריאָד פון דער רעוואָליוציע — דעם פּעריאָד, ווען עס האָט עקזיסטירט די בורזשואזע רעפּובליק. ער האָט געדויערט סאך־כאקל $2^1/_2$ יאָר.

ווען די קלײנבורזשואזיע האָט נאָך דער יונער מאפּאָלע פונעם פּראָלעטאריאט זיך באגעגנט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער גרויסבורזשואזיע,

---

* פונעם פראנצויזישן וואָרט „לעגיטים", וואָס איז דער טײַטש געזעצלעך.

** דעם דאָזיקן נאָמען האָט די פּארטײַ פון דער קלײנבורזשואזיע אָנגענומען אין די יאָרן 1848—1849, וועלנדיק נאָכמאַכן דער פּארטײַ „באַרג" פון דער עפּאָכע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע.

האָט זי זיך אַרויסגעוויזן אָנמעכטיק צו קעמפן קעגן דער אַלץ שטאַרקער ווערנ־
דיקער רעאַקציע.

די מאָנאַרכיסטן — די „אָרדענונג־פּאַרטיי“, — וואָס האָבן צוגעגרייט די אויפ־
שטעלונג פון דער מאָנאַרכיע אין פראַנקרײַך, האָבן זיך אַפ זייער וועג צונויפ־
געשטויסן מיט דער קליינבירגערלעכער „בארג“, וואָס האָט סײַ אין דער געזעצ־
געבערישער פאַרזאַמלונג סײַ אויסער איר געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז זי וועט
קיינעם ניט לאָזן אָנפאַלן אַפ דער רעפובליקאַנישער קאָנסטיטוציע, אַפ דער רע־
פובליק, און בכלל אַפ דעם אַלגעמיינעם וואַלרעכט. באָנאַפּאַרט אַליין האָט אויך
געוואָלט פאַרניכטן די רעפובליק און זיך אַוועקזעצן אַפ פראַנקרײַכס טראָן. דע־
ריבער איז ער געווען פאַרינטערעסירט צו באַזײַטיקן פון וועג די „בארג“ און
ער האָט געגעבן דער „אָרדענונג־פּאַרטיי“ א פּאַסיקע געלעגנהייט אַפ צו מאַכן
א סאָפ מיטן „בארג“. ער האָט געבראָכן די קאָנסטיטוציע, וואָס האָט פאַרבאָטן
צו שיקן דאָס פראַנצויזישע מיליטער צו אונטערדריקן אַנדערע פעלקער, און האָט
באַגיטיקט די באָמבאַרדירונג פון רוים מיצאַד דעם פראַנצויזישן עקספּעדיציע־
קאָרפּוס. לעדריו ראָלען האָט אין נאָמען פון „בארג“ אין דער געזעצגעבערישער
פאַרזאַמלונג אַרויסגעשטעלט א באַשולדיקונג קעגן באָנאַפּאַרטן אין ברעכן די
קאָנסטיטוציע. די „אָרדענונג־פּאַרטיי“ האָט אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג, אַנער־
קענענדיק באָנאַפּאַרטן פאַר ניט שולדיק. דעם 13־טן יוני 1849 יאָר האָט די „בארג“
געפּרוווט מאַכן אַן אויפשטאַנד, אָבער ער האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן. צום סאָף
האָט מען זי אַליין באַשולדיקט אין א פּרווו צו שטירצן די רעפובליק, און איר
קראַפט אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איז געוואָרן אײַנגעבראָכן. די
קליינבורזשואַזיע האָט מיט איר ניט געלונגענער אַרויסטרעטונג געגעבן בלויז א
טערעץ פאַר א נײַער פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע. די „אָרדענונג־פּאַרטיי“
האָט אָפּגעהאַלטן א ניצאָכן. אין 1850 יאָר האָט זי דורך דער געזעצגעבערישער
פאַרזאַמלונג אָפּגעשאַפט דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן
אַפ די באַריקאַדעס פון דער פעווראַל־רעוואָלוציע. שטימרעכט האָט מען איצט
געגעבן בלויז דעם, ווער עס האָט אָפּגעלעבט אַפ איין אָרט ניט ווייניקער פון
דרײַ יאָר. דער דאָזיקער געזעץ האָט אין דער ערשטער ריי אָפּגענומען דאָס
וואַלרעכט בא די אַרבעטער, וואָס זײַנען געווען געצוווּנגען, זוכנדיק פאַרנאָסע,
איבערוואַנדערן פון איין אָרט אַפן צווייטן. בא דרײַ מיליאָן מענטשן, דעריקער
אַרבעטער, זײַנען אַזוי אַרום געבליבן אָן וואַלרעכט.

פאַרניכטנדיק דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, האָט די געזעצגעבערישע פאַרזאַמ־
לונג דורכגעפירט א רעאַקציאָנערן געזעץ וועגן דער פרעסע, וואָס האָט אַפּסנײַ
אײַנגעשטעלט א גרויסן שטײַער אַפ אַרויסגעבן צײַטונגען און א שטעמפּל־אָפּצאָל
באַם פאַרקויפן זיי. איבער די הויכע פּרײַזן זײַנען די צײַטונגען געוואָרן קימאַט
ניט צוגענגלעך פאַר די ברייטע מאַסן.

צוליב דער דאָזיקער טעטיקײַט פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איז
זי געוואָרן זייער פאַרהאַסט בא די מאַסן אַרבעטנדיקע. זי האָט בעשומויפן ניט
בעקאָנט האָפן אַפ זייער אונטערשטיצונג, און אין פראַנקרײַך האָט זיך געשאַפן
אַזא סיטואַציע, אַז אויך די בורזשואַזיע גופע האָט אויפגעהערט שטיצן אירע
פאַרשטייער אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג.

לוי באָנאַפּאַרטס מעלוכע־איבערקערעניש (2־טער דעקאַבער 1851 יאָר)

די מאַפּאָלע פון דער קלײנבורזשואַזיע און די פאַרניכטונג פונעם אַלגעמײנעם װאַלרעכט האָבן אָפּגענומען בא דער רעפּובליק איר לעצטן אָנשפּאַר. די אומצופרידנקײט פונעם פּראָלעטאַריאַט, פון דער שטאָטישער קלײנבורזשואַזיע, די יוירונג, װאָס האָט זיך אָנגעהױבן צװישן די פּאָרגעשריטענע שיכטן פּױערטום אפּן באָדן פון די אַלץ װאַקסנדיקע שטײַערן, כױװעס און רויִנירונג פון דער פּױערשער װירטשאַפט, האָבן בלויז פאַרשטאַרקט די שטרעבונג פון דער בורזשואַזיע צו א פעסטער מעלוכע־מאַכט. אױב אין די יונער טעג פון 1848 יאָר איז דער אַרבעטער־קלאַס געשטאַנען איזאָלירט פון די איבעריקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, האָבן איצט, פאַרקערט, אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט זיך אָנגעהױבן גרופּירן רעװאָליוציאָנערע עלעמענטן פון דער שטאָטישער קלײנבורזשואַזיע און פּױערטום. אין א געפאַר איזאָלירט צו װערן איז איצט געװען די בורזשואַזיע. בא די צוגאָב־װאַלן אין פּאַריזש און אין א רײ דעפּאַרטאַמענטן זײַנען דורכגעגאַנגען רעפּובליקאַנער. צװישן די פּאַריזשער דעפּוטאַטן איז געװען אַפילע אן אָנטײלנעמער פון די יונער טעג. אָפּראַמענדיק דעם באָדן פאַר א מאָנאַרכיסטישער איבערקערעניש, האָט דערװײַל די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג אײַנגעפונען, אז דער סוינע אפּ דעם דאָזיקן װעג איז באָנאַפּאַרט, װאָס האָט געװאָלט פאַרכאַפּן דעם פראַנצױזישן טראָן פאַר זיך און איז ניט געװען גענײגט אָפּצוגעבן דעם טראָן פאַר די בורבאָנער אָדער אָרלעאַנער. דעריבער האָט די פאַרזאַמלונג אָנגעהױבן א קאַמף קעגן באָנאַפּאַרטן. די בורזשואַזיע, װאָס האָט מוירע געהאַט פאַר דער טאַרײניקונג פון דער קלײנבורזשואַזיע און פּױערטום אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט און האָט זיך געשראָקן פאַר א רעװאָליוציאָנערן אופּרײַס, האָט געדאָרשט נאָך א שטאַרקער מאַכט, װאָס זאָל קענען אײַנקלעמען אין פּױסט די אַרבעטנדיקע מאַסן. אָבער דער קאַמף פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג קעגן באָנאָפּאַרטן און זײַנע מיניסטאָרן האָט, לויט דער מײנונג פון דער בורזשואַזיע, בלויז אָפּגעשװאַכט די קראַפט פון דער רעגירונג־מאַכט. דעריבער האָט זי גענומען זיך אױסקערעװען מיטן רוקן צו אירע פאָרשטײער אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג און האָט ניט צװײדײַטיק געלאָזט פילן איר סימפּאַטיע צו באָנאַפּאַרטן, װעלכער האָט ניט געקאַרגט קײן גרױסאַרטיקע צוזאָגענישן. אין די אומשטאַנדן פון קאַמף צװישן צװײ קלאַסן, װאָס האָבן געהאַט מער אָדער װײניקער גלײַכע קרעפטן, א קאַמף, װאָס איז אַזױ געװען פאַרשאַרפט, אז עס האָט געדראָעט צו פאַרװאַנדלט װערן אין א בירגערקריג, איז די בורזשואַזיע שױן געװען גרײט אָפּצוזאָגן זיך פון אירע פּאָליטישע רעכט, אַבי נאָר אײַנהיטן און פאַרפעסטיקן איר קלאַסן־הערשאַפט. אָנשטאָט דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק האָט די בורזשואַזיע איצט געהאַלטן פאַר בעסער א באַהאַלטענע פאָרם פאַר איר הערשאַפט — א בורזשואַזע אימפּעריע, װי זי װאָלט געקאָנט, בא א געלעגנהײַט זיך אױסבאַהאַלטן „הינטערן טראָן", קעדײ פאַרמאַסקירן איר הערשאַפט פאַרן פּראָלעטאַריאַט און פאַר די ברײטע מאַסן אַרבעטנדיקע. בא אַזעלכע באַדינגונגען איז די פראַגע װעגן אױפשטעלן צוריק די אימפּעריע געװען בלויז א פראַגע פון צײַט.

נאָך אין 1849 י. האָט לוי באָנאַפּאַרט אָרגאַניזירט א „געזעלשאַפט פון 10־טן

דעקאבער", ווּ ער האָט אונטערנ אָנשטעל פונ א צדאָקע־געזעלשאפט צוגעגרייט קאדרענ אָנהענגער אפנ פאל פונ א מעלוכע־איבערקערעניש. רויִנירטע הוליאקעס, דעמיסיאָנירטע מיליטער־לײַט, פארשיידענע מינימ אוואנטיוריסטנ אונ לעב־יונגענ, וואָס האָבנ געהאָפט צו פאריכטנ זייערע פערזענלעכע געשעפטנ דורכ א וועלכער־ניט־איז געלונגענער אפערע, לומפנ־פראָלעטאריער — מיט איינ וואָרט, דעקלאסירטע עלעמענטנ, וואָס האָבנ פארלאָרנ זייער אָרט אינ דער פּראָדוקציע אונ אינ דער געזעלשאפט, — פונ זיי איז דאָס באשטאנענ די באָנאפארטיסטישע „געזעלשאפט פונ 10־טנ דעקאבער". דאָס איז געווענ א באָנאפארטיסטישע באנדע, א מינ לויִ־נאפאָלעאָנס פריוואטע ארמיי, א שלאכט־קראפט, אפ וועלכער ער האָט זיכ געקאָנט שטיצנ באמ פארווירקלעכנ זײַנע פלענער.

קעדיי צוגרייטנ א מעלוכע־איבערקערעניש האָט לויִ באָנאפארט אויסגעניצט די אומצופרידנקײַט פונ אלע קלאסנ פונ דער באפעלקערונג, ער האָט געטיילט ברייטהארציקע צוזאָגעכצנ אפ רעכטס אונ אפ לינקס אונ האָט געמאכט כיינדלעכ אלעמאָל אנ אנדער קלאס פונ דער באפעלקערונג. א באזונדער אכט האָט ער גע־לייגט אפ דער ארמיי. דער גרויסבורזשואזיע האָט לויִ באָנאפארט צוגעזאָגט א פעסטע מאכט אונ אזא אָרדענונג, וואָס זאָל איר זיכערנ די מעגלעכקײַט צו באריײַכערנ זיכ; דער קליינבורזשואזיע — צו באשיצנ אירע אָפּשפּאָרונגענ קעגנ דעמ דראנג פונעמ גרויס־קאפיטאל; די ארבעטער — צו פארטיידיקנ פונ עקספּלואטאציע מיצאד דער בורזשואזיע: די פויערימ — צו באשיצנ זייער קליינייגנטומ סײַ פונ דער בורזשואזיע סײַ פונ די שטאָטישע „צעטיילער"; בא דער ארמיי האָט לויִ באָנאפארט אופגעלעבט די זיכרוינעס וועגנ די גלענצנדיקע ניצכוינעס פונ זײַנ פעטער.

„דאָס לאווירנ פונ א מעלוכע־מאכט, וואָס שטיצט זיכ אפ דער סאָלדא־טעסקע (אפ די ערגסטע עלעמענטנ פונעמ מיליטער), צווישנ צוויי פײַנטלעכע קלאסנ אונ קרעפטנ, וועלכע ברענגענ מער ווייניקער אינ גלײַכגעוויכט איינס דאָס אנדערע, — אָט דאָס איז דער היסטאָרישער סימענ פונ באָנאפארטיזמ." (לענינ).

צוזאָגנדיק אפנ וואָרט צו באפרידיקנ די אינטערעסנ פונ אלע קלאסנ, האָט באָנאפארט אינדערעמעסנ זיכ גערעכנט, אינ דער ערשטער ריי, מיט *די אינטערעסנ פונ דער גרויסבורזשואזיע*.

דערווײַל האָט דער פּיריאָדיקער טערמינ, וואָס לויִ באָנאפארט איז געווענ פּרעזידענט, שוינ געהאלטנ באמ סאָפ, אונ לויטנ געזעצ האָט ער ניט געקאָנט צומ צווייטנ מאָל ארויסשטעלנ זײַנ קאנדידאטור. דאָס האָט געצווונגענ לויִ באָנאפארטנ צו אנטשליסנ זיכ אפ א מעלוכע־איבערקערעניש, ביפראט, אז דער באָדנ איז רײַפ געוואָרנ. די בורזשואזיע איז בעפיירעש געשטאנענ אפ זײַנ זײַט, אפ זײַנ זײַט איז אויכ געווענ די ארמיי אונ דאָס באאמטנטומ, דה. דער גאנצער מעלוכישער אפאראט, זײַנע קעגנער — די „אָרדענונג־פארטיי" אינ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג זײַנענ בא די ברייטע מאסנ געווענ פארהאסט אונ פאראכטעט.

אינ דער נאכט צומ 2־טנ דעקאבער 1851 יאָר האָט לויִ באָנאפארט באפוילנ ארעסטירנ די סאמע אײַנפלוסרײַכע דעפּוטאטנ פונ דער „אָרדענונג־פארטיי". די געזעצגעבערישע פארזאמלונג איז פאנאנדערגעטריבנ געוואָרנ מיט מיליטער. אפ די גאסנ פונ פאריזש האָט מענ פאנאנדערגעקלעפּט א ווענדונג צו דער באפעלקערונג, ווּ באָנאפארט האָט דערקלערט, אז ער פארלענגערט זײַנע פרעזידענטנ־

רעכט נאָכ אפ 10 יאָר. און פונקט אינ א יאָר ארום, דעם 2־טנ דעקאבער 1852 יאָר, האָט באָנאפארט זיכ דערקלערט פאר אנ אימפעראטער, אונטערנ נאָמענ נאַפּאָלעאָנ דער דריטער.* אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ די צווייטע אימפעריע.

דער ארבעטער-קלאס פונ פראנקרײַכ איז ניט געווענ בעקויעכ צו שטערנ לוי באָנאפארטס מאָנארכיסטישע איבערקערעניש. „מיר האָבנ קיינ געווער ניט, מע האָט דאָכ אונדז אלעמענ אינ יונ 1848 יאָר אנטוואָפנט",— האָבנ די ארבעטער געענטפערט, ווענ מע האָט זיי גערופנ צו אנ אופשטאנד.

די פויערימ, וואָס האָבנ שוינ געהאט פארזוכט דעם טאמ פונ דעם באָנאפארטישנ רעזשימ אינ די יאָרנ, ווענ ער איז געווענ פרעזידענט, האָבנ איצט אינ א סאכ ערטער אײַנגעזעענ די גאנצע פאלשקײַט פונ לוי באָנאפארטס צוזאָגעכצנ. די פויערימ האָבנ דערזענ, אז די הערשאפט פונ דער גרויסבורזשואזיע, מיט וועמעס „שווערד" זי זאָל זיכ ניט צודעקנ, קאָנ בלויז ברענגענ פאר זיי נײַע שטײַערנ, נויט און דאכקעס. אפ לוי באָנאפארטס איבערקערעניש האָבנ די פויערימ אינ 14 דעפארטאמענטנ געענטפערט מיט אופשטאנדנ. אָבער דאָס זײַנענ געווענ בלויז איינצלנע אופברויזנ, וואָס די רעגירונג האָט גיכ דערשטיקט. ניט האָבנדיק קיינ פראָלעטארישע אָנפירונג, האָבנ די פאָרגעשריטענע שיכטנ פונעם פויערטומ ניט געקאָנט אנטקעגנשטעלנ קעגנ דעם באָנאפארטיזמ אנ אײַנהײַטלעכנ פעסט באהעפטנ פראָנט. אָבער די פויערשע אופשטאנדנ האָבנ אָנשוילעכ באשטעטיקט, ווי גערעכט מארקס איז געווענ, ווענ ער האָט אָנגעוויזנ, אז באָנאפארטי האָבנ געשטיצט בלויז די אייגנטימערישע, באלעגופישע, רעאקציאָנערע און קאָנסערוואטיווע שיכטנ פונעם פויערטומ. „באָנאפארטס דינאסטיע,— האָט מארקס געשריבנ,— שטעלט פאָר ניט דעם רעוואָליוציאָנערנ, נאָר דעם קאָנסערוואטיווג פויער... באָנאפארטס דינאסטיע איז א פאָרשטייערנ ניט פונ דער אופגעקלערטקײַט, נאָר פונעם אָבערגלויבנ פונ די פויערימ, ניט פונ זייער פארשטאנד, נאָר פונ זייערע פאָרורטיילנ, ניט פונ זייער צוקונפט, נאָר פונ זייער פארגאנגענהײַט".

די לעקציעס פונ דער רעוואָליוציע פונ 1848 י.

די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט אינ פראנקרײַכ פאקטיש אנטפלעקט אלע קלאסנ פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט. זי האָט באוויזנ, אז די „ליבעראלע בורזשואזיע האָט הונדערט מאָל מער מוירע פאר דער זעלבשטענדיקײַט פונ פראָלעטאריאט, איידער פאר וועלכער-ניט-איז רעאקציע" (לענינ), זי פויזעט פאר דער רעאקציע פאָשעט אפ אלע פיר. די רעוואָליוציע האָט באוויזנ, אז די קליינבורזשואזיע און דאָס פויערטומ וואקלענ זיכ צווישנ דעמ פראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע, און אויב דער פראָלעטאריאט קאָנ ניט ארויסרײַסנ בא דער בורזשואזיע פונ די הענט די העגעמאָניע איבער זיי, ווערנ זיי א רעזערוו פאר דער בורזשואזיע איר קאמפ קעגנ דעם פראָלעטאריאט. זי האָט באוויזנ, אז דער איינציקער קאָנסעקווענט-רעוואָליוציאָנערער קלאס פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט איז דער סאָציאליסטישער פראָלעטאריאט.

די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט באוויזנ, אז דער פראָלעטאריאט קאָנ

* נאפאָלעאָנ דער צווייטער איז געווענ נאפאָלעאָנ דעמ ערשטנס א זונ, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געקיניגט.

417—12

ניט באזיגנ די בורזשואזיע, אויב ער זאָל ניט צוציִענ אפ זײַנ זײַט די דאָרפישע אונ שטאָטישע אָרעמשאפט, אויב ער זאָל זיכ ניט שטעלנ אינ שפיצ פונ קאמפ פונ די דאָזיקע אָרעמסטע שיכטנ קעגנ דעם דרוק פונ דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע, אויב ער זאָל צוזאמענ מיט זײ אונ אינ דער שפיצ פונ זײ ניט ארויסגײנ אינ אנ אָפענער שלאכט קעגנ דער בורזשואזער הערשאפט. די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט באוויזנ, אז אָנ דער *העגעמאָניע* פונ *פראָלעטאריאט* איז זײַנ *ניצאָכנ אומעגלעכ*.

די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט *אנטבלויזט די גאנצע פאלשקײַט, די גאנצע אומטויגלעכקײַט* פונ דעם *אויסערקלאסנדיקנ פשאָרעמאכערישנ סאָציאליזם*. די צעשיסונג פונ די פאריזשער ארבעטער אינ די יונער טעג דורכ דער בורזשואזיע, וואָס אפ איר זײַט האָט זיכ געפונענ סײַ די שטאָטישע קלײנבורזשואזיע סײַ דאָס פויערטום, האָט „ענדגילטיק באשטימט די סאָציאליסטישע נאטור *בלויז* פונ פראָלעטאריאט". די דאָזיקע צעשיסונג האָט באוויזנ פאר דער גאנצער וועלט, אז סאָציאליסטיש איז בלויז אײנ קלאס אונ אז דער סאָציאליזם קאָנ זײַנ בלויז א *פראָלעטארישער סאָציאליזם*. דערמיט אלײנ איז דערלאנגט געוואָרנ א „פארניכטנדיקער קלאפ די אלע טומלדיקע, פארשיידנפארביקע, שרײַענדיקע פאָרמענ פונעם פארמארקסישנ סאָציאליזם אונ עס איז פארלײגט געוואָרנ א פעסטער פונדאמענט פארנ ניצאָכנ פונעם מארקסיזם אינ דער ארבעטער-באוועגונג". (*לענינ*).

די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט באוויזנ, אז די *טאליאָנימ פונעמ ארבעטער-קלאס, — די קאוועניאקעס, — וואקסנ אויס אפנ באָדנ פונעמ פשאָרעמאכערישנ סאָציאליזם*, אפנ באָדנ פונ לויִבלאנשטשינע אונ פונ די וואקלענישנ פונ דער קלײנבורזשואזיע; אינ דער אײגענער צײַט האָט זי אויכ באוויזנ, וואָס עס איז אזוינס באָנאפארטיזם אונ בא וועלכע סאָציאלע באדינגונגענ ער קומט אופ.

די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט באוויזנ, אז א *באוואָפנטער אופשטאנד* איז ניט קײנ שפילכל אפ צו פארווײַלנ זיכ, אז *דאָס איז א קונסט*, וואָס פאָדערט פאָרזיכטיקײַט אונ גענײטקײַט באמ אויסוויילנ דעם מאָמענט אונ פעסטע אנטשײדנקײַט באמ דורכפירנ דעם אופשטאנד גופא. „אויב די „בארג", — האָט מארקס געשריבנ וועגנ דעם אופשטאנד פונ דער קלײנבורזשואזיע פונעם 13־טנ יונ 1849 יאָר, — האָט געוואָלט זיגנ אינ פארלאמענט, האָט זי ניט באדארפט רופנ צו געווער. אונ אויב זי האָט אינ פארלאמענט גערופנ צו געווער, האָט זי ניט באדארפט זיכ פירנ אינ גאס אפ א פארלאמענטארישנ אויפנ. אויב זי האָט ערנסט געטראכט וועגנ א פרידלעכער דעמאָנסטראציע, איז געווענ א נארישקײַט ניט פאָרויסצוזענ, אז די דעמאָנסטראציע וועט באגעגנט ווערנ אפ א מיליטערישנ אויפנ. אויב זי האָט געטראכט וועגנ אנ עמעסנ קאמפ, איז געווענ אָריגינעל אוועקצולײגנ דאָס געווער, וואָס איז נײטיק צום קאמפ".

די דאָזיקע אלע לעקציעס פונ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט לענינ שפעטער אנטוויקלט אונ קאָנקרעטיזירט בענוגײע דער עפאָכע פונ אימפעריאליזם אונ זײ האָבנ דערוויזנ זײער ריכטיקײַט אפ דער דערפארונג פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר, פונ דער פעווראלער אונ אָקטיאברישער רעוואָליוציע אינ 1917 יאָר.

קאפיטל V

די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר אינ דײַטשלאנד

21. די סאָציאַל-עקאָנאָמישע אנטוויקלונג אונ דער קלאסנקאמפ אינ דײַטשלאנד אינ דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט.

די פאָליטישע צעשפּליטערטקײַט

אינעם XVIII אונ אינ דער ערשטער העלפט XIX יאָר־הונדערט האָט דײַטשלאנד אלס אײנהײַטלעכע מעלוכע ניט עקזיסטירט. דײַטשלאנד איז געווענ צעברעקלט אפ א ריי קלײנע, אײנס פונ דעם אנדערנ אומאָפּהענגיקע פירשטנטומס, פרײַע שטעט אאוו. ניט אומזיסט פלעגט מענ אינ יענער צײַט זאָגנ, אז דײַטשישע מעלוכעס איז פאראנ אזויפיל, וויפל טעג אינ יאָר. אונווירקלעכ, נאָכ ערעוו דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע זײַנענ דאָרט געווענ מער ווי 360 מעלוכעס. דער ווינער קאָנגרעס, וואָס האָט איבערגעשניטנ די קארטע פונ אײראָפּע לעטויוועס די באזיגער, האָט פארקירצט די צאָל דײַטשישע מעלוכעס ביז 39. אָבער שאפנ אנ אײנהײַטלעכ, שטארק דײַטשלאנד האָט ווידערשפּראָכנ די אינטערעסנ סײַ פונ דער ענגלישער בורזשואזיע, סײַ פונ די רוסישע פריצים. פאר זיי האָט זיכ בעסער געלוינט די אומופּהערלעכע קאָנקורענצ צווישנ די באזונדערע דײַטשישע מעלוכעס.

דער ווינער קאָנגרעס האָט בלויז געשאפנ א דײַטשישנ בונד, וואָס האָט אײַנגעשטעלט א גאנצ שוואכע פארבינדונג צווישנ די באזונדערע דײַטשישע מעלוכעס. דער אײנציקער אָרגאנ פונ דעם דאָזיקנ בונד איז געווענ דער פארבאנדישער סיים, ווו יעדע דײַטשישע מעלוכע האָט געשיקט אירע געזאנדטע. דערבײַ איז אָבער יעדע מעלוכע ווידער געבליבנ בא איר ארמיי, מיט איר געריכט אונ אײגענע געזעצנ, מיט אײגענע דיפּלאָמאטנ פאר די אויסערלעכע באציִונגענ מיט די איבעריקע מעלוכעס. די באשלוסנ פונ סיים האָבנ ניט געהאט קײנ רעאלע קראפט. אונ דער קאמפ, וואָס איז אָנגעגאנגענ אינ סיים אונ אויסערנ סיים צווישנ די צוויי גרעסערע דײַטשישע מעלוכעס — פרײַסנ אונ עסטרײַכ, האָט גאָר צונישט געמאכט די אײנהײַט אינעם פארבאנד.

די ווירטשאפט־לעכע אָפּגעשטא־נענקײַט פונ דײַטשלאנד

די פאָליטישע צעברעקלטקײַט פונ דײַטשלאנד, וואָס האָט נאָכ עקזיסטירט פונ די פעאָדאלע צײַטנ אָנ, איז געווענ א רעזולטאט פונ דײַטשלאנדס ווירטשאפטלעכער אָפּגעשטאנענקײַט. ניט בלויז ענגלאנד, נאָר אויכ פראנקרײַכ האָבנ ווײַט אריבערגעיאָגט דײַטשלאנד לויט זײער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. די הויפּט־סיבע פונ דײַטשלאנדס ווירטשאפטלעכער אָפּגעשטאנענקײַט איז געווענ דאָס, וואָס עס איז געלעגנ ווײַט פונ די אלוועלטלעכע האנדל־וועגנ. אינ צוזא־

מענהאַנג מיטנ אַנטדעקנ אַמעריקע אונ דעמ יאַמ-וועג קײַנ אינדיע אַרומ אַפריקע זײַנענ די הויפּט-וועגנ פונעמ וועלט-האַנדל אַריבערגעטראָגנ געוואָרנ פונ דעמ מיטללענדישנ יאַמ צומ אַטלאַנטישנ אָקעאַנ, אונ דײַטשלאַנד איז דאַנ געבליבנ אָנ אַ זײַט פונ זיי, געווענ ווי אָפּגעוואָרפנ אינ אַ פּראָווינציעלנ העק.

אַ שווערער קלאַפּ איז פאַר דײַטשלאַנדס שוואַכ געוואָרענער ווירטשאַפט אויכ געווענ די לאַנגיאָריקע מילכאָמעס, וואָס האָבנ רויִנירט דײַטשלאַנד אינ פאַרלויפ פונ XVII אונ XVIII יה.

די דאָזיקע צוויי הויפּט-סיבעס האָבנ געבראַכט דערצו, וואָס די לאַנדווירטשאַפט, די אינדוסטריע אונ דער האַנדל האָבנ זיכ אינ דײַטשלאַנד אַנטוויקלט זייער לאַנגזאַמ. די פאַרשיידענע געגנטנ פונ דײַטשלאַנד האָבנ געלעבט יעדע מיט איר לעבנ אונ זײַנענ ניט געווענ פאַרבונדנ צווישנ זיכ אינ איינ ווירטשאַפטלעכ גאַנצעס. אינ די מעלוכעס פונ דײַטשלאַנד זײַנענ פאַרבליבנ די פעאָדאַלע פּאָראָנדקעס.

די לאַנדווירטשאַפט אונ די לאַגע פונ די פּויערימ

די גרונט-מאַסע אינ די דײַטשישע מעלוכעס זײַנענ געווענ די פּויערימ. די לאַגע זייערע איז געווענ ביז גאָר אַ שווערע. אַפ זיי איז געלעגנ די לאַסט פונ פעאָדאַלע פליכטנ. די שווערסטע פונ זיי איז געווענ די פּאַנשטשינע, דה. די פליכט פונעמ פּויער אָפּצואַרבעטנ עטלעכע טעג אינ וואָכ אַפנ פּאָרעצ. צײַטנווײַז פלעגנ די פּויערימ אַפ זייערע פעלדער אַרבעטנ בײַ דער נאַכט — אַזוי ווייניק צײַט פלעגט זיי בלײַבנ נאָכ דער פּאַנשטשינע. אַ טייל פּויערימ האָבנ זיכ גערעכנט „בעיערושעדיקע” אַרענדאַטערס פונ דער פּריצישער ערד, אָבער אָפטמאָל פלעגט דער פּאָרעצ אײַנדערעמעסנ אַראָפּטרײַבנ זיי פונ דער ערד אונ פאַרייניקנ זייער ערדכיילעק מיט דער פּריצישער אַקערערד. דער געריכט איבער די פּויערימ איז אויכ געווענ אינ די הענט פונעמ אַדעליקנ דעמ פּאָרעצ. ער האָט געהאַט דאָס רעכט אַפילע אַרײַנצוזעצנ אינ טפיסע די פּויערימ, וואָס זאָגנ זיכ אָפּ אויסצופילנ די פּאַנשטשינע.

באַזונדערס שווער איז פאַר די פּויערימ געווענ דאָס לײַבייגנטומ אינ מיזרעכ-דײַטשלאַנד — אינ פּרײַסנ. די פּריצימ פונ מיזרעכ-פּרײַסנ האָבנ אָפּגעזעצט די טוווּע אונ אַנדערע פּראָדוקטנ פונ דער לאַנדווירטשאַפט אינ ענגלאַנד, ווײַל דאָרט איז אַפנ באָדנ פונ דער אַנטוויקלטער אינדוסטריע אונ האַנדל געשווינד געוואָקסנ די שטאָטישע באַפעלקערונג. אַפ דער באַזע פונ טוווּע-עקספּאָרט איז אינ מיזרעכ-פּרײַסנ געוואָקסנ די גרויסע גוטבאַזיצערישע ווירטשאַפט מיט אַ גרויסער פּריצישער פּאַראַקערונג, וואָס איז געווענ אויסגערעכנט אָפּצוזעצנ טוווּע אַפנ אויסערלעכנ מאַרק. דער טוווּע-עקספּאָרט האָט אַרײַנגעטראָגנ די פּרײַסישע פּריצימ גרויסע רעוואָכימ אונ זיי האָבנ אַפ פאַרשיידענע אויפאַנימ זיכ באַמיט צו פאַרברייטערנ זייער אַקערערד אַפנ כעזשבנ פונ דער פּויערשער ערד. צוזאַמענ דערמיט האָבנ זיי אויכ פאַרגרעסערט די פּאַנשטשינע.

דאָס דערשלאָגענע פּויערטומ, וואָס איז געווענ אונטערדריקט פונ די פעאָדאַלע פּאָראָנדקעס, האָט געבילדעט דעמ גרונט-קערנ פונ דער פּרײַסישער אַרמיי. עס איז דעריבער קיינ וווּנדער ניט, וואָס בײַ אַנ אַנטשיידענעמ צוזאַמענשטויס מיטנ נאַפּאָלעאָנישנ מיליטער איז די פּרײַסישע אַרמיי צעקלאַפּט געוואָרנ אַפ ברעקלעכ.

די רעפאָרמעס אין פּרייסן אין אָנהייב XIX יאָרהונדערט

פאר דער פּרייסישער רעגירונג האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן שאפן א נייע שלאכטפייִקע ארמיי צוליבן קאמף קעגן נאפּאָלעאָנען.

עס איז געווען קלאָר, אז דאָס פּרייסישע פּויערטום, וואָס איז דערשלאָגן פונעם לייַבייגנטום, וועט זיך ניט אופהייבן קעגן נאפּאָלעאָנען, באזונדערס אויב ער וועט אָנהייבן אָפּשאפן די לייַבייגנטימערישע פעאָדאַלע פּאָ-ראָנדקעס. אָבער מער פאר אַלץ האָט די דייַטשישע רעגירונג מוירע געהאט, אז דאָס פּרייסישע פּויערטום זאָל ניט אָנהייבן לויטן מוסטער פון די פראנצויזישע פּויערים א קאמף פאר אָפּשאפן דאָס לייַבייגנטום „פון אונטן“, דה. דורך א רע-וואָליוציע. אכוץ דעם, האָבן אייניקע פּרייסישע פּריצים, וואָס האָבן אָפּגעזעצט זייער טווע אפן מארק, זיך שוין איבערצייַגט, אז לייַבייגנטימערישע ארבעט לוינט ניט, אז דער פארשקלאפטער פּויער ארבעט לאנגזאם און שלעכט און אז דער פּרייַער באטראך מיט א קליינינקער נאכלע וועט בעסער באארבעטן די פּריצישע ערד.

צוליב די דאָזיקע טעמים ווערן אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון XIX יאָרהונדערט (די יאָרן 1807—1821) דורכגעפירט אין פּרייסן אייניקע רעפאָרמעס. אזוי איז אָפּגעשאפט געוואָרן די פּערזענלעכע אָפּהענגיקייט פונעם פּויערטום. די סאמע פארמעגלעכסטע שיכטן פונעם פּויערטום (ווי, אשטייגער, די יערושעדיקע ארענדאטערס) האָבן באקומען דאָס רעכט אויסצוקויפן זייער ערד באם פּאָ-רעץ. די באדינגונגען פון דעם דאָזיקן אויסקויף זייַנען געווען אויסערסט שווע-רע: די פּויערים האָבן געמוזט אויסצאָלן דעם פּאָרעץ 25 מאָל אזויפיל, איידער זיי האָבן געצאָלט יערלעך, אכוץ דעם, פלעגן זיי נאָך אים מוזן אָפּטרעטן א דריטל אָדער אפילע א העלפט פון זייער ערדבייַלעק. דעריבער האָט פאר דער גאנצער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט און ביז צו דער סאמע רעוואָליו-ציע פון 1848 יאָר באוויזן זיך אויסצוקויפן א קליינער טייל פונעם **פארמעג-לעכן פּויערטום** — סאכאקל בא 300 טויזנט מענטשן. דערבייַ האָבן זיי אָפּ-געגעבן די פּריצים העכער 400 טויזנט הא ערד און האָבן אָפּגעצאָלט מעזומענע בא 20 מיליאָן טאלער.*

אָבער דער גרעסערער טייל פּויערים האָט ניט בלויז ניט געקאָנט, נאָר לויטן געזעץ האָט ער אפילע קיין רעכט ניט געהאט אויסצוקויפן זיך פון די פעאָדאַלע פּליכטן. זיי איז פּאָשעט פאָרגעשטאנען אראָפּגעטריבן צו ווערן פון זייער ערד. די פּריצים האָבן זיך דערמיט ברייט באניצט, און אומגעהייערע מאסן פּויערשע ערד זייַנען פון יאָר צו יאָר געוואָרן פארייניקט צו די פּריצישע ערד. אַלס רעזולטאט דערפון האָט זיך די צאָל פּויערשעווירטשאפטן שטארק פארקלענערט. אשטייגער, אין 1816 יאָר איז אין פּרייסן אף איין קוואדראט-מייַל אויסגעקומען 45 פּויערשע ווירטשאפטן און אין 1837 יאָר שוין נאָר 13. אין XVII יאָרהונדערט האָט מען אין מעקלענבורג געציילט $12^1/_2$ טויזנט פּויערשע הויפן און אין 1848 — בלויז 12 הונדערט. אפן כעזשבן פון די פארניכטעטע פּויערשע ווירטשאפטן זייַנען געוואָקסן די גרויסע פּריצישע מאיאָנטקעס.

* א טאלער באטרעפט $1½$ רובל לויטן פארמילכאָמעדיקן קורס.

דער פרייַסישער אנטוויקלונג-וועג פונעמ קאפיטאַ-ליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט

דאָס געלט אונ די ערד, וואָס די פריצימ האָבנ באקומענ פונעמ פארמעגלעכנ פויערטומ באַמ אויסקויפנ, האָבנ געגעבנ דעמ פרייַסישנ פּאָרעצ די מעגלעכקייַט צו פארברייטערנ אונ פאַר-בעסערנ זייַנ ווירטשאַפט, אריבערפירנ זי אַפ נייַע רעלסנ. דער פארשטאַרקטער נאָכפרעג אַפ טוווע אונ לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ מיצאַד ענגלאנד מיט זייַנ שנעל אופשטייַגנדיקער אינדוסטריע אונ מיט דער וואַקסנדיקער שטאָטישער באַפעלקערונג, האָט געבראַכט, פונ זייַנ זייַט, קאָ-לאָסאַלע נוצנ פאַר די פרייַסישע פריצימ אונ האָט אַלצ מער אַרייַנגעצויגנ זייער ווירטשאפט אינעמ האַנדל-אומזאַצ. בלויז פאר דעמ איינ יאָרצענדליק פונ 1830 ביז 1840 יאָר זייַנענ די טוווע-פרייַזנ אויסגעוואַקסנ אַפ 13 — 15 פראָצענט.

יאָגנדיק זיכ נאָכ רעווע, פארברייטערנ די פרייַסישע פריצימ דעמ שעטעכ באַארבעטע ערד, זיי גייענ אריבער פונ דער דרייַפעלדער-סיסטעמ צו א פילפעלד-דער-ווירטשאפט, זיי פארבעסערנ דאָס באַארבעטנ די ערד, פארגרעסערנ די צאָל פי, ווענדנ אָנ קינסטלעכע באַמיסטיקונג אַפ העכערנ די געראָטנקייַט. צוגלייַכ מיט דער אומזיסטער ארבעט פונ די פליכט-פויערימ (דאָס אָפּקומענ פעאָדאַלע פליכ-טנ) הייבנ אָנ אינ דער פריצישער ווירטשאפט אַלצ מער אונ מער באַניצט ווערנ אויכ די פרייַגעדונגענע, א סאַכ מער פראָדוקטיווערע ארבעט פונעמ ארומיקנ אָנערדיקנ אונ קנאַפּערדיקנ פויערטומ. אינ א ריי גרויסע גיטער אנטשטייענ צוקער-זאַוואָדנ אונ בראָנפנ-זאַוואָדנ. אָט אזוי הייבנ זיכ אָנ צו אנט-וויקלענ אינ דער פרייַסישער לאנדווירטשאפט קאַפּיטאַליסטישע פארהעלטענישנ. דעמ דאָזיקנ אנטוויקלונג-וועג פונעמ קאפיטאַליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט, ווענ די פעאָדאַלע אָפּהענגיקייַט, די לייַבאייגנטימערישע פארהעלטענישנ ווערנ ניט ליק-ווידירט מיטאַמאָל אַפ א רעוואָלוציאָנערנ וועג, נאָר זיי „פאַסנ זיכ צו לאנגזאַמ צומ קאפיטאַליזמ, וועלכער היט נאָכ אייַנ אַפ א צייַט לאנג די דאָזיקע פעאָדאַלע שטריכנ", רופט לענינ אָנ „פרייַסישער וועג" אינ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפי-טאַליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט. אינ שפּיצ פונ דער בורזשואַזער אנטוויקלונג בלייַבנ ווידער די גרויסע פריצישע ווירטשאפטנ, וואָס ווערנ ביסלעכווייַז אַלצ מער בורזשואַזע אונ פארבייַטנ ביסלעכווייַז די לייַבאייגנטימערישע אויפאַנימ פונ עקספּלואַטאַציע אַפ בורזשואַזע אויפאַנימ פונ עקספּלואַטאַציע.

פאַראַנ נאָכ א צווייטער וועג פונ בורזשואַזער, קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפט. די אנטוויקלונג קאָנ אויכ פאָרקומענ אזוי, אַז אינ דער שפּיצ גייענ די דריבנע פויערשע ווירטשאפטנ, וואָס צעקלאַפּנ אַפ א רעוואָלוציאָנערנ אויפנ די פעאָ-דאַלע מאַיאָנטקעס, אונ דערנאָכ אנטוויקלענ זיי זיכ פרייַ, אָנ די גרויסע גיטער — מיטנ וועג פונ קאפיטאַליסטישער פערמערייַ. אינ אזעלכע פאַלנ איז אָדער אינגאַנצנ קיינ פריצי-שע ווירטשאפט ניט פאראנ, אָדער זיי ווערנ צעקלאַפּט דורכ דער רעוואָלוציע. די באַזע פונ דער קאפיטאַליסטישער אנטוויקלונג ווערט דאָ „די פרייַע ווירטשאפט פונ א פרייַענ פערמער אַפ א פרייַער ערד, פרייַ פונ אלע מיטלאַלטערלעכע פענטעס, פונ לייַבאייגנטומ אונ פעאָדאַ-ליזמ" (לענינ). דעמ דאָזיקנ אנטוויקלונג-וועג פונעמ קאפיטאַליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט רופט לענינ אָנ „אַמעריקאַנישער וועג".*

---

* גענויער וועגנ דעמ „אַמעריקאַנישנ" אנטוויקלונג-וועג פונעמ קאפיטאַליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט זע אינעמ קאַפּיטל וועגנ די פארייניקטע שטאַטנ.

אין פרײַסן האָט די לאנדווירטשאפט אין דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט אָנגעהויבן מאכן די ערשטע טריט אפ דעם דאָזיקן לאנגזאמען, פײַנלעכן פארן פויערטום וועג פון פארוואנדלען די פריצישע פעאָדאלע ווירטשאפט אין א בורזשואזער. אָבער די פעאָדאלע פאָראָנדקעס זײַנען נאָך אלץ געבליבן די דאָמינירנדיקע, און אומעטום איז בלויז א דינער שיכט פונעם גרויסן באלעגופישן פויערטום („גראָסבאוערן") געווען פרײַ פון די פעאָדאלע פליכטן. דאָס איבעריקע פויערטום האָט זיך נאָך געפונען אפ פארשיידענע שטופעס פון אָפהענגיקייט. ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1848 יאָר האָט דער פרײַסישער פאָרעץ נאָך געהאט אײַנגעהיט אין זײַנע הענט די פאָליצייִשע און געריכטלעכע מאכט איבער דעם פויערטום, וואָס איז געווען פון אים אָפהענגיק. דער פויער האָט, לויט מארקס ווערטער, געהאט צו טראָגן אפ זיך „א בארג מיט פליכטן, אָפצאָלונגען און גרענעץ-שטײַערן".

אזוי האָט דאָס פויערטום אין משך פון דער גאנצער העלפט XIX יאָרהונדערט געליטן פון א צווייענדיקן דרוק — דעם דרוק פונעם קאפיטאליזם, וואָס האָט זיך לאנגזאם אנטוויקלט, און דעם דרוק פון די נאָך פעסטע רעשטלעך פעאָדאליזם.

ניט ווייניקער שווער איז געווען די לאגע פונעם פויערטום אויך אין אנדערע דײַטשישע מעלוכעס. אין עסטרײַך און אין אונגארן איז אפן פויערטום נאָך געלעגן א פיל שווערערער פעאָדאלער דרוק. די גרויסע פריצישע גיטער פלעגן באארבעט ווערן דורך פאנשטשינע-ארבעט פון די לײַביגענע פויערים,— פאר דער אייגענער ווירטשאפט איז בײַם פויער קימאט גאָר קיין צײַט ניט געבליבן. די פויערים האָבן אויך געמוזט צאָלן דעם „צענטל"-שטײַער פאר דער קירכע און טראָגן אפ זיך דעם יאָך פון מעלוכע-שטײַערן. אשטייגער, די „פעאָדאל-פארפליכטעטע" פויערים פון אונגארן האָבן אָפגעגעבן אויך צענטל פון דער גערעטעניש דער קאטוילישער קירכע, אויך נײַנטל דעם פאָרעץ, בא וועלכן זיי האָבן, אחוץ דעם, נאָך געמוזט אָפארבעטן אומזיסט 150 טעג א יאָר... אויסער דעם, איז דאָך דער פאָרעץ אליין געווען ריכטער איבער די פויערים און ער האָט אינדערעמעסן שטענדיק געקאָנט לײַכט ארויסטרײַבן דעם פויער פון דער ערד.

אין עסטרײַך און אין אונגארן האָט זיך די פויערים-פראגע איבערגעפלאָכטן מיט דער נאציאָנאלער פראגע: אָפט האָבן די פריצים געהערט צו איין נאציאָנאליטעט, און די פויערים — צו א צווייטער. אשטייגער, אין טראנסילוואניע זײַנען די פריצים געווען אונגארן, די פויערים — רומענער; אין גאליציע זײַנען די פריצים געווען פאָליאקן, די פויערים — רוטענער. דער פויער, וואָס האָט דאָרט געקעמפט קעגן פאָרעץ, האָט געזען אין אים ניט בלויז א קלאסן-סוינע, נאָר אויך א פארשטייער פון א פרעמדער נאציאָנאליטעט, וועלכע אונטערדריקט אים.

דער קלאסנקאמף האָט, אזוי ארום, אנגענומען א פאָרם פון נאציאָנאלער סינע. מיט אָט דעם נאציאָנאלן האס האָט זיך זייער קונציק באנוצט די עסטרײַכישע רעגירונג. באשיצנדיק די אינטערעסן פון די פריצים, האָט זי אָנגערייצט איין פאָלק אפן אנדערן. און האָט פארשווערט דאָס באשאפן אן אײנהייטלעכן רעוואָליוציאָנערן פראָנט פון קאמף קעגן דעם פעאָדאליזם און אבסאָליוטיזם.

באדײַטנדיק גרינגער איז געווען די לאגע פון די פויערים אין די דאָרעמדיקע און מערעוודיקע דײַטשישע מעלוכעס, וואָס זײַנען געווען שטארק באווירקט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע. אזוי, אשטייגער, איז אין דער ריינישער געגנט פון פרײַסן, נאָך אין די צײַטן פון נאפאָלעאָנס הערשאפט געווען פארניכטעט דאָס לײַביגנטום און געווען אײַנגעפירט דער ציווילער קאָדעקס.

אין באדען, העסען, ווירטעמבערג, האנאָווער זײַנען די פעאָדאלע פליכטן געוואָרן אָפגעשאפט נאָכן 1830 יאָר.

דאָכ, איז די אַלגעמיינע צאָל פרייע פויערימ איגנטימער איבער גאַנצ דייטשלאַנד געווענ נאָכ ניט גרויס. אפ דער גרונט-מאסע פונעמ פויערטומ איז נאָכ אַלצ געלעגנ דער דרוק פונ די פעאָדאַלע פליכטנ, וואָס האָט אַרויסגערופנ אַ טיפע אומצופרידנקייט און א י ו ו־ רונג באַמ פויערטומ.

אָבער די פאַרשיינאַרטיקייט אינ דער לאַגע פונ פאַרשיידענע גרופּעס פויערטומ אינ דער באַציִונג צומ פּאָרעצ, די פּאַנאַנדערשיכטונג, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ דער פויערשער סוויווע, און, ענדלעכ, די צעבראָקלטקייט פונעמ לאַנד אפ איינצלנע דריבנע באַזיצנ האָבנ געשטערט צו שאַפנ דעמ איינהייטלעכנ פראָנט פונ די פויערימ קעגנ די פּריצימ, האָבנ אָפּגעשוואַכט דעמ רעוואָליוציאָנערנ דראַנג פונעמ פויערטומ קעגנ די רעשטלעכ פעאָדאַליזמ, קעגנ דער זעלבסטהערשערישער מאָנאַרכיע.

בלויז אַנ אַנטשיידענער רעוואָליוציאָנערער קאַמפּ פונעמ אַרבעטער-קלאַס, בלויז זיינ אָנפירונג (העגעמאָניע) האָט געקאָנט אויפטרייסלענ דאָס גאַנצע פויערטום, געקאָנט פולשטענדיק ברענגענ אינ באַוועגונג זיינ אָנגעזאַמלטע רעוואָליוציאָנערע ענערגיע, ווי דאָס איז געשענ בײַס דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר אינ רוסלאַנד.

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מעכטיקייט פונ דעמ ערד־באַזי־צערישנ אדל

שטאַרק איז אויכ געווענ דער קלאַס, קעגנ וועמענ דאָס פויערטום האָט געקעמפט.

אפ דער עקאָנאָמישער, ווירטשאַפטלעכער מעכטיקייט פונ די אַדעליקע ערדבאַזיצער האָט זיכ באַזירט אויכ זייער פּאָליטישע ווירקונג. אינ די גרעסטע מעלוכעס פונ דייטשלאַנד — פּרייסנ און עסטרייכ — איז פאַרבליבנ די אומבאַגרענעצטע, אַבסאָליוטע מאָנאַרכיע. דער פּרייסישער קיניג און דער עסטרייכישער אימפעראַטער האָבנ באַוואַכט די אינטערעסנ פונ די האַרנ די פּריצימ. פאַרוואַלטעט האָבנ זיי מיטנ לאַנד דורכ אַ פילצאָליקער אַרמיי פונ מעלוכישע באַאַמטע, וואָס דער קיניג פלעגט באַשטימענ. פּונקט ווי אינעמ צאַרישנ רוסלאַנד אינ ניקאָלײַ I צײַטנ, אַזוי האָט אויכ אינ פּרייסנ אינ די 20-ער און 30-ער יאָרנ געהערשט אַ קאַזאַרמע-דיסציפּלינ. עס איז ניט דערלאָזט געוואָרנ די מינדסטע קריטיק פונ די מעלוכישע פאַראָרדענונגענ. די פּרעסע איז אינ פּרייסנ געווענ אָנגעשראָקנ. בלויז אינ די ליטעראַרישע ווערק האָט זיכ זעלטנ ווענ דורכגעריסנ אַ קריטיק פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג.

אומבאַגרענעצט איז אויכ געווענ די מאַכט פונ דעמ עסטרייכישנ אימפעראַטער. דער אָנפירער פונ דער עסטרייכישער פּאָליטיק — דער מיניסטער מעטערניכ — איז געווענ דער הויפּט פונ דער אַלייראָפּעיִשער רעאַקציע און די נעשאָמע פונעמ „הייליקנ בונד". אפ יעטווידער פּאָלק-באַוועגונג האָט מעטערניכ געקוקט, ווי אפ אַ מאַגייפע אָדער אַ סריפע, וועלכע מע מוז אומבאַדינגט פאַרלעשנ גלייכ ווי עס ברעכט אויס. דער אימפעראַטער גופע פונ עסטרייכ איז געווענ אַ טיפּישער באַאַמטער — אַ ביוראָקראַט. „איכ דאַרפ ניט קיינ געלערנטע מענטשנ — האָט ער געזאָגט אינ אַ רעדע, וואָס איז געווענ געווענדעט צו די פּאָלק-לערער. — איכ דאַרפ בלויז, אַז איר זאָלט זיינ געטרייע אונטערטאַנער, און אַז פונ די שילער זאָלט איר גרייטנ אויכ אַזוינע געטרייע אונטערטאַנער".

איבער גאנצ עסטרײַכ האָט געהערשט אנ אומבאגרענעצטער ווילקיר. די פרעסע איז געווענ אונטערגעוואָרפנ אונטער א שטרענגער צענזור. די וויסנשאפט האָט זיכ געפונענ אונטערנ אופזיכט פונ דער קאטוילישער קירכע. דער קלענסטער פרווו פונ אנ אָפּאָזיציע, יעטווידע אנטפלעקונג פונ אומצופרידנקײַט פלעגט אכזאָריעסדיק דערשטיקט ווערנ. עסטרײַכ צוזאמענ מיטנ צארישנ רוסלאנד זײַנענ געווענ די הויפט־באגײַסטערער פונ דער פריצישער רעאקציע, וואָס איז אָנגעקומענ אינ אײראָפּע נאָכ דער מאפּאָלע פונעם בורזשואזנ נאפּאָלעאָנישנ פראנקרײַכ.

דער דרוק פונעם אבסאָליוטיזמ האָט זיכ אינ עסטרײַכ נאָכ איבערגעפלאָכטנ מיטנ נאציאָנאלנ דרוק. עסטרײַכישע דײַטשנ, אונגארנ, טשעכנ, סלאָוואקנ, סערבנ פּאָליאקנ, כאָרוואטנ, רומענער, איטאליענער — אָט אזוי פילפארביק איז געווענ דער נאציאָנאלער באשטאנד פונ דער באפעלקערונג אינ די עסטרײַכישע לענדער. „א געשטוקעוועטע אימפּעריע", — אזוי פלעגט מענ זאָגנ אפ דער אימפּעריע פונ די האבסבורגער.*

אינ עסטרײַכ אליינ האָבנ די דאָמינירנדיקע ראָליע געשפּילט די דײַטשנ, וואָס האָבנ אונטערדריקט אנדערע נאציאָנאליטעטנ; אינ אונגארנ האָבנ די זעלבע ראָליע געשפּילט די מאדיארנ. אינ זייערע הענט זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט גרויסע ערד־פארמעגנס, זיי האָבנ פארנומענ די העכסטע שטעלעס אינעמ מעלוכישנ אפּאראט אָדער דעמ אויבנאָנ אינ דעמ האנדל אונ אינ דער אינדוסטריע. די איבעריקע באפעלקערונג פונ אנדערע נאציאָנאליטעטנ האָט זיכ געפונענ אינ א שווערער לאגע פונ לײַבייגענע פויערימ אָדער פונ אכזאָריעסדיק־עקספּלואטירטע ארבעטער. דעריבער האָט זיכ דער קלאסנקאמפ איבערגעפלאָכטנ מיטנ קאמפ קעגנ דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג. בלויז אינ איינציקע מעלוכעס פונ דאָרעמ־מײַרעוודיקנ דײַטשלאנד, ווו די פעאָדאלע פאָראָנדקעס זײַנענ שוינ געווענ צעטרייסלט בײַס דער פראנצויזישער רעוואָליוציע אונ אינ דער עפּאָכע פונ נאפּאָלעאָנענ (ווירטעמבערג, באדענ), זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ פאָלק־פאָרשטייערשאפטנ, אָבער דאָס רעכט צו וויילנ פאָרשטייער האָבנ געהאט בלויז פארמעגלעכע, גווירימ אונ פריצימ.

די אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזמ אינ דער אינדוסטריע

אינ אָנהייב XIX יאָרהונדערט איז דײַטשלאנד נאָכ געווענ הויפּטזאכלעכ אנ אגראר־לאנד. גרויסע שטעט איז געווענ ווייניק. בלויז אינ בערלינ האָט די באפעלקערונג דערגרייכט ביז 250 טויזנט מענטשנ. עס האָבנ דאָמינירט די שטעט מיט א באפעלקערונג פונ 1 ביז 3 טויזנט מענטשנ. די אינדוסטריע האָט זיכ אינ דײַטשלאנד דאנ געהאלטנ דעריקער אפ האנט־טעכניק. אינ די שטעט האָט נאָכ אלץ געשפּילט א היפּשע ראָליע די צעכישע האנטווערקערײַ. אָבער צוגלײַכ מיט זיי אונ אפ זייער באזע האָט זיכ אנטוויקלט די קאפּיטאליסטישע מאנופאקטור. סײַ אינ בערלינ אונ סײַ אינ ווינ האָט מענ אָפט באגעגנט מײַסטערס, וואָס האָבנ אינ זייער ווארשטאט געהאלטנ א באדײַטנדיקע צאָל געזעלנ אונ האָבנ, אכוצ דעמ, נאָכ פאנאנדערגעטיילט ארבעט אפ אהיימ צווישנ 30 — 40 אָפּהענגיקע פונ זיי האנטווערקער, וואָס פלעגנ באקומענ ארבעטלוינ פונ שטיק. מיט איינ וואָרט, די אינדוסטריע פונ דײַטשלאנד האָט איבערגעלעבט יענעמ מאנופאקטור־פּע-

* האבסבורג איז געווענ דער פאמיליע־נאָמענ פונ די עסטרײַכישע אימפּעראטערס.

ריִאָד, וועלכן מיר האָבן שוין געזען אין פראַנקרײַך ערעוו דער גרויסער רע-וואָליוציע.

די גרעסטע שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדל איז געווען דאָס, וואָס אין דײַטשלאַנד האָט אויסגעפעלט דער איינהייטלע-כער אינערלעכער מאַרק. די קליינע מעלוכעס פון דײַטשלאַנד זײַנען געווען אָפּ-געשיידט איינע פון דער אַנדערער מיט א וואַנט גרענעץ-אָפּצאָלן. יעדע מעלוכע האָט זיך געהאַט אירע באַזונדערע וואָג און מאָס, אירע באַזונדערע מאַטבייעס, אירע געריכטן און אירע געזעצן.

אַכוץ דעם, האָט די שווערע לאַגע פונעם פּויערטום, וואָס האָט געבילדעט די מערהייט באַפעלקערונג, ביז גאָר פאַרשמעלערט דעם אינערלעכן מאַרק. די פאַרקער-וועגן זײַנען געווען ביז גאָר שלעכטע, קיין אײַזנבאַנען זײַנען נאָך אינ-גאַנצן ניט געווען, די פור-וועגן האָבן זיך געפונען אין א שרעקלעכן צושטאַנד. אַן ערנסטע שטערונג איז פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדל געווען דאָס, וואָס עס האָט געפעלט יענע אַלנאַציאָנאַלע מעלוכישע מאַכט, מיט וועלכער מע זאָל זיך רעכענען אין אויסלאַנד און וואָס זאָל קאָנען ניט בלויז פאַרטיידיקן די דײַטשישע סכוירעס פון דער קאָנקורענץ מיצאַד אַנדערע מעלוכעס אינווייניק אין לאַנד, נאָר אויך דעראָבערן פאַר זיי נײַע אָפּזאַץ-מערק אין אויסלאַנד.

מיט איין וואָרט, די פעאָדאַלע צעבראָקנקייט און די פעאָדאַלע פאַראָנדקעס אין דײַטשלאַנד זײַנען געשטאַנען ווי א גרויסע שטערונג אויפן וועג פון דײַטש-לאַנדס ווײַטערדיקער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

דער טאַמאָזשנע-בונד פון 1834 יאָר

בא אזא ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער צעבראָקנקייט פונעם לאַנד האָט געשפּילט זייער א וויכטיקע ראָליע פאַר דער ווירט-שאַפטלעכער אַנטוויקלונג די טאַמאָזשנע-פאַרייניקונג אין דײַטש-לאַנד. אין 1834 יאָר האָבן 18 גרעסטע דײַטשישע מעלוכעס (אויסער עסטרײַך) געשלאָסן צווישן זיך א טאַמאָזשנע-בונד. אין שפּיץ פונעם דאָ-זיקן בונד האָט זיך געשטעלט פּרײַסן, אַלס די סאַמע גרעסטע און אין קאַפּיטאַליס-טישער הינזיכט אַנטוויקלסטע מעלוכע אין דײַטשלאַנד. עס איז אײַנגעשטעלט גע-וואָרן איין אַלגעמיינער אָפּצאָל-טאַריף און איין אַלגעמיינע קאַסע: די שייד-ווענט פון באַזונדערע טאַמאָזשנעס אינווייניק אין בונד זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן.

דערמיט האָט זיך פאַרברייטערט דער אינערלעכער מאַרק פאַר דער דײַ-טשישער אינדוסטריע און האַנדל. דאָס פאַרניכטן די טאַמאָזשנע-צאַמען האָט פאַרגיכערט אויך די בויונג פון אַן אײַזנבאַן-נעץ, וואָס האָט פאַרבונדן פאַר-שיידענע געגנטן פון דײַטשלאַנד.

דער אָנהייב פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש

דאָס שאַפן דעם טאַמאָזשנע-בונד (1834 יאָר) און דאָס פאַרברייטערן דעם אינערלעכן מאַרק האָבן א שטויס געטאָן די אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע.

אין די 40-ער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אין דײַטשלאַנד די אינ-דוסטריעלע איבערקערעניש. אויב, אַשטייגער, אין 1824 זײַנען אין דײַטשלאַנד געווען בלויז 2 דאַמפ-מאַשינעס, האָט מען שוין אין 1837 יאָר אין איין פּרײַסן אָנגעציילט 300 דאַמפ-מאַשינעס, און אין 10 יאָר אַרום, אין 1847 יאָר, האָט זיך דאָרט זייער צאָל אויפגעהויבן ביז 1139. פון 1830 ביז 1850 האָט דער אַרויסבאַקום פון שטיינ-

קוילנ זיכ פארגרעסערט אינ 3 מאָל; דער ארויסבאקומ פונ טשוהונ — אינ 2 מאָל, עס האָט זיכ אנטוויקלט נים בלויז די מעטאלורגישע אינדוסטריע, נאָר אויכ די טעקסטיל-אינדוסטריע; דער יערלעכער געברויכ פונ בוימוואָל האָט זיכ פארגרעסערט פונ 8—9 טויזנט ביז 14,5 טויזנט טאָנ.

אינ 1846 יאָר זײַנענ אפ דער טעריטאָריע פונ דעמ טאמאָזשנע-בונד שוינ געווענ 314 וועבערײַ-פאבריקנ, ווו עס האָבנ געארבעט 8 הונדערט מעכאנישע ווערקשטעלנ אונ 34 טויזנט האנט-ווערקשטעלנ, אונ העכער 45 טויזנט ארבעטער.

עס איז אויכ אויסגעוואַקסנ די אײַזנבאנ-נעצ. די ערשטע אײַזנבאנ האָט מענ דורכגעפירט אינ פרײַסנ אינ 1835 יאָר, אונ א יאָר ארומ נאָכנ גרינדנ דעמ טאמאָזשנע-בונד; אינ 1845 יאָר איז די לענג פונ די אײַזנבאנ-ליניעס אריבערגעשטיגנ 2 טויזנט קילאָמעטער, אונ אינ 1850 יאָר — 6 טויזנט קילאָמעטער.

אָבער אינ אלע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאפט האָט זיכ די אינדוסטריעלע איבערקערעניש פארהאלטנ צוליב א רײ פעאָדאלע רעשטלעכ. אינ צוזאמענהאנג דערמיט האָט די איבערקערעניש זיכ פארצויגנ אפ עטלעכע צענדליק יאָר.

נים געקוקט אפ דעמ, וואָס די מאשינ האָט אנגעהויבנ ארײַנדרינגענ, איז די דאָמינירנדיקע פאָרמ אינ דער אינדוסטריע פונ די 40-קער יאָרנ נאָכ אלצ געבליבנ די מאנופאקטור. די צאָל האנטווערקער קוסטארנ האָט אפ א סאכ אריבערגעשטיגנ די צאָל פאבריק-זאוואָדישע ארבעטער אפילע אינ די סאמע אנטוויקלטסטע אינדוסטריעלע ראיאָנענ פונ דײַטשלאנד: אינ דער בײַרײנישער געגנט, אינ פרײַסנ, זאקסנ אונ שלעזיע.

די בורזשואזיע

צוזאמענ מיטנ וווּקס פונ דער אינדוסטריע איז געוואַקסנ אונ האָט זיכ אנטוויקלט די דײַטשישע בורזשואזיע. נאָר בא דער שוואכער אנטוויקלט פונ דער דײַטשישער גרויס-אינדוסטריע איז די דײַטשישע בורזשואזיע לויט איר קראפט געווענ ווײַט הינטערשטעליק אנטקעגנ דער פראנצויזישער אונ ענגלישער בורזשואזיע פונ יענער צײַט. גרויסע פאבריקאנטנ איז אינ דײַטשלאנד געווענ זייער ווייניק.

די דײַטשישע בורזשואזיע האָט געהאט זייער א סאכ סיבעס אפ צו זײַנ אומצופרידנ מיט די עקזיסטירנדיקע פאָראָנדקעס. די אופשטײַגנדיקע אינדוסטריע האָט אינ דײַטשלאנד געפאָדערט א ברייטנ אינערלעכנ מארק. אָבער פארברייטערנ אימ האָבנ געשטערט די פעאָדאלע רעשטלעכ. די מערהײַט באפעלקערונג איז באשטאנענ פונ פויערימ, אונ דער דרוק פונ די פעאָדאלע פליכטנ אונ די נויט האָבנ אָפגענומענ בא זיי די קויפפייִקײַט. וועגנ קאמפ פאר אויסערלעכע מערק, וועגנ שליסנ לוינבארע האנדל-אָפמאכנ האָט מענ נים געקאָנט אפילע טראכטנ בא דער פאָליטישער צעברעקלטקײַט פונ דײַטשלאנד. וואָס מער דײַטשלאנד האָט זיכ אנטוויקלט עקאָנאָמיש, איז די פאָליטישע פארײניקונג געוואָרנ פאר דער בורזשואזיע א ברענענדיקע אונ דרינגענדיקע באדערפעניש.

געשטערט האָט אויכ דער בורזשואזיע דאָס, וואָס די אדעליקע רעגירונג האָט זיכ מיט קליינלעכע צוטשעפעניש געמישט אינ איר אונטערנעמערישער טעטיקײַט. די בורזשואזיע האָט געפאָדערט פולשטענדיקע פרײַהײַט פונ ווירטשאפטלעכער טעטיקײַט, אָפשאפנ אלע פארעלטערטע געזעצנ, וואָס שטערנ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ. די בורזשואזיע איז געווענ אומצופרידנ אויכ דערמיט, וואָס די פינאנצנ האָבנ זיכ געפונענ אינ פולנ רעשוס פונ דער אדעליקער רעגירונג, אָנ שומ קאָנטראָל. דאָס געלט פלעגט מענ פארווענדנ גאָרנים דאָרט אונ נים אזוי ווי דאָס האָט געהאלטנ פאר נייטיק די בורזשואזיע. מיט איינ וואָרט, די דײַטשישע בורזשואזיע האָט געשטרעבט צו זײַנ באטייליקט אינ דער פאָליטישער

מאכט, אינ דער פֿארוואלטונג פֿונ לאַנד. איר אומצופֿרידנקײַט פֿלעגט זיכ אויסגיסנ אינ אנ אָפּאָזיציאָנעלער באַוועגונג.

אָבער די אָפּאָזיציע פֿונ דער דײַטשישער בורזשואַזיע איז אינעם XIX יה. געווענ א צעקראָכענע, א האַלביקע, פֿאַכדאַנעסדיקע.

די זאַכ באַשטייט אינ דעמ, וואָס די דײַטשישע בורזשואַזיע האָט זיכ אנטוויקלט אינ דער צײַט, ווענ אינ אייראָפּע איז אפֿ דער סצענע שוינ געהאַט ארויסגעטראָטנ זעלבשטענדיק דער פּראָלעטאַריאַט. די ליאָנער אופֿשטאַנדנ פֿונ די 30־ער יאָרנ, די טשאַרטיסטישע באַוועגונג אינ ענגלאַנד, די ערשטע טריט פֿונעמ אופֿשטײַגנדיקנ דײַטשישנ פּראָלעטאַריאַט האָבנ באַשײַמפּערלעכ באַוויזנ דער דײַטשישער בורזשואַזיע, אַז הינטער אירע פּלייצעס שטייט א נײַער, א גרויזאַמער סוינע. די דײַטשישע בורזשואַזיע האָט נאָכ ניט באַוויזנ זיכ צערעכענענ מיט אירע אַלטע סאָנימ, מיט דער פּריצישער פֿעאָדאַלער אָרדענונג, ניט באַוויזנ אָפּרייניקנ דעמ באָדנ פֿאַר דער פֿרײַער אנטוויקלונג פֿונעמ קאַפּיטאַליזמ, ווי עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אַז אפֿ דער סצענע איז שוינ ארופֿגעטראָטנ איר אייגענער באַגראָבער — דער פּראָלעטאַריאַט.

„די דײַטשישע בורזשואַזיע האָט אזוי שלאַבעריק, פֿאַכדאַנעסדיק אונ לאַנגזאַמ זיכ אנטוויקלט, אַז צו דעמ מאָמענט, ווענ זי איז פֿײַנטלעכ קעגנגעשטאַנענ דעמ פֿעאָדאַליזמ אונ אַבסאָליוטיזמ, האָט זי דערזענ, אַז זי שטייט פֿײַנטלעכ אנטקעגנ דעמ פּראָלעטאַריאַט אונ אַלע שיכטנ פֿונ דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג, וואָס זייערע אידייענ אונ אינטערעסנ זײַנענ געווענ קרוּוויש צומ פּראָלעטאַריאַט" (מ א ר ק ס). די מוירע פֿאַרנ פּראָלעטאַריאַט — דאָס איז געווענ די הויפּט־סיבע פֿונ דער שרעקעוודיקײַט אונ האַלביקײַט פֿונ דער דײַטשישער בורזשואַזיע.

אנ אָנגעשראָקענע פֿונ דער אייראָפּײִשער ארבעטער־באַוועגונג, האָט די דײַטשישע בורזשואַזיע געזוכט שוץ אונ הילף קעגנ דעמ פּראָלעטאַריאַט בײַ דער אַלטער מאכט, בײַ די זעלבע אַדעליקע ערדבאַזיצער, קעגנ וועמענ זי האָט געפֿירט א קאַמפּ פֿאַר אירע אינטערעסנ. אָט פֿאַרוואָס די דײַטשישע בורזשואַזיע האָט געטרוימט ניט וועגנ א רעוואָליוציע, נאָר וועגנ אנ א ו י ס ג ל ײַ כ, וועגנ א קאָמפּראָמיס מיט דער אַלטער מאכט, וועגנ אייניקע רעפֿאָרמעס פֿונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, אָבער ניט וועגנ ראַדיקאַל זי ענדערנ.

די צוויי מעגלעכע וועגנ צו פֿאַרייניקנ דײַטשלאַנד

די דאָזיקע צווייִקײַט אונ האַלביקײַט פֿונ דער דײַטשישער בורזשואַזיע האָבנ אויכ באַדינגט איר באַציִונג צו דער ג ר ו נ ט־ פֿ ר א ג ע פֿ ו נ ד ע ר ד ײַ ט ש י ש ע ר ב ו ר ז ש א ז ע ר ר ע ו ו אָ ל י ו צ י ע — צ ו ד ע ר פֿ ר א ג ע ו ו ע ג נ פֿ א ר ײ י נ י ק נ ד ײַ ט ש ל א נ ד. בײַ די דעמלטיקע פֿאַרהעלטענישנ צווישנ די קלאַסנ־קויכעס האָט די פֿאַרייניקונג פֿונ דײַטשלאַנד געקאָנט פֿאָרקומענ אפֿ א צווייענדיקנ וועג. דער ערשטער וועג איז געווענ דער וועג פֿונ א רעוואָליוציע פֿונ אונטנ, וואָס קערט ארויס אַגטשיידנ אַלע פֿעאָדאַלע פֿאַראָנדקעס אונ שאַפֿט צומ סאָפֿ אנ איינהײַטלעכע אַלדײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק. בײַ דער שרעקעוודיקײַט פֿונ דער דײַטשישער בורזשואַזיע וואָלט דער אָנפֿירער (העגעמאָנ) פֿונ אזא רעוואָליוציע געמוזט ווערנ דער דײַטשישער פּראָלעטאַריאַט.

דער צווייטער וועג איז געווענ דער וועג צו פאַרייניקנ דײַטשלאַנד „פונ אויבנ“ ארומ איינער פונ די סאמע גרעסטע דײַטשישע מעלוכעס — ארומ פרײַסנ אָדער עסטרײַכ. דער דאָזיקער וועג צו פאַרייניקנ „פונ אויבנ“ האָט אומפאַרמײַדלעכ געמוזט פאַרפעסטיקנ די אָנפירנדיקע לאַגע פונ די אדעליקע פריצימ, ווײַל סײַ אינ פרײַסנ אונ סײַ אינ עסטרײַכ האָט די מעלוכע־מאכט זיכ געפונענ בא זיי אינ די הענט. בלויז דער ערשטער וועג — דער וועג פונ א פאָלק־רעוואָליוציע „פונ אונטנ“ — האָט געקאָנט אנטשיידנ אונ קאָנסעקווענט אָפּרייניקנ דײַטשלאַנד פונ אלע רעשט־לעכ פעאָדאליזמ אונ שאפנ אנ אלדײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, קעדיי אפ איר באָדנ זאָל „באלד טאקע נאָכנ פאלנ פונ די רעאקציאָנערע קלאסנ אינ דײַטש־לאַנד זיכ אָנהייבנ דער קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע גופע“ („מאניפעסט פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי“).

אָבער די דײַטשישע בורזשואזיע האָט אויס שרעק פאַר דער אנטוויקלונג פונ דער פראָלעטארישער באוועגונג בעסער אויסגעוויילט דעמ וועג פונ פאַרייניקנ דײַטשלאַנד „פונ אויבנ“ ארומ דער שטארקסטער אונ אינ קאפּיטאליסטישער הינזיכט אנטוויקלטסטער דײַטשישער מעלוכע. אזא מעלוכע איז געווענ פרײַסנ. דער קאמפ צווישנ די צוויי וועגנ פונ פאַרייניקנ דײַטשלאַנד — מיט א רעוואָליוציאָנערנ וועג פונ פאַרייניקנ „פונ אונטנ“ אָדער מיטנ וועג פונ פאַרייניקנ „פונ אויבנ“ — האָט זיכ אלצ מער אונ מער פאַרשארפט וואָס מער די פראגע פונ פאַרייניקנ האָט זיכ געשטעלט אינ טאָג־אָרדענונג.

די שטאָטישע קליינבורזשואזיע

אינמיטנ פונ XIX יה. האָט די קליינבורזשואזיע נאָכ אויס־געמאכט דעמ פילצאָליקסטנ טייל פונ דער שטאָטישער באפעל־קערונג אינ דײַטשלאַנד. דאָס זײַנענ געווענ הויפּטזאכלעכ צעכ־מײַסטערס, קליינהענדלער אונ קרעמער.

באלעבעסלדיקײַט, קאָנסערוואטיווקײַט, פאַרגליווערטקײַט, שמאָלער האָריזאָנט פונ געדאנק — אָט דאָס האָט כאראקטעריזירט די דאָזיקע קליינבירגערלעכע סוויווע פונ די קליינע שטעט אינ דײַטשלאַנד. א סאכ מײַסטערס האַנטווערקער האָבנ געטרוימט וועגנ אופשטעלנ צוריק די אלטע צעכ־פּראָנדקעס, וואָס זײַנענ קע־סיידער צעפאלנ געוואָרנ אינ גאנג פונ דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג. צווישנ די האַנטווערקער אליינ האָט זיכ געפירט א פאַרביטערטער קאמפ צווישנ די פאַרמעגלעכע מײַסטערס באלעבאטימ מיט די געזעלנ, וואָס זייער לאַגע האָט זיכ דערנענטערט צו דער לאַגע פונ לויג־ארבעטער. די שווערע לאַגע פונ דער קליינ־בורזשואזיע, איר האס צומ גרויס־קאפּיטאל, וואָס רויִנירט זי, איר פּאָליטישע רעכט־לאָזיקײַט, דער דרוק פונעמ אבסאָליוטיזמ אונ פונ דער ביוראָקראטיע — דאָס אלצ האָט ארויסגערופנ אינ די רייענ פונ דער קליינבורזשואזיע א רעוואָליוציאָנערע יוירונג. אינ קאמפ קעגנ דעמ גרויס־קאפּיטאל האָט זי געקאָנט ווערנ דעמ פּראָ־לעטאריאטס א פאַרבינדעטע, וואָס גייט אונטער זײַנ אָנפירונג. פונ דער צווייטער זײַט, האָט די שטרעבונג צו פאַרבלײַבנ בא דער לאַגע פונ אייגנטימער געשטויסנ די קליינבורזשואזיע אינ די אָרעמס פונ דער גרויסבורזשואזיע. אלס רעזולטאט, ווי מיר וועלנ זענ, האָט די קליינבורזשואזיע פונ דײַטשלאַנד געשפּילט אינ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר א וואקלדיקע, פאַרעטערישע ראָליע.

דער אַרבעטער־קלאַס

אין די 40־ער יאָרן פון XIX יה. איז דער אַרבעטער־קלאַס אין דײַטשלאַנד נאָך ניט געווען קיין פּיפּצאָליקער. אַשטייגער, אין פּרײַסן האָבן אַרבעטער באַטראָפן בלויז 3 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די גרונט־מאַסע זײַנע איז געווען ניט קיין פאַבריק־זאַוואָדישע אַרבעטער, נאָר האַנטווערקער־געזעלן פון ניט קיין גרויסע וואַרשטאַטן אָדער קוסטאַרן־האַנטווערקער, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן אויפקויפער און וואָס האָבן נאָך אָפטמאָל ניט געהאַט צעריסן מיט דער לאַנדווירטשאַפט. אַשטייגער, אין 1846 יאָר, האָבן געאַרבעט 550 טויזנט פאַבריק־אַרבעטער. אין דער זעלבער צײַט האָט מען אין פּרײַסן געציילט באַ 460 טויזנט מײַסטערס און זעלבשטענדיקע אונטערנעמער און באַ זיי אַלע האָבן זיך געפונען אָפּ אַרבעט בלויז 380 טויזנט לערנייִנגלעך און געזעלן. מיט איין וואָרט, „דער אַרבעטער־קלאַס פון דײַטשלאַנד איז אין זײַן סאָציאַלער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג אין דער זעלבער מאָס אָפּגעשטאַנען אַנטקעגן דעם אַרבעטער־קלאַס פון ענגלענד און פראַנקרײַך, אָפּ וויפל די דײַטשישע בורזשואַזיע איז אָפּגעשטאַנען אַנטקעגן דער בורזשואַזיע פון די זעלביקע לענדער" (ענגעלס). ער איז נאָך ניט געווען פעיִק צו ווערן דער העגעמאָן (אָנפירער) פון דער פאָלק־רעוואָלוציע, ניט געווען פעיִק צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פונעם אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישן דראַנג קעגן די רעשטלעך פונעם פעאָדאַליזם און זעלבסטהערשונג. ער האָט נאָך ניט געהאַט ניט דעם דײַטלעכן באַוווסטזײַן פון זײַנע היסטאָרישע אויפגאַבן, ניט די מאַסעווע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וואָס זאָל קאָנען אָנפירן מיט זײַן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דער אויפשטאַנד פון די שלעזישע וועבער

דער אָנהייב פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש האָט געבראַכט אין דײַטשלאַנד, פּונקט ווי אין אַנדערע לענדער, צו אַ פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע פון פרויען־ און קינדער־אַרבעט, צום אַראָפּזעצן דעם אַרבעטלוין און פאַרלענגערן דעם אַרבעט־טאָג פון די דערוואַקסענע אַרבעטער.

באַזונדערס שווער איז געווען די לאַגע פון די קוסטאַרן די האַנטווערקער; זייער פאַרדינסט איז אומופהערלעך געפאַלן. די מאַשין האָט אַרויסגעשטויסן די האַנטווערקערײַ. אַרבעטנדיק באַטאָג און באַנאַכט צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע, זײַנען די וועבער און שפּינער פון שלעזיע געשטאָרבן פון הונגער. די אונטערנעמער האָבן ברייט פּראַקטיקירט די סיסטעם פון צאָלן מיט פּראָדוקטן פון שלעכטער קוואַליטעט און אָפּ אויסערגעוויינלעך הויכע פּרײַזן. אָפּן באָדן פון הונגער און קרענק איז אין אייניקע ערטער פון שלעזיע בוכשטעבלעך אויסגעשטאָרבן $^1/_{12}$ כיילעק פון דער באַפעלקערונג. ענדלעך האָט זיך אויסגעשעפּט דאָס געדולד באַ די שלעזישע וועבער און אין 1844 יאָר זײַנען זיי אויפגעשטאַנען קעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרס. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון, וואָס די פּאָליציי האָט אַרעסטירט און געשמיסן איינעם פון די אַרבעטער, וואָס האָט אונטערן פענצטער פון אַ פאַבריקאַנט געזונגען אַ ליד מיט אַ פּראָטעסט קעגן זייער דרוק.

אָט זײַנען די ווערטער פון דעם דאָזיקן ליד:

די מערדער צוואַנציגער * — דאָ זײַנענ פול
עס שטויצנ זיי — די דינער
באַרויבנ — שווײַג, באַרײַסנ — דולד
וועסט קיינ אויסוועג ניט געפינענ.

אָ, רויבער איר — אײַך אלעמענ אינ רוי;
א סאָפ צו אײַער פינצטערער מעמשאָלע.
איר פרעסט פונ אָרעמ פאָלק דאָס ברויט,
נאָר קומענ וועט אפ אײַך א קלאָלע...

א האַמוינ אופגעבראַכטע ארבעטער איז געקומענ צום פאַבריקאַנט אונ געפאָדערט העכערנ די טאַריפנ. דער פאַבריקאַנט האָט ארויסגעטריבנ די ארבעטער. דעמלט האָט דער דערצאָרנטער אוילעם כאָרעוו געמאַכט זײַנ הויז, צעריסנ די די האַנדל-ביכער, וועקסלען אונ פאַפירנ, אָנגעפאַלנ אפ די לאַגערס אונ פאַרניכטעט די רעזערווונ סכוירעס, וואָס האָבנ זיך דאָרטנ געפונענ. אפ מאָרגנ האָבנ זיך ביז 3 טויזנט ארבעטער א לאָז געטאָנ צום הויז פונ די ברידער דיריג — אַנדערע פאַבריקאַנטנ. דאָס מיליטער, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרנ אפ צו דערשטיקנ דעמ אופשטאַנד, איז געווענ געצווונגענ צוערשט אָפטרעטנ, איבערלאָזנדיק אפנ אָרט 11 געהאַרגעטע אונ 24 פאַרוווּנדעטע וועבער. מיט העק אונ מיט שטיינער האָבנ די ארבעטער זיך געוואָרפנ אפ די סאָלדאַטנ, אָבער דאָס מיליטער, וואָס האָט באַקומענ שטיצע 4 ראָטעס איגפאַנטעריע מיט 4 האַרמאַטנ, האָט צעטריבנ דעמ האַמוינ אונ דערשטיקט דעמ אופשטאַנד. עס האָבנ זיך אָנגעהויבנ ארעסטנ אונ אַכזאָריעסדיקע נעקאָמעס. 83 ארבעטער זײַנענ איבערגעגעבנ געוואָרנ צום געריכט אונ פאַרורטיילט צו האַרבע שטראָפנ, ביז 10 יאָר קאַטאָרזשנע ארבעט.

ווי מיר זעענ, האָבנ די שלעזישע ארבעטער נאָך ניט ארויסגעשטעלט קיינ שום פּאָליטישע פאָדערונגענ. דער אופשטאַנד האָט געטראָגנ א סטיכייִשנ כאַראַקטער, ער איז געווענ אנ אופרײַס פונ צאָרנ בא די אויסגעהונגערטע אונ אויסגעמאַטערטע ארבעטער. אָבער די באַדײַטונג פונעמ אופשטאַנד פונ די שלעזישע וועבער איז געווענ גוואַלדיק. די ידיע וועגנ אימ האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגנ איבער גאַנצ דײַטשלאַנד. ער האָט אָפנ באַוויזנ, אז אינ דײַטשלאַנד הייבט זיך אויכ אָנ אנ ארבעטער-באַוועגונג, אונ דאָרט גייט אויכ א פאַרביטערטער קלאַסנקאַמפ צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע.

דער „בונד פונ די גערעכטיקע“ אונ ווילהעלמ ווייטלינג

בלויז בא וויניקע, בא די סאַמע פאָרגעשריטנסטע ארבעטער פונ יענער צײַט איז געווענ דער באַוווּסטזײַנ פונ זייער קלאַסנ-לאַגע. צווישנ די דײַטשישע ארבעטער זײַנענ אנטשטאַנענ קאַסעס פונ קעגנזײַטיקער הילף, ארבעטער-געזעלשאַפטנ, ענלעכע אפ פּראָפעסיאָנעלע פאַריינענ; קיינ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זײַנענ נאָכ אָבער ניט געווענ.

די ערשטע קרײַזלעכ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיט פּראָפּאַגאַנדע פונ סאָציאַליסטישע אידייענ צווישנ די דײַטשישע ארבעטער, זײַנענ אנטשטאַנענ אינ אויסלאַנד — אינ פראַנקרײַכ, אינ דער שווייץ, אינ בעלגיע. קיינ אויסלאַנד זײַנענ די דײַטשישע האַנטווערקער ארײַנגעפאַלנ לויטנ אַלגעמיינעמ מינהעג פונ האַנטווערקער ארומצורײַזנ איבער פאַרשיידענע ערטער, קעדיי בעסער צו דערלערנענ די מעלאָכע. קיינ אויסלאַנד האָבנ זיך איבערגעקליבנ אויכ די מער פאָרגעשריטענע ארבעטער, וועלכע די פּאָליציי האָט אינעמ היימלאַנד פאַרפאָלגט. אינ אויסלאַנד האָבנ די דײַטשישע ארבעטער זיך באַקענט אונ זיך פאַרבונדנ מיט די דעמלטיקע

---

* דער פאַמיליע-נאָמענ פונעמ פאַבריקאַנט.

סאָציאַליסטנ. די אידייענ פונ די סענ-סימאָניסטנ, פוריע, אָוענ אונ פונ אנדערע סאָציאַ-ליסטנ-אוטאָפּיסטנ האָבנ אַפ זײ געהאַט א גרויסע ווירקונג.

צווישנ די געהיימע קרײַזלעכ אונ פאריינענ האָט זיכ באַזונדערס אויסגעטײלט דער „בונד פונ די גערעכטיקע", וואָס האָט זיכ אָרגאַניזירט אינ 1836 אינ פאַריז אונ וואָס אינ זײַנ באַשטאַנד האָבנ דאָמינירט האַנטווערקער. איינער פונ די אָנפירער איז אינעמ „בונד פונ די גערעכטיקע" געווענ ווילהעלמ וויטלינג (1808—1871) לויט דער פּראָפעסיע א שנײַדער. אפ וויטלינגס אָנשויונגענ האָט זיכ שטאַרק אָפּגעשפּיגלט די ווירקונג פונ די סאָציאַליסטנ-אוטאָפּיסטנ, באַזונדערס פוריעס ווירקונג. וויטלינג האָט פּונקט ווי זײ געשילדערט א פאַנטאַסטיש בילד פונ דער קומענדיקער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אונ האָט געגלויבט אינ דער מעגלעכקײַט פונ איר באַלדיקער פאַרווירקלעכונג.

אָבער אינ קעגנזאַצ צו דער פרידלעכער שטרעמונג פונ דעמ אוטאָפּישנ סאָציאַליזמ, האָט וויטלינג געהאַלטנ, אַז א רעוואָלוציע איז נייטיק. „דעמ בעסטנ פּלאַנ וועלנ מיר מוזנ אָנשרײַבנ מיט בלוט", — האָט ער געזאָגט. וויטלינג האָט אויסגעלאַכט פוריעס האָפענונגענ, אַז עס וועט זיכ באַווײַזנ א ווילטעטיקער מיליאָנער. די פאַרווירקלעכונג פונ זײַנ פּלאַנ האָט וויטלינג פאַרבונדנ ניט מיט די גווירימ, נאָר מיטנ קאַמפ פונ די פאַרומגליקלעכטע שיכטנ באַפעלקערונג. אָבער וויטלינג האָט געזענ די קעמפער פאַרנ סאָציאַליזמ ניט אינעמ פאַבריק-זאַוואָדישנ פּראָלעטאַריאַט, נאָר אינ די פאַראָרעמטע שיכטנ באַפעלקערונג — לומפּנ, שלעפּער, אַפילע אינ גאַנאָווימ. וואָס מער זייער אָרעמקײַט האָט קיינ שיר ניט, וואָס טיפער עס איז זייער פאַרצווייפלונג, אַלצ גיכער וועלנ זײ, לויט וויטלינגס מיינונג, זיכ לאָזנ גיינ ברעכנ די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג.

ניט די געזעצנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ניט די נייטיקײַט פונ אַנ איבערגאַנג-פּעריאָד צווישנ דעמ קאַפּיטאַליזמ אונ דעמ סאָציאַליזמ האָט וויטלינג ניט פאַרשטאַנענ. יעטווידנ פּאָליטישנ קאַמפ אינ די ראַמענ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט ער געהאַלטנ פאַר איבעריק. לויט וויטלינגס מיינונג, האָט דאָס דעמאָלטיקע דײַטשלאַנד געדאַרפט גלײַכ פונ דער האַנטווערקערײַ אונ לײַבייגנטומ איבערשפּרינגענ אינעמ קיניגרײַכ פונ קאָמוניזמ.

אינ דער פּראַקטיק, אינ לעבנ האָבנ די דאָזיקע אידייענ וויטלינגס, פאַרשטייט זיכ, ניט געקאָנט ווערנ די אָנפירנדיקע אינעמ קלאַסנקאַמפ פונעמ פּראָלעטאַריאַט. מאַרקס האָט ניט אומזיסט פאַרגלײַכט וויטלינגס הערק מיט „ריזיקע קינדער-שיכ פונ פּראָלעטאַריאַט". לויט זײַנע אידייענ האָט מענ געקאָנט אורטיילנ סײַ וועגנ די שוואַכקײַטנ פונ דעמ דעמאָלטיקנ אַרבעטער-קלאַס סײַ וועגנ פאַרשטייענדיקנ פאַרנעמ פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג אינ דער צוקונפט.

מאַרקס אונ ענגעלס

אינ די 40-ער יאָרנ פונעמ XIX יה. באַווײַזט זיכ אָפּנ אָרט פונעמ אוטאָפּישנ סאָציאַליזמ דער וויסנשאַפטלעכער קאָמוניזמ. די גרונטלייגער פונעמ וויסנשאַפטלעכנ קאָמוניזמ זײַנענ געווענ מאַרקס אונ ענגעלס.

קאַרל מאַרקס (1818—1883) איז געבוירנ געוואָרנ אינ א פאַמיליע פונ אַנ אַדוואָקאַט אינ דער דײַטשישער שטאָט טריר, ריינישע פּראָווינצ, די פאָרגעשריטענע אינדוסטריעלע געגנט אינעמ דעמאָלטיקנ דײַטשלאַנד. געענדיקט א מיטלשול, איז מאַרקס אַרײַנגעטראָטנ אינ בערלינער אוניווערסיטעט אונ האָט גענומענ זאָרגזאַמ דערלערנענ די דעמאָלטיקע דײַטשישע פילאָסאָפיע, צושטייענדיק צו די לינקע שטרעמונגענ פונעמ פילאָסאָפישנ געדאַנק. באַמ ענדיקנ דעמ אוניווערסיטעט קערט זיכ מאַרקס אומ צוריק אינ זײַנ געבורט-שטאָט, אינ דער ריינישער פּראָווינצ. דאָ, אינ דער דאָזיקער אינדוסטריעלער געגנט מיט דער סאַמע פאָרגעשריטענער בורזשואַזיע, ווערט מאַרקס א טיכטיקער אָנטיילנעמער אינ פּאָליטישנ קאַמפ אונ רוקט זיכ גלײַכ אַרויס, אַלס גלענצנדיקער זשורנאַליסט אונ

פובליציסט. ער ווערט אײַנגעלאדנ אלס רעדאקטער פונ דער „רײנישער צײַטונג“— אָרגאנ פונ די פאָרגעשריטענע קרײַזנ פונ דער רײנישער בורזשואזיע. מארקס האָט געגעבנ דער „רײנישער צײַטונג“ א שארפ פײַנטלעכע ריכטונג קעגנ דער רעגירונג. דער טיראזש פונ דער צײַטונג האָט זיכ טײקעפ פארגרעסערט, אָבער גלײַכ טאקע האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אויכ פאָליציײַשע רעדיפעס אפ מארקסנ. מארקס גלענצנדיקע אָנפאלנ קעגנ דער צענזור, זײַנע ארטיקלענ, וואָס האָבנ באלויכטנ

קארל מארקס

די שווערע לאגע פונ די מאָזעלער פויערימ, האָבנ געבראכט דערצו, אז אינ אפרעל 1843 יאָר איז די צײַטונג פארמאכט געוואָרנ. מארקס איז אוועקגעפאָרנ קײנ פאריזש.

דאָס געפינענ זיכ אינ פאריזש האָט געהאט א קאָלאָסאלע ווירקונג אפנ יונגנ מארקסנ. פונ א רעוואָליוציאָנערנ דעמאָקראט ווערט מארקס א קאָנסעקווענטער קאָמוניסט. פראנקרײַכ אינ דער עפאָכע פונ דער יולער מאָנארכיע—דאָס דאָזיקע „קיניגרײַכ פונ באנקירנ“—האָט בוילעט באוויזנ מארקסנ אלע ווידערשפרוכנ פונ דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, די גאנצע אומפארמײַדלעכקײַט פונ א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. ער שטודירט די קלאסישע דײַטשישע פילאָסאָפיע. ער באקענט זיכ נאָענט מיט די פארשיידענע שטרעמונגענ פונ דעמ פראנצויזישנ אונ ענגלישנ סאָציאַליזמ אונ מיט זײער קריטיק. ער דערלערנט גרינטלעכ די רײַכסטע

דערפארונג פונעם קלאסנקאמפ אין דער פארגאנגענהײַט; ער ארבעט פארטיפט אין געביט פונ עקאָנאָמישע וויסנשאפטנ, באזונדערס פונ דער ענגלישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ער איז ענג פארבונדנ מיט דער דעמלטיקער פראנצויזישער אונ דײַטשישער ארבעטער־באוועגונג—דאָס אלצ האָט געמאכט פונ מארקסנ א קאָנסעקווענטנ רעוואָליוציאָנערנ קאָמוניסט.

שוינ אינ יענע יאָרנ האָט מארקס אינ זײַנע ארטיקלענ פאָרויסגעזאָגט די אומפארמײַדלעכקײַט אונ נאָענטקײַט פונ א רעוואָליוציע אינ דײַטשלאנד. שוינ דעמלט האָט ער געזאָגט, אז די דײַטשישע בורזשואזיע, אפ וויפל זי האָט אָנגעהויבנ א קאמפ קעגנ דעם ארבעטער־קלאס, וועט ניט קאָנענ ווערנ דער פאָרגעשריטענער קלאס אינ דער פאָרשטייענדיקער רעוואָליוציע, ווי זי איז געוועג אינ פראנקרײַכ אינ 1789 יאָר. דאָ טאקע האָט מארקס אָנגעוויזנ אויכ אפ דער היסטאָרישער ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט, וואָס איז בארופנ צו צעשטערנ די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט. „אינ דײַטשלאנד בילדעט זיכ אויס א נײַער קלאס, דער פראָלעטאריאט, וואָס שטרעבט צו פארניכטנ אלע קלאסנ, וואָס פאָדערט ניט פאר זיכ קיינ שום באזונדערע רעכט, ווײַל בענעגייע צו אימ זײַנענ צעטראָטנ אלע רעכט... קעדיי זיכ אליינ צו באפרײַענ, מוז ער אומבאדינגט זיכ באפרײַענ פונ אלע אנדערע געזעלשאפטלעכע שיכטנ אונ דערמיט אליינ באפרײַענ אלע איבעריקע שיכטנ".

אזוי זײַנענ בא מארקסנ אופגעקומענ די גרונט־געדאנקענ פונעמ וויסנשאפטלעכנ קאָמוניזמ. אינ דער זעלבער צײַט דערנעענטערט זיכ מארקס מיט ענגעלסנ, וואָס איז געוואָרנ זײַנ פרײַנט אונ מיטקעמפער אינ דעמ פיליאָריקנ קאמפ פאר דער זאכ פונעמ ארבעטער־קלאס.

פרידריכ ענגעלס

פרידריכ ענגעלס (1820—1895 יאָר) האָט געשטאמט פונ א רײַכער סאָכרישער פאמיליע פונ דער זעלבער ריינישער געגנט. פרידריכ ענגעלסעס פאָטער האָט געוואָלט מאכנ פונ אימ א סויכער אונ האָט אימ געצוווּנגענ צו ארבעטנ אינ דער האנדל־קאָנטאָר אינ ברעמענ—איינע פונ די גרעסטע שטעט פונ דעמלטיקנ דײַטשלאנד. דאָ האָט ענגעלס זיכ געקאָנט באקענענ מיט אלע פּרוזשינעס פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. דינענדיק אינ בערלינ אינ דער ארמיי, האָט זיכ ענגעלס אינ דער זעלבער צײַט באקענט מיט דער דײַטשישער פילאָסאָפיע פונ יענער צײַט אונ האָט זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ די לינקע שטרעמונגענ פונעמ דעמלטיקנ פילאָסאָפישנ געדאנק.

איינגיכנ איז דער יונגער ענגעלס געפאָרנ צוליב די אינטערעסנ פונ זײַנ פאָטער אינ ענגלאנד—אינ דעמ פאָרגעשריטנסטנ לאנד פונ XIX יה. דאָס לעבנ אינ ענגלאנד האָט געהאט פאר ענגעלסנ די זעלבע באדײַטונג, ווי פאר מארקסנ דאָס לעבנ אינ פאריז. ענגעלס האָט שפּעטער געשריבנ, אז מאנטשעסטער האָט אימ „א שטופּ געטאָנ מיט דער נאָז" צו דעמ פאקט, אז די עקאָנאָמישע פאר-

העלטענישן זײַנען סאָפּקאָלסאָפּ די אנטשיידנדיקע און אז גאָר זיי בילדן די באזע פאר דער אנטשטייונג פון קלאסן און קלאסן-ווידערשפּרוכן. די ווידערשפּרוכן פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, וואָס ווערן אלץ מער פארשארפט, די קריזיסן, די ארבעטלאָזיקײַט, די פּאַראָרעמונג פון דעם פּראָלעטאריאט,—דאָס אלץ איז דעמלט אמבוילעטסטן געווען צו זען טאקע נאָר אין ענגלאנד—אין דעם סאמע אנטוויקלטסטן לאנד פון יענער צײַט. אפּ ענגעלסן האָבן זיי געמאכט אן אומגעהייערן אײַנדרוק. די 30-ער און 40-ער יאָרן פון XIX יה. זײַנען געווען אין ענגלאנד די יאָרן פונעם רעוואָליוציאָנערן טשארטיזם. ענגעלס האָט זיך דערנענטערט צו די אָנטיילנעמער פון דער טשארטיסטישער באוועגונג און האָט אָנגעהויבן מיטארבעטן אין דער טשארטיסטישער צײַטונג „צאָפנדיקער שטערן“. אין ענגלאנד האָט ענגעלס דערלערנט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע און האָט זיך באקענט מיט די אידייען פון דעם פראנצויזישן און ענגלישן אוטאָפּישן סאָציאַליזם, באזונדערס מיט ראָבערט אָוענס אידייען. אלס רעזולטאט דערפון ווערט ענגעלס א קאָנסעקווענטער רעוואָליוציאָנערער קאָמוניסט.

„די צונויפגיסונג פון דעם סאָציאַליזם מיטן טשארטיזם וועט מאכן דעם ענגלישן ארבעטער-קלאס פארן ווירקלעכן הערשער פון ענגלאנד“,—שרײַבט ענגעלס.

אזויארום, איז ענגעלס, אומאָפּהענגיק פון מארקסן, געקומען צו געוויסע גרונט-האנאָכעס פונעם וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם.

אין 1844 יאָר האָט ענגעלס געווױנט בא צוויי וואָכן אין פאריז. דאָ טאקע האָט זיך אָנגעהויבן זײַן נאָענטע פרײַנטשאפט מיט מארקסן. אין פארלויף פון א סאך יאָרן האָבן זיי צוזאמען געפירט מיטן זעלבן ברען און דער זעלבער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע דעם קאמף פאר דער זאך פונעם ארבעטער-קלאס, פאר דער זאך פון דער אלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

אין אומראכמאָנעסדיקן קאמף קעגן פארשיידענע קלײנבירגערלעכע ריכטונגען האָבן מארקס און ענגעלס אויסגעשמידט די טעאָריע און די טאקטיק פונעם רעוואָליוציאָנערן קאָמוניזם—דעם מארקסיזם. מארקס און ענגעלס זײַנען געווען ניט בלויז די גרונטלייגער פונעם וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם, נאָר זיי האָבן אין משעך פונעם גאנצן לעבן גענומען א דירעקטן אָנטייל אין דער ארבעטער-באוועגונג, אין פארלויף פון זייער גאנצן לעבן זײַנען זיי געווען די אומדערמידלעכע אָרגאניזאטערס און אָנפירער אינעם רעוואָליוציאָנערן קאמף פון פּראָלעטאריאט. זייער לערע איז געווען ניט קיין טויטער בוכשטאב, נאָר א רוף און א פּראָגראם פון טאט, אן אייניקײַט פון טעאָריע און פּראקטיק פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

„מארקס איז פריער פאר אלץ געווען א רעוואָליוציאָנער. דער קאמף איז געווען זײַן סטיכיע. ער האָט געקעמפט לײדנשאפטלעך, אײַנגעשפּארט, מיט דער פּאָלג, ווי עס קעמפן ווייניקע“—אזוי האָט ענגעלס געזאָגט בא מארקס קיווער.

„מארקס לערע איז אלמעכטיק, דערפאר ווײַל זי איז ריכטיק. זי איז פולשטענדיק און הארמאָניש. זי גיט די מענטשן א פארגאנצטע וועלט-אָנשויונג, וואָס הויזט ניט מיט קיין שום אָבערגלויבן, מיט קיין שום רעאקציע, מיט קיין שום פארטיידיקונג פון בורזשואזן יאָך. זי איז דער געזעצלעכער יורש פון דעם בעסטן, וואָס די מענטשהײַט האָט געשאפן אין XIX יה. אין געשטאלט פון דער דײַ-

טשישער פילאָסאָפיע, פון דער ענגלישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פונעם פראַנ־צויזישן סאָציאַליזם" (לענין).

דער קאָמוניסטן־פאַרבאַנד

ווען לוי־פיליפס רעגירונג האָט אין 1845 יאָר ארויסגעשיקט מארקסן פון פראנקרייך, איז ער אריבערגעפאָרן קיין בעלגיע און האָט זיך דאָ פארנומען מיט שאפן א אינטערנאציאָנאלע קאָמוניסטישע אָרגאניזאציע. צוזאמען מיט ענגעלסן, וואָס האָט געוווינט אין לאָנדאָן, האָט מארקס איינגעשטעלט פארבינדונגען מיט די רעוואָליוציאָנערע אָר־גאניזאציעס אין פראנקרייך, ענגלאנד, דייטשלאנד, בעלגיע און שווייץ. מארקס און ענגעלס האָבן אומדערבארעמדיק קריטיקירט די שוואכע זייטן פון דעם אוטאָפישן סאָציאַליזם און זיי זיינען אפ דעם באָדן זיך שארף פאנאנדער־געגאנגען מיט וויטלינגן. זומער 1847 יאָר איז אין לאָנדאָן צונויפגערופן געוואָרן אַן אינטערנאציאָנאלער צוזאמענפאָר פון רעוואָליוציאָנערע קעמערלעך. דאָ איז געשאפן געוואָרן דער קאָמוניסטן־פאַרבאַנד — די ערשטע אינטערנאציאָנאלע קאָמו־ניסטישע אָרגאניזאציע. דער ציל פונעם קאָמוניסטן־פאַרבאַנד איז געווען — אראָפּ־שלײַדערן די בורזשואזיע און איינשטעלן די הערשאפט פונעם פּראָלעטאריאט, צעשמעטערן די אַלטע קאפּיטאַליסטישע געזעלשאפט, וואָס איז געגרינדעט אַפּ קלאסנקאמף, און באשאפן א נייע געזעלשאפט, אָן קלאסן אַפּ דער באזע פון געזעלשאפטלעכן אייגנטום.

פארן לאָזונג פון דעם קאָמוניסטן־פאַרבאַנד האָט מען אויסגעקליבן די באַ־ווּסטע ווערטער: „פּ ר אָ ל ע ט א ר י ע ר פ ו ן א ל ע ל ע נ ד ע ר, פ א ר א י י נ י ק ט ז י ך!" דעם דאָזיקן לאָזונג, וואָס האָט שארף אונטערגעשטראָכן דעם פּראָלע־טארישן קלאסן־כאראקטער פונעם פאַרבאַנד, האָט פאָרגעלייגט מארקס.

אין נאָיאבער—דעקאבער 1847 יאָר איז אין לאָנדאָן צונויפגערופן געוואָרן דער צווייטער צוזאמענפאָר פונעם קאָמוניסטן־פאַרבאַנד. ער האָט באַופטראָגט מארקסן אָנצושרייבן די פּראָגראם פונעם פאַרבאַנד. אזא פּראָגראם איז געווען דער באַוווּסטער „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי".

דער „מאניפעסט פון דער קאָמוני־סטישער פארטיי"

דער „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי" איז גע־וואָרן פארעפנטלעכט אין פעברואר 1848 יאָר, ניט לאנג פאַר דער פעברואר־רעוואָליוציע אין פראנקרייך. דעם מאניפעסט האָט מארקס אָנגעשריבן אפן גרונט פון א פּראָיעקט, וואָס ענגעלס האָט צונויפגעשטעלט.

אין דעם „מאניפעסט" איז געגעבן געוואָרן דער לייט־פאָדעם, וואָס גיט די מעגלעכקייט פאנאנדערצוקלייבן זיך אין דער קאָמפּלעצירטער פּאָליטיקייט און ווי־דערשפּרעכלעכקייט פון דעם מענטשלעכן געזעלשאפטלעכן לעבן, צו אנטפּלעקן די געזעצמעסיקייט פון די פאַרפּלאָנטערסטע און קאָמפּליצירטסטע געזעלשאפט־לעכע געשעענישן און בעמיילע אויך וויסנשאפטלעך ריכטיק צו באשטימען די רעזולטאטן, צו וועלכע זיי קאָנען ברענגען. דער דאָזיקער לייט־פאָדעם איז דער ק ל א ס נ ק א מ פ. די געשיכטע פון אַלע ביז איצט עקזיסטירנדיקע געזעלשאפטן, — ווערט געזאָגט אין דעם „מאניפעסט", — איז געווען א געשיכטע פון קלאסנקאמף. דער פרייער און דער שקלאף, דער פאטריציער און דער פלעביי, דער גוטבאַ־זיצער און לייבייגענער, דער מייסטער און דער געזעל, קורץ — דער אונטערדריי־

קער און דער אונטערדריקטער זײַנענ געווענ אינ אנ אייביקנ אנטאגאָניזמ צווישנ זיכ און האָבנ געפירט אָנ אופהער צווישנ זיכ א קאמפ, אמאָל א פארבאָרגענעמ און אמאָל אנ אָפענעמ קאמפ, וואָס האָט זיכ אלעמאָל אויסגעלאָזט מיט א רעוואָליוציאָנערער איבערבויונג פונ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער געבײַדע אָדער מיט אנ אלגעמיינעמ אומקומ פונ די קעמפנדיקע קלאסנ... די מאָדערנע בורזשואזע געזעלשאפט, וואָס איז ארויסגעקומענ פונ שויס פונ דער אונטערגעגאנגענער פעאָדאלער געזעלשאפט, האָט ניט פארניכטעט די קלאסנ־ווידערשפרוכנ. זי האָט נאָר אוועקגעשטעלט נײַע קלאסנ, נײַע באדינגונגענ פונ אונטערדריקונג און נײַע קאמפ־פאָרמענ אפנ אָרט פונ די אלטע. אונדזער עפאָכע, די עפאָכע פונ דער בורזשואזיע, צייכנט זיכ אָבער אויס דערמיט, וואָס זי האָט פארייִנפאכט די קלאסנ-ווידערשפרוכנ. די געזעלשאפט ווערט אלצ מער און מער צעשפאָלטנ אפ צוויי גרויסע פײַנטלעכע לאגערנ, אפ צוויי גרויסע קלאסנ, וואָס שטייענ איינער קעגנ דעמ אנדערנ—די בורזשואזיע און דער פראָלעטאריאט. אינ יענער צײַט, ווענ די בורזשואזיע האָט צעשטערט די פעאָדאלע, פאטריארכאלע פארהעלטענישנ און האָט פארפעסטיקט די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט, האָט זי געשפילט א גאנצ רעוואָליוציאָנערע ראָליע. דערגרייכנדיק צו איר הערשאפט, האָט די בורזשואזיע, מיט די הענט פונ פראָלעטאריאט, באשאפנ א סאכ מער און א סאכ גראנדיעזערע פראָדוציר-קויכעס, איידער אלע פריערדיקע דורעס צוזאמענ גענומענ. עס זײַנענ באהערשט געוואָרנ די קרעפטנ פונ דער נאטור, עס זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ מאשינעס, מע האָט אָנגעהויבנ אָנווענדנ כימיע אינ דער אינדוסטריע און בא דער ערדארבעט, עס איז געשאפנ געוואָרנ דער שיפגאנג, די אײַזנבאנ, דער עלעקטרישער טעלעגראפ, די צופאסונג פונ די טײַכנ פארנ שיפגאנג—אָט דאָס איז דער רעזולטאט פונ דער בורזשואזיעס טעטיקײַט. אָבער האָבנדיק געשאפנ די דאָזיקע קאָלאָסאלע פראָדוציר־קויכעס, איז די בורזשואזע געזעלשאפט ניט בעקויעכ צו ספראווענ זיכ מיט זיי. די האנדל־אינדוסטריעלע קריזיסנ צעטרייסלענ סיסטעמאטיש די בורזשואזע געזעלשאפט. בײַס די דאָזיקע קריזיסנ „ווערט סיסטעמאטיש פארניכטעט א באדײַטנדיקער טייל ניט בלויז פארטיקע פראָדוקטנ, נאָר אויכ שוינ געשאפענע פראָדוציר־קויכעס“. די בורזשואזע געזעלשאפט ווערט א שטערונג פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונ די פראָדוציר־קויכעס. „די בורזשואזע פארהעלטענישנ זײַנענ געוואָרנ צו שמאָל אפ ארײַנצונעמענ אינ זיכ דאָס רײַכטומ, וואָס זיי האָבנ געשאפנ“. די דאָזיקע געזעלשאפט ווערט פארורטיילט, און אלס איר באגרעבער טרעט ארויס א נײַער קלאס, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ טאקע דורכ דער בורזשואזער געזעלשאפט אליינ — דער פראָלעטאריאט. אינ די ראמענ פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט פירט דער פראָלעטאריאט אנ אומופהערלעכנ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע „הארט ביז צו יענעמ פונקט, ווענ עס ברעכט אויס אנ אָפענע רעוואָליוציע און דער פראָלעטאריאט ווארפט אראָפ מיט גוואלד די בורזשואזיע און שטעלט אײַנ זײַנ הערשאפט“ און הייבט אָנ בויענ א נײַע סאָציאליסטישע געזעלשאפט. דער אומקומ פונ דער בורזשואזיע און „דער ניצאָכנ פונעמ פראָלעטאריאט זײַנענ ביידע גלײַכ אומפארמײַדלעכ“. באזיגנ די בורזשואזיע קאָנ בלויז דער פראָלעטאריאט. „פונ אלע קלאסנ, וואָס שטייענ איצט אנטקעגנ דער בורזשואזיע, איז נאָר דער פראָ־

לעטאריאט א ווירקלעכ רעוואָליוציאָנערער קלאס. אלע איבעריקע קלאסנ גייענ צום גרונט אונ ווערנ פארניכטעט מיט דער אנטוויקלונג פונ דער גרויס-אינדוסטריע אונ נאָר דער פראָלעטאריאט איז אירער א פראָדוקט. די מיטל-שטאנדנ: דער קליינ־אינדוסטריעלער, דער קליינהענדלער, דער האנטווערקער אונ פויער — זיי אלע קעמפנ קעגנ דער בורזשואזיע, קעדיי צו ראטעווענ זייער עקזיסטענצ פונ אומקום אלס מיטלשטאנד... אויב זיי זײַנענ רעוואָליוציאָנער, איז נאָר אפ אזויפיל, אפ וויפל זיי שטייט פאָר אריבערצוגיינ אינ די רייענ פונ פראָלעטאריאט, אפ וויפל זיי פארטיידיקנ ניט זייערע איצטיקע, נאָר זייערע קומענדיקע אינטערעסנ, אפ וויפל זיי לאָזנ איבער זייער אייגענעם שטאנדפונקט קעדיי אָנצונעמענ דעם שטאנדפונקט פונ פראָלעטאריאט".

אזויארום, גיט דער „מאניפעסט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי" א קורצע וויסנשאפטלעכ-באגרינדעטע פאָרמולירונג פונ דעם קלאסנקאמפ פונ פראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזיע, וואָס דערגייט ביז א גוואלד־רעוואָליוציע אונ ביז אײַנפירנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, קעדיי אויסבויענ די אָנקלאסעווע קאָמוניסטישע געזעלשאפט.

מארקס לערע וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, זײַנ אויפקלערנ די אלוועלטלעכ־היסטאָרישע ראָליע פונ דעם פראָלעטאריאט, אלס דעם שעפער פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט, איז דער ווינקל־שטיינ פונעם מארקסיזם אונ האָט אנ אלוועלטלעכע באדײַטונג. „דער, וואָס אנערקענט בלויז קלאסנ-קאמפ, איז נאָכ קיינ מארקסיסט ניט", שרײַבט לענינ. — א מארקסיסט איז בלויז דער, וואָס דערפירט די אנערקענונג פונעם קאמפ צווישנ קלאסנ ביז אנערקענענ די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט. אינ דעם שטעקט דער טיפסטער אונטערשייד פונ א מארקסיסט ביז אנ אויסגעשפראָכענעם קליינעם (אונ אויכ גרויסנ) בורזשוא".

מארקס לערע וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט האָט לענינ ווײַטער אנטוויקלט, צוגעפאסט צו די נײַע באדינגונגענ פונ קלאסנקאמפ אינ דער עפּאָכע פונ אימפעריאליזם אונ פראָלעטארישע רעוואָליוציעס.

אינ דעם „מאניפעסט" זײַנענ געגעבנ געוואָרנ קלאָרע אָנווײַזונגענ וועגנ דער טאקטיק פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי. „די קאָמוניסטנ, — ווערט געזאָגט אינעם „מאניפעסט", — האָבנ ניט קיינע אינטערעסנ, וואָס זאָלנ זײַנ אָפגעזונדערט פונ די אינטערעסנ פונ פראָלעטאריאט אינגאנצנ גענומענ. די קאָמוניסטנ... אונטערשיידנ זיכ בלויז דערמיט, וואָס, פונ איינ זײַט, טיילנ זיי אויס אונ פארטיידיקנ די אלגעמיינע אינטערעסנ פונעם גאנצנ פראָלעטאריאט, ניט אָפהענגיק פונ נאציאָנאליטעט; פונ דער צווייטער זײַט — דערמיט, וואָס אפ די פארשיידענע שטופעס פונ דער אנטוויקלונג, דורכ וועלכע עס גייט דורכ דער קאמפ פונעם פראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזיע, זײַנענ זיי (די קאָמוניסטנ) שטענדיק די פאָרשטייער פונ די אינטערעסנ פונ דער באוועגונג אינגאנצנ גענומענ. דאָס הייסט, אז די קאָמוניסטנ זײַנענ בעעמעס דער סאמע אנטשלאָסענער טייל פונ די ארבעטער־פארטייענ אינ אלע לענדער, דער טייל, וואָס טרײַבט שטענדיק די באוועגונג פאָרויס, אונ אינ טעאָרעטישער הינזיכט באשטייט זייער פאָרצוג אנטקעגנ דער איבעריקער

מאסע פון פראָלעטאריאט אין דעם, וואָס זיי באַנעמען די באַדינגונגען, דעם גאַנג און די אַלגעמיינע רעזולטאַטן פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. דער נאָענטסטער ציל פון די קאָמוניסטן איז... פאַרוואַנדלען דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַ קלאַס, אַראָפּשלײַדערן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, דעראָבערן פאַרן פּראָלעטאַריאַט די פּאָליטישע מאַכט".

„די קאָמוניסטן, — ווערט געזאָגט צום סאָף אין מאַניפעסט, — האַלטן פאַר איבעריק צו באַהאַלטן זייערע מיינונגען און קאַוואָנעס. זיי דערקלערן אָפן, אַז זייערע צילן קאָנען דערגרייכט ווערן בלויז דורך אַראָפּשלײַדערן מיט גוואַלד די גאַנצע עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. זאָלן די הערשנדיקע קלאַסן ציטערן פאַר דער קאָמוניסטישער רעוואָליוציע. די פּראָלעטאַריער האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן אין איר, אַחוץ זייערע קייטן, דערפאַר וועלן זיי אָבער דעראָבערן די גאַנצע וועלט. פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!"

די באַדײַטונג פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" איז אַ קאָלאָסאַלע. אין אים איז צום ערשטן מאָל „מיט אַ געניאַלער קלאָרקײַט און בולעטקײַט געשילדערט די נײַע וועלט-אָנשויונג, די טעאָריע פון קלאַסנקאַמף און די אַלוועלטלעכע היסטאָרישע רעוואָליוציאָנערע ראָליע פונעם פּראָלעטאַריאַט — דעם שעפער פון דער נײַער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט" (לענין).

דאָס איז געווען די ערשטע, דײַטלעכע פאָרמולירונג פון דעם פּראָלעטאַריאַטס קלאַסן-אידעאָלאָגיע. און ביז הײַנטיקן טאָג האָט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" אײַנגעהיט זײַן אויסערסט גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָליוציאָנערע באַדײַטונג, ביזן הײַנטיקן טאָג פירט דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט אונטער דער פאָן פונעם „מאַניפעסט" זײַן רעוואָליוציאָנערן קאַמף. די גרונט-אידייען פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" זײַנען געלייגט געוואָרן אַלס גרונט אין דער פּראָגראַם און טאַקטיק פונעם III קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, — דער אינטערנאַציאָנאַלער שלאַכט-פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט.

22. די רעוואָליוציע פון 1848 יאָר אין דײַטשלאַנד

די נאָענטסטע סיבעס פון דער רעוואָליוציע

„דײַטשלאַנד שטייט ערעוו אַ בורזשואַזער רעוואָליוציע" — ווערט געזאָגט אינעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". די געשיכטע האָט דערוויזן, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן אין דעם קיין טעות ניט געהאַט. די קאַרטאָפל-קרענק, די אומגערעטעניש און דער אינדוסטריעלער קריזיס פון 1847 יאָר האָבן ביז גאָר פאַרשאַרפט אַלע קלאַסן-ווידערשפּרוכן. די לאַגע פון די פּויערים, אַרבעטער, קליינבורזשואַזיע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. עס איז אויך געוואָקסן די אומצופרידנקײַט פון דער גרויסבורזשואַזיע.

די שווערע לאַגע אין לאַנד און באַזונדערס דער פינאַנציעלער קריזיס האָט געצוווּנגען דעם פּרײַסישן קיניג צו ווענדן זיך נאָך הילף צו דער בורזשואַזיע. אָבער זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו געבן געלט, קאָלזמאַן אין פּרײַסן וועט ניט אײַנגעפירט ווערן אַ קאָנסטיטוציע. דער קיניג האָט געענטפערט מיט אַ

אנטשלאָסענעמ אָפזאָג. „איכ וועל קיינמאָל ניט דערלאָזנ, אַז צווישנ גאָט אונ אונדזער לאַנד זאָל זיכ שטעלנ א געשריבנ בלעטל פאַפיר". אָבער די לאַגע אינ לאַנד האָט זיכ אַלצ פאַרשאַרפט. אפּנ באַדנ פונ הונגער, יאַקרעס אונ אַרבעטלאָזיקײַט האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מאַסעווע פאָלק־אומרוענ. אַלס רעזולטאַט פונ דעמ אינדוסטריעלנ קריזיס האָבנ די פאַבריקנ זיכ אָפּגעשטעלט איינע נאָכ די אַנדערע. טויזנטער אַרבעטער זײַנענ אַרויסגעוואָרפנ געוואָרנ אַפ דער גאַס. ווו צו פאַרדינענ איז ניט געווענ. נאָכ עטלעכע יאָר אומגערעטעניש אונ צוליב דער קאַרטאָפל־קרענק זײַנענ די פרײַזנ אַפ פּראָדוקטנ מוירעדיק געוואָקסנ. א מעסטל קאַרטאָפל, וואָס האָט אינ 1845 יאָר געקאָסט 41 קרייצער, איז געשטיגנ קימאַט ביז 3 גולדענס.* שוינ אינ אַפּרעל 1845 יאָר איז אַפ די גאַסנ פונ בערלינ פאָרגעקומענ א „קאַרטאָפל־מילכאָמע". די שטאָטישע אָרעמשאַפט האָט גראַמירט די קלייטנ אונ פאַרכאַפּט די דערנערונג־רעזערוו. איבער די גאַסנ פונ בערלינ זײַנענ אַרומגעפאָרנ פאַטרולנ אונ האָבנ מיט שווערדנ פאַנאַנדערגעטריבנ דעמ האַמוינ.

אויכ די פויערשע באַפעלקערונג האָט זיכ אופגערודערט. אַשטייגער אינ שטיריע האָבנ די פויערימ, דערצאָרנטע פונ דעמ אומדערבאַרעמדיקנ אַרויספּאָמפּענ פונ זיי די שטײַערנ־כויוועס, זיכ צונויפגעזאַמלט אינ גרויסע באַוואָפנטע מאַכנעס אונ אָפּגעזאָגט זיכ צו צאָלנ שטײַערנ אונ אַרבעטנ פאַנשטשינע.

די פעווראַל־רעוואָליוציע אינ פראַנקרײַכ איז געווענ יענער פונקט, וואָס האָט אָנגעצונדנ אינ דײַטשלאַנד א סרייפע. די יעדיע וועגנ די באַריקאַדעס־שלאַכטנ אינ פּאַריזש אונ וועגנ פּראָקלאַמירנ אינ פראַנקרײַכ א רעפּובליק, וואָס האָט אינ דער רעגירונג אַרײַנגענומענ פאָרשטייער פונ אַרבעטער, האָט אופגערודערט די ברייטע קרײַזנ באַפעלקערונג פונ דײַטשלאַנד. איבערנ גאַנצנ לאַנד איז דורכגעגאַנגענ א כוואַליע פאַרזאַמלונגענ, דעמאָנסטראַציעס, מיטינגענ.

אינ די דאָרעמ־מערעוודיקע מעלוכעס פונ דײַטשלאַנד האָט די באַוועגונג אופגעפלאַקערט שוינ אינ סאָפ פעווראַל. אינ באַדענ, אינ ווירטעמבערג זײַנענ פאָרגעקומענ מאַסנ־פאַרזאַמלונגענ. דאָ האָט מענ געפאָדערט פרײַהײַט פונ פאַרזאַמלונגענ אונ פאַרייננ, פרײַהײַט פונ פּרעסע, אײַנפירנ אַלגעמיינע וואַלרעכט, צונויפרופנ אַ אַלדײַטשישע פאַרזאַמלונג פונ פאָלק־פאָרשטייער. עס האָבנ זיכ געהערט אויסגעשרייענ: „לעבנ זאָל די רעפּובליק!" גלײַכצײַטיק מיט די אומרוענ אינ די שטעט האָט זיכ אָנגעהויבנ א מאַסנווײַזע פויערימ־באַוועגונג. די פויערימ זײַנענ אָנגעפאַלנ אַפ די פּריצישע שלעסער, פאַרברענט די דאָקומענטנ אונ ביכער, וווּ עס זײַנענ געווענ פאַרשריבנ די פעאָדאַלע פליכטנ. אָפטמאָל פלעגנ די אַדעליקע אַליינ אונטער דער דראָונג פונ די פויערימ פאַרברענענ די דאָזיקע בוכפירונג. א פלאַקער פונ סרייפעס האָט באַלויכטנ גאַנצ דײַטשלאַנד מיט א רעוואָליוציאָנערער שײַנ.

אָנהייב מאַרט האָט זיכ די באַוועגונג אַריבערגעוואָרפנ קיינ בײַערנ אונ זאַקסנ.

צו העלפט מאַרט זײַנענ אינ דער מערהײַט קליינע אונ מיטעלע מעלוכעס אינ דײַטשלאַנד געווענ אָרגאַניזירט ליבעראַל־בורזשואַזע (אַזויגערופענע „מאַרטישע") מיניסטעריומס. דערמיט איז אויכ פונ די פאָרשטייער פונ דער ליבעראַלער בורזשואַזיע אָרגאַניזירט געוואָרנ א קאָמיטעט אַפ צוגרייטנ דעמ צונויפרופ פונ דער אַלדײַטשישער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. נאָר א באַשליסנדיקע באַדײַטונג האָט געהאַט פאַר דער דײַטשישער רעוואָליוציע די פראַגע וועגנ דעמ, וויאַזוי עס וועלנ פאָרקומענ די געשעענישנ אינ די גרעסטע צוויי מעלוכעס — אינ עסטרײַכ אונ אינ פּרײַסנ.

---

* א גולדענ — בא 80 קאָפּ. לויטנ פאַרמילכאָמעדיקנ קורס. א גולדענ האָט 60 קרייצערס.

די מאַרט־רעוואָ־לוציע אינ עסט־רײַכ

אָנהייב מארט האָט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג שוינ געהאט ארומגעכאפּט די עסטרײַכישע פּראָווינצנ. אינ אונגארנ, אינ טשעכיע, אינ די איטאליענישע פּראָווינצנ פונ די האבסבורגס איז געגאנגענ א קאמפּ פאר נאציאָנאלער אומאָפּהענגיקײַט.

א ברייטנ פארנעמ האָט אָנגענומענ די נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אינ אונגארנ, וואָס איז פאקטיש געווענ א האלב־קאָלאָניע בא עסטרײַכ. די עסטרײַכישע מאָנארכיע פונ די האבסבורגס איז צוזאמענ מיט דער קאטוילישער קירכע דאָ געווענ דער הויפּט־אָנשפּאר פונעמ פעאָדאלנ יאָכ.

דער פירער פונ דער נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ אונגארנ, קאָשוט (1802—1894) איז שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ מעטערניכס גאנצער סיסטעמ אונ האָט געפאָדערט צו שאפנ א פאראנטוואָרטלעכנ מיניסטעריומ, וואָס זאָל באשטיינ פונ אונגארנ. דער אונגארישער סיימ האָט געשיקט א באזונדער דעפּוטאציע צומ עסטרײַכישנ אימפּעראטער מיט א פאָדערונג אײַנצופירנ א קאָנסטיטוציע אינ אלע עסטרײַכישע באזיצונגענ. פונקט אזא אדרעס איז געשיקט געוואָרנ קיינ ווינ פונ פּראָג: דאָרט האָבנ דעמ קאמפּ פאר נאציאָנאלער אומאָפּהענגיקײַט געפירט די טשעכנ.

עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אויכ אינ דעמ אויבערשטנ טייל איטאליע. די עסטרײַכישע הערשאפט, וואָס איז געלעגנ ווי א שווערער דרוק אפ לאָמבארדיע, האָט שוינ לאנג ארויסגערופנ א צאָרנ באמ פאָלק. נאָכ דעמ 22-טנ פעברואל איז לויט מעטערניכס באפעל אינ גאנצ לאָמבארדיע־ווענעציאנישער געגנט דערקלערט געוואָרנ קריגצושטאנד. אלס מיליטערישער דיקטאטער איז אינ מילאנ באשטימט געוואָרנ דער גענעראל ראדיעצקי. צווישנ די עסטרײַכישע אָטריאדנ אונ דער באפעלקערונג פונ מילאנ זײַנענ פאָרגעקומענ שטענדיקע צוזאמענשטויסנ. די ידיעות וועגנ דער רעוואָליוציע אינ פראנקרײַכ אונ אינ אייניצלנע מעלוכעס פונ דײַטשלאנד האָבנ פארגיכערט דעמ אויפרײַס פונ דער נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ די איטאליענישע געגנטנ. אינ מילאנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שטורעמדיקע מיטינגענ אונ דעמאָנסטראציעס. ווענ דער גענעראל ראדיעצקי האָט באפוילנ פאנאנדערטרײַבנ דעמ המוינ מיט געוואלד, זײַנענ די גאסנ פונ מילאנ באדעקט געוואָרנ מיט באריקאדעס. צווישנ די פארטיידיקער פונ די באריקאדעס אונ דעמ גענעראל ראדיעצקיס אָטריאדנ האָט זיכ אָנגעהויבנ א בלוטיקער געראנגל. געזיגט האָבנ די אויפשטענדלער. ראדיעצקי איז געווענ געצוווּנגענ ארויסצופירנ זײַנ מיליטער ניט בלויז פונ מילאנ, נאָר אויכ אויסער די גרענעצנ פונ לאָמבארדיע. די עסטרײַכישע גארניזאָנענ זײַנענ פארטריבנ געוואָרנ אויכ פונ אנדערע שטעט פונ איטאליע. אינ ווענעציע האָט זיכ אויסגעבילדעט א רעוואָליוציאָנערע רעגירונג. עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ די פראגע וועגנ פאראייניקנ גאנצ איטאליע צוליבנ קאמפּ קעגנ דעמ עסטרײַכישנ יאָכ.

אינ מארט 1848 יאָר האָט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פארכאפּט אויכ ווינ. שוינ אָנהייב מארט זײַנענ אינ שטאָט פאָרגעקומענ שטורמישע פארזאמלונגענ אונ דעמאָנסטראציעס, דעריקער האָבנ זיכ אינ זיי באטייליקט די שטאָטישע קליינבירגער, שטודירנדיקע יוגנט, האנטווערקער אונ ארבעטער. די ערשטע צײַט איז די גרויסבורזשואזיע, אכוצ איר פינאנציעלנ אויבערשיכט — באנקירנ אונ בירזשעוויקעס, אויכ געהאט צוגעשטאנענ צו דער באוועגונג. די ווינער בורזשואזיע האָט „נאָכ קיינמאָל ניט געהאט געזענ, אז די ארבעטער זאָלנ ארויסטרעטנ פאר זייערע אייגענע קלאסנ־אינטערעסנ" (ענגעלס), דעריבער איז זי נאָכגעגאנגענ צוזאמענ מיט זיי קעגנ מעטערניכס פאראָסטער רעאקציאָנערער פּריצישער רעגירונג.

„נידער מיט מעטערניכנ! לעבנ זאָל די קאָנסטיטוציע!“ — האָבנ געשריִענ די דעמאָנסטראנטנ, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט דעמ 13־טנ מארט אפנ פלאצ באַמ שטאָטישנ ראטהויז. קעגנ דעמ צענויפגעזאמלטנ האמוינ האָט מענ ארויסגעשיקט מיליטער. מע האָט דערלאנגט צוויי זאלפנ, וואָס האָבנ צעזייט די דעמאָנסטראציע. אפנ פלאצ זײַנענ געבליבנ ליגנ עטלעכע געהארגעטע אונ פארוואונדעטע. אָבער ווי נאָר דאָס מיליטער האָט פאנאנדערגעטריבנ דעמ האמוינ אינ איינ אָרט, אזוי האָט מענ זיכ באלד צונויפגעזאמלט אינ א צווייטנ אָרט. עס זײַנענ פאָרגעקומענ באוואָפנטע צוזאמענשטויסנ; די גאסנ פונ ווינ האָבנ זיכ באדעקט מיט באריקאדעס. אינ ווינ האָט זיכ אָרגאניזירט א בורזשואזע נאציִאָנאלע גווארדיע. אירע פאָרשטייער האָבנ געשיקט צומ אימפעראטער א דעפוטאציע מיט דער פאָדערונג צו פארטרײַבנ מעטערניכנ אונ ארויספירנ דאָס מיליטער פונ ווינ. א דעפוטאציע פונ סטודענטנ האָט געפאָדערט, מע זאָל זיי ארויסגעבנ געווער. דער פאלאצ איז געווענ ארומגערינגלט פונעמ פאָלק. דאָס מיליטער, וואָס האָט באוואכט דעמ פאלאצ, האָט זיכ אָפגעזאָגט צו שיסנ אינ דעמ אומבאוואָפנטנ האמוינ, אונ די רעגירונג איז געווענ געצווונגענ צו גיינ אפ האנאָכעס. מעטערניכ האָט געמוזט אָנגעבנ אינ דעמיסיע אונ איז אנטלאָפנ פונ ווינ. אינ ווינ איז געשאפנ געוואָרנ א מיניסטעריום פונ ליבעראלע ביוראָקראטנ, אונ דער אימפעראטער האָט צוגעזאָגט שענקענ א קאָנסטיטוציע. אלע בירגער פונ ווינ האָט מענ דערלויבט ארײַנצוטרעטנ אינ באשטאנד פונ דער נאציִאָנאלער גווארדיע אונ צו באקומענ געווער פונעמ שטאָטישנ ארסענאל. דעמ זעלבנ אָוונט האָט די שטודירנדיקע יוגנט געבילדעט אירנ א באזונדערנ „אקאדעמישנ“ לעגיאָנ. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג האָט אָפגעהאלטנ דעמ ערשטנ ניצאָכנ. אָבער דער דאָזיקער ניצאָכנ איז נאָכ געווענ ווײַט ניט גענוג, ווײַל די מאָנארכיע איז געבליבנ אונ דער גאנצער פריִערדיקער אפאראט פונ אונטערדריקנ איז אויכ געבליבנ אומבארירט. קעדײַ אומצוּוואלגערנ דעמ אלטנ רעזשימ, האָט זיכ געפאָדערט א נײַער, מער אנטשיידענער דראנג פונעמ פאָלק, אָבער די בורזשואזיע האָט שוינ אָנגעהויבנ ארויסצוּווײַזנ איר מוירע פאר די פאָלקמאסנ אונ האָט געשטרעבט אָפצוהאלטנ זיי דערפונ.

ווענ די ארבעטער פונ די ווינער פאָרשטעט האָבנ זיכ דערוווּסט וועגנ דעמ אופשטאנד, וואָס קומט פאָר אינ ווינ, האָבנ זיי זיכ א לאָז געטאָנ אינ שטאָט. אָבער די שטאָטישע בורזשואזיע האָט פארמאכט די טויערנ אונ האָט ניט ארײַנגעלאָזט די ארבעטער אינ שטאָט ארײַנ. דאנ האָט זיכ דער צאָרנ פונ די ארבעטער געווענדט קעגנ דער בורזשואזיע. אינ די פאָרשטעט פינפהאוזע אונ זעקסהאוזע האָבנ די ארבעטער אונטערגעצונדנ די הײַזער פונ יענע פאבריקאנטנ, וואָס האָבנ באזונדערס אכזאָריעסדיק אונטערדריקט די ארבעטער, אונ צעבראָכנ מאשינעס אינ א ריי פאבריק־געבײַדעס. צוגלײַכ דערמיט האָבנ די ארבעטער פארניכטעט די טאמאָזשנע־פארצאמונגענ, ווו מע פלעגט אופמאָנענ די גרענעצ־אָפצאָלנ, וואָס פלעגנ אופשרויפנ די פרײַזנ אפ די ארײַנגעפירטע פראָדוקטנ אינ שטאָט.

די רעגירונג האָט געשיקט דעמ בורזשואז־שטאָטישנ לאנדווער, ד. ה. די נאציִאָנאלע גווארדיע דערשטיקנ די אומרוענ אינ די ארבעטער־פאָרשטעט. עטלעכע הונדערט ארבעטער זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ. דאָס האָט נאָכ מער פארטיפערט דעמ אָפגרונט צווישנ דער בורזשואזיע אונ די ארבעטער.

ווען די רעגירונג האָט זיך איבערצײַגט אין דער שרעקעוודיקייט פון דער בורזשואזיע, אין איר מוירע אָנצושפארן זיך אָפ די מאסן, האָט זי געלאָזט אין גאנצן איר קראפט. דער אימפעראטער האָט איבערגעגעבן די פאקטישע מאכט דעם גענעראל ווינדישגרעץ, וואָס איז דערקלערט געוואָרן פארן מיליטערישן דיקטאטער פון ווין. דער באלאגערונג־צושטאנד איז פארלענגערט געוואָרן. סאָף מארט האָט די רעגירונג ארויסגעגעבן א רעאקציאָנערן געזעץ, וואָס האָט פארניכטעט די פרײַהייט פון פרעסע. אין אפריל 1848 יאָר איז פארעפנטלעכט געוואָרן די קאָנסטיטוציע. זי האָט אײַנגעשטעלט צווייסטופיקע וואלן אין דער נאציאָנאלער פארזאמלונג פון עסטרײַך, זי האָט געלאָזן פארן אימפעראטער דאָס רעכט אָפצושאפן געזעצן, וואָס די נאציאָנאלע פארזאמלונג ארבעט אויס. זי האָט אָפגענומען בא די ארבעטער דאָס וואלרעכט און האָט פאָרויס אָפגעוואָרפן די מעגלעכקייט אָפצושאפן די פעאָדאלע פליכטן אָן אויסקויף־געלט. אין דער זעלבער צײַט האָט די רעגירונג, שטרעבנדיק צו אנטוואָפענען די קויכעס פון דער רעוואָלוציע, ארויסגעגעבן א באפעל וועגן פאנאנדערלאָזן דעם סטודענטישן לעגיאָן און דעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער נאציאָנאלער גווארדיע. די דאָזיקע מאָסמיטלען האָבן אָבער ארויסגערופן א צאָרן בא די ארבעטער און בא דער קלײנבורזשואזיע. דעם 15־טן מײַ 1848 יאָר האָבן קאָלאָסאלע פאָלקמאסן זיך א לאָז געטאָן צום פאלאץ און געפאָדערט אָפשאפן דעם באפעל. אין גאס איז ארויס דער אקאדעמישער לעגיאָן פון דער שטודירנדיקער יוגנט. נאָכן ערשטן פויק פון זײַנע פײַקלען זײַנען טויזנטער ארבעטער, באוואָפנטע מיט שפיצהעק, העק, ברעכײַזנס צוגעשטאנען צו דער באוועגונג. די דערשראָקענע רעגירונג האָט געמוזט דאָס מאָל אָפטרעטן. דער אימפעראטער איז פאר שרעק אנטלאָפן פון ווין. דער 15־טער מײַ און דעם אימפעראטערס אנטלויפן האָבן געמאכט אָפ דער גרויסבורזשואזיע א גוואלדיקן אײַנדרוק, מוירע האָבנדיק פאר די ארבעטער, גייט זי אריבער אָפ דער זײַט פון דער רעאקציע. דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער ווינער נאציאָנאלער גווארדיע, וואָס איז באשטאנען הויפטזאכלעך פון פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע, האָט זיך אליין דערקלערט פאר פאנאנדערגעלאָזט.

דאָס האָט צוגעגעבן דרייסטקייט דער רעגירונג. דעם 26־טן מײַ האָט זי ווידער ארויסגעגעבן א באפעל וועגן פאנאנדערלאָזן דעם סטודענטישן לעגיאָן. אָבער דער באפעל האָט ארויסגערופן בלויז א נײַעם צאָרן. די ארבעטער האָבן זיך מאסנווײַז א לאָז געטאָן אין שטאָט ארײַן. אָטריאדן פון דער נאציאָנאלער גווארדיע, וואָס זײַנען באשטאנען פון ארבעטער פון די פאָרשטעט, האָבן ניט געפאָלגט דעם באפעל פונעם רעאקציאָנערן אָפיצערנטום און זיך אויך געלאָזט גיין קיין ווין. ווו־ניט־ווו זײַנען די שטאָטישע טויערן געווען פארשפארט, אָבער מע האָט זיי אויפגעעפנט מיט גוואלד. ווין האָט זיך באדעקט מיט באריקאדעס, הינטער וועלכע עס זײַנען געשטאנען געדיכטע רייען פון זייערע פארטיידיקער — ארבעטער און קלײנבורזשואזיע. ווין האָט זיך פארוואנדלט אין א באוואָפנטן לאגער. די רעגירונג האָט זיך געקאָנט פארלאָזן בלויז אָפ 8 טויזנט סאָלדאטן, וואָס זײַנען אָבער געווען אָנמעכטיק צו ספראווען זיך מיטן אופשטאנד. זי איז געווען געצווונגען נאָכצוגעבן. דאָס מיליטער האָט מען אָפגערופן און דעם באפעל וועגן פאנאנדערלאָזן דעם אקאדעמישן לעגיאָן האָט מען אָפגעשאפט. דער זיג איז געווען

אפ דער זײַט פון די ארבעטער און דער קלײנבורזשואזיע. עס איז אָרגאניזירט געװאָרן א „קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער זיכערקײַט", װאָס איז באשטאנען פון פאָרשטײער פון דער קלײנבורזשואזיע. די פארװאלטונג אין װין איז פאקטיש אריבער צו אים אין די הענט. אונטערן דראנג פון די ארבעטער איז אָנהײב יול ארויסגעגעבן געװאָרן א געזעץ, װאָס האָט געגעבן די ארבעטער װאַלרעכט אין דער עסטרײַכישער נאציאָנאלער פארזאמלונג. אָבער די קלײנבורזשואזיע, װאָס האָט זיך געװאקלט צװישן דער בורזשואזיע און דעם פראָלעטאריאט, איז ניט געװען פײַיק אָנצופירן מיטן קאמף. דער פראָלעטאריאט, װידער, איז נאָך ניט געװען אימשטאנד צו נעמען אפ זיך די אָנפירונג מיט דער באװעגונג. פארנעפלט און ניט קלאָר זײַנען פאר די ארבעטער נאָך געװען די װעגן און די צילן פון קלאסנקאמף. די ארבעטער האָבן אפילו ניט געפאָדערט צו דערלאָזן זײערע פאָרשטײער אין עם „קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער זיכערקײַט". זײ זײַנען ניט געװען אפ אזױפיל אָרגאניזירט צו קאָנען נעמען די איניציאַטיװ אין זײערע הענט, צו פירן נאָך זיך דאָס פױערטום און אנטשײדן קעמפן קעגן די װאקלענישן פון דער קלײנבורזשואזיע.

בא אזעלכע באדינגונגען האָט זײער רעװאָלוציאָנערע ענערגיע ניט געפונען קײן אױסװעג איבער די װאקלענישן און ניט אנטשלאָסנקײַט פון דער קלײנבורזשואזיע. דער „קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער זיכערקײַט", װאָס איז באשטאנען אין דער מערהײַט פון פאָרשטײער פון דער קלײנבורזשואזיע און װאָס האָט פאקטיש געהאט די מאכט אין די הענט, האָט גאָרניט געטאָן, כדי אראָפּשלײַדערן די מאָנארכיע און די ביוראָקראטישע רעגירונג פון די האבסבורגס. זי האָט װײַטער עקזיסטירט צוגלײַך מיטן „קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער זיכערקײַט" און האָט זיך באמיט אפ פארשײדענע אופאנים פארפעסטיקן די קױכעס פון דער רעאקציע און צונױפקלײַבן א מיליטערישע קראפט אפ צו דערשטיקן די רעװאָלוציאָנערע באװעגונג.

אלזאָ, איז אין יוני 1848 יאָר די לאגע אין עסטרײַך געװען אזא. די מאָנארכיע און די קלאסן, אפ װעלכע זי האָט זיך געשטיצט, זײַנען לאכלוטן ניט געװען צעבראָכן, נאָר בלױז אָנגעשראָקן, און דאָס האָט נאָר פארשטארקט זײער קאס און װילן אָפּצורעכענען זיך מיט דער רעװאָלוציע. די רעגירונג פון די ליבעראלע ביוראָקראטן, װאָס האָט אָפּגעהאלטן אירע זיצונגען אין װין, האָט געדאָרשט, אז אין דער הױפּטשטאָט זאָל זיך אומקערן דער אימפעראטער, װאָס איז פון דאָרט אנטלאָפן נאָכן מײַ־אופשטאנד. די דאָזיקע רעגירונג, װאָס האָט געהאט אין אירע הענט די גאנצע אלטע מעלוכישע מאשין פון אונטערדריקונג, װעלכע די רעװאָלוציע האָט געלאָזן ניט גערירט, האָט געהאלטן פאר איר הױפּט־אופגאבע צוצוגרײטן דעם אומקער פונעם אימפעראטער דורך צעגראָמירן די רעװאָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס און דערשטיקן די קרעפטן פון דער קלײנבורזשואזיע, ארבעטער און פױערים. די רעװאָלוציאָנערע קױכעס גופע זײַנען געװען אָפּגעשװאכט צוליב דער צעשפליטערטקײַט און אָפּװעזנקײַט פון צענטראליזאציע. דער „קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער זיכערקײַט" האָט ניט געקאָנט שפילן קײן ראָליע פון א רעװאָלוציאָנערן צענטער איבער די װאקלענישן פון דער קלײנבורזשואזיע און איבער דער שװאכקײַט פונעם פראָלעטאריאט, אלס אָרגאניזירטע

און אָנפירנדיקע קראפט. דעריבער איז דאָס צעשטויבטע פויערטום געבליבן העפ-קער, אפן אייגענעם באראָט. און די בורזשואזיע האָט שוין געשטרעבט אום יעדן פרייז צו אן אויסגלייך מיטן אימפעראטער און מיט די פריצים. די קויכעס-פארהעלטענישן האָבן זיך אזויארום געשאפן ניט לעטויוועס דער רעוואָליוציע, נאָר לעטויוועס דער קאָנטררעוואָליוציע.

די מארט-רעוואָ-ליוציע אין פרייסן

אין פרייסן האָט זיך די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אָנגעהויבן פריער פאר אלץ אין דער ריינישער געגנט, אלס די סאמע פאָרגעשריטנסטע אין אינדוסטריעלער הינזיכט, און פונדאנען האָט זי זיך ביסלעכווייז גערוקט און זיך דערקייקלט ביז בערלין.

נאָר אין בערלין האָט זיך פון אָנהייב אָן געשאפן א ביסל אן אנדער קוי-כעס-פארהעלטעניש, איידער אין ווין. דער אופשטאנד פון די שלעזישע וועבער (1844 יאָר), די ארבעטער-באוועגונג אין דער ריינישער געגנט האָבן באוויזן דער פרייסישער בורזשואזיע, אז בא איר אין דער היים, אין פרייסן אליין וואקסט שוין אויך איר דאמסוינע. די פעווראל-באריקאדעס אין פאריזש און די פאָדע-רונגען פון די פראנצויזישע ארבעטער האָבן באוויזן דער פרייסישער בורזשואזיע איר אייגענע צוקונפט.

„די בורזשואזיע, אן אָנגעשראָקענע ניט פון דעם, וואָס דער דייטשישער פראָלעטאריאט איז צו יענער צייט געווען, נאָר פון דעם, וואָס ער האָט ערשט געדראָעט צו ווערן, און וואָס דער פראנצויזישער פראָלעטאריאט איז עס שוין געווען — האָט געזען פאר זיך א רעטונג בלויז אין אוועלכן ס'איז, זאָל זיין אי-נעם ערגסטן, קאָמפּראָמיס מיט דער מאָנארכיע און מיטן אדל" (ענגעלס).

ווען דער פרייסישער קיניג, אן אָנגעשראָקענער פון א ריי דעמאָנסטראציעס, האָט צוגעזאָגט צו געבן פרייהייט פון פרעסע, צונויפרופן פאָלק-פאָרשטייער און אָרגאניזירן א ניי מיניסטעריום, איז די בורזשואזיע געווען גרייט זיך צופרידן-שטעלן מיטן דאָזיקן צוזאָג. ווען דער פרייסישער מיניסטער האָט געמאָלדן, אז דער קיניג האָט געשענקט נאָך מער, איידער מע האָט בא אים געפאָדערט, האָט איין ארבעטער אנטשיידן געענטפערט: „אלטער, דו הייבסט ניט אָן צו פארשטיין. אונדז האָט מען לאכלוטן גאָרניט געגעבן".

און ווירקלעך, צוזאָגנדיק איינצופירן א קאָנסטיטוציע, האָט דער קיניג גלייכ-צייטיק צונויפגעצויגן קיין בערלין דאָס מיליטער. דעם 18-טן מארט 1848 יאָר, ווען באם קיניגלעכן פאלאץ האָט זיך צונויפגעזאמלט א גוואלדיקער אומבאוואָפנטער האמוין, האָט זיך דערהערט א שיסעריי און עטלעכע מענטשן זיינען דערהארגעט געוואָרן. די דאָזיקע צעשיסונג האָט געדינט פארן שטויס צו א באוואָפנטן אופ-שטאנד.

„מע האָט אונדז פאראטן! צום געווער! מיר וועלן נעקאָמע נעמען!" — האָבן זיך גע-הערט אויסגעשרייען פונעם דערצאָרנטן אוילעם. די ארבעטער און די שטאָטישע אָרעמ-שאפט באוואָפנען זיך מיט וואָס עס מאכט זיך, זיי פארכאפן סקלאדן פון געווער, זיי גיסן אליין אויס קוילן, זיי לאָדן אָן די ביקסן, זיי שלעפן ארויס שטיינער פון ברוק, דאך-ציגל פון די דעכער. אין די גאסן בויען זיך באריקאדעס אויסערגעוויינלעך גיך. דעם גאנצן טאָג פון 18-טן מארט און אין דער נאכט אפן 19-טן מארט קומען פאָר אין בערלין באריקאדעס-שלאכטן. די גרונט-מאסע פון די קעמפער זיינען ארבעטער און האנטווערקער. קעגן די אופ-

שטענדלער האָט מענ ארויסגעשטעלט ביז 20 טויזנט סאָלדאטנ מיט ביקסנ אונ האַרמאטנ. נאָר דאָס האָט ניט אָפּגעשראָקנ די אופשטענדלער. פונ די דעכער האָבנ זיכ אָפּנ מיליטער געשאָטנ קוילנ אונ שטיינער. עס זײַנענ געפלויגנ פליטעס פונ די טראָטוארנ. ערטערווײַז איז פאָרגעקומענ א האַנט-געפעכט. ווענ עס פלעגט אײַנגענומענ ווערנ איינ באריקאדע, פלעגנ אירע קעמפער גלײַכ אריבערגיינ צו א צווייטער, אונ די שלאַכט פלעגט זיכ אָפּסנײַ אָנהייבנ מיט דער זעלבער ענערגיע. דער הילכ פונ די האַרמאטנ אונ ביקסנ-שיסערײַ, די אויסגעשרייענ פונ קאַמפּ אונ די קרעכצנ פונ די פאַרווונדעטע אופשטענדלער האָבנ אָנגעפילט די גאַסנ פונ בערלינ. אומעטום איז געגאנגענ א בלוטיקע שלאַכט. דעם 19-טנ מארט אינדערפרי האָבנ די אופשטענדלער נאָכ אײַנגעהאַלטנ די גרונט-פּאָזיציעס. צו זיי זײַנענ קעסיידער צוגעקומענ פרישע קויכעס. דאָס מיליטער אָבער איז שוינ געווענ פאַרמאַטערט. דער קיניג איז געווענ געצווונגענ אָפּצוגעבנ א באַפעל וועגנ אָפּטרעטנ. ער האָט צוגעזאָגט צונויפרופנ די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, קעדיי אויסאַרבעטנ די קאָנסטיטוציע, ער האָט דערקלערט פרײַהייט פונ פרעסע אונ האָט געמאָלדנ, אז פונ הײַנט אָנ וועט „דאָס פרײַע פרײַסנ" זיכ שטעלנ אינ שפּיצ פונעם פאַרייניקטנ דײַטשלאַנד.

דעם זעלבנ טאָג איז פאָרמירט געוואָרנ דאָס נײַע („מארטישע") מיניסטעריום, ווו עס זײַנענ צוגלײַכ מיט די פאָרשטייער פונ דער אדל-אריסטאָקראטיע צוגעצויגנ געוואָרנ אויכ פאָרשטייער פונ דער ליבעראַלער בורזשואזיע.

דעם 19-טנ מארט זײַנענ פאָרגעקומענ פײַערלעכע לעווײַעס פונ די דערהארגעטע בייסנ אופשטאנד. די דעמאָנסטראנטנ זײַנענ צוגעגאנגענ צום קיניגלעכנ פאלאצ אונ האָבנ געפאָדערט, אז דער קיניג זאָל ארויסגיינ אונ זאָל שטיינ מיט אנ אָפּגעדעקטנ קאָפּ די גאנצע צײַט ביז עס וועט דורכגיינ די לעווײַע-פּראָצעסיע.

די ליבעראַלע בורזשואזיע בא דער מאכט

דער אנטשיידענער קלאַפּ איבערנ אדל, דאָס ראַדיקאַלע אָפּרייניקנ פרײַסנ פונ אַלע רעשטלעכ פעאָדאַליזם האָבנ געקאָנט פאָרקומענ בלויז אונטערנ דראַנג פונ די ארבעטער אונ פויערים — די דאָזיקע וויכטיקסטע טרײַב-קויכעס פונ דער רעוואָליוציע. אָבער „די בורזשואזיע האָט מוירע געהאַט צו דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפּ, זי האָט מוירע געהאַט פאַר דער זעלבשטענדיקײַט פונעם פּראָלעטאַריאַט, מוירע געהאַט פאַרנ פולשטענדיקנ ניצאָכנ פונעם פויערטום איבער זײַנע מיטלאַלטערלעכע עקספּלואַטאַטערס — די פּריצים" (לענינ). ווענ די בערלינער ארבעטער זײַנענ ארויסגעטראָטנ אָפּנ פאָדערגרונט, האָט די בורזשואזיע אײַנ שרעק פאַר דער ארבעטער-באַוועגונג געפונענ, אז עס איז גלײַכער צו שליסנ אנ אָפּמאַכ מיט דער רעאַקציע אונ גיינ אָפּ אנ אויסגלײַכ מיט די פּריצים. „גופע אָפּ די באריקאַדעס פונ בערלינ איז געשלאָסנ געוואָרנ א בונד צווישנ דער בורזשואזיע מיט די פאַרטיידיקער פונ דער אראָפּגעשלײַדערטער אָרדענונג" (ענגעלס). קעדיי צו באַשיצנ דאָס בורזשואזע אייגנטום אונ „די אָרדענונג" אינ בערלינ, איז שוינ דעם 19-טנ מארט אָרגאַניזירט געוואָרנ א בורזשואזער שטאָטישער לאַנדווער אונטער דער אָנפירונג פונעם בערלינער פּאָליציי-שעפ, וואָס האָט באַקומענ געווער פונ מעלוכישנ ארסענאַל.

ווענ די בערלינער ארבעטער האָבנ אָפּ דער קאָלאָסאַלער פאַרזאַמלונג פונ 26-טנ מארט ארויסגעשטעלט די פאָדערונג צו אָרגאַניזירנ אנ ארבעט-מיניסטעריום מיט פאָרשטייער פונ די ארבעטער, א סאָציאַלע פאַרזיכערונג פאַר די ארבעטער-זקײנים אונ צונויפרופנ דעם לאַנדטאַג אָפּ דער באַזע פונ אַלגעמיינע אונ דירעקטע וואַלנ, האָט די בורזשואזיע געענטפערט דערויפ מיט איר פאָדערונג צו דער רע-

גירונג, אז זי זאָל אומקערן צוריק קיין בערלין דאָס מיליטער. דעם 24־טן מאַרטש האָט שוין די הישטאַדלעס וועגן אומקערן דאָס מיליטער קיין בערלין געהאַט 14 טויזנט בסימעס. אַ פּאָלק אינפאַנטעריע און אַ פּאָלק אולאַנער זײַנען טייקעף אַרויסגערופֿן געוואָרן קיין בערלין.

די רעגירונג האָט באַקומען אַ האַלוואָע פֿון 40 מיליאָן מאַרק, וואָס איז צום גרעסטן טייל געווען באַשטימט פֿאַר די הוצאָות אויף אויסהאַלטן דאָס מיליטער.

די וואַלן צו דער פּרײַסישער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג זײַנען געווען צוויי־שטופֿיק, קעדיי די מאַסע זאָל ניט קאָנען ווירקן אויף דעם ענדגילטיקן סאַכאַקל.

אין רעזולטאַט האָט די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג, וואָס האָט זיך געעפֿנט אין בערלין דעם 22־טן מײַ, געהאַט אין איר באַשטאַנד אײן אַרבעטער און איין האַנטווערקער. זי האָט ניט געוואַגט זיך צו דערקלערן פֿאַר אַ גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג און האָט אַקשאָנעסדיק דורכגעפֿירט די פּאָליטיק פֿון „אַן אויסגלײַך מיט דער קרוין". דער גאַנצער אַלטער מעלוכישער אַפּאַראַט איז געבליבן פֿולשטענדיק אומבאַרירט. קיין איין באַאַמטער, קיין איין אָפֿיצער, קיין איין ריכטער, קיין איין פּאָליציימאַן האָט מען ניט אָפּגעזאָגט. עס איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן אויף פֿאַרגרינגערן די לאַגע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. ווען די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט די פֿאָדערונג צו העכערן דעם אַרבעטלוין אָדער פֿאַרקירצן דעם אַרבעט־טאָג און האָבן געשטיצט זייערע פֿאָדערונגען מיט אַ שטרײַק, האָט די בורזשואַזיע געיאָמערט וועגן דער „דעספּאָטיע פֿון די אַרבעטער". אין דער שטאָטישער דומע האָט זי דורכגעפֿירט אַ באַשלוס, וואָס באַשטראָפֿט דעם אַרבעטער מיט טפֿיסע פֿאַר אַ פּאַשעטער פֿאַרשפּעטיקונג צו דער אַרבעט.

אויף די פּילצאָליקע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער אַרויסצוגעבן זיי געוועזער איז אַלעמאָל געקומען אַן אַנטשיידענער אָפּזאָג. די רעגירונג האָט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים זיך באַמיט צו באַזײַטיקן די אַרבעטער פֿון בערלין מיטן אויסרייד פֿון צוזוכן פֿאַר זיי אַרבעט אין דער פּראָווינץ.

אין בערלין גופֿא זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטן בלויז פֿאַר 5 טויזנט אַרבעטלאָזע, דער צופֿלוס פֿון אַרבעטער קיין בערלין איז אָבער געווען זייער גרויס און הונדערטער אַרבעטלאָזע האָבן באַלאַגערט דאָס ראַטהויז. די קלאַסן־ווידערשפּרוכן צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט האָבן זיך אַלץ פֿאַרשאַרפֿט. שוין אין אָנהייב יונג 1848 יאָר זײַנען פֿאָרגעקומען בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די אַרבעטער און דעם בורזשואַזן שטאָטישן לאַנדווער.

די בורזשואַזיע האָט אָפּגעשטויסן פֿון זיך אויך דאָס פּויערטום. גייענדיק אויף אַן אויסגלײַך מיט די פּריצים, האָט די פּרײַסישע בורזשואַזיע ניט געוואַגט צו שטעלן די פֿראַגע וועגן באַפֿרײַען די פּויערים, וועגן פֿולשטענדיק און אָן אויסקויף־געלט פֿאַרניכטן די פֿעאָדאַלע פֿליכטן. „די פֿראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס זי האָט באַפֿרײַט די פּויערים. מיט דער הילף פֿון די פּויערים האָט זי דעראָבערט אייראָפּע. די פּרײַסישע בורזשואַזיע אָבער איז אַזוי געווען פֿאַרזונקען אין איר שמאָלע ניט ווײַטע אינ־טערעסן, אַז זי האָט זיך מיט ביטול באַצויגן צו דעם דאָזיקן פֿאַרבינדעטן און

האָט אים פאַרוואַנדלט אין א געצײַג פאַר דער פעאָדאַלער קאָנטררעוואָליוציע" (מאַרקס).

דער פּראָיעקט וועגן אָפּשאַפן די פאַנשטשינע איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּויערשער פראַגע געבליבן שטעקן אין דער קאָמיסיע. די בורזשואַזיע איז געבליבן טויב צו דער פּויערשער באַוועגונג און האָט זיך באַגרענעצט בלויז דערמיט, וואָס זי האָט אָפּגעשאַפט דאָס רעכט פון פּריצישן געיעג אויף פּויערשער ערד.

און דער אַרבעטער־קלאַס פון פּרײַסן איז נאָך ניט געווען בעקויעך צו שטעלן זיך אין שפּיץ פון דער מאַסעווער פּויערשער באַוועגונג און אָנפירן מיט איר.

בלײַבנדיק אַליין, איז דאָס רויִנירטע און דיפערענצירטע פּויערטום פון פּרײַסן ניט געווען אימשטאַנד אָפּצורעכענען זיך מיט די פּריצים. די פּרײַסישע פּריצים זײַנען געבליבן בײַ זייער אָנפירנדיקער לאַגע און האָבן געגרייט אַן אַנטשיידענעם אָנגריף.

די בורזשואַזיע פון פּרײַסן, וועלכע האָט מורא געהאַט פאַר דער באַוועגונג פון די דעמאָקראַטישע מאַסן (פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום), האָט אָפּגעשטויסן פון זיך נאָך איין קראַפט, וואָס האָט געקאָנט מיטהעלפן דער רעוואָליוציאָנערער איבערגעשטאַלטונג פון דײַטשלאַנד. אַזאַ קראַפט איז געווען דאָס אונטערדריקטע פּוילן. די רעוואָליוציע אין פּרײַסן האָט א שטויס געטאָן די נאַציאָנאַלע פרײַהייט־באַוועגונג אינעם פּרײַסישן פּוילן, וווּ די פאַרבאָרגענע ווירונג האָט ניט אויפגעהערט פון 1846 יאָר אָן. ווען עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע, האָבן די פּויזנער פּאָליאַקן געפאָדערט פון דער פּרײַסישער רעגירונג „א נאַציאָנאַלע רעאָרגאַניזאַציע". געמיינט האָבן זיי דערמיט א גאַנץ ברייטע אויטאָנאָמיע פאַר די פּוילישע געגנטן אונטער דער העכסטער מאַכט פונעם פּרײַסישן קיניג. די פּרײַסישע בורזשואַזיע האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז די באַפרײַונג פון די פּאָליאַקן וועט פאַרפעסטיקן די רעוואָליוציע אין דײַטשלאַנד, ווײַל זי וועט אויפשטעלן צווישן דעם רעוואָליוציאָנערן דײַטשלאַנד און דעם רעאַקציאָנערן רוסלאַנד א פרײַען פּוילן און וועט דערמיט גופא אָפּנעמען בײַ ניקאָלײַ I די מעגלעכקייט צו שטיצן דעם פּרײַסישן קיניג אין הינזיכט פון דערשטיקן די רעוואָליוציע. און דער צאַר האָט שוין געהאַט צוגערוקט א גרויסע מאַסע מיליטער צו די דײַטשישע גרענעצן און האָט בלויז געוואַרט אויף אַן אויסרייד, כּדי א וואַרף טאָן דאָס מיליטער אויף דערשטיקן די רעוואָליוציאָנערע קרעפטן אין דײַטשלאַנד. די באַפרײַונג פון פּוילן וואָלט געווען דער שטאַרקסטער קלאַפּ פאַר דער פּרײַסישער מאָנאַרכיע און פאַר יענע קרעפטן, אויף וועלכע זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט, ווײַל דעמאָלט וואָלט דײַטשלאַנד געקאָנט קעמפן קעגן דעם מעכטיקן רוסלאַנד בלויז פ י ר נ ד י ק א ר ע וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ן ק ר י ג, ד. ה. צעבינדנדיק און פאַנאַנדערוויקלענדיק אַלע זײַנע רעוואָליוציאָנערע קרעפטן, אין דער ערשטער ריי, די קרעפטן פון די אַרבעטער און פּויערים. אָבער גראָד פאַר אָט די קרעפטן האָט זיך דאָך דערשראָקן די בורזשואַזיע און דעריבער האָט זי זיך ניט וויסנדיק געמאַכט, ווען דער קיניג האָט צונויפגעזאַמלט קרעפטן און, פּראָוואָצירנדיק די פּאָליאַקן אויף אַן אַרויסטרעטונג, האָט ער זיי שוין אין אַפּריל אויף אַן אַכזאָריעסדיקן אופן דערשטיקט. אויס מורא פאַר די רעוואָליוציאָנערע מאַסן האָט די בורזשואַזיע אַזוי אַרום דערלויבט צו דערשטיקן יענע קראַפט, וועלכע האָט געקאָנט מיטהעלפן צו פאַרפעסטיקן די רעוואָליוציע.

פּונקט אַזוי שענדלעך פּאַכדאָנעסדיק האָט זיך די פּרײַסישע בורזשואַזיע אויפגעפירט נאָך אין א צווייטער זייער וויכטיקער פראַגע — אין דער פראַגע וועגן שלעזוויג און האָלשטיין. די דאָזיקע צוויי געגנטן זײַנען געווען באַזעצט מיט דײַטשן, אָבער זיי האָבן זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון דענעמאַרק. ווען אין דײַטשלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע, האָט זיך אין שלעזוויג־האָלשטיין אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דער דענעמאַרקישער הערשאַפט. ביידע געגנטן האָבן זיך געוואָלט פאַרייניקן צו דײַטשלאַנד און האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צו דער פראַנקפורטער אַלדײַטשישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און

צומ פרײַסישנ קיניג. דער פרײַסישער קיניג האָט מאסקימ געווענ ארויסהעלפנ די „בונטארנ" אונ האָט געשיקט אהינ מיליטער אונטער דעמ גענעראל װראנגעלס קאָמאנדע. דער קיניג האָט דערבײַ געהאט עטלעכע צילנ. די שטרעבונגענ פונ די שלעזוויג-האָלשטײַנער זײַנענ געווענ אויסערסט פּאָפּולער אינ גאנצ דײַטשלאנד. שיקנדיק אהינ מיליטער האָט דער פרײַסישער קיניג געשטרעבט אופצוהייבנ זײַנ פּאָפּולערקײַט אונ פארפעסטיקנ די לאגע פונ דער מאָנארכיע אינ פרײַסנ. דערנאָכ, אינ פאל װענ די מילכאָמע קעגנ דענעמארק װעט זיכ אויסלאָזנ גוט, האָט ער גערעכנט פארײניקנ שלעזוויג-האָלשטײַנ צו פרײַסנ אונ דאָס װאָלט װידערהאמאָל פארפעסטיקט זײַנ אײגענע לאגע.

די בורזשואזיע האָט אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז העלפנדיק שלעזוויג-האָלשטײַנ, פארפאָלגט דער קיניג דעמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ ציל צו פארפעסטיקנ די מאָנארכיע אינ פרײַסנ אונ דערשטיקנ די רעוואָליוציאָנערע פויערשע באוועגונג אינ די דאָזיקע געגנטנ. פונדעסטוועגנ האָט זי זיכ אָפּגעזאָגט אויסצוניצנ די באוועגונג אינ שלעזוויג-האָלשטײַנ אלס רעזערוו, וואָס וואָלט פארשטארקט די רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ אינ פרײַסנ אונ האָט געלאָזט דעמ פרײַסישנ קיניג זײַ פארוואנדלענ פונ א רעזערוו פאר דער רעוואָליוציע אינ א רעזערוו פאר דער קאָנטררעוואָליוציע.

אָט אזוי האָט זיכ אינ יונ 1848 יאָר אויכ אינ פרײַסנ געשאפנ א מער גינסטיקע לאגע פאר דער קאָנטררעוואָליוציע, אײדער פאר דער רעוואָליוציע. די בורזשואזיע האָט אויס מוירע פאר די פאָלקמאסנ פארראטנ דאָס פויערטומ, אָנגעהויבנ א מארש קעגנ דעמ פּראָלעטאריאט, זי האָט פארראטנ די נאציאָנאלע באפרײַונג-באוועגונג אינ פוילנ אונ אינ שלעזוויג-האָלשטײַנ, זיכ אָפּגעזאָגט פונ דער רעוואָליוציע אונ האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפנ הויפ פונ אנ אויסגלײַכ מיט דער מאָנארכיע אונ מיט די פריצימ. „אָנ א גלויבנ אינ זיכ, אָנ א גלויבנ אינ פאָלק, געבורטשעט קעגנ העכערע, געציטערט פאר נידעריקערע..., ניט געגלייבט אינ אירע אײגענע לאָזונגענ..., ניט האָבנדיק קײנ ענערגיע..., געגאנגענ אפ האנאָבײַס קעגנ אירע אײגענע באגערנ... א פונ אלעמענ פארשלאָגענער זאָקנ, וואָס קוקט אפ זיכ, ווי אפ א פארורטײלטנ צוליב די אינטערעסנ פונ זײַנ אײגענער געעלטערטקײַט אָנצופירנ מיט די יונגנטלעכע שטרעבונגענ פונ א שטארקנ פאָלק, קעדײ אָפּצוועדנ זײ; א זאָקנ, וואָס האָט פארלאָרנ די רײ, דעמ געהער, די צײנ — וואָס האָט אלצ פארלאָרנ". — אָט דאָס איז, לויט מארקסנ, די פרײַסישע בורזשואזיע אינ דער צײַט פונ דער רעוואָליוציע.

די פראנקפורטער אלדײַטשישע פארזאמלונג

די פאכדאָנעסדיקע אופירונג פונ דער דײַטשישער בורזשואזיע האָט זיכ פולשטענדיק ארויסגעוויזנ אויכ אינ דער אלדײַטשישער פארזאמלונג אינ פראנקפורט.

נאָכ אינ מײַ 1848 יאָר, אינעמ ערשטנ פעריאָד פונ דער רעוואָליוציע, האָבנ זיכ אינ פראנקפורט פארזאמלט די פאָרשטייער פונ אלע טײלנ דײַטשלאנד, קעדײ צו באטראכטנ דעמ פלאנ פונ פארײניקנ דײַטשלאנד. די רעגירונגענ, וואָס זײַנענ נאָכ דעמלט געווענ אָנגעשראָקנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, האָבנ ניט געשטערט די וואלנ. די מערהײַט דעפוטאטנ פונ דער פראנקפורטער אלדײַטשישער פארזאמלונג איז באשטאנענ פונ פאָרשטייער פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע, צווישנ זײ זײַנענ געווענ א סאכ אדוואָקאטנ, פּראָפעסאָרנ, ליטעראטנ. אינ דער פראנקפורטער פארזאמלונג האָט די דאָזיקע בורזשואזיע אינטעליגענצ ארויסגעוויזנ אינ פולנ גלאנצ איר גאנצע שרעקעוודיקײַט אונ פּאָליטישע אָנמעכטיקײַט. „ווענ די פראנקפורטער פארזאמלונג וואָלט פארמאָגט די מינדסטע ענערגיע, — שרײַבט ענגעלס, — וואָלט זי באדארפט זיכ דערקלערנ פאר דעמ אײנציקנ אויסדריקער פונעמ העכסטנ ווילנ פונ דײַטשישנ פאָלק, קעדײ דערמיט צוצוגעבנ אירע באשלוסנ די קראפט פונ א געזעצ. זי וואָלט באדארפט פריער פאר אלצ אָרגאניזירנ א באוואָפנטע קראפט, וואָס זאָל קלעקנ אפ צו

דערשטיקן יעטווידע אָפּאָזיציע מיצאַד דער רעגירונג. און דאָס אַלץ איז געווען גרינג, ווייער גרינג צו טאָן אין דעם דאָזיקן ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָליוציע. אָבער דאָס וואָלט געהייסן, אַז מע דערוואַרט צופיל פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז אין איר מערהייט באַשטאַנען פון אַדוואָקאַטן און דאָקטוירנער פּראָפעסאָרן".

„די דאָזיקע פאַרזאַמלונג פון אַלטע באַבעס האָט פונעם ערשטן טאָג אָן פון איר עקזיסטענץ מערער פאַר אַלץ זיך געשראָקן פאַר דער מינדסטער פאָלק-באַוועגונג", — שרייבט ענגעלס. אָנשטאָט צו טאָן עפּעס, האָט זי זיך אָן א שיר פאַרנומען מיט פּרוכטפולע כקירעס וועגן דעם, ווי דאַרף זיין די קאָנסטיטוציע פונעם צוקינפטיקן פאַראייניקטן דייטשלאַנד, און אינדערעמעסן איז איבער גאַנץ דייטשלאַנד געבליבן אַלצדינג, ווי פריער.

עמעס, ביזן ענדגילטיקן אויסאַרבעטן די קאָנסטיטוציע האָט די פראַנקפורטער פאַרזאַמלונג באַשטימט אין סאָף יול 1848 יאָר פאַרן „אויפזעער איבער דער גאַנצער אימפּעריע" איינעם פון די עסטרייכישע פּרינצן און האָט געבילדעט אַרום אים אַן אַזויגערופענעם „אימפּעריש" מיניסטעריום. אָבער די דאָזיקע רעגירונג האָט ניט געהאַט ניט קיין רעאַלע קראַפט, ניט קיין פינאַנצן. זי איז געהאַנגען אינדערלופטן און איז געווען אינגאַנצן מאַכטלאָז דורכצופירן אין לעבן וואָסער ניט-איז פאַראָרדענונג.

די יונער טעג אין פּאַריז און די פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע אין עסטרייך

דער יונער אופשטאַנד פונעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט אָנגעוואָרפן א שוידער אף דער דייטשישער בורזשואַזיע, און זיין מאַפּאָלע האָט פאַרפעסטיקט די קרעפטן פון דער רעאַקציע אין דייטשלאַנד און האָט פאַרגיכערט איר אַרויסטרעטונג. די גרויסבורזשואַזיע איז איצט אָפן אַריבערגעגאַנגען אין לאַגער פון דער קאָנטררעוואָליוציע.

פריער פאַר אַלץ, האָט די רעאַקציע געזיגט אין עסטרייך. דער ניצאָכן פון דער רעאַקציע אין פּאַריז האָט צוגעגעבן קראַפט אויך די ווינער רעאַקציאָנערע קרייזן. זייער פּאָליטיק אין דער באַציונג צו די אַרבעטער נעמט איצט אָן אַן אָפן-פּראָוואָקאַציאָנעלן כאַראַקטער.

אין אויגוסט 1848 יאָר האָט דער מיניסטער אָפּגעגעבן א באַפעל אַראָפּצוזעצן דעם אַרבעטלוין באַ די אַרבעטער פון די געזעלשאַפטלעכע וואַרשטאַטן, ווו עס זיינען געווען פאַרנומען באַ 50 טויזנט אַרבעטלאָזע. דאָס איז געווען פונקט אַזאַ פּראָוואָקאַציע בענעגייע די אַרבעטער, ווי דער באַפעל אין יון 1848 יאָר אין פּאַריז וועגן פאַרמאַכן די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן. ער האָט אַרויסגערופן בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די אַרבעטער מיט דער בורזשואַזער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. אין דעם דאָזיקן קאַמף איז די קליינבורזשואַזיע און די קליינבירגערלעכע שטודירנדיקע יוגנט געבליבן אָן א זייט און האָט רויק געלאָזט דערשטיקן דעם אַרבעטער-אופשטאַנד.

די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז פון ווין אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַנדערע שטעט; די רעגירונג האָט געוואָלט אָפּצוּרייניקן ווין פון די אַרבעטלאָזע.

צוליב דער מאַפּאָלע פון די אַרבעטער האָט דער ווינער „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט" פאַרלוירן זיין רעאַלן אָנשפאַר און האָט זיך אַליינ

פאנאנדערגעלאָזט. דער סטודענטישער קאָמיטעט איז זיך אויך צעפאלן. די רעאַק-ציע האָט אלץ העכער אופגעהויבן דעם קאָפּ.

די קרעפטנ פונ דער רעאקציע האָבנ זיכ באזונדערס פארשטארקט נאָכ גענעראל ראדיעצ-קיס ניצחוינעס אינ איטאליע.

די בורזשואזיע אינ איטאליע האָט געוואָלט קומענ צו דער נאציאָנאלער באפרייונג ניט דורכ שאפנ א דעמאָקראטישע אלאיטאליענישע רעפובליק „פונ אונטנ“, נאָר דורכ פאראייניקנ איטאליע „פונ אויבנ“—ארומ דער גרעסטער מעלוכע פונ איטאליע — ארומ סארדינער קי-ניגרייכ. ניט האָבנדיק פאנאנדערגעוויקלט די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פונ די דעמאָקראטי-שע מאסנ, ניט האָבנדיק אָרגאניזירט די ארבעטער אונ פויערימ פונ איטאליע צומ קאמפ, איז די איטאליענישע בורזשואזיע ניט געווענ בעקויעכ אנטקעגנצושטיינ די ארמייענ פונ די עסטרייכער, וואָס האָבנ זיכ ארייגעריסנ אינ איטאליע. דאָס איטאליענישע מיליטער האָט ראדיעצקי צעקלאפט אינ א ריי שלאכטנ. מילאנ האָט קאפיטולירט, אינ לאָמבארדיע זיי-נענ קימאט פולשטענדיק צוריק אופגעשטעלט געוואָרנ די פריערדיקע פאָראָנדקעס.

שטרעבנדיק אויסצונוצנ בא דער עסטרייכישער רעגירונג האנאָכעס פאר אונגארנ אינ הינזיכט פונ נאציאָנאלער באפרייונג, האָט קאָשוט אונ די אנדערע פירער פונ דער אונגא-רישער בורזשואזיע געגעבנ זייער האסקאָמע, אז די אונגארישע סאָלדאטנ זאָלנ זיכ באטיי-ליקנ אינ דערשטיקנ דעמ אופשטאנד אינ איטאליע. אזוי האָט די בורזשואזיע פונ אייג לאנד איבער קלאסנ-באגרענעצטקייט מיטגעהאָלפנ דער רעגירונג פונ די האבסבורגס צו דערשטיקנ די באפרייונג-באוועגונג אינ אנדערע געגנטנ.

די רעגירונג פון די האבסבורגס האָט קונציק אונטערגעהאלטן די נאציאָנאלע פייַנטשאפט און, אָנרייצנדיק איין פאָלק קעגן דעם צווייטן, האָט זי פארפעסטיקט איר אייגענע לאגע.

די אונגארן האָבן זייער גיך דערפילט אף זייערע פלייצעס די דאָזיקע פאָ-ליטיק פון די האבסבורגס.

קעגן דער אונגארישער נאציאָנאלער באוועגונג האָט די עסטרייַכישע רעגי-רונג אויסגעניצט די טשעכן, כאָרוואטן און אנדערע סלאווישע פעלקער.

שוין זומער 1848 יאָר האָט באקומען גרויסע פולמאכטן פונעם עסטרייַכישן הויף דער כאָרוואטישער שטאטהאלטער יעלאטשיטש, וועלכער האָט געפאָדערט פון די אונגארן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דער זעלבשטענדיקייַט, וואָס זיי האָבן דע-ראָבערט אין מארט. אין אווגוסט 1848 יאָר האָט די עסטרייַכישע רעגירונג דער-קלערט, אז אונגארן דארף אלע זייַנע באשטימונגען קאָנטאקטירן מיט דער אי-בעריקער אימפעריע. אלע פרווון פון דער אונגארישער בורזשואזיע צו באקומען האנאָכעס דורך אונטערהאנדלונגען האָבן צו גאָרנישט געבראכט.

ווען זומער 1848 יאָר איז זיך צונויפגעקומען די נאציאָנאלע פארזאמלונג אין אונגארן, האָט זי אָפּגעשאפט די שטאנד-פריווילעגיעס און געבילדעט א מיניס-טעריום, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון עסטרייַך, און מוירע האָבנדיק פאר פויערשע אופשטאנדן, האָט זי דורכגעפירט דעם געזעץ וועגן אָפּשאפן די פעאָדאלע פליכטן. דערבייַ איז אָבער א באדייַטנדיקער טייל פויערשע ערד אָפּגעגעבן געוואָרן צו די פריצים, וואָס האָבן דערצו נאָך באדארפט באקומען פון די פויערים א געלט-באלוינונג. אין רעשוס פון אונגארישן „באפרייַטן פויערטום“ איז געבליבן קוים בא 10 מיליאָן מאָרג ערד, דאן ווען די פריצים האָבן באזעסן 38 מיליאָן מאָרג.

די פויערים זייַנען געווען אומצופרידן און האָבן ניט אופגעהערט צו בונטע-ווען זיך. אָבער די נאציאָנאלע פארזאמלונג, ווו די מערהייַט האָט געהערט צו די

פריצים אונ צו דער בורזשואזיע, איז געבליבנ טויב צו די פאָדערונגענ פונ די פויערשע מאסנ. מיט דער הילפ פונ שטראָפ־אָטריאדנ אונ מיליטערישע פעלד־געריכטנ איז דער אונגארישער נאציאָנאלער רעגירונג געלונגענ „איינצושטילנ“ דאָס פויערטום אינ די צענטראלע געגנטנ. נאָר א באזונדערס שארפע פאָרמ האָבנ אָנגענומענ די אומרוענ צווישנ די פויערים אינ די געגנטנ, וואָס זיינענ געווענ באזעצט מיט נאציאָנאלע מינדערהייטנ. דאָ האָבנ אונגארישע פריצים אונטערדריקט פויערים רומענער, סערבנ, סלאָוואקנ אאוו. די עסטרייכישע רעגירונג האָט באוויזנ אויסצוניצנ אינ אירע אינטערעסנ די נאציאָנאלע פיינטשאפט אינווייניק אינ אונגארנ גופע, די ניטפייִקייט פונ דער בורזשואזיע צו לייזנ די פויערישע אונ נאציאָנאלע פראגעס. פונ די סלאווישע פעלקער, וואָס האָבנ געהאסט די אונגארישע פריצים אונ זיינענ געווענ אופגעבראכט קעגנ באשלוס וועגנ אויסקויפ־געלט פאר די נאציאָנאלע פליכטנ אונ וואָס זיינענ אפילע בא דער נייער רעגירונג געבליבנ אָנ עלעמענטארע נאציאָנאלע רעכט, — פונ זיי האָט די עסטרייכישע רעגירונג געמאכט א שטיצפונקט פאר דער רעאקציע. זי האָט קעגנ דער אונגארישער נאציאָנאלער רעגירונג אנטקעגנגעשטעלט, פונ איינ זייט, די אָפגעשטאנענע סלאווישע פעלקער, אונ פונ דער צווייטער זייט, די רעאקציאָנערע אונגארישע אריסטאָקראטיע. אינ סענטיאבער 1848 יאָר איז געשיקט געוואָרנ צו דערשטיקנ דעמ אונגארישנ אופשטאנד די ארמיי פונעמ כאָרוואטישנ שטאטהאלטער יעלאטשיטש. צו הילפ דער ארמיי האָט מענ גערעכנט ארויסשיקנ דעמ ווינער גארניזאָנ.

דער אָקטיאבער־אופשטאנד אינ וויִנ

דעמ 6־טנ אָקטיאבער איז אָפגעגעבנ געוואָרנ דער באפעל וועגנ שיקנ דעמ ווינער גארניזאָנ צו דערשטיקנ די אונגארישע רעוואָליוציע. אָבער ניט בלויז די ווינער ארבעטער, נאָר אויכ די קליינבורזשואזיע פונ ווינ האָט פארשטאנענ, אז דערלאָזנ צעגראָמירנ די אונגארישע רעוואָליוציע הייסט צוגרייטנ א ניצאָכנ פאר דער רעאקציע אינ עסטרייכ גופע. די ווינער ארבעטער, האנטווערקער, סטודענטנ, די קליינבורזשואזיע האָבנ דעריבער פארנומענ די פארקער־וועגנ אונ האָבנ ניט געלאָזט אָפשיקנ דאָס מיליטער קיינ אונגארנ.

פונ אומעטומ האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט ארבעטער, באוואָפנטע מיט העק, שפיצהעק, גראָבייזנס, אייזערנע שטאנגענ. צו זיי האָט זיכ פאריייניקט א טייל פונעמ סטודענטישנ אקאדעמישנ לעגיאָנ אונ אָטריאדנ פונ שטאָטישנ לאנדווער אינ די פאָרשטעט. אפ די גאסנ פונ ווינ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ בלוטיקע געשלעגנ מיטנ רעגירונג־מיליטער, א טייל מיליטער איז אריבער אפ דער זייט פונ פאָלק. מע האָט געבויט באריקאדעס, עס האָבנ געהילכט הארמאטנ אונ א ביקסנ־שיסעריי. נאָכ א פארביטערטנ קאמפ האָבנ די ארבעטער באוויזנ צו פארכאפנ די הארמאטנ אונ ארויסשטעלנ זיי קעגנ דעמ רעגירונג־מיליטער.

די עסטרייכישע רעגירונג איז אנטלאָפנ פונ ווינ. די הויפטשטאָט פונ עסטרייכ איז געבליבנ בא די אופשטענדלער אינ די הענט. דאנ האָט די רעגירונג ארויסגעשיקט קעגנ דעמ אופגעשטאנענעמ ווינ די ארמיי פונעמ טשעכישנ גענעראל ווינדישגרעצ. דאָס רעגירונג־מיליטער האָט אָנגעהויבנ באלאגערנ ווינ. בייס דער דאָזיקער באלאגערונג האָט זיכ ארויסגעוויזנ מיט דער פולער קלאָרקייט, ווי ווייט

עס זײַנען אָפּגעשוואַכט געוואָרנ די קרעפטנ פונ דער רעוואָלוציע נאָכ דער אַכ־זאָריעסדיקער צערעכענונג מיט די ווינער אַרבעטער, ווי ווײַט עס זײַנען פאַרקלע־נערט געוואָרנ די קרעפטנ פונ די רעוואָלוציאָנערע פאַרטײדיקער פונ ווינ דורכ דעם, וואָס מע האָט פריִער אַרויסגעשיקט פונ ווינ הונדערטער אונ טויזנטער אַר־בעטער פונ די געזעלשאַפטלעכע וואַרשטאַטנ. דאָס רעוואָלוציאָנערע ווינ האָט געקאָנט אַרויסשטעלנ בלויז 25 טויזנט שלאַכט־מענער קעגנ דעם אימפּעראַטאָרס הונ־דערטויזנטיקער אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנענ, ה ויפּטזאַכלעכ, פונ עסטרײַכישע סלאַווונ.

גופא אינעם לאַגער פונ די פאַרטײדיקער פונ ווינ האָבנ געקאָכט די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ. די בורזשואַזיע האָט ניט געטרויט די אַרבעטער אונ האָט מורא געהאַט פאַר זיי. די אַרבעטער האָבנ ניט געקאָנט געטרויענ דער בורזשואַזיע די באַשיצונג פונ דער שטאָט אונ האָבנ געפאָדערט, מע זאָל זיי אַרויסגעבנ געווער.

דער „קאָמיטעט פאַר דער געזעלשאַפטלעכער זיכערקײַט", וואָס איז געבליבנ בא דער קלײנבורזשואַזיע אינ די הענט, האָט אַרויסגעגעבנ ווידערשפּרעכלעכע באַשלוסנ אונ איז געווענ פול מיט ניט־אַנטשלאָסנקײַט אונ וואַקלעניש. א לאַנגע צײַט איז אַלצ ניט געווענ אויסגעאַרבעט דער פאַרטײדיקונג־פּלאַנ. די אָטריאַדנ, וואָס זײַנען אונטערגעקומענ קיינ ווינ פונ אַנדערע שטעט, זײַנען געווענ שוואַכ אונ קלײנצאָליק.

נאָכ דעם, ווי דער אימפּעראַטאָר האָט דורכ א ספּעציעלנ באַפעל גאַראַנטירט די פויערימ אָפּצושאַפנ די פעאָדאַלע פליכטנ, דה. דאָס, וואָס זיי האָבנ געהאַט דערקאָבערט אינ מאַרט 1848 יאָר, האָבנ די פויערימ אויכ ניט אַרויסגעוויזנ קיינ אַקטיווע שטיצע די ווינער. אַזוי איז געווענ די לאַגע אינ ווינ.

דערווײַל האָט דעם גענעראַל יעלאַטשיטשעס אַרמיי, וואָס די עסטרײַכישע רעגירונג האָט געהאַט געשיקט קיינ אונגאַרנ, געליטנ דאָרט א מאַפּאָלע. עס איז אָנגעקומענ א מאָמענט, ווענ די אונגאַרנ האָבנ געקאָנט שטיצנ דעם באַלאַגערטנ ווינ. נאָר זיי האָבנ זיכ ניט געאײַלט אונ האָבנ זיכ געוואַקלט. די אונגאַרישע בורזשואַזיע האָט מיט כשאַד געקוקט סײַ אַפּ דער הויפּטשטאָט פונ עסטרײַכ, וואָס האָט זי פריִער אונטערדריקט, סײַ אַפנ ווינער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט פאַר זיי אויסגעזענ צופיל רעוואָלוציאָנער. פונ דער צווייטער זײַט, האָט דער קלײנביר־גערלעכער „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקײַט" אינ ווינ זיכ אויכ ניט געאײַלט מיט דער ווענדונג צום אונגאַרישנ מיליטער נאָכ הילפ. די פּערספּעקטיווע הילפ פונ די אונגאַרנ איז געווענ א שוואַכע אונ ניט קיינ אַנטשלאָסענע. דער סאָפ איז געווענ, אַז ניט געקוקט אַפּ דעם העלדישנ קאַמפּ, אינ וועלכנ די ווינער אַרבעטער האָבנ געוויזנ וווּנדער פונ מוטיקײַט, האָט די אימפּעראַטאָרישע אַרמיי זיכ דאָכ אַרײַנגעריסנ קיינ ווינ דעמ 31־טנ אָקטיאַבער. דער פּאַראַט פונ דער גרויסבורזשואַזיע האָט זיכ נאָכאַמאָל אויסגעדריקט אינ דעם, וואָס נאָכ אינ דער נאַכט אַפנ 31־טנ אָקטיאַבער האָט זי געשיקט בעטנ דעם גענעראַל ווינדישגרעצ, וואָס איז געשטאַנענ הינטער ווינ, ער זאָל וואָס גיכער פאַרנעמענ די שטאָט, קע־דיי צו באַשיצנ זי קעגנ די „עקסצעסנ פונעמ האַמוינ".

ווינדישגרעצ האָט פאַרנומענ ווינ אונ דערקלערט באַלאַגערונג-צושטאַנד. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א מוירעדיקע נעקאָמע. מיליטערישע געריכטנ אונ טויט-שטראָפנ

האָבן זיך געצויגן ביז פרילינג 1849 יאָר. אין עסטרייַך איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן די אבסאָליוטע (אומבאגרענעצטע) מאָנארכיע.

דער ניצחון פון דער רעאקציע אין פרייַסן

די מאפּאָלע פונעם אָקטיאבער־אויפשטאנד אין ווין האָט געהאט פאר דער רעוואָליוציע אין דייַטשלאנד די זעלבע באדייַטונג, וואָס די מאפּאָלע פונעם פאריזשער פּראָלעטאריאט אין די יונער טעג פאר דער פראנצויזישער רעוואָליוציע פון 1848 יאָר. די רעוואָליוציע אין דייַטשלאנד האָט געליטן איין מאפּאָלע נאָך דער אנדערער און האָט זיך אראָפּגעלאָזט פון שטאפּל אויף שטאפּל, דער זיג פון דער רעאקציע אין עסטרייַך איז געווען א סיגנאל פאר דער אָפענער ארויס־טרעטונג פון דער רעאקציע אין פרייַסן.

די בערלינער ארבעטער, אופגעבראכטע קעגן דעם, וואָס די בורזשואזיע האָט זיך אזוי כוצפּעדיק אָפּגעזאָגט פון דער רעוואָליוציע, און קעגן דער פּאָליטיק פון אן אויסגלייַך צווישן דער בורזשואזער רעגירונג מיט דער מאָנארכיע און מיט די פּריצים, האָבן נאָך אין יוני 1848 יאָר געמאכט אן אויפשטאנד. דער אויפשטאנד האָט זיך אויסגעדריקט אין אָנפאלן דעם 14־טן יוני אויפן צייַכהויז און אוועקנעמען פון דאָרט דאָס געווער. לויט מארקסן איז די דאָזיקע ארויסטרעטונג פון די בערלינער ארבעטער געווען „א רעוואָליוציע, וואָס איז געבליבן שטיין אויפן האלבן וועג". די ארבעטער זייַנען ווייַטער פון דער דאָזיקער פאָרם פון פּראָטעסט קעגן דער אויפירונג פון קאמפהאוזענס בורזשואזער רעגירונג ניט געגאנגען. בא זיי האָט ניט געקלעקט קיין אָרגאניזירטקייט און באוווסטזיניקייט ארויסצוּווארפן דאָס דאָזיקע מיניסטעריום און נעמען די אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע אין זייערע הענט. אָבער זייער ארויסטרעטונג איז געווען גענוג, קעדיי נאָך מער אָנצושרעקן די בורזשואזיע און נאָך מער פארשטארקן די רעאקציע.

דער קיניג, ווייסנדיק, אז מיצאד דער אָנגעשראָקענער בורזשואזיע וועט ער קיין פּראָטעסט ניט באגעגענען, האָט פאנאנדערגעטריבן קאמפהאוזענס בורזשואזן מיניסטעריום און האָט עס פארביטן אויף א ווערס וואלדעס מיניסטעריום (דעם 14 יוני), וואָס האָט געהאט די אויפגאבע צוצוגרייטן דעם ווייַטערדיקן אָנגריף פון דער רעאקציע. דאָס דאָזיקע מיניסטעריום האָט פארשטאנען די אויפגאבע, וואָס איז פאר אים אוועקגעשטעלט געוואָרן. עס האָט פאָרגענומען ארעסטן צווישן די אָנפירער פונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט. אין קעלן, אשטייגער, זייַנען ארעסטירט געוואָרן די פירער פונעם ארבעטער־פאריין גאָטשאלק און אַנעקע. דעם 17־טן יוני האָט דאָס מיניסטעריום ארויסגעגעבן א רעאקציאָנערן געזעץ וועגן דער פּרעסע, דעם 18 יוני — א געזעץ, וואָס האָט פּאַקטיש פארניכטעט די נאציאָנאלע גווארדיע אלס אָרגאניזאציע פון די רעוואָליוציע־קרעפטן. דעם 27 יוני האָט מען דערלאנגט א קלאפּ די פּויערים, פארווערנדיק אָפּצושאפן די פּאנשטשינע אָן אויסקויפגעלט. אין אויגוסט האָט מען אָפּגעשאפט דעם געריכט פון די געשווירענע און, צולעצט, דעם 26־טן אויגוסט האָט דאָס מיניסטעריום פאראטן שלעזוויג־האָלשטיין און אויף שענדלעכע באדינגונגען געשלאָסן שאָלעם מיט דענעמארק.

אָבער אויך די דאָזיקע רעגירונג, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאנען דער ליבעראלער ביוראָקראט אאוערסוואלד, איז אויסגעקומען ניט גענוג ענערגיש פאר דער קנופּיע הויפלייַט און פּריצים. ווען דאָס דערשטיקן דעם אויפשטאנד אין ווין האָט געגעבן דעם סיגנאל צום ענדגילטיקן דערשטיקן די רעוואָליוציע אין פרייַסן, האָט דער קיניג באשטימט דעם 2־טן נאָיאבער א מיניסטעריום פונעם עקסטרעם רעאקציאָנער בראנדענבורג.

דעם 9־טן נאָיאבער האָט דער פרייַסישער קיניג ארויסגעגעבן א באפעל וועגן אריבערטראָגן די פרייַסישע נאציאָנאלע פארזאמלונג אין דער שטאָט בראנדענ־

בורג, וווּ אירע זיצונגענ האָבנ זיכ באַדאַרפט באַנײַענ ערשט דעמ 27־טנ נאָיאַבער.

אָבער אויכ דאָ האָט די ליבעראַלע בורזשואַזיע, ווײַסנדיק אויסגעצייכנט, אַז אַלע אירע דעראָבערונגענ ווערנ פאַרניכטעט, זיכ באַגרענעצט מיט דער טאַקטיק פונ „פּאַסיווּנ ווידערשטאַנד", מוירע האָבנדיק פאַר די פּאָלקמאַסנ. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט געלאָזט אַנטוואָפּענענ די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע אונ אָנשטאָט אַנ אָפענעמ באַוואָפנטנ ווידערשטאַנד האָט זי גערופנ די באַפעלקערונג בלויז צומ אָפּזאָגנ זיכ „מיט גוטנ" פונ צאָלנ שטײַערנ, האַגאַמ זי האָט זייער גוט געוווּסט, אַז מע קאָנ, פאַרשטייט זיכ, ניט דערוואַרטנ, אַז אײנצלנע שטײַער־צאָלער זאָלנ זיכ אַנטקעגנשטעלנ באַמ אופמאָנענ די שטײַערנ מיט גוואַלד. אײנצלנע אַזעלכע צעשפּליטערטע פּרוּוונ האָט די פּרײַסישע רעגירונג גיכ אונ ענערגיש דערשטיקט. די פּרײַסישע גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט מענ אויכ צעטריבנ מיט מיליטער. שוינ דעמ 10־טנ נאָיאַבער האָט מענ קיינ בערלינ אַרײַנגעפירט 20 טויזנט סאָלדאַטנ.

אינ בערלינ איז דערקלערט געוואָרנ באַלאַגערונג־צושטאַנד: מיטינגענ אונ פאַרזאַמלונגענ האָט מענ פאַרבאָטנ. די קלובנ אונ פאַראײנענ האָט מענ פאַנאַנדערגעלאָזט. אינ פּרײַסנ האָט גענומענ הערשנ די רעאַקציע.

דאָס פאַנאַנדערלאָזנ די פראַנקפורטער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אונ דער קאַמפּ פאַר אַנ אַלדײַטשישער קאָנסטיטוציע

די פראַנקפורטער פאַרזאַמלונג האָט אינ דעמ דאָזיקנ פּעריאָד (פונ יונ ביז נאָיאַבער) אַנטפּלעקט די זעלבע שרעקעוודיקײַט אונ נידערטרעכטיקײַט, ווי די בורזשואַזיע אינ עסטרײַכ אונ אינ פּרײַסנ. באַשטימענדיק דעמ ערצהערצאָג יאָהאַנ פאַרנ „רעגירער פונ דער אימפּעריע" אונ שאַפנדיק אַנ „אימפּערישע" רעגירונג, האָט די דאָזיקע פאַרזאַמלונג גענומענ אויסאַרבעטנ אַנ „אימפּערישע" קאָנסטיטוציע. זי האָט זיכ ניט ווײַסנדיק געמאַכט פונ דעמ, וואָס אינ די גרעסטע דײַטשישע מעלוכעס פונ עסטרײַכ אונ פּרײַסנ איז די קאָנטררעוואָלוציע אריבער אינ אָנגריפ, דעראָבערנדיק איינ פּאָזיציע נאָכ דער אַנדערער, זי האָט ניט געוואָלט זענ, אַז זי אַלײנ אונ די „אימפּערישע" רעגירונג, וואָס זי האָט באַשאַפנ, הענגענ אויכ אינדערלופטנ.

זי האָט מיט א פלײַס, וואָס האָט געמעגט פאַרנוצט ווערנ אפ בעסערס, געהאַלטנ אינ אײנ אַרבעטנ איבער דער „אימפּערישער" קאָנסטיטוציע, וואָס מע האָט ניט געוווּסט פאַר וועמענ זי איז באַשטימט.

אינ ברענ פונ דער דאָזיקער „בעקאָוועדיקער" אַרבעט אונ פּאַרלאַמענטאַרישער פּלוידערײַ האָט זיכ פאַר דער פראַנקפורטער פאַרזאַמלונג געשטעלט די פראַגע, וואָס האָט געהאַט א באַדײַטונג ניט בלויז פאַר דײַטשלאַנד, נאָר אויכ פאַר גאַנצ אייראָפּע. דאָס איז געווענ די פראַגע וועגנ שענדלעכנ וואָפנשטילשטאַנד, וואָס פּרײַסנ האָט געשלאָסנ מיט דענעמאַרק אינ מאַלמע דעמ 26 אַווגוסט. דער וואָפנשטילשטאַנד האָט אַרויסגערופנ אַנ אויפרײַס פונ צאָרנ איבער גאַנצ דײַטשלאַנד. באַ אַזוינע באַדינגונגענ האָט די פראַנקפורטער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג ניט געוואַגט צו באַגיטיקנ די מײַסימ פונ דער פּרײַסישער רעגירונג אונ האָט דעמ 5־טנ סענטיאַבער אָפּגעשאַפט דעמ וואָפנשטילשטאַנד. דאָס „אימפּערישע מיניסטעריומ" האָט דערלאַנגט אינ דעמיסיע. אָבער אינ דער צײַט צווישנ דעמ דעמיסיאָנירטנ מיניסטעריומ אונ דער אויסבילדונג פונ א נײַעמ האָבנ די בורזשואַזע דעפּוטאַטנ דערווײַל באַוויזנ זיכ איבערצושרעקנ פאַר זייער אייגענער דרויסטקײַט אונ דעמ 16־טנ סענטיאַבער, ד.ה. אינ 11 טעג אַרומ, האָבנ זיי אַלײנ באַשטעטיקט די באַדינגונגענ פונעמ וואָפנשטילשטאַנד. אפ אָט דער

פאבדאַנעסדיקער און כוצפעדיקער אופירונג פונ דער גרינדונג-פאַרזאמלונג, וואָס האָט זיכ געבוקט פארנ פרייסישנ קיניג, האָבנ די ארבעטער אינ פראנקפורט געענטפערט מיט אנ אופ-שטאנד, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ דעמ 18-טנ סענטיאבער און איז אקטיוו געשטיצט געוואָרנ פונ די פויערימ פונ די ארומיקע דערפער, וועלכע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אינ שטאָט ארײַנ צו הילפ די קעמפנדיקע ארבעטער. מיט דער דערלויבעניש פונ דער פראנקפורטער פארזאמלונג איז דער דאָזיקער אופשטאנד דערשטיקט געוואָרנ מיטנ קויעכ פונעמ קאָנטררע-וואָליוציאָנערנ מיליטער. די גרינדונג-פארזאמלונג האָט אנטפלעקט פאר דער גאנצער וועלט איר בונד מיט דער קאָנטררעוואָליוציע קעגנ דער רעוואָליוציע. פונקט אזוי שענדלעכ, נידער-טרעכטיק, שרעקעוודיק האָבנ זיכ אופגעפירט די בורזשואַ פונ דער פראנקפורטער פארזאמלונג בײַמ די אנטשיידנדיקע געשעענישנ אינ עסטרײַכ.

ווענ די רעוואָליוציאָנערע ווינ, א באלאגערטע פונעמ אימפעראַטאָרישנ מיליטער, האָט זיכ געווענדעט צו דער פראנקפורטער נאציאָנאלער פארזאמלונג נאָכ הילפ, האָט די פארזאמלונג זיכ באַגרענעצט מיט א שיקנ פרווו פונ פארמיטלערײַ צווישנ דער רעוואָליוציאָנערער ווינ מיט ווינדישגרעצנ, וואָס האָט צו גאָרניט געבראכט. דער פאָרשלאָג וועגנ אונטערשטיצנ ווינ איז אינ פראנקפורט אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ; אפילו באמ לינקנ טייל פונ דער פארזאמלונג האָט געקלעקט מוט בלויז אפ דעמ, אז מע זאָל שיקנ קיינ ווינ א ספעציעלע דעלעגאציע. די פראנקפורטער פארזאמלונג גופע האָט וויטער געהאלטנ אינ איינ ריידנ אָנ שומ רעזולטאטנ.

ווענ אלע אופשטאנדנ גרויסע און קליינע זײַנענ שוינ געווענ דערשטיקט פונ דער רעאקציע, האָבנ די פראנקפורטער פלאפלער זיכ קוימ אויסגעקליבנ, ענדלעכ, צו באהאנדלענ ארטיקלווײַז די קאָנסטיטוציע פונעמ קלוימערשט פארייניקטנ דײַטשלאנד. ענדלעכ איז נאָכ יאָריקע דעבאטנ, צו פרילינג 1849 יאָר, די קאָנסטיטוציע פונ איינהײַטלעכנ דײַטשלאנד געווענ אויסגעארבעט. עס איז געבליבנ בלויז צו לייזנ די פראגע: ווער זשע וועט זײַנ דער הויפט פונ דער דאָזיקער צוקינפטיקער איליוזאָרישער מעלוכע?

די ליבעראלע בורזשואזיע פונ דער פראנקפורטער פארזאמלונג האָט ניט געפונענ קיינ בעסערס, ווי פאָרלייגנ אינ מארט 1849 יאָר די קרוינ פונ דער דײַטשישער אימפעריע דעמ פרײַסישנ קיניג, וואָס איז געשטאנענ אינ דער שפיצ פונ דער רעאקציע אינ פרײַסנ. דאָס האָט פּאָשעט געהייסנ, אז די בורזשואזיע האָט זיכ פונ שרעק פארלאָזט אפנ בארעָט פונ די באזיגער. דער פרײַסישער קיניג האָט מיט פאראכטונג זיכ אָפּגעזאָגט אָנצונעמענ די קרוינ אָנ דער צושטימונג פונ די איבעריקע דײַטשישע קיניגנ. ער האָט געזאָגט, אז ער וויל ניט „אופהייבנ די קרוינ פונ דער בלאָטע ארויס”.

צוזאמענ מיט דער רעגירונג פונ עסטרײַכ און פונ אנדערע דײַטשישע מעלוכעס האָט ער זיכ אָפּגעזאָגט צו אנערקענענ די דײַטשישע קאָנסטיטוציע, וואָס די פראנקפורטער נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט אויסגעארבעט.

דעמלט האָט די „אימפערישע” רעגירונג צונויפגערופנ אינ פראנקפורט א קאָנפערענצ פונ די דײַטשישע מעלוכעס. צו דער קאָנפערענצ, וואָס האָט זיכ געעפנט דעמ 14-טנ אפרעל 1849 יאָר, זײַנענ געקומענ פאָרשטייער בלויז פונ די קליינע דײַטשישע מעלוכעס. די מערהײַט פונ זיי האָט זיכ ארויסגעזאָגט פאר דער „אימפערישער” קאָנסטיטוציע. שפעטער, דעמ 26-טנ אפרעל, האָט די נאציאָנאלע פארזאמלונג דערקלערט, אז די קאָנסטיטוציע איז ארײַנגעטראָטנ אינ קראפט. מיט א פאראכטונג-געלעכטער האָט דערופ געענטפערט דער לאגער פונ דער קאָנטררע-

וואָליוציע, וואָס האָט שוינ דאנ געהאט געזיגט. דעמלט ערשט האָט די פראנקפורטער פאַרזאמלונג זיכ געמאכט מוט אונ זיכ געווענדט (דעמ 4־טנ מײַ 1849 יאָר) מיט א רופ צומ דײַטשישנ פאָלק וועגנ דורכפירנ די קאָנסטיטוציע אינ לעבנ מיט גוואלד. דערפילנדיק נאָכדעמ, אז זי איז איבעריק, איז די „אימפערישע" רעגירונג אוועק אינ דעמיסיע, אונ די גרינדונג־פאַרזאמלונג איז זיכ פאָשעט צעלאָפנ. די „אימפערישע" קאָנסטיטוציע איז געבליבנ הענגענ אינ דער לופט, ווי א שטיקל פאפיר וואָס קיינער דארפ עס ניט. בלויז די ארבעטער אונ די קליינבורזשואזיע פונ די דאָרעמ־דײַטשישע מעלוכעס האָבנ געפרווט געבנ די לעצטע שלאכט דער אָנגרייפנדיקער רעאקציע אונטערנ לאָזונג פונ פארטיידיקנ די „אימפערישע" קאָנסטיטוציע.

די קליינבורזשואזיע אינעמ אופשטאנד

דער קאמפ פאר אנ אימפערישער קאָנסטיטוציע איז געווענ דער לעצטער עטאפ פונ דער דײַטשישער רעוואָליוציע. אינ דרעזדענ, אינ פפאלצ, אינ באדענ, טיילווײַז אינעמ ריינישנ פרײַסנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אופשטאנדנ. לויט זייער פארנעמ האָבנ די מײַ־אופשטאנדנ פונ 1849 יאָר אפילע איבערגעשטיגנ די מארט־באוועגונג פונ 1848 יאָר. די הויפט־קרעפטנ פונ די אופשטענדלער זײַנענ באשטאנענ פונ שטאָטישע ארבעטער. צו זיי האָט זיכ, געווייגלעכ, פאריינִיקט די דאָרפישע אָרעמשאפט, באטראקעס אונ קליינפויערטומ, די שטאָטישע קליינבורזשואזיע. אָבער די אָנפירונג אינ דער באוועגונג האָט באוויזנ צו פארכאפנ די קליינבורזשואזיע. אינ די מײַ־אופשטאנדנ האָט די וואקלדיקע ראָליע פונ דער קליינבורזשואזיע אונ איר פולשטענדיקע אומפייִקײַט אָנצופירנ מיטנ קאמפ זיכ באזונדערס קלאָר ארויסגעוויזנ. זי האָט זיכ געײַלט צו באקומענ די מאכט, ווי נאָר דער אופשטאנד איז (אינ א באדײַטנדיקער מאָס קעגנ איר ווילנ) אויסגעבראָכנ אונ האָט זיכ באניצט מיט דער דאָזיקער מאכט בלויז צוליב דעמ, קעדיי מאכנ צונישט די רעזולטאטנ פונעמ אופשטאנד. „די קליינבירגער האָבנ זיכ געשראָקנ פארנ פאָלק, זיי האָבנ זיכ געשראָקנ פאר דער מאכט, וואָס איז ארײַנגעפאלנ צו זיי אינ די הענט, נאָר מער פאר אלצ האָבנ זיי זיכ געשראָקנ פאר די שוידערלעכע רעזולטאטנ, וואָס זיי אליינ קאָנענ האָבנ" (ע נ ג ע ל ס).

דער אופשטאנד איז פריִער פאר אלצ אויסגעבראָכנ אינ זאקסנ. דער ארבעטער־פאַריינ, וואָס איז געווענ אָרגאניזירט אינ דרעזדענ, האָט געפאָדערט פונ דער רעגירונג, זי זאָל אָנערקענענ די אלדײַטשישע קאָנסטיטוציע. דער זאקסישער קיניג האָט זיכ קאטעגאָריש אָפגעזאָגט אונ האָט אָנגעהויבנ צונויפציִענ מיליטער קעגנ דרעזדענ. דאָס איז געווענ א סיגנאל צו אנ אופשטאנד. דעמ 3—4 מײַ האָבנ זיכ אפ די גאסנ אינ דרעזדענ אָנגעהויבנ שלאכטנ. די ארבעטער פונ דרעזדענ אונ פונ די שכייניעסדיקע אינדוסטריִעלע קרײַזנ האָבנ באזיגט דאָס רעגירונג־מיליטער. דער קיניג איז אנטלאָפנ. אינ דרעזדענ האָט זיכ אויסגעבילדעט א צײַטווײַליקע רעגירונג. מיט דער באשיצונג פונ דער שטאָט האָט אָנגעפירט דער רוסישער עמיגראנט מ י כ א י ל ב א ק ו נ י נ. אָבער אָפּהאלטנדיק א גיצאָכנ, האָבנ די דרעזדענער, אָנשטאָט צו דערשלאָגנ דעמ סוינע אינ אנ אנטשיידענעמ אָנגריפ, געשלאָסנ א וואָפנשטילשטאנד מיטנ רעגירונג־מיליטער. דער דאָזיקער וואָפנשטילשטאנד, וואָס האָט געגעבנ דעמ מיליטער א מעגלעכקײַט צו דערווארטנ זיכ אפ רעזערוונ, האָט באשטימט דעמ גורל פונ די דרעזדענער. דאָס פרײַסישע מיליטער, וואָס איז אונטערגעקומענ צו דרעזדענ בײַסנ וואָפנשטילשטאנד, האָט דערשטיקט דעמ אופשטאנד. די פירער פונ די אופשטענדלער האָט מענ פארמישפעט צו

טויט-שטראָף און פארביטן אפ אייביקע קאטאָרגע. באקונינען האָט מען ארויסגעגעבן דער רוסישער רעגירונג, וואָס האָט אים איינגעזעצט אין שליסעלבורגער פעסטונג.

אופשטאנדן זיינען פאָרגעקומען אויך אין א ריי שטעט פון דער ריינישער געגנט, אין דיסעלדאָרף און אין עלבערפעלד, וווּ אינעם אופשטאנד האָט זיך אקטיוו באטייליקט ענגעלס. ווען ער איז דעם 11-טן מיי געקומען צו פאָרן קיין עלבערפעלד, האָט זיך דאָרט געפונען א דרייטויזנטיקער באוואָפנטער אָטריאד, וואָס איז באשטאנען איבערהויפּט פון ארבעטער. די בורזשואזע נאציאָנאלע גווארדיע האָט זיך דערקלערט פאר נייטראל. פון די ארומיקע שטעט האָבן די עלבערפעלדער געהאט א פארבינדונג בלויז מיט זאָלינגן, ווּ די ארבעטער האָבן ארויסגעשטעלט אן אָטריאד פון 5 הונדערט מענטשן. אין אזעלכע אומשטאנדן איז נייטיק געווען ארויסצווייזן רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און אנטשלאָסנקייט. מע האָט באדארפט אנטוואָפענען די בורזשואז-נאציאָנאלע גווארדיע, באשטייערן די בורזשואזיע מיט א צוואנג-שטייער, באוואָפענען אלע ארבעטער און זען, אז די ארומיקע פויערים זאָלן אונטערשטיצן דעם אופשטאנד, פארגרינגערנדיק זייער לאגע דורך געוויסע מיטלען. דאָס אלץ איז ניט געטאָן געוואָרן. דער קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער באוועגונג איז געווען אין די הענט בא דער קליינבורזשואזיע און זי האָט אלץ אָפּגעוואָרט און זיך געוואקלט, זיך ניט באשלאָסן אָנצוווענדן טעראָריסטישע מיטלען קעגן די סאָנים פון דער רעוואָלוציע. „עס איז באוווּסט,—שרייבט ענגעלס,—וויאזוי עס האָט זיך פארענדיקט דער אופשטאנד. עס איז באוווּסט, וויאזוי די ארבעטער איז נימעס געוואָרן די אומענדלעכע פארשלעפּעניש, די ניטאנטשלאָסנקייט, שוואכמוטיקייט און פארעטערישע אָפּציִעניש פון דער קליינבורזשואזיע און זיי זיינען, ענדלעך, אָפּגעטראָטן פון עלבערפעלד, קעדיי זיך דערשלאָגן צו אוועלכער-ניט-איז פארטיידיקונג. עס איז באוווּסט, וויאזוי אולאנער און אונטערגעהעצטע פויערים האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי ווי יעגער... עס איז באוווּסט, ווי גליינט טאקע נאָך זייער אָפּטרעטן איז די גרויס-בורזשואזיע ווידער ארויסגעקראָכן און באפוילן צענעמען די באריקאדעס און האָט איינגעאָרדנט א טריומפאלן טויער לעקאָוועד די פרייסישע העלדן, וואָס דערנענטערן זיך". דער אופשטאנד איז אין די שטעט פון דער ריינישער געגנט געווען דערשטיקט.

אין פפאלץ און אין באדען האָט דער אופשטאנד ארומגעכאפּט די טעריטאָריע פון דער גאנצער מעלוכע. געווער, סאָלדאטן, שלאכט-אמוניציע, געלט — אלץ האָט זיך געפונען בא די אופשטענדלער אין די הענט. אפילע די סאָלדאטן פון דער רעגולערער ארמיי האָבן געוואָרט בלויז אפ א פאסיקן מאָמענט, קעדיי אריבערצוגיין אפ זייער זייט. און ניט געקוקט אפ דעם אלעמען האָט די קליינבורזשואזיע, האָבנדיק פארכאפּט די אָנפירונג מיט דער באוועגונג, געבראכט דעם אופשטאנד צום אומקום. דער זעלטענער העראָיזם און די באגייסטערונג פון די אופשטענדלער זעלבסט האָבן ניט געקאָנט פארריכטן די שרייענדיקע פעלערן פון דער מיליטערישער קאָמאנדע. אין פארלויף פון צוויי כאדאָשים האָט די 20-טויזנטיקע ארמיי פון די אופשטענדלער געקעמפט קעגן דער הונדערטטויזנטיקער רעגירונג-ארמיי. אין א ריי בלוטיקע שלאכטן (אונטער וואגשייטעל, אונטער ראשטאד) האָט זי זיך גיפּרווט געבן א ווידערשטאנד דעם אָנגרייפנדיקן מיליטער. ערשט אין מיטן יולי 1849 יאָר איז דער אופשטאנד דערשטיקט געוואָרן. די דייטשישע רעוואָלוציע האָט זיך פארענדיקט מיט א מאפּאָלע.

דאָס דערשטיקן די רעוואָלוציע אין אונגארן

עס איז אָנגעקומען די ריי פאר אונגארן. אין פרילינג 1849 יאָר האָט דאָס אונגארישע מיליטער אָפּגעהאלטן א ניצאָכן איבער דער עסטרייכישער ארמיי. דער אונגארישער פארלאמענט האָט דערקלערט אונגארן פאר אן אומאָפּהענגיקער מעלוכע, אָפּגענומען באם עסטרייכישן אימפּעראטער דעם אונגארישן טראָן און האָט אויסגעוויילט א צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג מיט קאָשוטן אין דער שפּיץ. דאן האָט די עסטרייכישע רעגירונג זיך געווענדט נאָך הילף צום צארישן רוסלאנד. ניקאָליי I האָט שוין לאנג געגרייט אן אינטערווענץ (א באוואָפנטע אריינמישונג) אין די אונגארישע איניאָנים. אלס אייראָפּיישער זשאנדארם, האָט ניקאָ-

לײַ פאלקינ* באשלאָסנ צו נעמענ אפ זיכ צו „באשיצנ די אָרדענונג" אונ „דער שטיקנ די הידרע פונ דער רעוואָליוציע", וואָס האָט געדראָעט אָנציגדנ א סרייפע אויכ אינ דעמ „אייגענעמ הויז" פונעמ רוסישנ צאר, פריער פאר אלצ אינ די פוילישע געביטנ פונעמ צארישנ רוסלאנד.

אכוצ דעמ, איז דאָס באשאפנ א שטארק-פארייניקט דײַטשלאנד געווענ קעגנ די אינטערעסנ פונעמ רוסישנ צאריזמ. אונ טאקע צוליב קעגנגעוויכט קעגנ פרײַסנ, וואָס איז קעסיידער אלצ שטארקער געוואָרנ, האָט מענ געדארפט שטיצנ זײַנ אלטנ קאָנקורענט — עסטרײַכ. די רוסישע פריצימ אונ סאָכרימ זײַנענ גערנ געווענ צו פארכאפנ אינ טומל אויכ א טייל פונ דער עסטרײַכישער טעריטאָריע, אלס א פלאצדארמ פאר דעמ לאנג געטרוימטנ פלאנ, אז רוסלאנד זאָל זיכ ארויס־רוקנ צומ מיטלענדישנ יאמ אונ פארכאפנ קאָנסטאנטינאָפאָל אונ די דורכגוסנ.

העכער אָנדערהאלבנ הונדערט טויזנט רוסישע סאָלדאטנ זײַנענ געשיקט געוואָרנ דורכ גאליציע אונ וואלאכיע צו דערשטיקנ דעמ אונגארישנ אופשטאנד.

אזויארומ האָבנ די רוסיש-עסטרײַכישע קרעפטנ באקומענ א גוואלדיקע איבערוואָג איבער די אונגארישע. אינ אווגוסט 1849 יאָר איז די אונגארישע ארמיי צעקלאפט געוואָרנ. קאָשוט איז אנטלאָפנ קיינ טערקײַ, דער אונגארישער אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרנ מיט אנ אויסערגעוויינלעכער אכזאָריעס. מיליטער-געריכטנ, טליעס, צעשיסונגענ האָבנ אָנגעוואלגערט אינ אונגארנ בערג מיט טויטע קערפערס.

די סיבעס פונ דער מאפּאָלע פונ דער רעוואָליוציע אינ דײַטשלאנד

די בורזשואזע רעוואָליוציע אינ דײַטשלאנד האָט געליטנ א מאפּאָלע. זי איז געבליבנ ניט פארענדיקט. וועלכע סיבעס האָבנ געבראכט צו איר מאפּאָלע?

די גרונט-סיבע איז באשטאנענ דערינ, וואָס די בורזשואזיע פונ דײַטשלאנד האָט שוינ ניט געקאָנט אונ דער פראָלעטאריאט פונ דײַטשלאנד איז נאָכ ניט געווענ בעקויעכ צו שטעלנ זיכ אינ דער שפּיצ פונעמ אלגעמיינ-דעמאָקראטישנ רעוואָליוציאָנערנ דראנג קעגנ אבסאָליוטיזמ אונ קעגנ די האלב-פעאָדאלע-קלאסנ. די דײַטשישע בורזשואזיע האָט, אינ פארגלײַכ מיט דער ענגלישער פונ XVII יה. אונ מיט דער פראנצויזישער פונ XVIII יה., פארשפעטיקט דורכצומאכנ איר בורזשואזע רעוואָליוציע. אָנהייבנדיק זי אינ XIX יה., האָט זי שוינ געהאט אונטער איר רוקנ דעמ פײַנטלעכנ צו איר פראָלעטאריאט אונ אלע שיכטנ פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג, וועמעס אינטערעסנ אונ אידייענ עס זײַנענ געווענ קרויוויש צומ פראָלעטאריאט. דעריבער האָט די דײַטשישע בורזשואזיע „זיכ אראָפּגעלאָזט ביזנ ניוואָ פונ עפּעס א שטאנד, וואָס שטייט סײַ אנטקעגנ דער קרוינ אונ סײַ אנטקעגנ דעמ פאָלק... זי איז פונ אָנהייב אָנ געווענ גענייגט צו פאראטנ דאָס פאָלק אונ אויסגלײַכנ זיכ מיט די געקרוינטע פאָרשטייער פונ דער אלטער געזעלשאפט" (מארקס). זי האָט פאראטנ דאָס פויערטומ, זי האָט מיט אלע קרעפטנ אײַנגעהאלטנ אינ צוימ דעמ נאָכ ניט פעסט געוואָרענעמ פראָלעטאריאט. פירנדיק אימ נאָכ זיכ אפנ בוק-

* אזוי האָט מענ גערופנ ניקאָלײַ דעמ ערשטנ. פאלקינ — פונ וואָרט פאלקא — שטעקנ.

סיר. זי האָט געבונדנ די קויכעס פונ די קליינע האנטווערקער, קליינע באלעבאטימ אינ שטאָט, מיט איינ וואָרט — זי האָט מוירע געהאט פארנ פאָלק, מוירע געהאט פאר זײַנ אנטשיידענעמ אָנפאל אפ אירע סאָנימ.

בא אזוינע באדינגונגענ האָט די רעוואָליוציע געקאָנט זיגנ בלויז אינ דעמ פאל, אויב די ראָליע פונעמ העגעמאָנ (אָנפירער) אינ דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ וואָלט פארכאפט דער פראָלעטאריאט אינ דײַטשלאנד, קעדיי שטעלנ זיכ אינ דער שפיצ פונ דעמ אלגעמיינ־דעמאָקראטישנ אָנגריפ קעגנ דעמ פעאָדאליזמ אונ אבסאָליוטיזמ, דערפירנ ביזנ סאָפ די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָליוציע אינ דײַטשלאנד אונ טאקע גלײַכ לויט זײַנע קויכעס נאָכ, לויט די קויכעס פונ א באוווסטזיניקנ אונ אָרגאניזירטנ פראָלעטאריאט, אָנהייבנ דעמ איבערגאנג צו דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.

אָבער דער דײַטשישער פראָלעטאריאט איז נאָכ ניט געווענ צוגעגרייט צו דער ראָליע פונ א העגעמאָנ. ער איז נאָכ געווענ שוואכ אונ ניט אָרגאניזירט. ער האָט נאָכ ניט געהאט זײַנ פארטיי א באוואָפנטע מיט דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע אונ א פארהארטעוועטע אינ דערפארונג פונ קלאסנ־שלאכטנ.

דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ דײַטשלאנד פונ 1848 יאָר האָט געפעלט איינהײַט אונ געמיינזאמקײַט אינ אירע אקציעס; זי האָט ניט פארמאָגט גענוג דראנג אונ צילגעווענדטקײַט. אירע באזונדערע שטראָמענ זײַנענ געווענ איזאָלירט איינער פונעמ אנדערנ אונ זיי האָבנ גיכער אָפגעשוואכט, איידער פארשטארקט איינער דעמ אנדערנ. די פויערשע באוועגונג איז געווענ אָפגעריסנ פונ דער באוועגונג אינ די שטעט. די שטאָטישע באוועגונג פונ די ארבעטער, קליינבירגער זײַנענ אָפטמאָל ניט געווענ צונויפגעגאָסנ, ניט געווענ פארייניקט אינ איינ מעכטיקנ שטראָמ, וואָס זאָל פארכאפנ אפנ וועג אויכ דאָס דאָרפ.

ווײַטער, האָט אויכ דאָס אויספעלנ פונ אנ אלגעמיינ נאציאָנאלנ צענטער נעגאטיוו זיכ אָפגערופנ אפנ גאנג פונ דער רעוואָליוציע. צב. די פרײַסישע רעוואָליוציע איז ניט געווענ קיינ נאציאָנאלע, נאָר, ווי מארקס האָט זיכ אויסגעדריקט „א פראָווינציעל־פרײַסישע". „דער ווינער, קאסעלער, מינכענער אונ אלערליי אנדערע פראָווינציעלע אופשטאנדנ זײַנענ פאָרגעקומענ באגלײַכ מיט איר אונ האָבנ באשטריטנ די אויבערהאנט בא איר". די פאָליטישע צעברעקלטקײַט פונ דײַטשלאנד האָט מיטגעבראכט צו דער צעברעקלטקײַט פונ דער באוועגונג אונ האָט זי אָפגעשוואכט.

ניט קיינ גינסטיקע ווירקונג האָט אפנ גאנג אונ אויסוועג פונ דער דײַטשישער רעוואָליוציע ווידער געהאט אויכ די צווישנפעלקערלעכע סיטואציע. די שכיינעס מיט דעמ דעמלטיקנ אייראָפּיישנ זשאנדארמ — מיטנ לײַבייגנטימערישנ זעלבסטהערשערישנ רוסלאנד. די פײַנטלעכע באציונג פונ ענגלאנד, וואָס האָט זיכ ארויסגעוויזנ אינ שטיצנ דענעמארק, דער בונד פונ די דאָזיקע ביידע רעאקציאָנערע קרעפטנ, וואָס זײַנענ געווענ געווענדט קעגנ דער רעוואָליוציע אינ אייראָפּע — דאָס אלצ האָט געבונדנ די באוועגונג אונ איר געשטערט פולשטענדיק זיכ צו אנטוויקלענ.

אונ, צולעצט, דערקלערט זיכ די מאפּאָלע פונ דער רעוואָליוציע אויכ מיט

דער פֿולשטענדיקער אומפֿײַיקײַט פֿון דער בורזשואַזיע צו לייזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געגעבן דער רעאַקציע די מעגלעכקײַט אויסצוניצן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג פֿאַר אירע צילן און אָנרייצן איין פֿאָלק אַפֿן אַנדערן.

די גרויסהערשעריש, אונטערדריקערישע פּאָליטיק פֿון דער דײַטשישער בורזשואַזיע בענוגייע די קליינע סלאַווישע פֿעלקער, וואָס זײַנען באַוועסן די טער־יטאָריעס, וועלכע האָבן געהערט די דײַטשישע מעלוכעס, — די טשעכן, כאָרוואַטן, רוטענער און אַנדערע, — האָט זיי אָפּגעוואָרפֿן אין לאַגער פֿון דער קאָנטררעוואָליר־ציע. קומענדיק צו דער מאַכט נאָך די מאַרט־טעג האָט די ליבעראַלע בורזשואַזיע ניט פּראָקלאַמירט קיין פֿרײַהײַט פֿאַר אַלע פֿעלקער, וואָס געפֿינען זיך אין דײַטש־לאַנד. מיר האָבן שוין געזען, ווי זי האָט, אינדערעמעסן, מיטגעהאָלפֿן דעם פּרײַ־סישן קייניג צו דערשטיקן די פּאָליאַקן. ניט בעסער האָט זי זיך אויפֿגעפֿירט אויך אין באַציִונג צו אַנדערע פֿעלקער. דעריבער האָט באַ די טשעכן, כאָרוואַטן און אַנדערע געהאַט גרויסע דערפֿאָלגג די פּאַנסלאַווישע פּראָפּאַגאַנדע — די פּראָפּאַגאַנ־דע צו פֿאַרייניקן אַלע סלאַווישע פֿעלקער אונטער דער העגעמאָניע פֿון רוסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען די פֿעסטונג פֿון דער אַלוועלטלעכער רעאַקציע און קאָנטער־רעוואָליוציע. פֿון דער צווייטער זײַט, ווי מיר האָבן געזען, האָט די רעאַק־ציע אין עסטרײַך, באַניצט זיך מיטן האַס פֿון די סלאַוון קעגן זייערע אונטער־דריקער די דײַטשן, און געשיקט די סלאַוון דערשטיקן די רעוואָליוציאָנערע באַ־וועגונג פֿון די דײַטשן, קעדיי דערנאָך מיט די קויכעס פֿון די דײַטשן דער־שטיקן אַלע פּרווון פֿון זעלבשטענדיקײַט מיצאַד די סלאַוון. אַזוי האָט די אונ־טערדריקערישע און גרויסהערשערישע פּאָליטיק פֿון דער דײַטשישער בורזשואַזיע אָפּגענומען באַ דער דײַטשישער רעוואָליוציע איינעם פֿון אירע רעזערוון, ווײַל זי האָט אָפּגעשטויסן די סלאַוון אין לאַגער פֿון דער קאָנטער־רעוואָליוציע. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט אויך מיטגעווירקט דער מאַ־פּאָלע פֿון דער דײַטשישער רעוואָליוציע.

בלויז דער פּראָלעטאַריאַט און זײַן פּאַרטיי, די פּאַרטיי פֿונעם רעוואָליוציאָנערן קאָמוניזם זײַנען פֿייִק צו לייזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אַפּ אַן עמעס, אַנערקענענדיק דאָס רעכט פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער פֿולשטענדיק אָפּצוטיילן זיך און צו פֿירן אַ זעלבשטענדיקע מעלוכישע עקזיסטענץ. „דער לענינזם האָט דערוויזן, און די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע און די רעוואָליוציע אין רוסלאַנד האָבן עס באַשטעטיקט, אַז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע קאָן געלייזט ווערן נאָר אין פֿאַרבינדונג און אַפֿן באָדן פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע". (סטאַלין).

23. דער אַרבעטער־קלאַס און מאַרקס־ענגעלסעס טאַקטיק אין דער רעוואָליוציע פֿון 1848 יאָר אין דײַטשלאַנד

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מאַרט־רעוואָליוציע, האָבן מאַרקס און ענגעלס זיך אומגעקערט קיין דײַטשלאַנד. זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן אין דער ריינישער פּראָ־ווינץ — אין דער סאַמע אַנטוויקלטסטער אינדוסטריעלער געגנט, וואָס האָט דערי־בער געהאַט מער פּראָלעטאַרישע קאַדערן, איידער דאָס איבעריקע דײַטשלאַנד.

קײנ זעלבשטענדיקע ארבעטער־פארטיי איז אינעם דעמלטיקנ דײַטשלאנד, ווי געזאָגט, ניט געווענ. דער קאָמוניסטנ־פארבאנד, וואָס מארקס און ענגעלס האָבנ געהאט אָרגאניזירט, האָט גופע אינ דײַטשלאנד געהאט בלויז עטלעכע סעקציעס און א ריי באזונדערע מיטגלידער צעוואָרפענע אינ פארשיידענע ערטער.

אָבער אינ מארקס פערזאָנ איז בא זיי געווענ אנ ערשטקלאסיקער פירער, און אינ דעם „קאָמוניסטישנ מאניפעסט" זײַנענ שוינ געווענ פארשריבנ די יעסוידעס פונ דער פראָגראם און דער טאקטיק פונ די קאָמוניסטנ אינ דער צײַט פונ א בורזשואזער רעוואָליוציע.

„אינ דײַטשלאנד קעמפט די קאָמוניסטישע פארטיי צוזאמענ מיט דער בורזשואזיע, אפ וויפל די בורזשואזיע טרעט ארויס רעוואָליוציאָנער קעגנ דער אבסאָליוטער מאָנארכיע, קעגנ פעאָדאלנ ערדבאזיצ און קעגנ דעם דריבנעם קליינבירגערטום.

אָבער אפ קיינ איינ מינוט הערט זי ניט אופ אויסצוארבעטנ אינ דער סוויוועס פונ די ארבעטער א וואָס מער קלאָרערנ באגריפ פונ דער פײַנטלעכער קעגנזעצלעכקײַט צווישנ דער בורזשואזיע און דעם פראלעטאריאט, כדי די דײַטשישע ארבעטער זאָלנ טאקע גלײַכ קאָנענ אויסניצנ די געזעלשאפטלעכע און פאָליטישע באדינגונגענ, וועלכע די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע דארפ ברענגענ מיט זיכ, אלס געווער קעגנ דער בורזשואזיע אליינ, כדי טאקע גלײַכ נאָכנ פאלנ פונ די רעאקציאָנערע קלאסנ אינ דײַטשלאנד זאָל זיכ אָנהייבנ דער קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע גופע". („קאָמוניסטישער מאניפעסט").

די דאָזיקע טאקטיק האָבנ מארקס און ענגעלסווירקלעכ דורכגעפירט אינ דער דײַטשישער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר.

„קיינמאָל האָט זיכ נאָכ קיינ איינ טאקטישע פראָגראם ניט בארעכטיקט אינ אזא מאָס ווי די דאָזיקע", — האָט ענגעלס געשריבנ אינ א סאכ יאָרנ ארום. „צונויפגעשטעלט ערעוו דער רעוואָליוציע, האָט זי אויסגעהאלטנ דעם פרווו פונ דער דאָזיקער רעוואָליוציע; יעדעס מאָל, ווענ אוואָסער־ניט־איז ארבעטער־פארטיי איז אָפּגעטראָטנ פונ איר, פלעגט זי פונ דעמלט אָנ אינ איר טעטיקײַט טײַער באצאָלנ דערפאר".

אינ גאנג פונ דער גאנצער דײַטשישער רעוואָליוציע האָבנ מארקס און ענגעלס אנטשיידנ און קאָנסעקווענט געקעמפט פאר א ראדיקאלער לייזונג פונ אלע אופגאבעס פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, פאר דערפירנ זי ביזנ סאָפ, כדי „טאקע גלײַכ נאָכנ פאלנ פונ די רעאקציאָנערע קלאסנ אינ דײַטשלאנד אָנהייבנ דעם קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע גופע", א קאמפ פאר דער אריבערוואקסונג פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א סאָציאליסטישער, פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

פאר דער איקער־פראגע האָבנ מארקס און ענגעלס געהאלטנ דערבײַ די שאפונג פונ א זעלבשטענדיקער פראָלעטארישער קלאסנ־פארטיי, אָפּגעשיידט פונ אנדערע פארטייענ.

דער אָרגאַניזירנדיקער צענטער, ארום וועלכן עס איז פאָרגעשטאַנען צו באַ-העפטן די צוקינפטיקע קאַדרען פון דער פּאַרטיי, האָט באַדאַרפט ווערן די אַלגעמיינע פּאָליטישע צײַטונג, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן.

אָבער דער דעמאָלטיקער פּראָלעטאַריאַט פון דײַטשלאַנד, „וואָס איז אַזוי ווייניק אַנטוויקלט, וואָס איז צוגעוווינט צו פולשטענדיקער גײַסטיקער אונטערטעניקייט, וואָס איז ניט אָרגאַניזירט און איז נאָך אומפעיִק אַפילו צו אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע, האָט בלויז נעפלדיק געפילט די טיפע קעגנזעצלעכקייט פון זײַנע אינטערעסן צו די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע". „די עטלעכע הונדערט צעשפּליטערטע מיטגלידער פונעם קאָמוניסטן-פאַרבאַנד האָט מען קוים באַמערקט צווישן דער גוואַלדיקער מאַסע, וואָס איז פּלוצעם געקומען אין באַוועגונג. אָט פאַרוואָס דער דײַטשישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אַפן דער פּאָליטישער אַרענע, אַלס אַן עקסט-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" (ענגעלס).

עס איז נייטיק געווען אַ גאַנץ יאָר פון רעוואָלוציע, אַ גאַנץ יאָר פון מאַרקס און ענגעלסעס אומדערמידלעכער אַרבעט אַף איבערדערציִען די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע קאַדרען, קעדיי די דאָזיקע קאַדרען זאָלן קאָנען לייזן די אויפגאַבע פון שאַפן אַ זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. „אַזוי באַלעבעסלדיק, קליינבירגערלעך איז דעמאָלט געווען די גאַנצע אַטמאָספער אין דײַטשלאַנד" (לענין).

סטעפאַן באָרן און די „ברודערשאַפט פון די אַרבעטער"

דער נידעריקער ניוואָ פון דער דעמאָלטיקער דײַטשישער אַרבעטער-באַוועגונג, איר שוואַכקייט האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן אין דער „ברידערשאַפט פון די אַרבעטער", וואָס סטעפאַן באָרן און אַנדערע פירער פונעם „קאָמוניסטן-פאַרבאַנד" האָבן אָרגאַניזירט אין בערלין. אין זײַן אַרבעט האָט באָרן דורכגעפירט אַן עקיסטישע טאַקטיק: ער האָט ניט אויפגעהויבן דעם קלאַסן-באַוווּסטזײַן פון די אַרבעטער, נאָר, פאַרקערט, ער האָט זיך אַליין צוגעפּאַסט צו די ניט אַנטוויקלטע אָנשויונגען פונעם דעמאָלטיקן אַרבעטער-קלאַס, העלפנדיק אינטערעסנס דער בורזשואַזיע צו שלעפן אים אַפן בוקסיר.

זײַן גאַנצע אַכט האָט באָרן געשענקט די ענג-עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער. לויט בלאַנס אידייען וועגן אײַנאָרדענען אַרבעטער-אַרטעלן האָבן געהאַט אַף באָרנען אַ גרויסע ווירקונג. באָרן האָט זיך פאַרנומען מיט אײַנאָרדענען שטרײַקן, פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען, פּראָדוקציר-געזעלשאַפטן, פאַרגעסנדיק, אַז „די אויפגאַבע איז באַשטאַנען פריִער פאַר אַלץ, אין דעראָבערן צוערשט דורך אַ פּאָליטישן ניצחון אַזאַ פּלאַץ, וואָס בלויז אַף אים וואָלט מען געקאָנט פעסט און זיכער פאַרווירקלעכן אַזעלכע זאַכן" (ענגעלס).

ווען דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער „ברידערשאַפט" מיט באָרנען אין דער שפּיץ האָט צונויפגערופן אין בערלין אַ צוזאַמענפאָר פון די האַנטווערקערישע און אַרבעטערישע פאַראייגען, איז אַף דעם צוזאַמענפאָר צווישן אַנדערע עקאָנאָמישע פאָדערונגען געווען אָנגענומען דער ווונטש אויפצושטעלן צוריק דעם נאָמען צעכן-מײַסטער. דער דאָזיקער טרויעם וועגן אומקערן זיך צו צעכאָווע־שטשינע שילדערט בולט, ווי נידעריק עס איז געווען דער ניוואָ פון דער באַוועגונג, ווי אויך באָרנס אומפעיִקייט צו העכערן די קלאַסן-באַוווּסטזיניקייט פון פּראָלעטאַריאַט. דער שמאָלער עקאָנאָמיזם, וואָס פירט צום אונטערוואַרפן דעם פּראָלעטאַריאַט דער בורזשואַזיע, איז געבליבן דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון זײַן אַרבעט. אָט פאַרוואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אַנטשיידן פאַרורטיילט באָרנס צופאַסלערישע און עקיסטישע טאַקטיק און האָבן אים אַנטקעגנגעשטעלט זייער רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם און טאַקטיק.

די „נײַע ריינישע צײַטונג"

איבער דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער דײַטשישער אַרבעטער-באַוועגונג האָט די „נײַע ריינישע צײַטונג", וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן, ניט געקאָנט גלײַך זיך באַווײַזן, ווי אַן אָפענער קאָמוניסטישער אָרגאַן.

„די נײַע רײַנישע צײַטונג“ איז געקומען ווי אַן אָרגאַן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, אָבער פֿון יענער דעמאָקראַטיע, וואָס „האָט אַרויסגערוקט אומעטום, אין אַלע קאָנקרעטע פֿאַלן, איר ספּעציפֿישן פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער, וועלכן זי האָט נאָך ניט געקאָנט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל צוגעבן איר פֿאָן“ (ענגעלס).

ענגעלס און מאַרקס האָבן גרויסאַרטיק אויסגעפֿילט זייער אויפֿגאַבע.

די „נײַע רײַנישע צײַטונג“ האָט שאַרף קריטיקירט די דײַטשישע ליבעראַלע בורזשואַזיע, דעמאַסקירט די שרעקעוודיקייט און די וואַקלעניש פֿון דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע, זי האָט זיי אומדערבאַרעמדיק קריטיקירט און דערמיט האָט זי באַפֿרײַט די אַרבעטער פֿון קליינבירגערלעכע ווירקונגען. אין אַ פֿלאַמיקן אַרטיקל וועגן די יונער טעג אין פּאַריז האָט מאַרקס באַטאָנט זייער באַדײַטונג, אַלס ערשטע גרויסע שלאַכטן פֿאַר איינהייטן אָדער פֿאַרניכטן די בורזשואַזע אָרדענונג. מיט זייער אַרבעט אין דער „נײַער רײַנישער צײַטונג“ האָבן מאַרקס און ענגעלס באַהעפֿט און אָרגאַניזירט די אַרבעטער, אויפֿגעהויבן זייער קלאַסן־באַוווסטזײַן און צוגעגרייט קאַדרען פֿאַר דער צוקינפֿטיקער אַרבעטער־פּאַרטיי. די „נײַע רײַנישע צײַטונג“ האָט פֿאַרטיידיקט די קאָנסעקווענט־רעוואָלוציאָנערע לייזונג פֿון אַלע אויפֿגאַבעס פֿון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין דײַטשלאַנד אַפֿ צוגרייטן דעם באָדן, אַז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע זאָל קאָנען אַריבערוואַקסן אין אַ פּראָלעטאַרישער.

שאַפֿן אַן איינהײַטלעכע אַלדײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק מיט אַלגעמיינע וואַל־רעכט, באַוואָפֿענען דאָס פֿאָלק, אָפּשאַפֿן אָן אויסקויפֿ־געלט אַלע פֿעאָדאַלע פֿליכטן, קאָנפֿיסקירן די פּריצישע ערד, נאַציאָנאַליזירן די בענק, דעם טראַנספּאָרט, אָפּטיילן דעם קלויסטער פֿון דער מעלוכע, — אָט דאָס איז געווען די פּראָגראַם, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אַרויסגערוקט אין קאַמף פֿאַר אַ ראַדיקאַלער לייזונג פֿון די אויפֿגאַבעס פֿון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע.

„די אינטערעסן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט האָבן נייטיק געפֿאָדערט צו פֿאַרייניקן דײַטשלאַנד אין אַן איינהײַטלעכער נאַציע און אָפּרייניקן אַזויאַרום דעם גאַנצן היסטאָרישן מיסט פֿון יענער אַרענע, אַפֿ וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע האָבן געמוזט זיך פֿאַרמעסטן אין קויעכ“ (ענגעלס). אַזאַ פֿאַרייניקונג איז געווען מעגלעך בלויז דורך אַ רעוואָלוציע „פֿון אונטן“, און דער קאַטעגאָרישער באַדינג איז געווען — די רעוואָלוציאָנערע מילכאָמע קעגן דעם צאַרישן רוסלאַנד, וואָס האָט געשפּילט די ראָליע פֿון אַ זשאַנדאַרם, אַ דערשטיקער פֿון יעטווידער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג סײַ אין רוסלאַנד גופֿע סײַ אין אייראָפּע.

די דאָזיקע מילכאָמע האָט געזאָלט פֿאַרנאַנדערבינדן און פֿאַרשאַרפֿן די קלאַסן־ווידערשפּרוכן אין דײַטשלאַנד, אויפֿהייבן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אַפֿ אַ נײַער שטופֿע. אין דער רעוואָלוציאָנערער מילכאָמע קעגן צאַריזם האָבן מאַרקס און ענגעלס געזען דעם שליסל צו דער אַריבערוואַקסונג פֿון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין אַ פּראָלעטאַרישער.

דאָס, וואָס דער רוסישער צאַר ניקאָלײַ I האָט אין 1849 יאָר דערשטיקט

די רעוואָליוציע אינ אונגארנ, האָט גלענצנדיק בארעכטיקט מארקס אָפשאצונג וועגנ דעמ דעמלטיקנ צארישנ רוסלאנד, אלס א צווישנפעלקערלעכנ זשאנדארמ, עס האָט זיכ באשטעטיקט די ריכטיקייט פונ דער טאקטיק, וואָס ער האָט אָנגעמערקט.

דער קעלנער ארבעטער־פאריינ אונ די „דעמאָקראטישע געזעלשאפט"

צוגלייַכ מיטנ שאפנ די „נייַע ריינישע צייַטונג", האָבנ מארקס אונ ענגעלס ענערגיש אונ דירעקט זיכ באטייליקט אינ דער ארבעטער־באוועגונג. ווענ מארקס אונ ענגעלס זייַנענ אינ פרילינג 1848 יאָר געקומענ צו פאָרנ קיינ קעלנ, האָט איינער פונ די מיטגלידער פונעמ קאָמוניסטנ־פארבאנד, דאָקטער גאָטשאלק, שוינ געהאט געגרינדעט דאָרט דעמ קעלנער ארבעטער־פאריינ. אינעמ באשטאנד פונעמ דאָזיקנ פאריינ זייַנענ אריינגעגאנגענ בא 7 טויזנט מיטגלידער. אָבער גאָטשאלק האָט פארנומענ א טיפ פאלשע פאָזיציע אינ די גרונט־פראגעס פונ דער רעוואָליוציע. גאָטשאלק איז געווענ שטארק באווירקט פונ ווייטלינגנ, ער האָט ניט באנומענ די אופגאבעס פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אונ האָט געוואָלט אויסמייַדנ די שטופנווייַזע סטאדיעס פונ דער אנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אונ אריבערשפרינגענ פונעמ פעאָדאלנ דייַטשלאנד גלייַכ אינ אנ „ארבעטער־רעפובליק". בע־נעגייע מארקסנ האָט גאָטשאלק געפירט א לינקאטשישע ליניע.

קעמפנדיק קעגנ סטעפאנ באָרנ, וואָס האָט דערנידעריקט די אופגאבעס פונ פראָלעטאריאט אינ דער בורזשואזער רעוואָליוציע, האָבנ מארקס אונ ענגעלס גלייַכצייַטיק געקעמפט אויכ קעגנ גאָטשאלקנ אונ קעגנ אלעמענ, ווער עס האָט ניט איינגעזענ דעמ בורזשואזנ כאראקטער פונ דער דייַטשישער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר. דאָס איז געווענ אנ אנטשיידענער קאמפ אפ צוויי פראָנטנ.

אינגיכנ האָבנ מארקס אונ ענגעלס געווונענ די מערהייַט אינעמ קעלנער ארבעטער־פאריינ אפ זייער זייַט. אלס פאָרזיצער פונעמ פאריינ איז אויסגעוויילט געוואָרנ פריִער איינער פונ מארקס אָנהענגער אונ דערנאָכ מארקס אליינ. מארקס אונ ענגעלס האָבנ זיכ ניט באנוגנט מיט דער ארבעט אינעמ ארבעטער־פאריינ אונ האָבנ געארבעט אויכ אינ דער „דעמאָקראטישער געזעלשאפט", ווו דער קעלנישער ארבעטער־פאריינ האָט געהאט זייַנע דעפוטאטנ. ארבעטנדיק אינ די רייענ פונ דער דעמאָקראטיע, זייַנענ מארקס אונ ענגעלס גלייַכצייַטיק ארויסגעטראָטנ קעגנ די בורזשואזע אונ קלייַנבירגערלעכע דעמאָקראטנ אומעטומ, ווו זיי האָבנ נאָר געפרווט צו פארטושירנ זייער קלאסעווע קעגנזעצלעכקייַט צומ פראָלעטאריאט.

„אינ די יאָרנ 1848—1849 האָט מארקס געשטיצט אינ דייַטשלאנד די עקסט־רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראטיע אונ האָט שפעטער קיינמאָל ניט גענומענ צוריק דאָס, וואָס ער האָט דעמלט געזאָגט וועגנ טאקטיק" (לענינ).

דאָ האָט מארקס דורכגעפירט די זעלבע טאקטיק פונ צוגרייטנ די באהעפטונג פונ די פראָלעטארישע קרעפטנ אינ א זעלבשטענדיקער קלאסנ־אָרגאניזאציע, די טאקטיק פונ דערפירנ ביזנ סאָפ די פאָדערונגענ פונ דער דעמאָקראטיע דורכ דעמאסקירנ פאר די מאסנ די פעלערנ, שוואכקייַטנ אונ ניטאנטשלאָסנקייַט פונ

די דעמאָקראַטן. „געפינענדיק זיך אינעם דאָזיקן בורזשואַז־דעמאָקראַטישן פאַרייַן און שטויסנדיק פאָרויס די רעוואָליוציאָנערע בורזשואַזיע, האָבן מאַרקס און זייַנע אָנהענגער מיט אַלע מיטלען קריטיקירט די האַלביקייט פון זייערע פאַרבינדעטע פון רעכטס" (סטאַלין).

צו פרילינג 1849 יאָר איז די רעוואָליוציע אַרייַנגעטראָטן אין אַ נייַער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג. דער פּראָלעטאַריאַט, דאָס פּויערטום און די קליינ־בורזשואַזיע האָבן אין די מיי־אויפשטאַנדן פון 1849 יאָר אָנגעהויבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן די פּריצים און קעגן דער גרויסבורזשואַזיע, וואָס האָט מיט די פּריצים געשלאָסן אַ בונד. די אָנפירונג מיטן דאָזיקן אויפשטאַנד האָט, ווי גע־זאָגט, די קליינבורזשואַזיע פאַרכאַפּט אין אירע הענט. דערפון אַליין איז באַזונ־דערס שאַרף געוואָרן די פראַגע וועגן שאַפן אַ זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, — אַ פראַגע וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן מיט זייער אַרבעט אין דער „ריינישער צייַטונג", אין קעלנישן אַרבעטער־פאַרייַן און אין דער „דעמאָקראַטי־שער געזעלשאַפט" קימאַט אין משך פון אַ יאָר צייַט צוגעגרייט. וואָרעם קוים האָט די קליינבורזשואַזיע שוין אָנגעהויבן צוגיין צו דער מאַכט, האָט דער פּראָ־לעטאַריאַט געמוזט וואָס גיכער שאַפן זייַן זעלבשטענדיקע פּאַרטיי. מאַרקס און אַנדערע מיטגלידער פון קאָמוניסטן־פאַרבאַנד האָבן אין אַפּרעל 1849 יאָר דער־קלערט, אַז זיי טרעטן אַרויס פון דער „דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט". גלייַכ־צייַטיק איז אַרויס פון איר באַשטאַנד אויך דער קעלנישער אַרבעטער־פאַרייַן, קעדיי צו ווערן אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, ווייַל אין רעזולטאַט פון מאַרקס און ענ־געלסעס אומדערמידלעכער אַרבעט איז דער פאַרייַן שוין פריִער געווען אַן עמ־בריאָן פון דער פּאַרטיי.

בייַם די מיי־אויפשטאַנדן פון 1849 יאָר האָט די „נייַע ריינישע צייַטונג" אומדערמידלעך גערופן דעם פּראָלעטאַריאַט, דאָס פּויערטום און די קליינבור־זשואַזיע צו אַן אַנטשיידענעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף קעגן דער רעאַקציע. ענגעלס האָט גענומען אַ דירעקטן אָנטייל אינעם אויפשטאַנד. אָבער דער קאַמף איז געווען זייער ניט קיין גלייַכער. דער ניצחון איז געבליבן אויף דער זייַט פון דער רעאַקציע. די אויפשטאַנדן אין דרעזדען, באַדען און עלבערפעלד זייַנען דער־שטיקט געוואָרן, די ריינישע פּראָווינץ איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט סאָלדאַטן. די „נייַע ריינישע צייַטונג" האָט מען פאַרמאַכט, מאַרקסן האָט מען אַרויסגע־שיקט קיין אויסלאַנד.

דעם 19־טן מיי איז דערשינען דער לעצטער נומער פון דער „נייַער ריי־נישער צייַטונג". „מיר האָבן געמוזט אָפּגעבן אונדזער פעסטונג — שרייַבט ענ־געלס, — אָבער מיר האָבן זי פאַרלאָזט, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך די גאַנצע מיליִ־טערישע אַמוניציע, מיט פּויקן־געקלאַנג, מיט דער פלאַטערנדיקער רויטער פאָן פון דעם לעצטן נומער, וואָס האָט געוואָרנט די קעלנישע אַרבעטער קעגן האָפּע־נונגלאָזע פּוטשן און האָט זיי געזאָגט: „די רעדאַקטערס פון דער „נייַער ריי־נישער צייַטונג" געזעגענען זיך מיט אייַך און באַדאַנקען אייַך פאַר אייַער אויפ־געדריקטן מיטגעפיל. זייער לעצט וואָרט וועט — שטענדיק און אומעטום — זייַן: די באַפרייַונג פונעם אַרבעטער־קלאַס!"

די ווענדונג פון צק פונעם קאָמוניסטן-פארבאנד (מארט 1850 יאָר)

אין יול 1849 יאָר, נאָך דער מאפּאָלע פון דער רעוואָליוציע אין דײַטשלאנד און אין פראנקרײַך, זײַנען די מיטגלידער פון צענטראל-קאָמיטעט פונעם קאָמוניסטן-פארבאנד זיך ווידער צונויפגעקומען אין לאָנדאָן. דאָ זײַנען זיי מיט א פרישער ענערגיע צוגעטראָטן צו דער ארבעט. אין דער באוווסטער ווענדונג פון צק פונעם קאָמוניסטן-פארבאנד, וועלכע איז ארויסגעלאָזט געוואָרן אין מארט 1850 יאָר, האָט מארקס איבערגעגעבן דאָס, וואָס איז געווען דער לייט-פאָדעם בא דער „נײַער ריינישער צײַטונג“, דה. די גרונט-לאגע פונעם פּראָלעטאריאטס טאקטיק אין דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע און די לערע וועגן דער אריבערוואקסונג פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין א סאָציאליסטישער, אין א פּראָלעטארישער. די ווענדונג רופט צו אָרגאניזירן און פארפעסטיקן די זעלבשטענדיקײַט פון דער פּראָלעטארישער פּארטיי.

די באציונג פון דער דאָזיקער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-פּארטיי צו דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראטיע איז אזא: די ארבעטער-פּארטיי גייט צוזאמען מיט דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראטיע אזוי לאנג, ווי זי טרעט ארויס קעגן יענע קלאסן, וועלכע דער פּראָלעטאריאט שטרעבט אראָפּצושלײַדערן. די ארבעטער-פּארטיי גייט קעגן דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראטיע אין די אלע פאלן, ווען זי אליין וויל זיך פארפעסטיקן.

אָבער אפילע ווען די קליינבירגערלעכע דעמאָקראטן קעמפן קעגן דעם פעאָדאליזם און אבסאָליוטיזם, מוז דער פּראָלעטאריאט האָבן זײַן זעלבשטענדיקע פּארטיי, אויב ער וויל ניט בלײַבן קיין עק בא די בורזשואזע דעמאָקראטן, קיין פּאָשעט געצײַג בא זיי אין די הענט.

„גיין באזונדער, שלאָגן צוזאמען“, — אזוי האָט לעניג שפּעטער אויסגעדריקט די טאקטיק פונעם פּראָלעטאריאט אין דער באציונג צו דער קליינבורזשואזיע, דעמלט ווען זי קעמפט נאָך קעגן די רעשטלעך פון פעאָדאליזם און קעגן דער זעלבסטהערשונג.

אפ דער פאָלגנדיקער שטופע פון דער רעוואָליוציע, אינעם נאָענטסטן רעוואָליוציאָנערן קאמף, וואָס וועט געבן אן איבערוואָג די קליינבירגערלעכע דעמאָקראטן, ווערט דער קאמף פונעם פּראָלעטאריאט לאכלוטן ניט איבערגעריסן. דער פּראָלעטאריאט פירט אים ווײַטער און קעמפט פאר דערפירן ביזן סאָף די בורזשואז-דעמאָקראטישע רעוואָליוציע און פאר איר אריבערוואקסן אין א פּראָלעטארישער, סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.

„אין דער צײַט, ווען די דעמאָקראטישע בורזשואַ ווילן וואָס גיכער פארענדיקן די רעוואָליוציע און, אין בעסטן פאל, זיך באגרענעצן מיטן דורכפירן בלויז די דאָזיקע פאָדערונגען, זײַנען אונדזערע אינטערעסן און אונדזער אויפגאבע צו מאכן די רעוואָליוציע אומופהערלעך אזוי לאנג, ביז די מער אָדער ווייניקער פארמעגלעכע קלאסן וועלן ניט באזײַטיקט ווערן פון דער הערשאפט, ביז דער פּראָלעטאריאט וועט ניט דעראָבערן די מעלוכישע מאכט, ביז דער פארבאנד פון די פּראָלעטאריער ניט בלויז אין איין לאנד, נאָר אין אלע הערשנדיקע לענדער פון דער וועלט, וועט זיך ניט אנטוויקלען אפ אזויפיל, אז די

קאָנקורענץ צווישן די פּראָלעטאַריער פון די דאָזיקע לענדער וועט אופהערן, און יעדנפאַלס ביז די אַנטשיידנדיקע פּראָדוציר־קויכעס וועלן ניט זײַן קאָנצענטרירט בא די פּראָלעטאַריער אין די הענט. בא אונדז האַנדלט זיך עס ניט אין ענדערן דאָס פּריוואַט־אייגנטום, נאָר אין פאַרניכטן עס, ניט אין פאַרטושירן די קלאַסן־ווידערשפּרוכן, נאָר אין פאַרניכטן די קלאַסן, ניט אין פאַרבעסערן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט, נאָר אין גרינדן א נײַע געזעלשאַפט״, — אַזוי איז געווען געזאָגט אין דער ווענדונג.

אינעם קאַמף פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע דאַרפן די קאָמוניסטן, פּאַראַלעל מיט די נײַע אָפיציעלע רעגירונגען, „טייקעף גרינדן אייגענע, רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־רעגירונגען... אַזוי, אַז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעגירונגען זאָלן ניט בלויז גלײַך פאַרלירן דעם אָנשפּאַר בא די אַרבעטער, נאָר זיי זאָלן פון אָנהייב אָן זיך דערפילן אונטער דער אויפזיכט און דראָונג פון דער מאַכט, וואָס ווערט געשטיצט פון דער גאַנצער מאַסע אַרבעטער״. אין דער זעלבער צײַט דאַרף מען באוואָפנען דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט. די קאָמוניסטן דאַרפן מיט אַלע מיטלען זען דעמאַסקירן די קלײנבירגערלעכע דעמאָקראַטיע, זיי דאַרפן די פאָרשלאָגן פון די דעמאָקראַטן דערפירן ביז לעצט און פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פאָדערונגען אין דירעקטע אָנפאַלן אַפן פּריוואַט־אייגנטום, קעדיי דערמיט אַלץ מער און מער זיך אַרײַנרײַסן אין דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און צעשטערן איר נאָרמאַלן גאַנג.

מיט דעם וועג וועלן די קאָמוניסטן צוגרייטן די באַדינגונגען, אַז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע זאָל אַריבערוואַקסן אין א רעוואָליוציע א סאָציאַליסטישער, א פּראָלעטאַרישער, ווײַל נאָר זי איז פאַר די רעוואָליוציאָנערע קאָמוניסטן דער ווירקלעכער ניצאָכן. „זייער שלאַכט־לאָזונג דאַרף זײַן — אַן אומופהערלעכע (פּערמאַנענטע) רעוואָליוציע״.

„פאַר אונדז האָבן פּעוורואַל און מאַרט געקאָנט האָבן א באַדײַטונג פון א ווירקלעכער רעוואָליוציע בלויז אין דעם פאַל, ווען זיי זאָלן געווען זײַן ניט קיין פאַרענדיקונג, נאָר, פאַרקערט, אַן אויסגאַנג־פּונקט פון א לאַנגדויערנדיקער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אין וועלכער... דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט ביסלעכווײַז דורך א ריי שלאַכטן דעראָבערט אײַן פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער״, — שרײַבט ענגעלס.

„מאַרקס האָט לאַכלוטן ניט פאָרגעלייגט אָ נ צ ו ה י י ב ן די רעוואָליוציע אין דײַטשלאַנד פון די 50־ער יאָרן גלײַך פון א פּראָלעטאַרישער מאַכט״... „מאַרקס האָט בלויז פאָרגעלייגט צו ב א ק ר ו י נ ע ן די זאַך פון דער רעוואָליוציע מיט א פּראָלעטאַרישער מעלוכישער מאַכט, אַראָפּוואַרפנדיק טראָט נאָך טראָט פון דער מאַכט־הייך איין פראַקציע פון דער בורזשואַזיע נאָך דער אַנדערער, קעדיי דערנאָך, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט האָבן באַקומען די מאַכט, צעצינדן די רעוואָליוציע אין אַלע לענדער...״ (ס ט א ל י נ).

מאַרקס אידײ פון אַן אומופהערלעכער (פּערמאַנענטער) רעוואָליוציע האָבן לענין און די באָלשעוויקעס גענײַאַל אַנטוויקלט און דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק פון דער רוסישער רעוואָליוציע.

„לענין איז געווען דער איינציקער מאַרקסיסט, וואָס האָט ריכטיק פאַרשטאַ-

נען און אנטוויקלט די אידיי פון א פערמאנענטער רעוואָליוציע... די אידיי וועגן דער אריבערוואקסונג פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין א סאָציאַליסטישער, וועלכע לענין האָט געגעבן נאָך אין 1905 יאָר, איז איינע פון די פאָרמען צו פארקערפערן מארקס טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָליוציע" (סטאלין).

טראָצקיס קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע טעאָריע פון פער־מאַנענטער רעוואָ־ליוציע

און די מענשעוויקעס באהויפטן, אז „צווישן דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, פון איין זייט, און דער פראָלעטארישער, פון דער צווייטער זייט, ליגט אן אָפגרונט, יעדנפאלס, א כינעזישע וואנט, וואָס שיידט אָפּ איינע פון דער אנדערער מיט א מער אָדער וויניקער דויערנדיקן אינטערוואל. אין משך פון אָט דער צייט אנטוויקלט די בורזשואזיע, וואָס איז געקומען צו דער מאכט, דעם קאפיטאליזם און דער פראָלעטאריאט זאמלט קויכעס און גרייט זיך צום אנטשיידנעם קאמף קעגן דעם קאפיטאליזם. דער דאָזיקער אינטערוואל געדויערט געוויינלעך א סאך צענדליקער יאָרן, אויב ניט מער. אָסער צי מע דארף דערוויַזן, אז די דאָזיקע „טעאָריע" פון דער כינעזישער וואנט... איז... ניט מער ווי א צודעק, א באפארבונג פון די קאָנטררעוואָליוציאָנערע באגערן פון דער בורזשואזיע" (סטאלין).

איינער פון די וואריאציעס פונעם מענשעוויזם איז די טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָליוציע, וואָס טראָצקי האָט ארויסגערוקט און וואָס פארקריפלט מארקס לערע ביזן גרונט. פאר טראָצקין עקזיסטירט ביכלאל ניט די פראגע וועגן דער אריבערוואקסונג פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין א פראָלעטארישער. טראָצקי שפרינגט אריבער איבער דעם בורזשואז-דעמאָקראטישן עטאַפּ פון דער רעוואָליוציע. „טראָץ מארקסן און לענינען, וואָס האָבן פאָרגעלייגט צו באקרוינען די זאך פון דער רעוואָליוציע מיט דעם פראָלעטאריאטס פארכאפן די מאכט, האָבן טראָצקי מיט זיינע אָנהענגער געמיינט אָנצוהייבן די זאך גלייך פון א פראָלעטארישער מאכט, ניט פארשטייענדיק, אז דערמיט אליין מאכן זיי זיך ניט וויסנדיק פון אזא „קלייניקייט", ווי די רעשטלעך פונעם לייבייגנטום, און נעמען ניט אין אכט אזא ערנסטע קראפט, ווי דאָס רוסישע פויערטום" (סטאלין).

דאָס פארקריפלען די מארקסיסטישע טעאָריע מיצאד טראָצקין און זיינע אָנהענגער איז באשטאנען „ניט בלויז אין ניט-דערשאצן די ראָליע פונעם פויערטום, נאָר אויך אין ניט-דערשאצן די קרעפטן און די פייקייטן פונעם פראָלעטאריאט צו פירן נאָך זיך דאָס פויערטום, אינעם ניט-גלויבן אין דער אידיי וועגן דער העגעמאָניע פון פראָלעטאריאט" (סטאלין).

„טראָצקיס „פערמאנענטע רעוואָליוציע" איז ניט קיין פּאָשעטע ניט-דערשאצונג פון די רעוואָליוציאָנערע מעגלעכקייטן פון דער פויערשער באוועגונג. די „פערמאנענטע רעוואָליוציע" דאָס איז אזא מין ניט-דערשאצן די פויערשע באוועגונג, וואָס פירט צום אָפּלייקענען לענינס טעאָריע וועגן דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט" (סטאלין).

ווען טראָצקי האָט נאָך אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר ארויסגעשטעלט דעם לאָזונג „אָן א קייסער און די רעגירונג אן ארבעטערישע", האָט ער אין

דער זעלבער צײַט געהאַלטן, אַז די לאַגע פון דער דאָזיקער ארבעטער־רעגירונג וועט זײַן האָפענונגלאָז, אויב עס וועט איר ניט קומען צו הילף די גלײַכצײַטיקע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

טראָצקי לייקנט אין דער מעגלעכקײַט פונעם סאָציאַליזם צו זיגן אין איין לאַנד און דערמיט אליין פאַרורטיילט ער דעם ארבעטער־קלאַס אַף אומטעטיקײַט, אַף זיצן און ארויסקוקן אַף אַ גלײַכצײַטיקער רעוואָלוציע אין די וויכטיקסטע לענדער. אינדערעמעסן דינט די דאָזיקע טעאָריע טראָצקיס אַלס געווער פאַר דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע אין איר קאַמף קעגן ססס״ר.

„ווער האָט געגעבן דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע דאָס גײַסטיקע געווער קעגן דעם באָלשעוויזם אין דער פאָרם פון אַ טעזיס וועגן דער אוממעגלעכקײַט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד, אין דער פאָרם פון אַ טעזיס וועגן דער אומפאַרמײַדלעכער איבערגעבורט פונעם באָלשעוויזם אאַוו.? דאָס דאָזיקע געווער האָט איר געגעבן דער טראָצקיזם. מע קאָן ניט רעכענען פאַר אַ צופעליקײַט דעם פאַקט, וואָס אַלע אנטיסאָוועטישע גרופּירונגען אין ססס״ר האָבן אין זייערע פּרוּוון צו באַגרינדן די אומפאַרמײַדלעכקײַט פון אַ קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט זיך פאַרופן אַפן באַוווּסטן טעזיס פונעם טראָצקיזם וועגן דער אוממעגלעכקײַט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד, וועגן דער אומפאַרמײַדלעכער איבערגעבורט פון דער ראַטנמאַכט, וועגן דער וואַרשײַנלעכקײַט פון אומקערן זיך צוריק צום קאַפּיטאַליזם״ (סטאַלין).

צעגראָמירנדיק דעם טראָצקיזם, וואָס איז געוואָרן דער פאָדערשטער אָטריאַד פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע, איז דער פּראָלעטאַריאַט פון אונדזער לאַנד אונטער דער אָנפירונג פון דער אַלקפּ(ב) און איר צק מיט כאַווער סטאַלין אין דער שפּיץ זיגרײַך גיווער אַלע שוועריקײַטן און ער בויט די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דער לייט־פאָדעם אינעם דאָזיקן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט איז די מאַרקסיסטיש-לענינשע טעאָריע.

די לעקציעס פון 1848 יאָר

די לעקציעס, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַקומען פון דער רעוואָלוציע אין 1848 יאָר, זײַנען אומגעהייער גרויס. מיט אַ באַזונדער קראַפט און בולעטקײַט האָט די דאָזיקע רעוואָלוציע אנטבלויזט ניט בלויז די אומפייִקײַט פון דער בורזשואַזיע צו לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע, צו דערפירן ביזן סאָף די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, נאָר אויך די קאָנטררעוואָלוציאָנערע ראָליע פון דער בורזשואַזיע אינעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע. אין שרעק פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך באַוויזן אַף דער היסטאָרישער ארענע אַלס אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע קראַפט, אַלס דער וואַקסנדיקער באַגרעבער פון דער בורזשואַזיע, וואַרפט זי זיך אין די אָרעמס פון דער רעאַקציע, שטרעבט צו אַן אויסגלײַך מיט די קרעפטן פון דער אַלטער אָרדענונג.

די רעוואָלוציע פון 1848 יאָר האָט אנטבלויזט, ווי גרויס עס זײַנען די וואַקלענישן און ניטשטאַנדהאַפטיקײַט בײַ דער שטאָטישער קליין-בורזשואַזיע און באַם פּויערטום. די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט עס אויפגעשטעלט אין דער גאַנצער גרויס די פראַגע וועגן דער העגעמאָניע (אָנפירנדיקע ראָליע) פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער און

סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, די פראגע וועגנ זײַנע פארבינדעטע — די ארבעטנדיקע שיכטנ פונ די ניט-פראָלעטארישע קלאסנ.

„די פראגע וועגנ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ דער קלײנבורזשואזיע, דער שטאָטישער אונ דער דאָרפישער, די פראגע וועגנ געווינענ די דאָזיקע מאסנ אפ דער זײַט פונ פראָלעטאריאט איז די וויכטיקסטע פראגע פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. וועמענ וועט דאָס ארבעטספאָלק פונ שטאָט אונ דאָרפ שטיצנ אינעמ קאמפ פאר מאכט — די בורזשואזיע אָדער דעמ פראָלעטאריאט, וועמעס רעזערוו וועט עס ווערנ, דער רעזערוו פונ דער בורזשואזיע אָדער דער רעזערוו פונעמ פראָלעטאריאט, — פונ דעמ הענגט אָפ דער גורל פונ דער רעוואָליוציע אונ די פעסטקײַט פונ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. די רעוואָליוציעס פונ 48 אונ 71 יאָרנ אינ פראנקרײַכ זײַנענ אומגעקומענ דעריקער דערפאר, ווײַל די פויערשע רעזערוונ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אפ דער זײַט פונ דער בורזשואזיע. די אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט געזיגט דערפאר, ווײַל זי האָט באוויזנ אָפצונעמענ בא דער בורזשואזיע אירע פויערשע רעזערוונ, זי האָט באוויזנ צו געווינענ די דאָזיקע רעזערוונ אפ דער זײַט פונעמ פראָלעטאריאט, אונ דער פראָלעטאריאט האָט זיכ אינ דער דאָזיקער רעוואָליוציע ארויסגעוויזנ, ווי די אײנציקע אָנפירנדיקע קראפט פונ די מיליאָניקע מאסנ פונעמ ארבעטספאָלק פונ שטאָט אונ דאָרפ“ (סטאלינ).

ענדלעכ, טאקע אפ די לעקציעס פונ 1848 יאָר באזירט זיכ די מארקס-לענינשע לערע וועגנ דער אומופהערלעכער רעוואָליוציע, וועגנ דער אריבערוואקסונג פונ דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א רעוואָליוציע א פראָלעטארישער, א סאָציאַליסטישער. די באָלשעוויסטישע פארטײ מיט לענינענ אינ דער שפיצ האָט געניאַל אויסגענוצט די דערפארונג פונ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר אונ די רעוואָליוציאָנערע ירושע פונ מארקסנ אונ ענגעלסנ. די באָלשעוויסטישע פארטײ האָט זי אנטוויקלט אינ אָנווענדונג צו די נײַע באדינגונגענ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונ פראָלעטאריאט אינ דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, וואָס קומט פאָר אינ דער עפּאָכע פונ אימפעריאַליזמ, אינ א לאנד מיט א מער קאָנצענטרירטנ פראָלעטאריאט, וועלכער האָט שוינ געשאפנ זײַנ קאָנסעקווענט-רעוואָליוציאָנערע שלאכט-פארטײ, א באוואָפנטע מיט דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע אונ א צונויפגעשמידטע מיט אנ אײַזערנער דיסציפלינ.

דאָס אריבערוואקסנ פונ דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א פראָלעטארישער פונ פעווראל ביז אָקטיאבער 1917 יאָר, די זיגרײַכע סאָציאַליסטישע בויונג פונ אונדזערע טעג — דאָס אלצ איז א רעזולטאט פונ דער אײנציק ריכטיקער, קאָנסעקווענט-רעוואָליוציאָנערער טאקטיק פונ די באָלשעוויקעס אינ דער רוסישער רעוואָליוציע פונ די יאָרנ 1905—1917, געשטיצט אפ דער דערפארונג פונ מארקסנ אונ ענגעלסנ.

קאפיטל VI

דער קאמפ פאר אומאָפּהענגיקייט און דער בירגער־קריג אין צאָפּן־אמעריקע

24. די מילכאָמע פאר אומאָפּהענגיקייט

די קאָלאָניזאציע פון צאָפּן־אמעריקע

די שפאניער האָבן אנטדעקט אמעריקע אין 1492 יאָר. די קאָלאָניזאציע פון צאָפּן־אמעריקע דורכ די שפאניער האָט זיכ אָנגעהויבן אין דער זעלבער צײַט, דעריקער אין די גרענעצן פון דער טעריטאָריע פון צענטראל־אמעריקע. אין XVI יאָרהונדערט האָט שפאניע שוין פארנומען גרויסע געגנטן אויכ אין די דאָרעמדיקע טיילן פונעם צאָפּן־אמעריקאנישן קאָנטינענט—די נײַע מעקסיקע, פלאָרידע, טעכאס און קאליפאָרניע.

פון אָנהייב XVII יאָרהונדערט האָבן נאָכ דרײַ לענדער — פראנקרײַכ, האָלאנד און ענגלאנד — זיכ באטייליקט אין קאָלאָניזירן דעם אמעריקאנישן קאָנטינענט. פראנקרײַכ האָט פארנומען קאָלאָסאלע שיטער־באפעלקערטע געגנטן אין די טיפּערדישן פון לאנד, הינטער די אלעגאנער בערג, לענגויס דעם טײַכ מיסיסיפּי און דעם טײַכ סענט־לאָרענס, אײַנשליסנדיק אהער די גאנצע געגנט פון דער איצטיקער קאנאדע. האָלאנד האָט אָנהייב XVII יה. געגרינדעט אפן אָרט פונעם איצטיקן ניו־יאָרקער שטאט א קאָלאָניע, וואָס זי האָט אָנגערופן „נײַ־האָלאנד״.

צולעצט, אין 1609 יאָר הייבט זיכ אָן און עס גייט מיט שנעלע טעמפּן די אײַנוואנדערונג פון ענגלענדער אין אמעריקע; די ענגלישע קאָלאָניעס האָבן גיכ אריבערגעיאָגט די אמעריקאנער קאָלאָניעס פון אנדערע לענדער, סײַ לויט דער צאָל באפעלקערונג סײַ לויט דערווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג.

אין 1664 יאָר האָבן די ענגלענדער ארויסגעשטויסן פון אמעריקע די האָלענדער. אין 1763 יאָר, נאָכ דער מילכאָמע מיט פראנקרײַכ, האָט ענגלאנד פארכאפּט אלע זײַנע קאָלאָניעס, כוץ איין געגנט לויזיאנע (שפּעטער, אין 1803 יאָר, האָבן די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע זי אָפּגעקויפט). אין דעם זעלבן יאָר האָט ענגלאנד אָנגעהויבן אָנגרייפן אפ די שפאנישע פּראָווינצן און האָט בא שפאניע אָפּגענומען פלאָרידע.

דער ניצאָכן פון ענגלאנד איבער זײַנע קאָנקורענטן אין אמעריקע דערקלערט זיכ מיט דער גיכער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין ענגלאנד און מיט זײַן ניצאָכן איבער שפאניע, האָלאנד און פראנקרײַכ אין קאמפ פאר דער אלוועלטלעכער האנדל־אינדוסטריעלער הערשאפט.

דער פאַרשיידענער כאַראַקטער פונ די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס

די פראַנצויזישע קאָלאָניעס זײַנענ געווענ הויפּטזאַכלעכ האַנדל-מיליטערישע ייִשוּווים (פאַקטאָריעס). די הויפּט-באַשעפטיקונג פונ די פראַנצויזישע קאָלאָניסטנ איז געווענ דער האַנדל מיט די אינדיאַנער, באַ וועלכע די פראַנצויזנ פלעגנ קויפנ אונ אויסבײַטנ שפּאָט-ביליק דאָס טײַערסטע רויכוואַרג אונ אַנדערע סכוירעס. די שפּאַנישע אונ האָלענדישע קאָלאָניעס האָבנ אויכ געפירט א האַנדל מיט די אינדיאַנער. דערבײַ האָט אינ די שפּאַנישע קאָלאָניעס, ווי אויכ אינעם דאָרעמדיקנ טייל פונ די פראַנצויזישע קאָלאָניעס, זיכ איינגיכנ אַנטוויקלט, אָנהייבנדיק פונ דער מיט XVII יה., די פּראָדוקציע פונ טאַבעק אונ צוקער-ראָר אַפ גרויסע פּלאַנטאַציעס, וו' עס האָבנ געאַרבעט שקלאַפנ — אינדיאַנער אונ שפּעטער אויכ נעגערס.

די ערשטע צײַט האָבנ זיכ די ענגלישע אונ האָלענדישע קאָלאָניעס ווייניק אונטערשיידט פונ די שפּאַנישע.

דער צוזאַמענשטויס פונ די קלאַסנ-אינטערעסנ באַם קאָלאָניזירנ. די קאָלאָניזאַציע פונ צאָפנ-אַמעריקע דורכ ענגלאַנד

אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פונ דער וואָל-אינדוסטריע אינ ענגלאַנד אונ מיטנ אַריבערגייִנ אינ XVIII—XVII יה. צו אינטענסיווער ווירטשאַפט, וואָס האָט מיטגעבראַכט צום אַראָפּטרײַבנ די פּויערים פונ דער ערד, זײַנענ דאָרט די פּויערים איינגיכנ געבליבנ אָנ ערד. דאָס האָט געבראַכט צו א פּויערשער עמיגראַציע פונ ענגלאַנד אינ זײַנע אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס אינ XVIII—XVII יה.

באַם קאָלאָניזירנ אַמעריקע האָבנ זיכ צוזאַמענגעשטויסנ די קלאַסנ-אינטערעסנ פונ דעמ ענגלישנ אַדל אונ פונ די ענגלישע פּויערים. דאָס פּויערטום, וואָס איז פאַרטריבנ געוואָרנ פונ דער ערד, האָט גערעכנט צו באַקומענ ערד, אַריבערקלײַבנדיק זיכ אינ דער „נײַער וועלט“. אָבער דער אויבערשיכט פונעמ אַדל, די מעיוכעסדיקע לאָרדנ, ווי אויכ די רײַכע סאָכרימ האָבנ שוינ באַוויזנ צו באַקומענ אַפ דער דאָזיקער ערד גראַמעטעס פונעמ ענגלישנ קיניג אונ האָבנ פאַר זיכ פאַרכאַפּט אומגעהייער גרויסע שטרעקעס ערד אינ די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס.

אינ דאָרעמ-זײַט, וו' עס האָט געלוינט פּלאַנצנ טאַבעק אונ רײַז מיט דער הילפ פונ שקלאַפנ-אַרבעט, האָט דער ענגלישער פּויער דער איבערוואַנדערער אונ דער קליינער פּערמער אינעמ קאַמפ פאַר ערד זיכ צוזאַמענגעשטויסנ מיט די גרויסע פּלאַנטאַטערס די שקלאַפנ-אייגנטימער.

אַפ צאָפנ, וו' די שקלאַפנ-אַרבעט האָט ניט געלוינט, האָט דער קאָלאָניסט געמוזט אַרענדירנ די ערד באַם ענגלישנ אַדעליקנ, וואָס האָט געהאַט אַפ איר א גראַמעטע פונעמ ענגלישנ קיניג.

אַזויאַרום האָט דאָס קליינפּויערטום, סײַ אינ צאָפנ אונ סײַ אינ דאָרעמ, זיכ צונויפגעשטויסנ מיט די גרויסע ערדבאַזיצער, וואָס האָבנ פאַרכאַפּט די ערד.

דאָס אויסראָטנ די אינדיאַנער

די ערד-אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט פאַרכאַפּט די ערד אינ אַמעריקע, האָט זיכ צוזאַמענגעשטויסנ אויכ מיט דער אָרטגעבוירטיקער באַפעלקערונג — מיט די אינדיאַנישע שוואָטימ. די שפּאַניער האָבנ אינ דאָרעמ שוינ געטראָפנ שקלאַפנטום באַ די אָרטגעבוירטיקע אונ האָבנ געמאַכט פאַר זייערע שקלאַפנ באַ 5 מיליאָנ אינדיאַנער אונ געצוווּנגענ זיי צו אַרבעטנ אינ די גרויסע לאַנדגיטער אונ אויכ אינ די אונטערערדישע גרובנס, קעדיי אַרויסצובאַקומענ זילבער.

דער ענגלישער אדל האָט אויכ געפרוווט פארשקלאַפנ די אינדישע שוואָטימ פונ צאָפנ-אמעריקע, אָבער דאָ האָבנ די אינדישע שוואָטימ, וואָס זײַנענ נאָכ ניט געהאַט ארויס פונ דער סטאַדיע פונעמ שטאמ-שטייגער, זיכ ביטער אנטקעגנגעשטעלט דעמ פרווו צו פאר-וואנדלענ זיי אינ שקלאַפנ; זיי זײַנענ אוועק אינ די וועלדער אונ סטעפּעס פונעמ ראַכ-וועסדיקנ ניט באַוווינטנ מערעוו. דערוויסנדיק זיכ, אז די ווײַסע האָבנ גענומענ אינדי-אַנער אינ געפענקעניש אונ צווינגענ זיי צו ארבעטנ אפ זייערע פלאַנטאַציעס, זײַנענ די אינדישע שוואָטימ באַפאלנ די דאָזיקע פלאַנטאַציעס, אונ געפרוווט באַפרײַענ זייערע קרוי-זימ די געפאנגענע.

די ענגלישע קאָלאָניזאַטערס, פונקט ווי די קאָלאָניזאַטערס פונ אנדערע לענדער, האָבנ זיכ גערוקט אלצ טיפער אינ לאַנד, אראָפּטרײַבנדיק די אינדיאַנער פונ דער ערד, וווּ זיי זײַנענ געזעסנ, פארניכטנדיק דערבײַ גאנצע אינדישע שוואָטימ.

ביזנ לעצטנ פערטל פונ XVIII יה. האָבנ די אינדישע שוואָטימ ארויסגעוויזנ א העפּ-טיקנ ווידערשטאַנד קעגנ די פרווונ צו קאָלאָניזירנ די געגנט, וואָס געפינט זיכ צו מערעוו צו פונ די אלעגאַנישע בערג. אפנ צאָפנ פונ די דאָזיקע בערג האָבנ מיט דערפאָלג געקעמפט קעגנ די ווײַסע דער פארבאַנד פונ די איראָקעזישע שוואָטימ. די געגנט אינ דאָרעמזײַט פונ אלעגאַנ האָט פארטיידיקט דער קריגערישער שייוועט קריק. מער צוטריטלעכ פאַר דער קאָלאָ-ניזירונג, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, איז געווענ דער וועג דורכנ באַרג-דורכגאַנג אינ צענטער פונ די אלעגאַנענ. דער דאָזיקער וועג האָט געפירט אינ טאָל פונ דעמ טײַכ אָהאַיאָ. מיט דעמ דאָזיקנ וועג האָבנ צומ 1883 יאָר געהאַט איבערגעוואַנדערט אפנ מערעוו בא 50 טויזנט קאָ-לאָניסטנ.

ווײַס-שקלאַפערײַ

די ערד-אריסטאָקראַטיע האָט אינ די אמעריקאַנישע קאָלאָניעס געפרוווט פארוואנדלענ אינ שקלאַפנ אָדער אינ לײַבאייגענע יענע פויערימ, וואָס האָבנ אײַנגעוואַנדערט קיינ אמעריקע. דאָס אריבערפאָרנ פונ אייראָפּע קיינ אמעריקע האָט געקאָסט זייער טײַער, אונ א סאַכ איבערוואַנדערער האָבנ קיינ געלט ניט געהאַט אפ די דאָזיקע רײַזע-הוצאָעס. באַזונדערע אגענטנ פונ די טראַנספּאָרט-קאָמפּאַניעס פלעגנ ווערבירנ אינ די לענדער פונ אייראָפּע די, וואָס ווילנ אריבערפאָרנ קיינ אמעריקע, אונ פלעגנ זיי פאָרלייגנ אונטערשרײַבנ אנ אָפּמאַכ, לויט וועלכנ זיי האָבנ זיכ פארפליכטעט פארנ אריבערפאָרנ אָפּצודינענ ווי שקלאַפנ 4 אָדער 5 יאָר. ווענ מע פלעגט די „פארקאָנטראַקטירטע" ברענגענ צו פירנ אינ די אמעריקאַנישע האַפנס, פלעגט מענ זיי דאָ פארקויפנ פונ אאוקציאָנ אלס שקלאַפנ. אינ שקלאַפערײַ פלעגנ ארײַנפאלנ אויכ יענע קאָלאָניסטנ, וואָס די וווכערניקעס האָבנ געפּענטעט מיט כויוועס.

צוגלײַכ מיטנ פארקויפנ די עמיגראַנטנ אינ שקלאַפערײַ פלעגט אינ דער לאַגע פונ א שקלאַפ ארײַנפאלנ דער מענטש, וואָס איז געווענ פארמישפּעט אינ ענג-לאַנד פאַר אוואָסער-ניט-איז פארברעכנ אונ וואָס איז פארשיקט געוואָרנ אפ צוואַנג-ארבעט אינ די אמעריקאַנישע קאָלאָניעס. ביז XVIII יה. האָט מענ פונ ענגלאַנד געהאַט פארשיקט קיינ אמעריקע 50 טויזנט אזוינע ווײַסע שקלאַפנ. אויב די פאר-קויפטע עמיגראַנטנ אונ באַלכויוועס האָבנ געווײנלעכ געמוזט דינענ 4—5 יאָר, האָבנ די פארמישפּעטע פאַר א פארברעכנ געדינט פונ 7 ביז 14 יאָר. אונ אפילע ווענ דער דאָזיקער טערמינ האָט זיכ געענדיקט, פלעגנ די ווײַסע שקלאַפנ מערסטנ-טייל ניט באַקומענ קיינ פרײַהײַט. אויסניצנדיק די שווערע לאַגע פונ די שקלאַפנ, פלעגנ די פּלאַנטאַטערס שליסנ מיט זיי פארשקלאַפנדיקע אָפּמאַכנ אויכ אפ דער ווײַטערדיקער צײַט.

די פּרוּוון צו פאַרשקלאַפן די פּויערים

די גרויסע ערד-אייגנטימער אין די צאָפנדיקע און אין די מי־טעלע קאָלאָניעס (מאַסאַטשוסעטס, ראָד-אײַלענד, ניו-געמפּשיר, קאָנעקטיקעט, ווי אויך אין נײַ-האָלאַנד אא.) פּלעגן דערלויבן די פּויערים צו באַזעצן זיך אַף זייער ערד בלויז מיטן טנאַי, זיי זאָלן טראָגן גרויסע פּליכטן. די ערשטע צוויי יאָר זײַנען די פּויערים געווען באַפרײַט פון אָפּצאָלונגען און פּליכטן, און דערנאָך האָבן זיי געמוזט צאָלן לײַב-שטײַער, אָפּאַרבעטן פאַנשטשינע אָדער אָפּצאָלן ארענדע-געלט. אַזוי־אַרום פּלעגן די פּויערים ווערן אָפּהענגיק פון די ערדבאַזיצער, בא וועלכע זיי האָבן באַקומען ערד.

אין די צאָפנדיקע קאָלאָניעס איז דאָס ווײַסע שקלאַפערײַ און די לײַבייגנ־טימערישע אָפּהענגיקײַט ניט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט איבער גרויסע סיבעס. דאָ איז די ערד געווען אַ שטיינערדיקע און ווייניק פּרוכטבאַרע און האָט גע־פאָדערט אַ זאָרגזאַמע באַאַרבעטונג. דעריבער האָט זיך דאָ די שקלאַפערישע צוואַנג־אַרבעט ניט געלוינט. אַכוץ דעם, איז די באַפעלקערונג געווען פאַרהעלטניסמעסיק שיטערער, עס איז געווען אַ סאַך פּוסטע ערד און אויב דער ערדבאַזיצער האָט געפּרוּווט אָנווענדן שטרענגע צוואַנג-מיטלען, האָט דער פאַרשקלאַפטער פּויער גע־קאָנט אַנטלויפן אַף מײַרעוו, ווו עס איז געווען פרײַע ערד. אַכוץ דעם, האָט זיך אין צאָפן אַנטוויקלט די אינדוסטריע, דער שיפבאַנג, די האַנטווערקערײַ, און די אַרבעט פון די פרײַע אַרבעטנדיקע האָט אַרויסגעשטויסן די ווייניק פּראָדוק־טיווע צוואַנג-אַרבעט.

דאָס ווײַסע שקלאַפערײַ אין דאָ־רעם

אַן אַנדער לאַגע איז געווען אין דאָרעם. אין די דאָרעמדיקע קאָלאָניעס איז געווען אַ הייסער קלימאַט און אַ פּרוכטבאַרער, ניט אויסגעצערטער, אומגעררירטער באָדן. אַפילע בא דער ווייניק פּראָדוקטיווער צוואַנג-אַרבעט און בא דער שלעכטער באַ־אַרבעטונג פונעם באָדן האָבן די פאַרזייען פון טאַבעק און רײַז געגעבן גרויסע גערעטענישן. אָנהייב XVII יה. האָבן די גרויסע ערדבאַזיצער פון דאָרעם געגעבן די קאָלאָניסטן באַזונדערע ערדכאַלאָקים און האָבן געפאָדערט פון זיי דערפאַר צו אַרבעטן פאַנשטשינע און צאָלן לײַב-שטײַער. אָבער פון מיטן יאָרהונדערטס איז אומעטום אָנערקענט געוואָרן, אַז עס לוינט בעסער אַריבערצו־גייען צו קאָנצענטרירטער פּראָדוקציע און אָנווענדן שקלאַפן-אַרבעט. ביז אינמיטן XVII יה. האָבן אַף די פּלאַנטאַציעס אין דאָרעם געאַרבעט הויפּטזאַכלעך צײַט־ווײַליקע ווײַסע שקלאַפן פון צווישן די „פאַרקאָנטראַקטירטע דינער". קיין רע־זערוון ניט פאַרנומענע ערד איז אין דאָרעם ניט געווען, ווײַל די גאַנצע ערד האָבן פאַרכאַפּט די פּלאַנטאַטערס און פון דאָרעם-זײַט און מײַרעוו-זײַט זײַנען ביזן 1763 יאָר געלעגן ניט קיין „פרײַע" ערד, נאָר שקלאַפן-אייגנטימערישע קאָ־לאָניעס פון שפּאַניער און פראַנצויזן.

שוואַרצע שקלאַפן

פון דער מיט XVII יה. הייבט מען אָן שנעל פאַרבײַטן די ווײַסע שקלאַפן אַף שוואַרצע, אַף נעגערס. די סיבעס דערפון זײַנען געווען אַזעלכע: די ווײַסע זײַנען געווען צײַטווײַליקע שקלאַפן און אין 4—7 יאָר אַרום פּלעגן זיי ווערן פרײַ, בייס דער נעגער איז געבליבן אַ שקלאַף דאָס גאַנצע לעבן. דאָס אויסהאַלטן אַ ווײַסן שקלאַף האָט געקאָסט טײַערער, איידער אַ נעגער, ווײַל די נעגערס, וואָס מע האָט אַרײַנגעפירט פון אַפריקע, זײַנען גע־

שטאַנען אפ זייער א נידעריקן קולטור-ניוואָ פונ אנטוויקלונג, האָבנ ווייניק וואָס געפאָדערט אונ דערצו האָבנ זיי זיכ אויסגעצייכנט מיט א גרויסער קראַפט אונ אויסגעהאַלטנקייט, בייס די ווייסע, וואָס זײַנען ניט געווענ צוגעווינט צום טראָפּישנ קלימאַט פונ די דאָרעמדיקע קאָלאָניעס, פלעגנ לייכט קראַנק ווערנ אפ מאַליאַריע אונ אנדערע טראָפּישע קרענק אונ פלעגנ אינ א גרויסער צאָל אויסשטאַרבנ.

די פלאַנטאַציעס האָבנ געגעבנ האַכנאָסע בלויז אזוי לאַנג, ווי די ערד איז ניט געווענ אויסגעצערט. ווענ די פלאַנטאַטערס פלעגנ אויסצערנ א באַצירק ערד, פלעגנ זיי געוויינלעכ פאַרברענענ די צײַטווײַליקע באַראַקעס, ווײַל געהילצ איז געווענ ביליק אונ מיט די שקלאַפנ פלעגט מענ זיכ ווײַטער רוקנ אפ נײַע באַצירקנ.

אפ דער מערהײַט פלאַנטאַציעס האָבנ די שקלאַפנ געאַרבעט אינ פעלד ניט אינ קיינ גרויסע גרופּעס, צו 10 מענטשנ. א באַזונדער שמײַסער (דרײַווער) פלעגט אונטערטרײַבנ די שקלאַפנ מיט א בײַטש. דער דרײַווער איז געוויינלעכ אליינ אויכ געווענ א שקלאַפ. איבער עטלעכע גרופּעס פלעגט זיכ געפינענ איינ אופזעער (אָווערסיר), געוויינלעכ א ווײַסער, וואָס איז געווענ א לוינ-אָנגעשטעלטער. די שקלאַפנ האָבנ געוווינט אינ ספּעציעלע אַלגעמיינע קאַזאַרמעס, וואָס זײַנענ געוויינלעכ באַשטאַנענ פונ א קעלער, אינ וועלכנ מע פלעגט האַלטנ אינ קייטנ די ניט לאַנג געבראַכטע שקלאַפנ, אונ פונ א געבײַדע אפ דער ערד, אינ וועלכער עס האָבנ געוווינט די „פאַרהיימישטע” שקלאַפנ, וואָס פונ זיי האָט מענ די קייטנ אַראָפּגענומענ, אָדער שקלאַפנ דערצויגענע אינ דער קנעכטשאַפט. אפ די רײַז-פלאַנטאַציעס פלעגט מענ באַגינענ געבנ יעדנ שקלאַפ א באַזונדער פאַרגעבונג אונ אינאָווענט האָט דער שמײַסער קאָנטראָלירט, צי האָט דער שקלאַפ אויסגעפילט די אַרבעט, אונ אויב ער האָט זי ניט אויסגעפילט, פלעגט מענ דעם שקלאַפ אכזאָריעסדיק באַשטראָפנ. באַנאַכט האָט דער שקלאַפ ניט געהאַט דאָס רעכט אוועקצוגיינ פונ דער היים. אפ באַנאַכט פלעגנ די פלאַנטאַטערס אַראָפּלאָזנ די הינט פונ די קייטנ, אונ יעדער ווײַסער, וואָס פלעגט באַנאַכט באַגעגענענ א שקלאַפ אויסער דער קאַזאַרמע, האָט אים געקאָנט דערהאַרגענענ, אויב דער נעגער האָט ניט געהאַט קיינ צעטעלע פונ באַלעבאָס, אז ער איז געשיקט לויט א דרינגענדיקנ איניאָנ.

די קלאַסנ־ווי־דערשפּרוכנ אינ די דאָרעם־קאָלאָניעס

די פרײַע פערמערס, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אינ די דאָרעמדיקע קאָלאָניעס ניט אינ קיינ קליינער צאָל, זײַנענ אינ דער ערשטער העלפט פונ XVII יה., אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער שנעלער אנטוויקלונג פונ דער פלאַנטאַציע-שקלאַפערײַ, אַרויסגעשטויסנ געוואָרנ דורכ די פלאַנטאַטערס פונ די פרוכטבאַרע פלאַכלענדער אינ דעם באָרגיקנ פידמאָנט, אינ דעם אינערלעכנ טייל פונ לאַנד. בא דער אָנוועזנקייט פונ א גרויסער צאָל שקלאַפנ נעגערס (ביז 500 טויזנט פונ $2^1/_2$ מיליאָנ באַפעלקערונג) אונ א גרויסער צאָל ווײַסע שקלאַפנ אונ פערמערישער אָרעמשאַפט אינ דאָרעמ, זײַנענ די קלאַסנ-ווידערשפּרוכנ צווישנ די שקלאַפנ מיט די פלאַנטאַטערס אונ צווישנ די פלאַנטאַטערס מיט די פערמערס געווענ זייער פאַרשאַרפט. די דיסציפּלינ האָט מענ אפ די פלאַנטאַציעס אונטערגעהאַלטנ מיט דער הילפ פונ אכזאָריעסדיקסטע לײַב-שטראָפנ אונ אפילע טויט-שטראָפנ, לויטנ באַפעל פונ די פלאַנטאַטערס אליינ. קעדיי צו האַלטנ אינ געהאָרכזאַמקייט די ווײַסע באַפעלקערונג, די קליינע פויערים אונ פערמערס, וואָס האָבנ ניט אופגעהערט צו קעמפנ פאַר ערד, האָבנ די פלאַנטאַטערס אויכ פאַר זיי אײַנגעשטעלט אכזאָריעסדיקע שטראָפנ לויטנ געריכט: טויטשטראָף, שמײַסנ מיט ריטער, אַרויסשטעלנ צום שאַנד-סלופּ אינ שווערע הילצערנע קלאַמערנ, וואָס מע פלעגט אָנטאָנ אפנ האַלדז, אונ אנדערע שטראָפנ.

די פּאָליטישע מאכט אינ דאָרעמ האָט זיכ געפונענ אינ די הענט בא די גרויסע פּלאַנטאַטערס. בלויז גרויסע ערדבאַזיצער (אונ אינ אייניקע קאָלאָניעס אויכ רײַכע סאָכרימ) האָבנ געקאָנט אויסגעווײלט ווערנ אינ די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגענ, וואָס האָבנ עקזיסטירט בא די גובערנאַטערס, וועלכע דער ענגלישער קיניג פּלעגט באַשטימענ.

די צאָפּנדיקע קאָלאָניעס (נײַ־ענגלאַנד)

ביז די לעצטע יאָרצענדליקער פונ XVIII יה. זײַנענ אַלע ענגלישע קאָלאָניעס געווענ הויפּטזאַכלעכ אַגראַר־קאָלאָניעס. מיט לאַנדווירטשאַפט האָט זיכ אינ אַלע קאָלאָניעס באַשעפטיקט העכער $^{9}/_{10}$ פונ דער באַפעלקערונג (פונ 90 פּראָצ. אינ די צאָפּנדיקע קאָלאָניעס ביז 97 פּראָצ.— אינ די דאָרעמדיקע). אינ די דאָרעמ־קאָלאָניעס, ווו מע האָט ברייט אָנגעווענדט שקלאַפנ־אַרבעט, איז קיינ אַנדער אינדוסטריע אויסער הויז־אינדוסטריע קימאַט ניט געווענ. גאָר אַנ אַנדער בילד איז געווענ אינ די צאָפּנדיקע קאָלאָניעס: מאַסאַטשוסעטס, ראָד־אײלענד, ניו־געמפּשיר אונ קאָנעקטיקעט, וועלכע האָבנ זיכ אינ 1642 יאָר פאַראייניקט אינ איינ פאַרבאַנד מיטנ נאָמענ „נײַ־ענגלאַנד“. פאַר דער קולטור פונ טאַבעק אונ רײַז איז דער קלימאַט דאָ ניט געווענ קיינ פּאַסיקער. די ערשטע אײַנוואַנדערער האָבנ לויטנ מוסטער פונ די אינדיאַנער געזייט אינ די דאָזיקע קאָלאָניעס קוקורוזע (מאַיִס). זיי פלעגנ אונטערצינדנ וואַלד (דאָס לאַנד איז געווענ באַדעקט מיט וועלדער) אונ דערנאָכ צווישנ די אָפּגעברענטע שטאַמענ פונ די ביימער, אַפ דער ערד, וואָס איז געוואָרנ באַמיסטיקט מיטנ אַש, האָבנ זיי געזייט קוקורוזע. א יאָר — צוויי פלעגנ זיי אַראָפּנעמענ א גוטע גערעטעניש. דערנאָכ פלעגנ זיי די אויסגעצערטע ערד פאַרלאָזנ, אַריבערגייענ אַפ א נײַ אָרט אונ ווידעראַמאָל ברענענ נײַע וועלדער.

צוגלײַכ מיט דער ערדאַרבעט האָט זיכ אינ צאָפּנ אַנטוויקלט א האַנטווערקערישע אינדוסטריע אונ א מאַנופאַקטור־אינדוסטריע, דה. א קאַפּיטאַליסטישע, אָבער נאָכ אָנ מאַשינעס. דאָס ערשטע אָרט האָבנ פאַרנומענ די געווערבנ פונ שיפ־בוינג אונ פונ געהילצ. דער אויסגעצייכנטער בוי־מאַטעריאַל פונ די וועלדער האָט געגעבנ די קאָלאָניסטנ די מעגלעכקײַט צו בויענ ביליק שיפנ, אונ סאָפ XVIII יה. איז $^{3}/_{4}$ האַנדל צווישנ צאָפּנ־אַמעריקע מיט אייראָפּע פאָרגעקומענ אַפ אַמעריקאַנישע שיפנ. די רײַכע פישפאַנג־געווערבנ פונ די ברעגנ פונ די צאָפּנדיקע שטאַטנ האָבנ געפאָדערט צו בויענ אויכ שיפנ פאַר פישפאַנג אונ וואַלפיש־יאַגד. דזעגעכצ, פּאָטאַש, פעסל־ברעטער, קלעפּקע, געהילצ פאַר געבײַדעס — דאָס אַלצ פלעגט מענ אַרויספירנ קיינ ענגלאַנד אונ פּראָדוצירנ פאַר די נויטנ פונ די שטעט אונ האַנטווערקערישע ייִשוווימ אינ אַמעריקע. אַכוצ דעמ, האָט זיכ דאָ פונ דער סאַמע גרינדונג פונ די קאָלאָניעס אַנטוויקלט א טעקסטיל־אינדוסטריע. סאָפ XVIII יה. האָט מענ אינ לאַנד אומעטומ פּראָדוצירט גראָבע סאָרטנ וואָל־געוועבנ. אינ יענער צײַט קומענ אופ באַוול־מאַנופאַקטורנ — שפּינערײַענ אונ וועבערײַענ, ווו עס פלעגנ אַרבעטנ צו 200—300 אַרבעטער אונ לערנייִנגלעכ. שמידערײַענ, גוס־וואַרשטאַטנ, אײַזנ־איבעראַרבעטנדיקע וואַרשטאַטנ, מאַנופאַקטורנ פונ גלאָז, לעדער, געווער אא. אַנטוויקלענ זיכ מיט דערפאָלג אינ אַמעריקע, איבערהויפּט אינ די צאָפּנדיקע קאָלאָניעס.

אָבער סײַ אינ צאָפּנ סײַ אינ דאָרעמ זײַנענ די הערשנדיקע קלאַסנ געווענ די

גרויסע ערדבאזיצער. דער אונטערשייד איז באשטאנען בלויז אין דעם, וואָס אין די דאָרעם־קאָלאָניעס זיינען בא דער מאכט געשטאנען פּלאַנטאַטערס שקלאַפּן־אייגנטימער, און אין די צאָפנדיקע — גרויסע ערדבאזיצער, וואָס פלעגן אָפּגעבן די ערד אין ארענדע צו די קאָלאָניסטן.

די מיטל־אַט־לאַנטישע קאָלאָ־ניעס

די מיטעלע קאָלאָניעס, וואָס זיינען געלעגן בא דער ברעג־זאָ־נע פון עם אטלאַנטישן אָקעאַן, באזונדערס פענסילוואַניע און ניו־דזשערסי, זיינען געווען „ווייצענע" קאָלאָניעס.

דאָס אָנווענדן שקלאַפן־ארבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט איז דאָ געווען ניט באַדייטנדיק, די שקלאַפן האָט מען אויסגעניצט בלויז אף הויז־ארבעט, אלס האַנטווערקער און אויך אלס שווארצארבעטער אין די גוט־ווארשטאַטן, באַם אָנלאָנדן אדג. אין די מיטעלע קאָלאָניעס איז די הויפּט־מאַסע באַשטאַנען פון קליין־אייגנטימער פערמערס. פון פענסילוואַניע איז דורכן טאָל פון דעם טייך אָהייאָ געלעגן קימאַט דער איינציקער באקוועמער וועג אף מייַרעוו. מיט דעם וועג האָבן זיך באַוועגט די איבערוואַנדערער.

די פּרווון איינצושטעלן פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן אין די דאָזיקע קאָלאָניעס האָבן ניט געהאַט קיין דערפאָלג. אין פענסילוואַניע פלעגן די קאָלאָניסטן ווירקלעך פארכאַפּן די ערד און פלעגן זיך ניט רעכענען מיט די רעכט פון די אייגנטי־מער. סאָף XVII יאָרהונדערט האָבן זיי אף א רעוואָליוציאָנערן וועג אראָפּ־געוואָרפן די מאכט פון די אייגנטימער אין דער קאָלאָניע. אין XVIII יאָרהונ־דערט איז פענסילוואַניע געווען די איינציקע קאָלאָניע, ווו די פערמערס, און די האַנטווערקער האָבן איינגעשטעלט אַלגעמיינע וואַלרעכט. דער וויכטיקסטער האַנדל־אינדוסטריעלער צענטער פון אמעריקע פון XVIII יה. איז געווען די הויפּט־שטאָט פון פענסילוואַניע, פילאַדעלפיע, מיט א באַפעלקערונג פון העכער 20 טויזנט. דאָ האָבן געלעבט סאַכרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די דאָרעמדיקע קאָלאָני־עס און רייַכע פּלאַנטאַטערס פון דאָרעם.

אין די צאָפנדיקע און טיילווייַז אין די מיטעלע קאָלאָניעס האָבן סאָף XVIII יה. עקזיסירט שאַרפע ווידערשפּרוכן צווישן די גרויסע ערדבאזיצער, וואָס אף זיי האָט זיך געשטיצט די ענגלישע רעגירונג, און דעם פּויערטום, וואָס האָט קיין ערד ניט געהאַט, פון איין זייַט, און צווישן דער בורזשואַזיע מיט די סאָכ־רים — פון דער צווייטער זייַט.

די ווידערשפּרוכן צווישן די קאָ־לאָניעס און ענגלאַנד

כוץ די קלאַסן־ווידערשפּרוכן איז אינווייניק אין די קאָלאָניעס בא גרויסע שיכטן באַפעלקערונג געווען א שטאַרקע אומצו־פרידנקייט קעגן זייער מעטראָפּאָליע — ענגלאַנד. די גרונט־סיבע פון דער אומצופרידנקייט איז געווען די פראַגע וועגן באַזעצן די „פרייַע" ערד צו מייַרעוו צו פון די אַלעגאַנער בערג. אין 1763 יאָר האָט דער ענגלישער קיניג ארויסגעגעבן א געזעץ, אז די נייַע ערד אינעם אינערלעכן טייל צאָפן־אמעריקע, וואָס איז געווען פאַרכאַפּט בא פראַנק־רייַך, געהערט צום ענגלישן קיניג. אף דער דאָזיקע ערד האָט דער קיניג פאַרבאָטן וועמען־ניט־איז זיך צו באַזעצן.

דער דאָזיקער געזעץ איז ארויסגעגעבן געוואָרן צוליב די אינטערעסן פון די גרויסע ערדבאזיצער אין די צאָפנדיקע קאָלאָניעס, ווייל ער האָט פאַרשווערט די


ענגלישע קאָלאָניעס
אינ צאָפנ=אַמעריקע
אינ פעריאָד פונ דער מילכאָמע פאַר אומאָפּהענגיקייט
די גרענעצ פונעמ באַזעצטנ טייל ענגלישע קאָלאָניעס.
באַזונדערס געדיכט-באַזעצטע ראַיאָנענ.
ניו-יאָרק
פענסילוואַניע
באָסטאָנ
מאַס.
פילאַדעלפיע
מערילענד
דעלאַווער
צאָפנ-
קאַראָלינע
דאָרעמ
קאַראָלינע
דזשאָרדזשיע
מיינ
נ. אָרלעאַנ

איבערוואנדערונג פון די פויערים אפ מײַרעוו. ער האָט דעריבער אופגערעגט דאָס פויערטום אין די קאָלאָניעס קעגנ דעם ענגלישנ קיניג. די פלאנטאטערס פון דאָרעמ זײַנען אויכ ניט געווענ צופרידנ מיטנ דאָזיקנ געזעצ, ווײַל די פלאנטאציע־ווירטשאפט האָט גיכ אויסגעצערט די ערד און די פלאנטאטערס האָבנ געמוזט האָבנ נײַע פרוכטבארע ערד, וואָס איז געלעגנ הינטער די אלעגאנענ. סאָפ XVIII יה. איז די ערד אינ די אלטע ראיאָנענ פון ווירדזשיניע, פון דער צאָפנדיקער און דאָרעמדיקער קאראָלינע און אינ אנדערע קאָלאָניעס פון דאָרעמ געווענ אפ אזויפיל אויסגעצערט, אז אינ א רײ פאלנ זײַנען די פלאנטאטערס געווענ געצווונגענ אָפצולאָזנ די שקלאפנ און אופהערנ פירנ די פלאנטאציע־ווירטשאפט.

א צווייטע סיבע פון דער פארשארפונג פון די ווידערשפרוכנ איז געווענ ענגלאנדס האנדל־אינדוסטריעלע פאָליטיק. ארויסגייענדיק פון די אינטערעסנ פון דער ענגלישער אינדוסטריע, הייבט אָנ דער ענגלישער פארלאמענט ארויסגעבנ א רײ געזעצנ, וואָס פארבאָטנ, אשטייגער, צו האנדלענ מיט וואָל־אויסארבעטונגענ אינ די אמעריקאנער קאָלאָניעס (1699), צו בויענ אײַזנוואלצ־זאוואָדנ, ארויסצופירנ מאשינעס און קוואליפיצירטע מײַסטערס פון ענגלאנד אינ די קאָלאָניעס אדג. אכוצ דעמ האָט די ענגלישע רעגירונג באלעסטיקט די קאָלאָניסטנ מיט פארשיידענע מינימ אָפּצאָלונגענ. אינ 1763 יאָר איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ א פארלאמענט־באפעל, לויט וועלכנ די אמעריקאנישע קאָלאָניסטנ זײַנען באשטײַערט געוואָרנ מיט הויכע שטײַערנ אינ דער פאָרמ פון שטעמפל־אָפּצאָלנ פאר יעטווידנ געשעפט־אָפּמאכ, פארנ האנדל און אפילע פאר פארקויפנ צײַטונגענ.

דאָס האָט געגעבנ א שטויס צו אנ אָפענער ארויסטרעטונג פון די קאָלאָניסטנ. אינ באָסטאָנ, דער הויפטשטאָט פון די צאָפנדיקע קאָלאָניעס, האָט מענ די טשינשמאָנער אויסגעשמירט אינ דזעגעכצ, באשאָטנ מיט פעדערנ און זײ ארומגעטראָגנ איבער דער שטאָט, באגלייטנדיק די פראָצעסיע מיט אנ אָרקעסטער פון בראָטפענדלעכ און קיכ־טעפ. עס איז דערקלערט געוואָרנ א בויקאָט אפ ענגלישע סכוירעס און אפילע די רײַכע אמעריקאנער האָבנ אופגעהערט טראָגנ טײַערע ענגלישע קליידער און אָנגעהויבנ ניצנ קליידער פון אָרטיקער אויסארבעטונג פון גראָבע וואָל־געוועבנ.

אָבער די ענגלישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט נאָכגעבנ. עמעס, זי האָט אָפּגעשאפט דעמ באפעל וועגנ די שטעמפל־שטײַערנ, אָבער זי האָט ארויסגעשיקט אינ די קאָלאָניעס מיליטער (אינ 1765 יאָר) און דער קיניג האָט ארויסגעגעבנ א געזעצ, אז די קאָלאָניעס מוזנ אומבאדינגט זיכ אונטערווארפנ די פאראָרדענונגענ פונעמ קיניג און פונעמ פארלאמענט. אינ א קורצער צײַט ארום האָבנ די ענגלענדער אָפּגעשיקט קיינ באָסטאָנ א פארטיע טײ, וואָס איז געווענ באפרײַט פונ גרענעצ־אָפּצאָל, אינ דער צײַט ווענ די אמעריקאנער סאָכרימ האָבנ אָט דעמ שטײַער יאָ געמוזט צאָלנ. דאָס איז געווענ אינ דעקאבער 1773 יאָר. ווענ די ענגלישע שיפנ מיטנ ביליקנ טײ זײַנען אָנגעקומענ קיינ באָסטאָנ, איז צונויפגעזאמלט געוואָרנ א מיטינג, אפ וועלכנ עס זײַנען פונ 15 טויזנט אײַנוווינער אינ באָסטאָנ בײַגעווענ 7 טויזנט מענטשנ. בעשאס דעמ מיטינג איז א גרופע אײַנוווינער פון באָסטאָנ, איבערגעטאָנ פאר אינדיאנער, באפאלנ די שיפ און ארײַנגעוואָרפנ 342

קעסטלעכ טיי אינ יאַם אריינ. אזוי האָבנ די אמעריקאַנער סאָכרים זיכ צערעכנט מיט זייערע ענגלישע קאָנקורענטנ. דערפאַר האָט די ענגלישע רעגירונג פאַרמאַכט פאַרנ האַנדל דעמ באָסטאָנער האַפנ.

דער אופשטאַנד פונ די קאָלאָ־ניעס

די ידיעה וועגנ דעמ האָט איבערגעפּולט דעמ בעכער אונ איז געוואָרנ דער מאָטיוו אפ אָנצוהייבנ אנ אופשטאַנד. אינ מאַסאַ־טשוסעטס איז געשאַפנ געוואָרנ א רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וואָס האָט אָנגעהויבנ פאַרגרייטנ געווער. אינ א דריי ערטער האָבנ זיכ אויסגעבילדעט „קאָרעספּאָנדענטנ־קאָמיטעטנ" פונ פאָרשטייער פונ די פּערמערס אונ פונ דער בורזשואַזיע. די קאָמיטעטנ האָבנ אָנגעהויבנ קאָרעספּאָנדירנ צווישנ זיכ אונ האָבנ זיכ געגרייט צונויפרופנ א קאָנגרעס פונ פאָרשטייער פונ אַלע קאָלאָניעס.

אפ דעמ דאָזיקנ קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ 1774 יאָר אינ פילאַ־דעלפיע, איז די מערהייט באַשטאַנענ פונ טאָריס.

דער קלאַסנ־באַשטאַנד פונ די טאָריס

די טאָריס זיינענ געווענ קעגנער פונ א פולשטענדיקנ איבעררייס צווישנ די קאָלאָניעס מיט ענגלאַנד. זיי האָבנ געשטרעבט אָפּצושאַפנ די וויל־קירלעכע פאָרערונגענ אונ אַקטנ פונ דער ענגלישער רעגירונג אונ איינשטעלנ א קאָנטראָל פונ דער אָרטיקער אריסטאָקראַטיע איבער די ענגלישע באַאַמטע אינ די קאָלאָניעס. די דאָזיקע פּאַרטיי איז באַשטאַנענ פונ מענטשנ, וואָס האָבנ געהאַט נוצנ פונ ענגלאַנדס הערשאַפט אינ די קאָלאָניעס. צו איר האָבנ געהערט די ערדבאַזיצער די אריסטאָקראַטנ, וואָס האָבנ באַקומענ פונעמ ענגלישנ קיניג גראַמעטעס אפ קאָלאָסאַלע שטרעקעס, קלייקוידעש, קיניגלעכע ריכטער אונ באַאַמטע, סאָכרימ וואָס האָבנ געהאַט מאָנאָפּאָל־רעכט פונ דער ענגלישער רעגירונג אפ האַנדלענ מיט די אָדער יענע סכוי־רעס אאַז.

ווענ די טאָריס האָבנ זיכ פאַרזאַמלט אפנ קאָנגרעס, האָבנ זיי צונויפגע־שטעלט א ביטשריפט אפנ נאָמענ פונעמ ענגלישנ קיניג, ווו זיי האָבנ מיט דער־נידערונג אימ געבעטנ, ער זאָל גייג אפ האַנאָכעס אונ ניט באַשטייערנ די קאָ־לאָניעס אָנ דער האַסקאָמע פונ די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגענ אינ די קאָ־ניעס (די דאָזיקע געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגענ זיינענ באַשטאַנענ פונ רייכע אריסטאָקראַטנ ערדבאַזיצער, סאָכרימ אונ פּלאַנטאַטאָרס שקלאַפנ־אייגנטימער). אכוץ דעמ האָט דער קאָנגרעס געבעטנ אָפּשאַפנ די באַשרעקונגענ פאַרנ האַנדל אונ אינ־דוסטריע, וואָס דער ענגלישער קיניג אונ דער פּאַרלאַמענט האָבנ געהאַט איינ־געשטעלט, אונ דערלויבנ איבערצוּוואַנדערנ צו מייזרעוו צו פונ די אַלעגאַנער בערג. ווייטער, האָט דער קאָנגרעס געמוזט נאָכגעבנ דעמ דרוק פונ די מער אנטשיידענע עלעמענטנ אונ האָט דערקלערט א בויקאָט אפ ענגלישע סכוירעס. דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסנ זיכ ניט פאַנאַנדערגיינ, ביז ער וועט ניט אויסאַרבעטנ קיינ קאָנ־סטיטוציע (דה. די גרונט־געזעצנ) פונ אָנפירנ מיט די קאָלאָניעס.

דער אָנהייב פונ מיליטערישע אָפּעראַציעס

דערוויסנדיק זיכ וועגנ דעמ, האָט די ענגלישע רעגירונג ארויס־געשיקט מיליטער קיינ אמעריקע, קעדיי מיט גוואַלד צווינגענ די קאָלאָניעס זיכ אונטערוואַרפנ. אינ 1775 יאָר האָבנ זיכ אָנ־געהויבנ מיליטערישע אָפּעראַציעס. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ יענע מילכאָמע, וועגנ וועלכער לענינ האָט געשריבנ:

„די געשיכטע פונ דער נייסטער, ציוויליזירטער אמעריקע הייבט זיכ אָנ מיט

איינער פונ יענע גרויסע, ווירקלעכ באַפרײַערישע, ווירקלעכ רעוואָליוציאָנערע מילכאָמעס, וואָס זײַנעג אזוי ווייניק צווישנ דער קאָלאָסאלער מאסע רויבערישע מילכאָמעס, וועלכע זײַנעג ארויסגערופנ, פונקט ווי די איצטיקע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, דורכ דער רײַסערײַ צווישנ די קיניגנ, פּריצים, קאפּיטאליסטנ באַם צעטיילנ די פארכאַפּטע ערד אָדער די אָנגערויבטע רעוואָכים. יענצ איז געווענ א מילכאָמע פונעם אמעריקאנישנ פאָלק קעגנ די רויבער די ענגלענדער, וואָס האָבנ אמעריקע אונטערדריקט אונ געהאלטנ אינ קאָלאָניאַלער שקלאפערײַ פונקט אזוי, ווי די דאָזיקע „ציוויליזירטע“ בלוטזויגער אונטערדריקנ אונ האלטנ נאָכ ביז איצט אינ קאָלאָניאַלער שקלאפערײַ הונדערטער מיליאָנענ מענטשנ אינ אינדיע, אינ עגיפּטנ אונ אינ אלע עקנ וועלט“.

די ערשטע זײַנענ אָנגעפאלנ די ענגלענדער, וואָס האָבנ געשיקט 300 סאָלדאטנ צו פארכאַפּנ דאָס געווער אונ די קריג-רעזערווג באַ די אמעריקאנער, וואָס האָבנ זיכ געפונענ א מײַל פיר פונ באָסטאָנ. צוערשט האָבנ די ענגלענדער געהאט צעקלאפּט די אופשטענדלער, אָבער דערנאָכ זײַנענ פונ די ארומיקע יישוּווים אונטערגעקומענ קאָלאָניסטנ, וואָס האָבנ גוט געקאָנט באַגיינ זיכ מיט געווער, אונ זיי האָבנ אָפּגעשלאָגנ דעם אָנפאל. די ענגלענדער האָבנ געמאכט פּלייטע. ווענ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מיליטערישע אָפּעראציעס, איז זיכ צונויפגעקומענ דער צווייטער קאָנגרעס (1776 יאָר). אפ דעם דאָזיקנ קאָנגרעס האָט די מערהײַט געהערט שוינ ניט צו די מעסיקע אָנהענגער פונ בלײַבנ באַ דער פארבינדונג מיט ענגלאנד אונ פונ אונטערוואַרפנ זיכ צו דער קיניגלעכער מאכט. איצט זײַנענ אינ דער מערהײַט געווענ די וויגיס אָדער „רעוואָליוציאָניסטנ“, וואָס זײַנענ געשטאנענ פאר א פולשטענדיקנ אָפּטיילנ זיכ פונ ענגלאנד אונ פאר א רעפּובליק.

די דעקלאראציע פונ אומאָפּהענגיקײַט

אפנ קאָנגרעס איז אָנגענומענ געוואָרנ א „דעקלאראציע פונ רעכט פונעם מענטשנ אונ בירגער“, וואָס די וויגיס האָבנ צונויפגעשטעלט, אינ וועלכער עס איז דערקלערט געוואָרנ, אז אלע מענטשנ זײַנענ באַשאפנ געוואָרנ גלײַכע, אז אלע האָבנ זיי דאָס רעכט „אפ לעבנ, אפ פרײַהײַט אונ שטרעבונג צו גליק“, אז דאָס פאָלק האָט דאָס רעכט אראָפּצוּוואַרפנ די מאכט, וואָס שטערט זײַנע אינטערעסנ.

ווײַטער, זײַנענ אינ דער דעקלאראציע געווענ אויסגערעכנט די באַליידיקונגענ, וואָס דער קיניג אונ דער פארלאמענט האָבנ אָנגעטאָנ די קאָלאָניעס אונ עס איז דערקלערט געוואָרנ, אז „די פאראייניקטע קאָלאָניעס זײַנענ אונ האָבנ דאָס רעכט צו זײַנ פרײַע אונ אומאָפּהענגיקע שטאטנ. פונ דער צײַט אָנ ווערנ זיי באַפרײַט פונ יעטווידער אונטערטעניקײַט צו דער בריטאנישער קרוינ, אונ יעטווידע פּאָליטישע פארבינדונג צווישנ זיי מיט דער גרויסבריטאנישער מעלוכע ווערט אינגאנצנ איבערגעריסנ“. אינעם ערשטנ פּראָיעקט פונ דער דעקלאראציע האָט מענ גערעכנט אפילע צו פארניכטנ דאָס שקלאפערײַ אינ אמעריקע. אָבער ווענ די דעלעגאטנ פונ דאָרעם-קאראָלינע אונ פונ אנדערע שקלאפנ-אייגנטימערישע שטאטנ האָבנ זיכ ווענגנ דעם דערוווּסט, האָבנ זיי דערקלערט, אז אויב די שקלאפערײַ וועט פארניכטעט ווערנ, וועלנ די דאָרעמדיקע קאָלאָניעס זיכ אָפּשפּאלטנ אונ איבערײַסנ די מילכאָמע.

די קלאסן־כאַראַקטעריסטיק פון די וויגיס

די גרונט־קראַפט פון די וויגיס איז געווען דאָס פּערמערטום, וואָס האָט געפאָדערט, אַז די פרייַע ערד אין דאָרעם זאָל מען מעגן באַזיצן אָן באַזונדערע קיניגלעכע גראַמעטעס. נאָך די וויגיס זייַנען נאָכגעגאַנגען אויך די אַרבעטער פון די מאַנופאַקטורן, די האַנטווערקער און די קליינבורזשואַזיע פון די שטעט — יענע שיכטן, וואָס האָבן מער פאַר אַלץ געליטן פונעם דרוק פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין די קאָלאָניעס.

צו די רעוואָלוציאָניסטן איז צוגעשטאַנען אויך אַ טייל אַמעריקאַנער בורזשואַזיע, וואָס האָט געהאָפט אויסצוניצן דאָס אָפּטיילן זיך פון ענגלאַנד, כּדי אָפּצונעמען די מאַכט און די ערד באַם ענגלישן אַדל און אַליין פאַרכאַפּן די מאַכט און די ערד. באַ די וויגיס איז די מערהייט געווען פּלאַנטאַטאָרס פון דאָרעם און צווישן זיי האָט זיך געפונען דער רייַכסטער מענטש אין דער דעמאָלטיקער אַמעריקע דזשאָרזש וואַשינגטאָן, וואָס איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי אין די קאָלאָניעס.



וואַשינגטאָן

פונדאַנען איז צו זען, אַז צווישן די רעוואָלוציאָניסטן גופא זייַנען אויך געווען שטאַרק די קלאַסן־ווידערשפּרוכן. די פּלאַנטאַטאָרס און די בורזשואַזיע האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן די ערד, וועלכע די פּערמערס האָבן גערעכנט צו באַקומען. אין די רייען פון די וויגיס זייַנען געווען סאָחרים און אייגנטימער פון קאַפּיטאַליסטישע מאַנופאַקטורן (טעקסטיל, געווער, אאַ.), דאָ זייַנען אויך געווען די אַרבעטער, וועלכע זיי האָבן עקספּלואַטירט. די ערשטע צייַט זייַנען אַלע אַרויסגעטראָטן מיט איין אָפּגעמיינעם פראָנט קעגן דעם גרונט־סוינע — קעגן דער ענגלי־שער הערשאַפט.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע צענטערס פון די טאָריס און די וויגיס

די אַמעריקאַנישע וויגיס און טאָריס זייַנען ניט געווען קיין אויסגעפאָרמירטע פּאָליטישע פּאַרטייען. זיי האָבן ניט געהאַט ניט קיין פּראָגראַם, ניט קיין סטאַטוט פון פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס, ניט קיין פּאַרטייִשע דיסציפּלין אאַז״וו. געוויינלעך, פלעגט מען געבן דעם נאָמען טאָריס און וויגיס אַלע די, וועך עס האָט זיך באַטייליקט אין קאַמף פאַר דער אָדער יענער זייַט. די אָרגאַניזירנדיקע הויפּט־צענטערס פאַר די טאָריס און די וויגיס זייַנען געווען די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגען פון די שטאַטן און דער קאָנגרעס פון די קאָלאָניעס, וואָס איז זיך אייגנוויליק צונויפגעקומען אין 1774 יאָר און איז געבליבן עקזיסטירן אַף ווייַטער. אין די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגען, ווי אויך אַפן קאָנגרעס, זייַנען געזעסן רייַכע ערדבאַזיצער, סאָחרים און פּלאַנטאַטאָרס. בלויז אין אייניקע שטאַטן — אין מאַסאַטשוסעטס, פּענסילוואַניע און ראָד־אייַלענד — זייַנען פון אָנהייב אויפשטאַנד געווען קליינבירגערלעכע קאָמיטעטן און „קאָרעספּאָנדענטן־קאָמיטעטן“, וואָס האָבן נאָך דער אויסבילדונג פונעם קאָנגרעס אויפגעהערט פונקציאָנירן. אַזוי־אַרום זייַנען פּאָליטיש געווען אָרגאַניזירט די טאָריס און דער רייַכער בורזשואַזער טייל פון די וויגיס. די אַרבעטער, פּויערים, די שטאָטישע אָרעמשאַפט זייַנען ניט געווען פאַראייניקט אין קיין שום פּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע און האָבן זיך

דעריבער ארויסגעוויזן שוואכער פון דער אָרגאניזירטער בורזשואזיע און פון די פּלאנטאטערס.

די פאַרשאַרפונג פון די קלאסנ־ווידערשפּרוכנ אינ גאנג פון דער מילכאָמע

די מילכאָמע קעגנ דעם רײַכנ און מעכטיקנ ענגלאנד האָט זייער לאנג געדויערט און איז געווענ זייער שווער פאר די קאָלאָניסטנ. די מילכאָמע האָט געדויערט 7 יאָר, ביזנ 1782 יאָר. די קאָלאָניסטנ די פּארטיזאנער האָבנ זיכ גוט געשלאָגנ, ווענ מע האָט געדארפט פארטיידיקנ די אייגענע געבורט־ערטער, זיי האָבנ זיכ געקאָנט גוט מאסקירנ אינ די בערג און אינ די וועלדער און זײַנענ געווענ זייער פלינקע שיסער. אָבער זיי האָבנ די גאנצע צײַט זיכ גענייטיקט אינ קליידונג, דערנערונג, שלאכט־אמוניציע, און פלעגנ אָפט־מאָל דעזערטירנ — ווענ די מילכאָמע פלעגט פאָרקומענ ווײַט פונ זייערע געבורט־ערטער, און האָבנ בעסער געוואָלט פירנ א פּארטיזאנישע מילכאָמע, איידער א רעגולערע, אינ וועלכער זיי זײַנענ געווענ הינטערשטעליק קעגנ דער ענגלישער ארמיי.

וואָס מער עס איז געגאנגענ די מילכאָמע פאר אומאָפּהענגיקײַט, האָט זיכ אלצ מער פארשארפט אויכ דער קלאסנקאמפּ אינ לאנד. די בורזשואזיע און די פּריצים האָבנ געשטרעבט אריבערצולייגנ די גרונט־לאסטנ פונ דער מילכאָמע אפ די פּלייצעס פונ די ארבעטנדיקע מאסנ (וואָס זײַנענ אויכ געווענ רויִנירט דורכ די ענגלישע באאמטע און מיליטער). די אופּגעשטאנענע פּערמערס און ארבעטער האָבנ גערעכנט, אז זיי קעמפנ ניט בלויז פאר באפרײַענ זיכ פונ ענגלאנדס יאָכ, נאָר אויכ פאר באקומענ ערד, פאר בעסערע באדינגונגענ פונ ארבעט, פאר פּאָליטישע רעכט, פאר באפרײַענ זיכ פונ עקספּלואטאציע. דעריבער האָבנ זיי זיכ אנטשלאָסנ קעגנגעשטעלט דעם פּרווו ארופּצוּוואלגערנ אפ זיי די גאנצע שווערקײַט פונ דער מילכאָמע.

די קאָנפעדעראציע און איר אָרדענונג

א גרויסע באדײַטונג האָט פארנ זיג פונ די קאָלאָניסטנ איבער ענגלאנד געהאט דער פאקט, וואָס זיי האָבנ באוויזנ צום סאָפ מילכאָמע צוציִענ אפ זייער זײַט פראנקרײַכ. קיינ פּאריזש איז געשיקט געוואָרנ דער באוווּסטער געלערנטער, דערפינדער און פּאָליטישער טוער ווענ־יאמינ פראנקלינ (1706—1790). ער האָט זיכ דערשלאָגנ, אז פראנקרײַכ זאָל דערקלערנ א מילכאָמע ענגלאנד.

צום פארענדיקנ די מילכאָמע האָט אויכ מיטגעווירקט דאָס, וואָס אינ 1782 יאָר זײַנענ צו דער מאכט אינ ענגלאנד געקומענ די וויגיס, וואָס זײַנענ געווענ קעגנ פאָרזעצנ די מילכאָמע.

אינ 1782 יאָר האָבנ זיכ געענדיקט די לעצטע מיליטערישע אָפּעראציעס. אינ 1783 איז אינ פּאריזש אונטערגעשריבנ געוואָרנ א שאָלעמ צווישנ ענגלאנד מיט דער נײַער מעלוכע — מיט די פאראייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע.

די דאָזיקע נײַע מעלוכע איז די ערשטע צײַט ניט געווענ גענוג אויסגעפאָרמירט און ניט פעסט צונויפגעבונדנ. איר קאָנסטיטוציע איז באשטאנענ פונ די אזוי־גערופענע „ארטיקלענ פונ דער קאָנפעדעראציע", וואָס דער צווייטער קאָנגרעס האָט אויסגעארבעט אינ 1776 יאָר. די קאָנסטיטוציע איז ארײַנ אינ קראפט אינ 1781 יאָר, ווענ זי איז אָנגענומענ געוואָרנ דורכ דעמ לעצטנ פונ די שטאטנ, וואָס האָט זיכ צו איר אָנגעשלאָסנ — פונ מערילענד. אינ הע־סקעמ מיט דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע איז אינ שפּיצ פונ די פאראייניקטע שטאטנ געשטאנענ דער קאָנגרעס, וואָס איז באשטאנענ פונ פאָרשטייער פונ באזונדערע שטאטנ. דער קאָנגרעס האָט ניט פארמאָגט קיינ שום געזעצגעבערישע מאכט. ער איז געווענ בלויז א פאר-

מיטלער אינ פאל, אויב עס זײַנענ אנטשטאנענ שטרײַטנ צווישנ באזונדערע שטאטנ. ער האָט גאָרנישט געקאָנט פאָראָרדענענ ניט בלויז באזונדערע שטאטנ, נאָר אפילע איינצלנע בירגער פונ די פשא. די רעגירונגענ פונ די באזונדערע שטאטנ זײַנענ אים ניט געווענ אונטערגעוואָרפנ. דער קאָנגרעס פלעגט באשטימענ די סומע געלט, וואָס ער האָט געדארפט האָבנ אפ אויסצופילנ זײַנע פונקציעס, אונ האָט פאנאנדערגעטיילט די דאָזיקע סומע צווישנ באזונדערע שטאטנ. אָבער ער האָט ניט געהאט דאָס רעכט צו צווינגענ די שטאטנ ארײַנצוטראָגנ אפילע איינ קאָפּעקע, אויב זיי האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט ארײַנצוטראָגנ די סומע, וואָס איז געווענ באשטימט באם פאנאנדערטיילנ. די גאנצע מאכט, האָט אזוי־ארום, געהערט צו יעדנ פונ די שטאטנ אינ זײַנע גרענעצנ. דער קאָנגרעס איז געווענ אינ א באדײַטנדיקער מאָס בלויז א מיניסטעריומ פאר אויסערלעכע איניאָנימ. צו אים האָט געהערט דאָס רעכט צו פירנ אונטערהאנדלונגענ מיט די אויסלענדישע מעלוכעס, דאָס רעכט צו שליסנ אָפּמאכנ אונ דאָס רעכט צו שטעמפּלענ אונ באשטימענ די פראָבע פונ מאטבייעס. עמעס, אפנ פאפיר האָט צו אים געהערט דאָס רעכט צו דערקלערנ מילכאָמע אונ שליסנ שאָלעמ. אזא קאָנסטיטוציע איז, אָנ ספעק, געווענ א רעזולטאט דערפונ, וואָס די צאָפנדיקע בורזשואזיע האָט מוירע געהאט, אז די מאכט אינ דער צענטראלער רעגירונג וועלנ פארכאפנ די דאָרעמ-פלאנטאטערס אונ די לעצטע האָבנ מוירע געהאט, אז ס'זאָל ניט פאסירנ פארקערט.

25. דער קלאסנקאמפ אינעמ פעריאָד פונ אויסבילדנ די פשא

נאָכנ פארענדיקנ די מילכאָמע האָט זיכ דער קלאסנקאמפ אינ אמעריקע אויסערסט פארשארפט. **עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דעמ, ווער עס וועט געניסנ די גרעסטע פרוכטנ פונעמ ניצאָכנ אונ, פריִער פאר אלצ, ווער עס וועט באקומענ די ערד — די פלאנטאטערס אונ די ספעקוליאנטנ אָדער די פערמערס.**

די מילכאָמע האָט זיכ זייער שווער אָפּגערופנ אפ דער לאגע פונ די פערמערס, האנטווערקער, ארבעטער. זיי האָבנ איבערגעטראָגנ אפ זיכ אלע לאסטנ פונ דער מילכאָמע אונ צומ סאָפ זײַנענ זיי ארײַנגעפאלנ אינ די הענט צו די וווּכערניקעס, אופקויפער אונ אונטערנעמער. די אָרעמשאפט פונעמ שטאט מאסאטשוסעטס האָט אינ איר באקאָשע, וואָס איז דערלאנגט געוואָרנ צו דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג אינ 1786 יאָר, — דערקלערט אזוי:

„אויב די לאגע וועט ניט געענדערט ווערנ צומ גונסטנ פונ פאָלק, וועט אינ גאָר א קורצער צײַט א העלפט פונ אונדזערע אײַנוווינער, לויט אונדזער מיינונג, באנקראָטירנ. אונ ווי קאָנ דאָס אנדערש זײַנ, ווענ בעעמעס טאָגטעגלעכ פארקויפט מענ אונדזער אייגנטומ סײַ דאָס באַוועגלעכע אונ סײַ דאָס ניט באוועגלעכע, ווענ אונדזער ערד נעמענ צו די געשווירענע ריכטער פאר א דריטל פונ איר ווערט, אונדזער פי — פאר האלב פרײַז“...

די לאגע פונ די ארבעטער אונ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט האָט זיכ נאָכ פארערגערט דערפונ, וואָס בייס דער מילכאָמע האָט מענ ארויסגעלאָזט א סאכ פאפיר־געלט. דאָס געלט איז געפאלנ אינ פרײַז אונ צומ 1786 יאָר האָט איינ פאפירענער פונט (צענ רובל) געקאָסט עטלעכע קאָפּעקעס (אפ מעטאלענע מאטבייעס). אפנ באָדנ פונ אונטערדריקונג האָט אינ 1786 יאָר אינ א ריי צאָפנדיקע שטאטנ, באזונדערס אינעמ צאָפנ־מײַרעוודיקנ טייל פונעמ שטאט מאסאטשוסעטס, אויסגעבראָכנ אנ אופשטאנד פונ די פערמערס אונ שטאָטישער אָרעמשאפט.

די אופשטענדלער פלעגן זיך אריינרייסן אין די געריכטן, איבעררייסן זייערע זיצונגען און פלעגן פארניכטן די איניאַנים וועגן אופמאָנען כויועס.

אינעם שטאט ראָד-אײַלענד האָבנ די אופשטענדלער אינ א ריי ערטער פארכאפט אינ זייערע הענט די מאכט, צונויפגערופנ א בארונג פונ פאָרשטייער פונ אלע שטעט פונ פראָווידאנסער גראפשאפט (גראפשאפט האָט אינ אמעריקע געהייסנ אנ אדמיניסטראטיווער קרייז) אונ קעדיי צו באקעמפנ די ספעקוליאציע מיט מאטבייעס האָבנ זיי פאָרגעלייגט א פראָיעקט פונ „מעלוכישנ האנדל“. דער פראָיעקט איז באשטאנענ דערינ, אז מע זאָל אפ די מיטלענ פונ שטאט אײַנקויפנ שיפנ אונ אָרגאניזירנ דעמ עקספאָרט אונ אימפאָרט פונ סכוירעס. דער שטאט האָט אויכ געדארפט אָרגאניזירנ דעמ האנדל אינעווייניק אינ לאנד, אונ מאכנ געזעצלעכ דאָס פאנאנדערצאָלנ זיכ ניט בלויז מיט מאטבייעס, נאָר אויכ מיט פראָדוקטנ פונ דער לאנדווירטשאפט אונ מיט ארבעט. אינ דער שפיצ פונ די אופשטענדלער איז געשטאנענ דעניעל שייס, איינער פונ די אָנטיילנעמער אינ דער מילכאָמע פאר אומאָפהענגיקייט, וואָס האָט זיכ אויסגעצייכנט אינ די שלאכטנ אונטער באָסטאָנ. שייס מיליטער איז אָנגעפאלנ אפנ רעגירונג-ארסענאל פונ די פשא אינעמ שטאט מאסאטשוסעטס. אינ דער זעלבער צייט זײַנענ אינ פילאדעלפיע אופגעשטאנענ די סאָלדאטנ, וועמענ מע האָט ניט ארויסגעצאָלט דעמ געהאלט אונ האָבנ פאנאנדערגעטריבנ דעמ קאָנגרעס, וואָס האָט דאָרט אָפּגעהאלטנ זײַנע זיצונגענ.

די בורזשואזיע פונ צאָפנ אונ די פלאנטאטערס פונ דאָרעמ זײַנענ פולשטענדיק געווענ צופרידנ מיט דער קאָנסטיטוציע פונ 1781 יאָר („ארטיקלענ פונ דער קאָנפעדעראציע“) אזוי לאנג, ווי עס איז ניט געקומענ די גרויזאמע געפאר, אז אינ איינצלנע שטאטנ זאָל דאָס פאָלק (די פערמערס, ארבעטער אונ האנטווערקער) פארכאפנ די מאכט. ווענ די דאָזיקע געפאר איז געוואָרנ רעאַל, האָבנ די בורזשוא אונ די פלאנטאטערס דערפילט א נייטיקייט אינ א צענטראלער רעגירונג, וואָס זאָל זײַנ אימשטאנד צו דערשטיקנ די פאָלק-אופשטאנדנ ווי זיי זאָלנ ניט אנטשטיינ. די קאָנסטיטוציע פונ 1781 יאָר, וועלכע האָט ניט פארויסגעזענ אזא רעגירונג, האָט ניט געטויגט אלס געווער צו דערשטיקנ די מאסנ, אונ די הערשנדיקע קלאסנ האָבנ באשלאָסנ זי צו פארניכטנ. אָט אזוי האָט זיכ געשאפנ די סיטואציע פאר א מעלוכישער איבערקערעניש, וועלכע די בורזשואזיע אונ די פלאנטאטערס האָבנ אינ 1786 יאָר געמאכט.

די דראָענדיקע לאגע, וואָס האָט זיך געשאפן אין צוזאמענהאנג מיט דער באוועגונג פון די מאסן, האָט געצווונגען זיך אײַלן: אין 1786 יאָר האָט זיך פארזאמלט א צוזאמענפאָר אין אנאפאָליס, קלוימערשט, אפ אויסארבעטן נײַע טאמאָזשנע-קלאָלים און טאריפן. אינדערעמעסן האָבן די רעגירנדיקע קלאסן דאָ מאָביליזירט זייערע קויכעס צו קעמפן קעגן שייס אופשטאנד. די סאָכרים און די באנקירן, די פלאנטאטערס און די אינדוסטריעלער האָבן צונויפגעזאמלט געלט אפ אָרגאניזירן מיליטער קעגן שייסן און האָבן ארויסגעשיקט קעגן אים אן ארמיי אין דער שפיץ מיטן קריג-מיניסטער פון די פאראייניקטע שטאטן. שייס איז צעקלאפט געוואָרן און אין אָנהייב 1787 יאָר האָט ער זיך אונטערגעגעבן. ער אליין און 13 אנדערע אָנפירער פונעם אופשטאנד זײַנען פארמישפּעט געוואָרן צו טויטשטראָף. אין דער זעלבער צײַט איז זיך צונויפגעקומען אין פילאדעלפיע א נײַער קאָנגרעס פון פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע און פון די פלאנטאטערס. ער האָט זײַנע זיצונגען געפירט זייער געהיים, אפילע אָן פראָטאָקאָלן. דער דאָזיקער צוזאמענפאָר, וואָס האָט ניט געהאט קיין שום געזעצלעכע פולמאכטן, האָט זיך דערקלערט פאר דער מאכט און האָט אויסגעארבעט א נײַע קאָנסטיטוציע, די זעלבע אמעריקאנישע קאָנסטיטוציע, וואָס עקזיסטירט מיט קליינע ענדערונגען

שייס אופשטאנד

ביז הײַנטיקן טאָג און וואָס האָט פאַרפעסטיקט די מאַכט פאַרן אויבערשיכט פון דער בורזשואזיע און די פּלאַנטאַטאָרס.

די אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע

די אמעריקאַנער „דעמאָקראַטישע" קאָנסטיטוציע האָט געמאַכט געזעצלעך די שקלאַפערײַ און האָט געזיכערט די נייטיקע באַדינגונגען פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. לויט דער קאָנסטיטוציע האָבן פון דער 4-מיליאָניקער באַפעלקערונג באַקומען וואַלרעכט

בלויז 100 טויזנט מענטשנ. די מאכט איז געווענ צעטיילט צווישנ דעמ פרעזידענט, וואָס האָט געהאט קאָלאָסאלע פולמאכטנ,* דעמ סענאט; אינ וועלכנ יעדער שטאט האָט געשיקט צו צוויי דעלעגאטנ, דער פאלאטע פונ פאָרשטייער, וואָס איז געוויילט געוואָרנ פראָפאָרציאָנעל לויט דער צאָל אײַנוווינער, און דעמ העכערנ געריכט. דער געריכט האָט געקאָנט אָפּשאפנ יעטווידע באשטימונג פונ קאָנגרעס, אויב ער האָט נאָר אײַנגעפונענ, אז זי אנטשפרעכט ניט דער קאָנסטיטוציע. די פאלאטע פונ די פאָרשטייער אונ דער סענאט צוזאמענ האָבנ זיכ אָנגערופנ קאָנגרעס.

קעדיי א געזעצ זאָל קאָנענ באקומענ קראפט, האָט ער געדארפט באשטעטיקט ווערנ אינ דער פאלאטע פונ די פאָרשטייער, אינעמ סענאט אונ פונעמ פרעזידענט. אפ ענדערנ די קאָנסטיטוציע האָט זיכ געפאָדערט א מערהײַט פונ צוויי דריטל שטימענ אינ יעדער פאלאטע אונ די צושטימונג פונ $^{2}/_{3}$ שטאטנ. יעדער שטאט האָט געהאט זײַנ קאָנגרעס אונ זײַנ גובערנאטער מיט ברייטע פולמאכטנ.

די אגראר-פראגע בייס און נאָכ דער מילכאָמע

בייס דער מילכאָמע איז די מאכט פונ דער ענגלישער ערד־אריסטאָקראטיע אינ די קאָלאָניעס אראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ. אינ דער צײַט פונ דער מילכאָמע אונ נאָכנ פארענדיקנ זי זײַנענ 30 טויזנט טאָריס, ערד־אריסטאָקראטנ אונ זייערע אָנהענגער פארטריבנ געוואָרנ פונ לאנד אונ די ערד זייערע האָט מענ קאָנפיסקירט אונ פארקויפט. „די פרײַע" ערד הינטער די אלעגאנער בערג זײַנענ דערקלערט געוואָרנ פארנ אייגנטומ פונ דער מעלוכע אונ מע האָט זיי אויכ פארקויפט. לויטנ געזעצ פונ 1787 יאָר איז די ערד אינ די דאָרעמ-שטאטנ דערקלערט געוואָרנ פאר אייגנטומ פונ דער מעלוכע אונ מע האָט זי אָנגעהויבנ פארקויפנ אינ גרויסע באצירקנ צו 640 אקר (אנ אקר איז 0,39 הא), צו 2 דאָלער פאר אנ אקר. דער דאָזיקער געזעצ האָט באפרידט בלויז די אינטערעסנ פונ די פלאנטאטערס, פונ די ערד-ספעקוליאנטנ אונ דער בורזשואזיע, ווײַל דער פערמער האָט ניט פארמאָגט אזעלכע גרויסע סומעס געלט אונ קיינ קלענערע באצירקנ ערד האָט מענ ניט פארקויפט.

דאָס פארניכטנ די הערשאפט פונ דער ערדבאזיצערישער אריסטאָקראטיע אינ אמעריקע האָט ליקווידירט א ריי פעאָדאלע רעשטלעכ, וואָס האָבנ געשטערט דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ. אינ געזעצגעבערישער אָרדענונג איז אינ די מערסטע קאָלאָניעס (אויסער ניו-יאָרק אונ מערילאנד) אָפּגעשאפט געוואָרנ דער לײַב-שטײַער אונ די פערזענלעכע פליכטנ פונ די פויערימ. עס זײַנענ פארניכטעט געוואָרנ די אדעליקע נעמענ אונ טיטלענ, עס איז פארניכטעט געוואָרנ דאָס אָבליגאטערישע איבערגעבנ די יערושע צומ עלטערנ זונ, אינ א ריי שטאטנ איז פארניכטעמ געוואָרנ

* לויט דער קאָנסטיטוציע, איז דער פרעזידענט דער הויפט-קאָמאנדיר פונ דער ארמיי אונ פלאָט אינ די פשא אונ אויכ פונעמ מיליציייִשנ לאנדוווער פונ באזונדערע שטאטנ, אינ פאל, ווענ דאָס לאנדוווער ווערט מאָביליזירט. ער גיט אכטונג אפ דער אויספילונג פונ די געזעצנ, צו אימ געהערט דאָס רעכט צו באגנעדיקנ פארמישפעטע. ער באשטימט די מיניסטארנ, וואָס זײַנענ פאר אימ פאראנטוואָרטלעכ, אימ געהערט דאָס לעצטע רעכט צו באשטעטיקנ די געזעצנ, וואָס זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ אינ דער פאלאטע פונ די פאָרשטייער אונ אינ סענאט אאוו.

דער אָבליגאַטאָרישער ערדבאַזיצ קעדיי צו מעגנ אָנטיילנעמענ אינ די וואַלנ פונ די אָרטיקע געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגענ. עס איז פאַרניכטעט געוואָרנ די וויי־סע שקלאַפעריי. דערביי איז אינ א ריי צאָפנדיקע שטאַטנ פאַרניכטעט געוואָרנ אָדער באַגרענעצט געוואָרנ די שקלאַפעריי ביכלאַל. אינ 1774 יאָר האָט מענ די שקלאַפעריי פאַרניכטעט אינ דעמ שטאַט מאַסאַטשוסעטס, אינ 1784 יאָר — אינ קאָ־נעקטיקעט אונ אינ ראָד־איילענד.

אינ אייניקע אַנדערע שטאַטנ איז דאָס אַריינפירנ שקלאַפנ אָדער אינגאַנצנ פאַרבאָטנ געוואָרנ אָדער דער אַריינפיר איז באַשטייערט געוואָרנ מיט גרויסע גרענעצ־אָפּצאָלנ.

אָבער די מילכאָמע פאַר אומאָפּהענגיקייט האָט ניט פאַרניכטעט אַלע רעשט־לעכ פונעם פעאָדאַליזמ אינ אַמעריקע, אונ האָט אויכ ניט אינגאַנצנ ליקווידירט די שקלאַפעריי. אינ דאָרעמ איז געבליבנ שקלאַפעריי, אונ די שקלאַפנייגנטימע־רישע פלאַנטאַציעס האָבנ זיכ דאָרט אַנטוויקלט אויכ נאָכנ פאַרענדיקנ די מילכאָ־מע פאַר אומאָפּהענגיקייט.

26. דער בירגערקריג

די אַנטוויקלונג פונ דער אינ־דוסטריע אינ צאָפנ

האַגאַמ נאָכ דער מילכאָמע זיינענ די פּשא געוואָרנ א פּאָלי־טיש אומאָפּהענגיקע מעלוכע, אָבער זיי האָבנ פאַרמאָגט א שוואַכע אינדוסטריע אונ זיינענ אינ עקאָנאָמישער הינזיכט גע־בליבנ א קאָלאָניע בא ענגלאַנד אונ בא אַנדערע אינדוסטריעלע לענדער פונ אייראָפּע. נאָכ דער מילכאָמע הייבט דעריבער אָנ די אַמעריקאַנישע בורזשואַזיע צו בויענ אירע פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, שטרעבנדיק אויסצורישטנ זיי מיט יענע מאַשינעס, וואָס זיינענ שוינ געווענ אינ גאַנג אינ דער אייראָפּיישער אינדוסטריע.

אינ דער ערשטער אַמעריקאַנער בוימוואָל־פאַבריק האָבנ די ווערקשטעלנ געבראַכט אינ באַוועגונג 9 קינדער אינ עלטער פונ 7 ביז 11 יאָר, אונ אינ די נאָענטסטע יאָרנ זיי־נענ איינגעפירט געוואָרנ וואַסער־באַוועגערס. דאָס איינריכטנ מעכאַנישע שפּינערייענ אונ וועבע־רייענ האָט געבראַכט צו דער נייטיקייט גע־שווינדער אָפּצורייניקנ דעמ בוימוואָל פונ די זוי־מענ, ווייל דאָס אָפּרייניקנ מיט דער האַנט איז געגאַנגענ לאַנגזאַמ אונ האָט ניט געקאָנט געבנ גענוג בוימוואָל פאַר דער פאַבריק. אינ 1793 יאָר האָט עלי וויטני דערפונדנ א בוימ־וואָל־„דזשינ“, א מאַשינ אָפּ אָפּרייניקנ בוימ־וואָל. מיט איר הילפ האָט איינ אַרבעטער גע־קאָנט אָפּרייניקנ אַזויפיל, ווי 50 מענטשנ מיט דער האַנט. דאָס האָט מיטגעווירקט צו פאַרגרעסערנ די שפּינערייענ אונ וועבערייענ אונ האָט א שטויס געגעבנ צומ פאַרזייענ בוימוואָל אָפּ נייע ערד.



בוימוואָל

אינ יאָר 1815 באַווייזנ זיכ שוינ אינ די פאַרייניקטע שטאַטנ פאַבריקנ מיט מער פאַרפולקומטע מאַשינעס אונ גלייכצייטיק ווערנ שוינ אָנגעווענדט א גאַנצע ריי מאַשינעס

אין איין פאַבריק. אין 1815 יאָר איז אין שטאַט מאַסאַטשוסעטס אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע בוימוואָל־פאַבריק, און דאָרט זײַנען געשטאַנען נעבנאַנאַנד מעכאַנישע שפּינערײַ־ און וועבערײַ־וואַרקשטעלן. דער פאַרטיקער גאָרן איז גלײַך אָפּן אָרט אָנגעקומען צום וועבער־וואַרקשטעל און דאָ האָט מען פון אים געמאַכט שטאָפן.

אין 1805 יאָר האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע 4500 שפּינדלען געאַרבעט אויף מעכאַנישע וואַרקשטעלן. צום 1860 יאָר איז אין די בוימוואָל־שפּינערישע פאַבריקן פון די פשאַ שוין געווען 5200 טויזנט שפּינדלען, און אין די 60־ער יאָרן האָבן די פשאַ לויט דער בוימוואָל־אינדוסטריע פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט אין דער וועלט, אָפּשטייענדיק בלויז פון ענגלאַנד.

דאָס אײַנפירן מעכאַנישע באַוועגערס און דאַמפּ־טראַנספּאָרט

די אַנטוויקלונג פון דער בוימוואָל־אינדוסטריע האָט געפאָדערט אײַנצופירן מעכאַנישע באַוועגערס און האָט געגעבן אַ שטויס דער אַנטוויקלונג פון אַנדערע אינדוסטריע־צווײַגן, ווי אויך דער מעכאַניזירונג פונעם טראַנספּאָרט. פון די 30—40־ער יאָרן הייבט מען אָן מאַסנווײַז אײַנריכטן אין די פאַבריקן דאַמפּ־מאַשינעס. די אויפגאַבע צוצופירן דעם בוימוואָל צו די פאַבריקן און צו פאַרגיכערן דאָס אַריבערפירן דעם בוימוואָל פון אַמעריקע קיין אייראָפּע איז געוויזט געוואָרן דערמיט, וואָס מע האָט אײַנגעפירט דאַמפּ־שיפן אויפן טײַך און אויפן ים. דעם ערשטן דאַמפער האָט אויסגעבויט פולטאָן אין 1807 יאָר. אין 1809 יאָר איז דער ערשטער דאַמפער, געבויט לויטן טיפּ פון פולטאָנס דאַמפער, צום ערשטן מאָל אַריבערגעשוווּמען דעם אָקעאַן—פון אַמעריקע קיין אייראָפּע.

נאָך ביז דער אויסבויונג פון די אײַזנבאַנען איז דאָס לאַנד געוואָרן באַדעקט מיט אַ נעץ קאַנאַלן, וואָס האָבן פאַראייניקט דעם טײַך מיסיסיפּי מיטן טײַך סענט־לאָרענס און די גרויסע אָזערעס — מיטשיגאַן, גוראָן, ערי מיטן אַטלאַנטישן אָקעאַן. ווען מע האָט אין 1826 יאָר געעפנט דעם גרויסן קאַנאַל ערי, וואָס האָט פאַראייניקט די סיסטעם גרויסע אָזערעס מיטן טײַך הודזאָן, בײַ וועלכן עס ליגט ניו־יאָרק, האָט די הויפּט־מאַסע איבערוואַנדערער קיין מערעוו, וואָס פלעגט פריִער גיין דורך פילאַדעלפיע, אָנגעהויבן איצט פאָרן דורך ניו־יאָרק, אַרויף דעם טײַך. פון דעמלט אָן האָט זיך אויסערסט פאַרשטאַרקט די באַדײַטונג פון ניו־יאָרק.

פון יאָר 1830 הייבט זיך אָן אין אַמעריקע די בויונג פון אײַזנבאַנען. מיט דער אַנטוויקלונג פון די אײַזנבאַנען אין די פשאַ האָט זיך שנעל אַנטוויקלט די לאָקאָמאָטיוו־בויונג. דער ערשטער לאָקאָמאָטיוו איז אין די פשאַ אויסגעבויט געוואָרן אין 1830 יאָר, און אין 1862 יאָר האָט מען אויפן אַמעריקאַנישן באָלדווינס זאַוואָד שוין אַרויסגעלאָזט דעם טויזנטסטן לאָקאָמאָטיוו. פאַר איין יאָר 1860 האָט מען אין די פשאַ אַרויסגעלאָזט 470 לאָקאָמאָטיוון.

ניט געקוקט אויף די באַדײַטנדיקע דערפאָלגן אין דער אינדוסטריע צו דער צײַט פון בירגערקריג, דה. אין די יאָרן 1861—1865, זײַנען די פשאַ נאָך געבליבן אַן אַגראַר־לאַנד. אין דער אינדוסטריע האָבן די דאָמינירנדיקע באַדײַטונג געהאַט יענע צווײַגן, וואָס האָבן איבערגעאַרבעט די פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט (מעל פלעגט מען פּראָדוצירן העכער ווי אויף 100 מיליאָן דאָלער אַ יאָר), ווײַטער זײַנען געגאַנגען די שוסטער־אינדוסטריע, די בוימוואָל־ און וואָלד־אינדוסטריע, וואָס האָבן געגעבן פּראָדוקציע מער ווי אויף 50 מיליאָן דאָלער אַ יאָר. דערנאָך איז געגאַנגען געוואַנט, מאַשינעס, די לעדער־אינדוסטריע

אא. מיט א פראָדוקציע פונ 25 ביז 50 מיליאָנ דאָלער א יאָר. די מעטאלורגיע האָט נאָכ דאנ פארנומענ א דריטראנגיק אָרט, אָבער אויכ אינ דעמ געביט האָט זיכ געמערקט אנ איבערוק. אינ די 40־ער יאָרנ הייבט זיכ אָנ אנטוויקלענ דער שטיינקוילנ-ארויסבאקומ אינ פענסילוואניע אונ אָהײַאָ, אונ אָנשטאָט דער אײַזנ-אויסשמעלצונג אינ קלײנינקע אויוונס אפ האָלצ־קוילנ הייבט מענ אָנ שמעלצנ אפ שטיינקוילנ אינ דאָמנעס.

די ניט־גלײַכמע־סיקײַט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע לויט ראיאָנענ

די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע איז גע־גאנגענ זייער ניט גלײַכמעסיק אינ פארשײדענע ראיאָנענ. צומ 1860 יאָר זײַנענ אינ אמעריקע געווענ 1300 טויזנט ארבעטער אינ דער אינדוסטריע, אָבער ניט אינ אלע ראיאָנענ איז דער פראָצענט פונ דער אינדוסטריעלער באפעל־קערונג געווענ אלצײַנס. אינ די צאָפנ־שטאטנ איז אפ איינ פארנומענעמ ארבעטער אינ דער אינדוסטריע אויסגעקומענ 7 ארבעטער אינ דער לאנדווירטשאפט; אינ די דאָרעמ־שטאטנ איז אפ איינעמ אויסגעקומענ 15, אינעמ אָפגעשטאנענעמ דאָרעמ—אפ איינעמ—80.

די פרײַע ערד אינ די פשא אונ די אויספאר־רעמונג פונעמ פראָלעטאריאט

די אנטוויקלונג פונ די פשא אינ דער עפאָכע פונעמ אינ־דוסטריעלנ קאפיטאליזמ איז פאָרגעקומענ אינ די באדינגונגענ, ווענ אפ מײַרעוו האָבנ זיכ געדרוקט קאָלאָסאלע מאסנ איבער-וואנדערער; אינ די באדינגונגענ, ווענ עס זײַנענ באזעצט אונ באהערשט געוואָרנ קאָלאָסאלע טעריטאָריעס, ניט גערירטע וועלדער אונ ערד, וואָס זייערע אײַנוווינער—אינדישע שוואָ־טימ—זײַנענ אויסגעראָטנ אונ אָפגעשטופט געוואָרנ צו די בײַ־פאָליארע ראיאָנענ פונעמ ווײַטנ צאָפנ־מײַרעוו אונ צו די ניט־צוטריטלעכע שפאָלטנ פונ די פעל־דזיקע בערג. דער דאָזיקער מאָמענט—די אומופהערלעכע באוועגונג אפ מײַרעוו—האָט געשפילט א גרויסע ראָליע אינ דער געשיכטע פונ צאָפנ-אמעריקע.

די באוועגונג אפ מײַרעוו איז פאָרגעקומענ אינ די אומשטאנדנ פונ פארבי-טערטסטנ קלאסנקאמפ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ נאָכ אינ די יאָרנ פונ דער מילכאָמע פאר אומאָפהענגיקײַט. שוינ אפנ קאָנגרעס פונ 1776 יאָר, דה. אינ-גיכנ נאָכנ אָנהייבנ די מילכאָמע, ווענ דער רעזולטאט אירער איז נאָכ ניט גע־ווענ באוווסט, האָבנ די פאָרשטייער פונ די פארשיידענע ראיאָנענ זיכ שיר ניט צעשלאָגנ, טיילנדיק די פעל פונעמ נאָכ ניט דערהארגעטנ בער. דער שטרײַט האָט זיכ געפירט וועגנ דער ערד, וואָס איז געלעגנ אינ מײַרעוו־זײַט פונ די אלעגאנער בערג אונ האָט זיכ גערעכנט אלס אייגנטומ פונעמ ענגלישנ קיניג אונ וואָס אפ איר האָט יעדער שטאט איצט פרעדענטירט. די זאכ האָט זיכ גע־ענדיקט דערמיט, וואָס אלע פרעטענזיעס פונ די באזונדערע שטאטנ זײַנענ אָפ־געוואָרפנ געוואָרנ אונ די דאָזיקע ערד איז דערקלערט געוואָרנ אלס אלגעמיינ אייגנטומ פונ די צאָפנ־אמעריקאנישע שטאטנ. נאָכדעמ האָט זיכ אָנגעהויבנ א קאמפ פארנ פאנאנדערטיילנ די דאָזיקע ערד. נאָכנ ענדיקנ די מילכאָמע פאר אומאָפהענגיקײַט האָט דער געזעצ פונ 1787 יאָר, ווי מיר האָבנ שוינ פריער געזענ, אינדערעמעסנ איבערגעגעבנ די דאָזיקע ערד צו די פלאנטאטערס, צו דער בורזשוואזיע אונ ערד-ספעקוליאנטנ אינ די הענט. די פערמערס אונ די אר-

בעטער האָבנ אָנגעהויבנ קעמפנ פאר דער דאָזיקער ערד. אזויווי אינ מײַרעוו איז די ערד פארקויפט געוואָרנ בלויז אינ גרויסע באצירקנ אונ אפ א טײַערע פרײַז אונ די פערמערס האָבנ מערסטנטייל ניט פארמאָגט אזא געלט, האָבנ זיי די דאָ־זיקע ערד פּאָשעט פארכאפט אונ באארבעט, ניט רעכענענדיק זיכ מיט די אײַנ־געשטעלטע פארקויפ-באדינגונגענ. די פעדעראלע רעגירונג האָט ניט איינ מאָל געשיקט קיינ מײַרעוו מיליטער, קעדיי אראָפּצוטרײַבנ די פערמערס פונ דער ערד, אָבער בא דער אומגעהייער גרויסער טעריטאָריע פונ מײַרעוו אונ דעם ענער־גישנ ווידערשטאנד מיצאד די פערמערס איז דאָס געווענ שווער צו דערגרייכנ. די רעגירנדיקע קלאסנ זײַנענ אונטערנ דרוק פונ די מאסנ געווענ געצוווּנגענ זיכ גיינ אפ איינ האנאָכע נאָכ דער אנדערער.

אינ 1800 יאָר איז דערלויבט געוואָרנ צו דערווערבנ באצירקנ פונ 320 אקר (א האלבנ באצירק), אינ 1804 יאָר — צו 160 אקר אונ אינ 1820 יאָר — צו 80 אקר, דערבײַ איז דער פרײַז אפ ערד אראָפּגעזעצט געוואָרנ ביז 1,25 דאָלער פאר אנ אקר. דאָס פארכאפּונג-רעכט אָדער, פינקטלעכער, די להאָטעס באם קויפנ די ערד, וואָס די איבערוואנדערער האָבנ געהאט פארנומענ, איז אנערקענט געוואָרנ אינ 1841 יאָר. אָבער דאָס רעכט צו באקומענ ערד פונ דער רעגירונג, אפ ניט קיינ טײַערע פרײַזנ, אינ קרעדיט אפ 5 יאָר, מיט ניט קיינ גרויסנ אָפּצאָל פאר רעגיסטרירנ דעם אָפּמאכ, איז געגעבנ געוואָרנ ערשט אינ 1862 יאָר, אדאנק דעם בירגערקריג (לויטנ אזויגערופענעם „האָמסטעד־אקט”, דה. דעם אקט וועגנ ערדכאלאָקים).

אָבער דאָס אוועקגיינ אפ מײַרעוו איז פאר די פערמערס, שטאָטישער אָרעמ־שאפט אונ ארבעטער געווענ פארבונדנ מיט גרויסע שוועריקײַטנ. ווײַל מיט להאָ־טעס פונ דערווערבנ ניט פארנומענע ערד האָבנ זיכ אינ דער ערשטער ריי בא־ניצט די ספעקוליאנטנ, וואָס האָבנ אופגעקויפט די גאנצע באקוועמע ערד אונ האָבנ זי שפעטער איבערפארקויפט אפ אופגעבלאָזענע פרײַזנ.

וועגנ דעם, מיט וואָס פאר א שוועריקײַטנ עס איז געווענ באגליימ פאר דער אָרעמשאפט דאָס אריבערוואנדערנ אפ מײַרעוו, קאָנ מענ אורטיילנ נאָכ א נאָטיצ, וואָס האָט זיכ באוויזנ אינ איינ צײַטונג אינ דער שטאָט דזשאָרדזשיע אינ 1819 יאָר.

די עמיגראציע אפ מײַרעוו

„דורכ דעם דאָזיקנ אָרט איז דורכגעגאנגענ אפנ וועג קיינ טשעטעשוטשי פונ (chatachuchi) גרינוווילער קרײַז א מאנצבל מיט א פרוי, מיט זונ אונ מיט דעם זונס פרוי. זיי האָבנ געהאט א וואָגנ אָנ א פערד. דער מאנצבל האָט אריבערגעוואָרפנ דעם רימענ איבער די פּלייצעס אונ האָט געשלעפט דעם וואָגנ פאר די האלאָבליעס, דער זונ האָט געהאָלפנ דעם פאָטער, אײַנשפאנענדיק זיכ אינ די שלייעס, וואָס זײַנענ צוגעבונדנ צו די עקנ פונ די האלאָבליעס; די פרוי איז גע־זעסנ אפנ וואָגנ, אונ די אלטע איז נאָכגעגאנגענ, געטראָגנ אינ די הענט א ביקס אונ געפירט נאָכ זיכ א קו”.

אָבער ווי שווער עס איז ניט געווענ די באוועגונג אפנ מײַרעוו פאר די ארבעטנדיקע מאסנ, איז זי דאָכ געגאנגענ מיט אנ אומופהערלעכנ שטראָם. עס האָבנ איבערגעוואנדערט סײַ אלטע איבערוואנדערער, סײַ עמיגראנטנ, וואָס האָבנ זיכ מיט א ברייטנ שטראָם געגאָסנ פונ אייראָפּע קיינ אמעריקע.

פונ 1790 ביז 1800 יאָר זיינענ קיינ אמעריקע אָנגעקומענ בא 50 טויזנט אייראָפּייער; אינ די צוויי שפּעטערדיקע יאָרצענדליקער — 70 אונ 114 טויזנט. צום יאָר 1828 האָבנ שוינ קיינ אמעריקע געהאַט עמיגרירט בא 25 טויזנט אינ איינ יאָר, אונ אינ 1832 יאָר — ביז 60 טויזנט אינ א יאָר. פונ 1842 יאָר האָט די באַפעלקערונג אינ אמעריקע זיכ יערלעכ פארגרעסערט פונ עמיגראנטנ אפ העכער 100 טויזנט מענטשנ. פאר איינ יאָר 1854 זיינענ אָנגעקומענ 427 טויזנט עמיגראנטנ. צומ פּעריאָד פונ בירגערקריג האָבנ פונ אייראָפּע קיינ אמעריקע געהאַט עמיגרירט בא 5 מיליאָנ מענטשנ (ביזנ יאָר 1914 — בא 36 מיליאָנ). די עמיגראציע קיינ אמעריקע איז געווענ זייער באַדייטנדיק, דערביי איז ביז העלפט XIX יה. געגאנגענ פונ אייראָפּע א שטראָמ פונ פויערשער עמיגראציע אונ נאָכ דער אייראָפּיי-שער רעוואָליוציע 1848 יאָר, נאָכנ פארענדיקנ די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אינ ענג-לאנד אונ נאָכ דער אויסבילדונג פונ דער ארבעטערשער רעזערוו-ארמיי אינ א ריי אנדערע לענדער פונ אייראָפּע, — האָבנ קיינ אמעריקע געוואנדערט הויפּטזאכלעכ ארבעטער.

מארקס אונ ענגעלס האָבנ פארצייכנט, אז ביזנ 1848 יאָר האָט דער ארבעטער-קלאס פונ אמעריקע זיכ אויסגעצייכנט מיט א גרויסער פליסעוודיקייט, ער האָט נית געהאַט קיינ שטענדיקנ באַשטאנד.

אינ די שטעט פונ די מיזרעכדיקע שטאטנ האָבנ ארבעטער געזענ אָנצוזאמלענ וואָסערע-ניט-איז מיטלענ אפ קויפנ א קליינעם אינווענטאר, געוואָרפנ די פאבריק אונ זיכ געלאָזט אפ מיירעוו.

דער אוועקגאנג פונ ארבעטער פונ די שטעט אפ פרייער ערד האָט אינ דער ערשטער צייט טאָרמאָזירט די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ, וויל אינ דער אינדוסטריע האָט זיכ געלאָזט פילנ א מאנגל אינ קוואליפיצירטע ארבעטער. פונ די 50-ער יאָרנ אָנ האָט די שטארק-אויסגעוואָקסענע אימיגראציע פונ ארבעטער אונ די שנעלע דיפערענציאציע פונעמ פויערטומ געדעקט דעמ דאָזיקנ מאנגל. אינ אלגעמיינ אָבער האָט דער פּראָצעס פונ קאָלאָניזירנ דעמ מיירעוו אפ „דעמאָקראטישע רעלסנ“ פארגיכערט די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ אונ האָט אימ צוגעגעבנ א גוואלדיקנ פארנעמ.

צוזאמענ מיטנ וווקס פונ דער באַפעלקערונג אינ די נייע טעריטאָריעס, איז דאָרט די האלב-נאטוראלע ווירטשאפט, וואָס איז געווענ טיפּיש פאר די ערשטע איינוואנדערער, ארויסגעשטויסנ געוואָרנ דורכ דער אינטענסיווער סכוירע-ווירטשאפט אונ אזויארום זיינענ די נייע ערד-טעריטאָריעס געוואָרנ א קאָלאָסאלער אופנעמפייִקער מארק פאר דער אינדוסטריע. עס פלעגנ אופקומענ קאפּיטאליסטישע פערמעס, וואָס האָבנ אָנגעווענדט לוינ-ארבעט. עס זיינענ געוואקסנ נייע שטעט. עס איז אופגעקומענ א נייער מארק, וואָס האָט זיכ געהאלטנ אינ איינ פארברייטערנ אונ האָט געפאָדערט סכוירעס פונ דער פאבריק-אינדוסטריע. די מעגלעכקייט פארנ ארבעטער אוועקצוגיינ פונ דער פאבריק אונ ווערנ א פערמער האָט אויכ פארגרינגערט פאר די ארבעטער זייער קאמפּ פאר א העכערנ ארבעט-לוינ. אינ אמעריקע האָט זיכ די ארבעט-קראפט געצאָלט דורכשניטלעכ העכער, איידער אינ אייראָפּע, אפ וויפל ס'איז געווענ גרויס דער נאָכפרעג אפ ארבעט-הענט. אדאנק דעמ איז די קויפפייִקייט פונעמ ארבעטער אויכ געווענ העכער. דער דאָזיקער פארהעלטענישמעסיקער יאָקרעס אפ ארבעט-קראפט אינ אמעריקע האָט געשטויסנ די אונטערנעמער איינצופירנ מאשינעס, צו מעכאניזירנ די פּראָדוקציע, אונ אינ דער ערשטער העלפט פונעמ XIX יה. זיינענ שוינ געווענ געשאפנ דערצו די טעכנישע פארבאדינגונגענ. אלזאָ, די אָנוועזנקייט פונ פרייער

ערד האָט אין לעצטן סאַכאַקל מיטגעווירקט די שטורמישע טעמפּן אין דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע.

„מיר זעען דאָ גאָר באַשײַמפּערלעך,—האָט לענין געשריבן,—די באַזונדערקײַט פון די פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס מיר האָבן ניט איין מאָל פאַרצייכנט און וואָס באַשטייט אין דער פאַראַנענער ניט־באַזעצטער פרײַער ערד. די דאָזיקע באַזונדערקײַט... דערקלערט די אויסערסט ברייטע און שנעלע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע".

אָבער די שנעלע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט און די שטורמישע אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנישער אינדוסטריע, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, זײַנען פאָרגעקומען בלויז אין צוויי ראַיאָנען — אפן צאָפן־מײַרעוו און אין צאָפן.

אָבער אין דאָרעם איז די אַנטוויקלונג געווען געפּענטעט צוליב דער שקלאַפערײַ, וואָס האָט טאָרמאָזירט דעם איבערגאַנג צו לוינאַרבעט און צו מאַשינעס.

דאָס עקספּלואַטירן די אַרבעטער

האַגאַם די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס איז אין אַמעריקע געווען עטוואָס בעסער, איידער אין אייראָפּע, דאָך איז זי געבליבן אַ גאַנץ שווערע. די פרויען־ און קינדער־אַרבעט פלעגט אַבזאָריעסדיק עקספּלואַטירט ווערן. אין איינער אַן אַמעריקאַנער צײַטונג פון די 30־ער יאָרן ווערט דערציילט וועגן דער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט פון די יונגע אַרבעטערנס אין די פאַבריקן. „אין לאָויף אַרבעטן די אַרבעטערנס 13 שאָ אין טאָג זומער־צײַט און פון באַגינען ביז שטאָק־נאַכט—ווינטער־צײַט". „ניט געקוקט אפן לאַנגן אַרבעטטאָג גיט מען ניט די קינדער אפילע קיין צײַט אף פרישטיק, ווײַל די באַלעבאַטים האַלטן, אַז פרישטיקן דאַרף מען פריִער, איידער מע הייבט אָן אַרבעטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קינדער אַרבעטן געוויינלעך 12—13 שאָ אַ טאָג, אַכוץ שאַבעס. דאָס לאָזט אָבער אַ קנאַפּע מעגלעכקײַט פאַר סיסטעמאַטישער בילדונג".—אַזאַ אויספיר מאַכט די קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די קינדער־אַרבעט אינעם שטאַט מאַסאַטשוסעטס אין 1825 יאָר. אין 1830 יאָר האָבן די פרויען און קינדער אין די פאַרייניקטע שטאַטן באַטראָפן 53 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער.

אין איינעם אַ בריוו, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער אַמעריקאַנישער „פרײַע צײַטונג פון מעכאַנישע אַרבעטער" אין 1830 יאָר, געחתמעט „אַ סאַך אַרבעטער", ווערט געזאָגט:

„אַלעמען איז באַוווּסט דער פאַקט, אַז די מערהײַט געזעלן אף די בוימוואָל־פאַבריקן באַשטייט פון יינגלעך און מיידלעך אין עלטער פון 6 ביז 17 יאָר. זיי זײַנען פאַרורטיילט אף שטענדיקער אַרבעט אפילע אין די סאַמע לענגסטע טעג פון יאָר, פון פאַרטאָג ביז שפּעט אינאָוונט, מיט אַן איבערײַס פון אָנדערהאַלבן שאָ אין טאָג. בא אַזאַ פאַרשפּאַרטקײַט אין פאַבריק קאָנען די עלטערן ניט געבן די דאָזיקע קינדער קיין שום בילדונג אָדער קענטעניש, אַכוץ קענען אַרבעטן בא דער מאַשין, ווי מע האָט זיי אָוועקגעשטעלט. זיי זײַנען געצוווּנגען צו אַרבעטן פאַר אַזאַ נישטיקער סומע, וואָס קלעקט ניט אף עקזיסטענץ, און דער צײַט, ווען דער באַלעבאָס באָדט זיך אין ווויל־טאָג אפן בעזשבן פון די לעבנס פון די עקספּלואַטירטע אָרעמע קינדער".

אין די אַמעריקאַנער צײַטונגען פון די 20־ער—30־ער יאָרן קאָן מען געפינען אַ סאַך מעלדונגען, אין וועלכע די טעקסטיל־פאַבריקאַנטן לאַדן אײַן אַזעלכע

ארבעטער, וואָס האָבן ניט ווייניקער, ווי 6 קינדער. שווער איז געווען אויך די לאַגע פון די פרויען אין פאַבריק. עס איז אויסגעקומען צו ארבעטן 13—14 שאָ א טאָג, לעבן אין ענגע קאַזאַרמעס אונטערן אויפזיכט פון באַזונדערע

קינדער-ארבעט אין פאַבריק

אויפזעערנס, וואָס האָבן שפּיאָנירט נאָך די ארבעטערנס. יאָנטעוו פלעגט מען צווינגען די ארבעטער גיין אין קלויסטער.

די לאַגע פונעם ארבעטער-קלאַס האָט זיך נאָך פארערגערט אויך איבער דער שקלאַפעריי. די מעגלעכקייט אין אייניקע פעלן צו פארבייטן די ארבעט פונעם לוינארבעטער מיט דער ביליקער ארבעט פונעם שקלאַף האָט פארערגערט די אר־בעט-באַדינגונגען פונעם לוין-ארבעטער. באַזונדערס שווער איז געווען די לאַגע פון די ארבעטער אין פעריאָד פון קריזיסן. די מעכאַניקער פון ניו־יאָרק האָבן אינעם פעריאָד פון קריזיס אין 1847 יאָר געמאָלדן, אז בלויז אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן 60 טויזנט בעטלער און אז אין דעם שטאַט ניו־יאָרק האָט א זעקסטל באַפעלקערונג געלעבט פון נעדאָוועס. א גרויס אומגליק איז געווען פארן אר־בעטער אויב ער האָט געהאַט כויוועס. דעמאָלט פלעגט מען אים שמידן אין קייטן און אריינזעצן אין א שוידערלעכער גרוב, די אזוי־גערופענע כויוו־טפיסע. פאַר ניט קיין גרויסע פארברעכנס פלעגט מען אויסברענען מיט אָנגעגליטן אייזן א שטעמפּל אפן קערפּער, באַשטראָפן מיט לייב-שטראָפן אאוו. אין 1833 יאָר האָט מען אין די פשא יערלעך איינגעזעצט אין טפיסע פאַר כויוועס בא 70 טויזנט מענטשן.

די בורזשואזיע האָט זיך קונציק באַניצט מיט דעם, וואָס א סאַך ארבעטער, וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג געקומען צו פאָרן פון אייראָפּע, האָבן ניט באַהערשט די ענגלישע שפּראַך.

ף. ענגעלס האָט געגעבן א בולטע כאַראַקטעריסטיק דער פאַנאַנדערשיידונג פון די אַמעריקאַנער ארבעטער אַפ „אויבערשיכטן“ און „אונטערשיכטן“. די כאַראַקטעריסטיק באַצויט זיך צו א שפּעטערדיקן פעריאָד און גיט א בילד פון דעם, ווי די בורזשואזיע קאָן באַזונדערס קונציק עקספּלואַטירן די „אונטערשיכטן“. דערהויפּט דעם פילמיליאָניקן עמיג־ראַנטישן פּראָלעטאַריאַט. „די באַשעפטיקונגען, וואָס ווערן שלעכט באַצאָלט, פלעגט מען געבן די איבערוואַנדערער. די איבערוואַנדערער זיינען באַשטאַנען פון פארשיידענע באַציאָנאַליטע־

נג, וואָס האָבנ מערסטנטייל איינער דעמ אנדערנ ניט פארשטאנענ אונ האָבנ אויכ ניט געקענט די אָרטיקע שפּראַכ. אונ אַנער בורזשואזיע איז מער לבעריע, אוידער די עסטרײַכישע רע-גירונג, אָנצורייצנ איינ נאציע אפ דער צווייטער — יידנ, איטאליענער, טשעכנ אאַ. אפ דײַטשנ, אירלענדער, אאוו. אזוי, אז אינ ניו-יאָרק, מיינ איכ, עקזיס-טירנ אזוינע אונטערשיידנ אינעמ לעבנ פונ די ארבעטער, וואָס וואָלטנ אינ אנדערע לענדער געווענ ניט מעגלעכ".

די ארבעטער-באוועגונג אינ אָנהייב XIX יאָרהונדערט

די שווערע לאגע פונ די אמעריקאנער ארבעטער האָט זיי גע-שטויסנ ארויסצוטרעטנ קעגנ די קאפּיטאליסטנ. ביז די 20-ער יאָרנ פונעמ XIX יה. האָבנ אינ די פּראָפעסיאָנעלע פאריינענ אונ שטרײַקנ זיכ באטייליקט הויפּטזאכלעכ האנטווערקערישע ארבעטער, אונ פונ די 20-ער יאָרנ אָנ טרעטנ ארײַנ אינ דער ארבעטער-באוועגונג מאסנ פאבריק-ארבעטער, באזונדערס ארבעטער פונ דער בוימ-וואָל-אינדוסטריע.

ווי שארפ עס זײַנענ געווענ די צוזאמענשטויסנ צווישנ ארבעט אונ קאפּיטאל באווײַזנ די פילצאָליקע צוזאמענשטויסנ צווישנ די ארבעטער מיט דער מיליציע אָדער, אשטייגער, אזוינע פאקטנ, ווענ בייס א ריי שטרײַקנ פונ די וועבער אינ די טעקסטיל-פאבריקנ אינ די 20-ער יאָרנ זײַנענ בא די טויערנ פונ די פאבריקנ געווענ אויסגעשטעלט פּיקעטנ, וואָס האָבנ געדראָעט די שטרײַקברעכער מיט טויט אונ געצוווּנגענ זיי אָפּצוטראָגנ זיכ.

די ערשטע אָרגאַניזאַציעס פונעמ פאבריק-פּראָלעטאַריאַט

אינ די 20-ער אונ 30-ער יאָרנ האָבנ די פאבריק-ארבעטער פונ די פּשא זיכ געשטעלט אפנ וועג פונ אָרגאַניזאַציע. אזוי, איז אינ 1827 י. אינ פילאדעלפיע פאָרגעקומענ אנ אַלגעמיינער שטרײַק מיט דער פאָדערונג פונ א 10-שאָיקנ ארבעטסטאָג. נאָכנ דאָזיקנ שטרײַק האָבנ זיכ פאריייניקט אלע פּראָפעסיאָנעלע פאריינענ פונ שטאָט. די דאָזיקע אלשטאָטישע פארייניקונג פונ די פּראָפפאריינענ איז געווענ די ערשטע אינ דער געשיכטע פונ דער אלוועלטלעכער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג. אינ 1833 יאָר האָט זיכ אינ צאָפנ-אמעריקע אויסגעבילדעט דער אלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער פאריינ, וואָס האָט פאריייניקט איבערנ גאנצנ לאנד די טרעד-יוניאָנענ פונ א ריי פּראָפעסיעס. אינ 1829 יאָר איז אינ פילאדעלפיע געשאפנ געוואָרנ די „פארטיי פונ ארבעטער" אונ אינ זעלבנ 1829 יאָר איז אזא פארטיי געשאפנ געוואָרנ אויכ אינ ניו-יאָרק.

אָבער די טרעד-יוניאָנענ האָבנ אינ אלגעמיינ פאריייניקט די ניטגרויסע אויי-בערשיכטנ פונעמ ארבעטער-קלאַס אונ אינ די ארבעטער-פּארטייענ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ א סאכ קליינבירגערלעכע עלעמענטנ.

דער קלאסנקאמפּ פונעמ פּראָלעטאריאט האָט ביזנ בירגערקריג אָנגענומענ צײַטנווײַז א שארפנ כאראקטער, אָבער ער האָט ניט ארויסגעוויזנ קיינ באזונדערע שטאנדהאפטיקײַט. דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס אינ פעריאָד פונ די קריזיסנ אונ, באזונדערס, ווענ די קאפּיטאליסטנ האָבנ אָנגעדריקט, האָבנ די ארבע-טער יעדנפאלס געקאָנט אוועקגיינ אפ מײַרעוו אונ איבערגיינ צו לאנדווירטשאפט, האגאמ דאָס איז געווענ ווי מיר האָבנ געזענ, ניט איבעריק גרינג דורכצומאכנ.

די אנטוויקלונג פון דער שקלא־פעריי אין די דאָ־רעמדיקע שטאטן

אויב אין צאָפן און אין די מיטל־שטאטן האָט זיך אנטוויקלט די פאבריק־אינדוסטריע און עס האָט זיך געשאפן אן ארבע־טער־קלאס, האָט אין דאָרעם און אין די קאָלאָסאלע באזעצטע שטאטן און טעריטאָריעס פון צאָפן־מײַרעוו אין די זעלבע יאָר־צענדליקער אומבאגרענעצט געהערשט די שקלאַפעריי.

די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אין ענגלאנד און אין אנדערע אייראָפּייִשע לענדער, ווי אויך אין אמעריקע גופע האָט ארויסגערופן א נאָכפרעג אף בוימוואָל. די הויכע פרייזן און די אָנוועזנהײַט פון א גרויסן רעזערוו ניט אויסגעצעדטע נאָך פרוכטבארע ערד אין דאָרעם און אין דאָרעם־מײַרעוו פון אמעריקע, האָבן געמאכט דעם בוימוואָל־ארויסבאקום מיט דער הילף פון ביליקער שקלאַפן־ארבעט פאר מער לוינבאר, איידער באם אָנווענדן לוין־ארבעט. דעריבער זײַנען די לעצטע יאָרצענדליקער פונעם XVIII יה. און די ערשטע העלפט פונעם XIX יה. געווען פאר אמעריקע א צײַט פון אופבלי פאר דער שקלאַפערי־שער פלאנטאציע־סיסטעם.

די שקלאפעריי פון XVIII און XIX יאָרהונדערטער

די פלאנטאציע־סיסטעם און די טעכניק פון דער לאנדווירטשאפט אין דאָרעם זײַנען אין XIX יה. אין גרונט געבליבן די זעלבע, ווי אין XVII—XVIII יה. די ערדארבעט איז ווי פריער פארבליבן אן עקסטענסיווע, דער אונטערשייד איז באשטאנען אין דעם, וואָס דאָס אָרט פון טאבעק האָט אין א באדײַטנדיקער מאָס פארנומען בוימ־וואָל און וואָס די פראָדוקציע האָט זיך איצט געפירט אף קאָלאָסאלע פלאנטאציעס, וואָס האָבן אָנגעציילט הונדערטער און טויזנטער שקלאפן. אין פארגלײַך מיטן XVII—XVIII יה. איז די לאגע פון די שקלאפן געוואָרן נאָך שווערער. אין גייעג נאָך א גרעסערן סכום בוימוואָל, וואָס האָט ארײַנגעטראָגן זייער גרויסע רעוואָכים, האָבן די פלאנטאטערס אומענטש־לעך עקספלואטירט די שקלאפן, וואָס פלעגן נאָך 8—10 יאָר ארבעט אף די פלאנטאציעס אין א רוי פאלן אומקומען פון דער אויסמאטערנדיקער ארבעט.

דער האנדל מיט שקלאפן

אויב דער פלאנטאטער האָט זיך געניטיקט אין נײַע נעגערס, האָט ער זיי געקאָנט קויפן, ווי א באליביקע זאך אָדער ווי פי. די צײַטונגען זײַנען געווען פול מיט מעלדונגען וועגן פארקויפן נעגערס. אָט זײַנען בײַשפּילן פון אזוינע מעלדונגען: „עס פארקויפן זיך אויסגע־צייכנטע נעגערס: א זינגע[illegible] ...ערוי, וואָס קאָן גוט קאכן, וואשן און פרעסן, און אירע פיר קינ־דער — א יונגעלע פון 12 יאָר, א [illegible]יעלע פון 9 יאָר, א מיידעלע פון 5 יאָר, וואָס קאָן נייען, און א מיידעלע פון 4 יאָר“.

אָט איז נאָך איינע א מעלדונג:

„פופציק אָפּגעקליבענע נעגערס, — וועלן די וונטערגעכאַטענע פארקויפן דינסטיק דעם 13־טן מארט אנטקעגן דער געבײַדע פון זייער קאָנטאָר לעבן דער [illegible]. די גרופע באשטייט פון 50 אָפּגעקליבענע סטאטעטשנע נעגערס, יונגע פרויען, מיידעלעך און יונגעלעך. די גרופע אינגאנצן גענומען איז פון א זעלטן גוטער קוואליטעט, קאָמפּלעקט, ווערטפול און גרויסארטיק; די מערהײַט — געבוירענע אין דאָרף, יונג און זייער ארבעטפײַיק. צווי זיי קאָנען ארבעטן אלס אָנטרײַבער, איינער איז א גוטער טישלער“.

די אכזאָריעסדי־קע באציונג צו די שקלאפן

די שקלאפן־אייגנטימער זײַנען זיך אכזאָריעסדיק באגאנגען מיט די שקלאפן. דער פלאנטאטער האָט געטראָגן די פאראַנט־וואָרטלעכקייט בלויז פאר דערהארגענען א שקלאַף. אָבער דער באלעבאָס האָט שטענדיק געקאָנט דערווײַזן, אז דער שקלאַף איז געווען ניט געהאָרכזאם און געפערלעך, און אין אזא פאל איז גע־ווען דערלויבט צו הארגענען דעם שקלאַף.

אָט איז צומ בײַשפּיל א מעלדונג אינ „ווירדזשינער צײַטונג" פונ 27-טנ אפּרעל 1767 יאָר. דער פּלאנטאטער **דזשאָנ בראונ** זאָגט צו א געשאנק פונ 10 פונט יעדנ, ווער עס וועט דערהארגענענ די נעגערס, וואָס זײַנענ אנטלאָפנ פונ אימ אונ וועט אימ ברענגענ זייערע קעפּ (אפּאָנעמ ער האָט מוירע געהאט, אז אויב די נעגערס וועלנ בלײַבנ לעבנ, וועלנ זיי פונ אימ נעקאָמע נעמענ).

אָט איז נאָכ א קורצע נאָטיצ פונ כראָניק־אָפּטייל אינ דער „אָוונט־צײַטונג" (שטאָט טשארלסטאָנ, דאָרעמדיקע קאראָלינע) פונ יענער צײַט. דאָ דערציילט זיכ, אז א נעגער, וואָס געהערט צו מיסטער בראָונ, איז אנטלאָפנ, אויסטוענדיק זיכ נאקעט אונ אָנשמירנדיק זיכ מיט פעטס, כדי עס זאָל זײַנ שווערער אימ צו כאפּנ. מע האָט אימ דאָכ געכאפּט, אָבער דערבײַ האָט ער מיט א מעסער, וואָס איז געווענ בא אימ אינ דער האנט דערהארגעט דעמ באלעבאָס אונ פארוווּנדעט דעמ אופזעער. נאָכ א קורצנ געריכט (געוויינלעכ האָט א ריכטער געקאָנט זײַנ יעדער ווײַסער, וואָס האָט אײַנגעלאדנ איינעמ אָדער צוויי ווײַסע שכיינימ אלס ריכטער) האָט מענ אימ אָפּגעשניטנ א האנט, אײַנגעטונקט די פארבלוטיקטע אָפּגעהאקטע האנט אינ זודיקע סמאָלע, דערנאָכ האָט מענ אימ אליינ אָפּגעטונקט אינ א פאס מיט סמאָלע, נאָכדעמ ערשט האָט מענ אימ אופגעהאנגענ.

די שקלאפנ פלעגנ ניט איינמאָל מאכנ אופשטאנדנ, אָבער די פּלאנטאטערס פלעגנ די אופשטאנדנ דערשטיקנ. באזונדערס גרויס איז געווענ **נאט טארנערס** אופשטאנד אינ ווירדזשיניע אינ 1831 יאָר. ער איז אָבער געווענ ניט אָרגאניזירט אונ די נעגערס האָבנ געליטנ א מאפּאָלע. נאט טארנערנ צוזאמענ מיט 60 אנדערע אופשטענדלער האָט מענ געכאפּט אונ געקעפּט.

דער קאמף פונ די פּלאנטאטערס אונ פּערמערס פאר דער מײַרעוודיקער ערד

די אומופהערלעכע באוועגונג אפ מײַרעוו, דאָס שטענדיקע פארכאפּנ נײַע ערד איז געווענ א פראגע פונ לעבנ אונ טויט פאר די שקלאפּנ־אייגנטימער אונ פּלאנטאטערס. מיר געדענקענ, אז אינ סאָפ XVIII יה. האָט די שקלאפּנ־אייגנטימערישע ווירטשאפט איבערגעלעבט א קריזיס. די אלטע ערד פאר טאבעק־פּלאנטאציעס איז געווענ אויסגעצערט אונ די שקלאפערײַ ניט פארכאפּנדיק קיינ נײַע ערד האָט אופגעהערט צו לוינענ. דאָס פארענדיקנ די מילכאָמע פאר אומאָפּהענגיקײַט האָט געעפנט די מעגלעכקײַט צו פארכאפּנ נײַע ערד דורכ דער באוועגונג אפ מײַרעוו. אונ אָט האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ צוויי שטראָמענ קאָלאָניזאטערס: פונ דאָרעמ — שקלאפּנ־אייגנטימער מיט זייערע שקלאפּנ, פונ צאָפנ — פּערמערס. **צווישנ זיי האָט זיכ געפירט א פארביטערטער אומופהערלעכער קאמפ פאר דער מײַרעוודיקער ערד.** דאָס איז געווענ א קאמפ פונ צוויי קלאסנ, פאָרשטייער פונ צוויי ווירטשאפט־טיפּנ.

צוויי פּלענער צו דערלייזנ די אנ־ראר־פראגע

די ווידערשפּרוכנ פונ די קלאסנ־אינטערעסנ אונ דער קאמפ צווישנ די פּערמערס אונ די פּלאנטאטערס פאר דער פרײַער ערד אינ מײַרעוו, פאר דער הערשאפט פונעמ שקלאפּנ־אייגנטימערישנ אָדער פּערמערישנ טיפּ ווירטשאפט אפ דער דאָזיקער ערד האָבנ זיכ אָפּגעשפּיגלט אינ די פּלענער פונ די אגרארע אונ סאָציאלע רעפאָרמעס, וואָס פלעגנ ארויסגערוקט ווערנ אינ דאָרעמ אונ אינ צאָפנ. אינ דער מיט 40-ער יאָרנ האָט דער דאָרעמ־פאָרשטייער אינ קאָנגרעס **גאמאָנד** פאָרגעלייגט

באַכצוטאָנ דעמ בײַשפּיל פונ דאָרעמ אונ אײַנפירנ שקלאפערײַ אומעטומ אינ די צאָפנדיקע שטאטנ. ער האָס רעקאָמענדירט דער בורזשואזיע פונ די צאָפנדיקע שטאטנ, די באזיצער פונ ווארשטאטנ אונ פאבריקנ צו ווערנ אײגנטימער פונ זײערע ארבעטער, באזאָרגנ זײ מיט שפּײַז אונ קלײדונג אונ צווינגענ זײ צו ארבעטנ, ווי שקלאפנ. ער האָט אויכ רעקאָמענדירט פאנאנדערטײלנ צווישנ די גרויסע גווירימ די גאנצע ערד, וואָס איז נאָכ געבליבנ פרײַ אפּ מײַרעוו, פארקויפנ אינ גרויסע באצירקנ, קעדײ באארבעטנ זי מיט דער הילפ פונ ארבעטער, וואָס זײַנענ פארוואנדלט אינ שקלאפנ.

קעגנ דעמ דאָזיקנ פלאנ האָבנ די פערמערס אונ די ארבעטער פונ צאָפנ אונ מײַרעוו קעגנגעשטעלט א פלאנ פונ פאנאנדערטײלנ אומזיסט די „פרײַע“ ערד אלעמענ, ווער עס וועט אפּ די באקומענע באצירקנ פירנ א פערמער-ווירטשאפט. אינ 1852 יאָר האָט איוואנס פאָרגעלײגט „לײזנ“ די ארבעטער-פראגע דורכ דעמ, וואָס מע זאָל געבנ די ארבעטער אומזיסטע ערד אונ די נײטיקע ווירטשאפט-אײַנריכטונגענ אפּנ כעזשבנ פונ דער רעגירונג. איוואנס פלאנ האָבנ די פערמערס אונ די ארבעטער פונ צאָפנ אונ מײַרעוו באגעגנט מיט גרויס מיטגעפיל.

אזוי ארומ האָט זיכ דער גרונט-קאָנפליקט פאנאנדערגעוויקלט צווישנ די פלאנטאטערס שקלאפנ-אײגנטימער פונ דאָרעמ אונ דעמ פערמערטומ פונ מײַרעוו. עס האָט זיכ געפירט א קאמפ צווישנ קלאסנ, וואָס האָבנ פאָרגעשטעלט צוויי טיפּנ ווירטשאפט — א שקלאפנ-אײגנטימערישע אונ א פערמערישע. אינ דעמ דאָזיקנ צוזאמענשטויס איז דער ארבעטער-קלאס אונ דאָס פערמערטומ פונ די צאָפנדיקע שטאטנ געווענ אינגאנצנ אפּ דער זײַט פונ די פערמערס פונ מײַרעוו. די ווײַטערדיקע פארברײטערונג פונ דער שקלאפנ-אײגנטימערישער ווירטשאפט איז געווענ א געפאר סײַ פאר די פערמערס סײַ פאר די ארבעטער פונ צאָפנ, ווײַל די דאָזיקע פארברײטערונג וואָלט פארשטארקט עקאָנאָמיש אונ פאָליטיש דעמ קלאס פלאנטאטערס, וואָס האָט זיכ ארומגעטראָגנ מיט די סאמע רעאקציאָנערסטע פלענער, ווי מיר האָבנ דאָס שוינ געזענ אפּנ בײַשפּיל פונ גאמאָנדס פלאנ.

ווי זשע האָט זיכ באצויגנ צו דעמ דאָזיקנ קאָנפליקט די בורזשואזיע פונ צאָפנ?

אינ דער סוויווע פונ דער צאָפנדיקער בורזשואזיע האָט מענ געקאָנט דײַטלעכ אונטערשײדנ צוויי גרונטלעכע גרופּעס, וואָס האָבנ זיכ פארשײדנ באצויגנ צומ פאנאנדערגעפלאקערטנ קאָנפליקט. די האנדל-בורזשואזיע פונ צאָפנ, וואָס פלעגט אינ די צאָפנדיקע שטאטנ אונ אינ אויסלאנד אָפּזעצנ דעמ בוימוואָל, טאבעק, רײַז, וואָס מע האָט פראָדוצירט אינ דאָרעמ, אונ האָט באזאָרגט די דאָרעמדיקע פלאנטאטערס מיט אינדוסטריעלע סכוירעס, זי האָט פולקומ געשטיצט די פלאנטאטערס קעגנ די פערמערס, זי איז געווענ עקאָנאָמיש צו ענג פארבונדנ מיט די שקלאפנ-אײגנטימער, אז זי זאָל קאָנענ אנדערש זיכ אופירנ. אנ אנדער פּאָזיציע האָט פארנומענ די אינדוסטריעלע בורזשואזיע פונ צאָפנ. זי האָט געהאט א גאנצע צאָל וועזנטלעכע מײנונג-פארשײדנהײַטנ מיט די פלאנטאטערס. די פלאנטאטערס האָבנ באשרענקט די פרײַהײַט פונ ווירטשאפטלעכער טעטיקײַט פאר דער בורזשואזיע. זײ האָבנ, א שטײגער, זיכ קעגנגעשטעלט קעגנ דער בויונג פונ אײַזנ-

באנענ אינ דאָרעמ, קעגנ דער בויונג פונ פאבריקנ, זײ האָבנ אָנגעדריקט אפ דער צענטראַלער רעגירונג אונ זי געשטויסנ צו דער פּאָליטיק פונ פּראָטעזשירנ דעמ גרויסנ ערדבאַזיצ צומ שאָדנ פונ דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. זײ זײַנענ געווענ קעגנער פונ די באַשיצלערישע גרענעצ־אָפּצאָלנ, אינ וועלכע עס האָט זיכ גענייטיקט די אַמעריקאַנער אינדוסטריע, קעדיי זיכ צו באַשיצנ פונ דער אויסלענדישער קאָנקורענצ.

די פּלאַנטאַטערס האָבנ באַקומענ אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגענ פונ ענגלאַנד אָדער פונ די צאָפנדיקע שטאַטנ, דערבײַ האָבנ זײ גיכער געקויפט די ענגלישע סכוירעס, אַלס די סאַמע ביליקסטע.

די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט זיכ דעריבער געפּלײַסט צו באַשטײַערנ די ענגלישע אויסאַרבעטונגענ מיט הויכע גרענעצ־אָפּצאָלנ אונ אַפילע אינגאַנצנ צו פאַרבאָטנ זײ אַרײַנצופירנ. די פּלאַנטאַטערס זײַנענ אַנטשיידנ אַרויסגעטראָטנ קעגנ די דאָזיקע פּרעטענזיעס פונ דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. מע דאַרפ אָבער זאָגנ, אַז די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע פונ צאָפנ האָט דאָכ געהאַלטנ פאַר מעגלעכ דורכצוקומענ מיט די פּלאַנטאַטערס אפ א פרידלעכנ אויפנ. זי אַליינ האָט אונטערגעשטיצט דאָס מײַרעווודיקע פערמערטומ, אָבער בלויז צוליב דעמ, קעדיי אָנ־דריקנ אפ די דאָרעמדיקע פּריצימ אונ זײ צווינגענ צו גייִנ מיט זײ אפ האַנאָכעס. דער ראַדיקאַלער פאָדערונג פונעמ פערמערטומ צו פאַרניכטנ דאָס שקלאַפנטומ אונ די שקלאַפנ־אײגנטימערישע פּלאַנטאַציעס האָט זי ניט מיטגעפילט, פאַרשטייענדיק אויסגעצייכנט, אַז דורכפירנ אַזאַ פּראָגראַמ פאָדערט רעוואָליוציאָנערע אַקציעס, אונ פאַר א רעוואָליוציע האָט די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע דעמלט שוינ מוירע געהאַט.

דער איבערגאַנג פונ די שקלאַפנ־אײגנטימער אינ אָנגריפ. דער מיסוריער קאָמפּראָמיס

אינעמ פּעריאָד צווישנ דער אויסבילדונג פונ די פּשא אונ דעמ בירגערקריג אינ די יאָרנ 1861—1865, האָט די צענטראַלע מאַכט קימאַט די גאַנצע צײַט זיכ געפונענ אינ די הענט בא די פּלאַנטאַטערס פונ דאָרעמ, וואָס זײַנענ געווענ די אײגנטימער פונ דער הויפּט־פּראָדוקציע אינ לאַנד — פונ דער בוימוואָל־פּראָדוקציע. אינ צאָפנ האָט ביז די דרײַסיקער יאָרנ פּאָליטיש געוועלטיקט ניט די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע, וואָס איז נאָכ געווענ שוואַכ, נאָר די האַנדל־בורזשואַזיע, וואָס אירע אינטערעסנ זײַנענ געווענ פאַרבונדנ מיט די פּלאַנטאַטערס. מיט זײער פּאָליטישער אויבערהאַנט האָבנ די פּלאַנטאַטערס זיכ באַניצט, קעדיי צו פאַרברייטערנ די טעריטאָריע פונ דער שקלאַפנ־אײגנטימערישערווירטשאַפט אינ מײַרעוו.

אינ 1820 יאָר, באַמ אַרײַננעמענ אינעמ באַשטאַנד פונעמ פאַרבאַנד אַלס נײַעמ שטאַט די טעריטאָריע מיסורי, האָבנ די דאָרעמדיקע שטאַטנ זיכ דערשלאָגנ צו א באַשלוס, אַז די פרוכטבאַרע ערד פונ מײַרעוו, וואָס איז געלעגנ דאָרעמ־דיקער פונעמ 36־טנ ברייט־גראַדוס, זאָלנ געעפנט ווערנ פאַר שקלאַפנטומ.

עס איז באַשלאָסנ געוואָרנ, אַז באַמ באַזעצנ די ערד וועלנ צו צאָפנ פונ דעמ דאָזיקנ טכומ זיכ אויסבילדנ פרײַע שטאַטנ אונ צו דאָרעמ — שקלאַפנ־אײגנטימערישע.

אַזויווי די באַפעלקערונג פונ די פרײַע שטאַטנ איז געוואַקסנ שנעלער, אײדער

די באפעלקערונג פונ די שקלאפנ-אייגנטימערישע אונ די קאָלאָניזאציע פונ די צאָפנ-מײַרעװודיקע שטאטנ איז געגאנגענ גיכער, איידער פונ די דאָרעמ-מײַרעװו-דיקע, האָבנ די צאָפנ-לײַט שוינ אינ די 20-ער יאָרנ געהאט א מערהײַט אינ דער פאלאטע פונ פאָרשטייער, אפ װיפל די דעפוטאטנ װערנ אהינ געשיקט פראָפאָר-ציאָנעל צו דער צאָל באפעלקערונג.

בא די דאָרעמ-לײַט אינ די הענט האָט זיכ נאָכ געפונענ דער סענאט, װוהינ מע פלעגט שיקנ צװיי פאָרשטייער פונ יעדנ שטאט. קעדיי ניט ארויסלאָזנ דעמ סענאט פונ זייערע הענט, האָבנ די דאָרעמ-לײַט זיכ דערשלאָגנ, אז אינעמ פאר-באנד זאָלנ ארײַנגענומענע װערנ שטענדיק צו צװיי שטאטנ — איינער א פרײַער, דער צװייטער — א שקלאפנ-אייגנטימערישער.

דער אָפמאכ פונ 1820 יאָר האָט באקומענ דעמ נאָמענ „מיסוריער קאָמפּראָמיס“. אָבער די שקלאפנ-אייגנטימער האָבנ אינגיכנ אופגעהערט צו בלײַבנ באפרידיקט מיטנ מיסוריער קאָמפּראָמיס. אלס רעזולטאט פונ דער מילכאָמע פונ 1846 יאָר האָבנ זיי פארכאפט די שפאנישע געגנט טעכאס אונ האָבנ אויסגעבילדעט דאָרט א שקלאפנ-אייגנטימערישנ שטאט. אינ די 50-ער יאָרנ גייענ די שקלאפנ-אייגנטימער װידער אינ אָנגריפ אונ דערשלאָגנ זיכ (אינ 1850 יאָר) צו א געזעצ װעגנ ארויסגעבנ די באלעבאטימ די שקלאפנ, װאָס זײַנענ אנט-לאָפנ אינ די „פרײַע שטאטנ“.

דער בײל פונ קאנזאס-נעבראסקא

דער װײַטערדיקער טראָט פונ די שקלאפנ-אייגנטימער איז געװענ זייער פרעטענזיע, אז מע זאָל אײַנפירנ שקלאפנטומ אינ די ראיאָנענ, װאָס געפינענ זיכ צאָפנדיקער פונעמ 36-טנ ברייט-גראדוס. אנדערש גערעדט, זיי האָבנ געפאָדערט אָפשאפנ דעמ מיסוריער קאָמפּראָמיס צוליב זייער נוצ. איצט האָבנ זיי שוינ פרעטענדירט אפ די צאָפנדיקע טעריטאָריעס. װענ מע האָט אינ 1854 יאָר ארײַנגענומענע די צװיי נײַע שטאטנ נעבראסקא אונ קאנזאס, װאָס געפינענ זיכ צאָפנדיקער פונעמ 36-טנ גראד, האָבנ די שקלאפנ-אייגנטימער זיכ דערשלאָגנ, אז דער קאָנגרעס זאָל ניט פארבאָטנ אינ די שטאטנ דאָס שקלאפנ-טומ, װי דאָס האָט באדארפט געטאָנ װערנ לויטנ „מיסוריער קאָמפּראָמיס“.

לויט דער פאָדערונג פונ די שקלאפנ-אייגנטימער האָט דער קאָנגרעס געגעבנ דאָס רעכט דער באפעלקערונג פונ די דאָזיקע טעריטאָריעס אליינ צו באשטימענ די פראגע, צי װעלנ די דאָזיקע טעריטאָריעס זײַנ פרײַע אָדער שקלאפנ-אייגנטימערישע שטאטנ. װענ די שקלאפנ-אייגנטימער האָבנ זיכ צו דעמ דערשלאָגנ, האָבנ זיי גלײַכ אָנגעהויבנ ארגאניזירנ באװאָפנטע באנדעס. די דאָזיקע באנדעס האָבנ זיי געשיקט אינ נעבראסקא אונ קאנזאס, קעדיי מיט געװאלד אײַנפירנ שקלאפנטומ אינ די דאָזיקע שטאטנ. אלס ענטפער דערויפ האָבנ די פערמער אונ די ארבעטער פונ צאָפנ אָנגעהויבנ ארגאניזירנ באװאָפנטע אָטריאדנ, קעדיי צו הילפ קומענ די אָנהענגער פונ פארבאָטנ שקלאפנטומ אינ די נײַע טעריטאָריעס. אינ 1857 יאָר האָט זיכ אינ שטאט קאנזאס אָנגעהויבנ א באװאָפנטער קאמפ צװישנ די פלאנ-טאטערס אונ פערמערס. אזויארומ האָט זיכ דער פארטיזאנישער בירגערקריג אָנגעהויבנ שוינ אינ 1857 יאָר.

דזשאָנ בראונס אופשטאנד

אינ 1859 יאָר האָט זיכ דער באװאָפנטער קאמפ אריבערגע-װאָרפנ אינ דעמ שטאט װירדזשיניע. דאָ האָט דער פערמער דזשאָנ בראונ געפרוװט מאכנ אנ אופשטאנד פונ שקלאפנ. בראונ האָט געמיינט, אז אויב ער װעט מאכנ אנ אופשטאנד פונ נעגערס, װעט ער זיכ פארפעסטיקנ אינ די אלעגאנער בערג אונ פונדאנענ װעט ער אופהייבנ

די נעגערס פונביידע זייַטנ בערג. בראונס אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרנ אינ סאמע אָנהייב; א שטארק פארוווּנדעטער איז בראונ ארעסטירט געוואָרנ, מע האָט אימ אפ א טראָגבערעטל געבראכט אינ געריכט און לויטנ אורטייל פונעמ אמעריקאנישנ „דעמאָקראטישנ“ געריכט האָט מענ אימ געשאָסנ.

פארנ טויט האָט בראונ דורכ א וואכמאנ איבערגעגעבנ זייַנע פרייַנט א צעטעלע, אינ וועלכנ עס איז געווענ אָנגעשריבנ: „איכ, דזשאָנ בראונ, בינ איצט פולשטענדיק איבערצייַגט, אז בלויז בלוט וועט אָפוואשנ דעמ גרויסנ פארברעכנ פונ דעמ דאָזיקנ זינדיקנ לאנד. איצט טראכט איכ, אז אומזיסט האָב איכ זיכ געטרייסט מיטנ געדאנק, אז מע קאָנ דאָס דערגרייכנ אָנ בלוט-פארגיסונג“.

דזשאָנ בראונ

בראונס בייַשפיל האָט ארויסגערופנ א ריי פרווונ פונ אופשטאנדנ בא די שקלאפנ פונ אנדערע ערטער.

וועגנ די דאָזיקע אופשטאנדנ האָט מארקס געשריבנ:

„לויט מייַנ מיינונג, איז די סאמע גרעסטע געשעניש אינ דער וועלט בא היינטיקנ טאָג, פונ איינ זייַט, די אמעריקאנער באוועגונג פונ די שקלאפנ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט בראונס טויט, פונ דער צווייטער זייַט,— די באוועגונג פונ די שקלאפנ אינ רוסלאנד“.

דער קאמפ קעגנ שקלאפנטומ אינ די 50-ער יאָרנ

די באוועגונג קעגנ שקלאפנטומ האָט זיכ באזונדערס פארשטארקט אָנהייבנדיק פונ די 50-ער יאָרנ און האָט געפונענ איר אויסדרוק אויכ אינ דער פאָליטיק און אינ דער ליטעראטור. אינ קאמפ קעגנ שקלאפנטומ האָבנ זיכ אָנגעמערקט צווי ריכטונגענ: איינע א בורזשואזע, א מעסיקע, וואָס איז געשטאנענ פאר באגרענעצנ דאָס שקלאפנטומ, די צווייטע — אנ אנטשלאָסענע, אנ ארבעטער-פערמערישע, וואָס איז געשטאנענ פאר פארניכטנ דאָס שקלאפנטומ — אבאָליציאָניזמ (דאָס וואָרט „אבאָלישענ“ באטייַט פארניכטונג).

קעדיי צו הילפ קומענ די נעגערס, האָבנ די אבאָליציאָניסטנ, איבערהויפט די פערמערס, אפילע אָרגאניזירט די אזויגערופענע „אומלעגאלע אייַזנבאנ“, אנ אָרגאניזאציע אפ געהיימ אריבערשיקנ די נעגערס פונ די דאָרעמדיקע שטאטנ אינ די צאָפנדיקע.

דער פראָצעס איבער דרעד סקאָט

אלס ענטפער אפ דער פארשטארקונג פונ קאמפ קעגנ שקלאפנטומ אינ די 50-ער יאָרנ האָבנ די פלאנטאטערס זיכ דערשלאָגנ אינ 1857 יאָר צו א באשלוס פונעמ העכסטנ געריכט וועגנ דעמ, אז דער שקלאפ איז א פולשטענדיק אייגנטומ פונ זייַנ באלעבאָס, און דער באלעבאָס קאָנ ברענגענ דעמ שקלאפ אינ יעדנ שטאט, אפילע אינ אזא, ווו עס איז פארבאָטנ שקלאפנטומ — ער קאָנ זיכ דאָרט באזעצנ און פאָדערנ פונעמ שקלאפ געהאָרכזאמקייַט און ארבעט.

אנדערש גערעדט, דאָס שקלאפנטומ איז פאקטיש געוואָרנ פארשפרייט אפ

אלע שטאטנ. דער דאָזיקער באשלוס איז אָנגענומענ געוואָרנ בייסנ פּראָצעס איבערנ נעגער דרעד סקאָט, וועמענ דער באַלעבאָס האָט געבראכט אינ א נייעמ שטאט אונ מיט דער הילפ פונ געריכט איז ער דאָכ אנערקענט געוואָרנ פאר א שקלאפ. אזויארומ האָבנ די שקלאפנ-אייגנטימער אנטשיידנ אָנגעגרייפט אפ צאָפנ אונ האָבנ געפאָדערט פארשפּרייטנ דאָס שקלאפנטומ איבערנ גאנצנ פארבאנד. דאָס האָט ארויסגערופנ אנ אויסערגעוויינלעכ שטארקע אופרעגונג אינ די צאָפנדיקע אונ מיירעוודיקע שטאטנ. שוינ אינ פעריאָד פונ קאמפ פאר קאנזאס איז אינ די צאָפנדיקע שטאטנ אנטשטאנענ אנ אָרגאניזאציע צו העלפנ מיט מענטשנ, מיט געווער אונ געלט די קעמפער קעגנ שקלאפנטומ אינ קאנזאס. פונ דער דאָזיקער אָרגאניזאציע, אינ וועלכער עס האָט געשפּילט אנ אָנגעזעענע ראָליע דער פערמערישער אידעאָלאָג איוואנס, האָט זיכ אויסגעפאָרמירט א רעפּובליקאנישע פּארטיי, וואָס איז רעכאטכילע באשטאנענ פונ פערמערס, שטאָטישער קליינבורזשואזיע אונ ארבעטער. דער וויצע-פּרעזידענט פונ דער דאָזיקער פּארטיי איז געוועזנ אייבראמ לינקאָלנ.

אייבראמ לינקאָלנ

אייבראמ לינקאָלנ איז געוועזנ א זונ פונ אנ אָרעמענ פערמער. פריִער האָט ער געארבעט אלס באטראק בא די פערמערס, געוועזנ א וואלד-העקער, דערנאָכ האָט ער געשלעפּט שיפנ מיט פראכט איבער די קאנאלנ, נאָכדעמ איז ער געוועזנ אנ אָנגעשטעלטער, געהאט אנ איינענע קראָמ, שפּעטער געוואָרנ אנ אדוואָקאט אונ, צולעצט, איז ער געוואָרנ א פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיקער. ער איז געוועזנ א מיטגליד פונ די געזעצגעבערישע פארזאמלונגענ פונ שטאָט אונ דערנאָכ פונ קאָנגרעס.

בא די וואלנ פונ די יאָרנ 1856 — 1860 איז די רעפּובליקאנישע פּארטיי שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ שקלאפנטומ. בא די וואלנ פונ 1860 יאָר האָט די רעפּובליקאנישע פּארטיי געזיגט. די דעמאָקראטנ פונ צאָפנ האָבנ זיכ צעשפּאָלטנ אונ דער קליינבירגערלעכער טייל זייערער האָט אונטערגעהאלטנ די רעפּובליקאנער. לינקאָלנ איז אויסגעוויילט געוואָרנ אלס פּרעזידענט פונ די פשא.

די יעדיִע וועגנ דעמ האָט ארויסגערופנ א מוירעדיקע אופרעגונג אינ דאָרעמ. צו דער מאכט איז געקומענ א פּארטיי, וואָס האָט געפאָדערט פארניכטנ דאָס שקלאפנטומ אונ איבערגעבנ די מיירעוודיקע ערד צו די פערמערס.

דער אָנהייב פונ בירגערקריג

אלס ענטפער אפנ אויסוויילנ לינקאָלנענ האָבנ די פּלאנטאטערס פונ די דאָרעמדיקע שטאטנ באשלאָסנ זיכ אָפּטיילנ פונ די פשא אונ בילדנ א באזונדערע מעלוכע. דעמ 20-טנ דעקאבער 1860 יאָר האָט דאָרעמ-קאראָלינע דערקלערט, אז זי טרעט ארויס פונעמ פארבאנד. נאָכ איר זיינענ איינגיכנ ארויס נאָכ 7 שטאטנ, אונ אינ 4 כאדאָשימ ארומ, דעמ 11-טנ אפּרעל 1861 יאָר, האָבנ די דאָרעמ-לייט באשאָסנ דעמ פאָרט (טייל פונ פעסטונג) סאמטער, לעבנ טשארלסטאָנ, די הויפּטשטאָט פונ דאָרעמ-קאראָלינע. אינעמ פאָרט סאמטער האָט זיכ געפונענ דאָס מיליטער פונ דער צענטראלער רעגירונג פונ די פשא.

דערקלערנדיק וועגנ זייער ארויסגיינ פונעמ פארבאנד, האָבנ די דאָרעמ-לייט

געטײַנעט, אז זיי קעמפן קעגן דער טיראניע פון די צאָפן-לײַט, וואָס מישן זיך אַרײַן אין זייערע פאַראַנדקעס, בינדן זיי אָן הויכע טאריפן, צווינגען זיי צו קויפן אפ אופגעבלאָזענע פרײַזן אינדוסטריעלע אויסארבעטונגען. אָבער דער עמעסער טאָכ פון דער מילכאָמע איז געווען דער צוזאמענשטויס צווישן צוויי סאָציאַלע סיסטעמען — דער שקלאפן-אייגנטימערישער און דער קאפיטאליסטישער. דערבײַ איז די הויפט-פראגע, בא וועלכער עס האָבן זיך צוזאמענגעשטויסן צאָפן און דאָרעם, געווען דער קאמפ פאר פארשפרייטן די דאָזיקע סיסטעמען אפ דער ערד פון מײַרעוו און צאָפן. די פלאנטאטערס האָבן געוואָלט אָנבינדן שקלאפנטום אַלע שטאטן און אַלע באפעלקערטע טעריטאָריעס. קאָלזמאן די פאָליטישע מאכט איז געבליבן אין די הענט בא די פלאנטאטערס, האָבן זיי מיט דערפאָלג געפירט דעם אָנגריף אפ דער פרײַער ערד; ווען אָבער די בורזשואזיע און די פערמערס פון מײַרעוו האָבן בא די פלאנטאטערס פון די הענט ארויסגעריסן די פאָליטישע מאכט האָבן די פלאנטאטערס דערזען, אז דאָס שקלאפנטום וועט אין בעסטן פאל בלײַבן באגרענעצט בלויז אין די אַלטע ראיאָנען, און דאָס הייסט, אז עס איז פאַרורטיילט אפ פארניכטונג. דערמיט דערקלערט זיך טאקע דער איבערגאנג זייערער אין אָנגריף און דאָס אײַנרײַסן מיטן צאָפן.

די סיבעס פון די וואקלענישן בא דער בורזשואזיע פון צאָפן

ניט געקוקט אפ דעם, וואָס די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע האָבן געפאָדערט צו פארניכטן דאָס שקלאפנטום, ווײַל דאָס באשרענקט די פרײַהײַט פאר דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם, דאָך האָט די אינדוסטריעלע בורזשואזיע פון צאָפן זיך לאנג געוואקלט, איידער זי איז צוגעטראָטן צו אנטשיידענע מײַסים. די דאָזיקע ניט-אנטשלאָסנקײַט דערקלערט זיך, קוידעמקאָל, מיט דער מוירע פאר די מאסן. די מײַרעוודיקע פערמערס, וואָס זײַנען געווען פאָרגעשטעלט דורך דער רעפובליקאנישער פארטיי, האָבן אָנגעבונדן א מילכאָמע אי דער בורזשואזיע אי די פלאנטאטערס.

מע דארף געדענקען, אז די געשעענישן זײַנען פאָרגעקומען נאָך דער רעוואָליוציע פון 1848 יאָר, נאָך די יונער טעג, ווען „הינטער דעם רוקן פון דער בורזשואזיע איז געשטאנען דער פראָלעטאריאט", ווען די בורזשואזיע איז געוואָרן שוין קעגן־רעוואָלוציאָנער, ווען די בורזשואזיע איז געוואָרן שרעקעוודיק, אָפּהענטיק און ניט אנטשלאָסן" און האָט שוין ניט געקאָנט זיך שטעלן אין שפיץ פון דער היסטאָריש-פראָגרעסיווער, באפרײַערישער באוועגונג. זי האָט אפ פארשיידענע אופאנים געשטרעבט צו פארבײַטן דעם קאמפ אפ אַן אויסגלײַך, אפ א נײַעם קאָמפּראָמיס. און בלויז די אנטשיידענע מײַסים פון די ארבעטער און פערמערס האָבן געצווונגען, סאָפקאָלסאָף, די בורזשואזיע, נאָך א רייי שווערע מיליטערישע מאפּאָלעס, אויס געפאר פון אַן אופשטאנד מיצאד די מאסן קעגן איר הערשאפט, אײַנצוגיין אפ פארניכטן דאָס שקלאפנטום און באפרידיקן די גרונט-פאָדערונג פון די פערמערס וועגן ערד.

די ניט-אנטשלאָסנקײַט פון דער בורזשואזיע דערקלערט זיך נאָך אויך דערמיט, וואָס אין אָנהייב בירגערקריג איז צו צאָפן צוגעשטאנען א טייל פון די שקלאפן-אייגנטימערישע גרענעץ-שטאטן — קענטוקי, מיסורי און אנדערע, ווו עס האָט עקזיסטירט שקלאפנטום. פארניכטנדיק דאָס שקלאפנטום, האָט די בורזשואזיע פון צאָפן געמוזט אײַנרײַסן מיט די שקלאפן-אייגנטימער פון די דאָזיקע גרענעץ-

שטאַטן און דאָס האָט געקאָנט ברענגען דערצו, אַז די דאָזיקע שטאַטן זאָלן אַריבערגיין אַפֿ דער זײַט פֿון דאָרעם. ענדלעך, זײַנען די פּלאַנטאַטערס פֿון דאָרעם שולדיק געווען געלט די באַנקירן און סאָחרים פֿון צאָפֿן. אין פֿאַל פֿון פֿאַרניכטן דאָס שקלאַפֿנטום אָדער אין פֿאַל פֿון אַ מילחאָמע, וואָלט דאָס אופֿמאָנען די כויוועס געווען אין אַ סאָפֿעק.

עס זײַנען געווען איינצלנע גרופּעס בורזשואַזיע, ווי אַשטייגער טעקסטיל־פֿאַבריקאַנטן, וואָס האָבן מוירע געהאַט, אַז אין פֿאַל פֿון גרויסע ענדערונגען אין דאָרעם אָדער פֿון אַ מילחאָמע וועלן זיי בלײַבן אָן בוימוואָל און אין דער אינדוסטריע וועט פֿאָרקומען אַן אָפּהאַלט.

די ניט־אַנטשלאָסענע מײַסים פֿון דער בורזשואַזיע פֿון צאָפֿן

עס איז אַוועק פֿיר כאָדאָשים נאָך דעם, ווי די דאָרעם־לײַט האָבן דערקלערט וועגן זייער אָפּטיילן זיך, און די צענטראַלע רעגירונג האָט זיך פֿאַרנומען מיט אײַנריידן די דאָרעם־שטאַטן און האָט ניט אָנגענומען קיינע מיטלען. אין דער צײַט האָט די פּליכטן פֿונעם פּרעזידענט נאָך אויסגעפֿילט דער אַלטער פּרעזידענט ביוקענען, וואָס האָט מיטגעפֿילט די דאָרעם־לײַט. דרײַ מיניסטאָרן, צווישן זיי דער קריג־מיניסטער פֿלויד און דער פֿינאַנץ־מיניסטער קאָב־



דער פֿאָרט סאַמטער נאָך דער באָמבאַרדירונג

זײַנען געווען אָנהענגער פֿון דאָרעם. זיי האָבן אָפּן אַריבערגעשיקט געווער און געלט קיין דאָרעם און האָבן שעדיקעריש געשטערט דער זאַך אין צאָפֿן.

ווען לינקאָלן איז צוגעטראָטן צו דער פֿאַרוואַלטונג, האָט ער פֿאָרגעזעצט די פֿריִערדיקע פּאָליטיק פֿון אײַנריידן מיט גוטן די דאָרעמדיקע שטאַטן און האָט פֿאַרנומען אַ ניט־אַנטשלאָסענע פּאָזיציע אין דער פֿראַגע וועגן שקלאַפֿנטום. ערשט דעם 15־טן אַפּרעל, אין 4 טעג אַרום נאָכן באָמבאַרדירן דעם פֿאָרט סאַמטער, האָט לינקאָלנס רעגירונג דערקלערט די דאָרעמדיקע שטאַטן פֿאַר בונטאַרישע און האָט



געריפן 75 טויזנט פרײַוויליקע אין דער ארמיי. אפן רוף זײַנען געקומען 300 טויזנט.

די קרעפטן פון צאָפן און פון דאָרעם

אפ דער זײַט פון צאָפן זײַנען געווען 23 שטאטן מיט א באַפעלקערונג פון 22 מיליאָן מענטשן. אפן דאָרעם — 9 מיליאָן מענטשן, דערונטער 3500 טויזנט שקלאפן.

אין רעשוס פון צאָפן איז געווען א באַדײַטנדיק אנטוויקלטע אינדוסטריע. צאָפן איז געווען רײַך אין ברויט.

אָבער אין אָנהייב מילכאָמע האָט דער צאָפן, אדאנק דער ניט-אנטשלאָסנקײַט, שוואכקײַט און וואקלעניש פון דער בורזשואזיע געליטן איין מאפּאָלע נאָך דער אנדערער און עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז דער דאָרעם וועט זיגן.

אין יול 1861 יאָר האָבן די צאָפן־לײַט פארשפּילט א גרויסע שלאכט בא מאנאסאס לעבן וואשינגטאָן. די הויפּט־קרעפטן פון דער צאָפן־ארמיי האָבן געוואָרפן זייערע הארמאטן און זײַנען זיך צעלאָפן. בלויז די ניט־אנטשלאָסנקײַט פון די דאָרעם־לײַט, וואָס האָבן מוירע געהאט פאר אן אופשטאנד פון די נעגערס אין הינטערלאנד, האָט געראטעוועט די צאָפנדיקע ארמיי פון א פול־שטענדיקער צעגראָמירונג.

די מאפּאָלע בא מאנאסאס האָט ארויסגערופן א שטורעם פון צאָרן אין לאנד.

עס זײַנען פאָרגעקומען מאסן־דעמאָנסטראציעס אין א סאך שטעט. די לינקע רעפּובליקאנער, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט די פערמער און די ארבעטער, האָבן באשולדיקט דעם קאָמאנדירן-באשטאנד אין פאראט און האָבן געפאָדערט אָנעמען מאָסמיטלען קעגן די אָפענע אָנהענגער פון דאָרעם. דאן איז לויט לינקאָלנס פאראָרדענונג ארעסטירט געוואָרן א ריי פערזאָנען, וואָס האָבן מיטגעפילט דעם דאָרעם, עס זײַנען פארמאכט געוואָרן די צײַטונגען, וואָס האָבן געפירט א קאָנטררעוואָליוציאָנערע אגיטאציע לטובת דאָרעם, און עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן א באפעל וועגן קאָנפיסקירן דאָס פארמעגן, דערונטער אויך די נעגערס די שקלאפן, בא די פערזאָנען, וואָס זײַנען פארמישט אינעם בונט.

אָבער דאָס אלץ זײַנען געווען האַלבּיקע מאָסמיטלען.

אין דער מילכאָמע האָט די רעגירונג פון צאָפן ווײַטער זיך געהאלטן בא איר באשיצלערישער טאקטיק, און בלויז אונטערן ווײַטערדיקן דרוק פון די דעמאָקראטישע מאסן אין אָנהייב 1862 יאָר האָט די צאָפנדיקע ארמיי, וואָס האָט איצט געציילט העכער 600 טויזנט מאן, אָנגעהויבן אן אָנגריף. דער גענעראַל גראנט מיט זײַנע ארבעטער-פּאָלקן און דער אנטשלאָסענער דעמאָקראט באטלער האָבן פארנומען דעם גרויסן דאָרעמדיקן צענטער — ניו־אָרלעאן. דאָס איז געווען א גרויסער דערפּאָלג. אָבער דער פּרווו אָנצוגרײַפן מיצאד די הויפּט־קרעפטן אונטער דער קאָמאנדע פונעם רעאקציאָנערן בורזשואזן גענעראַל מאקקלעלאן, איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן. וואשינגטאָן איז דאָס צווייטע מאָל שיר ניט אײַנגענומען געוואָרן.

מארקס און ענגעלס האָבן אופמערקזאם נאָכגעשפּירט דעם גאנג פון דער מילכאָמע. מארקס האָט אין די יאָרן 1861—1862 אָפּגעדרוקט א ריי ארטיקלען

אין „ניו-יאָרקער טריבונע", אין וועלכע ער האָט אופגעווירקט אַף דער געזעל־שאַפטלעכער מיינונג פון צאָפן און האָט גערופן צום אנטשיידנדיקן קאַמף קעגן שקלאַפנטום. אינעם בריוו-אויסטויש צווישן מארקסן און ענגעלסן האָבן ביידע אונטערגעשטראָכן, אַז „די מילכאָמע דאַרף מען פירן אַף א רעוואָליוציאָנערן אויפן", ארײַנציִען אין איר ברייטע מאַסן באַפעלקערונג, פאַנאַנדערבינדן א פאַרטיזאַנישע מילכאָמע, דורכפירן אַן אַלגעמיינע רעקרוטירונג, אָנעמען אנטשיידענע פינאַנציִעלע מאָסמיטלען, אײַנצאַמען די אָנהעגנגער פון די דאָרעם-לײַט אין צאָפן, אנטשיידן אָנפאַלן אַפן שקלאַפנטום, מיט איין וואָרט — אופהערן זיך פירן „קאָנ־סטיטוציאָנעל" אין א רעוואָליוציאָנערער סיטואַציע. די מאַפּאַלעס אַף די פראָנטן האָבן פאַרשטאַרקט די אומצופרידנקײַט און דעם דרוק פון די דעמאָקראַטישע מאַסן, און אויב לינקאָלס רעגירונג וועט זיי ניט נאָכגעבן, וועט פּאַרקומען, ווי מארקס האָט געמיינט, א רעוואָליוציע אין צאָפן.

די אומצופרידנקײַט פון די פערמערשע און ארבעטערשע מאַסן אין צאָפן מיט דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט דערגרייכט צו א באַזונדערער קראַפט אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאַפּאַלעס פון 1862 יאָר.

די לינקע רעפּובליקאַנער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען א סאַך ארבעטער, זײַנען ארויסגעטראָטן מיט אנטשיידענע פּאָדערונגען צו באַפרײַען די נעגערס, אײַנטיילן ערד די אָרעמע פערמערס, פאַרבאָטן צו פאַרקויפן פאַר כויוועס פערמערישע ערדבאַלאָקים און באַזײַטיקן פון דער ארמיי און פון דער רעגי־רונג די רעאַקציאָנערע עלעמענטן.

אין הארבסט 1862 יאָר, בײַס דער יעדיִע וועגן דעם, אַז די צאָפן־ארמיי האָט אונטער דער אָנפירונג פון מאַק-קלעלאַן געליטן א מאַפּאַלע און לויפט אין אומאָרדענונג צו וואַשינגטאָן, איבערלאָזנדיק איִרע הארמאַטן און די אָבאָזן, האָבן די ארבעטער און די פערמערס אָרגאַניזירט איבער דעם גאַנצן צאָפן מאַסעווע פּראָטעסט־מיטינגען.

די פערמערס פון מײַרעוו האָבן פאָרגעלייגט אָפּצוטיילן זיך פון די צאָפן־מיזרעכדיקע שטאַטן און בילדן א באַזונדער פאַרבאַנד פון צאָפן־מײַרעוודיקע שטאַטן. די מאַסן־באַוועגונג פון די ארבעטער און פערמערס האָט געצווונגען לינקאָלנס רעגירונג צו ענדערן איר פּאָליטיק. דער הארבסט פון יאָר 1862 האָט מיט זיך פאָרגע־שטעלט אַן איבערגאַנג פונעם ערשטן פעריאָד פון ניט-אנטשלאָסענע מײַ־סים מיצאַד צאָפן צום פירן די מילכאָמע אַף א רעוואָליוציאָנערן אויפן.

די מילכאָמע אַף א רעוואָליוציאָנערן אויפן

ווי מארקס האָט ריכטיק פאָרויסגעזאָגט, האָט לינקאָלן געמוזט נאָכגעבן. דער איבערגאַנג צו א מילכאָמע „אַף א רעוואָליוציאָנערן אויפן" האָט זיך אויסגעדריקט, ערשטנס, אין דורכ־פירן צוויי וויכטיקסטע סאָציאַלע מאָסמיטלען — אין אָפּשאַפן דאָס שקלאַפערײַ און לייזן די אגראַר־פראַגע לעטויוועס די פערמער, און, אכוץ דעם, אין איבערגייין צו טעראָר קעגן די קאָנטררעוואָליוציאָנערן און צום איבער־בויען די ארמיי. דעם 17־טן יולי 1862 יאָר ווערט ארויסגעגעבן א געזעץ וועגן דעם, אַז „יעטווידע פערזאָן, וואָס וועט נאָכן ארויסגעבן דעם דאָזיקן אקט באַ־גייין א פאַרראַט קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט פאַרמישפּעט ווערן צו טויט־שטראָף. די שקלאַפן פון די פּלאַנטאַטערס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם

בונט, זײַנען באַפרײַט געוואָרן. לויט דעם זעלבן דעקרעט זײַנען די נעגערס גערופן געוואָרן אין דער אַרמײ און אין פלאָט.

דאָס איז געווען דער ערשטער טראָט צו פאַרניכטן די שקלאַפערײַ. אין דער זעלבער צײַט האָבן אייניקע גענעראַלן אַפן פראָנט, ווי פרעמאָנט און באַטלער, אָנגעהויבן לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו באַפרײַען די שקלאַפן אין די דאָרעם־ראַיאָנען, וואָס זיי האָבן פאַרנומען. צוערשט האָט די צענטראַלע רעגירונג אָפּגעשאַפט זייערע באַפעלן און האָט זיי אָראָפּגענומען פון די קאָמאַנדיר־פּאָסטנס. אָבער פונעם 1־טן יאַנוואַר 1863 יאָר אָן האָט לינקאָלנס רעגירונג אונטער דער ווירקונג פון אַ רײ מאַפּאָלעס אַפן פראָנט, אונטערן דרוק פון די אַרבעטער און פונעם פּערמערטום באַפרײַט די נעגערס אין אָרדענונג פון אַ קריג־מיטל. די נעגערס זײַנען באַפרײַט געוואָרן פאַר אויסקויף־געלט און אָן ערד. אויסקויף־געלט האָבן ניט באַקומען בלויז יענע פּלאַנטאַטאָרס, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם בונט.

אין 1862 יאָר איז, אַכוץ דעם, אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אַקט וועגן ערד־באַלאָקים („האָמסטעד אַקט"), לויט וועלכן יעדער אײנער, וואָס האָט אָפּגעצאָלט 10 דאָלער, האָט געקאָנט באַזיצן אַן ערדשטיקל פון 80 אַקר; און אויסצאָלנדיק אין פאַרלויף פון 5 יאָר דעם ווערט פונעם ערדשטיקל (איין דאָלער מיט 25 סענט פאַר אַן אַקר), ווערט ער דער אייגנטימער פון דער ערד. דאָס איז געווען אַ דעמאָקראַטישע לייזונג פון דער פראַגע וועגן ערד אין פאַרגלײַך מיט די פריערדיקע באַדינגונגען פון קויפן ערד פאַר מעזומענע געלט און אין גרויסע באַצירקן.

ניט געקוקט אַפ דער האַלביקײַט פון דער רעפאָרמע, זײַנען די דאָזיקע טריט געווען אויסערגעוויינלעך וויכטיק. זיי האָבן באַוויזן, אַז בײַ לינקאָלנס רעגירונג איז פאָרגעקומען אַן אײַנרײַס מיט דער גרויסבורזשואַזיע און אַ דערנענטערונג מיט די דעמאָקראַטישע מאַסן.

די דאָזיקע אַקטן לינקאָלנס האָט מאַרקס צוגעגעבן אַ גרויסע באַדײַטונג. „דער צאָרן, מיט וועלכן די דאָרעם־לײַט — שרײַבט מאַרקס — האָבן באַגעגנט לינקאָלנס אַקטן, זאָגט אײדעס וועגן דער וויכטיקײַט פון די אַקטן". דערבײַ האָט מאַרקס געהאַלטן, אַז זיי זײַנען ניט גענוגנדיק און אַז זיי פאַרמאָגן אַ מאַסע אויסנאַמען; פונדעסטוועגן נעמט עס ניט אָפּ בײַ זיי די היסטאָרישע באַדײַטונג.

דאָס איבערבויען די אַרמײ

אין די יאָרן 1862—1863, אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאַפּאָלעס אַפן פראָנט און מיט די אומרוען אין היגטערלאַנד (באַזונדערס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויפרעגונג פון 1863 יאָר, בײַם ווערבירן אין דער אַרמײ), איז דורכגעפירט געוואָרן אויך אַ רייניקונג אין דער אַרמײ, בײַס וועלכער די קאָנטררעוואָלוציאָנערע און וואַקלדיקע עלעמענטן זײַנען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אירע רייען. די אַרבעטער האָבן אָרגאַניזירט באַזונדערע פּאָלקן און ראָטעס פון אינדוסטריעלע אַרבעטער, דרוקער, בוי־אַרבעטער. באַזונדערע פּאָלקן האָבן אויסגעבילדעט די אַרבעטער־עמיגראַנטן לויט באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן. די אַרבעטער האָבן אַליין אַרויסגערוקט קאָמאַנדירן און צווישן זיי זײַנען געווען ניט ווייניק סאָציאַליסטן. צווישן די קאָמאַנדירן פון דער צאָ־

פנדיקער ארמיי טרעפן מיר בייס דעם בירגערקריג דעם דײַטשישן קאָמוניסט ווידעמייער, ק. מארקס א פרײַנט, ווילינג, א מיטגליד פונ צק פונ קאָמוניסטנ-פארבאנד, דעם דײַטשישן סאָציאַליסט זיגעל אא. דעם גענעראַל גראנטס ארבעטער-פאָלקן זײַנען געווען די בעסטע פאָלקן אונ האָבן אָפגעהאלטן אנטשיידענע ניצחונעס אפ די פראָנטן. די רעאָרגאניזירטע ארמיי, וואָס איז געגאנגען אונטער רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראטישע לאָזונגען אונ האָט באקומען שטיצע בא די ארבעטער אונ פערמערס, האָט אָנגעהויבן אָפהאַלטן ניצחונעס אפן פראָנט.

די געפאר פונ אנ אָנפאל מיצאד ענגלאנד

אינ 1862 יאָר איז אופגעקומענ א געפאר פונ אנ אָנפאל מיצאד ענגלאנד, וואָס האָט געשטיצט מיט געלט אונ מיט געווער די דאָרעמדיקע שטאטנ.

דער ניצאָכנ פונ צאָפנ האָט פאר ענגלאנד ניט געלוינט. אינ פאל פונ א ניצאָכנ, וואָלט צאָפנ פארמאכט דעמ וועג פאר די ענגלישע סכוירעס קיינ דאָרעמ אונ וואָלט געוואָרנ באלעבאָס איבערנ בוימוואָל, וואָס מע האָט פראָדוצירט אינ דאָרעמ. אינ פאל פונ א ניצאָכנ פונ דאָרעמ אונ א מאפּאָלע פונ צאָפנ, וואָלט ענגלאנד באקומענ א גרויסנ מארק אפ אָפּזעצנ זײַנ אינדוסטריעלע פראָדוקציע אונ וואָלט אינדערעמעסנ פארוואנדלט דאָרעמ אינ זײַנע א קאָלאָניע. דעריבער האָט ענגלאנד געזוכט אנ אויסרייד פאר א מילכאָמע קעגנ צאָפנ.

סאָפ 1861 יאָר האָבנ די אמעריקאנער געמאכט אנ אונטערזוכונג אפ אנ ענגלישער שיפ אונ האָבנ דאָרט געפונענ באפולמעכטיקטע פונ דער דאָרעמדיקער רעגירונג. זיי האָבנ די דאָזיקע באפולמעכטיקטע פארהאלטנ. דאנ האָט די ענגלישע רעגירונג זיכ געקליבנ דערקלערנ א מילכאָמע קעגנ צאָפנ אונטערנ אויסרייד, אז מע באלײדיקט דעמ ענגלישנ פלאָג (די אונטערזוכונג אפ דער ענגלישער שיפ).

רוסלאנד אונטערשטיצט צאָפנ

אינ דער צײַט, ווענ דאָס בורזשואזע ענגלאנד האָט געשטיצט די שקלאָפנ-אייגנטימער, האָט די רעגירונג פונעמ צארישנ רוסלאנד אינ יול 1863 יאָר געשיקט צוויי עסקאדרעס, איינע אינ ניו-יאָרק, די צווייטע אינ סאנ-פראנציסקאָ, צוהילפ דעמ בורזשואזנ צאָפנ. דער קאָמאנדיר פונ די עסקאדרעס האָט געהאט מיט זיכ א באפעל, ביז ער וועט באקומענ א באזונדער אינסטרוקציע, אָנצוהייבנ מיליטערישע אָפּעראציעס קעגנ דאָרעמ אונ איבערצורײַסנ די פארבינדונג צווישנ דאָרעמ מיט ענגלאנד. ער איז אויכ געווענ באופטראָגט צו זאמלענ ידיעס וועגנ דעמ, וועלכע קאָלאָניעס מע וואָלט געקאָנט פארכאפּנ אונ ווי איז באקוועמער אפ זיי אָנצופאלנ. רוסלאנד האָט געשטיצט צאָפנ דערפאר, ווײַל אויב דאָרעמ זאָל זיגנ, האָט יעס מוירע געהאט פאר דער פארשטארקונג פונ ענגלאנד—דעמ אלטנ סוינע, וואָס האָט געשטערט רוסלאנד צו פארכאפּנ טעריטאָריעס אינ מיזרעכ. אכוצ דעמ, זײַנענ די באציונגענ צווישנ רוסלאנד מיט ענגלאנד נאָכ דער קרימער מילכאָמע געווענ זייער פארשארפט. אָבער ניט אזוי די דראָענדיקע פּאָזיציע פונ רוסלאנד, וויפל די אָרגאניזירטע, לויט ק. מארקס איניציאַטיוו, ענערגישע ארויסטרעטונג פונ די ענגלישע ארבעטער קעגנ דער ארײַנמישונג אינ דער מילכאָמע האָבנ באוואָרנט די ענגלישע אינטערווענצ צוהילפ די אמעריקאנער פלאנטאטערס.

דער איבערבראָכ אינעמ גאנג פונ די קריג-אָפּעראציעס

נאָכ דעמ, ווי אפ צאָפנ האָט מענ אונטערנ דרוק פונ די דעמאָקראטישע מאסנ דורכגעפירט די געזעצנ וועגנ ערד אונ וועגנ אָפּשאפנ די שקלאָפערײַ, איז די מילכאָמע קעגנ די שקלאָפנ-אייגנטימער ארײַנגעטראָטנ אינ א נײַער פאזע. די ברייטע ארבעטערשע אונ פערמערשע מאסנ האָבנ איצט געקעמפט פאר דער פארווירקלעכונג פונ זייערע פאָדערונגענ, וואָס די רעגירונג האָט אנערקענט פאר נאציאָנאַלע פאָדערונגענ. זומער 1863 יאָר האָבנ די הויפּט-קרעפטנ פונ

דאָרעמ אונטער דעמ גענעראל ליס קאָמאנדע געכאפט א מאפאָלע לעבנ געטעסבורג. אפ מאָרגנ האָט דער גענעראל גראנט אײַנגענומענ אויקסבורג, אונ דערנאָכ ווידער ניו־אָרלעאנ. פונ דעמ מאָמענט אָנ האָבנ די דאָרעמ־לײַט אָנגעהויבנ אָפּטרעטנ. אינ דער זעלבער צײַט האָט זיכ אינ די דאָרעמ־מײַרעווודיקע שטאטנ נאָכ ברייטער פאנאנדערגעוויקלט דער פארטיזאנישער קאמפ פונ די שקלאפנ אונ פערמערס קעגנ די פלאנטאטערס. דער ניצאָכנ האָט זיכ אָנגעהויבנ נייגנ צו דער זײַט פונ דער צאָפנ־ארמיי.

דער סאָפ פונ דער מילכאָמע אונ דער אָנהייב פונ דער רעאקציע

אינ פארלויפ פונ די יאָרנ 1864—1865 זײַנענ די הויפּט־קרעפטנ פונ די דאָרעמ־לײַט צעקלאפט געוואָרנ אונ אינ 1865 יאָר האָט גענעראל לי מיט זײַנ גאנצער ארמיי זיכ אונטערגעגעבנ דעמ גענעראל גראנט. דעמ קאָמאנדירנ־באשטאנד פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער ארמיי פונ דאָרעמ האָט מענ געלאָזט אפ דער פרײַ. פארגעסנדיק וועגנ דער געפאר פונ קאָנטררעוואָליציע, האָט די רעפּובליקאנישע ארמיי אָרגאניזירט יאָנטויווימ. די געשעענישנ האָבנ באוויזנ, אז אזא גמיטלעכקײַט איז געווענ פריצײַטיק. דעמ 14־טנ אפּרעל 1865־טנ יאָר, אינ פינפ טעג ארומ נאָכ דעמ, ווי גענעראל לי האָט זיכ אונטערגעגעבנ, האָט מענ בײַס א פאָרשטעלונג אינ טעאטער דערהארגעט לינקאָלנענ.

די גרויסבורזשואזיע האָט אויסגענוצט לינקאָלנס טויט אפ אײַנפירנ א הארבע דיקטאטור, וואָס איז געווענ געווענדט ניט אזוי קעגנ די פלאנטאטערס פונ דאָרעמ, ווי קעגנ די ארבעטער אונ פערמערס. נאָכנ דעמאָביליזירנ די ארמיי אונ פאנאנדערלאָזנ די ארבעטערשע אונ פערמערשע פאָלקנ, פארמאָגנדיק אינ איר רעשוס א קאדרעווע ארמיי, מיליציע, דעמ פאָליטישנ אפאראט אונ געלט, הערשט די גרויסבורזשואזיע אומבאגרענעצט.

מארקס האָט וועגנ דעמ געשריבנ אזוי: „דער אמעריקאנישער בירגערקריג האָט געבראכט מיט זיכ קאָלאָסאלע נאציאָנאלע כויוועס אונ צוזאמענ מיט זיי א דרוק פונ שטײַערנ, אנ אנטשטייונג פונ דער סאמע העסלעכער פינאנציעלער אריסטאָקראטיע, א פאנאנדערטיילונג פונ א גרויסנ טייל געזעלשאפטלעכער ערד צווישנ די געזעלשאפטנ פונ ספעקוליאנטנ, וואָס זײַנענ אנטשטאנענ מיטנ ציל צו עקספלואטירנ די אײַזנבאנענ, ארצגרובנ אאוו. קורצ גערעדט, דער בירגערקריג האָט געבראכט צו דער שנעלסטער קאָנצענטראציע פונעמ קאפּיטאל. די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע אנטוויקלט זיכ דאָרט מיט ריזנ־שריט“.*

דער ערשטער אינטערנאציאָנאל אונ די אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג

דער גענעראל־ראט פונעמ I אינטערנאציאָנאל האָט מיט גרויס אופמערקזאמקײַט נאָכגעשפּירט נאָכנ גאנג פונ די געשעענישנ אינ די פשא, רעכענענדיק די שקלאפערײַ אלס איינע פונ די גרעסטע שטערונגענ פארנ פּראָלעטאריאטס קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע, דאָס הייסט, פארנ ניצאָכנ פונעמ ארבעטער־קלאס איבערנ קאפּיטאל. ווענ אינ 1864 יאָר איז דער פּראָטעזשע פונ דער רעאקציאָנערער בורזשואזיע אונ דער געהיימער פרײַנט פונ די פלאנטאטערס מאק־קלעלאנ ארויסגעטראָטנ אפ די פּרעזידענטנ־וואלנ אלס לינקאָלנס

* ק. מארקס, „קאפּיטאל“, ב. I, ז. 688, מעלוכע־פארלאג מ.—ל., 1931.

קאָנקורענט און האָט געליטן א מאפּאָלע, האָט דער גענעראַל־ראַט געשיקט לינ־קאָלנען א באגריסונג, וואָס ק. מארקס האָט צונויפגעשטעלט. אין דער דאָזיקער באגריסונג איז געווען געזאָגט:

„דער ארבעטער־קלאס פון אייראָפּע האָט גלייך פארשטאנען... אז דער אופ־שטאנד פון די שקלאפן־אייגנטימער וועט דינען פאר אן אליארעם־רוף צו אן אל־געמיינער „הייליקער מילכאָמע" פונעם אייגנטום קעגן ארבעט, און אז די האָפענונגען פון די ארבעט־לייט אף א בעסערער צוקונפט און אפילע זייערע פריִערדיקע דעראָבערונגען אין אָט דעם גוואלדיקן צוזאמענשטויס אף יענער זייט אטלאנטישן אָקעאן זיינען, אף אזא אויפן, געשטעלט געוואָרן אין קאָן. דעריבער האָבן זיי אומעטום געדולדיק איבערגעטראָגן די דאכקעס, וואָס איז פארבונדן מיטן בוימוואָל־קריזיס, זיי האָבן זיך מיט ענטוזיאזם אנטקעגנגעשטעלט קעגן דער אינ־טערווענץ צו הילף די שקלאפן־אייגנטימער, וואָס די העכערע קלאסן האָבן גע־פרווט אָנבינדן, און האָבן קימאט אין אלע לענדער פון אייראָפּע פארגאָסן בלוט פאר דער גערעכטער זאך".

„די ארבעטער פון אייראָפּע זיינען זיכער, אז פונקט ווי די אמעריקאנער מילכאָמע פאר אומאָפּהענגיקייט האָט גע־עפנט א נייע אופשטייג־ערע (דאָס קומען צו דער מאכט) פאר דער בורזשואזיע, אזוי וועט די אמעריקאנער מילכאָמע קעגן שקלאפנטום עפענען אן אופשטייג־ערע פארן ארבעטער־קלאס".

אין 1865 יאָר איז אף דער ערשטער קאָנפערענץ פונעם אינטערנאציאָנאל אין לאָנדאָן אָנגענומען געוואָרן א ווענדונג צום אמעריקאנישן פאָלק, וועלכע רופט צו באקרוינען די זיגרייכע מילכאָמע מיט דער דעמאָקראטיזירונג פון דער מעלוכישער אָרדענונג און, באזונדערס, צו זיכערן אף אן עמעס די פּאָליטישע גלייכבארעכטיקונג פון די נעגערס מיט די אמעריקאנישע בירגער און באטיילן זיי מיט ערד.

ביכלאל האָט דער אינטערנאציאָנאל, מיט וועלכן מארקס האָט אָנגעפירט, אקטיוו געשטיצט די ארבעטער־פארמערשע באוועגונג אין די פשא אינעם פע־ריִאָד פון דער מילכאָמע און האָט געשטרעבט אויסצוניצן זיין גאנצע ווירקונג אף פארשטארקן דעם עקסטן דעמאָקראטישן פליגל קעגן דער אינערלעכער רע־אקציע און קעגן די אינטערווענציאָניסטישע פלענער פון אויסן.

די רעשטלעך פון שקלאפעריי נאָכן בירגער־קריג

אין 1866 יאָר איז ארויסגעגעבן געוואָרן א קאָרעקטיוו צו דער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געזאָגט: „אין די פאראייניקטע שטאטן קאָנען ניט עקזיסטירן ניט קיין שקלאפעריי און ניט קיין גע־צוווּנגענע באדינונג". די שקלאפעריי איז אף אזא אויפן פאר־ניכטעט געוואָרן, אָבער אינדערעמעסן האָבן די פלאנטעטערס אינעם פעריִאָד פון רעאקציע, וואָס איז אָנגעקומען נאָך דער מילכאָמע, באוויזן אין א געוויסער מאָס אופשטעלן צוריק זייער רעכט, און אין אמעריקע זיינען געבליבן און עקזיסטירן נאָך ביז היינטיקן טאָג רעשטן פון שקלאפעריי.

נאָך אין גאנג פון דער מילכאָמע זיינען אין דער מערהייט דאָרעמדיקע שטאטן ארויס־געגעבן געוואָרן „שווארצע קאָדעקסן", ד.ה. באזונדערע געזעצן פאר שווארצע. לויט די דאָ־זיקע געזעצן איז יעדער נעגער, וואָס האָט ניט געהאט קיין ארבעט, דערקלערט געוואָרן פאר

א שלעפּער אונ איז דערפֿאַר שטראַפֿירט געוואָרנ, געווינלעכ אַפֿ 50 דאָלער. אויב דער נעגער האָט ניט געקאָנט באַצאָלנ דעם שטראָף, האָט מענ אים אײַנגעזעצט אינ טפּיסע, אונ פֿונ טפּיסע האָט מענ אים אָפּגעגעבנ אינ צוואַנג־דינסט צו דעם, ווער עס האָט געצאָלט פֿאַרנ נעגער דעם שטראָף, ד. ה. געקויפֿט דעם נעגער. דער אַלטער באַלעבאָס האָט געהאַט די פֿאָרצוגלעכע רעכט אים צו קויפֿנ. דער באַלעבאָס, וואָס האָט געקויפֿט „א פֿרײַענ נעגער", האָט געהאַט דאָס רעכט צו באַשטראָפֿנ אים מיט „מעסיקע" לײַב־שטראָפֿנ.

אָט וויאַזוי דער נעגער פֿ ר ע ד ד ו ג ל א ס האָט זיכ אָפּגערופֿנ וועגנ דער „פֿרײַהײַט":

„דער נעגער איז באַפֿרײַט געוואָרנ פֿונ אונטער דער מאַכט פֿונ זײַנ פּערזענלעכנ באַלעבאָס, אָבער ער איז געבליבנ א שקלאַף בא דער געזעלשאַפֿט. ער האָט ניט ניט קײנ געלט, ניט קײנ פֿאַרמעגנ, ניט קײנ פֿרײַנט. ער איז באַפֿרײַט געוואָרנ פֿונ זײַנ אַלטער פּלאַנטאַציע, אָבער ער האָט גאָרנישט ניט באַקומענ, אויסער א שטויביקנ וועג אונטער די פֿיס, איבער וועלכנ ער שפּאַנט. ער איז באַפֿרײַט געוואָרנ פֿונ זײַנ אַלטער וווינונג, וואָס האָט אים געדינט פֿאַר א נאַכטלעגער, אָבער ער איז געוואָרנ א שקלאַף פֿונ די זומערדיקע רעגנס אונ ווינטערדיקע קעלטנ. ער איז געבליבנ פֿרײַ, נאַקעט, הונגעריק אונ אומפֿאַרמעגלעכ אונטערנ פֿרײַענ הימל".

קעדײַ אָפּצונעמענ בא די נעגערס די פּאָליטישע רעכט, וואָס זײַנענ פֿאָרמעל זײ געגעבנ געוואָרנ, האָט מענ אָרגאַניזירט א פּלאַנטאַטאָריש־בורזשואַזע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע קו־קלוקס־קלאַנ. אויב דער נעגער האָט געוואַגט אַרויסווײַזנ פּאָליטישע אַקטיווקײַט, האָט אים געדראָעט טויט אָדער, אינ בעסטנ פֿאַל, אַנ עקזעקוציע.

וועגנ דער באַפֿרײַונג פֿונ די נעגערס האָט לענינ געשריבנ: „...די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע איז אינ דער הינזיכט מיט קײנ זאַכ ניט בעסער פֿונ דער בורזשואַזיע אינ אַנדערע לענדער. „באַפֿרײַענדיק" די נעגערס, האָט זי זיכ געפֿלײַסט אַפֿנ באָדנ פֿונעמ „פֿרײַענ" אונ רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישנ קאַפּיטאַליזמ אופֿצושטעלנ צוריק אַלצ וואָס מעגלעכ איז, צו טאָנ אַלצ וואָס מעגלעכ אונ אומעגלעכ צוליב דער אומפֿאַרשעמטסטער אונטערדריקונג פֿונ די נעגערס".

עס איז גענוג אָנצווײַזנ, אַז אינ אַמעריקע עקזיסטירט נאָכ ביז דער לעצטער צײַט אַזאַ פֿאָרמ פֿונ עקספּלואַטאַציע פֿונ די נעגערס, ווי אַרבעטנ פֿונ כוילעק.

אינ אַמעריקע זײַנענ בא הײַנטיקנ טאָג פֿאַראַנ 2 מיליאָנ קראָפּערס, ד. ה. נעגערס, וואָס אַרבעטנ פֿונ כוילעק. זײ לעבנ אינ שווידערלעכע באַדינגונגענ.

„די עקאָנאָמישע רעשטלעכ פֿונ דער שקלאַפֿערײַ — האָט לענינ געשריבנ, — אונטערשײדנ זיכ אַבסאָליוט מיט גאָרנישט פֿונ די זעלבע רעשטלעכ פֿונ פֿעאָדאַליזמ".

אינ דער „קולטורעלער" אַמעריקע, אינ די דאָרעמדיקע שטאַטנ — אינ פֿלאָרידע אונ דאָרעמ־קאַראָלינע, — קאָנ מענ נאָכ איצט אויכ זענ אַפֿ די בוימוואָל־ אונ רײַז־פּלאַנטאַציעס נעגערס, וואָס זײַנענ געשמידט אינ קײטנ צו 10 מענטשנ אונ וואָס אַרבעטנ, ווי אינ די צײַטנ פֿונ שקלאַפֿערײַ, אונטער דער בײַטש פֿונעמ אויפֿזעער. צווישנ זײ זײַנענ פֿאַראַנ נעגערס, וואָס זײַנענ פֿאַר כוליעס אײַנגעזעצט געוואָרנ אינ טפּיסע אונ די טפּיסע־אַדמיניסטראַציע האָט זײ פֿאַרקויפֿט אַפֿ אָט דעמ טערמינ אַפֿ צוואַנג־אַרבעט. אינ דער „קולטורעלער" אַמעריקע, אינ די דאָרעמדיקע שטאַטנ, שטויסט מענ אַראָפּ דעמ נעגער פֿונ טראָטואַר, אויב ער וואַגט צו גײנ ניט איבערנ ברוק. פֿאַר אים זײַנענ פֿאַראַנ באַזונדערע ערטער אינ די טראַמווײַענ, וואָס זײַנענ אָפּגעצאַמט מיט א גלעזערנ ווענטל, קעדײַ די נעגערס זאָלנ זיכ ניט צונויפֿמישנ מיט די ווײַסע. עס ווערט ברייט אָנגעווענדט דאָס לינטשנ די נעגערס. די נעגערס זײַנענ אויכ נאָכ דער „באַפֿרײַונג" געבליבנ רעכטלאָזע שקלאַפֿנ, דערשלאָגענע, אונטערדריקטע, פֿאַרקנעכטעטע.

די באַדײַטונג פֿונ דעמ בירגערקריג

דער בירגערקריג איז געווענ אַנ אײגנאַרטיקע פֿאָרמ פֿונ דער בורזשואַזער רעוואָלוציע. די העגעמאָניע אינ איר האָט אינעמ אַנטשיידנדיקנ פּעריאָד, אינ די יאָרנ 1863—1865, געהערט ניט צומ פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז נאָכ אינ די 60־ער יאָרנ געווענ שוואַכ, נאָר צו דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע,

וואָס האָט געהאנדלט אונטערן דרוק פונעם פערמערטום און פון די אַרבעטער־
די פּאָליטישע אָרגאניזאציע פון דער ראַדיקאלער בורזשואזיע איז געווען דער
לינקער פליגל פון דער רעפּובליקאנישער פּארטיי.

דער בירגערקריג האָט פאר די נעגערס ניט געבראכט קייןווירקלעכע באַ־
פרייונג, ער האָט געבראכט פאר זיי א קאַפּיטאליסטישע פארקנעכטונג, פארייניקט
מיט רעשטלעך פון דער פריערדיקער שקלאפעריי. ער האָט ניט געלייזט די נע־
גער־פראגע אלס א נאציאָנאלע פראגע. אָבער ער האָט געהאט א ריזיקע באַדיי־
טונג פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאליזם אין די פשא.

לענין האָט פארצייכנט, אז „צוליב דעם אראָפּווארפן די שקלאפעריי פון די
נעגערס, צוליבן אראָפּווארפן די מאכט פון די שקלאפן־אייגנטימער האָט געלוינט,
אז דאָס גאנצע לאנד זאָל דורכגיין דורך א סאך יאָרן פון בירגערקריג, דורך
אָן א שיר רויִנירונגען, כורבונעס און טעראָר, וואָס יעדע מילכאָמע איז דער־
מיט פארבונדן". די שקלאפן־אייגנטימער האָבן פארלאָרן זייער הערשנדיקע לאגע
אין די פשא, די מאכט איז אריבער צו דער אינדוסטריִעלער און פינאנציִעלער
בורזשואזיע אין די הענט".

דער ניצאָכן פון צאָפן און מייִרעוו איז געווען א ניצאָכן
פון יענעם אנטוויקלונג־וועג פון קאַפּיטאליזם אין דער
לאנדווירטשאפט, וואָס האָט באקומען דעם נאָמען „אמערי־
קאנישער". די גרונט־באַדייטונג פון דעם בירגערקריג באַ־
שטייט אין דעם, וואָס אין זיין גאנג איז אפּ א רעוואָליוציאָ־
נערן אויפן, דורך פארניכטן די שקלאפעריי, פארניכטעט גע־
וואָרן די שקלאפן־אייגנטימערישע סיסטעם און עס איז געלייזט
געוואָרן די אגראַר־פראגע. די מייִרעווודיקע ערד איז אויסגעריסן
געוואָרן בא די פלאנטאטערס און זיינען געוואָרן צוגענגלעך צו באַזעצן זיי מיט
פערמערס.

דער „אמעריקאנישער" אנטוויקלונג־וועג פונעם קאַפּיטאליזם אין דער לאנד־
ווירטשאפט איז, אלזאָ, א רעוואָליוציאָנערער וועג, וואָס אין זיין פּראָצעס ראַמט
אראָפּ די פרייע פערמערשע ווירטשאפט די שקלאפן־אייגנטימערישע אָדער לייב־
אייגנטימערישע לאטיפונדיעס. דער דאָזיקער וועג איז פולקום קעגנזעצלעך צום
„פּרייסישן" אנטוויקלונג־וועג פון קאַפּיטאליזם אין דער לאנדווירטשאפט, בא וועלכן
די פּריצישע ווירטשאפט גייט אריבער אפּ קאַפּיטאליסטישע רעלסן אין די באַ־
דינגונגען פון א מאפּאָלע פון דער בורזשואזער רעוואָליוציע. די מאכט און די
ערד בלייבן בא די פּריצים אין די הענט. באַם „פּרייסישן" אנטוויקלונג־וועג
ווערן די פויערשע ווירטשאפטן רויִנירט און איינגעשלונגען דורך די גרויסע פּרי־
צישע ווירטשאפטן, וואָס קאַפּיטאליזירן זיך. באַם „פּרייסישן" וועג איז די פּרי־
צישע ווירטשאפט ארומגערינגלט מיט א מענגע פויערשע ווירטשאפטן, וואָס גע־
פינען זיך אין א פארקנעכטעטער אָפּהענגיקייט פון איר. אפּן כעזשבן פון דער
פאראָרעמונג און רויִנירונג פון די פארקנעכטעטע פויערשע מאסן קאַפּיטאליזירן
זיך די פּריצישע גיטער, טיילן זיך אויס באַלעגופישע ווירטשאפטן, וואָס „עסן
אויפ" צוזאמען מיט די קאַפּיטאליסטישע פּריצישע ווירטשאפטן די מיטעלע און אָרעמע
ווירטשאפטן (פון האלב־פּראָלעטאריער). דער „אמעריקאנישער" אָדער דער פער־

מערשער וועג — דאָס איז דער וועג פון א פרייַער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם, וואָס איז ניט פארבונדנ מיט קיינ רעשטנ פון פעאָדאליזם, א וועג, וואָס שאפט די סאמע גינסטיקע באדינגונגענ פאר דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזם אינ לאנד, פארנ אופשטייַג פונ זייַנע פּראָדוציר-קויכעס אפ א קאפּיטאליסטישער באזע.

פארנ ארבעטער-קלאס פונ אמעריקע און פון דער גאנצער וועלט איז געווענ ווייַט ניט אלצייַנס, לעטויוועס וועמענ עס וועט געלייזט ווערנ דער קאמפ פונ צאָפנ אונ דאָרעמ און ווער עס וועט ווערנ דער באלעבאָס פונ די פּשא — די פלאנטאטערס אָדער די בורזשואזיע. די הערשאפט פונ די פלאנטאטערס וואָלט אפ לאנג פארהאלטנ די אנטוויקלונג פונעמ פּראָלעטאריאט און פון דער ארבעטער-באוועגונג. דער ניצאָכנ פונעמ „אמעריקאנישנ" וועג האָט געזיכערט די שנעלע אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזם און די פולקומסטע פאנאנדערוויקלונג פונ אלע זייַנע ווידערשפּרוכנ סייַ אינ דער אינדוסטריע, סייַ אינ דער לאנדווירטשאפט.

די שטורמישע טעמפּנ אינ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזם האָבנ איצט געבראכט אמעריקע צו א ניט-געהערטער פארשארפונג פון זייַנע ווידערשפּרוכנ און פונעמ קלאסנקאמפ, וואָס קאָנענ ברענגענ צו איינ אויסוועג, צו אייַנשטעלנ אינ אמעריקע די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט.

וועגנ די רעוואָליוציאָנערע מעגלעכקייַטנ פונעמ פּראָלעטאריאט האָבנ ענגעלס און לענינ געשריבנ אָט וואָס. ענגעלס האָט אָנגעוויזנ, אז „אינ אמעריקע וועט די אנטוויקלונג פונ דער ארבעטער-באוועגונג גייַנ מיט א קאָלאָסאלער ענערגיע, דאָס וועט זייַנ א באוועגונג, וואָס וועט אינ איינ שיינעמ טאָג ברענגענ צו אזא איבערקערעניש, וואָס וועט מאכנ שטוינענ די גאנצע וועלט. אויב נאָר די אמעריקאנער וועלנ אָנהייבנ דעמ קאמפ, וועלנ זיי אימ פירנ מיט אזא ענערגיע און מיט אזא דראנג, אז מיר, אייראָפּייער, וועלנ אינ פארגלייַכ מיט זיי זיכ דערפילנ פאר זויג-קינדער".

זייער א הויכע אָפּשאצונג פון די רעוואָליוציאָנערע מעגלעכקייַטנ אינ אמעריקע האָט אויכ לענינ געגעבנ: „די פארשארפונג פון די ווידערשפּרוכנ און דאָס ארויסשטויסנ די קליינע פּראָדוקציע ווערט ניט באזייַטיקט, נאָר זי ווערט אריבערגעטראָגנ אפ א מער העכערער ארענע. די קאפּיטאליסטישע סרייפע ווערט, קלוימערשט, „קלענער" און באצאָלט דערפאר מיט צוגרייטנ א נייַעמ, א גוואלדיקנ, נאָכ שטארקערנ ברענשטאָפ".

קאפיטל VII

די עפּאָכע פונעם I אינטערנאַציאָנאַל און די פּאַריזשער קאָמונע

27. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דער עפּאָכע

די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און טעכניק

די רעוואָלוציע פון 1848 יאָר אין אייראָפּע האָט געגעבן אַ באַדייטנדיקן שטויס דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדל. פאַרן בורזשואַזן וווּקס פון דער אינדוסטריע איז באַווייזלעך דאָס, וואָס בלויז פיר אין יאָרצענדליק, פון 1860 ביז 1870 יאָר, האָט זיך דער קוילן-אַרויסבאַקום אין דער גאַנצער וועלט פאַרגרעסערט פון 126 ביז 283 מיליאָן טאָן. גרויסע ענדערונגען קומען פאָר אין אַ באַשיידנדיקן געביט פון דער אינדוסטריע — אין דער מעטאַלורגיע. בעסעמערס דערפונדענע שפּעטער, וואָס קערן זיך איבער, אין וועלכע די לופט ווערט ביים דער טשוהון-שמעלצונג אַריינגעבלאָזן פון אונטן, האָבן פאַרקירצט דעם פּראָצעס פון איבעראַרבעטן שמידיקן טשוהון פון אָנדערהאַלבן מעסלעס ביז 20 מינוט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דערפאָלגן פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע, מיטן אויסבויען פאַרפולקומטע מעכאַנישע שפּינערײַ- און וועבערײַ-פאַבריקן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מעטאַלורגיע האָט די כימישע אינדוסטריע געמאַכט באַדייטנדיקע דערפאָלגן.

די קאַפּיטאַליסטישע טעכניק מאַכט אויך דערפאָלגן אין געביט פון צעשטערונג-מיטלען. פון 1840 ביז 1870 יאָר זײַנען דערפונדן געוואָרן נײַע שטאַרקע אויפרײַס-שטאָפן — ניטראָגליצערין און דינאַמיט, און אויך אָנרויכיקער פּולווער, וואָס האָט דערלויבט צו פאַרקלענערן די וואָג פון דער קויל און פון דער ביקס און האָט געמאַכט די ביקס פאַר אַ מער ווײַט-שיסנדיקע.

שנעלע ענדערונגען זײַנען אין פּעריאָד פון די 50-ער—60-ער יאָרן פאָרגעקומען אויך אין געביט פון טראַנספּאָרט. די אַנטוויקלונג פונעם אײַזנבאַן-טראַנספּאָרט האָט ביז גאָר פאַרביליקט דאָס אַריבערפירן סכוירעס. לויט דער אויסרעכענונג פון די דײַטשישע עקאָנאָמיסטן פון סאָף XIX יה. האָבן די אײַזנבאַנען אַראָפּגעזעצט דעם קאָסט פון אַריבערפירן סכוירעס אין 20 מאָל.

אַ גרויסע באַדײַטונג האָט געהאַט אויך דאָס אײַנפירן דאַמפּ אײַזן יאַם-טראַנספּאָרט. דער דאַמפּ-טראַנספּאָרט באַזיגט צו די 60-ער יאָרן דעם זעגל-טראַנספּאָרט און שטעלט אײַן אַ שנעלע און רעגולערע פאַרבינדונג צווישן די אינדוסטריעלע לענדער מיט די קאָלאָניעס.

די אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק-אינדוסטריע און גלײַך נאָך איר אויך פונעם דאַמפּ-טראַנספּאָרט האָבן געבראַכט צום וווּקס פונעם וועלט-האַנדל. דער וועלט-האַנדל איז אויסגעוואַקסן פון 2,7 מיליאַרד רובל אין 1830 יאָר ביז 6 מיליאַרד רובל אין 1850 יאָר און ביז 10 מיליאַרד רובל אין 1860 יאָר. דער שטורמישער וווּקס

פונעם וועלט-האנדל איז פארבונדנ מיט דער ארבעט-צעטיילונג אונ ניט בלויז אינעווייניק אינ לאנד, צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, צווישנ באזונדערע ראיאָנענ, וואָס האָבנ זיכ ספּעציאליזירט אפ די אָדער אנדערע פּראָדוקציעס, נאָר אויכ צווישנ באזונדערע לענדער. די טעקסטיל-פאבריקנ אינ ענגלאנד, פראנקרײַכ, פּרײַסנ אונ רוסלאנד ארבעטנ איבער דעמ אמעריקאנישנ אונ אינדישנ בוימוואָל, אונ דער רוסישער אונ אמעריקאנישער ווייצ קאָנקורירנ צווישנ זיכ אפנ אייראָפּעיִשנ מארק. איבער דאָס רויווארג פונ באזונדערע קאָלאָניעס ווערט צוגעשטעלט אפ באארבעטנ אינ די פאָרגעשריטענע אינדוסטריִעלע לענדער, איז אינ די ווײַטע קאָלאָניעס געפינענ אנ אָפּזאצ געוועבנ, מעטאל-פּראָדוקציע אונ אנדערע סכוירעס פונ די לענדער מיט אנ אנטוויקלטער גרויס-אינדוסטריע.

ענגלאנדס אינדוסטריִעלע העגעמאָניע

זײַענדיק דאָס ערשטע לאנד, אינ וועלכנ עס האָט זיכ אנטוויקלט די פאבריק-אינדוסטריע, איז ענגלאנד אינ די 40-ער — 70-ער יאָרנ געוואָרנ דאָס ערשטע לאנד אינ דער וועלט לויט דער מעכטיקייט פונ זײַנ אינדוסטריע. אשטייגער, אינ דער בוימוואָל-אינדוסטריע האָט ענגלאנד אינ 1860 יאָר געהאט 30 מיליאָנ שפּינדלענ, פראנקרײַכ אונ די פשא — צו 6 מיליאָנ, דײַטשלאנד אונ רוסלאנד — צו 1,5 מיליאָנ. אינ 1870 יאָר האָט מענ אינ גרויסבריטאניע פּראָדוצירט 6 מיליאָנ טאָנ טשוהונ, אינ דײַטשלאנד — 1300 טויזנט טאָנ, אינ פראנקרײַכ 1100 טויזנט טאָנ.

די ענגלישע אינדוסטריע איז געווענ די סאמע מעכאניזירטע, דאָ איז שוינ געווענ אנטוויקלט די מעטאלורגיע אונ די מאשינבויונג אונ דאָס האָט געגעבנ די מעגלעכקייט צו ענגלאנד צו פארנעמענ דאָס ערשטע אָרט אינ דער וועלט לויט דער געדיכטקייט פונ דער אײַזנבאנ-נעצ אונ לויט דער מעכטיקייט פונעמ דאמפּ־טראנספּאָרט. ענגלאנדס אויסערלעכער האנדל האָט אינ 1860 יאָר דערגרייכט צו א סומע פונ בערעכ 4 מיליארד רובל אונ איז געווענ אינ צוויי מאָל גרעסער פונ פראנקרײַכס האנדל אונ קימאט אינ דרײַ מאָל גרעסער פונ דײַטשלאנדס האנדל.

די אנטוויקלונג פונ דער פאבריק-אינדוסטריע אינ ענגלאנד האָט געבראכט דערצו, וואָס אינ 1871 יאָר האָט די שטאָטישע באפעלקערונג באטראָפנ 66 פּראָצענט פונ דער גאנצער באפעלקערונג, אינ דער צײַט, ווענ אינ פראנקרײַכ האָט די שטאָטישע באפעלקערונג אויסגעמאכט נאָר 36 פּראָצענט.

די אינדוסטריִעלע איבערקערעניש אינ די אייראָפּעיִשע לענדער

גלײַכ נאכ ענגלאנד הייבט זיכ אָנ אנטוויקלענ די גרויס-אינדוסטריע אינ אמעריקע אונ אינ די אייראָפּעיִשע לענדער. אינ פראנקרײַכ האָט זיכ די אינדוסטריִעלע איבערקערעניש אָנגעהויבנ שפּעטער, איידער אינ ענגלאנד. די אנטוויקלונג פונ דער גרויסער מאשינ-אינדוסטריע, וואָס האָט זיכ אינ פראנקרײַכ אָנגעהויבנ אינ די 20-ער יאָרנ פונ XIX יה., איז באדײַטנדיק פארגיכערט געוואָרנ דורכ דער רעוואָליוציע פונ 1848—1849 י.

אינ די 40-ער יאָרנ מאכט די גרויס-אינדוסטריע הערפּאָלגנ אינ דײַטשלאנד, אָבער די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ האָט אינ דײַטשלאנד באגעגנט שטערונגענ איבער דעמ, וואָס דאָרט איז ניט געווענ פארענדיקט די בורזשואזע רעוואָליוציע. נאכ דער מאפּאָלע פונ דער רעוואָליוציע אינ 1848 יאָר איז דײַטשלאנד געבליבנ צעברעקלט אפ 36 מעלוכעס אונ פירשטנטומס. די דאָזיקע צעברעקלטקייט אונ דאָס, וואָס עס איז פארבליבנ די הערשאפט פונ די פעאָדאלע קלאסנ, קומט אינ א ווידערשפּרוכ מיטנ אויפשטײַגנדיקנ קא־

פּיטאַליזם, װײַל בא דער צעבּרעקלטקײַט פון לאַנד פאַרשװעריקט זיך די אױסבילדונג פון אײנהײטלעכן מאַרק פאַר די סכױרעס און דער פרײַער איבּערױק פון אַרבעט־קראַפט. מיט די סיבּעס דערקלערט זיך, װאָס אין די 60־ער יאָרן איז אין דײַטשלאַנד װי אױך אין איטאַליע, װעלכע איז געװען צעדריבּלט אף א סאַך קלײנע מעלוכעס און פירשטנטומס, האָט זיך פאַרשטאַרקט די פאַראײניקונג־באַװעגונג, װאָס האָט נאָך א ריי מילכאָמעס געבּראַכט סאָף 60־ער יאָרן צו דער אױסבּילדונג פון צװײ נײַע גרױסע מעלוכעס אין אײראָפּע — דײַטשלאַנד און איטאַליע.

28. נאַציאָנאַל־פאַראײניקנדיקע באַװעגונגען

די פאַראײניקונג פון דײַטשלאַנד

די פאַראײניקונג פון איטאַליע האָט זיך אָנגעהױבּן פון דער עסטרײַך־איטאַליענישער מילכאָמע אין 1859 יאָר און האָט געגעבּן א שטאַרקן שטױס דער נאַציאָנאַלער באַװעגונג אין די דײַטשישע מעלוכעס. מיר געדענקען, אַז נאָך דער ניט־פאַרענדיקטער בורזשואַזער רעװאָליוציע פון 1848 יאָר אָדער נאָך דער „האַלבּ־רעװאָליוציע", װי לענין האָט זי אָנגערופן, זײַנען אין די דײַטשישע מעלוכעס געבּליבּן בא דער מאַכט די פעאָדאַלע קלאַסן. די רעװאָליוציע פון 1848 יאָר האָט ניט געלײזט די פראַגע װעגן פאַראײניקן דײַטשלאַנד, אין יעדער מעלוכע פון דײַטשלאַנד זײַנען געװען אײגענע מאַטבּײעס, אײגענע מאָסן, אײגענע װעקסל־רעכט, אײגענע באַדינגונגען באַם באַשעפטיקן זיך מיט האַנטװערקערײַ, אײגענע באַגרענעצונגען פאַר איבּערגרופּירן די אַרבעט־קראַפט אאַז״װ. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ האָט ביז גאָר טאָרמאָזירט די אַנטװיקלונג פון דער גרױס־אינדוסטריע. דאָך זײַנען אין פעריאָד צװישן 1848 און 1870 יאָרן פאָרגעקומען אין דעם צעבּרעקלטן און פאַנאַנדערגעטײלטן דײַטשלאַנד באַדײַטנדיקע ענדערונגען. דאָ, באַזונדערס אין פרײַסן, אין װעלכן עס גײט אַרײַן די רײנישע געגנט, װי אױך אין זאַקסן, אַנטװיקלען זיך די טעקסטיל־אינדוסטריע און די מעטאַלורגיע. דער אַרױסבּאַקום פון שטײנקױלן פאַרגרעסערט זיך פון 1848 ביז 1857 יאָר אין דרײַ מאָל — פון 8 מיליאָן טאָן ביז 23 מיליאָן טאָן. דער אײַזן־אַרױסבּאַקום איז אױסגעװאַקסן אין צװײ מאָל, דאָס אָנװענדן דאַמף־קראַפט אף די פאַבּריקן — אין 6 מאָל, די צאָל מעכאַנישע װעבּערײַ־װערקשטעלן — אין 4 מאָל. עס פירט זיך א פאַרשטאַרקטע אײַזנבּאַן־בױונג, און די לענג פון דער דײַטשישער אײַזנבּאַן־נעץ שטײַגט שױן אַריבּער צום 1870 יאָר די לענג פון דער אײַזנבּאַן־נעץ אין פראַנקרײַך. אין דער זעלבּער צײַט הײבּן אָן די פרײַסישע יונקערס און פריצים פירן א װירטשאַפט אף קאַפּיטאַליסטישע יעסױדעס, זײ גײען אַריבּער צו געדונגענער אַרבעט־קראַפט, צום אײַנפירן פאַרפולקומטע װירטשאַפט־פאָרמען און פאַרברײטערן זײערע גיטער דורך רױנירן די פױערשע װירטשאַפטן. די אײַנהײטונג פון די גרױסע גיטער בא די יונקערס אין די הענט, די פײַנלעכע פאַראָרעמונג און רױנירונג פון די פױערשע װירטשאַפטן און, צוזאַמען דערמיט, דאָס אױסטײלן זיך פון א באַדײַטנדיקן שיכט באַלעגופים „גראָסבּאַוערן" — אפן אַלגעמײנעם פאָן פון דער פױערשער רױנירונג — כאַראַקטעריזירן די אַנטװיקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדװירטשאַפט פון פרײַסן.

די פּאָליטישע הערשאַפט אין דײַטשלאַנד האָט געהערט צום יונקערטום און ניט צו דער בורזשואַזיע, װאָס איז באַזונדערס נאָך דער רעװאָליוציע פון 1848

יאָר געבליבן א פאכראָנעסדיקע און א ניטאנטשלאָסענע. זי האָט מוירע געהאט פארן פראָלעטאריאט און האָט ניט געוואגט אופצוהייבן די פאָלקמאסן צום קאמף קעגן דער הערשאפט פון די האלב־פעאָדאלע פריצים.

צוויי פלענער וועגן דער פארייניקונג

אין קאמף פאר פארייניקן דייטשלאנד האָבן זיך צונויפגעשטויסן צוויי לאגערן, אף וועלכע דייטשלאנד פון די 60־ער יאָרן איז געווען צעטיילט. אין איין לאגער האָבן זיך געפונען די יונקערס און די בורזשואזיע. דער פירער פון דעם דאָזיקן לאגער איז געווען דער קאנצלער (דער ערשטער מיניסטער) פון פרייסן ביסמארק (1815 — 1898), א גרויסער פּאָרעץ, א יונקער, וואָס איז געווען פארבונדן מיט די באנקירישע און אינדוסטריעלע קרייזן. „די איינהייט פון דייטשלאנד וועט פארווירקלעכט ווערן ניט דורך רעדעס און ניט דורך באשלוסן פון דער פארלאמענטארישער מערהייט, — האָט ביסמארק דערקלערט, — נאָר מיט אייזן און בלוט". ער האָט דערמיט געמיינט די מילכאָמע קעגן די צוויי מעלוכעס, וואָס זיינען געשטאנען אפן וועג פון פארייניקן דייטשלאנד, — עסטרייך און פראנקרייך. פאר פראנקרייך האָט דאָס פארייניקן דייטשלאנד ניט געלוינט, ווייל דאן וואָלט זי בישכיינעס באקומען א שטארקן קאָנקורענט. אכוץ דעם האָט די פראנצויזישע בורזשואזיע געשטרעבט אָפּצונעמען בא דייטשלאנד די טעריטאָריע ביזן לינקן ברעג פון ריין. דאָס איז לייכט געווען צו דערגרייכן, האָבנדיק צו טאָן מיט א צעשפּליטערטן דייטשלאנד. עסטרייך ווידער האָט פרעטענדירט אליין צו שטעלן זיך אין שפּיץ פונעם פארייניקטן דייטשלאנד.

דאָס פרייסישע יונקערטום האָט געפירט א שטארקע צוגרייטונג צו מילכאָמע און האָט באוואָפנט די ארמיי מיט נייעם פארפולקומטן געווער. אין דער זעלבער צייט האָט די פרייסישע רעגירונג דורכגעפירט אויך א פּאָליטישע צוגרייטונג. וועלנדיק באקומען שטיצע בא די דעמאָקראטישע מאסן אין דייטשלאנד, האָט ביסמארק אין 1864 יאָר איינגעפירט אלגעמיינע וואלרעכט, דיסקאָנטירנדיק, אז פאר די הערשנדיקע קלאסן, שטעלט עס ניט פאָר קיין געפאר, און האָט ניט געקארגט קיין דעמאגאָגישע צוזאָגן וועגן פארשיידענע טויוועס פאר דער קליינבורזשואזיע און פארן פּראָלעטאריאט.

אלזאָ, דער פּלאן פונעם יונקערטום און פון דער בורזשואזיע, וועלכן ביסמארק האָט פאָרגענומען, איז באשטאנען אין פארייניקן דייטשלאנד אונטער דער העגעמאָניע פון פרייסן, איינהיטנדיק די מאָנארכיע, די פּאָליציייש־ביוראָקראטישע מעלוכע און די מאכט פון די האלב־פעאָדאלע פריצים.

קעגן דעם דאָזיקן קאָנטררעוואָליוציאָנערן פּלאן פון פארייניקן דייטשלאנד איז אנטקעגנגעשטעלט געוואָרן א צווייטער פּלאן — א פּלאן פון פארייניקן דייטשלאנד אף א רעוואָליוציאָנערן אופן. געבנדיק א ווידערשטאנד און פירנדיק א קאמף קעגן־די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פּלענער פונעם יונקערטום און פון דער בורזשואזיע, דארף דער ארבעטער־קלאס שטרעבן צו פארייניקן דייטשלאנד ניט „פון אויבן" דורך מיליטערישער קראפט, נאָר „פון אונטן" מיט זיינע אייגענע כויכעס, געשטיצט פון דער קליינבורזשואזיע און פונעם פּויערטום, ד. ה. מיט די כויכעס פון די דעמאָקראטישע מאסן אין דייטשלאנד. דער ווידערשטאנד

קעגנ דעמ יונקערישנ פלאנ פונ פארייניקנ דײַטשלאנד קאָנ האָבנ דערפאָלג בלויז אינ פראָצעס פונ רעוואָלוציאָנערנ קאמפ קעגנ דער מאָנארכיע אונ קעגנ דער מאכט פונ יונקערטומ. דער פראָלעטאריאט דארפ פארייניקנ אונטער זײַנ אָנפירונג דאָס פויערטומ אונ די קליינבורזשואזיע אונ אראָפווארפנ אינ דײַטשלאנד אלע קיניגנ, פירשטנ אונ הערצאָגנ, נייטראליזירנ די ליבעראלע בורזשואזיע אונ אראָפשלײַדערנ די מאכט פונ יונקערטומ, פארוואנדלענדיק דײַטשלאנד אינ אנ איינהײַטלעכער דעמאָקראטישער רעפובליק, ווו ער, דער ארבעטער־קלאס, וועט שטיינ פאָנעמ מיט זײַנ הויפט-פײַנט, מיט דער בורזשואזיע, אונ פירנ קעגנ איר א מילכאָמע פאר א סאָציאליסטיש דײַטשלאנד. אזא איז געווענ דער פלאנ פונ פארייניקנ דײַטשלאנד, וואָס די פירער פונעמ פראָלעטאריאט מארקס אונ ענגעלס האָבנ פארטיידיקט אינ זײַנ נאָמענ.

לאסאל

קעגנ דעמ דאָזיקנ רעוואָלוציאָנערנ פלאנ האָט געקעמפט ניט בלויז דאָס יונקערטומ, נאָר אויכ די בורזשואזיע. זי האָט מיט אלע קויכעס געשטרעבט אָפצוציִענ די ארבעטער פונעמ רעוואָלוציאָנערנ קאמפ אונ אונטערווארפנ זיי אונטער איר ווירקונג.

אָנהייב 60-ער יאָרנ האָט די ליבעראלע בורזשואזיע געפירט א שטארקע אגיטאציע צווישנ די ארבעטער פונ די אינדוסטריעלע ראיאָנענ אינ דער ריינישער געגנט, אינ זאקסענ אונ שלעזיע. דער בורזשואזער טעאָרעטיקער שולצע-דעליטש האָט רעקאָמענדירט די ארבעטער אײַנצואָרדענענ פראָדוציר־געזעלשאפטנ (קאָאָפעראטיווע פראָדוקציעס) אונ האָט געמאָלדנ, אז נאָר זיי אונ ניט די רעוואָלוציע זײַנענ דער איינציקער אונ ריכטיקער וועג צו לייזנ די ארבעטער־פראגע.

אלס קעגנער זײַנער איז אינ דײַטשלאנד ארויסגעטראָטנ פערדינאנד לאסאל, וואָס איז געווענ אינ טאָכ א ניט־קאָנסעקווענטער קליינבירגערלעכער דעמאָקראט, וועלכער האָט זיכ געפרווט ריידנ אינ נאָמענ פונעמ פראָלעטאריאט.

אינ קעגנזאצ צו שולצע־דעליטשנ, וואָס האָט געפריידיקט די געמיינזאמקײַט צווישנ די אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט אונ פונ דער בורזשואזיע אונ וואָס האָט רעקאָמענדירט די ארבעטער דעמ וועג פונ קאָאָפעראטיווער בויונג אָנשטאָט קלאסנקאמפ, האָט לאסאל ארויסגערוקט דעמ לאָזונג פונ פאָליטישנ אָפטיילנ דעמ פראָלעטאריאט פונ דער בורזשואזיע אונ אויסבילדנ א זעלבשטענדיקע פראָלעטארישע פארטיי. אָבער ארויסרוקנדיק דעמ דאָזיקנ ריכטיקנ לאָזונג, האָט לאסאל פארקריפלט די צילנ פונ דער פראָלעטארישער פארטיי אונ די מיטלענ פונ איר קאמפ. ער האָט רעקאָמענדירט די ארבעטער צו אָרגאניזירנ א זעלבשטענדיקע פארטיי צוליב דעמ, קעדיי דערגרייכנ אלגעמיינע וואלרעכט. „די ארבעטער אונ די אָרעמשאפט, — זאָגט ער, — באטרעפנ אינ דײַטשלאנד די מערהײַט. דעראָבערנדיק אלגע־

מיינע וואַלרעכט, באַקומען זיי די מערהײַט אין פּאַרלאַמענט און וועלן דורך אים דורכפירן דעם געזעץ וועגן אומבאַדינגטער מעלוכישער הילף פאַר די אַרבעטערשע פּראָדוציר-געזעלשאַפטן, אין וועלכע זיי וועלן אַרבעטן אָן קאַפּיטאַליסטן" זיי וועלן ווערן פרײַ".

כדיי צו באַקומען אַלגעמיינע וואַלרעכט, האָט לאַסאַל פאָרגעלייגט אָרגאַניזירן אַן אַלדייטשישן אַרבעטער-פאַרבאַנד. אין 1863 יאָר האָט אין לײַפּציק אַפּ אַ צוזאַמענפאָר פון די דעלעגאַטן פון די אינדוסטריעלע געגנטן אין דײַטשלאַנד זיך אויסגעבילדעט דער דײַטשישער אַרבעטער־פאַרבאַנד, וואָס האָט אויסגעקליבן לאַסאַלן פאַר זײַן פאָרשטייער.

דערפון, וואָס לאַסאַל האָט געהאַלטן פאַרן איקערדיקן און איינציקן מיטל פון קאַמף די אַלגעמיינע וואַלרעכט, איז צו זען, אַז לאַסאַל האָט ניט געגלייבט אין די קויכעס פונעם אַרבעטער-קלאַס, ניט געגלייבט אין זײַן פייִקײַט צו פירן נאָך זיך די דעמאָקראַטישע מאַסן (דאָס פויערטום און די קליינבורזשואַזיע), ניט געגלייבט אין די קרעפטן פון די דאָזיקע דעמאָקראַטישע מאַסן, ניט געגלייבט אין דער מעגלעכקײַט פאַר ײַניקן דײַטשלאַנד אַפּ אַ רעוואָלוציאָנערן אופן. ניט גלייבנדיק אין די קויכעס פון די אונטערשטע שיכטן, האָט לאַסאַל געלייגט האָפענונגען אַפּ די אויבערשיכטן. אָבער פון אויבן איז דאָך געשטאַנען דאָס יונקערטום מיט ביסמאַרקן אין דער שפּיץ. דעריבער האָט לאַסאַל הינטער דעם רוקן פון די אַרבעטער אָנגעהויבן געהיים אונטערהאַנדלען מיט ביסמאַרקן און האָט אים צוגעזאָגט שטיצע פון די אַרבעטער־מאַסן, אויב ער וועט אײַנפירן אַלגעמיינע וואַלרעכט. גייענדיק אַפּ אַן אויסגלײַך מיטן יונקערטום, האָט לאַסאַל זיך אָפּגעזאָגט צו זוכן פאַרבינדעטע פאַרן פּראָלעטאַריאַט אין דער פּערזאָן פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פונעם פויערטום און פון דער קליינבורזשואַזיע. ער האָט אָפּט געטײַנעט, אַז אַלע איבעריקע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און גרופּעס, אויסער פּראָלעטאַריאַט, זײַנען „דורכויס אַ רעאַקציאָנערע מאַסע".
לאַסאַלס פּאָליטיק איז געווען אַזויאַרום אַ פּאָליטיק פון אַ שרעקעוודיקן קליינבירגערלעכן דעמאָקראַט, וואָס האָט מוירע געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַראַטן און פאַר אַלגעמיינע וואַלרעכט פאַרקויפט די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן־אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט צו גונסטן די יונקערס.

ניט אומזיסט האָבן מאַרקס און ענגעלס אָנגערופן לאַסאַלן „קיניגלעך־פּרײַסישער דעמאָקראַט".

דער אָפּאָרטוניזם פון לאַסאַלן און פון זײַנע אָנהענגער אין די פראַגעס וועגן די צילן און קאַמפ־מיטלען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער פראַגע וועגן פאַרייניקן דײַטשלאַנד האָט באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מיצאַד אויגוסט בעבעלן (1804—1913) און ווילהעלם ליבקנעכטן (1826—1900), וואָס האָבן געהאַנדלט אין העסקעם מיט מאַרקסן און ענגעלסן. אויגוסט בעבעל איז געווען אַ זון פון אַ סאָלדאַט; נאָכן ענדיקן די פאָלקשול איז ער אָנגעקומען פאַר אַ לערייִנגל צו אַ טאָקער, דערנאָך איז ער געווען אַ געזעל און שפּעטער אַ טאָקער. פון 1859 יאָר אָן האָט ער זיך באַטייליקט אין די אַרבעטערשע אויפקלער-געזעלשאַפטן אין לײַפּציק, וועלכע די קליינבירגערלעכע ליבעראַלע „פאָלק־פּאַרטיי" האָט געהאַט גע-

גרינדעט. אין 1866 יאָר האָבן די אַרבעטער אויסגעוויילט בעבעלן און ליבקנעכטן אין צאָפּן־דײַטשישן רײַכסטאַג. דער סטודענט ווילהעלם ליבקנעכט (קאַרל ליב־קנעכטס פאָטער), האָט אָנטיילגענומען אין די באַריקאַדעס־שלאַכטן פון 1848 יאָר, און איז געווען מאַרקס און ענגעלסעס אַ פרײַנט.

בעבעל און ליבקנעכט זײַנען געווען עגג פאַרבונדן מיט די זאַקסישע קוילן־גרעבער און כעמניצער טעקסטילער. זיי ביידע האָבן אין קעגנזאַץ צו לאַסאַלן און פונקט ווי מאַרקס און ענגעלס געקעמפט פאַר אַ רעוואָליוציאָנערן וועג.

דער דײַטשישער פּראָלעטאַריאַט, נאָך ניט קיין גענוג אַנטוויקלטער, אָראָפּ־געשלאָגן פון וועג דורך לאַסאַלס אַגיטאַציע און אין אייניקע צווישנשיכטן זײַנע פאַרפירט פון שולצע־דעליטשעס פריידיקערײַ און פון ביסמאַרקס דעמאַגאָגיע, האָט ניט געקאָנט שאַפן קיין רעוואָליוציאָנערע איינהײַט אין זײַנע רייען, ניט געקאָנט ברעכן דעם קאָנטררעוואָליוציאָנערן פּלאַן פונעם יונקערטום און פון דער בורזשואַזיע. די פאַראייניקונג פון דײַטשלאַנד איז דעריבער פאַרגעקומען ניט „פון אונטן", נאָר „פון אויבן".

די מילכאָמעס פון פרײַסן קעגן עסטרײַך (1866 יאָר) און פראַנקרײַך (1870—1871)

פאַרענדיקט די מיליטערישע און פּאָליטישע צוגרייטונג, האָט די פרײַסישע רעגירונג אין 1866 יאָר דערקלערט עסטרײַך אַ מילכאָמע. אין משך פון 15 טעג האָט די פרײַסישע אַרמיי, אַ באַוואָפנטע און אויסגעמושטרירטע לויטן לעצטן וואָרט פון דער דעמאָלטיקער טעכניק, צעגראָמירט דעם 3־טן יולי, בײַ סאַדאָוואַ, די מיליטערישע הויפּט־קרעפטן פונעם אָפּגעשטאַנענעם עסטרײַך. נאָך דער צעגראָ־מירונג האָט עסטרײַך זיך אָפּגעזאָגט פון די פּרעטענזיעס צו פאַראייניקן דײַטש־לאַנד, און פרײַסן האָט פאַראייניקט 21 פון די 36 דײַטשישע מעלוכעס אין דעם צאָפּן־דײַטשישן פאַרבאַנד. די הערשנדיקע קראַפט איז אין דעם דאָזיקן פאַרבאַנד געווען דאָס יונקערישע פרײַסן.

לויט דער קאָנסטיטוציע פונעם צאָפּן־דײַטשישן פאַרבאַנד איז אין שפּיץ פון דער מעלוכע געשטאַנען דער פרײַסישער קיניג, וואָס איז אין דער זעלבער צײַט געווען פּרעזי־דענט פון פאַרבאַנד. אין רײַכסטאַג (פּאַרלאַמענט), וואָס איז אויסגעוויילט געווען אויפן סמך פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, האָט די מערהײַט געהערט צו די פּריצים און צו דער בורזשואַזיע. אָבער דער דאָזיקער רײַכסטאַג האָט ניט געהאַט קיין ווירקלעכע מאַכט. אַלע זײַנע באַשלוסן האָבן געמוזט באַשטעטיקט ווערן פונעם פאַרבאַנדישן ראַט, און אינעם פאַר־באַנדישן ראַט, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון באַאַמטע, פאָרשטייער פון די דײַט־שישע מעלוכעס, האָט געהערשט פרײַסן. פרײַסן האָט, אַחוץ דעם, געהאַט צו שאַפן איבער די מיליטערישע קרעפטן פון פאַרבאַנד. די קיניגן און די פירשטן פון אייניצלנע דײַטשישע מעלוכעס, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין פאַרבאַנד, האָט מען געלאָזן אומבאַרירט. אַזוי אַרום האָט דער צאָפּן־דײַטשישער פאַרבאַנד פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ רײַ מאָנאַרכישע מעלוכעס, וואָס זײַנען געווען פאַראייניקט אונטער דער הערשאַפט פון דעם אַבסאָלוטיסטישן פרײַסן. אין די דאָזיקע מעלוכעס האָט קימאַט אומבאַגרענעצט געבאַלעבאַטעוועט די פּאָליציי און די ביוראָקראַטיע. ניט אומזיסט האָט מאַרקס געזאָגט, אַז אין דײַטשלאַנד הערשט דער אַבסאָ־ליוטיזם, וואָס איז בלויז אַרומגענייט מיט פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען.

אַלזאָ, דאָס פאַרניכטן די צעבראָכנקייט פון דײַטשלאַנד, וואָס האָט מיטגעווירקט דער שנעלער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציר־קרעפטן פון קאַפּיטאַליזם און וואָס האָט פאַרגי־כערט די אויספירונג פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון דער־

בורזשואזיע, איז פאָרגעקומענ דורכ א רעוואָלוציע „פונ-אויבנ", איבערלאָזנדיק די מאכט פונ די פריצימ, בא באדינגונגענ, וואָס זײַנענ געווענ דורכויס גינסטיק פאר דער דאָזיקער מאכט אונ דורכויס אומגינסטיק פארנ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ.

דער צאָפנ-דײַטשישער פארבאנד האָט פאראייניקט בלויז צאָפנ-דײַטשלאנד. דאָרעמ-דײַטשלאנד איז געבליבנ צעברעקלט. די ענדגילטיקע פאראייניקונג פונעמ גאנצנ לאנד איז פאָרגעקומענ נאָכ דער פראנצויזיש-פרײַסישער מילכאָמע פונ 1870 יאָר, וועגנ וועלכער מיר וועלנ ריידנ שפעטער.

29. דאָס פארכאפנ קאָלאָניעס

אינעמ „מאניפעסט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי", ווו מארקס אונ ענגעלס האָבנ כאראקטעריזירט די היסטאָרישע ראָליע פונ דער בורזשואזיע, שטייט געשריבנ: „די באדערפענישנ אינ א שטענדיק שטײַגנדיקנ אָפזאצ פונ פראָדוקטנ טרײַבט ארומ די בורזשואזיע איבערנ גאנצנ ערדקײַלעכ. אומעטומ מוז זי ארײַנדרינגענ, אומעטומ זיכ פארפעסטיקנ, אײַנשטעלנ פארבינדונגענ".

אינ די 40-ער—60-ער יאָרנ דרינגט ארײַנ אונ פארפעסטיקט זיכ די בורזשואזיע אינ די לענדער פונעמ אזיאטישנ קאָנטינענט אונ פונ אנדערע וועלט-טײלנ, וואָס זײַנענ נאָכ ביז דאנ געווענ פארמאכט פאר איר אָדער ניט פולשטענדיק אָפנ.

אינעמ XIX יאָרהונדערט, באזונדערס אָנהייבנדיק פונ די 50-ער יאָרנ, דרינגענ ארײַנ די אייראָפעיִשע רײַזנדער-פאָרשער אינ די ווילדסטע, פריִער אומבאוווּסטע געגנטנ. זינט די 50-ער יאָרנ האָט א ריי אויספאָרשונגענ, צווישנ וועלכע עס איז באזונדערס בארימט געוואָרנ א. ליווינגסטאָנס עקספעדיציע, באוווּסט געמאכט דעמ גרעסטנ טײל טעריטאָריע פונ אפריקע.

אינעמ זעלבנ פעריאָד זײַנענ אויסגעפאָרשט געוואָרנ צענטראל-אויסטראליע (דורכ די ענגלענדער), צענטראל-אזיע, סיביר אונ טורקעסטאנ (דורכ די רוסנ אונ דײַטשנ).

אינ די 50-ער יאָרנ פונ XIX יה. האָבנ די ענגלענדער אנטדעקט דעמ יאמ-וועג ארומ צאָפנ-אמעריקע.

גלײַכ נאָכ די רײַזנדער האָבנ זיכ אינ די נײַע „ווילדע" לענדער אוועקגעלאָזט גאלאָכימ-מיסיאָנערנ, קעדיי צו מאכנ די געצנדינער פאר קריסטנ. די רײַזנדער אונ מיסיאָנערנ האָבנ אויסגעטרעטנ א וועג פארנ סויכער, באאמטנ אונ סאָלדאטנ פונ די אייראָפעיִשע קאפיטאליסטישע מעלוכעס.

די נײַע קאָלאָניאלע אויספאָרשונגענ אונ אנטדעקונגענ זײַנענ געווענ אנ עטאפ צו א גאנצער סעריע נײַע קאָלאָניאלע פארכאפונגענ.

אינ די יאָרנ 1839—1842 האָבנ די הארמאטנ פונ די קריג-שיפנ פונ די אייראָפעיִשע מעלוכעס געעפנט פאר דער אייראָפעיִשער פאבריק-פראָדוקציע דעמ וועג קײנ כינע. די שטארקע פארשארפונג פונ די קלאסנ-ווידערשפרוכנ אינ דער פעאָדאלער כינע, אינ צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס דאָרט האָט זיכ באוויזנ דער אייראָפעיִשער קאפיטאל, האָט געבראכט צומ גראנדיעזנ אויפשטאנד פונ די טײַפינגנ, וואָס האָט זיכ געצויגנ 15 יאָר, פונ 1850 ביז 1865 יאָר.

פונ העלפט XIX יה. האָט זיכ אפנ מיזרעכ אוועקגעלאָזט אויכ די אמעריקאנישע בורזשואזיע. אינ 1846 יאָר איז קאליפאָרניע געוואָרנ דער ערשטער שטיל-אָקעאנישער שטאט

פונ צאָפנ-אמעריקע, אונ אינ 1848 יאָר האָט מענ דאָרט אנטדעקט גאָלד; דער „גאָלד-פיבער“ האָט געבראַכט צו אנ אויסערגעווײנלעכ גיכנ באַזעצנ קאליפאָרניע אונ די גאַנצע שטיל-אָקעאַנישע ברעג-זאָנע.

אינ די 50-ער יאָרנ זײַנענ אינ אמעריקע אנטשטאַנענ די פּלענער דורכצוגראָבנ א קאנאל דורכ פּאַנאַמער לאַנדצונג, א קאנאל, וואָס זאָל פאַרבינדנ דעמ אטלאַנטישנ אָקעאַנ מיטנ שטילנ אונ וואָס זאָל דערלויבנ די צאָפנדיקע אינדוסטריעלע שטאַטנ מיטנ קירצסטנ וועג צו פאַרקערנ מיט כינע או מיט יאַפּאַניע.* דער שטאַרק געוואָרענער אינטערעס פונ די פּשא צו מיזרעכ האָט זיכ אויסגעדריקט אינ שיקנ קײנ יאַפּאַניע אינ 1853 יאָר א מי-ליטערישע עסקאַדרע אונטער דער קאָמאַנדע פונעמ אדמיראַל פּ ע ר י, וואָס האָט געפאָדערט עפענענ די האַפנס פונ יאַפּאַניע פאַרנ האַנדל מיט די אייראָפּייער. אינ 2 יאָר אַרומ, אינ 1855 יאָר, האָט זיכ בא די ברעגנ פונ יאַפּאַניע באַוויזנ א רוסישע עסקאַדרע אונטער דעמ אדמיראַל פּ ו ט י א ט י נ ו ם קאָמאַנדע, אונ אינ 1863 יאָר, ווענ אינ יאַפּאַניע האָט זיכ אָנגעהויבנ א פּאָלק-באַוועגונג קעגנ דעמ כוצפּעדיקנ באַלעבאַטעווענ פונ די אויסלענדער, האָבנ די קריג-שיפנ פונ אמעריקע, פראַנקרײַכ אונ האָלאַנד באָמבאַרדירט די שטאָט קאָגאָסימאַ אונ האָבנ זיכ באַטײליקט אינ דערשטיקנ די פּאָלק-באַוועגונג.

אינ 1868 יאָר, נאָכ פאַרביטערטע קלאַסנ-שלאַכטנ (מײ-דזשים רעוואָלוציע), איז אינ יאַפּאַניע געקומענ צו דער מאַכט א רעגירונג, וואָס האָט זיכ געשטיצט אפ יענע פעאָדאַלנ (סאַמוראַיענ), וואָס האָבנ פאַרשטאַנענ, אז קעדײ אײַנצוהיטנ די מאַכט מוזנ זײ נײטיק אײַ-בערנעמענ די בורזשואַזע ציוויליזאַציע, וואָרעמ קעגנ אירע האַרמאַטנ זײַנענ זײ געווענ אָנ-מעכטיק. פונ יענער צײַט אָנ, כאָטש עס זײַנענ בא דער מאַכט געבליבנ די רעאַקציאָנערע פעאָדאַלע קלאַסנ, איז יאַפּאַניע גיכ אוועק אפנ קאַפּיטאַליסטישנ אנטוויקלונג-וועג, אונ, האַגאַמ אײַנהיטנדיק פּילצאָליקע לײַבאײגנטימערישע רעשטלעכ, ווערט יאַפּאַניע אינעמ XIX יה. שוינ פאַרוואַנדלט אינ אנ אימפּעריאַליסטישער מעלוכע מיט שאַרפ אויסגעדריקטע שטריכנ פונ „מיליטעריש-פעאָדאַלנ אימפּעריאַליזמ“.

אינ 1857 יאָר בריכט אויס א גרויסער אופשטאַנד פונ די סיפּאַיענ אינ אינדיע. אינ 1862 יאָר פאַרכאַפּנ די פראַנצויזנ אינדאָ-כינע. סאָפ 60-ער יאָרנ פרווונ זײ אָנגרײַפנ פונ צאָפנ אפ אינדיע. אָבער דאָ שטויסנ זײ זיכ צונויפ אינ 1866 יאָר מיט די ענגלענדער. באָמ פּרווו צו פאַרכאַפּנ די צאָפנדיקע געגנט פונ אינדיע — בירמאַ, טרעטנ זײ אָפּ אונ פאַר-פעסטיקנ זיכ אינ אינדאָ-כינאָ.

אינ דער עפּאָכע פונ די 60-ער יאָרנ ווערט אינ דער ווירקונג-ספערע פונעמ קאַפּיטאַליזמ אַרײַנגעצויגנ ניט בלויז אזיע, נאָר אויכ אפריקע, אווסטראַליע. האָבנדיק פאַרלוירנ די צאָפנ-אמעריקאַנישע קאָלאָניעס הייבט אָנ ענגלאַנד, סאָפ XVIII — אָנהייב XIX יה. שטאַרק צו קאָלאָניזירנ אווסטראַליע אונ נײַ-זע-לאַנד. די דעראָבערטע אינ 1806 יאָר קאַפּלאַנד — דער דאָרעמדיקער ברעג פונעמ אפריקאַנישנ קאָנטינענט — איז אינ 1815 יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אנ ענגלי-שע קאָלאָניע.

פראַנקרײַכ האָט נאָכ אינ 1830 יאָר באַהערשט אפ דער צאָפנדיקער ברעג-זאָנע פונ אפריקע די רײַכע קאָלאָניע אַלזשיר אונ האָט געפירט אומופהערלעכע בלוטיקע מילכאָמעס צו דערשטיקנ דעמ ווידערשטאַנד פונ די אראַבישע שוואַטימ.

דאָס אַרײַנדרינגענ פונעמ קאַפּיטאַליזמ קײנ מיזרעכ רופט אַרויס א פאַר-שאַרפונג פונ אַלע קלאַסנ-פאַרהעלטענישנ אינ די פעאָדאַלע לענדער פונ מיזרעכ. מיר וועלנ זיכ אָפּשטעלנ אפ די סאַמע גרעסטע קאָלאָניאַלע אופשטאַנדנ פונ יענער עפּאָכע — די אופשטאַנדנ פונ די סיפּאַיענ אינ אינדיע אונ פונ די טײַפּינגענ אינ כינע.

* דעמ דאָזיקנ קאַנאַל האָט מענ געעפנט ערשט אינ 1914 יאָר.

30. קאָלאָניאלע אופשטאנדנ

דער אופשטאנד פונ די סיפאיענ

פונעמ XVII יה. הייבנ אָנ די אייראָפּייער די דעראָבערער, הויפּטזאכלעכ, די ענגלענדער אונ פראנצויזנ שטארק צו באראבעווענ אינדיע אונ פונ 1763 יאָר ווערנ פאקטיש די ענגלענדער פולשטעניקע באלעבאטימ פונ אינדיע, פארטרייבנדיק דאָרט קימאט פונ אומעטומ די פראנצויזנ.

דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו האנדלענ מיט אינדיע איז געווענ אינ די הענט בא דער אלטער אָסט-אינדישער קאָמפּאניע, וואָס איז געווענ געגרינדעט נאָכ אינ 1600 יאָר. די דאָזיקע קאָמפּאניע האָט רעגירט איבער אינדיע אונ האָט דאָ געהאלטנ איר מיליטער.

אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ, וואָס די מאָנאָפּאָליע פונ דער אָסט-אינדישער קאָמפּאניע האָט ניט געלוינט פאר דער אופשטייגנדיקער ענגלישער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, איז די דאָזיקע מאָנאָפּאָליע אינ 1823 יאָר פארניכטעט געוואָרנ. אונ פונ דער צייט אָנ פארפליוצנ די ענגלישע סכוירעס אינדיע אונ עס פארשטארקט זיכ דער רויוואריג-עקספּלואַטאציע פונ אינדיע.

אונטער דער ווירקונג פונ דער קאָנקורענצ מיצאד די ביליקע ענגלישע מאשינ-פאבריקאטנ קומט פאָר א מאסנוויַיזע רויִנירונג פונ די אינדישע וועבער, וואָס האָבנ ניט געקאָנט בײַשטיינ דער קאָנקורענצ פונ דער ענגלישער אינדוסטריע.

אינ 1857 יאָר פירנ דורכ די ענגלענדער אינ אינדיע 4 טויזנט מײַל טעלעגראַפ-ליניעס אונ בויענ דאָרט אויס די ערשטע אײַזנבאנ. דאָס איז פאר זיי נייטיק געווענ, כדי פארפעסטיקנ זייער הערשאפט אינ לאנד אונ פארכאפּנ די געגנטנ פונ אינדיע, וואָס די אייראָפּייִשע עקספּלואטאציע האָט נאָכ ניט געהאט אָנגערירט.

פונ 1848 ביז 1856 יאָר ווערנ אָקופּירט 150 טויזנט קוו. מײַל נײַע טעריטאָריעס, דערונטער פּענדזשאב, בירמא, אאוד (אינ 1856 יאָר) אא. אינ די דאָזיקע ראיאָנענ באזעצט מענ אפ דער ערד, וואָס מע האָט צוגענומענ בא די אינדישע ראדזשעס (פירשטנ) אונ גרויסע פעאָדאלנ — נײַע פּריציִמ, וואָס זײַנענ טרײַ די ענגלענדער אונ זיי זעצנ ווײַטער פאָר מיט דער פריערדיקער אכזאָריעס די עקספּלואטאציע פונ דעמ אינדישנ פּויערטומ. בלויז פונ שטײַערנ פונ די נײַע פּראווינקטע געגנטנ האָבנ די ענגלענדער באקומענ 43 מיליאָנ גאָלד-רובל.

באזונדערס אומדערבארעמדיק האָבנ די ענגלענדער געבאלעבאטעוועט אינ די פונדאָסנײַ פארייניקטע צאָפנדיקע אונ צענטראלע געגנטנ. דאָס דאָזיקע באלעבאטעווענ האָט געבראכט צו אנ אופשטאנד, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1857 יאָר אינ דער פּראָווינצ אאוד.

אינ מײַ 1857 יאָר האָט זיכ אינ דער דאָזיקער פּראָווינצ אָנגעהויבנ אנ אלגעמיינער אופשטאנד פונעמ מיליטער, צו וועלכנ עס זײַנענ אינ דער נאָענטסטער צײַט צוגעשטאנענ 50 טויזנט סיפּאיענ,* די אופשטענדלער האָבנ פארכאפּט דעלי, קאונפּאָר אונ לוקנאָו.

אינעמ ראיאָנ פונ דירעקטנ אופשטאנד האָבנ די ענגלענדער געהאט סאכאקל 4 פּאָלקנ. די לאגע איז פאר די ענגלענדער געווענ געפערלעכ. אינ דער צײַט האָט אינדיע געהאט 257 טויזנט אָרטגעבירטיקע סאָלדאטנ אפ 36 טויזנט ענגלישע. דאָס אָרטגעבירטיקע מיליטער האָט געהאט הארמאטנ, ענפילד-ביקסנ. אפ זייער זײַט איז געווענ דער מיטגעפיל אונ די אונטערשטיצונג מיצאד דער באפעלקערונג.

די מוסולמענער אונ אינדוסנ, צווישנ וועלכע די ענגלישע קאָלאָניזאטערס

---

* סיפּײַ — שלאכטמאנ, סאָלדאט.

האָבנ געזייט נאציאָנאלע סינע, קעדיי צו אײַנהיטנ אונ אײַנהאלטנ זייער הערשאפט, האָבנ זיכ פארייניקט אונ זײַנענ צוזאמענ ארויסגעטראָטנ קעגנ די ענגלישע עקספּלואטאטערס.

איינער אנ ענגלישער צושויער האָט געשריבנ: „דאָס איז מער, ווי א מיליטערישער בונט; פונ אָנהייב אָנ האָט די באוועגונג אלצ מער אָנגענומענ א כאראקטער פונ א אופשטאנד, אינ וועלכנ עס זײַנענ ארײַנגעצויגנ געוואָרנ קאָלאָסאלע מאסנ, אונ ניט בלויז דאָס סיפּאישע מיליטער". „מיר האָבנ ניט באוויזנ צעגראָמירנ דעמ סוינע, אָפּנעמענ בא אימ די האַרמאטנ, ווי ער איז שוינ ווידער גרייט צומ קאמפּ, קוימ וואָס מיר באווײַזנ באפרײַענ איינ שטאָט, דערלאנגענ הילפ דער צווייטער, ווי די געפאר האָט שוינ פּלוצעמ אופגעפלאקערט אינ א דריט אָרט. ערשט פארענדיקט דאָס אונטערטעניק מאכנ איינ ראיאָנ, ווי אנ אופשטאנד ברעכט שוינ אויס אינעמ שכײַנעסדיקנ".

אינ יענער צײַט האָט זיכ דער פּראָלעטאריאט אינ אינדיע נאָכ ניט געהאט אויסגעבילדעט. דער פּאָר־פּראָלעטאריאט פונ די שטעט, — האנטווערקער, טרעגער אונ שטאָטישע אָרעמשאפט, — האָט זיכ אקטיוו באטייליקט אינעמ אופשטאנד, אָבער זיי האָבנ ניט באוויזנ אונטערצוווארפנ די ארמיי אונטער זייער אָנפירונג. די בורזשואזע עלעמענטנ האָבנ זיכ דערשראָקנ פארנ מעכטיקנ שוווּנג פונעמ אופשטאנד אונ האָבנ זיכ ניט געשטעלט אינ דער שפּיצ פונעמ רעוואָלוציאָנערנ ארויסטריט פונ די מאסנ. די ארמיי איז געגאנגענ נאָכ די פעאָדאלנ, בא וועלכע די ענגלענדער האָבנ אָפּגענומענ די ערד, אונ נאָכנ קלער, וואָס האָט פארלאָרנ די ערד אונ די האכנאָסעס פונ די געריכטנ אונ שולנ.

אָבער אינ גאנג פונעמ אופשטאנד האָט זיכ ארויסגעוויזנ דער ווידערשפּרוכ צווישנ דעמ פּויערטומ אונ די פעאָדאלנ. די פעאָדאלנ האָבנ אָנגעהויבנ פארכאפּנ די ערד, וואָס די ענגלישע פּראָטעזשע האָבנ אוועקגעוואָרפנ, אונ געפאָדערט פונ די פּויערימ טשינש.

פונ צווישנ דעמ פּויערטומ אונ האנטווערקער אינ די שטעט האָבנ זיכ ארויסגערוקט נײַע פירער: אכמעד — א פּויער אונ פירער פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט אונ טאנ־טי־טאָני. אָבער עס איז שוינ געווענ שפּעט. די אופגעשטאנענע סיפּאיענ האָבנ פארלוירנ א סאכ צײַט איבער דער ניט־אנטשלאָסנקײַט פונ דער פעאָדאלער אָנפירונג. די פעאָדאלנ מיט באַגאדור־כאנענ אונ נאנא סאגיבנ אינ דער שפּיצ האָבנ זיכ געהאלטנ בא א פּארטיידיקונג־טאקטיק. זיי האָבנ זיכ געטאָפּטשעט אפ איינ אָרט, אָנשטאָט צו גיינ אפ קאלקוטע אונ פארייניקנ צו זיכ דאָס אָרטגעבירטיקע מיליטער אונ די פּויערשע מאסנ, — ווײַל זיי האָבנ מוירע געהאט פאר די דאָזיקע פּויערשע מאסנ.

די מאסנווײַזע פּויערשע אופשטאנדנ אינ בענגאל אונ ביכארע האָבנ געצווונגענ די פעאָדאלנ צו גיינ אפ אנ אויסגלײַכ מיט די ענגלענדער. די ענגלענדער האָבנ זיכ באניצט מיט די גינסטיקע באדינגונגענ, וואָס דער דאָזיקער פאראט פונ די פעאָדאלנ האָט פאר זיי געשאפנ. זיי האָבנ צונויפגעזאמלט דאָס מיליטער אינ צאָפנ־אינדיע אונ נאָכ א פינפ כאדאָשימדיקער באלאגערונג אונ פארביטערטנ שטורעמ, וואָס האָט געדויערט 6 טעג, האָבנ זיי אײַנגענומענ דעמ שטיצ־פונקט פונעמ אופשטאנד — דעלי אונ האָבנ אפ אנ ארכזאָריעסדיקנ אויפנ זיכ צערעכנט מיט די פּארטיידיקער.

בייסנ באלאגערנ דעלי האָבנ די האנטווערקער אונ די פראָלעטארישע עלעמענטנ פונ שטאָט זיכ געשלאָגנ אינ די ערשטע רייענ אפ די באריקאדנ.

די מאפאָלע פאר בעמ אופשטאנד אונ זײַנע רעזולטאטנ

ערשט אינ 1859 יאָר, נאָכ דעמ, ווי מע האָט מאסנווײַז גע־טויט די אופשטענדלער, ווערכע מע האָט צעשאָסנ, צובינדנדיק זיי צומ מויל פונ די הארמאטנ, אונ נאָכ א ריי שטראָפ־עק־ספעדיציעס, וואָס זײַנענ געשיקט געוואָרנ אינוויניק אינ לאנד, זײַנענ צעקלאפט געוואָרנ די לעצטע אָטריאדנ פונ די סיפאיענ.

דער אופשטאנד פונ די סיפאיענ באווײַזט אנ איבעריק מאָל, אז אָנ א פראָלעטארישער אָנפירונג איז דאָס פויער־טומ ניט פייִק זיכ צו באפרײַענ פונעמ פעאָדאלנ דרוק אונ פונ די אויסלענדישע דעראָבערער.

די מאפאָלע פונעמ אופשטאנד האָט פארשטארקט דעמ יאָכ מיצאד די ענג־לענדער אונ האָט אפ לאנג פארהאלטנ די אנטוויקלונג פונ אינדיע.

מוירע האָבנדיק פאר אנ איבערכאזערונג פונעמ אופשטאנד, זײַנענ די ענג־לענדער געגאנגענ אפ אנ אויסגלײַכ מיט די פעאָדאלנ אונ צוגעזאָגט ניט אָפצו־נעמענ בא זיי די ערד, אויב זיי וועלנ רעגולער צאָלנ שטײַערנ. פונ דער צווייטער זײַט, מוירע האָבנדיק פאר פויערשע אופשטאנדנ אונ וועלנדיק פארפעסטיקנ די לאגע פונ די פעאָדאלנ, האָבנ זיי אינ 1859 יאָר אָפגעשאפט דאָס לײַבייגנטומ פאר די פויערימ. דערבײַ זײַנענ די פעאָדאלנ (ראדזשי) געבליבנ אייגנטימער פונ דער ערד, אונ די פויערימ זײַנענ דערקלערט געוואָרנ אלס אייביקע ארענ־דאטערס מיט אנ אײַנגעשטעלטער באשטימטער ארענדע.

אפנ פאפיר איז, אזויארומ, דאָס לײַבייגנטומ אינ אינדיע געווענ פארניכטעט, אָבער נאָכ ביז איצט איז אינ 580 פירשטנטומס פונ אינדיע געבליבנ צוואנג־אר־בעט אונ עטלעכע מיליאָנ שקלאפנ ארבעטנ אפ די פלאנטאציעס פונ די ראדזשיס אונ ענגלענדער. שקלאפנ קויפט מענ אונ מע פארקויפט אונ עס עקזיסטירנ אפילע ספעציעלע געזעצנ וועגנ ארויסגעבנ אנטלאָפענע שקלאפנ.

וועגנ דער שווערער לאגע פונעמ פויערטומ אונטער דער הערשאפט פונ די ענגלענדער אונ פונ די ראדזשיס זאָגנ איידעס די שרעקלעכע הונגערס, וואָס טרעפנ זיכ אינ אינדיע פעריאָדיש, ווענ עס שטארבנ אויס מיליאָנענ אינדוסנ. אײנער פונ די שרעקלעכסטע הונגערס, לויט דער צאָל קאָרבאָנעס איז געווענ דער הונגער אינגיכנ נאָכ דעמ, ווי מע האָט דערשטיקט דעמ אופשטאנד — אינ 1866 יאָר.

דאָס פארוואנד־לענ כינע אינ א קאָלאָניע פונ איי־ראָפע אונ אמע־ריקע

אינ הערפט XIX יה. איז דער גאנצער אויסערלעכער יאמ־האנדל* פונ כינע געגאנגענ דורכ אײנ דאָרעמדיקנ האפנ — קאנטאָ. געפירט האָט אימ די קאָמפאניע קאָ־גאָנג, וואָס האָט פונ יעדנ ארײַנגעפירטנ פראכט קיינ כינע געצאָלט א שטײַער־אָפצאָל דעמ אימפעראטער פונ דער מאנדזשורישער דינאסטיע. דורכ דער דאָזיקער קאָמפאניע האָבנ די אייראָפייער געפירט א פארשטארקטנ האנדל מיט כינע פונ אָנהייב XIX יה., דערבײַ האָבנ זיי אינ

---

* דער יאבאָשע-האנדל פונ כינע איז געווענ ניט באדײַטנדיק אונ האָט זיכ געפירט הויפטזאכלעכ מיט רוסלאנד דורכ קיאכטע.

כינע אופגעקויפט זייד און טיי און פארקויפט האָבן זיי דאָרט אָפּיום און נאָר אין דער קלענסטער מאָס אינדוסטריעלע פּראָדוקציע.

אין 1818 יאָר האָבן די ענגלענדער אריינגעפירט אָפּ 7 מיליאָן רובל אָפּיום, אין 1830 יאָר האָט מען שוין אריינגעפירט קימאַט אָפּ 26 מיליאָן רובל אָפּיום און אין 1837 יאָר—אָפּ 40 מיליאָן רובל, אין דער צייט, ווען אנדערע סכוירעס האָט מען אריינגעפירט סאַכאַקל אָפּ 15 — 20 מיליאָן רובל. ווען די כינעזישע רעגירונג האָט פארבאָטן אריינצופירן אָפּיום, האָט ענגלאנד אין 1839 יאָר ארויסגעשיקט קיין כינע דעם קריג-פלאָט, וואָס האָט באשאָסן קאַנטאָן. דערנאָך האָט דער

די ענגלענדער צעשיסן די אינדוסן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אינעם אופשטאַנד פון די סיפּאַיער

ענגלישער פלאָט און דאָס יאַבאָשע-מיליטער פארנומען שאַנכיי (בא דער לעפצונג פונעם טייך יאַנצזי) און האָבן מיט א שלאַכט זיך א רוק געטאָן ארויף מיטן טייך ביז נאַנקין. דאָ האָבן זיי אין 1842 יאָר געצוווּנגען די מאַנדזשורישע דינאַסטיע צו שליסן ניט קיין גלייכבארעכטיקן אָפּמאַך. לויטן דאָזיקן אָפּמאַך האָבן די כינעזער זיך פארפליכטעט ניט באַשטייערן די אריינגעפירטע סכוירעס מער ווי מיט 5 פּראָצענט גרענעץ-אָפּצאָלן, אָפּגעבן די ענגלענדער א טייל פונעם אינדזל האָנגקאָנג, לעבן קאַנטאָן, און עפענען פארן האַנדל קאַנטאָן און נאָך פיר האַפנס, צווישן זיי שאַנכיי. אַכוץ דעם, האָבן די כינעזער געמוזט אָפּצאָלן א גרויסע קאָנטריבוציע און ניט פארשפּרייטן אָפּ די אייראָפּייער די ווירקונג פון די כינעזישע געזעצן (מישפּטן דורך באַזונדערע געריכטן מיטן אָנטייל פון אייראָפּייער). דאָך, צום אונטערשייד פון אינדיע, איז כינע ניט געוואָרן בלויז אַן ענגלישע קאָלאָניע.

אין 1844 יאָר האָבן פראַנקרייך און די פשא געפאָדערט, אַז כינע זאָל אונטערשרייבן די זעלבע אָפּמאַכן אויך מיט זיי. גלייך נאָך דעם זיינען אַזוינע ניט גלייכבארעכטיקטע אָפּמאַכן געשלאָסן געוואָרן אויך מיט אנדערע אייראָפּייִשע מעלוכעס.

אַזויאַרום איז כינע זינט זי האָט אָנגעהויבן פארוואַנדלט צו ווערן אין א

פאקטישער קאָלאָניע, געוואָרנ אַנ א ל ג ע מ יי נ ע קאָלאָניע פונ די גרעסטע אייראָפּייִשע רויבער אונ פונ די פאראייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע.

די רויִנירונג פונעמ פויערטומ

נאָכ דעמ, ווי כינע איז אופגעעפנט געוואָרנ פארנ אויסערלעכנ האנדל פונ די אייראָפּייער, איז זי פארפלייצט געוואָרנ ניט בלויז מיט אָפּיומ, וואָס זײַנ אַרײַנפיר האָט זיכ שארפ פארגרעסערט, נאָר אויכ מיט ביליקע סכוירעס פונ מאשינ-פּראָדוקציע.

דער גרויסער אַרײַנפיר פונ אָפּיומ אינ סכוירעס האָט ניט געקאָנט געדעקט ווערנ מיטנ ארויספיר פונ טיי אונ זײַד. אונ דעריבער איז די כינעזער אויסגעקומענ אינ א באדײַטנדיקער מאָס זיכ פאנאנדערצאָלנ פאר די סכוירעס מיט זילבער. אדאנק דעמ ארויספיר פונ זילבער קיינ אייראָפּע אפ צענדליקער מיליאָנענ רובל האָט עס אָנגעהויבנ ווערנ טײַער אינ כינע.

אזוי־ווי דאָס פויערטומ האָט געצאָלט די שטײַערנ מיט זילבער, האָט זיכ די רויִנירונג פונעמ פויערטומ דורכ דעמ באזונדערס פארשטארקט. בא דער קאָלאָסאלער טעריטאָריע פונ כינע אונ בא די שלעכטע פארקער־וועגנ איז די רויִנירונג פונעמ פויערטומ אונ פונ די האנטווערקער פאָרגעקומענ ניט גלײַכמעסיק איבער דער גאנצער טעריטאָריע. מיט א באזונדערס שנעלנ טעמפ איז די רויִנירונג געגאנגענ אינעמ דאָרעמדיקנ טייל פונ כינע, אינ די ראיאָנענ, וואָס ליגנ נאָענט צו די האפנס, וואָס זײַנענ געעפנט געוואָרנ פארנ האנדל פונ די אייראָפּייער.

אדאנק דער רויִנירונג אונ דער פארשטארקטער אונטערדריקונג מיצד די מאנדזשורנ, וואָס פלעגנ זיכ פלײַסנ צו באקומענ וואָס מער געלט אפ קויפנ אייראָפּייִשע סכוירעס, האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פויערשע אופשטאנדנ.

דער אָנהייב פונ א רעוואָליוציע

אָנהייב 1850 יאָר האָבנ זיכ די באזונדערע פויערשע אופשטאנדנ צונויפגעגאָסנ אינ א מעכטיקער כוואליע פונ א פ ו י ע ר ש ע ר ר ע וו אָ ל י ו צ י ע. ווענ עטלעכע טויזנט אופגעשטאנענע פויערימ פונ דער דאָרעמ-פּראָווינצ גואנסי האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אפ צאָפנ, צו דעמ הויפט־טײַכ פונ כינע, יאנצזי, זײַנענ צו די אופשטענדלער צוגעשטאנענ די אונטערדריקטע פויערשע מאסנ אונ די שטאָטישע אָרעמשאפט, טרעגער, קוליס, שיפלער, האלב-לײַבייגענע בארג-ארבעטער פונ די זאוואָדנ אונ האנטווערקער.

די דאָזיקע שיכטנ באפעלקערונג זײַנענ געווענ געדריקט דורכ פארשיידענע שטײַערנ אונ פליכטנ, וואָס דער אימפעראטער אונ זײַנע מאנדארינענ — די גובערנאטערס אונ זייערע אגענטנ — טשינשנ-זאמלער האָבנ געפאָדערט. די פאָלקמאסנ זײַנענ בארויבט אונ עקספּלואטירט געוואָרנ פונ די הענדלער, וווכערניקעס אונ פריצימ — דזשענטרי.

דער באשטאנד פונ די דזשענטרי איז געווענ ניט קיינ איינארטיקער, אינ זייער צאָל זײַנענ געווענ וווכערניקעס, וואָס פלעגנ נעמענ אינ ארענדע די שטײַערנ, קליינע פריצימ, וואָס האָבנ באקומענ ערד פאר זייער דינסט בא די מאנדארינענ; עלטסטע פונ שטאמ, וואָס האָבנ געהאט א גרויסע מאכט אינ כינע איבער די פאמיליעס, וועלכע האָבנ געהערט צומ געגעבענעמ שטאמ.

אָפטמאָל איז דער דזשענטרי געווענ אי א וווכערניק אינ א שטאמ-עלטסטער אי א

פּאָרעץ, וואָס האָט געדינט באַ די מאַנדאַרינען. די דזשענטרי זײַנען געווען דער גידעריקערער שיכט פונעם עקספּלואַטאַטאָריש-פעאָדאַלן קלאַס אין כינע.

דער גרונט-קערן פון די טײַפּינען זײַנען געווען די אונטערדריקטע שיכטן פּויערים, פאַר וועלכע די הויפּט-פּראָגעם זײַנען געווען די פראַגעס וועגן ערד און וועגן באַפרײַען זיך פון די פעאָדאַלע פּענטעס. אפן ערשטן עטאַפּ פון דער באַוועגונג (אומגעפער ביזן יאָר 1856) זײַנען זייערע מיטלויפער געווען די אָפּאָזיציע פון סאָכרים און דזשענטרי.

די סאָכרים זײַנען געווען אומצופרידן מיט דער מאַנדזשורישער רעגירונג. זיי האָבן געליטן פון אומענדלעכע אָפּצאָלן, כאַבאַר און רויבערײַ מיצאַד די מאַנדזשורישע באַאַמטע. די קליינע דזשענטריס האָבן זיך די ערשטע צײַט אויך פאַרייניקט צו דער באַוועגונג (דער הויפּט-פירער פון די טײַפּינען איז געווען דער דזשענטרי ס י ו - צ י ו אַ נ). זיי זײַנען געווען אומצופרידן פונעם דרוק מיצאַד די מאַנדאַרינען, פון די שטערונגען, וואָס האָבן פאַרשווערט דעם צוטריט צו אַ מעלוכישער שטעלע און האָבן געגעבן פּאָרצוגן די מאַנדזשורן. אַ גרויסע ראָליע האָבן אינעם אויפשטאַנד געשפּילט די דעמלטיקע אַרבעטער. דער פּאַקטישער הויפּט-קאָמאַנדיר, אַשטייגער, אינעם פּעריאָד ביזן 1856 יאָר, איז געווען אַ זון פון אַ קוילנהאַקער — אַליין אַ טאָג-אַרבעטער, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די טרעגער און פורמאַנעס, — י אַ נ ס י ו צ י נ.

די דערפאָלגרײַכע באַוועגונג אפן צאָפן

אַרויסטרעטנדיק אין 1850-טן יאָר אפן צאָפן, צעגראָמירנדיק דאָס מאַנדזשורישע מיליטער און דערגייענדיק ביזן יאַנצזי (אַ קאָלאָסאַלער טײַך, וואָס אַרום אים לעבן איצט 200 מיליאָן מענטשן, און אין מיטן XIX יה. האָבן דאָרט געלעבט 150 מיליאָן), זײַנען די טײַפּינען ניט אַוועק ווײַטער אפן צאָפן צו פּעקין, קעדיי ענדגילטיק צו צעקלאַפּן די מאַנדזשורן, נאָר זיי האָבן אין פאַרלויף פון 2 יאָר זיך גערוקט אפן מײַרעוו צו נאַנקין צו און האָבן פאַרלאָרן אַ יאָר אפן אײַנעמען נאַנקין און זיך דאָרט פאַרפעסטיקן.

ערשט צו מײַ 1853 יאָר האָבן די טײַפּינען געשיקט אַ קאָרפּוס פון 12 טויזנט שלאַכט-מענער צו פּעקין. דער דאָזיקער קליינצאָליקער קאָרפּוס האָט, דערגייענדיק קימאַט ביז פּעקין (אָפּשטעלנדיק זיך באַ טיאַן-צזין), געמוזט אָפּטרעטן. דאָס צאָפנדיקע פּויערטום האָט ניט געשטיצט די טײַפּינען, ווײַל דאָ האָט די ווירקונג פונעם קאַפּיטאַליזם ניט באַוויזן אָפּרופן זיך אַזוי שטאַרק, און די מאַנדזשורן האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּשלאָגן די טײַפּינען.

די אַרמיי פון די טײַפּינען

דער גרונט-קערן פון דער אַרמיי איז באַ די טײַפּינען געווען דאָס רוינירטע פּויערטום; דער קאָמאַנדירן-באַשטאַנד האָט זיך פאָרמירט הויפּטזאַכלעך פון די פּאַראָרעמטע דזשענטרי און קליינע הענדלער.

אינעם גאַנג פון דעם אויפשטאַנד זײַנען צו דער אַרמיי צוגעשטאַנען שטאָטישע האַנטווערקער און די האַלב-לײַבייגענע אַרבעטער. די אַרמיי, וואָס האָט צוערשט געציילט באַ 4—5 טויזנט מאַן, איז אין גאַנג פונעם אויפשטאַנד אויסגעוואָקסן ביז דרײַ מיליאָן.

די סאָציאַלע מאָסמיטלען פון די טײַפּינען

אינעם פּעריאָד פון גרעסטן אויפשטײַג פון דער באַוועגונג, אין 1853 יאָר, האָבן די טײַפּינען געפּרוווט לייזן די ערד-פּראָגע. אָט זײַנען די גרונט-האַנאָכעס פונעם ערד-געזעץ, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן:

„די גאַנצע ערד ווערט צעטיילט לויט דער צאָל עסער, ניט אָפּהענגיק פון געשלעכט". אַלע פעלדער פון דער „הימלישער אימפּעריע" ווערן באַאַרבעט דורך

אלעמענ, וואָס לעבנ אינ דער הימלישער אימפעריע (דאָס הייסט יעדער האָט רעכט צו באקומענ ערד).

„אויב עס איז פאראנ ערד, באארבעט מענ זי צוזאמענ; אויב עס איז פאַראנ שפּייז, עסט מענ עס צוזאמענ, אויב עס איז פאראנ געטראנק — טרינקט מענ צוזאמענ; אויב עס איז פאראנ געלט — גיט מענ עס אויס צוזאמענ. אומעטום מוז זײַנ גלײַכהײַט אונ עס דארפ ניט זײַנ קיינ מענטש, וואָס זאָל ניט זײַנ זאט אונ אינ דער ווארעמ".

„אינ דער צײַט, ווענ מע נעמט אראָפּ די גערעטעניש, דארפנ די זאמלער, אָנפירנדיק מיט די עלטסטע פונ די אָטריאדנ, צונויפזאמלענ אינ דער מעלוכישער קאסע ווייצ, באָב, ארבעס, אונ זיסע קארטאָפל, האנפ, בוימוואָל, הינער, הינט, דאָס גלײַכנ געלט, אכוצ דאָס, וואָס יעדערער געברויכט אלס שפּײַז... אלע מענטשנ אינ דער וועלט האלטנ ניט בא זיכ קיינ איבעריקס".

די טײַפּינענ האָבנ קאָנפיסקירט די ערד בא די פעאָדאלנ אונ מאָנאסטירנ, פארניכטעט די שקלאפערײַ אונ אנערקענט גלײַכבארעכטיקונג פאר פרויענ. אפ דער באפרײַטער טעריטאָריע פונ די מאנדזשורנ האָבנ די אופשטענדלער געגרינדעט א „טײַ-פינ-טיאנ-גאָ".*

אָבער די טײַפּינענ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ דורכצופירנ קיינ ראדיקאלע פּאָליטישע אומענדערונגענ. זיי האָבנ געגרינדעט א נײַע מאָנארכיע. סיו-ציואנענ האָבנ די טײַפּינענ פּראָקלאמירט פאר זייער אימפעראטער. אזויארום האָט דער פויערשער אופשטאנד ניט געקאָנט אנטקעגנשטעלנ דער מאָנארכיע פונעם באָגדיכאנ קיינ שום אנדער זאכ, ווי א מאָנארכיע.

דער כאראקטער פונ דער רעוואָ-ליוציע

מארקס האָט אינ 1850 יאָר פארצייכנט, אז אינ כינע „זײַנענ צווישנ דעמ בונטארישנ האמוינ ארויסגעטראָטנ מענטשנ, וואָס האָבנ אָנגעוויזנ אפ דער אָרעמקײַט פונ איינע, אפ דער רײַכקײַט פונ די צווייטע אונ האָבנ געפאָדערט אנ אנדער פארטיילונג פונעם פארמעגנ, זיי האָבנ געפאָדערט אונ פאָדערנ איצט פולשטענדיק צו פארניכטנ דאָס פריוואט-אייגנטום". דאָס זאָגט איידעס וועגנ דעמ, אז אינ דער דאָזיקער פאָלק-באוועגונג האָבנ זיכ נעפלהאפט אנטפלעקט קאָמוניסטישע אידייענ, וואָס די טרעגער זייערע זײַנענ געווענ די דעמלטיקע פּראָלעטארישע אונ האלב-פּראָלעטארישע עלעמענטנ.

אָנווײַזנדיק אפ דעמ, וואָס אינ כינע גייט א קאמפ פאר די לאָזונגענ פונ די יאקאָבינער, סאָפקאָלסאָפ—פאר אומאָפּהענגיקײַט אונ פאר א בורזשואזער אנטוויקלונג פונ לאנד, האָט מארקס דערמיט אליינ באשטימט דעמ טאָכ פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונעם פילמיליאָניקנ פויערטום אינ כינע קעגנ די פעאָדאלנ, ווי א קאמפ, וואָס איז פאל פונ א ניצאָכנ וואָלט ער שפּעטער אָפּגערוימט דעמ וועג פאר דער בורזשואזער אנטוויקלונג פונ כינע.

אינ 1856 יאָר איז צווישנ די טײַפּינענ פּאָרגעקומענ א שפּאָלטונג. די בורזשואזע עלעמענטנ פונ דער באוועגונג האָבנ מוירע געהאט פאר דער ווײַטערדיקער פאנאנדערוויקלונג פונ דער מאסנ-באוועגונג. דעמ אָנפירער פונ דעמ רעוואָ-

* טײַ-פינ-טיאנ-גאָ — דאָס גרויסע קיניגרײַכ פונ הימלישער רו.

ליוציאָנערן טייל טײַפּינען, דעם פּאקטישן אָרגאניזאטער פון דער באוועגונג — יאנ־סיוציִנ האָט מען דערהארגעט צוזאמען מיט עטלעכע טויזנט זײַנע אָנהענגער.

פון דעם מאָמענט הייבט זיך אָן דער צווייטער פּעריאָד פון דער באוועגונג. צווישן די טײַפּינען הייבט זיך אָן א דעמאָראליזירונג. די שטארקע און צענטרא-



ליזירטע מאכט אף דער טעריטאָריע, וואָס זיי האָבן פארנומען, ווערט אָפּגעשוואכט. טײַ־פּינ טיאנ־גאָ — די קיניגרײַך פון די טײַפּינען — צעפאלט זיך אף א ריי צווישן זיך פײַנטלעכע געגנטן. קעגן די פויערים, וואָס פארכאפּן די פּריצישע ערד, ווערן ארויסגעשיקט שטראָף־אָטריאדן. די ארמיי צעשפּאלט זיך אף באזונדערע טיילן און ווערט א געצײַג אין די הענט בא דער מיליטאריסטישער קנופּיע, וואָס קעמפט

צווישנ זיכ. דעמ ערד־געזעצ הערט מענ אופ אָפּצוהיטנ. פונ צווישנ די אויבער־שיכטנ פונ די טײַפּינגענ הייבט זיכ אָנ אויספורעמענ א נײַער שיכט פעאָדאלע פּריצימ אונ דזשענטריס.

די ארײַנמישונג פונ די ענגלענדער

מיט דער אָפּשוואכונג פונ די מאנדזשורנ נאָכנ אופשטאנד אונ מיטנ בירגערקריג צווישנ די טײַפּינגענ האָבנ זיכ באניצט די ענגלענדער.

אינ 1861 יאָר האָבנ די ענגלענדער ענדגילטיק זיכ צונויפגערעדט מיט דער מאנדזשורישער דינאסטיע, וואָס האָט פולשטענדיק קאפּיטולירט פאר זיי אונ האָט מאסקימ געווענ אפ דער ווײַטערדיקער פארקנעכטונג פונ כינע, קעדיי די ענגלענדער זאָלנ איר העלפנ אופשטעלנ צוריק איר מאכט.

גענעראל גאָרדאָנ

אויסגלײַכנדיק זיכ מיט די מאנדזשורנ, איז ענגלאנד אריבער אינ א אנטשיידענעמ אָנגריפ קעגנ די טײַפּינגענ. צוזאמענ מיטנ פראנצויזישנ מיליטער האָט דאָס ענגלישע מיליטער אונטער דער קאָמאנדע פונעמ בארימטנ אכזער גענעראל גאָרדאָנ בא דער מיטהילפ פונ אמעריקאנישע אָטריאדנ פארגאָסנ דאָס לאנד מיט בלוט אונ צוריק אוועקגעזעצט אפנ כינעזישנ טראָנ די זעלבסטהערשונג פונ דער דינאסטיע מאנדזשוריער.

דער גרונט־אינהאלט פונ דער טײַפּינער באוועגונג איז אינעמ ערשטנ עטאפּ (ביז 1856) געווענ דער קאמפּ קעגנ די פרעמדלענדישע אונטערדריקער — די מאנדזשורנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ דער זעלבער צײַט די גרעסטע פעאָדאלנ, אונ קעגנ די אייגענע כינעזישע פעאָדאלנ.

אינעמ צווייטנ עטאפּ, אינ די יאָרנ 1856—1865, נאָכנ אראָפּווארפנ די מאכט פונ די פעאָדאלנ די מאנדזשורנ אינ צענטראל-כינע אונ אינ דאָרעמ-כינע, האָבנ די אָנפירונג אינ דער טײַפּינישער באוועגונג איבערגענומענ די דזשענטרי אונ די נײַע פּריצימ.

דער אופשטאנד פונ די טײַפּינגענ האָט געהאט אינ זיכ שוואכע זײַטנ, ווי יעטווידע פויערשע באוועגונג, וואָס ווערט ניט אָנגעפירט פונעמ פּראָלעטאריאט.

אָבער די שוואכע זײַטנ פונ דער טײַפּינגענ-באוועגונג דארפנ ניט פארשטעלנ פאר אונדז איר רעוואָליוציאָנערנ כאראקטער. די געשיכטע האָט באוויזנ, אז אינ גרונט גענומענ איז גראָד אינ יענע ראיאָנענ, ווו די טײַפּינגענ

האָבנ געזיגט, ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרנ דער געזעצ וועגנ ערד, גראָד דאָרט איז שטאַרקער פאַר אַלצ געווענ די רעוואָליוציאָנערע כוואַליע שפעטער אינ 1911—1912 יאָר אונ אינ 1927—1929. אונ גראָד אינ די זעלבע ראַיאָנענ (אויסער די שטעט באַמ יאַמ אונ די פונקטנ באַמ טײַכ יאַנצזי, וואָס זײַנענ אָקופּירט דורכ די אינטערווענטנ) האָט זיכ איצט אינ כינע פאַרפעסטיקט די ראַטנמאַכט.

31. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל ביז דער פאַריזשער קאָמונע

דער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינ 1864 יאָר, איז געווענ די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט געקאָנט אַנטשטײנ אונ איז אַנטשטאַנענ בלויז אפ א באַשטימטנ אַנטוויקלונג-ניוואָ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אונ פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג. צו די 60-ער יאָרנ פונ XIX יאָרהונדערט האָט די בורזשואַזע געזעלשאַפט באַוויזנ צו שאַפנ מעכטיקע פּאַרקער־ אונ פאַרבינדונג־מיטלענ, וואָס האָבנ אַרומגעכאַפּט אַלע לענדער פונעמ ערד־קײַלעכ; זי האָט באַוויזנ צו שאַפנ אַזא פּראָדוציר־אַפּאַראַט, וואָס האָט באַדינט ניט בלויז די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר אויכ די עקאָנאָמיש־אָפּגעשטאַנענע לענדער, זי האָט געשאַפנ א וועלט־מאַרק ניט בלויז פונ סכוירעס, נאָר אויכ פונ אַרבעט־קראַפט. „אַנשטאָט פונ דער פריערדיקער אָרטיקער אונ נאַציאָנאַלער זעלבסט-באַפרידיקונג אונ אָפּגעשלאָסנקייט" האָט זי געשאַפנ „אַנ אַלזײַטיקע פאַרבינדונג אונ אַלזײַטיקע אָפּהענגיקייט צווישנ די פעלקער איינס פונעמ אַנדערנ". די בורזשואַזיע האָט „געמאַכט דאָס דאָרפ אָפּהענגיק פונ דער שטאָט, זי האָט אָוועקגעשטעלט די באַרבאַרישע אונ האַלב־באַרבאַרישע לענדער אינ אָפּהענגיקייט פונ די ציוויליזירטע לענדער, די פּויערשע פעלקער — פונ די בורזשואַזע פעלקער, דעמ מיזרעכ פונ מײַרעוו". „מיט איינ וואָרט, זי באַשאַפט די וועלט לויט איר אייגענער געשטאַלט אונ לויט איר בילד" („קאָמוניסטישער מאַניפעסט"). די בורזשואַזיע איז געוואָרנ די הערשערנ פונ דער וועלט.

דער ווידערשפּרוכ אונ דער קלאַסנ-אַנטאַגאָניזמ צווישנ דער בורזשואַזיע מיטנ פּראָלעטאַריאַט האָט בא אַזוינע באַדינגונגענ זיכ אויפגעהויבנ פונ אַנ אויסשליסלעכ אָרטיקנ, נאַציאָנאַלנ כאַראַקטער צו דער מאַדרייגע פונ אַנ אינטערנאַציאָנאַלנ כאַראַקטער. קעגנ דער אינטערנאַציאָנאַלער הערשאַפט פונ דער בורזשואַזיע האָבנ זיכ קעגנגעשטעלט די אינטערנאַציאָנאַלע באַפרײַערישע קלאַסנ־שטרעבונגענ פונעמ פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט פונ די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט אָנגעהויבנ באַנעמענ די געמיינזאַמקייט פונ זײַנ קאַמפ קעגנ דער בורזשואַזיע, אַלס א קאַמפ אַנ אינטערנאַציאָנאַלנ, ער האָט אָנגעהויבנ פאַרשטיינ, אַז זײַנ באַפרײַונג איז אוממעגלעכ אויסערנ וועג פונ קלאַסנ־קאַמפ קעגנ דער בורזשואַזיע, קעגנ דער בורזשואַזיע פונ זײַנ לאַנד אינ דער ערשטער ריי. דער קאַמפ פונעמ פּראָלעטאַריאַט קעגנ דער בורזשואַזיע פונ זײַנ לאַנד נעמט אָנ אַנ אַלנאַציאָנאַלנ כאַראַקטער, דאָס ווערט א קאַמפ פונעמ קלאַס פּראָלעטאַריער קעגנ דעמ קלאַס קאַפּיטאַליסטנ, וואָס איז אָרגאַניזירט אינ א מע־

לוכע־מאכט, דה. א קאמפ א פאָליטישער, א קאמפ פאר פאָליטישער מאכט. אפ דעמ וועג הייבט אָנ דער פראָלעטאריאט צו באנעמענ די נייטיקייט פונ זיינער א באזונדערער, זעלבשטענדיקער פארטיי, א פארטיי, וואָס זאָל ניט אָפהענגיק זיינ פונ אנדערע פארטייענ, וואָס זאָל זיכ שטעלנ אינ שפיצ אונ נעמענ אפ זיכ די אָנפירונג פונ זיינ גאנצנ קאמפ קעגנ דעמ בורזשואזנ יאָכ אונ עקספלואטאציע. די ערשטע פרווונ צו שאפנ אזוינע נאציאָנאלע פראָלעטארישע פארטייענ באמערקנ זיכ אינ אלע פאָרגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער אינ די 60־ער יאָרנ. די דאָזיקע פאָרגעשריטענע עלעמענטנ פונעמ ארבעטער־קלאס דערפילנ א לעבעדיקע באדערפעניש צוגלייכ אונ אינ פארבינדונג מיטנ קאמפ קעגנ דער „אייגענער“ נאציאָנאלער בורזשואזיע צו שאפנ אזא אָרגאניזאציע, דורכ וועלכער מע זאָל קאָנענ פארבינדנ, פאראלגעמיינערנ אונ אופהייבנ דעמ דאָזיקנ קאמפ ביזנ ניוואָ פונעמ קאמפ קעגנ דער אינטערנאציאָנאלער הערשאפט פונ דער בורזשואזיע. די אופגאבע צו פירנ א קאמפ קעגנ די מילכאָמעס, אינ וועלכע די בורזשואזיע האָט געוואָרפנ די פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, האָט אויכ געפאָדערט די אינטערנאציאָנאלע סאָלידארישקייט אינ די אקציעס פונעמ פראָלעטאריאט. אָט אפ דעמ באָדנ איז עס אופגעקומענ דער ערשטער אינטערנאציאָנאל.

די ארבעטער־באוועגונג אינ ענגלאנד

אינ די יאָרנ 1849 — 1857 האָט ענגלאנד איבערגעלעבט אזא עקאָנאָמישנ אופבלי, וואָס איז ביז דאנ אינ דער געשיכטע נאָכ ניט געווענ. אינ יענע יאָרנ האָט די מאסעווע ארבעטער־באוועגונג אינ ענגלאנד צייטווייליק באקומענ אנ אויסשליסלעכ־עקאָנאָמישנ כאראקטער.

אינ דער ערשטער העלפט 50־ער יאָרנ, ניט געקוקט אפנ עקאָנאָמישנ „וווילשטאנד“, איז די ארבעטער פונ דער טעקסטיל־אינדוסטריע אונ פונ מאשינבויונג אויסגעקומענ צו פירנ עקשאָנעסדיקע שטרייק־שלאכטנ קעגנ די באלעבאטימ פאר איינהיטנ דעמ ארבעטלוינ.

סאָפ 50־ער יאָרנ, באזונדערס אָנהייבנדיק פונעמ קריזיס פונ 1857 יאָר, וואָס האָט טיפ צעטריסלט די גאנצע ווירטשאפט אינ ענגלאנד אונ אינ אנדערע לענדער טרעטנ ארייננ אינעמ שטרייק־קאמפ נייע אָטריאדנ פונעמ פראָלעטאריאט — די ארבעטער פונ דער בוי־אינדוסטריע אונ די בוויער.

באזונדערס גרויס איז געווענ דער שטרייק פונ די ארבעטער־בויער אינ 1859 יאָר.

ביים דעמ דאָזיקנ שטרייק האָבנ אינ א סאַכ שטעט אינ ענגלאנד זיכ געשאפנ פראָפעסיאָנעלע קאָמיטעטנ צו שטיצנ די שטרייקער.

פונ אָט די ארבעטער־קאָמיטעטנ האָבנ זיכ אינ א ריי שטעט אויסגעבילדעט ראטנ פונ פראָפעסיאָנעלע פאריינענ, וואָס האָבנ געהאט א קאָלאָסאלע באדייטונג בא דער אויסער־געוויינלעכער צעשטויבטקייט פונ די טרעד־יוניאָנענ ביז אהער. סאָפ 50־ער יאָרנ האָבנ אינ ענגלאנד עקזיסטירט העכער 1600 פראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס. די ארבעטער פונ איינ אונ דער זעלבער פראָדוקציע האָבנ זיכ פאראייניקט אינ צענדליקער פאריינענ: די קעסל־הייצער, אשטייגער, האָבנ זיכ פאראייניקט אינ איינ פאריינ, די מאשיניסטנ — אינ א צווייטנ, די וואגאָנ־שמירער — אינ א דריטנ אאוו.

א קאָלאָסאלע ראָליע האָט אינ דער געשיכטע פונ דער ענגלישער ארבעטער־באוועגונג אָפגעשפילט דער לאָנדאָנער ראט פונ די פראָפעסיאָנעלע פאריינענ, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט אינ 1860 יאָר. דעמ ראט האָט זיכ איינגעגעבנ צו פאר־וואנדלט ווערנ אינ א פאקטישנ צענטער פונ דער ענגלישער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג, ווייל ער האָט גענומענ אפ זיכ די איניציאטיוו צו פארניכטנ יענע

פארצאמונגען און שטערונגען, וואָס די ענגלישע בורזשואַזיע האָט געשטעלט אין וועג דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד. אַזאַ שטערונג זײַנען געווען: דער געזעץ וועגן „באַלע־באַטים און דינער", וואָס האָט געשטעלט דעם אַרבעטער אין אַ ניטגלײַכבאַרעכ־טיקטער לאַגע מיט די אונטערנעמער, דער געזעץ קעגן אַוועקשטעלן פּיקעטן בײַם די שטרײַקן, וואָס האָט געמאַכט צו נישט דאָס רעכט פונעם אַרבעטער אָפּ אַ שטרײַק, דאָס אויספּעלן פון אַזעלכע געזעצן, וואָס זאָלן באַשיצן די פאָנדן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען, וואָס האָט פאַרשעט פאַרגעזעצלעכט די גנייוועס אַדג. די אַלע מעניעס האָבן געשטערט דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער זיך צו אַנטוויקלען און, דאָס הייסט, אַז עס איז געווען געשטערט די אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אַפילו אין איר שטרײַק־פאָרם.

די מערהײַט שטערונגען, וואָס די ענגלישע בורזשואַזיע האָט געשטעלט אין וועג דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד, האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון געזעצן. דעריבער האָט דער לאָנדאָנער ראַט פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראײנען, נעמענדיק אָפּ זיך די איניציאַטיוו צו באַזײַטיקן זיי, גע־מוזט זיך שטעלן אָפן וועג פון פּאָליטישן קאַמף, ווײַל באַזײַטיקן זיי האָט מען געקאָנט נאָר אויף דעם אופן. מאַרקס, וואָס האָט געלעבט אין לאָנדאָן און איז גע־ווען פאַרבונדן מיטן לאָנדאָנער ראַט, האָט אויף אַלערליי אופנים זיך געפּלײַסט דאָס אויפצוקלערן זיי. זײַנע באַמיִונגען האָבן געהאַט דערפאָלג. אין 1860 יאָר רופט צונויף דער לאָנדאָנער ראַט אין לאָנדאָן אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון אַרבעטער אויף שאַפן אַ נאַציאָנאַלע ליגע פון קאַמף פאַר אַ וואַל־רעפאָרמע, אַרײַנטרעטנדיק צוליב דעם ציל אין אַ בונד מיט די רעשטן פון די טשאַרטיסטישע גרופּעס. אין 1862 יאָר האָבן די אַרבעטער געשאַפן „דעם פּאָליטישן פאַרבאַנד פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראײנען", וואָס האָט געשטעלט פאַר זיך די זעלבע אויפגאַבע, וואָס די טשאַרטיסטן האָבן אין זייער צײַט אַרויסגערוקט, — זיך דערשלאָגן אַלגע־מיינע וואַלרעכט פאַר דער גאַנצער מאַנצבלשער באַפעלקערונג פון ענגלאַנד. אַזוי־אַרום זײַנען די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין ענגלאַנד אָנהייב 60־ער יאָרן אַוועק אין זייער קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע מיטן וועג פון פּאָליטישן קאַמף און האָבן געפּרוּווט אַפילו שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָנפירן מיטן דאָזיקן קאַמף. דאָס איז געווען אַ גרויסער שריט פאָרויס, ווײַל ביז יענער צײַט האָבן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד (נאָך דער מאַפּאָלע פונעם טשאַר־טיזם) זיך אָפּגעקערט פון פּאָליטישן קאַמף און האָבן זייער גאַנצע ענערגיע גע־פּאַטערט אויף די פּרוּוון צו אָרגאַניזירן קעגנזײַטיקע הילף און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס.

אָבער שטעלנדיק זיך אָפן וועג פון פּאָליטישן קאַמף, קעמפנדיק פאַר אַלגע־מיינע וואַלרעכט, האָבן די ענגלישע אַרבעטער זיך געניייטיקט אין שטיצע פון די קאָנטינענטאַלע אַרבעטער אין אייראָפּע. זיי האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז אָנ־הייבנדיק דעם קאַמף, וועלן זיי זיך אָנשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד פון דער בור־זשואַזיע, וואָס וועט פּרוּוון ברעכן זייער אָרגאַניזאַציע דורך אַרײַנפירן אויסלענ־דישע אַרבעטער, דורך לאָקאַוטן.

פונדאַנען שטאַמט די שטרעבונג פון די ענגלישע אַרבעטער צו פּאַרפּעסטיקן זייערע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, פונדאַנען שטאַמען זייערע פּרוּוון צונויפּצוריידן זיך מיט די דײַטשישע, פראַנצויזישע אַרבעטער וועגן קעגנזײַטיקער שטיצע און געמיינזאַמע שריט. מאַרקס האָט אויסגעניצט זײַן גאַנצע ווירקונג, כּדי צו דערנעענטערן, פאַרגיכערן און פאַרפעסטיקן אָרגאַניזאַציאָנעל די דאָזיקע שטרעבונגען אויף אײַנצושטעלן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען צווישן די אַרבעטער און צו זיכערן זייערע געמיינזאַמע אַקציעס.

צווישן די אָנפירנדיקע טוער פון די טרעד-יוניאָנען באַגעגענען מיר אין יענעם פעריאָד די נעמען פונעם שוסטער אָ ד ז ש ע ר אַ, סעקרעטאַר פונעם לאָנדאָנער פראָפעסיאָנעלן ראַט, ע ק אַ ר י ו ס — דער אָנפירער פונעם שנײַדער-פאַריין אין לאָנדאָן, און אויך דעם דײַטשישן עמיגראַנט ש אַ פּ פּ ע ר, וואָס איז פון 1848 יאָר אָן צוזאַמען מיט מאַרקסן און ענגעלסן געווען מיטגליד פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (קאָמוניסטן-פאַרבאַנד).

די דײַטשישע קאָמוניסטן-עמיגראַנטן (עקאַריוס, שאַפּער און אַנד.), וואָס זײַנען געווען ענג פאַרבונדן מיט די אָנפירער פון די ענגלישע טרעד-יוניאָנען,—פון איין זײַט, מיט מאַרקסן—פון דער אַנדערער זײַט, האָבן געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך אויף געבן צו פאַרשטיין די ענגלישע טרעד־יוניאָניסטן די באַדײַטונג פון אַ אינטערנאַציאָנאַלער פאַרייניקונג פון די אַרבעטער.

די דאָזיקע גרופּע האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דעם שמאָל-„צעכישן" עקאָנאָמיזם פון די טרעד-יוניאָנען און האָט אַרויסגערוקט פאַרן אַרבעטער-קלאַס די אויפגאַבע פון זײַן פּ אָ ל י ט י ש ן קאַמף.

די אַרבעטער-באַוועגונג אין דײַטשלאַנד

דער אייראָפּייִשער האַנדל-אינדוסטריעלער קריזיס פון 1857 יאָר, דער פּאָליטישער קריזיס פון 1859 יאָר (די עסטרײַך-איטאַליענישע מילכאָמע) און דער פּאָליטישער קריזיס אין דײַטשלאַנד אָנהייב 60-ער יאָרן האָבן אַ שטויס געגעבן די אַנטוויקלונג פון דער דײַטשישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1862 יאָר האָט די דעלעגאַציע פון די דײַטשישע אַרבעטער, וואָס האָט באַזוכט די אַלוועלטלעכע אויסשטעלונג אין לאָנדאָן, אָרגאַניזירט נאָכן אומקערן זיך פון דאָרט אַ ריי אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע זי האָט זיך אָפּגערעכנט וועגן איר רײַזע און גלײַכצײַטיק דערציילט, ווי־אַזוי עס לעבן און קעמפן אָרגאַניזירטערהייט די ענגלישע אַרבעטער. אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער לאָזונג פון צונויפרופן אַן אַלדײַטשישן אַרבעטער-צוזאַמענפאָר, כּדי צו שאַפן אַן אַלנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אין דײַטשלאַנד. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ צענטראַל-קאָמיטעט אויף צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר. דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט זיך געפונען אין לײַפּציק. די דאָזיקע באַוועגונג פון די אַרבעטער פאַר אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע האָט גלײַך געבראַכט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער בורזשואַזיע און מיט דער רעגירונג. די בורזשואַזיע האָט מיט גרימצאָרן זיך אַרופגעוואָרפן אויף די אַרבעטער. זי האָט פאַרורטיילט זייער שטרעבונג צו זעלבשטענדיקייט און געפּרוּווט אונטערטעניק מאַכן צו זיך די אָנגעהויבענע באַוועגונג. פון דער צווייטער זײַט, האָט ביסמאַרק, דורך זײַנע אַגענטן אייכלער, וואָס האָט זיך צוגעשאַרט צו די אַרבעטער, געוואָלט פאַרכאַפן די אַרבעטער-באַוועגונג אין זײַנע הענט, כּדי צו האָבן די מעגלעכקייט

צו האַלטן די בורזשואַזיע אין געהאָרכזאַמקייט, שרעקנדיק זי מיט דער „רויטער" געפאַר. קעדיי צוצוציִען די אַרבעטער אַף דער זייַט פון דער רעגירונג, האָט ביס-מאַרק זיי צוגעזאָגט מיטצוהעלפן אין זייער שטרייַק-קאַמף קעגן די אונטערנעמער. באַ אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער לייפּציקער צענטראַל-קאָמיטעט זיך געווענדט צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון דייַטשלאַנד מיט אַ ביטע אַרויסצוזאָגן איר באַציִונג צו דער זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט. אָט דעם פּאָרשלאָג פון צענטראַל-קאָמיטעט האָט לאַסאַל אויסגעניצט אין זייַנע אַרויסטרעטונגען אַלס אַגיטאַציע פאַר אַן אומאָפּהענגיקער אַרבעטער-פּאַרטיי. לאַסאַלס אַגיטאַציע האָט געבראַכט, ווי מיר האָבן שוין געזען, צום שאַפן דעם אַלגעמיינעם דייַטשישן אַרבעטער-פאַריין מיט לאַסאַלן אין דער שפּיץ. אַפן וואָרט האָט לאַסאַל געפּריי-דיקט אומאָפּהענגיקייט פון דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע און זעלבשטענדיקייט אינעם קאַמף פונעם אַרבעטער-קלאַס, און אינדערעמעסן האָט ער ניט געגלייבט אין זייַנע קויכעס, און, ווי מיר ווייסן שוין, איז ער פאַקטיש געגאַנגען אַף אַן אויסגלייַך מיט ביסמאַרקן און האָט פאַראַטן דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר דעם צוזאָג אייַנצו-פירן אין דייַטשלאַנד אַלגעמיינע וואַלרעכט.

קעגן לאַסאַלן און קעגן זייַן טאַקטיק האָט מאַרקס געפירט אַן אַנטשיידענעם קאַמף. ווען לאַסאַל האָט באַזוכט מאַרקסן אין 1862 יאָר אין לאָנדאָן האָט מאַרקס אים בעפיירעש געמאָלדן, אַז ער האַלט אים, לאַסאַלן, פאַר אַ באָנאַפּאַרטיסט און דעריבער גייט ער זיך פּאָליטיש מיט אים אין גאָרנישט ניט צונויף. מאַרקס און ענגעלס האָבן געקעמפט פאַר אַן עמעס-אומאָפּהענגיקער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, זיי האָבן געגעבן צו פאַרשטיין די דייַטשישע אַרבעטער, אַז אין די דייַטשישע באַדינגונגען, וווּ עס הערשט דער אַבסאָליוטיזם און עס איז ניטאָ קיין פרייַהייַט פון וואָרט, פון פאַרזאַמלונגען און פאַריינען — וועט דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, פאַר וועלכן לאַסאַל לייגט אייַן די וועלט, זייַן פאַר די אַרבעטער ניט קיין דע-ראָבערונג, נאָר אַ נעץ, אין וועלכער ביסמאַרקס יונקערישע רעגירונג וויל זיי אַרייַנצִיִען. דעריבער, איז אויב דער דייַטשישער פּראָלעטאַריאַט וויל בעעמעס שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע אַרבעטער-פּאַרטיי, און ער מוז דאָס טאָן, איז ער דאַן מעכוייעוו צו קעמפן ניט בלויז קעגן דער בורזשואַזיע, נאָר אויך קעגן די פּריצים, מיט וועלכע לאַסאַל וויל קומען צו אַן אויסגלייַך. די דאָזיקע ליניע פון מאַרקס און ענגעלס האָט אין דייַטשלאַנד פאַרטיידיקט ליבקנעכט, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרבונדן מיט בעבעלן. ליבקנעכט און בעבעל האָבן, אין קעגנזאַץ צו די לאַ-סאַליאַנער, געשאַפן דערנאָך אַ ווירקלעכע אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען אייזענאַכער פּאַרטיי (נאָכן נאָמען פון דער שטאָט, אין וועלכער עס איז פאָרגעקומען אין 1869-טן יאָר דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער דאָזיקער פּאַרטיי).

אַפן דאָזיקן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די אייזענאַכער איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָגראַם, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ סאַך לאַסאַליאַנישע פּונקטן (דער פּונקט וועגן שאַפן „אַ פרייַע פאָלק-מעלוכע", וועגן אָרגאַניזירן מיט דער הילף פון דער מעלוכע פּראָדוציר-געזעלשאַפטן אאַ.). די דאָזיקע פּראָגראַם האָט אַנטפּלעקט די פּאָליטישע ניט-רייַפקייַט פון די אייזענאַכער. פונדעסטוועגן האָט דאָס שאַפן די דאָזיקע פּאַרטיי, אין קעגנגעוויכט צו דער לאַסאַליאַנישער, געשפּילט אַ גרויסע

ראָליע אין דער דײַטשישער ארבעטער־באוועגונג. די אייזענאכער האָבן געקעמפט פאר דער פאראייניקונג פון דײַטשלאנד אפּ א רעוואָליוציאָנערן דעמאָקראטישן וועג און האָבן ניט פארגעסן דערבײַ די אינטערנאציאָנאלע אופגאבעס, וואָס זײַנען געשטאנען פארן ארבעטער־קלאס. ווען ס'איז אָרגאניזירט געוואָרן דער ערשטער אינטערנאציאָנאל, האָבן זיך די אייזענאכער אין קעגנגעוויכט צו די לאסאליאנער אָנגעשלאָסן צום אינטערנאציאָנאל. זיי האָבן אָנגעפירט מיטן עקאָנאָמישן קאמף פונעם ארבעטער־קלאס, שטיצנדיק די שטרײַק־באוועגונג פון פּראָלעטאריאט, קעמפנדיק פאר דער אָרגאניזירונג און פארפעסטיקונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען. בלויז די אייזענאכער זײַנען אפּ אזא אויפן געווען די אָרגאניזאציע, וואָס האָט געלייגט „דעם פעסטן פונדאמענט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער־פארטיי״ (ל ע נ י נ).

אזויארום, האָט זיך די דײַטשישע ארבעטער־באוועגונג אָנהייב 60־ער יאָרן אופגעהויבן אפּ א נײַער שטופּע. די ארבעטער האָבן זיך געשטעלט אפּן וועג פון ענדגילטיקער באפרײַונג פון אונטער דער בורזשואזיעס ווירקונג און זיי האָבן געמאכט אקטיווע שריט צו אָרגאניזירן זייער פארטיי. סײַ דאָ סײַ אין ענגלאנד האָט מארקס געשטרעבט צו פארבינדן די ארבעטער־באוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דײַטשלאנד, מיט דער באוועגונג פון אנדערע לענדער, אײַנצושטעלן און פארפעסטיקן איר אינטערנאציאָנאלע געמיינזאמקײַט.

די ארבעטער־באַוועגונג אין פראנקרײַך

אין פראנקרײַך האָט די ארבעטער־באוועגונג זיך אנטוויקלט אין א קליין־פויערשער ארומרינגלונג, אין די אומשטענדן פון א גרויסן ספּעציפישן געוויכט פון דער קליין־אינדוסטריע און האנטווערקערײַ. דעריבער האָט דאָרט געהאט א באַדײַטנדיקע ווירקונג פ ר ו ד אָ נ ס קליינבירגערלעכע לערע.

פ ר ו ד אָ נ (1809—1864) איז געווען א זון פון אן אָרעמפּויער, וואָס האָט געארבעט צוזאמען מיט זײַן פרוי אין א ביר־ברויערײַ.

פרודאָן אליין האָט פריער געארבעט אלס קאָרעקטער אין א דרוקערײַ, דערנאָך האָט ער געעפנט אן אייגענע קליינע דרוקערײַ.

אין 1840 יאָר האָט פרודאָן פארעפנטלעכט א בראָשור „וואָס איז אזוינס אייגנטום״, אין וועלכער ער דערקלערט, אז „אייגנטום — איז גנייווע״. דאָך האָט פרודאָן ניט יעדן אייגנטום געהאלטן פאר גנייווע. גנייווע האָט ער אָנגערופן נאָר גרויס־אייגנטום ווי פאבריקן, זאוואָדן, גרויסע ערד־גיטער, דורך וועלכע עס ווערן עקספּלואטירט לוינארבעטער.

פרודאָן האָט געפאָדערט צו פארניכטן דאָס גרויס־אייגנטום און איז געווען א הייסער פארטיידיקער פון דריבנעם אייגנטום. איבערלאָזן און פארפעסטיקן דאָס דריבנע אייגנטום פונעם פויער און האנטווערקער — דאָס האָט, לויט זײַן מיינונג, געקאָנט ארויסראטעווען די וועלט פון די סאָציאַלע אומגליקן.

פרודאָן האָט פאָרגעלייגט אָפּשאפן דאָס געלט און אָרגאניזירן אן אויסטויש צווישן די קליינייגנטימער די פּראָדוצירער אָן דעם אָנטייל פון פארמיטלער, מיט דער הילף פון א קאָאָפּעראטיוון פאָלק־באנק. פרודאָן האָט ניט געוואָלט פארניכטן דעם באזיס פונעם קאפּיטאליזם — די סכוירע־פּראָדוקציע, ער האָט בלויז געוואָלט אָ פ ר ײ נ י ק ן דעם דאָזיקן באזיס פון „מיסברויכנס״ אדג.

אלזאָ, האָט פרודאָן געגלייבט צו געפינען אן אויסוועג פון די ווידערשפּרוכן פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט דורך שאפן און פארפעסטיקן די קליין־

פּראָדוקציע און דורכ באַזײַטיקנ דעמ האנדל, אָרגאַניזירנדיק אַנ אויסטויש דורכנ פאָלק־באנק. דעריבער האָט פּרודאָנ זיכ נעגאַטיוו באַצויגנ צומ קלאַסנקאַמפּ פונ פּראָלעטאַריאַט, ער האָט אַפילע געהאלטנ פאַר אַנ אוולע די שטרײַק־באַוועגונג און האָט געלייקנט אינ דער נייטיקייַט פונ פּאָליטישנ קאַמפּ פונעמ אַרבעטער־קלאַס.



פּרודאָנ

די בורזשואַזע מעלוכע האָט פּרודאָנ געהאלטנ פאַר א בייז, ווײַל זי פאַרטיידיקט די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע, באַנקירנ, ספּעקוליאַנטנ און וווכערניקעס.

א פּראָלעטאַרישע מעלוכע איז, לויט זײַנ מיינונג, איבעריק, ווײַל אלע האָפענונגענ האָט פּרודאָנ געלייגט ניט אפ דער רעוואָליוציע, נאָר אפ דעמ קאָאָפּעראַטיוונ באַנק.

פּרודאָנס פּראָגראַמ איז געווענ א רעאַקציאָנערע און אוטאָפּישע. א פּלאָנטער אינ דער טעאָריע און שטענדיקע וואַקלענישנ אינ די פּאָליטישע שטימונגענ — דאָס איז געווענ כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרודאָנס גאַנצנ לעבנ, ווי אַנ אידעאָלאָג פונ דער וואַקלדיקער קליינבורזשואַזיע.

דער פּרודאָניזמ איז אינ א געוויסער מאָס געווענ א טעאָריע פונ צופּאַסנ די אַרבעטער־באַוועגונג אינ פראַנקרײַכ צו די באַדינגונגענ, וואָס האָבנ זיכ דאָרטנ געשאַפנ נאָכ דער באָנאַפּאַרטישער איבערקערעניש און נאָכ דער אײַנשטעלונג פונ דער צווייטער אימפּעריע. ניט אומזיסט האָט מאַרקס אַרויסגעזאָגט א השערע, אַז ווענ דער קומענדיקער דאָר וועט שטודירנ די עפּאָכע פונ דער צווייטער אימפּעריע, וועט ער זאָגנ, אַז פּרודאָנ איז געווענ דער קאָמענטאַטער פונ די נויטנ פונ דער דאָזיקער עפּאָכע.

מע דאַרפ אָבער זאָגנ, אַז אינ פראַנקרײַכ איז, עמעס, אינ א מער לאַנגזאַמער פאָרמ, איידער אינ דײַטשלאַנד, אויכ פאָרגעקומענ דער זעלבער פּראָצעס פונעמ פּראָלעטאַריאַטס באַפרײַענ זיכ פונ אונטער דער ווירקונג פונ דער קליינבירגערלעכער און בורזשואַזער אידעאָלאָגיע. דערצו האָט מיטגעווירקט דער שווערער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער דרוק, וואָס איז געלעגנ אפנ פּראָלעטאַריאַט פונ דער עפּאָכע פונ דער צווייטער אימפּעריע. דערצו האָט מיטגעווירקט אויכ דער קריזיס פונ 1857 יאָר און די פראַנצויזיש־איטאַליעניש־עסטרײַכישע מילכאָמע פונ 1859 יאָר, וואָס האָט פאַרגרעסערט דעמ פּראָלעטאַריאַטס נויט און האָט אימ געשטויסנ אפנ וועג פונ פּראָטעסט קעגנ די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגענ. דער אַרבעטער־קלאַס פונ פראַנקרײַכ איז געקומענ אינ באַוועגונג. פריִער פאַר אַלצ האָט ער געפּרוווט צעברעכנ יענע צאַמענ, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אפנ וועג פונ זײַנ שטרײַק־קאַמפּ. אינ פראַנקרײַכ איז אינ דער עפּאָכע פונ דער צווייטער אימפּעריע געווענ פאַרבאָטנ יעדער מינ פאַראייניקונג און אָרגאַניזאַציע פונ אַרבעטער. פאַר באַטייליקנ זיכ אינ א שטרײַק האָט מענ געמישפּעט און געגעבנ טפּיסע. אָט קעגנ די פאַרצאַמונגענ איז דער אַרבעטער־קלאַס אַרויסגעטראָטנ אינ דער ערשטער ריי. א גרויסע ראָליע האָט אינ דער הינזיכט

אָפגעשפילט דער שטרייַק פונ די פאריזשער דרוקער אינ 1862 יאָר. אינ דעמ שטרייַק האָבנ גענומענ אָנטייל אַלע דרוקער פונ פאריזש. די פאָליציי האָט זיכ ארופגעוואָרפנ אפ די דרוקער אונ האָט געמאכט א רייִ ארעסטנ. די בורזשואזיע איז דאנ געווענ אומצופרידנ פונ דעמ, וואָס די פרווונ פונ דער באָנאפארטיסטישער רעגירונג אָפצושוואכנ די קראפט פונעמ האנדל־אינדוסטריעלנ קריזיס האָבנ קיינ דערפאָלג ניט געהאט, אונ אויכ מיט דער רעגירונגס לעצטע מאָסמיטלענ אינ געביט פונ איר האנדל־פאָליטיק, איבערהויפט פונעמ האנדל־אָפמאכ מיט ענגלאנד, וואָס האָט געבראכט שאָדנ דער פראנצויזישער אינדוסטריע. דעריבער האָט די בורזשואזיע באשלאָסנ אויסניצנ די באוועגונג פונ די ארבעטער קעגנ באָנאפארטנ. זי איז ארויסגעטראָטנ צו פארטיידיקנ די שטרייַקער. די בורזשואזע צייַטונגענ זייַנענ אָנגעפאלנ אפ דער באָנאפארטיסטישער רעגירונג אונ האָבנ געפאָדערט זי זאָל אופהערנ פארפאָלגנ די שטרייַקער. באָנאפארט האָט אָבער פארשטאנענ דעמ מאַנעווער פונ דער בורזשואזיע אונ ער האָט באשלאָסנ איבערצוקליגנ זי. ער האָט באשלאָסנ אליינ ארויסצוטרעטנ אינ דער ראָליע פונ א באשיצער פונ די ארבעטער סייַ קעגנ דער בורזשואזיע אונ סייַ אפילע קעגנ זייַנ אייגענער פאָליציי. ער האָט גלייַכ באפוילנ ארויסצולאָזנ די ארעסטירטע ארבעטער אפ דער פרייַ, אונ ווענ זיי זייַנענ דערנאָכ צוגעצויגנ געוואָרנ צומ געריכט אונ מע האָט זיי פארמישפעט, האָט ער זיי אלעמענ באגנעדיקט.

גלייַכצייַטיק האָבנ די באָנאפארטיסטישע אגענטנ מיטנ פרינצ נאָפאָלעאָנענ אינ דער שפיצ פארשטארקט די אגיטאציע צווישנ די ארבעטער, אייַנרײדנדיק זיי, אז דער בעסטער פארטיידיקער פונעמ ארבעטער־קלאס איז נאָר דער אימפעראטער. אינ דעמ דאָזיקנ פארמעסט צווישנ דער בורזשואזיע מיט באָנאפארטנ פאר דער ווירקונג אפנ פראָלעטאריאט האָבנ די ארבעטער פונ פאריזש ארויסגערוקט זייער לאָזונג: „ניט די בורזשואזיע, ניט באָנאפארט, נאָר אנ אומאָפהענגיקע זעלבשטענדיקע ארבעטער־באוועגונג!” אנ אָפשפיגלונג פונ די דאָזיקע שטימונגענ בא די ארבעטער־מאסנ איז געווענ דער מאניפעסט אינ 1864 יאָר, וואָס איז געווענ געחתמעט פונ 60 ארבעטער, דער אזויגערופענער „מאניפעסט פונ די 60”, וואָס האָט גערעדט וועגנ דער פאָליטישער רייַפקייַט פונעמ פראָלעטאריאט, וועגנ דעמ, אז ער נייטיקט זיכ ניט אינ קיינ אפעטראָפסעס, עס איז ארויסגערוקט געוואָרנ די פאָדערונג פונ דעמאָקראטישע רעפאָרמעס אונ עס איז דערוויזנ געוואָרנ די נייטיקייַט ארויסצורוקנ בא די וואלנ אינ פארלאמענט אומאָפהענגיקע קאנדידאטנ פונ צווישנ די ארבעטער גופע. עמעס, אינ דעמ דאָזיקנ „מאניפעסט“ איז געווענ א סאכ זאכנ פונעמ פרודאָניזמ, אָבער דער גרונט־געדאנק זייַנער וועגנ דער נייטיקייַט פונ א זעלבשטענדיקער ארבעטער־באוועגונג, וועגנ אָנטייל אינ פאָליטישנ קאמפ האָט איידעס געזאָגט, אז די ארבעטער־באוועגונג אינ פראנקרייַכ האָט זיכ געשטעלט אפ א ריכטיקנ וועג, וואָס האָט זי געמוזט ברענגענ צו אָרגאניזירנ אנ אייגענע פארטיי.

צוגלייַכ מיט דעמ האָבנ די פאָרשטייער פונ די פראנצויזישע ארבעטער זיכ פארבונדנ מיט די ענגלישע ארבעטער, געפירט מיט זיי אונטערהאנדלונגענ וועגנ אייַנשטעלנ שטענדיקע באציִונגענ, קעדיי זיכ טוישנ מיט דער דערפארונג אונ געבנ קעגנזייַטיקע הילפ אינעמ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע.

די אינטערנאַצי־אָנאַלע פאַרבינ־דונגענ פונעמ פראָלעטאַריאַט

סאָפ 50־ער און אָנהייב 60־ער יאָרנ פאַרשטאַרקנ זיכ די באַ־ציִונגענ צווישנ די אַרבעטער פונ פאַרשיידענע לענדער. די אַרבעטער ניצנ אויס פאַרשיידענערליי געלעגנהייטנ צו פאַרברייטערנ זייערע אינטערנאַציִאָנאַלע פאַרבינדונגענ. איינ געלעגנהייט אַזאַ איז געווענ די אַלוועלטלעכע אויסשטעלונג אינ לאָנדאָנ אינ 1862 יאָר, אַפ וועלכער עס זיינענ אָנגעקומענ דעלעגאַטנ פונ די קאָנטינענטאַלע אַרבעטער. בייס דער אויסשטעלונג זיינענ פאָרגעקומענ ניט־אָפיציִעלע כאַווערישע באַגעגענישנ צווישנ אַרבעטער פונ פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטנ, צווישנ זיי האָבנ זיכ געשאַפנ פערזענלעכע פאַרבינדונגענ און עס איז רייפ געוואָרנ דער געדאַנק וועגנ איבערכאַזערנ אַזעלכע באַ־געגענישנ און וועגנ אָרגאַניזירנ אַ מער שטאַנדהאַפטיקע און רעגולערע פאַרבינדונג.

אַ צווייטע געלעגנהייט פאַר אַ נייער באַגעגעניש האָט געדינט דאָס, וואָס די רוסלענדישע זעלבסטהערשונג האָט אינ בלוט דערשטיקט דעמ אויפשטאַנד פונ די פּוילישע רעוואָליוציִאָנערנ אינ 1863 יאָר.

אינ יול 1863 יאָר איז אינ לאָנדאָנ איינגעאָרדנט געוואָרנ אַ פּראָטעסט־מי־טינג קעגנ דער ווילדער נעקאָמע פונ דער צאַרישער רעגירונג איבער די פּוילישע רעוואָליוציִאָנערנ. אַפנ מיטינג האָבנ אָנטייל גענומענ אַרבעטער פונ פראַנקרייכ — הויפּטזאַכלעכ פּרודאָניסטנ.

אַפ דעמ דאָזיקנ מיטינג האָבנ די ענגלישע אַרבעטער באַשלאָסנ צו שיקנ אַ ווענדונג (אַדרעס) צו די פראַנצויזישע אַרבעטער. אינ דער ווענדונג ווערט גע־זאָגט; „אַלס מיטל צו מאַכנ אַ סאָפ מיטנ איצטיקנ מיסברויכנ מיט דער מאַכט רופנ מיר אַלעמענ צו שאַפנ אַ ברודערשאַפט פונ פעלקער. לאָמיר צונויפרופנ אַ פאַרזאַמלונג פונ פאָרשטייער פונ ענגלאַנד, פראַנקרייכ, דייטשלאַנד, איטאַליע, פּוילנ און פונ אַלע יענע לענדער, ווו עס איז פאַראַנ אַ ווילנ צו געמיינזאַמער אַרבעט לטעטיוועס דער מענטשהייט. לאָמיר צונויפרופנ אונדזערע קאָנגרעסנ אַפ באַהאַנד־לענ די גרויסע פראַגעס, פונ וועלכע עס הענגט אָפּ דער פרידנ פונ די פעלקער.

אינ דעמ דאָזיקנ אַדרעס, וואָס האָט געגעבנ אַ צעפלאָסענעמ לאָזונג וועגנ „אַרבעט לטעטיוועס דער מענטשהייט“, איז געווענ דערציילט, אַז בייס די שטרייקנ שרייבנ די ענגלישע באַלעבאַטימ אויס אַרבעטער פונ די אייראָפּייִשע לענדער. דער אַדרעס האָט גערופנ די אַרבעטער פונ פאַרשיידענע לענדער דורכ סאָלידאַ־רישע אַרויסטרעטונגענ אַ סאָפ מאַכנ דערצו.

די אַרבעטער־קאָמיטעטנ פאַר אינטערנאַציִאָנאַלער סאָלידאַריטעט, וואָס זיינענ אויפגעקומענ אינ ענגלאַנד און אינ פראַנקרייכ, האָבנ מיטגעווירקט צו פאַרפעס־טיקנ די פאַרבינדונגענ צווישנ די אַרבעטער פונ די דאָזיקע לענדער.

דער מיטינג פונ 28־טנ סענטיא־בער 1864 יאָר און די גרינדונג פונעמ אינטער־נאַציִאָנאַל

אינ קומענדיקנ 1864 יאָר, דעמ 28־טנ סענטיאבער האָט דער גאָלדשמיד ט אָ ל ע נ פאָרגעלייענט דעמ ענטפער־אַדרעס פונ די פראַנצויזישע אַרבעטער שוינ אַפ אַ גרויסנ אינטערנאַציִאָ־נאַלנ מיטינג. אינעמ ענטפער־אַדרעס איז געווענ געזאָגט, אַז די אַרבעטער מוזנ מאַכנ אַ סאָפ צו די רויבערישע מילכאָ־מעס און צו דער אונטערדריקונג פונ די שוואַכע נאַציעס מי־צאַד די שטאַרקע, אַז די „קאַפּיטאַלנ קאָנצענטרירנ זיכ און אָרגאַניזירנ זיכ אינ מעכטיקע פינאַנציִעלע און אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגענ“.

אז „די אָפּוועזנקײַט פונ סאָלידאריטעט צווישנ די ארבעטער ברענגט צו אינדוסטריעלנ שקלאפנטום, וואָס איז נאָכ מער אומדערבארעמדיק אונ גרויזאם, אײדער דאָס לײַבײגנטום”.

די אָרגאניזאטערס פונ דער פארזאמלונג האָבנ געבעטנ מארקסנ ארויסטרעטנ אינ נאָמענ פונ די דײַטשישע ארבעטער. אָבער מארקס איז אפנ מיטינג ניט ארויסגעטראָטנ. לויט זײַנ פאָרשלאָג איז אפ דער פארזאמלונג ארויסגעטראָטנ זײַנ אלטער מיטקעמפער פונעמ קאָמוניסטנ-פארבאנד — דער ארבעטער עקאריוס, מיט וועלכנ מארקס האָט פאר דער פארזאמלונג צוזאמענ אָנגעמערקט די גרונט־מאָמענטנ פונ דער ארויסטרעטונג.

נאָכ די ארויסטרעטונגענ איז אָנגענומענ געוואָרנ א באשלוס צו אָרגאניזירנ א שטענדיקע אינטערנאציִאָנאלע ארבעטער־אָרגאניזאציע, אונ עס איז אויסגעטיילט געוואָרנ א קאָמיטעט אפ אויסצוארבעטנ א סטאטוט.

אינעמ קאָמיטעט, וואָס האָט דעמ 5־טנ אָקטיאבער אָנגענומענ דעמ נאָמענ גענעראל-ראט, זײַנענ ארײַנ אָנגעזעענע פאָרשטייער פונ דער ענגלישער ארבעטער-באוועגונג — אָדזשער, קרעמער אונ אנדערע, צווישנ זיי זײַנענ געווענ אלטע טשארטיסטנ אונ אָוענס אָנהענגער, פאָרשטייער פונ די פראנצויזישע ארבעטער, פאָרשטייער פונ די דײַטשישע ארבעטער — מארקס אונ עקאריוס אונ דעלעגאטנ פונ איטאליענער, שווייצער אונ פּאָליאקנ — סאכאקל 50 מענטשנ.

דער „גרינדונג־אדרעס” פונעמ אינטערנאציִאָנאל

אזויארום איז דער ערשטער טראָט צו באשאפנ די ערשטע אינטערנאציִאָנאלע ארבעטער־פּארטיי געווענ געמאכט. איצט איז געבליבנ צו מאכנ דעמ צווייטנ טראָט, א מער שווערנ אונ וויכטיקערנ — אויסארבעטנ די פּראָגראמ פונ דער דאָזיקער פּארטיי. די שווערקײַט פונעמ דאָזיקנ טראָט איז באשטאנענ דערינ, וואָס אינעמ אינטערנאציִאָנאל האָבנ זיכ דאָכ פאראייניקט ארבעטער פונ פארשיידענע לענדער, וואָס זײַנענ געשטאנענ אפ א פארשיידענער אנטוויקלונג-שטופּע פונ קלאסנבאוווסטזײַנ. צוגלײַכ מיט די דײַטשישע ארבעטער-קאָמוניסטנ, מארקס אָנהענגער, זײַנענ אהער ארײַנגעטראָטנ ענגלישע טרעד־יוניאָניסטנ, פראנצויזישע פּרודאָניסטנ, ענגלישע אָוועניסטנ אאוו. די פּראָגראמ פונעמ אינטערנאציִאָנאל האָט געמוזט זײַנ א פּ ר אָ ל ע ט א ר י ש ע פּ ר אָ ג ר א מ, אָבער אינ דער זעלבער צײַט האָט זי געמוזט זײַנ א גענוג צוגענגלעכע, קעדיי ניט אָפּשטויסנ קיינ איינ גרופּע ארבעטער, מעגנ זיי אפילע שטיינ אפ פארשיידענע שטאנדפּונקטנ. מארקס האָט, ווי מיר האָבנ געזענ, אוועקגעלייגט א סאכ מי אונ קויכעס אפ אופצוהייבנ די ארבעטער-באוועגונג ביז צו יענעמ ניוואָ, אפ וועלכנ עס איז געוואָרנ מעגלעכ צו גרינדנ דעמ אינטערנאציִאָנאל. פאר מארקסנ איז געשטאנענ א שווערע אופגאבע. אָבער מארקס איז ניט אומזיסט געווענ דער אנערקענטער פירער פונעמ פּראָלעטאריאט. ער האָט אויסגעצייכנט געקאָנט ארבעטנ צווישנ די סאמע אָפּגעשטאנענע מאסנ, ניט אָפּטרעטנדיק פונ די פּרינציפּנ פונ א רעוואָליוציִאָנער א קאָמוניסט. אונ די אופגאבע, וואָס האָט זיכ פאר אימ געשטעלט, האָט ער גלענצנדיק געלייזט. אלע גרונט־אידייענ פונעמ „מאניפעסט פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי” האָט ער דערלאנגט אינעמ „גרינדונג-מאניפעסט” אונ אינעמ סטאטוט פונעמ אינטערנאציִאָנאל אינ אזא פאָרמ, אז זיי זײַנענ געווענ פארשטענדלעכ פאר דעמ

סאמע אָפגעשטאנענעמ ארבעטער אונ האָבנ געפאסט סייַ פאר די טרעד־יוניאָניסטנ, סייַ פאר די פרודאָניסטנ אאוו.

אינעמ גרינדונג־מאניפעסט האָט מארקס אינ א פאָשעטער פאָרמ, צוגענגלעכ אפילע דעמ ווייניק אנטוויקלטנ ארבעטער, דערוויזנ, אז דער וווקס פונ דער געזעלשאפטלעכער רייַכקייַט, די דערפאָלגנ פונ דער אינדוסטריע, די פארפולקומונג פונ מאשינעס, די אנטוויקלונג פונ טראנספאָרט אינ די באדינגונגענ פונעמ קאפיטאליזמ פארבעסערנ אבסאָליוט ניט די לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס. פונ 1848 יאָר ביז 1864 יאָר זייַנענ די רייַכע געוואָרנ נאָכ רייַכער, אונ די אומפארמעגלעכע זייַנענ געוואָרנ נאָכ אָרעמער. די לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס האָט זיכ באמ קאפיטאליזמ ניט נאָר ניט פארבעסערט, נאָר אפילע זיכ פארערגערט. פאָליטיש איז דער ארבעטער־קלאס אונטערדריקט. די אָפוועזנהייַט פונ געמיינזאמע שריט באמ ארבעטער־קלאס אינ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט געבראכט צו דער געמיינזאמקייַט פונ זייַנ מאפאָלע. אזויארומ איז דער ארבעטער־קלאס באמ קאפיטאליזמ אונטערדריקט סייַ עקאָנאָמיש סייַ פאָליטיש. וועלכער־זשע אויסוועג פונ דער לאגע איז אימ געבליבנ? דעמ אויסוועג האָט אָנגעוויזנ די פראָלעטארישע טעאָריע, די פראָלעטארישע וויסנשאפט. „טוט א קוק, — זאָגט מארקס, — ווי די בורזשואזע וויסנשאפט האָט מיט שוימ אפ די ליפנ דערוויזנ, אז די געזעצגעבערישע באגרענעצונג פונעמ ארבעטסטאָג אינ דער אינדוסטריע ביז 10 שאָ א טאָג וועט פארניכטנ די ענגלישע אינדוסטריע. די פראָלעטארישע טעאָריע האָט דערוויזנ דאָס פארקערטע. איצט איז דער געזעצ דורכגעפירט אינ לעבנ. זייַנע נוצנ אנערקענענ אפילע די באאמטע פונ דער בורזשואזיע. טוט ווייַטער א קוק אפ דער קאָאָפעראציע, זי באשטעטיקט אינ דער פראקטיק די אויספירנ פונ דער פראָלעטארישער טעאָריע, אז „די פראָדוקציע אינ א גרויסנ מאסשטאב אונ אינ פולנ הערסקעמ מיט די פאָדערונגענ פונ דער מאָדערנער וויסנשאפט קאָנ זיכ פירנ אויכ אויסער דער עקזיסטענצ פונעמ קלאס באלעבאטימ, וואָס עקספלואטירנ דעמ קלאס ארבעטער". זי האָט באוויזנ אינ דער פראקטיק, אז די פראָדוקציע פונ געזעלשאפטלעכנ רייַכטומ פאָדערט לאכלוטנ ניט קיינ פריוואטנ אייגנטומ אפ די פראָדוציר־געצייַג אונ די פראָדוציר־מיטלענ, זי האָט באוויזנ, אז די לוינ־ארבעט דארפ פארביטנ ווערנ אפ ארבעט אינ דער פארגעזעלשאפטלעכטער פראָדוקציע. אָבער צי הייסט עס, אז די רעטונג פונ די ארבעטער איז אינ דער קאָאָפעראציע, אינ שאפנ קאָאָפעראטיווע ווארשטאטנ באמ קאפיטאליזמ? ניינ — ענטפערט מארקס. די דערפארונג פונ דער פראָדוצירישער ארבעטער־קאָאָפעראציע פונ 1848 ביז 1864 יאָר האָט דערוויזנ, אז באמ קאפיטאליזמ איז די קאָאָפעראציע ניט בעקויעכ ניט צו פארניכטנ דאָס פריוואטע אייגנטומ, ניט צו באפרייַענ די ארבעטער, ניט צו פארגרינגערנ ערנסט זייער לאגע. קעדיי צו באפרייַענ די ארבעטער, דארפ די קאָאָפעראטיווע געזעלשאפטלעכע פראָדוקציע זייַנ פארשפרייט איבערנ גאנצנ לאנד אונ אונטערגעשטיצט מיט אלע קויכעס אונ מיטלענ פונ דער מעלוכע. אונ אויב אזוי, איז דאָכ פארשטענדלעכ פאר יעדנ, אז די מעלוכע פונ פריצימ אונ קאפיטאליסטנ וועט ניט בלויז ניט שטיצנ די קאָאָפעראציע, נאָר זי וועט זי שטיקנ, ניט לאָזנ זי פארשפרייטנ אפ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע. דעריבער איז פאר די ארבעטער פאראנ איינ אויסוועג פונ דער קנעכטישער לאגע — דעראָבערנ די

פאָליטישע מאכט. און די ארבעטער הייבן שוין אָן צו פארשטיין, אז אין דעם איז דער אויסוועג, ווײַל זיי האָבן זיך שוין געשטעלט אפן וועג פון שאפן זייערע אייגענע פאָליטישע פארטייען. קעדיי קומען צו א דערפאָלג, מוזן די דאָזיקע פארטייען זיך באהעפטן אין איין פארבאנד און שטעלן פאר זיך איין ציל. אויב די ארבעטער וועלן צו אָט דער איינהײַט פון אָרגאניזאציע און פון ציל ניט דערגרייכן, וועלן זיי פאר זייער צעבראָקלטקײַט באצאָלן מיט אלגעמיינע מאפּאָלע, ווי אין 1848 יאָר.

צום שלוס איז אינעם „גרינדונג־אדרעס" אלס פרינציפ פון דער אינטערנאציאָנאלער פאָליטיק פון פראָלעטאריאט פראָקלאמירט געוואָרן פרידן און די ארבעטער זײַנען גערופן געוואָרן צו אקטיוון קאמף קעגן דער פאָליטיק פון רויבערישע מילכאָמעס.

מארקס האָט אינעם „גרינדונג־אדרעס" גערופן די ארבעטער פון אלע לענדער צו דעראָבערן די פאָליטישע מאכט קעדיי אויסצובויען דעם סאָציאליזם.

דער סטאטוט און די פראָגראם פו־נעם אינטערנאַציאָנאל

צוזאמען מיטן „גרינדונג־מאניפעסט" האָט מארקס צונויפגעשטעלט א צײַטווײַליקן סטאטוט פונעם אינטערנאציאָנאל און דער ארײַנפיר־טייל זײַנער האָט געגעבן דעם פונדאמענט פאר דער פראָגראם פונעם אינטערנאציאָנאל, איבערכאזערנדיק אין קורצן, אין א געפרעסטער פאָרם די זעלבע פרינציפן, וואָס זײַנען געווען געגעבן אינעם מאניפעסט. אינעם פראָגראם־טייל איז געווען ארויסגערוקט די גרונט־האָנאָכעס, אז „די באפרײַונג פון די ארבעטער דארף זײַן די זאך פון די ארבעטער אליין", אז די ארבעטער שטרעבן ניט צו שאפן קיין נײַע פריווילעגיעס, נאָר צו פארניכטן יעטווידע קלאסן־הערשאפט; עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז די עקאָנאָמישע אונטערגעוואָרפנקײַט פונעם ארבעטער צום אייגנטימער פון די פראָדוציר־מיטלען איז די גרונט־סיבע פון פארקנעכטן די ארבעטער, די גרונט־סיבע פון דער סאָציאלער־אָרעמקײַט, גײַסטיקער פארטעמפטקײַט און פאָליטישער אָפהענגיקײַט.

דעריבער איז די עקאָנאָמישע באפרײַונג פונעם ארבעטער־קלאס דערקלערט געוואָרן אלס גרויסער ציל. די פאָליטישע באוועגונג איז דערקלערט געוואָרן אלס מיטל פאר דער עקאָנאָמישער באפרײַונג פון די ארבעטער. ווײַטער איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז „אלע שטרעבונגען צו דערגרייכן דעם דאָזיקן גרויסן ציל האָבן ביז אהער קיין דערפאָלגן ניט געהאט, ווײַל עס האָט געפעלט די סאָלידארישקײַט צווישן די ארבעטער פון פארשיידענע פראָפעסיעס אין יעדן לאנד, און ווײַל עס איז ניט געווען קיין ברידערלעכער בונד צווישן די ארבעטער פון פארשיידענע לענדער"... אז „די באפרײַונג פון די ארבעטער איז ניט קיין אָרטיקע אָדער נאציאָנאלע אויפגאבע, נאָר א סאָציאלע אויפגאבע, וואָס כאפט ארום אלע לענדער, אין וועלכע עס עקזיסטירט די נײַסטע געזעלשאפט". דעריבער האָבן די אונטן געכאסמעטע מיטגלידער פון קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעווילט געוואָרן פון דער פארזאמלונג דעם 28 סענטיאבער 1864 יאָר אין סענט־מארטינס־האָל אין לאָנדאָן, אָנגענומען די נייטיקע מיטלען צו גרינדן א אינטערנאציאָנאלע געזעלשאפט פון ארבעטער".

די דאָזיקע פראָגראם איז געווען די ערשטע מארקסיסטישע פראָגראם פון

אַן אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־פּארטײ און איז געלײגט געוואָרן אין גרונט פון אַלע ווײַטערדיקע פּראָגראַמעס בא די רעוואָלוציאָנערע מארקסיסטישע פּארטײען.

ביידע דאָקומענטן, וואָס מארקס האָט צונויפגעשטעלט, האָט דער גענעראַל־ראַט אָנגענומען אײנשטימיק. קײנער האָט ניט געקאָנט דערווידערן קעגן די אומבאַשטרײַטבאַרע האַנאָכעס, וואָס זײַנען אין זײ געוועזן ארויסגערוקט.

יענע שוועריקײַטן, וועלכע מארקס האָט דעמאָלט באַגעגנט באַם צונויפשטעלן די ווענדונג צום ארבעטער־קלאַס אינעם פּראָגראַם-טײל פון סטאַטוט, זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַלגעמײנער לאַגע אינעם אינטערנאַציאָנאַל.

די לאַגע, וואָס איז געוועזן אינעם I אינטערנאַציאָנאַל, אונטערשײדט זיך קאָלאָסאַל פון דער לאַגע, וואָס איז איצט אין קאָמינטערן.

איצט זײַנען אין אַלע גרעסטע לענדער פאַראַן מאַסעווע, פעסטע קאָמוניסטישע פּאַרטײען, איצט שטעלט דער קאָמינטערן ארויס פאַר די פּאַרטײען, וואָס טרעטן אין אים ארײַן, 21 באַדינגונגען, צווישן זײ — די פולשטענדיקע אָנערקענונג פון אַלע פונקטן פון דער קאָמינטערן-פּראָגראַם, וועלכע איז דעטאַל פאַנאַנדערגעאַרבעט.

באַם גרינדן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָט מען אַזױ ניט געקאָנט טאָן. די ארבעטער-באַוועגונג איז נאָך ניט געוועזן גענוג רײַף און פּאָליטיש אויסגעפורעמט, דעריבער האָט מען אין אינטערנאַציאָנאַל ארײַנגענומען ניט בלויז פּאָליטישע פּאַרטײען, נאָר אויך טרעד־יוניאָנען, אופקלערערישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און אפילע באַזונדערע פּערזאָנען, וואָס האָבן דערקלערט, אַז זײ זײַנען מאַסקים מיט די גרונט־האַנאָכעס פונעם אינטערנאַציאָנאַל.

די דאָזיקע פאַרשײדנאַרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַראײניקט אפ יענעם פּרינציפּ, וואָס איז איצט דער גרונט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פּאַרטײען פון קאָמינטערן — דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. לויטן סטאַטוט פון אינטערנאַציאָנאַל איז אין זײַן שפּיץ געשטאַנען אַ גענעראַל־ראַט (אין דער איבערוועגנדיקער מערהײַט זײַנען די מיטגלידער פון גענעראַל־ראַט געוועזן ארבעטער), וואָס האָט זיך געפונען אין לאָנדאָן. אַלס אַ קלאַל האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון יעדן לאַנד, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן אינטערנאַציאָנאַל, געמוזט זיך פאַראײניקן אין באַזונדערע סעקציעס. דער גענעראַל־ראַט האָט געהאַט דאָס רעכט אין דער צווישנצײַט צווישן די קאָנגרעסן דירעקט זיך ווענדן צו יעטווידער אָרגאַניזאַציע און צו יעדן מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַל, און אפן באַזעלער קאָנגרעס פון 1869 יאָר האָט ער באַקומען די פולמאַכטן אָנצונעמען און אויסשליסן אָרגאַניזאַציעס און אויך באַזונדערע מיטגלידער.

פאַרן אינטערנאַציאָנאַל איז געשטאַנען די היסטאָרישע אופגאַבע ארײַנצוציען אין זײַנע רײען די ברײטסטע ארבעטער־מאַסן, זײ אָרגאַניזירן און דערציען. די דאָזיקע מאַסן זײַנען געשטאַנען אפ פאַרשײדענע אַנטוויקלונג־שטופעס פון זײער קלאַסן־באַוווסטזײַן, זײערע מויכעס זײַנען געוועזן פאַרמיסטיקט מיט פּרודאָניזם, אָוועניזם אאַוו. עס איז אויסגעקומען אין דער פּראַקטיק פון דירעקטן אָרגאַניזירן די ארבעטער און פון זײער טאָגטעג־

לעכנ קאמפּ דערוויַזנ, אז די אַלע טעאָריעס פונעמ קליינ־בירגערלעכנ אונ פונעמ סעקטאנטישנ סאָציאַליזמ טויגנ ניט.

אָרגאניזירנדיק די ארבעטער צומ שטריַק, אָנפירנדיק מיט די דאָזיקע שטריַקנ, האָט מענ געדארפט דערוויַזנ זיי אינ דער פּראקטיק די ניט־טויגבארקיַט פונ דער פּרודאָניסטישער אָנפירונג, וואָס לייקנט אינ דער נייטיקיַט פונ שטריַקנ־קאמפּ. אָרגאניזירנדיק די ענגלישע ארבעטער צומ קאמפּ פאר אַלגעמיינע וואַל־רעכט אונ דעמאסקירנדיק דערביַ די פאררעטערישע ראָליע פונ די בורזשואזע ראַ־דיקאַלנ, האָט מענ דערמיט אַלייג געדארפט דערוויַזנ פאר די ענגלישע ארבעטער אינ דער פּראקטיק, ווי וויַט עס טויגנ ניט די פירער פונ די טרעד־יוניאָנעג, וואָס שלעפּנ זיכ אינ עק נאָכ די דאָזיקע ראדיקאַלנ. מיט איינ וואָרט, אינ דער טאָג־טעגלעכער דערפארונג פונ דער ארבעטער־באוועגונג, אינעמ טאָגטעגלעכנ קאמפּ פונ די ארבעטער איז אויסגעקומענ צו דערוויַזנ די ניט־טויגבארקיַט פונ דעמ בּיזמארקסישנ סאָציאַליזמ, די נייטיקיַט פונ קלאסנקאמפּ פארנ פּראָלעטאריאט, די נייטיקיַט פונ א פּאָליטישער פּארטיי, וואָס פירט אָנ מיטנ דאָזיקנ קאמפּ, די ווירקעוודיקיַט פונעמ מארקסיזמ, אַלס איינציק ריכטיקע טעאָריע פונ דער פּראָלע־טארישער באוועגונג. דעריבער איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס מארקס האָט געשטרעבט אָנצופילנ די טאָג־אָרדענונג פונ די ערשטע קאָנגרעסנ פונ אינטערנאַציאָנאַל בלויז מיט אזוינע פראגעס, וואָס האָבנ געהאט א דירעקטע שיַיכעכ צו אָט דעמ טאָג־טעגלעכנ קאמפּ אונ טאָגטעגלעכער דערפארונג פונ די מאסנ, איבערלאָזנדיק די מער קאָמפּליצירטע פּראָגראמ־טעאָרעטישע פראגעס ביז יענער צײַט, ווענ די מאסנ וועלנ האָבנ אָנגעזאמלט גענוג דערפארונג זיי צו באנעמענ.

דער זשענעווער קאָנגרעס פונ I אינטערנאַציאָנאַל

אפנ ערשטנ קאָנגרעס פונעמ אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָר־געקומענ אינ 1866 יאָר, איז מארקס ניט געווענ, אָבער ער האָט זיכ באטייליקט אינ דער ארבעט, ער האָט פאנאנדערגע־ארבעט דעמ טאָג־סיידער פונעמ קאָנגרעס, די וויכטיקסטע פאָר־טראָגנ אונ רעזאָליוציעס.

אינעמ טאָג־סיידער האָט ער בעקיווּנ ניט איַינגעשלאָסנ אזוינע גרינטלעכע פּראָגראמ־פראגעס, ווי די פראגע וועגנ אייגנטומ. דער טאָג־סיידער איז באשטא־נענ אויסשליסלעכ פונ אזוינע פראגעס, וואָס האָבנ פּראקטיש אינטערעסירט די סאמע ברייטע שיכטנ ארבעטער אונ וואָס זיַינענ גליַיכציַיטיק געווענ די וועזנ־טלעכע פּונקטנ פונ די מיינונג־פארשיידנהיַיטנ מיט די פּרודאָניסטנ. דאָס זיַינענ געווענ די פראגעס פונ שטריַיקנ, פונ געזעצגעבעריש באגרענעצנ דעמ ארבעט־טאָג, וועגנ פרויענ־ אונ קינדער־ארבעט אאַוו. נאָכנ באשטעטיקנ דעמ ציַיטווייַליקנ סטאטוט, וואָס מארקס האָט אויסגעארבעט אינ 1864 יאָר, האָט זיכ אפנ קאָנגרעס פאנאנדערגעוויקלט א קאמפּ קעגנ די פּרודאָניסטנ ארומ אַלע איבעריקע פראגעס פונעמ טאָג־סיידער.

די פּרודאָניסטנ, געטריַי צו זייער לערער, זיַינענ ארויסגעטראָטנ קעגנ שטריַיקנ, קעגנ אָרגאניזירנ פּראָפאריינענ, קעגנ אנ 8-שאָ‌ַיקנ ארבעטסטאָג אונ קעגנ דער פרוי־ענ־ארבעט אינ דער פּראָדוקציע, דערקלערנדיק, אז אנ אָרט פאר דער פרוי איז די היימ אונ אז איר בארופ איז — די פאמיליע.

מארקס אָנהענגער, וואָס האָבנ געבילדעט די מערהיַיט אינעמ גענעראַל־ראט,

האָבנ געפירט נאָכ זיכ דעמ גאנצנ קאָנגרעס און האָבנ אָפּגעהאלטנ א פולשטענדיקנ ניצאָכנ איבער די פּרודאָניסטנ.

די רעזאָליוציעס פונ די פּרודאָניסטנ זײַנענ אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ און דער קאָנגרעס האָט אָנגענומענ די רעזאָליוציעס, וואָס מארקס האָט פאר אימ צונויפגעשטעלט.

אינ דער רעזאָליוציע וועגנ די פּראָפאריינענ איז געזאָגט געוואָרנ וועגנ דער נייטיקײַט ארײַנצוציִענ די פּראָפאריינענ אינעמ פּאָליטישנ קאמפּ און וועגנ ארײַנציִענ אינ די פּראָפאריינענ די אמערגסטנ באלוינטע שיכטנ ארבעטער, באזונדערס די לאנדווירטשאפטלעכע באטראקעס.

דער קאָנגרעס האָט געפאָדערט דורכפירנ אפ א געזעצגעבערישנ אויפנ אנ 8-שאָיִקנ ארבעטטאָג. ער האָט אנערקענט די רעכט פונ פרויענ און קינדער אפ פּראָדוקטיווער ארבעט און ארויסגערוקט א פאָדערונג ברייט צו אָרגאניזירנ די ארבעט-שוץ. אינעמ מעמאָראנדומ פונעמ גענעראל-ראט איז געווענ ארויסגערוקט א פּראָיעקט פונ אנ ארבעט-שול, פונ ארײַנציִענ די קינדער אינעמ פּראָדוציר-פּראָצעס און פונ פּאָליטעכנישער דערציִונג.

באזונדערס איז געוואָרנ באטאָנט די וויכטיקײַט צו פאָדערנ ארויסגעבנ געזעצנ וועגנ דער ארבעטער-פראגע. אינ קעגנזאצ צו די טרעד-יוניאָניסטנ, וואָס האָבנ ניט באנומענ די וויכטיקײַט פונ פּאָליטישנ קלאסנקאמפ, איז אינעמ מעמאָראנדומ פונעמ קאָנגרעס געווענ אָנגעוויזנ, אז די טרעד-יוניאָנענ מוזנ שטיצנ יעטווידע סאָציאַלע און פּאָליטישע באוועגונג, וואָס האָט דעמ ציל פולשטענדיק צו באפרײַענ דעמ פּראָלעטאריאט פונ קאפּיטאליסטישער קנעכטשאפט.

דער קאָנגרעס האָט אויכ געפאָדערט אָפּצושאפנ די שטענדיקע ארמיי און פארבײַטנ זי אפ אנ אלגעמיינער פאָלק-באוואָפענונג.

„איכ האָב זיכ זייער געשראָקנ פארנ ערשטנ קאָנגרעס אינ זשענעווע, — האָט מארקס געשריבנ צו קוגעלמאנענ נאָכנ קאָנגרעס, — אָבער טראָצ מײַנ דערווארטונג איז ער דורכגעגאנגענ, אינ אלגעמיינ גענומענ, גוט. זײַנ ווירקונג אינ פראנקרײַכ, ענגלאנד און אמעריקע איז אינגאנצנ אומדערווארט".

די באשלוסנ פונעמ זשענעווער קאָנגרעס האָבנ דערלאנגט דעמ שטארקסטנ קלאפּ די פּרודאָניסטנ, וואָס האָבנ שוינ נאָכדעמ ניט געקאָנט קומענ צו זיכ. דער אינטערנאציאָנאל אינגאנצנ גענומענ האָט זיכ ארויסגעזאָגט קעגנ די פּרודאָניסטנ, ניט געקוקט אפ זייער פארצווייפלטנ ווידערשטאנד און אפ דער גרויסער צאָל פונ זייערע פאָרשטייער אפנ קאָנגרעס. „אומוויסנדיקע, ערנגײַציקע, פּרעטענציִעזע, פּלוידערזעק, אָנגעבלאָזענע מיט פאלשנ פּאטאָס, — האָט מארקס וועגנ זיי געשריבנ, — זיי האָבנ שיר ניט קאליע געמאכט אלצ, קומענדיק אפנ קאָנגרעס אינ אזא גרויסער צאָל, וואָס האָט אינגאנצנ ניט אנטשפּראָכנ דער צאָל פונ זייערע מיטגלידער". זיי האָבנ זיכ גערעכנט אפ א ניצאָכנ, אָבער זיי האָבנ געליטנ א פולשטענדיקע מאפּלע. דער אינטערנאציאָנאל האָט איבער זייערע קעפּ זיכ געווענדט דירעקט צו די ארבעטער-מאסנ. און די מאסנ האָבנ דעמ דאָזיקנ רופ דערהערט. זיי האָבנ אָנגעהויבנ דורכפירנ אינ לעבנ די באשלוסנ פונעמ אינטערנאציאָנאל, אָרגאניזירט שטרײַקנ, אָרגאניזירט פּראָפעסיאָנעלע פאריינענ, זיכ פאריייניקנדיק ארומ דעמ אינטערנאציאָנאל.

די רעפאָרמעס־ליגע אין ענגלאַנד

אינעם זעלבן יאָר איז דער אינטערנאַציאָנאַל געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער מאַסן-באַוועגונג פון די ענגלישע אַרבעטער פאַר פאַרברייטערן די וואַלרעכט. נאָך אין די יאָרן 1862—1863 האָט דער לאָנדאָנער ראַט פון די טרעדיוניאָנען אונטער דער ווירקונג פון מאַרקסן און זײַנע אָנהענגער אַנטוויקלט אין דער הויפּט-שטאָט און אין דער פּראָווינץ א גרויסע אַגיטאַציע פאַר א רעפאָרמע פונעם וואַלרעכט און פאַר א זעלבשטענדיקן אָנטייל פון די אַרבעטער אין די וואַלן צום פּאַרלאַמענט.

אינגיכן נאָכן גרינדן דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט דער גענעראַל־ראַט גענומען אָף זיך די אָנפירונג מיטן קאַמף פאַר א רעפאָרמע פון וואַלרעכט אין ענגלאַנד. אין דער געשאַפענער מאַסנווער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „רעפאָרמעס-ליגע“ איז העכער א העלפט מיטגלידער פון קאָמיטעט באַשטאַנען פון מיטגלידער פונעם גענעראַל-ראַט. אונטער דער אָפירונג פונעם אינטערנאַציאָנאַל האָט די באַוועגונג אָנגענומען א מאַסן־כאַראַקטער. אָף דער קאָנפערענץ פון דער רעפאָרמעס־ליגע אין פעברואַל 1866 יאָר זײַנען זיך צונויפגעקומען 200 דעלעגאַטן פון אַלע עקן לאַנד און אַפילע פון אירלאַנד. די ליגע האָט דורכגעפירט א ריי גראַנדיעזע מיטינגען. אָף איין מיטינג אין הייד־פּאַרק אין לאָנדאָן זײַנען בײַגעווען העכער 60 טויזנט אַרבעטער, און עס איז געקומען צו א צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי.

די רעגירונג איז געווען געצוווּנגען נאָכצוגעבן און אין 1867 יאָר איז אַרויס א געזעץ, לויט וועלכן עס איז באַדײַטנדיק פאַרברייטערט געוואָרן דאָס וואַלרעכט. לויטן נײַעם געזעץ האָבן באַקומען וואַלרעכט ניט בלויז די, וואָס פאַרמאָגן אייגנטום, נאָר אויך אַלע, וואָס האָבן געדונגענע דירעס און צימערן.

דער קאַמף פאַר א וואַל-רעפאָרמע האָט פאַרפעסטיקט די ווירקונג פונעם אינטערנאַציאָנאַל אין דער ענגלישער אַרבעטער-באַוועגונג און האָט מיטגעווירקט דער פּאָליטישער דערציִונג פון די אַרבעטער.

דער אינטערנאַציאָנאַל און די שטרײַק־באַוועגונג

אין מעשעך פון דעם יאָר, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם זשענעווער קאָנגרעס פונעם שפּעטערדיקן, דעם לאָזאַנער, איז די ווירקונג פונעם אינטערנאַציאָנאַל אויסגעוואַקסן אויך אין אַנדערע לענדער. דאָס 1866 יאָר איז געווען פאַר אייראָפּע א יאָר פון שטאַרקן קריזיס. אומעטום האָט מען אַראָפּגעזעצט דעם אַרבעטלוין, פאַרקירצט די צאָל אַרבעטער, און א סאַך פאַבריקן אינגאַנצן פאַרמאַכט. אין דער זעלבער צײַט זײַנען די זאַכן פון ערשטן געברויך אָף א סאַך טײַערער געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אומגערעטעניש אינעם דאָזיקן יאָר.

דער אינטערנאַציאָנאַל פירט אָן מיט א ריי שטרײַקן: מיטן פאַרטיידיקונג־שטרײַק פון די גראַטן־מאַכער אין לאָנדאָן קעגן אַראָפּזעצן דעם אַרבעטלוין, מיטן שטרײַק פון די שנײַדער, וואָס האָבן געשטרײַקט 7 כאָדאָשים און געווונען דעם שטרײַק, מיטן שטרײַק פון די קוישנמאַכער אאַ. אין פּאַריזש האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אָנגעפירט מיטן גראַנדיעזן שטרײַק פון די בראָנזירער, וואָס האָבן אין רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן שטרײַק געצוווּנגען אָפּצושאַפן דעם פאַרבאָט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אכוץ דעם האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אָנגעפירט מיט שטרײַקן אין דער שווייץ און אין אַנדערע לענדער, דערונטער אויך אין ענגלאַנד גופע.

אין פרילינג 1866 יאָר איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען א גרויסער שטרײַק פון אַרבעטער, וואָס מאַכן אײַזערנע גראַטן. קעדיי אַרונטערצורײַסן דעם שטרײַק, האָבן די באַלעבאַטים באַשלאָסן אויסשרײַבן אַרבעטער פון פראַנקרײַך. דערוויסנ-

דיק זיך וועגן דעם, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל מוידיקע געוועגן זײַנע סעקציעס אין פֿראַנקרײַך, און דער פּלאַן פֿון די באַלעבאַטים איז אַרונטערגעריסן געוואָרן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן 1867—1868 איז די ווירקונג פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג נאָך מער אויסגעוואַקסן.

אין פֿרילינג 1868 יאָר, בײַסן שטרײַק פֿון די אַרבעטער־בויער אין זשענעווע, איז די אָרטיקע סעקציע פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל אַרויסגעטראָטן פֿאַר די באַלעבאַטים אין נאָמען פֿון די זשענעווער אַרבעטער. די באַלעבאַטים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען. דעמלט האָט מען אָפּ די גאַסן פֿאַנאַנדער־געקלעפּט אַ מעלדונג, אַז אין דעם זעלבן טאָג, 6 אַזייגער אינאָוונט, וועט מען מיט פֿויקן צונויפֿרופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע סעקציעס פֿון אינטערנאַציאָנאַל.

ווען עס האָט זיך דערהערט דער פּויקן־געקלאַפּ און פֿון אַלע עקן שטאָט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום צענטער 5000 מיטגלידער פֿון דער זשענעווער סעקציע פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט דאָס אויף די באַלעבאַטים געמאַכט אַ גרויסן אײַנדרוק. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז וועגן דעם שטרײַק האָט מען געגעבן צו וויסן אין לאָנדאָן, פּאַריז, ליאָן און בריסעל און אַז דער גענעראַל־ראַט האָט צוגעזאָגט צו געבן ניט ווייניקער ווי 40 טויזנט פֿראַנק אויף שטיצן די שטרײַקער און אַז פּאַריז האָט שוין אַריבערגעשיקט 10 טויזנט פֿראַנק, האָבן די באַלעבאַטים נאָך אַ געוויסן ווידערשטאַנד נאָכגעגעבן. דער אַרבעטסטאָג איז פֿאַרקירצט געוואָרן אויף 1—2 שעה, און דער אַרבעטלוין איז געהעכערט געוואָרן אויף 10 פּראָצ.

אינעם זעלבן יאָר זײַנען פֿאָרגעקומען בלוטיקע געשעענישן אין בעלגיע.

ווען די רעגירונג האָט צעשאָסן די הונגעריקע שטרײַקער די קוילנגרעבער אין שאַרלערואַ, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף צו זאַמלען געלט צווישן די ענגלישע קוילנגרעבער און אײַזנבאַנער לטובֿת די פֿאַמיליעס פֿון די דערהאַרגעטע. דער גענעראַל־ראַט האָט צונויפֿגעזאַמלט באַדײַטנדיקע סומעס און האָט זיי אַריבערגעשיקט קיין בעלגיע.

נאָך דער צווייטער צעשיסונג פֿון די קוילנגרעבער אין שאַרלערואַ האָט דער גענעראַל־ראַט דערקלערט, אַז די זאַך פֿון די קוילנגרעבער אין שאַרלערואַ איז אַן אַלגעמיינע זאַך פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל און ער האָט באַוויזן געשווינד צו אָרגאַניזירן אַ וועזנטלעכע שטיצע פֿאַר די בעלגיער.

אַלס ענטפֿער דערויף האָט זיך אַ באַדײַטנדיקע צאָל בעלגישע אַרבעטער אָנגעשלאָסן צום אינטערנאַציאָנאַל און עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ בעלגישע סעקציע פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל. אויפֿן בריסעלער קאָנגרעס פֿון 1868 יאָר האָט בעלגיע געשיקט 55 דעלעגאַטן.

די געבראַכטע פֿאַקטן באַווײַזן גאַנץ גענוג, וואָס פֿאַר אַ גרויסע פּראַקטישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט דער אינטערנאַציאָנאַל האָט דורכגעפֿירט.

פֿירנדיק אַ פּראַקטישע און מאַסעווע אַרבעט האָט דער גענעראַל־ראַט אונטער מאַרקס אָנפֿירונג אין דער זעלבער צײַט געפֿירט אַן אומבעשאָלעמדיקן קאַמף קעגן דעם אָפּאָרטוניזם אין די פֿראַגעס פֿון פּראָגראַם און טאַקטיק.

דאָס דערשיינען פונעם ערשטן באנד „קאפּיטאל“ אין 1867 יאָר

געפינענדיק זיך אין עמיגראציע אין לאָנדאָן, לעבנדיק אין אויסערסט שווערע מאטעריעלע באדינגונגען, זייענדיק אָפּט באַם ראנד פון עמעסער אָרעמקייט און הונגער־עקזיסטענץ, פארלירנדיק אין דעם דאָזיקן פעריאָד, צוליב שווערע לעבנס־באדינגונגען צוויי קינדער, האָט מארקס באוויזן צו פארפאסן אלע גרונט־דאָקומענטן פונעם אינטערנאציאָנאל און די טעטיקײַט פאר די קאָנגרעסן. א באדײַטנדיקער טייל פון דער קאָלאָסאלער קאָרעספּאָנדענץ פונעם אינטערנאציאָנאל געהערט אויך מארקס פען.

אין דעם זעלבן פעריאָד האָט מארקס, נאָך א רײַ פאָרויסיקע עקאָנאָמישע און היסטאָרישע פאָרשונגען, געשאפן דאָס גרעסטע וויסנשאפטלעכע ווערק פון דער עפּאָכע — „קאפּיטאל“, וואָס זײַן ערשטער באנד איז דערשינען אין 1867 יאָר.

אין „קאפּיטאל“ דעקט מארקס אויף דעם געזעץ פון דער אנטוויקלונג און פונעם אומקום פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט און באווײַזט, אז „ווען די ארבעטער זײַנען שוין פארוואנדלט אין פּראָלעטאריער און די באדינגונגען פון זייער ארבעט — אין קאפּיטאל... (דעמלט) דארף מען עקספּראָפּריִרן שוין ניט דעם ארבעטמאן, וואָס פירט אליין א זעלבשטענדיקע ווירטשאפט, נאָר דעם קאפּיטאליסט, וואָס עקספּלואטירט א סאך ארבעטער“.

אינעם „קאפּיטאל“ האָט מארקס דעמאסקירט די בורזשואזיע און האָט באשאפן א פּראָלעטארישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע און באוואָפנט די ארבעטער־באוועגונג פון דער גאנצער וועלט מיטן געווער פון א רעוואָלוציאָנערער טעאָריע.

„פון זינט עס עקזיסטירט אף דער וועלט קאפּיטאליסטן און ארבעטער, איז נאָך ניט געווען קיין איין בוך, — האָט ענגעלס געשריבן וועגן „קאפּיטאל“, — וואָס זאָל האָבן אזא באדײַטונג פאר די ארבעטער“.

דער לאָזאנער קאָנגרעס פונעם אינטערנאציאָנאל (1867 יאָר) האָט אָנגענומען א ספּעציעלע רעזאָלוציע, אין וועלכער ער האָט אלע ארבעטער רעקאָמענדירט מארקס „קאפּיטאל“, ווי דאָס בעסטע ווערק, וואָס באלויכט און ווײַזט אָן דעם וועג צו דער ווירקלעכער ארבעטער־באוועגונג.

דער לאָזאנער און בריסעלער קאָנגרעסן

אף די צוויי שפּעטערדיקע (נאָכן זשענעווער) קאָנגרעסן, אפן לאָזאנער (1867 יאָר) און בריסעלער (1868 יאָר) מאכן די פּרודאָניסטן די לעצטע אומזיסטע פּרווון ארופצושווימען אף דער אויבערפלאך פון דער ארבעטער־באוועגונג, אָבער די מאסן האָבן זיי שוין מער ניט געהערט. אף די דאָזיקע קאָנגרעסן האָבן די פּרודאָניסטן באקומען די לעצטע קלעפּ. אפן לאָזאנער קאָנגרעס איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע וועגן דעם, אז די סאָציאַלע באפרײַונג פון די ארבעטער קאָן מען ניט אָפּטיילן פון זייער פּאָליטישער באפרײַונג. און אפן בריסעלער קאָנגרעס איז אָנגענומען געוואָרן דער וויכטיקסטער באשלוס וועגן דער נייטיקײַט צו קעמפן פאר אָפּשאפן דאָס פּריוואט־אייגנטום אף די ארץ־גרובן, שאכטעס און אײַזנבאנען און פאר נאציאָנאליזירן די ערד.

דער אינטערנאציאָנאל האָט באשלאָסן, אז „די פאָדערונגען פון דער פּראָדוקציע און דאָס אָנווענדן געוויסע געזעצן פון דער אגראָנאָמיע רופט ארויס דעם איבערגאנג צו קאָנצענטרירטער לאנדווירטשאפט און מאכט נייטיק אָנצווענדן מאשינעס און אף א קאָלעקטיוון אופן אָרגאניזירן די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט“.

דערבײַ איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז „די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פון דער מאָדערנער געזעלשאפט מאכט פאר סאָציאַל־נייטיק צו פארוואנדלען די ערד אין א געזעלשאפטלעך אייגנטום און אז די מעלוכע זאָל אָפּ-

געבנ די דאָזיקע ערד אינ ארענדע לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפטנ (פּראָדוציר־געזעלשאַפטנ)".

מיט די דאָזיקע רעזאָליוציעס האָט מענ דערלאַנגט די לעצטע קלעפּ איבער די פּרודאָניסטנ, וואָס האָבנ פאַרטיידיקט דאָס דריבנע אייגנטומ אונ זײַנענ געווענ קעגנ פאַרגעזעלשאַפטלעכנ די פּראָדוציר־געצײַג אונ פּראָדוציר־מיטלענ.

מיט די פּרודאָניסטנ איז מענ פאַרטיק געוואָרנ. אָבער שוינ אפּנ פאָלגנדיקנ קאָנגרעס, אינ 1869 יאָר, אינ באַזעל, איז קעגנ דער מאַרקסיסטישער מערהײַט פונ קאָנגרעס ארויסגעטראָטנ א נײַע אָפּאָרטוניסטישע אָפּאָזיציע — די באַקוניסטנ.

דער באַזעלער קאָנגרעס

אפּנ באַזעלער קאָנגרעס זײַנענ בײַגעווענ פאָרשטייער ניט פונ פיר לענדער, ווי אפנ ערשטנ קאָנגרעס, נאָר פונ 9 לענדער. צו ענגלאַנד, פראַנקרײַכ, דײַטשלאַנד אונ שווייצ איז צוגעקומענ אמעריקע, ווי עס האָט זיכ אינ 1866 יאָר אויסגעבילדעט א נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַריינ, בעלגיע, עסטרײַכ, איטאַליע אונ שפּאַניע.

איבער דער ערשטער פראַגע — וועגנ אייגנטומ — איז אפ דעמ דאָזיקנ קאָנגרעס באַשטעטיקט געוואָרנ די רעזאָליוציע פונעמ פאָריקנ קאָנגרעס וועגנ עקספּראָפּריִרנ די פּראָדוציר־מיטלענ בא די בורזשואַזע קלאַסנ.

ארומ דער צווייטער גרונט־פראַגע פונ קאָנגרעס — וועגנ ירושה־רעכט — איז דעמ גענעראַל־ראַט אויסגעקומענ צו באַגעגענענ זיכ מיט דער אָפּאָזיציע פונ די באַקוניסטנ, וואָס זייער פירער איז געווענ באַקונינ.

מיכאַיל באַקונינ (1819—1876 יאָר) — א רוסישער אדעליקער, איז אינ דער יוגנט געווענ אנ אַרטילעריע־אָפיציר, דערנאָכ האָט ער געוואָרפנ די דינסט אונ פונ 1833 יאָר האָט ער זיכ באַזעצט אינ מאָסקווע.

אינ 1840 יאָר איז באַקונינ אוועקגעפאָרנ קיינ אייראָפּע. אינ דער שווייצ האָט ער זיכ באַקענט מיט וו. ווייטלינגענ אונ אינ פּאַריזש — מיט פּרודאָנענ אונ מאַרקסנ.

אינ יענעמ פּעריאָד איז באַקונינ ארויסגעטראָטנ אפ מיטינגענ אונ אינ דער פּרעסע אַלס פאַרטיידיקער פונ פּוילנ. בײַמ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר איז ער געווענ אינ פראַנקרײַכ אונ אינ דײַטשלאַנד. געפינענדיק זיכ אינ 1849 יאָר אינ דרעזדענ, האָט ער זיכ באַטייליקט אינעמ אויפשטאַנד אונ איז געוואָרנ ארעסטירט אונ דורכנ זאַקסישנ געריכט פאַרמישפּעט צו הענגענ. די שטראָפ איז אימ פאַרביטנ געוואָרנ אפ אייביקער טפיסע. באַקונינ האָט בא צוויי יאָר פאַרבראַכט אינ שווידערלעכע טפיסעס, א צוגעשמידטער אפ א קייט צו דער וואַנט. דערנאָכ האָט מענ אימ ארויסגעגעבנ דער רוסישער רעגירונג.

נאָכ זעקס יאָר אָפּזיצנ אינ פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג איז ער פאַרשיקט געוואָרנ קיינ סיביר אונ פונ דאָרט איז ער אינ 1861 יאָר אנטלאָפנ דורכ יאַפּאָניע קיינ אמעריקע אונ לאָנדאָנ.

געפינענדיק זיכ אינ פעסטונג אינ רוסלאַנד, האָט באַקונינ אָנגעשריבנ פאַר ניקאָלײַ I א ווידע־בריוו, אינ וועלכנ ער דריקט אויס זײַנ כאַראָטע. דערנאָכ האָט ער געשיקט א כאַראָטע־בריוו צומ קייסער אלעקסאַנדער II אונ געבעטנ באַגנעדיקונג (די דאָזיקע מאַטעריאַלנ זײַנענ ניט געווענ באַוווּסט אינ אייראָפּע).

ביזנ יאָר 1864 האָט באַקונינ אנערקענט דעמ פּאָליטישנ קאַמפּ אונ האָט אפילע געכוליעט וועגנ שאַפנ א ברייטע מעלוכע פונ די סלאַווישע פעלקער מיט רוסלאַנד אינ דער שפּיצ.

אינ די יאָרנ 1864—1867 ווערט באַקונינ אנ אנאַרכיסט.

אינ 1864 יאָר באַגעגנט זיכ באַקונינ אינ לאָנדאָנ מיט מאַרקסנ אונ באַקומט פונ אימ דעמ מאַנדאַט אונ פאָרט קיינ איטאַליע, כדי צו גרינדנ דאָרט א סעקציע פונעמ אינטער־

באציאנאל, אבער אנשטאט דעמ גרינדעט דארט באקונינ זײַנ געהײמע רעװאָלוציאָנערע ברידערשאפט (אליאנס) אונ װעגנ דעמ אינטערנאציאָנאל האָט ער ביזנ יאָר 1867 ניט געװאָלט הערנ. ער האָט זיכ דערמאָנט װעגנ אימ ערשט נאָכ דעמ, װי די בורזשואזע „ליגע פונ פרידנ אונ פרײַהײט", װו ער איז געװענ מיטגליד פונ צענטראל-קאָמיטעט, האָט באנקראָטירט. דעמלט איז באקונינ ארײַנגעטראָטנ אינעמ אינטערנאציאָנאל. דער גענעראט האָט געפאָדערט, אז באקונינ זאָל פאנאנדערלאָזנ די אליאנס. אָבער ער האָט פאקטיש אײַנגעהיט די דאָזיקע אָרגאניזאציע, װעלכע האָט געפירט א קאמפ מיטנ אינטערנאציאָנאל.

פאר באקונינס טעאָרעטישע אָנשױונגענ איז כאראקטעריסטיש, װאָס אױכ ער איז ניט געװענ קײנ אָנהענגער פונ קלײנ-אײגנטומ. ער איז געשטאנענ פאר פראָדוציר-געזעלשאפטנ — געמײנדעס אינ דאָרפ אונ פאר פארײניקנ די ארבעטער אינ „אסאָציאציעס" — אינ שטאָט.

צומ אונטערשײד פונ לאסאלנ האָט באקונינ ניט געהאָפט אפ קײנ הילפ פונ דער מעלוכע. ער האָט ביכלאל געהאלטנ, אז ניט דאָס בורזשואזע אײגנטומ, נאָר די מעלוכע איז דער קװאל פונ אלע צאָרעס אונ האָט געפאָדערט, אז אינ דעמ טאָג פונ דער רעװאָליוציע זאָל די מעלוכע פארניכטעט װערנ אונ דאָס לאנד, אינ װעלכנ עס װעט זיגנ די רעװאָליוציע, זאָל באלד פארװאנדלט װערנ אינ א פארײניקונג פונ אָנמעלוכישע שטאָטישע אונ דאָרפישע געמײנדעס.

די באקוניסטנ האָבנ באזונגענ די סטיכײשקײַט אונ זײַנענ געװענ קעגנער פונ באװוסטזיניקער אונ פלאנמעסיקער אָרגאניזירטקײַט, װאָס איז נײטיק פארנ פראָלעטאריאט אינ זײַנ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע.

„די באקוניסטנ, — זאָגט ענגעלס, — האָבנ א סאכ יאָרנ געפרײדיקט, אז יעטװידע רעװאָליוציאָנערע טאט פונ אױבנ אראָפ איז שעדלעכ, אז אלצ דארפ זײַנ אָרגאניזירט אונ איבערגעאנדערשט נאָר פונ אונטנ ארופ". באקונינ אונ זײַנע אָנהענגער זײַנענ אזױארומ געװענ אָנהענגער פונעמ אנארכיסטישנ פרינציפ.

באקונינ איז ארױסגעטראָטנ קעגנ דעמ קאָמוניזמ. „איכ בינ א קאָלעקטיװיסט, — פלעגט ער דערקלערנ, — דערפאר, װײַל איכ פאָדער עקאָנאָמיש אונ סאָציאָל אױסצוגלײַכנ די קלאסנ אונ איכ אנערקענ דאָס קאָלעקטיװע אײגנטומ. איכ האס דעמ קאָמוניזמ, װײַל ער איז אנ אָפלײקענונג פונ פרײַהײַט, אונ אָנ פרײַהײַט איז ניט מעגלעכ די אנטװיקלונג פונ דער מענטשלעכער פערזענלעכקײַט. איכ בינ ניט קײנ קאָמוניסט, װײַל דער קאָמוניזמ קאָנצענטרירט אונ שלינגט אײַנ אלע קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט אינ דער מעלוכע... דאנ װענ איכ װיל פולשטענדיק פארניכטנ די מעלוכע".

אפ דעמ סמאכ האָט באקונינ געלײקנט די נײטיקײַט פונ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. ער האָט ניט געפאָדערט צו פארניכטנ די קלאסנ, רעכענענדיק, אז די קלאסנ קאָנ מענ איבערלאָזנ, מע דארפ זײ נאָר „אױסגלײַכנ". אונ צוליב דעמ איז נײטיק בלויז אָפשאפנ דאָס יערושע-רעכט.

באקונינס פאלשע אונ פארפלאָנטערטע טעאָריע האָט ער אפילע אלײנ אינ דער פראקטיק ניט אָנגעװענדט.

װענ באקונינ האָט אינ 1870 יאָר צוזאמענ מיט די ליאָנער אופשטענדלער אראָפגעװאָרפנ אינ ליאָנ די אלטע מאכט, האָט ער אָנשטאָט צו פארניכטנ יעטװידע מאכט טײקעפ טאקע אָנגעהױבנ פאָרמירנ א נײַע רעגירונג.

„באקונין איז אין טעאָרעטישן זין א נול״ — אזוי האָט ענגעלס אָפּגעשאצט באקונינען אלס טעאָרעטיקער.

זייענדיק א שלעכטער טעאָרעטיקער, איז באקונין געווען אן ענער־גישער אָרגאניזאטער. זיין נאָמען איז באוווסט געווען אין איטאליע, אין דער שווייץ, אין שפּאניע און רוסלאנד, ווו ער האָט געהאט באַ־דייטנדיקע קאדרען אָנהענגער.

דער פּרודאָניזם און באקוניזם

דער אלגעמיינער גרונט־פּונקט בײַ פּרודאָנען און באקונינען איז געווען דאָס אָפּלייקענען דעם פּאָליטישן קאמף און די מעלוכע. סײַ באקונין סײַ פּרודאָן זײַנען געווען אנארכיסטן און האָבן געלייקנט די נייטיקייט פון א קלאסעווער פּראָלעטארישער פּארטיי. אין אנדערע פּונקטן זײַנען צווישן באקונינען מיט פּרודאָנען געווען וועזנטלעכע מיינונג-פאר־שיידנהייטן.

פּרודאָן איז געווען פאר קליינייגנטום — באקונין האָט זיך געהאלטן פאר א קאָלעקטיוויסט. ער האָט געפּריידיקט די אָרגאניזאציע פון קאָלעקטיווע ווירטשאפטן אין דאָרף און פּראָדוציר-אסאָציאציעס אין שטאָט. אָבער אין דער זעלבער צײַט איז באקונין געווען קעגן א צענטראליזירטער פּלאנעווער סאָציאליסטישער ווירט־שאפט.

פּרודאָן האָט געהאלטן פון א פרידלעכן וועג צו דער צוקונפט דורך קאָאָ־פּעראציע, באקונין איז געווען פאר א רעוואָליוציע.

פּרודאָן איז געווען קעגן שטרײַקן, באקונין איז געווען אן אָנהענגער פון שטרײַקן.

די מיינונג-פארשיידנהײַטן צווישן באקונינען און פּרודאָנען אין א ריי וויכ־טיקע פראגעס זײַנען געווען ניט קיין צופעליקע. זיי האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס פּרודאָן און באקונין האָבן פאָרגעשטעלט פארשיידענע סאָציאלע שיכטן. פּרודאָן האָט פאָרגעשטעלט די קליינייגנטימער פון פראנק־רײַך און פון דער שווייץ. די סאָציאלע באזע פונעם באקוניזם איז גע־ווען גאָר אן אנדערע. באקונין האָט געפונען א באָדן אין יענע לענדער (אין רוסלאנד, איטאליע, שפּאניע און טיילווײַז אין דער שווייץ), וואָס זײַנען אין די 60-ער יאָרן געווען אריינגעצויגן אין דער שנע־לער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג און אין קעגנזאץ צו ענגלאנד איז דאָס פּויערטום ניט געווען אראָפּגעטריבן פון דער ערד, נאָר עס האָט פּײַנלעך לאנגזאם זיך פּאופּעריזירט און די זעלבשטענדיקע האנטווערקער זײַנען רויִנירט גע־וואָרן דורכן גרויסן קאפּיטאל. די פּויערים און די האנטווער־קער, וואָס ווערן רויִנירט — אָט דאָס איז געווען די סאָציאלע באזע פונעם באקוניזם.

באקונין האָט געהאלטן, אז די הויפּט־קראפט פון דער רעוואָליוציע איז דאָס רויִנירטע פּויערטום און אויך יענער פּויער, וואָס איז שוין אָנגעקומען אין פּאַ־בריק פאר אן ארבעטער, נאָר ער האָט זיך נאָך ניט איבערגעקאָכט אינעם אר־בעטער־קעסל. דער רויִנירטער פּויער, דער פּאופּער, די נײַע, נאָך ניט איבערגע־

קאָכטע שיכטנ ארבעטער, די ארמיי ארבעטלאָזע אונ לומפנ — זיי האָט באקונינ גערעכנט פאר דער הויפטקראפט פונ דער רעוואָליוציע.

באקונינ איז ניט געווענ פארבונדנ מיטנ פאבריק-זאוואָדישנ פראָלעטאריאט, וואָס איז פייִק צו אָרגאניזאציע אונ צו סיסטעמאטישנ קאמפ. ער האָט צו אים זיכ באצויגנ מיט פאראכטונג. ער האָט ניט געקאָנט פארשטײנ זײַנע צילנ, זײַנ דראנגפולע שטרעבונג צו אָרגאניזאציע אונ צו פאָליטישנ קלאסנקאמפ. באקונינ האָט אינ דעמ געזענ „בורזשואזע דעמאָראליזירטקײַט“ אונ האָט גערעכנט, אז מע קאָנ מאכנ א סאָפ צומ אלטנ שטייגער מיט איינ שארפנ אונ אנטשיידנדיקנ קלאפ.

„דאָס פאָלק איז גרייט צו א בונט,—פלעגט באקונינ קעסיידער איבערכאזערנ. עס איז גענוג ארײַנצוווארפנ נאָר א שוועבעלע, אונ דער פלאמ פונ אופשטאנד וועט אופלאקערנ“.

די סאכאקלענ פונ באזועלער קאָנגרעס

אפנ באזועלער קאָנגרעס האָבנ די באקוניסטנ געפירט אנ אטאקע קעגנ דעמ גענעראל־ראט אונ ארויסגערוקט די פראגע וועגנ יערושע־רעכט. פונקט ווי זיי האָבנ גערעכנט, אז אויב מע וועט „אָפשאפנ“ די מעלוכע, וועט פארשווינדנ אויכ דער קאפיטאל, אזוי האָבנ זיי געמיינט, אז אויב מע וועט אָפשאפנ דאָס יערושע־רעכט וועט פארשווינדנ די בורזשואזיע אונ דאָס פריוואט־אייגנטומ אפ פראָדוציר־געצײַג אונ פראָדוציר־מיטלענ.

דער גענעראל־ראט האָט קעגנ דעמ דאָזיקנ שטאנדפונקט ארויסגערוקט די האנאָכע, אז „די יערושע־געזעצנ זײַנענ ניט קיינ סיבע, נאָר א יורידישער רעזולטאט פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרגאניזאציע פונ דער געזעלשאפט“.

פארשטענדלעכ, אָנ א רעוואָליוציע, אָנ קלאסנקאמפ, אָנ די סאמע טיפסטע סאָציאלע ענדערונגענ, בלויז מיטנ ארויסגעבנ געזעצנ אינ די ראמענ פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט, וועט דער קאפיטאל ניט קאָנענ פארניכטעט ווערנ.

די באקוניסטנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אינ דער דאָזיקער פראגע צו געווינענ אינ דער קאָמיסיע א מערהײַט שטימענ אונ זיי האָבנ פאָרגעלייגט זייער רעזאָליוציע, וואָס האָט געפאָדערט אָפשאפנ דאָס יערושע־רעכט אלס „איינע פונ די גרעסטע שטערונגענ צו דעמ, אז די ערד זאָל אריבער אינ אלגעמיינעמ באזיץ“. האגאמ דער קאָנגרעס האָט די רעזאָליוציע פונ די באקוניסטנ ניט אָנגענומענ, ווײַל זי האָט ניט באקומענ די נייטיקע צאָל שטימענ, דאָכ איז פאר איר דערלאנגט געוואָרנ מער שטימענ, איידער פאר דער רעזאָליוציע פונעמ גענעראל-ראט, וואָס איז געווענ צונויפגעשטעלט אפנ גרונט פונעמ פאָרטראָג, וואָס מארקס האָט אָנגעשריבנ. אפ דעמ זעלבנ קאָנגרעס האָבנ די באקוניסטנ פאָרגעלייגט צו פארברייטערנ די פולמאכטנ פונעמ גענעראל־ראט, געבנדיק אימ דאָס רעכט אויסצושליסנ פונעמ אינטערנאציאָנאל באזונדערע סעקציעס, פעדעראציעס אונ פערזאָנענ, לאָזנדיק פאר די אויסגעשלאָסענע דאָס רעכט צו אפעלירנ צומ נאָענטסטנ קאָנגרעס פונ אינטערנאציאָנאל. די דאָזיקע פאָרשלאָגנ זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ.

די פאָרשלאָגן האָבן די באקוניסטן ארײַנגעטראָגן מיט אזא אויסזיכט, אז אפּן באזעלער קאָנגרעס וועט זיך זיי אײַנגעבן צו פארכאפּן דעם גענעראל־ראט אין זייערע הענט. די דאָזיקע אויסזיכט האָט זיך אָבער ניט בארעכטיקט. דעראָ־בערן דעם אינטערנאציאָנאל פון אינוויינין, פארכאפּנדיק דעם גענעראל־ראט, האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן. דעמלט האָבן זיי אָנגעהויבן אן אָפּע־נעם מארש קעגן דעם גענעראל־ראט און קעגן מארקסן. אפּן דאָזיקן וועג האָבן זיי געליטן א מאפּאָלע.

די סאכאקלענע פון דער טעטי־קײַט פונעם I אינטערנאציאָנאל צום 1870 יאָר

„פאריייניקנדיק די ארבעטער־באוועגונג פון פארשיידענע לענדער, — האָט לענין געשריבן וועגן דער גרונט־אויפגאבע, וואָס מארקס האָט פארפאָלגט אין אינטער־נאציאָנאל, — שטרעבנדיק צו ווענדן אין איין שטראָם פון צוזאמענארבעט די פארשיידענע פאָרמען פונעם ניט־פּראָלעטארישן, ביז־מארקסישן סאָ־ציאליזם, קעמפנדיק קעגן די טעאָריעס פון די דאָזיקע אלע סעקטעס און שולן, האָט מארקס אויסגעשמידט אן איינהײַט־לעכע טאקטיק פון פּראָלעטארישן קאמף פונעם ארבעטער־קלאס אין פארשיידענע לענדער“.

אפּן בײַשפּיל, לאָמיר זאָגן, פון דער ארבעטער־באוועגונג אין פראנקרײַך קאָן מען באווײַזן די קאָלאָסאלע וויכטיקײַט פון די רעזולטאטן, וואָס דער אינטער־נאציאָנאל האָט דערגרייכט אין יענעם פעריאָד. די סיסטעמאטישע אויפקלערונג פון די שעדלעכע, אָפּאָרטוניסטישע טעאָריעס און פּראקטישע פאָרשלאָגן פון די פּרודאָניסטן, די קלעפּ, וואָס די פּרודאָניסטן האָבן באקומען אפּ די קאָנגרעסן אין די יאָרן 1866, 1867 און 1868, ווי אויך די דערפאָלגרײַכע אָנפירונג פונעם אינטערנאציאָנאל אין די שטרײַקן, וואָס די פּרודאָניסטן האָבן ניט אנערקענט, און די אָרגאניזירונג פון די פראנצויזישע ארבעטער צום קאמף—דאָס אלץ האָט ארונטערגעריסן פּרודאָנס לערע. צווישן דעם גרעסטן טייל פראנצויזישע ארבעטער פּרודאָניסטן קומט פאָר סאָפּ 60־ער יאָרן אן איבערוק אין הינזיכט פון אָפּזאָגן זיך פון פּרודאָנס גרונט־האנאָכע, אן איבערוק צום שטאנדפּונקט פון קלאסנקאמף און פון אָנטייל אין פּאָליטישן קאמף.

דער דאָזיקער פאקט האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אין פעריאָד פון דער פּאריזשער קאָמונע, „וואָס איז געווען אן אומגערן געבוירן גײַסטיק קינד פונעם אינטערנאציאָנאל“, דה. זי איז צוגעגרייט געווען דורך זײַן גאנצער פּאָ־ריקער ארבעט.

מע דארף פארצייכענען אויך די אָרגאניזאציאָנעלע פארפעסטיקונג פונעם אינ־טערנאציאָנאל אינעם ערשטן פעריאָד—דאָס ארומכאפּן א ריי לענדער, צווישן זיי אויך אמעריקע, די פארגרעסערונג פון דער צאָל מיטגלידער אין די סעקציעס, די פארפעסטיקונג פונעם אינטערנאציאָנאל גופע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין געבן ברייטע פולמאכטן דעם גענעראל־ראט און אין אײַנשטעלן א סי־סטעמאטישע אָנפירונג מיט דער ארבעט פון די סעקציעס פונעם אינטערנא־ציאָנאל.

דער אָנהייב פון דער פראַנצויזיש־פרייסישער מיל־כאָמע פון 1870־1871 יאָרן און דער אינטערנאַ־ציאָנאַל

ווען עס האָט אין 1870 יאָר זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע צווישן פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד, איז פארן אינטערנאַציאָנאַל אָנגעקומען א שווערער מאָמענט. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געטאָן אַלץ, קעדיי שטערן דער מילכאָמע, מאָביליזירנדיק די ארבעטער צו א ווידערשטאַנד קעגן די הערשנדיקע קלאַסן.

„פראַנצויזישע, דײַטשישע און שפּאַנישע אר־בעטער,—האָט געשריבן די פראַנצויזישע סעקציע פונעם אינטערנאַציאָנאַל אין איר אופרוף,—לאָמיר פאַרייניקן אונדזערע שטימען אין איין אַלגעמיינעם געשריי פון צאָרן קעגן דער מילכאָמע".

„דײַטשישע ברידער, הערט ניט די פאַרקויפטע, קנעכטישע שטימען, וואָס פּרווון אײַך אָפּנארן... א מילכאָמע צווישן אונדז וואָלט געווען א ברודער-מאָרד"— האָבן געשריבן די פראַנצויזישע ארבעטער.

„מיר ווייסן, אז אף ביידע ברעגן ריין ווינען אונדזערע ברידער, מיט וועלכע מיר זײַנען גרייט צו גיין אינײנעם ביזן טויט אין נאָמען פון אונדזער ענדציל—פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע"—האָבן געענטפערט די דײַטשישע פּראָלעטאַריער.

דאָך האָט זיך די מילכאָמע אָנגעהויבן. די דאָזיקע מילכאָמע, וואָס די רע־גירונג פון פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד האָבן פאַרטראַכט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א בירגערקריג, ווען אין האַרץ פון פראַנקרײַך, אין פּאַריז, איז אנטשטאַ־נען די קאָמונע, וואָס איז—לויט ענגעלסעס ווערטער—געווען א קינד פונעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָרעם ווען ניט די דאָזיקע ארבעט, וואָס דער אינטערנאַצי־אָנאַל מיט מאַרקסן אין דער שפּיץ האָט דורכגעפירט אף צו דערציִען און אָר־גאַניזירן דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט, וואָלט די קאָמונע ניט געווען דאָס, וואָס זי איז געוואָרן,—די ערשטע אין דער געשיכטע פאָרם פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

קאַפּיטל VIII.

די פּאַריזשער קאָמונע

32. פראַנקרײַך אין דער עפּאָכע פון דער צווייטער אימפּעריע

דער עקאָנאָמי־שער אופשטײַג אין דער עפּאָכע פון דער 2־טער אימפּעריע

די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער אימפּעריע זײַנען געווען יאָרן פון עקאָנאָמישן אופשטײַג. אין די 50־ער יאָרן האָט די אנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין פראַנקרײַך א שפּאַן געטאָן ווײַט פאָרויס. עס איז גענוג צו זאָגן, אז פאַר דער צײַט פון 1851 ביז 1869 יאָר איז דאָס רײַכטום פון לאַנד אויסגעוואָקסן אין צוויי מאָל און אז דער האנדל־אומזאץ איז אויסגעוואָקסן מער, ווי אין פינף מאָל. גלײַכצײַטיק איז גוואַלדיק געשטיגן דער שטיינקוילן־ארויסבאַקום און די טשוהון־אויסשמעלצונג. אין דער צײַט, ווען אין 1852 יאָר האָט מען ארויסבאַקומען סאַכאַקל 4,9 מיליאָן טאָן קוילן, האָט מען אין 1872 יאָר ארויסבאַקומען 16,1 מיליאָן טאָן, און די טשוהון־אויסשמעלצונג, וואָס האָט אין די 50־ער יאָרן באַטראָפן דורכשניטלעך 780 טויזנט טאָן א יאָר, איז אין די 60־ער יאָרן געשטיגן ביז 1140 טויזנט טאָן.

אויב אין 1850 איז אין פראַנקרײַך געווען 5000 דאַמפּ־מאַשינעס, איז אין 1869 יאָר שוין געווען 29 טויזנט, און די אײַזנבאַן־נעץ האָט זיך פאַר דער דאָזיקער צײַט פאַרגרעסערט קימאַט אין 6 מאָל (פון 3110 קילאָמעטער אין 1850 יאָר ביז 17900 קילאָמעטער אין 1870 יאָר).

דער כאַראַקטער פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע

צום אונטערשייד פון ענגלאַנד, ווו די גרויסע מאַשין־פּראָדוקציע האָט צו די 60־ער יאָרן קימאַט געהאַט פאַרניכטעט די האַנטווערקערײַ און די קליין־אינדוסטריע, איז אין פראַנקרײַך, צוגלײַך מיט דער גרויס־פּראָדוקציע פאַרבליבן אין א גרויסער מאָס די קליינע האַנט־פּראָדוקציע. אויב, אשטייגער, אין דעם פאָרגעשריטענעם טעקסטיל־ראַיאָן, אין צענטער פון דער בוימוואָל־אינדוסטריע — אין עלזאַס און אין די וואָגעזן איז אין 1867 יאָר געווען 38 טויזנט מעכאַנישע שפּין־ווערקשטעלן און סאַכאַקל 9 טויזנט האַנט־ווערקשטעלן, איז אין דער זעלבער צײַט אינעם אמאָליקן צענטער פון דער זײַד־אינדוסטריע — אין ליאָן — אין 1873 יאָר אויף 6 טויזנט מעכאַנישע ווערקשטעלן אויסגעקומען 110—120 טויזנט האַנט־ווערקשטעלן.

אין אזא גרויסן צענטער, ווי פּאַריזש, האָט די קליין־פּראָדוקציע אנטשיידן דאָמינירט. „צוויי דריטל פון דער הויפּט־שטאָטישער אינדוסטריע איז באַשטאַנען פון קאַרליקאָווע אונטערנעמונגען. די קליינע אונטערנעמונגען האָבן באַטראָפן בא א דריטל און בלויז א נישטיקן פּראָצענט האָבן אויסגעמאַכט די מיטעלע און גרויסע". דורכשניטלעך איז אויף איין אונטערנעמונג אין פּאַריזש אויסגעקומען 4 ארבעטער, און 61 פּראָצ. באַלעבאַטים האָבן געהאַט סאַכאַקל צו איין ארבעטער.

אין פּאַריזש זײַנען אָבער געווען אויך גרויסע אונטערנעמונגען. פון 400 טויזנט פּאַריזשער אינדוסטריעלע אַרבעטער זײַנען 50 טויזנט געווען באַשעפטיקט אין געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און בײַ גרויסע קאָמפּאַניעס.

צו דער צײַט פון דער פּאַריזשער קאָמונע איז אין דער הויפּט־שטאָט פון פראַנקרײַך געווען 10 גאַז־זאַוואָדן, אַן אײַזנבאַן־קנופּ (12 וואָקזאַלן), טאַבאַק־פאַבריקן, דרוקערײַען, שעכט־הײַזער און אַנדערע שטאָטישע און פּריוואַטע גרויסע אונטערנעמונגען.

די בורזשואזיע

אַדאַנק דעם, וואָס אין פראַנקרײַך איז נאָך געווען לעבנפייִק די קליין־פּראָדוקציע—די קליינע אונטערנעמונג מיט 1—2 אַר־בעטער, די האַנטווערקערײַ, קוסטאַרערײַ, און אין דער לאַנדווירטשאַפט—די דריבנע פּויערשע ווירטשאַפט, זײַנען דאָ צוגלײַך מיט דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, וואָס האָט עקספּלואַטירט לוין־אַרבעטער, פאַרבליבן באַדײַטנדיקע בורזשואזע שיכטן, וואָס האָבן געלעבט אויפן כּעזשבן פון עקספּלואַטירן די קליין־אייגנטימער.

די וווּכערניקעס און די סאָכרים די אויפקויפער האָבן באַראַבעוועט דאָס דאָרף, די גרויסע ערדבאַזיצער האָבן באַרויבט די קנאַפּערדיקע פּויערים, אָפּגעבנדיק די ערד אין אַרענדע אויף הויכע פּרײַזן און טיילמאָל אויך פאַר אַ כײלעק גע־רעטעניש.

אין די גרויסע שטעט האָבן זיך אײַנגעפונדעוועט די גרויסע רויבער באַנקירן און אויך די הורט־סאָכרים, וואָס האָבן געהאַט אַ נעץ אַגענטן אין די דערפער אָדער געהאַנדלט אין די קאָלאָניעס.

צוגלײַך מיט דער בורזשואזיע, וואָס האָט עקספּלואַטירט דעם קליינעם אייגנ־טימער, איז געשטאַנען די אינדוסטריעלע בורזשואזיע—די באַזיצער פון פאַבריקן און זאַוואָדן, דאָרף־באַלעבאַטים, וואָס האָבן אָנגעווענדט לוינאַרבעט אין די ווײַנ־גערטנער, אין די פּרוכט־ווירטשאַפטן, אויף די פּיצוכט־פערמעס און אין די גיטער מיט קערנער־קולטורן. פאַרשטייט זיך, אַז אין לעבן פלעגט אָפטמאָל אין איין פּערזאָן זײַן פאַראייניקט דער באַנקיר דער וווּכערניק און דער ערדבאַזיצער, דער אינדוסטריעלער און דער סוחר אאַז״וו.

די קאָנצענטראַציע פונעם קאַפּיטאַל איז געגאַנגען אַזוי געשווינד, אַז אָנהייב 60־ער יאָרן האָבן ניט קיין סאַך געשעפטלײַט (180—200 מענטשן) און צווישן זיי אַזעלכע אַרכי־מיליאָנערן, ווי, אַשטייגער, דער באַנקיר ראָטשילד און דער זאַוואָד־אייגנטימער שניידער, קאָנצענטרירט אין זייערע הענט קימאַט דאָס גאַנצע רײַכטום פון פראַנקרײַך.

אינעם פּעריאָד פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס באָנאַפּאַרטיסטישער דיקטאַטור האָט געהאַט די גרעסטע ווירקונג די פינאַנציעלע אַריסטאָקראַטיע—באַנקירן, וווּכער־ניקעס, גרויסע ערדבאַזיצער און דער אויבערשיכט פון דער אינדוסטריעלער בור־זשואזיע. אַשטייגער, דער אייגנטימער פון די באַוווּסטע האַרמאַט־זאַוואָדן אין קרעזאָ—שניידער איז בײַ נאַפּאָלעאָן דעם דריטן געשטאַנען אין דער שפּיץ פונעם געזעצגעבערישן קאָרפּוס (פּאַלאַטע פון דעפּוטאַטן).

די ראָליע פונעם קלער

אין זײַן פּאָליטיק האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער זיך געשטיצט ניט בלויז אויף גראָבער מאַכט—אויפן סאָלדאַטישן באַגנעט און פּאָליציייִשער שווערד. כּוץ דער אַרמיי פון 400 טויזנט מאַן און דעם קאָלאָסאַלן אַדמיניסטראַטיווון אַפּאַראַט (בײַ 500 טויזנט באַאַמטע) האָט

נאַפּאָלעאָן דער דריטער געהאַלטן אין זײַן רעשוס אַן אַרמײ פון 40 טויזנט גאַלאָכים און 50 טויזנט מאָנאַכן.

די דאָזיקע „שוואַרצע" מאַכנע האָט געהאַלטן אין אירע הענט אַ באַדײַטנדיקן טייל שולן און האָט געפּלאַנצט צווישן די אַרבעטנדיקע דערעכערעץ צו דער רעגירונג, צו רעליגיע און אייגנטום.

דאָס פויערטום

68 פּראָצענט באַפעלקערונג אין פראַנקרײַך האָט צום 1872 יאָר געוווינט אין דערפער און בלויז 32 פּראָצ. — אין די שטעט. די פאַנאַנדערשיכטונג פונעם פויערטום איז אין פראַנקרײַך שוין געהאַט פאַרגאַנגען זייער ווײַט.

צו דער צײַט פון דער קאָמונע זײַנען אין דאָרף געווען בא 3 מיליאָן באַטראַקעס און אָרעמפויערים, בא 2 מיליאָן פויערים האָבן געהאַט קאַרליקאָווע ווירטשאַפטן — ווייניקער פון 1 הא אפ א הויף, 75 פּראָצ. פון אַלע ווירטשאַפטן זײַנען געווען דריבנע ווירטשאַפטן (ביז 10 הא אפ א פאַמיליע), 19 פּראָצ. — מיטעלע (פון 10 ביז 40 הא) און 4,7 פּראָצענט באַלעגופּישע און גרויסבורזשואַזע ווירטשאַפטן (40 הא און העכער).

די גרונט־מאַסע פונעם פויערטום האָבן געבילדעט די אייגנטימער פון קליינע און גאָר דריבנע כאַלאָקים ערד — אַזויגערופענע פּאַרצעלן. די דאָזיקע פּאַרצעלן זײַנען אין דער עפּאָכע פון דער צווייטער אימפּעריע נאָך מער צעדריבלט געוואָרן. אויב אין 1850 יאָר האָט מען אין פראַנקרײַך געציילט 12 מיליאָן פּאַרצעלן, וואָס האָבן געהערט צו 7800 טויזנט אייגנטימער איז אין 1870 יאָר שוין געווען 14 מיליאָן פּאַרצעלן בא 9 מיליאָן אייגנטימער.

די פאַנאַנדערשיכטונג פונעם פויערטום האָט זיך פאַרגיכערט איבער די שווערע שטײַערן און די גרויסע כויוועס פון די פויערים. אין פּעריאָד פון דער צווייטער אימפּעריע האָט דער פויער געצאָלט דירעקטן ערדשטײַער, שטײַער פון פּראָדוקטן, וואָס דער פויער פירט אַרויס אין שטאָט, שטײַער באַם פאַרקויפן די ערד און אָן אַ שיר אומדירעקטע שטײַערן. באַזונדערס האָבן אפן פויער געדריקט די כויוועס. אפן ערד־אייגנטום זײַנען אין פראַנקרײַך געלעגן 12 מיליאַרד פראַנק כויוועס. אָפטמאָל האָט דער פויער לויטן נאָמען זיך גערעכנט פאַר אַן אייגנטימער פון דער ערד, ווען אינדערעמעסן זײַנען אַלע זײַנע האַכנאָסעס שוין לעכאַטכילע געווען פאַרטיילט צווישן די קרעדיטאָרן.

דער אַרבעטער־קלאַס

לויט דער פאָלק־ציילונג פון 1861 יאָר איז אין גאַנץ פראַנקרײַך געווען 2900 טויזנט אינדוסטריעלע אַרבעטער, און אפ דער דאָזיקער צאָל אַרבעטער איז אויסגעקומען 1600 טויזנט באַלעבאַטים. אויב אין פּאַריז איז אפ איין אינדוסטריעלער אונטערנעמונג אויסגעקומען 4,5 אַרבעטער, איז אינעם גאַנצן לאַנד די דאָזיקע ציפער געווען נאָך נידעריקער און האָט באַטראָפן 1,7 אַרבעטער. אַזאַ נידעריקע דורכשניטלעכע ציפער פון אַרבעטער אפ איין אונטערנעמונג באַווײַזט, אַז אין פראַנקרײַך איז געווען אַ קאָלאָסאַלע צאָל האַנטווערקערישע אונטערנעמונגען. „אין 1871 יאָר, — האָט לענין געשריבן, — איז דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַליזם נאָך געווען זייער ווייניק אַנטוויקלט, פראַנקרײַך איז דעמלט געווען הויפּטזאַכלעך אַ לאַנד פון קליינבורזשואַזיע (האַנטווערקער, פויערים, קרעמער אאַ.)".

האגאמ עס זײַנען געװען אײנצלנע אונטערנעמונגען, װאָס האָבן געהאַט הונ־דערטער און טויזנטער ארבעטער, װי אשטייגער דער מעטאלורגישער זאַװאָד אין קרעזאָ, װו עס האָבן געארבעט בא 10 טויזנט ארבעטער און אָנגעשטעלטע, אָבער די גרונט־מאסע ארבעטער איז געװען באשעפטיקט אין די קליינע, טיילװײַז האנט־װערקערישע טעקסטיל־אונטערנעמונגען, אין דער קליידער־פּראָדוקציע און בא דער בויונג. טעקסטילער זײַנען אין פראנקרײַך געװען 800 טויזנט, אין דער קליידער־אינדוסטריע האָט זיך גערעכנט 700 טויזנט ארבעטער, בויער — 400 טויזנט, און אין דער אמערסטן קאָנצענטרירטער מעטאלורגישער אינדוסטריע — סאכאקל 50 טויזנט.

ניט געקוקט אפן עקאָנאָמישן אופשטײַג, האָט זיך די לאגע פון די ארבע־טער אין די יאָרן פון דער צװייטער אימפּעריע מערקבאר פארערגערט. אין דער צײַט, װען דער ארבעטלוין האָט פון די 50־ער יאָרן ביז די 70־ער יאָרן זיך אופגעהויבן פון 10 ביז 40 פּראָצ., זײַנען די שפּײַז־פּראָדוקטן און דירע־געלט טײַערער געװאָרן אף 70 פּראָצ. דער ארבעטטאָג אין פאריז האָט ארי־בערגעשטיגן 11 שאָ, און אין דער פּראָװינץ האָט ער אלס קלאל געדויערט הע־כער 12 שאָ, דערגייענדיק אין אייניקע ערטער, װי אין דער אויבערשטער לוארע און אין ליאָן ביז 15 און אפילע 17 שאָ א טאָג.

אף די פּרוװן פון די ארבעטער צו פארבעסערן זייער לאגע דורך שטרײַקן, האָט די רעגירונג געענטפערט מיט פארנעמען די פאבריקן דורך מיליטער, װי דאָס איז ניט איינמאָל פאָרגעקומען אין די 50־ער יאָרן אף די זאַװאָדן אין קרעזאָ. אומעטום אין די װארשטאטן און אין די פאבריקן זײַנען געװען פּאָלי־צײישע שפּיאָנען. די ארבעטער־פאריינען (קאָאליציעס) זײַנען ביזן 1864 יאָר גע־װען פארבאָטן אונטער דער דראָונג פון טפיסע ביז 5 יאָר. די רעגירונג האָט דערלויבט אָרגאניזירן ארבעטער־געזעלשאפטן בלויז אונטער דער אָנפירונג פונעם אָרטיקן גאלעך און מער.

אף אונטערשטיצן אזױנע געזעלשאפטן, װאָס זײַנען געװען אָרגאניזירט אונ־טער דער אופזיכט פונעם גאלעך און פון דער פּאָליצײ, האָט די רעגירונג אין 1852 יאָר אויסגעגעבן 10 מיליאָן פראנק. די געזעלשאפטן פלעגן באקומען אומ־זיסטע דירעס.

די דאָזיקע פּריװילעגירטע „ארבעטער"־געזעלשאפטן האָבן געדארפט ארײַנ־טראָגן א שפּאלטונג אין דער פּראָלעטארישער סוויווע און פארגרינגערן די אופ־זיכט אף די ארבעטער.

די פארשארפונג פון די קלאסנ־װידערשפּרוכן

דער קריזיס פון 1866 יאָר, װאָס האָט ארויסגערופן א מאסנ־באנקראָט און א שטילשטאנד אין די געשעפטן, האָט באזונ־דערס פארשארפט די קלאסנ־װידערשפּרוכן אין דער צװייטער אימפּעריע. דער קלאסנקאמף פון די ארבעטער קעגן דער בור־זשואזיע אין די 50־ער יאָרן האָט געטראָגן הויפּטזאכלעך א כאראקטער פון עקאָ־נאָמישע שטרײַקן. אין פּעריאָד פון 1853 ביז 1859 יאָר זײַנען לויט די אָפּי־ציעלע אָנגאבן געװען 749 פּראָצעסן װעגן שטרײַקן, עס זײַנען געװען צוגעצויגן צום געריכט 4652 ארבעטער און פארמישפּעט 3909 ארבעטער.

דאָס, װאָס די ארבעטער האָבן געצװוּנגען די רעגירונג אָפּשאפן אין 1864

יאָר לע־שאפעליעס באוווסטן געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן ארבעטער־קאָאליציעס, דאָס הייסט אויך שטרײַקן, האָט ווייניק וואָס פאַרבעסערט די לאגע, ווײַל לויטן געזעץ פון 1864 יאָר פלעגט מען דערלויבן בלויז „פרידלעכע" שטרײַקן, און אז׳ מע האָט געוואָלט האָט מען געקאָנט יעדן שטרײַק דערקלערן פאַר א גוואַלד־טאַט און אָנהייבן א פּראָצעס קעגן די שטרײַקער. ניט געקוקט אף דעם, וואַקסט די שטרײַק־כוואַליע אין דער צווייטער העלפט 60־ער יאָרן, באַזונדערס אין צו־זאַמענהאַנג מיטן קריזיס פון 1866 יאָר, וואָס האָט ארויסגערופן א מאַסן־באַנ־קראָט און א שטילשטאַנד אין די געשעפטן. די פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף און דער אופשטײַג פון דער שטרײַק־באַוועגונג האָט פאַרגרעסערט דעם דערפאָלג אין דער ארבעט פונעם אינטערנאַציאָנאַל אין פראַנקרײַך. אויב ביז 1867 יאָר איז אין פּאַריזש געווען ניט מער ווי 6 הונדערט מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל, איז נאָך דעם, ווי די פראַנצויזישע סעקציע האָט זיך אַקטיוו באטייליקט אין דעם שטרײַקן־קאַמף, זײַנען ארײַן אין אינטערנאַציאָנאַל טויזנטער פראַנצויזישע ארבעטער, אין אייניקע פאַלן אפילו ארבעטער פון גאַנצע אונטערנעמונגען און ווארשטאַטן די צאָל סעקציעס פונעם אינטערנאַציאָנאַל איז אויסגעוואַקסן ביז 25.

נאַפּאָלעאָן III רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַר דער וואַקסנדיקער ווירקונג פון דער פראַנצויזישער סעקציע פונעם אינטערנאַציאָנאַל און זי האָט אין 1868 יאָר געמאַכט 2 געריכט־פּראָצעסן און גענומען רוידעפן די אָנטיילנעמער פונעם אינטערנאַציאָנאַל מיט אכזאָרישע שטראָפן און גראָמירן די אָרגאַניזאַציעס פונעם אינטערנאַציאָנאַל אין פראַנקרײַך.

ניט געקוקט אף די פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג, איז די פראַנצויזישע סעקציע פונעם אינטערנאַציאָנאַל גיך געקומען צו זיך, און אין 1870 יאָר אָרגאַ־ניזירט די רעגירונג צוליבן קאַמף קעגן דער סעקציע א דריטן געריכט־פּראָצעס. די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג פון די מיטגלידער פונעם אינטערנאַציאָנאַל בײַם די פּראָצעסן האָט פאַרשטאַרקט די פּאָפּולערקײַט פונעם אינטערנאַציאָנאַל צווישן די פראַנצויזישע ארבעטער אזוי, אז די פּראָצעסן האָבן ניט דערגרייכט יענע צילן, וועלכע די רעגירונג האָט פאַר זיך געשטעלט.

אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרשטאַרקטער ווירקונג פונעם אינטערנאַציאָנאַל זײַנען די שטרײַקן סאָף 60-ער יאָרן אריבערגעוואַקסן אין פּאָליטישע און געטראָגן אַן אויסערסט אקשאָנעסדיקן און פאַרביטערטן כאַראַקטער.

בײַסן גרויסן פּאָליטישן שטרײַק פון די קוילנגרעבער, וואָס האָט אין 1869 יאָר ארומגעכאַפּט גאַנץ לוּארער באַסיין, האָט דאָס אימפּעראַטאָרישע מיליטער 2 מאָל געשאָסן אין די ארבעטער; דאָס ערשטע מאָל זײַנען אין ריקאָמאַרי דער־הארגעט געוואָרן 13 שטרײַקער און פאַרווונדעט געוואָרן 2, דאָס צווייטע מאָל זײַנען דערהארגעט געוואָרן 15 און פאַרווונדעט 20 ארבעטער.

דער שטרײַק אין קרעזאָ אין 1870 יאָר, וואָס איז אויסגעבראָכן פאַרן אָפּ־זאָגן פון דער ארבעט דעם מיטגליד פונעם אינטערנאַציאָנאַל אַסי, האָט אויך גע־טראָגן א פּאָליטישן כאַראַקטער.

דער אקשאָנעסדיקער קאַמף פון די ארבעטער אין די שטעט האָט ארויסגע־רופן א באַוועגונג אין דאָרף. בײַסן שטרײַק אין קרעזאָ האָבן די שטרײַקער גע־מאַכט א פּרוּוו זיך צו פאַרבינדן מיטן פּויערטום. דער מיטגליד פונעם אינטערנאַציאָ־

גאל מאלאָנ האָט אינ 1870 יאָר דערקלערט, אז אפנ קומענדיקנ קאָנגרעס וועלנ די פראנצויזישע אָרגאניזאציעס פונעמ אינטערנאציאָנאל שוינ האָבנ א פאָרשטייער־שאפט אויכ פונ די פויערימ.

א שארפע אומצופרידנקייַט קעגנ דער רעגירונג איז געווענ ניט בלויז בא די ארבעטער אונ פויערימ, נאָר אויכ בא דער בורזשואזיע אונ בא די קלייַנבירגער-



דער שטרייַק אינ קרעזאָ

לעכע מאסנ פונ שטאָט. די אינדוסטריעלע בורזשואזיע איז געווענ ביז גאָר אומ-צופרידנ פונעמ האנדל־אָפּמאכ מיט ענגלאנד, וואָס נאפּאָלעאָנ III האָט גע-שלאָסנ אינ 1860 יאָר. לויטנ דאָזיקנ אָפּמאכ זייַנענ אייַנגעפירט געוואָרנ נידעריקע גרענעצ־אָפּצאָלנ אפ ענגלישע אינדוסטריעלע סכוירעס, אונ דאָס האָט געשטעלט אינ א געפאר די מער שוואכע פראנצויזישע אינדוסטריע. די שווערע שטייַערנ אפ אויסהאלטנ די אדמיניסטראציע אונ קלייקוידעש, די מאָביליזאציעס צוליב די לאנגדויערנדיקע אונ בלוטיקע מילכאָמעס קעגנ די אפריקאנישע שוואָטימ, וואָס האָבנ זיכ קעגנגעשטעלט קעגנ דעמ דראנג פונ די פראנצויזישע קאָלאָניזאטערס קיינ אלזשיר אונ מאראָקע, אונ אלערליי אנדערע אוואנטיורעס פונ דער אימפּע־ראטערישער רעגירונג, וואָס האָבנ געקאָסט זייער טייַער אונ פלעגנ זיכ אויסלאָזנ מיט א דורכפאל, האָבנ ארויסגערופנ אנ אומצופרידנקייַט בא די קלייַנבירגערלעכע מאסנ אינ שטאָט.

א באזונדערע אומצופרידנהייט קעגנ דער רעגירונג האָט ארויסגערופנ די עקספּע-דיציע קיינ מעקסיקע. דעמ אנהייב פונעמ בירגערקריג אינ די פּשא האָט נאפּאָלעאָנ געהאלטנ פאר א פּאסיקנ מאָמענט אפ צו פארכאפּנ טעריטאָריעס אינ אמעריקע. אינ 1861 יאָר האָט פראנקרייַכ אינ א בונד מיט ענגלאנד אונ שפּאניע געשיקט מיליטער קיינ צענטראל-אמעריקע, קעדיי ארופּזעצנ אפנ טראָנ פונ דער אומאָפּהענגיקער מעלוכע פונ

מעקסיקע דעמ פראנצויזישנ פראטעזשע — דעמ הערצאָג מאקסימיליאנ. צוויי יאָר האָט דאָס פראנצויזישע מיליטער געפירט א בלוטיקע מילכאָמע אינ מעקסיקע, אונ דעמ 3-טנ יונ 1863 יאָר האָבנ די פראנצויזישע מיליטער-טיילנ פארנומענ די הויפּט־שטאָט פונ דער מעלוכע — מעקסיקע.

די דאָזיקע מילכאָמע האָט אָפּגעקאָסט דעמ פראנצויזישנ פאָלק א סאכ לעבנס אונ א קאָלאָסאלע סומע געלט. ענדלעכ, איז מאקסימיליאנ, געשטיצט פונעמ פראנצויזישנ מיליטער, ארופּ אפנ טראָנ פונ מעקסיקע, אָבער אינ 1867 יאָר האָבנ אימ די אופגעשטאנענע מעקסיקאנער גענומענ אינ געפענקעניש אונ דערשאָסנ.

די גראָבע גוואלדטאט פונ דער פראנצויזישער רעגירונג איבער דער זעלבשטענדיקער מעלוכע אינ מעקסיקע, די אכזאָריעסנ פונעמ פראנצויזישנ מיליטער קעגנ די מעקסיקאנער רעוואָליוציאָנערנ, די קאָלאָסאלע צאָל מענטשלעכע קאָרבאָנעס אונ אומגעהייערע הויצאָעס אפ דער אומגעלונגענער מעקסיקאנישער אוואנטיורע האָבנ בא די ברייטע פאָלקמאסנ אינ פראנקרייכ ארויסגערופנ א שטורעמ פונ גרימצאָרנ קעגנ נאפּאָלעאָנ III.

ניט געקוקט אפ די צענזור-פארבאָטנ באוויזנ זיכ סיסטעמאטיש אינ די קליינבירגערלעכע צייטונגענ, זשורנאלנ אונ פלוג-בלעטלעכ שארפע אָנפאלנ אפ נאפּאָלעאָנ III רעגירונג.

די אלגעמיינע אומצופרידנקייט אונ די קלאסנ-ווידערשפּרוכנ האָבנ זיכ אפ אזויפיל פארשארפט, אז איינער פונ נאפּאָלעאָנ III נאָענטע אייצעגעבערס, סילוועסטער דע־סאסי, האָט געקאָנט אָנשרייבנ אינ 1870 יאָר: „פונ אלע זייטנ האָבנ זיכ באוויזנ די געפערלעכסטע סימאָנימ פונ בירגערקריג אונ סאָציאלער מילכאָמע... די בורזשואזיע האָט זיכ ארייַנגענומענ עפּעס א שיגאָענ פונ... ליבעראליזמ אונ די באפעלקערונג פונ די ארבעטער-שטעט — א שיגאָענ... פונ סאָציאליזמ".

וואָס זשע פאר אנ אויסוועג פונ דער דאָזיקער לאגע האָבנ נאפּאָלעאָנ אונ די מיטגלידער פונ זיינ רעגירונג גערעכנט צו געפינענ? וועגנ דעמ זאָגט איידעס דער זעלבער דע־סאסי. „דאפקע דעמלט האָט עס דער אימפּעראטער ריזיקירט מיט אנ אנטשלאָסענעמ שריט — מיט א מילכאָמע קעגנ פרייסנ" — שרייבט ער. „איכ האָב זיכ ניט קעגנגעשטעלט קעגנ דער אויסערלעכער מילכאָמע, — זעצט פאָר דער אווטער, — ווייל זי האָט מיר אויסגעזענ צו זיינ דער לעצטער רעסורס, דאָס לעצטע מיטל אפ ראטעווענ דאָס פאָטערלאנד".

די פראנצויזיש-פרייסישע מילכאָמע

דער ווּקס פונ דער מעכטיקייט פונ פרייסנ אונ די פּרווונ פונ פרייסנ פאראייניקנ דייטשלאנד אונטער זיינ העגעמאָניע זייַנענ געווענ א געפאר פאר פראנקרייכס הערשאפט אפנ אייראָפּיישנ קאָנטינענט. דעריבער האָט פראנקרייכ אפ פארשיידענע אופאנימ זיכ קעגנגעשטעלט די פּרווונ צו פאראייניקנ די צעברעקלטע דייטשישע מעלוכעס. ווענ פרייסנ איז, ניט געקוקט אפ פראנקרייכס ווידערשטאנד, צוגעטראָטנ צו פארווירקלעכנ ביסמארקס פּלענער, האָט פראנקרייכ געפאָדערט פונ דייטשלאנד, עס זאָל אימ אָפּטרעטנ אייניקע טעריטאָריעס.

בייס דער מילכאָמע פונ 1866 יאָר קעגנ עסטרייכ האָט ביסמארק געהאט צוגעזאָגט נאפּאָלעאָנ III פאר זיינ נייטראליטעט אינ דער דאָזיקער מילכאָמע אָפּצוגעבנ א טייל דייטשישע טעריטאָריעס. ווענ די מילכאָמע האָט זיכ פארענדיקט מיט עסטרייכס אנטשיידענער מאפּאָלע, האָט ביסמארק געפונענ פאר

מעגלעכ ניט אויספילנ זײַנ צוזאָג, באשטימענדיק, אז פרײַסנ איז נאָכנ ניצאָכנ איבער עסטרײַכ געוואָרנ גענוג שטארק, קעדיי דאָס ניט צו טאָנ.

צו א מילכאָמע האָבנ געשטויסנ פראנקרײַכ סײַ די רעאקציאָנערע שטרעבונגענ ניט צו לאָזנ די צעברעקלטע דײַטשישע מעלוכעס זיכ פאראייניקנ אונ סײַ די שטרעבונג פונ דער דינאסטיע אונ פונ דער רעגירונג צו פארפעסטיקנ איר לאגע דורכ א געלונגענער מילכאָמע, וואָס האָט געזאָלט נאָכדעמ ברענגענ צומ פארכאפנ דעמ רורער קוילנ-באסיינ אונ דעמ לינקנ ברעג פונ ריינ. פאר דײַטשלאנד ווידער איז די מילכאָמע געווענ א מיטל צו ליקווידירנ די צעברעקלטקײַט, א מיטל צו שאפנ אנ איינהײַטלעכע נאציאָנאלע מעלוכע אונ דעריבער איז דאָס היסטאָריש געווענ א פראָגרעסיווע אונ באשיצלערישע מילכאָמע. דעמ דאָזיקנ מאָמענט האָבנ אלע ארבעטער ניט גענוג קלאָר פארשטאנענ.

דעריבער איז ווענ די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ יול 1870 יאָר, האָט דער אינטערנאציאָנאל אינ זײַנ אופרופ צו די ארבעטער, אָנגעשריבנ פונ מארקסנ, אופגעקלערט די געשאפענע סיטואציע אונ אָנגעוויזנ די ארבעטער, ווי זיי דארפנ האנדלענ אינ די געשאפענע באדינגונגענ. אינעמ אופרופ פונעמ אינטערנאציאָנאל איז די אינטערנאציאָנאלע פאָליטיק פונעמ פראָלעטאריאט קעגנגעשטעלט געוואָרנ קעגנ דער אינטערנאציאָנאלער פאָליטיק פונ דער בורזשואזיע אונ די פריצימ, ווי א גרונטלעכ-פארשיידענע פאָליטיק. אינעמ זעלבנ דאָקומענט איז געוואָרנ אונטערגעשטראָכנ, אז מיצאד דעמ אָפיציעלנ פראנקרײַכ איז די דאָזיקע מילכאָמע א רעאקציאָנערע, א דינאסטישע מילכאָמע. „צי איז די דאָזיקע מילכאָמע א גערעכטיקע? — האָט מארקס געפרעגט אונ געענטפערט — ניינ! צי איז די דאָזיקע מילכאָמע א נאציאָנאלע? ניינ! די דאָזיקע מילכאָמע איז אויסשליסלעכ א דינאסטישע". פאר באָנאפארטנ איז די מילכאָמע א פאָרזעצונג פונ זײַנ פאָליטיק צו פארפעסטיקנ זײַנ דינאסטיע, צו פארפעסטיקנ זײַנ מאכט אינ פראנקרײַכ. דעריבער דארפנ די ארבעטער זיכ אויכ ווײַטער האלטנ בא זייער פאָליטיק קעגנ באָנאפארטנ אונ קעגנ זײַנ מילכאָמע, פונקט ווי אינ פרידנצײַט. אינ פרידנצײַט האָבנ זיי געשטרעבט אָפצושוואכנ באָנאפארטנ, קעדיי דערנאָכ אימ אראָפצושלײַדערנ. בײַס דער מילכאָמע דארפנ זיי שטרעבנ צו דעמ זעלבנ.

„פאר די דײַטשנ איז די דאָזיקע מילכאָמע, — ווערט געזאָגט אינעמ אופרופ, — א באשיצלערישע". אָבער ווער איז שולדיק אינ דעמ, וואָס דײַטשלאנד איז געצוווּנגענ זיכ צו פארטיידיקנ? שולדיק איז פרײַסנ, וואָס וויל אפ א באָנאפארטיסטישנ, אפ א קאָנטררעוואָליוציאָנערנ אויפנ דערשטיקנ די דעמאָקראטישע באוועגונג פאר א פאראייניקונג פונ דײַטשלאנד אונ וויל די דאָזיקע פאראייניקונג פארווירקלעכנ מיטנ קויעכ פונ געווער. פרײַסנ האָט אפ אזא אויפנ אָנגעבונדנ דײַטשלאנד מילכאָמע, געצוווּנגענ עס צו פארטיידיקנ זיכ מיט געווער. דעריבער דארפנ די דײַטשישע ארבעטער שארפ נאָכשפּירנ נאָכנ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ פרײַסנ, וואָס וועט פארשטענדלעכ, זיכ ניט באנוגענענ בלויז מיט צעגראָמירנ פאָשעט באָנאפארטנ, נאָר עס וועט נאָכ וועלנ דערנאָכ בארויבנ פראנקרײַכ. די דײַטשישע ארבעטער דארפנ ניט דערלאָזנ, אז די דאָזיקע באשיצלערישע מילכאָמע זאָל דעגענערירנ צו א רויבערישער מילכאָמע, אינ קעגנפאל וועט דער ניצאָכנ פונ פרײַסנ זײַנ זייער מאפּאָלע.

ארויסגייענדיק פונ די דאָזיקע פרינציפנ, וואָס זיי האָבנ פראָקלאמירט אינ

נאָמען פונעם אינטערנאַציאָנאַל, האָבן מאַרקס און ענגעלס באַגיטיקט די טאַקטיק פון די פאָרשטייער פונעם דײַטשישן פראָלעטאַריאַט — פון בעבעלן און ווילהעלם ליבקנעכטן, ווען זיי האָבן אינעם צפון־דײַטשישן רײַכסטאַג אין סאַמע אָנהייב מילכאָמע זיך אָפּגעזאָגט צו שטימען פאַר קריג־קרעדיטן. דערפאַר האָט ביסמאַרק אַרײַנגעזעצט בעבעלן און ליבקנעכטן אין פעסטונג, אַלס „מעלוכע־פאַרעטער".

די קריג־אָפּע־ראַציעס

ניט געקוקט אַפ דעם, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט שוין לאַנג זיך געגרייט צו א מילכאָמע מיט פרײַסן, האָט דאָס פראַנצויזישע מיליטער אין די ערשטע שלאַכטן מיט די דײַטשן (4/VIII בא ווייזענבורג, 6/VIII 1870 יאָר בא פאָרבאַך) געליטן א ביטערע מאַפּלע.

די שלעכטע באַזאָרגונג און מושטירונג פון דער אַרמיי, די ניט פּאָפּולערקײַט פון דער מילכאָמע, די פײַנטשאַפט פון די פראַנצויזישע אַרבעטער און פויערים צו נאַפּאָלעאָן III רעגירונג האָבן געטאָן זייער זאַך, — דאָס פראַנצויזישע מיליטער איז געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן ווײַט אין לאַנד, אײַנגיכן איז איין טייל אַרמיי, אונטער גענעראַל באַזענס קאָמאַנדע, אַרומגערינגלט געוואָרן פון די דײַטשן אין דער פעסטונג מעץ, און דער צווייטער טייל, דער גרעסטער טייל אירער, וועלכן עס האָט געפירט דער גענעראַל מאַק־מאַגאָן און דער אימפּעראַטער אַליין, איז געוואָרן אַרומגערינגלט פונעם פרײַסישן גענעראַל מאָלטקעס מיליטער.

דעם 1־טן סענטיאַבער איז אונטער סעדאַן פאָרגעקומען א בלוטיקע שלאַכט, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט, אַז דאָס פרײַסישע מיליטער האָט גענומען אין געפענקעניש 86 טויזנט סאָלדאַטן, 39 גענעראַלן, דעם אימפּעראַטער אַליין, און האָבן פאַרכאַפּט דערבײַ 650 האַרמאַטן.

33. דאָס פאַלן פון דער צווייטער אימפּעריע

די רעוואָלוציע פון 4־טן סעפּ־טיאַבער 1870

נאָך דער ידיעה וועגן דער צעגראָמירונג פון דער אַרמיי און וועגן דעם, אַז דער אימפּעראַטער האָט זיך שענדלעך געלאָזט נעמען אין געפענקעניש, האָבן די פאָלקמאַסן פון פּאַריזש דעם 4־טן סענטיאַבער מיט גוואַלד זיך אַרײַנגעריסן אין זיצונג־זאַל פון דער דעפּוטאַטן־פּאַלאַטע און האָבן געצוווּנגען צו פּראָקלאַמירן א רעפּובליק.

אָבער די ניט־צוגעגרייטקײַט פון די מאַסן צום פאַרכאַפּן די מאַכט — דאָס אויספעלן פון א פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי — האָט געגעבן די מעגלעכקײַט דער גרויסבורזשואַזיע אויסצובילדן א צײַטווײַליקע רעגירונג.

אין שפּיץ פון דער דאָזיקער „רעגירונג פון נאַציאָנאַלער שוץ" אָדער „נאַציאָנאַלן פאַראַט", ווי מע האָט זי גערופן, האָבן זיך געשטעלט די אויסגעשפּראָכענע סאָנים פונעם אַרבעטער־קלאַס און פונעם סאָציאַליזם — דער גענעראַל טראָשיו (פּאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט און קריג־קאָמענדאַנט פון דער הויפּט־שטאָט), וואָס האָט ניט באַהאַלטן זײַנע מאָנאַרכיסטישע סימפּאַטיעס, און דער אַדוואָקאַט זשול־פאַווער (אויסערן־מיניסטער).

די באַלאַגערונג פון פּאַריז און דער אופשטאַנד פון 21־טן אָקטיאַבער און 22־טן יאַנוואַר

אין יענער צײַט האָבן די פּרײַסן זיך אַלץ גערוקט צו פּאַריז און האָבן דערמיט אַליין באַשטעטיקט דאָס, וועגן וואָס מאַרקס האָט געוואָרנט די דײַטשישע אַרבעטער: פּרײַסן האָט ניט געוואָלט פאַרענדיקן די מילכאָמע, ביז עס וועט ניט באַרויבן פראַנקרײַך. דעם 18־טן סעפּטיאַבער האָט דאָס פּרײַסישע מיליטער באַלאַגערט פּאַריז.

ווען אין פראַנקרײַך איז פאָרגעקומען די רעוואָליוציע פון 4־טן סעפּטיאַבער, האָט דער גענעראַל־ראַט פונעם אינטערנאַציאָנאַל אַרויסגעלאָזן אַ נײַעם אופרוף צו די אַרבעטער פון אַלע לענדער, אויך דעם אופרוף האָט מאַרקס אָנגעשריבן. אינעם דאָזיקן דאָקומענט פון אינטערנאַציאָנאַל פאָדערט מאַרקס פון די דײַטשישע אַרבעטער, זיי זאָלן אויסניצן זייער גאַנצע קראַפט, קעדיי צו צווינגען די פּרײַסישע רעגירונג אָפּצוזאָגן זיך פון דער פאַרכאַפּערישער מילכאָמע און טייקעף שליסן אַ ווירדיקן שאָלעם מיט דער פראַנצויזישער רעפּובליק. די דײַטשישע אַרבעטער דאַרפן טייקעף פאַנאַנדערוויקלען אַן אַקטיוון קלאַסנקאַמף קעגן ביסמאַרקס רעגירונג. ווענדנדיק זיך צו די פראַנצויזישע אַרבעטער, דערקלערט זיי מאַרקס, אַז די רעפּובליק פון 4־טן סעפּטיאַבער — איז ניט זייער רעפּובליק. אין שפּיץ פון דער רעפּובליק שטייט אַ רעגירונג פון סאָנים פונעם אַרבעטער־קלאַס. פאַרן אַרבעטער־קלאַס אין פראַנקרײַך שטייט אַן אופגאַבע צו דעראָבערן אַן אייגענע, אַן אַרבעטער־רעפּובליק. אָבער איצט געפינט זיך דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט אין אַן אויסערסט שווערער לאַגע. אַרויסטרעטן איצט, גלײַך, ווען די פּרײַסן שטייען בײַ די טויערן פון פּאַריז, וואָלט געווען „אַ מויִרעדיקע נאַרישקײַט”, ווײַל אין דעם געגעבענעם מאָמענט האָט דער פּראָלעטאַריאַט פון פראַנקרײַך נאָך ניט באַוויזן זיך צו אָרגאַניזירן אַף צו פאַרכאַפּן די מאַכט. די אַרבעטער דאַרפן אויסניצן די רעפּובליקאַנישע פרײַהײַט אַף בעסער צו פאַרפעסטיקן זייער אָרגאַניזאַציע. דאָס פאַרפעסטיקן די אָרגאַניזאַציע וועט געבן דעם אַרבעטער אַ ריזן־קראַפט, קעדיי מיט דערפאָלג אויסצוקערעווען דאָס געוועט, וואָס געפינט זיך איצט בײַ זיי אין די הענט, אויסקערעווען קעגן זייער אייגענער בורזשואַזיע און זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענער אַרבעטער־רעפּובליק.

אָבער אינעם פּעריאָד פון דער באַלאַגערונג איז פאַרשוועריקט געוואָרן די אָרגאַניזירונג פונעם אַרבעטער־קלאַס, דאָס צוגרייטן אים צום קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

די באַלאַגערונג פון פּאַריז האָט אַרויסגערופן אַן אַרבעטלאָזיקײַט: אַ גרויסע צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין דער הויפּט־שטאָט האָט פּראָדוצירט לוקסוס־זאַכן פאַר פראַנקרײַך און אייראָפּע. אינעם באַלאַגערטן פּאַריז זײַנען זיי געווען געצוווּנגען זיך צו פאַרמאַכן.

איניִכן האָבן אָנגעהויבן אויספעלן שפּײַז־פּראָדוקטן און הייצוואַרג. די פּרײַזן אַף אַלע זאַכן פון ערשטן געברויך זײַנען אויסערגעוויינלעך געוואָקסן. די אַרבעטער־באַפעלקערונג פון פּאַריז האָט געמוזט זיך שפּײַזן מיט מײַז, מיט קעציש און הינטיש פלייש.

די פיר כאָדאָשים באַלאַגערונג האָבן געבראַכט אויסשליסלעך שווערע ליידן פאַר די אַרבעטער און האַנטווערקער פון דער הויפּט־שטאָט. טראָשיוס רעגירונג

האָט מיט אלע קויכעס געזוכט אײַנצוהיטנ דעם פרײַזנ האנדל אינ דער באלאגערטער שטאָט און דאָס האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט די סאָכרים די ספעקוליאנטנ אָנצולעבנ זיכ פונ די נויטנ פונ פאָלק קאָלאָסאלע געלטער.

די רעגירונג האָט זיכ ניט געװאָלט אײַנצופירנ א קארטלעכ-סיסטעם און אײַנשטעלנ פעסטע פרײַזנ אפ פראָדוקטנ, זי האָט ניט אָנגענומענ קיינ שום מיטלענ אפ דיסקאָנטירנ די רעזערװנ דערנערונג, װאָס האָבנ זיכ נאָכ געפונענ אינ פאריזש



אינ דער צײַט, װענ אינ די מיזרעכדיקע ארבעטער-קרײַזנ פונ פאריזש איז מענ געשטאָרבנ פונ הונגער און נויט, האָט די בורזשואזיע אינ די צענטראלע און באזונדערס אינ די מײַרעװדיקע ...

אינ די ערשטע טעג פונ דער באלאגערונג האָט די פאטריאָטישע שטימונג ארומגעכאפט ניט בלויז די קלייַנבורזשואזיע, נאָר אויכ די ארבעטער פונ פאריזש. אפילע בלאנקי האָט אינ זײַנ צײַטונג „דאָס פאָטערלאנד — אינ געפאר” גערופנ דעמלט צו קלאסנ-שאָלעם און איז געװענ גרייט אונטערצוהאלטנ טראָשיוס און פאווערס רעגירונג.

אָבער אינגיכנ האָבנ זיכ אים געעפנט די אויגנ אפ דער פארברעכערישער פאָליטיק פונ דער דאָזיקער רעגירונג פונ דער בורזשואזיע. שוינ אָנהייב אָקטיאבער האָט ער געשריבנ:

„מיר האָבנ געהאט פאר זיכ בלויז פרײַסנ — פרײַסנ אינערלעכע און פרײַסנ אויסערלעכע”... „פינאנסיסטנ, אייגנטימער, קאָמערסאנטנ, סעניאָרנ פונעם גאָלדזאק — אפ זיי שטיצט זיכ די רעגירונג פונ נאציאָנאלער שוץ”.

טראָשיוס בורזשואזע רעגירונג האָט א סאכ מער מוירע געהאט פאר די ארבעטער, איידער פאר די פרײַסנ און דעריבער איז אָנשטאָט װירקלעכ צו באשיצנ

פאריזש, האָט זי אָנגעהויבנ פירנ אונטערהאַנדלונגענ מיט די פּרײַסנ וועגנ אָפּגעבנ זײ פאריזש.

די באַטאַליאָנענ פונ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָבנ זיכ געשאַפנ בײַס דער רעוואָליוציע פונ 4-טנ סענטיאַבער אַפ באַשיצנ פאריזש, האָט טראָשיו פאַרעטעריש אַרויסגעשיקט אײַנציקווײַז אַפ צוועקלאָזע אַרויסטרעטונגענ, כּדי דאָס דײַטשישע מיליטער זאָל זײ צעקלאַפּנ.

דערוויײַל זײַנענ פונ מײַרעוו-פראָנט פונ דער פעסטונג מעצ אָנגעקומענ קײנ פאַריזש אומרויִקע ידיעות. דעמ 27-טנ אָקטיאַבער 1870 יאָר האָט מאַרשאַל באַזענ 2 הונדערט טויזנטיקע אַרמײ זיכ אונטערגעגעבנ צו די פּרײַסנ.

אַלס ענטפער דערויפ האָבנ די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער דעמ 31-טנ אָקטיאַבער געמאַכט אַנ אויפשטאַנד אינ פאַריזש, פאַרכאַפּט דאָס ראַטהויז, דערקלערט טראָשיוס רעגירונג פאַר אָראָפּגעוואָרפנ און פּראָקלאַמירט אַ בלאַנקיסטיש-יאַקאָבינישע רעגירונג, וואָס אינ איר באַשטאַנד זײַנענ אַרײַנ בלאַנקי, זײַנ אָנהענגער פלוראַנס, אַ באַוווסטער טוער פונ 1848 יאָר, און די פשאַרעמאַכער, באַוווסט נאָכ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר,— לוי בלאַנ און לעדריו-ראָלענ.

בלאַנקי

איבער דער ניט אָרגאַניזירטקײַט פונ דער נײַער רעגירונג האָבנ די בורזשואַזע באַטאַליאָנענ פונ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זי אַרעסטירט און דערשטיקט דעמ אויפשטאַנד. פלוראַנס איז פאַרמישפּעט געוואָרנ צו טויט-שטראָפ.

הינטער די אויגנ האָט מענ אויכ פאַרמישפּעט צו טויט-שטראָפ בלאַנקינ, וואָס האָט באַוויזנ זיכ צו באַהאַלטנ אינ אונטערערד.

אינ 3 כאָדאָשימ אַרומ, דעמ 22-טנ יאַנוואַר איז פאָרגעקומענ אַ נײַער אויפשטאַנד.

די דאָזיקע דרײַ כאָדאָשימ זײַנענ געווענ ביז גאָר שווערע פאַר די אַרבעטנדיקע פונ פאַריזש. גרויסע נויט, באַלאַגערונג, הונגער, עפּידעמיעס, דאָס באַשטימענ אַפנ אָרט פונ טראָשיו דעמ גענעראַל ווינוא, וואָס האָט דערקלערט אַנ אַנטשײדענעמ קאַמפ קעגנ די „אַנאַרכיסטישע" עלעמענטנ דאָ, קעגנ די אַרבעטער, און די קלאַנגענ וועגנ דער קאַפּיטוליאַציע פאַר די פּרײַסנ — אָט דאָס האָט מיטגעבראַכט צו דער נײַער אַרויסטרעטונג.

דאָסמאָל איז דער אויפשטאַנד, מיט וועלכנ עס האָט אָנגעפירט בלאַנקי, וואָס איז אַרויס פונ אונטערערד, געווענ דערשטיקט פונ אָנהייב אָנ.

די האַרמאַטנ פונ דער רעגירונג האָבנ צעשאָסנ די אַרבעטער-באַטאַליאָנענ פונ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָבנ אַרומגערינגלט דאָס ראַטהויז.

די גרונט-סיבע פונ דער מאַפּאָלע איז באַשטאַנענ דערינ, וואָס די אָנפירער פונעמ אויפשטאַנד האָבנ געהאַנדלט אַפ אַ פאַרשווערערישנ אויפנ און האָבנ ניט באַוויזנ צו פאַרבינדנ זיכ מיט די מאַסנ.

נאָכנ דאָזיקנ אויפשטאַנד האָט די רעגירונג פאַרמאַכט אַלע רעוואָליוציאָנערע קלובנ אינ פאַריזש.

די אויסבילדונג פונעמ צק פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע

די דערפארונג פונ די צוויי אופשטאנדנ איז ניט אדורכ אומזיסט פאר די פאריזשער ארבעטער. זיי הייבנ אָנ שאפנ זייער שלאכט־אָרגאניזאציע. פונ באזונדערע ראטנ, וואָס זײַנענ געשאפנ געוואָרנ אינ באזונדערע ראָטעס אונ באטאליאָנענ נאָכ אינ סענטיאבער, איז אינ פעווראל געשאפנ געוואָרנ אַנ אָרגאניזאציע, וואָס האָט פאראייניקט די גאנצע נאציאָנאלע גווארדיע, — דער צענטראל־קאָמיטעט פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע.

אינ 6 טעג ארומ נאָכנ אופשטאנד, דעמ 28־טנ יאנווואר, האָט די „רעגירונג פונ נאציאָנאלער שוץ” אָפּגעגעבנ פאריזש די פרייַסנ.

אינ נאָמענ פונ גאנצ פראנקרײַכ איז אונטערגעשריבנ געוואָרנ די קאפיטוליאציע. לויט אירע באדינגונגענ האָט זיכ דאָס רעגולערע מיליטער פונ פאריזש (אכוצ דער נאציאָנאלער גווארדיע) אנטוואָפנט, א טייל פאָרטנ האָבנ די פרײַסנ פארנומענ אונ פאריזש האָט געצאָלט קאָנטריבוציע 200 מיליאָנ פראנק.

אכוצ דעמ, האָבנ די באדינגונגענ פונ קאפיטוליאציע אונ וואָפנשטילשטאנד פאָרגעזענ צונויפצורופנ די נאציאָנאלע פארזאמלונג, וואָס האָט געדארפט אונטערשרײַבנ דעמ שאָלעמ, וואָס די זיגער האָבנ פאָרגעלייגט.

די נאציאָנאלע פארזאמלונג אינ באָרדאָ

די וואלנ צו דער דאָזיקער נאציאָנאלער פארזאמלונג זײַנענ באשטימט געוואָרנ אפנ 8־טנ פעווראל. בייס די וואלנ זײַנענ 43 דעפארטאמענטנ געווענ פארנומענ פונ דײַטשישנ מיליטער, וועגנ קיינ שומ פרײַהײַט פונ פאָרוואל־אגיטאציע איז אפילע ניט געווענ וואָס צו ריידנ.

די פרעסע, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ די הענט בא טיערנ אונ בא די באָנאפארטיסטנ, האָט געזונגענ אײַנצוריידנ דעמ פויערטומ, וואָס האָט געליטנ פונ די לאסטנ פונ דער מילכאָמע, אז טיער אונ די בורזשואזיע ווילנ שאָלעמ, אינ דער צײַט ווענ פאריזש וויל מילכאָמע.

טיער

דער קאטוילישער קלער האָט אינ די קירכעס אגיטירט פאר די בורזשואזע צעטלענ.

בא די וואלנ זײַנענ אינ דער איבערוועגנדיקער מערהײַט דורכגעגאנגענ קאנדידאטנ פונ די בורזשואזע פארטייענ, פונ 750 דעפוטאטנ, וואָס זײַנענ זיכ צונויפגעפאָרנ אינ באָרדאָ צו דער עפענונג פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, זײַנענ 450 געווענ מאָנארכיסטנ. דעמ 13־טנ פעווראל האָט די דאָזיקע פארזאמלונג אויסגעוויילט פאר דעמ הויפט פונ דער רעגירונג טיערנ, וואָס האָט נאָכ אינ 1834 יאָר זיכ באטייליקט אינ דערשטיקנ דעמ ליאָנער אופשטאנד.

די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האָס באשטעטיקט דעמ וואָפנשטילשטאנד אונ דערנאָכ האָט זי אונטערגעשריבנ די באדינגונגענ פונעמ שענדלעכנ שאָלעמ

מיט די דײַטשנ (פראנקרײַכ האָט זיכ פארפליכטעט צאָלנ א קאָלאָסאלע קאָנטריבוציע פונ 5 מיליארד פראנק אונ אָפגעבנ די דײַטשנ עלזאס לאָטארינגיע).

אינ דער זעלבער צײַט איז די בורזשואזיע אריבער אינ אָנגריפ קעגנ די ארבעטער אונ קעגנ דער נאציאָנאלער גווארדיע, קעדיי צוגרייטנ איר אומקער קיינ פאריזש. לויטנ דעקרעט פונ 15־טנ פעווראל האָט מענ בא די נאציאָנאלע גווארדייער אָפגענומענ דעמ ניט גרויסנ געהאלט ($1\frac{1}{2}$ פראנק א טאָג), וואָס זיי פלעגנ באקומענ. די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט זיכ אָפגעזאָגט צו פראָלאָנגירנ דעמ טערמינ פונ צאָלנ דירע-געלט, וואָס די פאריזשער האָבנ ניט געהאט ארײַנגעטראָגנ זינט דער באלאגערונג. דרײַ פערטל באפעלקערונג האָט מענ געזאָלט ארויסווארפנ פונ די דירעס פאר ניט צאָלנ קיינ דירע-געלט.

עס ווערנ פארמאכט די רעוואָליוציאָנערע צײַטונגענ. צולעצט, האָט די רעגירונג צונויפגעצויגנ מיליטער צו פאריזש אונ באשלאָסנ אנטוואָפענענ די ארבעטער.

34. די קאָמונע

אינ דער נאכט אקעגנ 18־טנ מארט האָט מענ דאָס רעגירונג־מיליטער א רוק געטאָנ צו די הויכקײַטנ פונ מאָנמארטער, דאָרט האָבנ זיכ געפונענ די הארמאטנ, וואָס זײַנענ געווענ געקויפט אפ די פרײַוויליקע נעדאָוועס פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע. די רעגירונג האָט באשלאָסנ אָפנעמענ די דאָזיקע הארמאטנ בא די ארבעטער. אָבער זי האָט א טאָעס געהאט.

„באגינענ האָט מענ די אָטריאדנ פונ דעמ רעגולערנ מיליטער א רוק געטאָנ צומ מאָנמארטער. דאָס הײַפל נאציאָנאלע גווארדייער, וואָס האָבנ באשיצט די הארמאטנ אפנ פלאצ סענ־פיער, האָבנ זיכ ניט גערעכנט אפ אנ אָנפאל אונ מע האָט בא זיי די הארמאטנ אָפגענומענ. מע האָט זיי שוינ אָנגעהויבנ אראָפלאָזנ קיינ פאריזש אָנ שומ שטערונגענ, נאָר אָט האָבנ צומ אבאטנטומ-פלאצ זיכ א לאָז געטאָנ מאסנווײַז די פרויענ פונ מאָנמארטער; זיי האָבנ געכאפט די פערד פאר די צוימענ, ארומגערינגלט די סאָלדאטנ אונ צו זיי א זאָג געטאָנ: „וואָס! איר, קינדער פונ פאָלק, וועט דינענ זײַנע סאָנים! צי דענ איז אײַכ ניט נימעס געוואָרנ צו זײַנ א בלינד געווער אינ די הענט בא אײַערע אונטערדריקער? צי דענ שעמט איר זיכ ניט צו דינענ די פארעטער?" די סאָלדאטנ זײַנענ געבליבנ שטיינ צוערשט אויס מוירע צו פארווונדנ די פרויענ אונ דערשטיקנ די קינדער, וואָס האָבנ זיכ אָנגעהאנגענ בא די רעדער פונ די הארמאטנ; דערנאָכ, פארשטייענדיק די גערעכטיקײַט פונ די דאָזיקע פאָרווורפנ, האָבנ זיי אופגעהויבנ די ביקסנ מיט די שפיזנ אראָפ. דאָס פאָלק האָט ארויסגעלאָזט א פרייד-געשריי. ענדלעכ האָבנ די פראָלעטאריער, צעטיילטע לויט פארשיידענע נעמענ אונ פארשיידענע קליידער, פאָרט פארשטאנענ איינער דעמ צווייטנ אונ זיכ צונויפגעגאָסנ אינ איינ גאנצעס. עס וועט ניט זײַנ מער קיינ רעגולערע ארמיי, עס וועט ניט זײַנ מער קיינ טיראנענ! די סאָלדאטנ אונ די נאציאָנאלע גווארדייער נעמענ זיכ ארומ. די הארמאטנ שטעלט מענ אוועק אפ די פריערדיקע ערטער. צוטרוי, ענטוזיאזמ, אומגעצאמטער מוט פילט אָנ די הערצער פונ אלע" — אזוי באשרײַבט די דאָזיקע געשעענישנ איינ צײַטונג פונ יענער צײַט.

באטאָג האָבנ די באטאליאָנענ פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע אונטער דער קאָמאנדע פונ די ארבעטער ווארלענ אונ בערזשערע זיכ אראָפגעלאָזט לויטנ באפעל פונ צק פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע פונ די הייכנ פונ מאָנמארטער אינ צענטער שטאָט, אונ צו אָוונט זײַנענ אלע רעגירונג־אנשטאלטנ געווענ בא די



די ארבעטער פירנ די הארמאטנ צומ מאָנמארטער

אופשטענדלער אינ די הענט, אפ דער שטאָט־דומע אונ אפנ קריג־מיניסטעריומ האָבנ געפלאטערט רויטע פאָנענ.

טיער אונ זײַנע מיניסטאָרנ זײַנענ פאכדאָנעסדיק אנטלאָפנ אינ פאָרשטאָט פונ פאריזש — קיינ ווערסאל (25 קילאָמעטער פונ דער הויפט־שטאָט).

אזויארומ איז דער אופשטאנד פונ 18־טנ מארט ניט געווענ אפריִער צוגע־גרייט, נאָר ער איז געקומענ ווי א סטיכייִשער ענטפער פונ די פראָלעטארישע מאסנ אפ דעם אָנגריפ פונ דער בורזשואזיע.

אינעם טאָג פון 18־טן מאַרט, וואָס איז איצט אַן אינטערנאַציאָנאַלער טאָג פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַרישקייט אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע און זי איז פאַרביטן געוואָרן אויף דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. די מאַכט איז אַריבער צום צק פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס איז באַשטאַנען פון באַוואָפנטע אַרבעטער און פון האַנטווערקער פון דער הויפּט־שטאָט.

דער איבערגאַנג פון דער מאַכט צום פּראָלעטאַריאַט אין די הענט האָט באַטײַט אַן אָנהייב פון בירגערקריג, אַן אָנהייב פון אַ ווילדן און פאַרביטערטן ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע קעגן דער רעוואָליוציע פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די פעלערן פון צק פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע

דאָס, וואָס דער פּראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געהאַט קיין עמעס־רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס זאָל פייִק זײַן צו נעמען אויף זיך די אָנפירונג אין קאַמף, האָט זיך שווער געלאָזט פילן גלײַך בײַ די ערשטע טריט פון דער נײַער אַרבעטער־מאַכט.

דער צק פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָט באַלד אַרויסגעוויזן זײַן ניט אַנטשלאָסנקייט און האָט געפּרוווט שאָלעם מאַכן מיט די קלאַסן־סאָנים, וואָס זײַנען אַנטלאָפן קיין ווערסאַל. ער האָט גאָרנישט געטאָן אויף צו דערשטיקן גלײַך אויפן אָרט די נעסט פון דער קאָנטררעוואָליוציע. ער האָט געגעבן צײַט דעם הויפּט פון דער בורזשואַזער רעגירונג טיערן און זײַן גאַנצער באַנדע אונטערהעלפער רויִק צוצוגרייטן אין ווערסאַל קויכעס אויף צו דערשטיקן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין פּאַריזש.

נאָך מער, די מיטגלידער פון צק פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, מוירע האָבנדיק מע זאָל זיי ניט פאָרוואַרפן, אַז זיי האָבן ניט געזעצלעך פאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן אוועקגעפּאַטערט די ערשטע עטלעכע טעג אויף דורכפירן די וואַלן אין קאָמונע.

אָנשטאָט אָנצוהייבן פונעם סאַמע ערשטן טאָג אָן פון דער רעוואָליוציע אָנגרײַכמאָנעסדיק מיט געווער אין דער האַנט דערשטיקן די עקספּלואַטאַטערס, אָנשטאָט טייקעף צו נעמען שאַפן די שלאַכט־אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, האָט דער צק פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אינעם ערשטן טאָג דערקלערט, אַז ער האַלט זײַנע פולמאַכטן פאַר צײַטווײַליקע, ביז מע וועט אויסוויילן די קאָמונע.

אין זײַנע ווענדונגען „צו דער באַפעלקערונג פון פּאַריזש" האָט דער צק פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע גערעדט וועגן דעם, אַז „פון דער אָפּשטימונג הענגט אָפּ זײַן צוקונפט" און האָט גערופן די מאַסן רויִק אַריבערגיין צו געוויינלעכער אַרבעט, און האָט פאַרגעסן, אַז דער קלאַסן־סוינע שטייט בײַ די טויערן פון פּאַריזש.

„מע האָט געהאַט באַדאַרפט גלײַך נאָכן ניצאָכן אין פּאַריזש זיך אַ לאָז טאָן אויף ווערסאַל",— האָט מאַרקס אָנגעוויזן, און דער צק פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָט אָנשטאָט דעם געפּרוווט דורך אונטערהאַנדלונגען מיט די בורזשואַזע

מערנ און דעפוטאטנ פונ פאריזש קומענ צו א פרידלעכער לייזונג פונעמ קאָנפליקט. דער אָטעמ־איבערכאפ האָט, פארשטייט זיכ, צוגעדינט דער בורזשואזיע.

ניט אפ דער געהעריקער הייכ איז אויכ געווענ די פאריזשער פעדעראציע פונעמ אינטערנאציאָנאל. פונ אָנהייב פראנצויזיש־פרײַסישער מילכאָמע איז איבערגעריסנ געוואָרנ די רעגולערע ארבעט פונ די סעקציעס און עס איז קימאט איבערגעריסנ געוואָרנ די פארבינדונג מיטנ לאָנדאָנער גענעראל־ראט. בלויז אפ לופטבאלאָנענ פלעגט אמאָל געלינגענ אריבערשיקנ די פאָטשט פונעמ באלאגערטנ פאריזש. א סאכ מיטגלידער פונעמ אינטערנאציאָנאל זײַנענ דערבײַ געווענ פארבלענדט פונ פאטריאָטישע איליוזיעס. זיי האָבנ ניט באוויזנ זיכ צו שטעלנ אינ דער שפיצ פונ דער שנעלוואקסנדיקער ארבעטערשער און רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

אינ דער פעדעראציע איז פאָרגעקומענ א שפאלטונג. בלויז די מינדערהײַט סעקציעס איז צוגעשטאנענ צומ מיטגליד פונ לאָנדאָנער גענעראל־ראט פונעמ אינטערנאציאָנאל און מארקס פרײַנט — ס ע ר ײַ ע, וואָס איז געקומענ צו פאָרנ קיינ פאריזש אײַנשטעלנ פארבינדונגענ.

נאָכ דער רעוואָלוציע פונ 18־טנ מארט האָט די פרודאָניסטיש־געשטימטע מערהײַט מיטגלידער פונ אינטערנאציאָנאל גאָרנישט ניט געטאָנ קעדיי צו שטיצנ דעמ צק פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע, צו העלפנ אימ און וואָרענענ אימ פונ פעלערנ.

רעוואָלוציאָנערע מאָסמיטלענ פונעמ צק פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע

די פראָלעטארישע קלאסנ־נאטור פונ דער נײַער מאכט און איר לײַבלעכע פארבינדונג מיט די ארבעטער־מאסנ האָט מיטגעהאָלפנ צו פארניכטנ אינ גאנג א ריי דערלאָזטע גראָבע פעלערנ. שוינ דעמ 22—24 מארט האָבנ די ערשטע אָפענע ארויסטרעטונגענ פונ דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער בורזשואזיע אינ פאריזש געצווונגענ דעמ צק פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע איבערצוגעבנ די קריג־מאכט צו דרײַ רעוואָלוציאָנערנ בלאנקיסטנ, צווישנ וועלכע ס'איז געווענ א פעסטער קעמפער, אנ ארבעטער א גיסער דיוואל.

גלײַכצײַטיק זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ מאָסמיטלענ, וואָס האָבנ באדײַטנדיק פארלײַכטערט די שווערע לאגע פונ די מאסנ, וואָס זײַנענ געווענ דערדריקט פונ נויט: עס איז באשטימט געוואָרנ ארויסצוצאָלנ געהאלט די נאציאָנאלע גווארדייער, מע האָט ווידער אָפגעלייגט דעמ טערמינ פונ צאָלנ וועקסלענ און דירע־געלט. פונעמ שטאָטישנ לאָמבארד האָט מענ די אָרעמע אומגעקערט אומזיסט צוריק זייערע שטוב־זאכנ און אינסטרומענטנ, וואָס זײַנענ דאָרט געווענ פארמאשקנט.

די וואלנ און דער באשטאנד פונ דער קאָמונע

דעמ 26־טנ מארט זײַנענ פאָרגעקומענ די וואלנ אינ ראט פונ דער קאָמונע. אינ די וואלנ האָט זיכ באטייליקט די קאָלאָסאלע מערהײַט ארבעטנדיקע באפעלקערונג פונ פאריזש. סאכאקל האָט מענ אויסגעוויילט 85 מיטגלידער אינ קאָמונע. פונ זיי זײַנענ געווענ 25 ארבעטער, דערונטער 13 מיטגלידער פונ אינטערנאציאָנאל. פונ די איבעריקע איז די מערהײַט, דה. 43, באשטאנענ פונ אָנגעשטעלטע און מענטשנ פונ פרײַע פראָפעסיעס — זשורנאליסטנ, דאָקטוירימ, לערער, יוריסטנ אדג. 17 פונ

די אויסגעווײלטע אינ דער קאָמונע זײַנען געווענ פאָרשטייער פונ דער בורזשואזיע, אָבער זיי האָבנ אליינ זיכ צוגעײַלט אָפּצוזאָגנ זיכ פונ זייערע פולמאכטנ; די קאָמונע האָט, אזויארומ, אײַנגעשלאָסנ אינ איר באשטאנד בלויז פאָרשטייער פונ די ארבעטנדיקע פונ דער הויפּט־שטאָט.

נאָכ דעמ, ווי די בורזשואזע פאָרשטייער זײַנען אוועק פונ דער קאָמונע, האָט מענ דורכגעפירט צוגאָב-וואלנ אינ קאָמונע, דערבײַ האָט זיכ די צאָל ארבעטער פארגרעסערט ביז 30. האגאמ די ארבעטער האָבנ אינ דער קאָמונע ניט געבילדעט קיינ מערהײַט, דאָכ זײַנען זיי געווענ די איקערדיקע פירנדיקע קראפט, ווײַל די מאכט אינ פאריזש איז געווענ אינ די הענט בא דער נאציאָנאלער גווארדיע, אינ די הענט באמ „באוואָפנטנ פּראָלעטאריאט“.

דעמ 28־טנ מארט איז אינ דער אָנוועזנהײַט פונ קאָלאָסאלע פאָלקמאסנ פאָרגעקומענ די פײַערלעכע פּראָקלאמירונג פונ דער קאָמונע.

„וויפל מענטשנ זײַנען דאָרט געווענ? הונדערט טויזנט אוואדע — דערציילט איינ בײַגעווויזענער וועגנ די געשעענישנ פונ דעמ דאָזיקנ מערקווירדיקנ טאָג.— פונוואנענ זײַנען זיי געקומענ? פונ אלע עקנ שטאָט. די שכיינעסדיקע גאסנ האָבנ געשוויבלט מיט באוואָפנטע מענטשנ, אונ די שפּיזנ האָבנ, גלאנצנדיק אפ דער זונ, באגאָסנ דעמ פּלאצ מיט העלער שײַנ, פונקט ווי דער גלאנצ פונ א בליצ“...

„פּלוצעמ א דונער פונ הארמאטנ,— דערציילט ער ווײַטער — דאָס געזאנג ווערט שטארקער, רוישיקער, א גוואלדיקע כוואליע פונ פאָנענ, שפּיזנ, קעפּקעס קומט צו, גייט אָפּ, שפּארט זיכ ארומ דער עסטראדע... שפּעטער ווערט דאָס אלצ דערטרונקענ אינעמ אלגעמיינעמ אויסגעשריי פונעמ אומצאָליקנ אוילעמ; די דאָזיקע אלע מענטשנ האָבנ איינ הארצ, ווי איינ אוניסאָנ“.

פונ וועמענ זשע איז באשטאנענ די קאָמונע, וואָס איז געוואָרנ אויסגעווײלט אונ פּראָקלאמירט בא אזא ענטוזיאזמ פונ די מאסנ? ווער איז ארײַנ אינ איר באשטאנד אונ האָט פאָרגעשטעלט אינ איר די פּראָלעטאריער פונ פאריזש? פונ אָנהייב אָנ, ווי נאָר די קאָמונע האָט אָנגעהויבנ ארבעטנ, האָבנ זיכ אינ איר אָנגעמערקט צוויי שטרעמונגענ.

די מינדערהײַט פונ דער קאָמונע האָט געהערט צומ לאגער פונ די פּרודאָניסטנ אונ נאָענטע צו זיי אנארכיסטישע גרופּעס (20 מענטשנ).

די מערהײַט האָט געהערט צו דער פּארטיי דעמאָקראטנ — יאקאָבינער (36 מענטשנ) אונ בלאנקיסטנ (12 מענטשנ). דערבײַ איז אינעמ ראט פונ דער קאָמונע נאָכ די צוגאָב-וואלנ (דעמ 16-טנ אפּרעל) געווענ 25 מיטגלידער פונ אינטערנאציאָנאל. אינ ראט פונ דער קאָמונע זײַנען ארײַנגעגאנגענ אויכ מענטשנ, וואָס האָבנ ניט געהערט צו קיינ שומ פּארטיי.

אלע מער ווייניקער אָנגעזעענע טוער פונ דער ארבעטערשער אונ רעוואָליוציאָנערער באוועגונג זײַנענ אויסגעווײלט געוואָרנ אינ דער קאָמונע.

צווישנ אירע מיטגלידער האָט מענ געקאָנט טרעפנ: דעמ טאלאנטפולנ אָרגאניזאטער פונ דער פאריזשער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג אונ מיטגליד פונ אינטערנאציאָנאל, דעמ אײַנבינדער וו א ר ל ע נ אונ מארקס גוטנ באקאנטנ, דעמ אונגארישנ ארבעטער פ ר א נ ק ע ל, וואָס האָט זיכ גראָד געפונענ אינ יענער צײַט אינ פאריזש אונ די בלאנקיסטנ פ ל ו ר א נ ס, ד י ו ו א ל, ר א ו ל, ר י ג אָ אונ,

צולעצט, די יאַקאָבינער דעלעקליוז און פעליקס פּיאַ. בלויז אָגויסט בלאַנקי איז ניט געווען צווישן די מיטגלידער פון דער קאָמונע: ער איז אויסגעוויילט געווען פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט שטימען אין צוויי ארבעטער-קרייזן פון פּאַריז, אָבער ערעוו דער רעוואָלוציע פון 18־טן מאַרץ איז ער אַרעסטירט געוואָרן און האָט זיך איצט ווידער געמאַטערט אין טפיסע.

אַזויאַרום איז דער פּאַרטיי-באַשטאַנד פון דער קאָמונע געווען אַ גענוג פאַרשיידנפאַרביקער. אַכוץ פאָרשטייער פון די ארבעטער און האַנטווערקער זײַנען געווען אויסגעוויילט אַ סאַך קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן—יאַקאָבינער. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך ניט געווען גענוג רייף און וואָס אין פּאַריז איז ניט געווען קיין פעסטער קערן אינדוסטריעלע ארבעטער.

די פּראָגראַם פון דער קאָמונע

אַלע קאָמונאַרן האָבן מסכּים געווען מיט דעם, אַז די קאָמונע איז די איינציקע פאָרם פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, בײַ וועלכער מע קאָן ווירקלעך באַפרײַען דעם ארבעטער־קלאַס פון דעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם. אָבער גופא אין דעם באַגריף קאָמונע האָבן באַזונדערע פראַקציעס סאָציאַליסטן אַרײַנגעלייגט דעם פאַרשיידנסטן אינהאַלט.

די פּרודאָניסטישע מינדערהייט האָט געהאַלטן, אַז דאָס באַשאַפן די קאָמונע איז דער ערשטער שריט אויף צו פאַרניכטן אין פראַנקרײַך יעטווידע מעלוכע-מאַכט און צו שאַפן אַנאַרכיסטישע געמיינדע־קאָמונעס. אָבער גופא דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט געשטויסן די פּרודאָניסטן, איבערהויפּט פון דער „לינקער" ריכטונג, צו טאָן פּונקט פאַרקערט פון דער דאָזיקער טעאָריע. די לינקע פּרודאָניסטן, מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל — וואַרלען, פראַנקעל אאַ. האָבן אין פּראָצעס פון פאַרווירקלעכן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור זיך באַפרײַט, עמעס, מיט גרויס מי פון די אַנאַרכיסטישע איליוזיעס.

די מערהייט פון דער קאָמונע איז באַשטאַנען פון בלאַנקיסטן און יאַקאָבינער. דערצויגענע אין דער פאַרשווערונג־שול, זײַנען די בלאַנקיסטן געווען סאָציאַליסטן „בלויז לויטן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַרישן אינסטינקט"... זיי האָבן געשטרעבט צו קאָמוניזם און האָבן געהאַלטן פון דיקטאַטור און פון אַנטשיידענע שריט. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין באַשטימטן פּלאַן פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַסמיטלען.

ענדלעך, די קליינבירגערלעכע יאַקאָבינער האָבן געהאַלטן, אַז די קאָמונע איז באַרופן אײַנצושטעלן אַ רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור לויטן מוסטער פון דער יאַקאָבינער קאָמונע פון די יאָרן 1792—1794. די נײַע יאַקאָבינער האָבן ניט געשטרעבט צו סאָציאַליזם און האָבן, פּונקט ווי די אַלטע יאַקאָבינער פון XVIII יה., געקעמפט בלויז קעגן דעם גרויסקאַפּיטאַל, אָבער ניט קעגן דעם פּריוואַט-אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען ביכלל.

קיין קלאָרקייט, קיין פּינקטלעכן באַשטימטער פּלאַן פון טאַט איז, אַזויאַרום, בײַ די מיטגלידער פון דער קאָמונע ניט געווען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי

זײַנענ די מאכט פונ די ארבעטער. די מערהײַט איז געװענ אָנהענגער פונ דיקטאטור. אָבער װיִאזוי זײ דארפנ האנדלענ, דאָס האָבנ זײ זיכ נעפלהאפט פאָרגעשטעלט.

„מיר מײנענ ניט אָפשײדנ דאָס פאָלק פונ דער בורזשואזיע אונ פרײדיקנ האס אונ בירגערקריג. פארקערט, מיר װאָלטנ געװאָלט שאָלעמ מאכנ צװישנ אלע בירגער“ (פונ אנ אופרופ פונ דער קאָמונע).

דאָכ איז דער קלאסנ־כוש אונ דער פראָלעטארישער אינסטינקט געקומענ צוהילפ די קאָמונארנ: ער האָט זײ אונטערגעזאָגט אינ גאנג פונ קאמפ ריכטיקע באשלוסנ. אכוץ דעמ, האָט זיכ אפ דער קאָמונע אָפּגערופנ די װירקונג פונ מארקסנ, װאָס האָט געהאלטנ פארבינדונג מיט באזונדערע קאָמונארנ.

װאָס מער עס האָבנ זיכ אנטװיקלט די געשעענישנ, האָט די באװעגונג פונ דער קאָמונע, װאָס איז געװענ א רעגירונג פונעמ ארבעטער־קלאס, „געמוזט אומפארמײַדלעכ באקומענ א סאָציִאליסטישע באפארבונג, דה. אָנהײבנ שטרעבנ צו ארפּאװארפנ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע, ברעכנ די יעסוידעס גופע פונ דער מאָדערנער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג“ (לענינ).

די קאָמונע אלס נײַער טיפּ מעלוכע

„איר סאָד (פונ דער קאָמונע) באשטײט אינ דעמ, װאָס זי איז אינ טאָכ אירנ געװענ א רעגירונג פונ ארבעטער־קלאס. די קאָמונע איז אנטשטאנענ פונ א רעװאָליוציע. איר קװאל איז געװענ דער דירעקטער אָנהײב מיצאד די פאָלקמאסנ פונ אונטנ“ (לענינ).

די קאָמונע האָט צעקלאפט די אלטע מעלוכע־מאשינ. אינ קעגנזאצ צו דער בורזשואזער מעלוכע איז אינ איר די אויספירערישע מאכט ניט געװענ אָפּגעטײלט פונ דער געזעצגעבערישער אונ געריכטלעכער מאכט. די קאָמונע איז געװענ א זאכלעכע קאָלעגיע, װאָס האָט פארײניקט אינ אירע הענט די גאנצע מאכט.

אינ שפיצ פונ יעדער פארװאלטונג־צװײַג איז געשטאנענ א קאָמיסיע פונ 5—8 מענטשנ. די מיטגלידער פונ דער קאָמיסיע זײַנענ געװענ מיטגלידער פונ דער קאָמונע. אינ שפיצ פונ אלע קאָמיסיעס איז געשטאנענ אנ אויספיר־מאכט פונ 7 מענטשנ.

די בעסטע ארבעטער זײַנענ ארויסגערוקט געװאָרנ דורכ דער נײַער מאכט אפ אָנפירנדיקער ארבעט. דער אײַנבינדער װארלענ, אשטײגער, איז געװענ א מיטגליד פונ דער פינאנצ־קאָמיסיע, דערנאָכ איז ער געשטאנענ אינ שפיצ פונ דער קריג־אינטענדאנטור; דער ארבעטער יוװעליר פראנקעל איז געװענ מיטגליד פונ דער ארבעט אונ אויסטויש־קאָמיסיע, דער שטאמפירער טײס איז געשטאנענ אינ דער שפיצ פונ דער פאָטשט־פארװאלטונג, דער ארבעטער קאמעלינא האָט פארװאלטעט מיטנ מינצ־הויפ אונ דער סטאָליער פענדי האָט פארװאלטעט מיט דער ארבעט פונ דער נאציִאָנאלער דרוקערײַ.

אלע אמט־פערזאָנענ זײַנענ געװענ געװײלטע אונ זײ פלעגנ איבערגעװײלט װערנ פעריִאָדיש אינ באשטימטע טערמינענ. דערבײַ האָבנ די װײלער צו יעדנ

מאָמענט, פונקט ווי בײַ אונדז בײַ דער ראַטנ־סיסטעמ, געקאָנט אָפּרופנ אָדער פאַרבײַטנ אַפ אַ צווײ־טנ דעמ, ווער עס האָט ניט באַרעכטיקט דעמ צוטרוי פונ די וויילער. דערבײַ איז וויכטיק אונטערצושטרײַכנ, אַז די מערהײַט פאָרשטייער איז באַשטאַנענ פונ אַרבעטער אָדער אַנערקענטע פאָרשטייער פונעמ אַרבעטער־קלאַס. קיינער פונ די באַאַמטע אינ דער קאָמונע האָט ניט געקאָנט באַקומענ קיינ געהאַלט מער פונ 6 טויזנט פראַנק אַ יאָר (בײַ 2300 רובל), דה. ניט העכער ווי אַ געוויינלעכער דורכשניטלעכער אַרבעטלוינ פונ אַ קוואַליפיצירטנ אַרבעטער.

דאָס שטענדיקע מיליטער איז פאַרניכטעט געוואָרנ. די קאַדרעווע־אַרמיי האָט מענ דעמאָביליזירט אונ אַלס מיליטער־קראַפט פונ דער קאָמונע איז געוואָרנ „דאָס באַוואָפנטע פאָלק אַליינ״ — די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, אַנ אַרבעטערשע לויט איר באַשטאַנד.

די מעלוכישע אָרדענונג איז אינ דער קאָמונע באַוואַכט געוואָרנ ניט פונ דער אַלטער פאָליציי, דער אַגענטור פונ די בורזשואַזע קלאַסנ, נאָר פונ די באַוואָפנטע אַרבעטער אַליינ. דערבײַ האָט די פאָליציי פונ דער קאָמונע קיינ פאָליטישע פונקציעס ניט געהאַט. זי איז געווענ פאַראַנטוואָרטלעכ פאַר דער קאָמונע אונ האָט געקאָנט געביטנ ווערנ צו יעדער צײַט.

ניט געקוקט אַפ דעמ, וואָס די קאָמונע איז פאָרמעל געווענ אַ מאַכט בלויז פאַר פאַריזש, איז זי אינדערעמעסנ אַרויסגעטראָטנ אינ נאָמענ פונעמ פראָלעטאַריאַט אונ אונטערדריקטנ פויערטומ פונ גאַנצ פראַנקרײַכ. אינעמ פלאַנ פונ דער מעלוכישער אײַנאָרדענונג אינ פראַנקרײַכ, וואָט די קאָמונע האָט געהאַט אויסגעאַרבעט, איז געוואָרנ אָנגעמערקט, אַז די קאָמונע מוז ווערנ די פאָליטישע פאָרמ אַפילע פאַר יעדנ קלענסטנ דאָרפ, וואָס וועט דאַרפנ אויסקלײַבנ איר דעלעגאַציע אינ דער העכער שטייענדיקער קאָמונע.

אָנשטאָט דער אַלטער צעקלאַפּטער מעלוכע־מאַשינ, וואָס האָט מיט גוואַלד פאַרייניקט אַלע טיילנ פונ דער נאַציע — האָט די קאָמונע באַדאַרפט בילדנ אַ פרײַוויליקנ פאַרבאַנד פונ די פראָלעטאַרישע קאָמונעס פונעמ לאַנד. די מעלוכע פונ דער קאָמונע האָט, אינ קעגנזאַצ צומ בורזשואַזנ עקספּלואַטאַרישנ צענטראַליזמ, געדאַרפט „אײַנשטעלנ אַ באַוווסטזיניקנ, דעמאָקראַטישנ, פראָלעטאַרישנ צענטראַליזמ״ (ל ע נ י נ).

די קאָמונע איז געווענ אַנ איבערגאַנג־פאָרמ פונ אַ מעלוכע. די דעמאָקראַטיע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ דער קאָמונע מיט דער פולסטער מאָס אונ קאָנסעקווענטקײַט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ פראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע, בײַ וועלכער די מערהײַט פונ פאָלק, די אַרבעטער אונ האָרעפּאַשניקעס געניסנ דיווירקלעכע פאָליטישע פרײַהײַט אונ פאַרוואַלטנ אַליינ; אַ דעמאָקראַטיע, בײַ וועלכער דער אַרבעטער־קלאַס פירט די ליניע צו פאַרניכטנ די קלאַסנ אונ גרייט צו, אַפ אַזאַ אויפנ, די אָפּשטאַרבונג פונ דער מעלוכע, אַלס אַנ אָרגאַניזאַציע פונ קלאַסנהערשאַפט אונ אונטערדריקונג.

צומ אונטערשייד פונ דער נאַציאָנאַל־בורזשואַזער מעלוכע איז די קאָמונע געווענ אַ מעלוכע אַ פראָלעטאַרישע אונ אינטערנאַציאָנאַלע.

דער אָנטייל פונ די מאסנ אינ דער נײַער מאכט

די קאָמונע האָט פארווירקלעכט איר מאכט, שטיצנדיק זיכ אפ די מאסנ, באזונדערס אפ די קלובנ פונ די ארבעטער אונ האנטווערקער, וואָס האָבנ זיכ אָרגאניזירט אינ א ריי ראיאָנענ פונ דער הויפטשטאָט אונ וואָס האָבנ אקטיוו מיטגעהאָלפנ דער קאָמונע אינ איר טעטיקײט.

די קלובנ פלעגנ מיטהעלפנ אינ קאמפ קעגנ דער קאָנטררעוואָליוציע, פלעגנ ארײַנטראָגנ זייערע פאָרשלאָגנ וועגנ רעוואָליוציאָנערע מאָסמיטלענ אונ פלעגנ מיטהעלפנ נאָכדעמ דורכצופירנ זיי אינ לעבנ. אינ די קלובנ זײַנענ געווענ שטארק פאָפולער די רעדנער פונ די יאקאָבינער אונ בלאנקיסטנ. מיט גרויס מיטגעפיל פלעגט מענ באגעגענענ די קאָמוניסטישע אידייענ, וואָס די בלאנקיסטנ פלעגנ ארויסרוקנ. אפ די מאסעווע פארזאמלונגענ־מיטינגענ, וואָס פלעגנ באזוכט ווערנ פונ טויזנטער פאריזשער ארבעטער אונ אָרעמשאפט פונ דער הויפטשטאָט, פלעגנ באהאנדלט ווערנ די ברענענדיקע פאָליטישע פראגעס. די פאָלק־קלובנ פלעגנ קריטיקירנ די ניט־אנטשלאָסנקײט פונ דער קאָמונע אינ אירע אָנפאלנ אפנ פריוואטנ אייגנטומ פונ דער בורזשואזיע אונ אינ פראט פונ רעפרעסיעס קעגנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע קרעפטנ.

אשטייגער, אינ אָנהייב מײַ האָט אינעמ פרויענ־קלוב „באפרײַונג“ אינ קאָמונארקע, ריידנדיק וועגנ סאבאָטאזש פונ די אָפענע אונ פארבאָרגענע אָנהענגער פונ ווערסאל, געפאָדערט, מע זאָל זיכ צערעכענענ אָנ שומ ראכמאָנעס מיט די אלע, וואָס שטעלנ זיכ אנטקעגנ דער קאָמונע: „מע דארפ צווינגענ די דאָזיקע הערנ צו געהאָרכזאמקײט אָדער זיי צעשיסנ“. אינ די טעג, ווענ די קאָמונע איז געווענ באלאגערט, האָט מענ אינ די קלובנ באהאנדלט די פראגעס וועגנ פארבעסערנ די שפײַז פונ די קעמפער אפנ פראָנט, וועגנ ניט מאָנענ קיינ דירע־געלט בײַ די פאמיליעס פונ די קאָמונארנ, וואָס געפינענ זיכ אפ דער פאָדערשטער ליניע אדג. א סאכ מיטגלידער פונ קאָמונע האָבנ שטענדיק באזוכט די קלובנ אונ זײַנענ אָפט געווענ פאָרזיצערס אפ די פארזאמלונגענ אונ האָבנ אינפאָרמירט די קאָמונע וועגנ די פאָדערונגענ פונ די מאסנ. „די קאָמונע באשולדיקט מענ אינ ווייכלעביקײט אונ אומטעטיקײט“, — האָט געזאָגט אפ א זיצונג פונ דער קאָמונע איר מיטגליד מ י אָ. א ריי אזוינע ארויסטרעטונגענ פונ די קאָמונע־מיטגלידער זאָגנ אוידעס וועגנ דעמ, אז די קאָמונע האָט זיכ ערנסט צוגעהערט צו די רעוואָליוציאָנערע פאָדערונגענ פונ די מאסנ.

א ענערגישע טעטיקײט האָבנ ארויסגעוויזנ די פרויענ־קלובנ, ווו צוגלײַכ מיט פאָליטיק האָט מענ פיל אכט אָפגעגעבנ דער לאגע פונ די פרויענ אינ דער פאמיליע אונ אינ דער מעלוכע, די פראגעס וועגנ קינדער־דערציִונג אדג. אונ ווענ די ווערסאלער האָבנ אָנגעהויבנ אָנגרייפנ אפ דער קאָמונע, האָט א גרופע ארבעטערנס, צווישנ וועלכע עס האָט זיכ געפונענ די רוסישע רעוואָליוציאָנערקע י ע ל י ז א וו ע ט א ד מ י ט ר י ע וו א, אָרגאניזירט א „פרויענ־פארבאנד צו באשיצנ פאריז אונ העלפנ די פארוווּנדעטע“. דער דאָזיקער פארבאנד האָט געהאט זײַנ צענטראל־קאָמיטעט אונ א נעץ קרײַז־אָרגאניזאציעס. דיסקאָנטירנדיק דעמ פראָלעטארישנ באשטאנד אונ די גרויסע ווירקונג פונעמ דאָזיקנ פארבאנד, האָט די ארבעט־קאָמיסיע פונ דער קאָמונע באופטראגט דעמ פארבאנד אָרגאניזירנ די פרויענ אינ סינדיקאטנ, ד.ה. פראָפעסיאָנעלע פאראייננ.

א לעבהאפטע טעטיקײט האָבנ ארויסגעוויזנ אויכ די אונטערשטע סעקציעס פונ אינטערנאציאָנאל, באזונדערס אינ געביט פונ די מאָסמיטלענ אינ דער ארבעטער־פראגע. אזוי האָבנ די סעקציעס פונ ב א ט י נ י אָ ל ע אונ פונ ט ע ר נ דעמ 23־טנ מײַ שארפ קריטיקירט די קאָמיסיע פונ ארבעט אונ אויסטויש, ווײַל זי

„לאָזט איבער די ארבעט אין די הענט פון די עקספּלואטאטערס און קאפּי־טאליסטן".

די טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס האָט אויך אופגעלעבט בייס דער קאָמונע. דאָס אָפּשאפן די נאכט־ארבעט אין די בעקערייען האָט די קאָמונע דורכגעפירט לויט דער איניציאַטיוו פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס פון די בעקער.

דעם 15־טן מיי איז א טייל מיטגלידער פון דער קאָמונע (ס'ראָוו אָנהענגער פון אינטערנאציאָנאל — פּרודאָניסטן) ארויסגעטראָטן פון דער קאָמונע, פּראָטעס־טירנדיק קעגן איבערגעבן די מאכט צום קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג; די ארבעטער האָבן אָרגאניזירט מיטינגען, באהאנדלט די פראגע און אנערקענט, אז דאָס אוועקגיין איז געווען ניט ריכטיק און האָבן געצוווּנגען די אוועקגעגאנגענע מיטגלידער צו פאריכטן זייער פעלער.

די אונטערשטע אָרגאניזאציעס פון דער נאציאָנאלער גווארדיע, די „סוב־קאָ־מיטעטן", האָבן קאָנפיסקירט דאָס פארמעגן בא די קאָנטררעוואָליוציאָנערן, קאָנטראָלירט די אייזנבאן־באוועגונג אדג. די ארבעטער האָבן אקטיוו געאר־בעט אין דער פּרעסע, סיגנאליזירנדיק דורך די צייטונגען פון דער קאָמונע וועגן די פאקטן פון סאבאָטאזש און שעדיקעריי, פאָרגעלייגט רעוואָליוציאָנערע מאָסמיטלען. די געבראכטע פאקטן דערווייזן, אז די קאָמונע איז געווען אפן ענגסטן אויפן פארבונדן מיט די פּראָלעטארישע מאסן. דאָס שטרייכט אונטער דעם אונטערשייד פון דער קאָמונע, אלס פּראָלעטארישע דיקטאטור, פון דער פּארלאמענטארישער בורזשואזער מעלוכע.

די ארבעטער־פּאָליטיק פון דער קאָמונע

די פּאָליטיק פון דער קאָמונע אין דער ארבעטער־פראגע זאָגט אויך איידעס וועגן איר פּראָלעטארישן כאראקטער. בעראָש פון דער קאָמיסיע איבער דער ארבעטער־פראגע, וואָס איז קימאט אינגאנצן באשטאנען פון ארבעטער, איז געווען דער מיטגליד פון אינטערנאציאָנאל — דער לינקער פּרודאָניסט פראנקעל.

קעדיי ליקווידירן די ארבעטלאָזיקייט האָט די קאָמיסיע קאָנפיסקירט די וואר־שטאטן, וואָס די באלעבאטים האָבן געהאט אוועקגעוואָרפן, און אָרגאניזירט די פּראָ־דוקציע אָן די באלעבאטים, מיט די קויכעס פון די ארבעטער אליין. די ארבע־טער האָבן צוזאמען מיט דער אויסגעוויילטער אדמיניסטראציע פון דער אונטער־נעמונג אויסגעארבעט דעם פּראָדוציר־פּלאן פון דער אונטערנעמונג און איינגע־שטעלט אָרדענונג אין דער אונטערנעמונג (די דעקרעטן פון 16־טן אפּרעל און 25־טן מיי).

פאר די ארבעטלאָזע האָט מען אויך אָרגאניזירט געזעלשאפטלעכע ארבעט (באזונדערס ניי־ווארשטאטן) אפ 1800 מענטשן (פאר ארבעטלאָזע פרויען) און געשאפן א געזעלשאפטלעכע ביוראָ צו זוכן ארבעט פאר די ארבעטלאָזע. ניט געקוקט אפן אקשאָנעסדיקן ווידערשטאנד פון די באלעבאטים, האָט מען מיט אנט־שיידענע מיטלען דורכגעפירט אין לעבן דעם דעקרעט וועגן פארבאָטן נאכט־ארבעט אין די בעקערייען. דער דעקרעט איז ארויסגעגעבן געוואָרן דעם 20־טן אפּרעל.

מע האָט פארבאָטן די באלעבאטים צו שטראפירן די ארבעטער, און מע האָט

באַכגעקאָנטראָלירט די טאַריפֿן, וואָס די אונטערנעמער האָבן אײַנגעשטעלט פֿאַר די אַרבעטער.

לויטן פֿאָרשלאָג פֿון דער קאָמיסיע, האָט די קאָמונע דעם 12־טן מײַ אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן איבערקוקן און, אויב נייטיק, ברעכן דעם אָפּמאַך מיט די אונטערנעמער, וואָס האָבן אָנגענומען באַשטעלונגען בײַ דער קאָמונע, און באַווארענען, אַז די אַרבעטער, וואָס די אונטערנעמער האָבן געדונגען, זאָלן באַקומען אַ צופֿרידנשטעלנדיקן אַרבעטלױן.

דערבײַ איז אָנערקענט געוואָרן פֿאַר ווינטשנסווערט איבערצוגעבן די באַשטעלונגען דירעקט צו אַרבעטער־אַרטעלן.

קעדיי צו פֿאַרבעסערן די וווינונג־באַדינגונגען פֿון די אַרבעטער, האָט די קאָמונע קאָנפֿיסקירט די דירעס בײַ די גווירים, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן קיין ווערסאַל, און האָט אַהין אַרײַנגעזעצט אַרבעטער.

אויף די אײַזנבאַנען, וואָס האָבן געהערט צו פּריוואַטע קאָמפּאַניעס, האָט די קאָמונע דעם 16־טן אַפּריל באַשטימט אַ הויפּט־קאָנטראָליאָר און 8 קאָמיסאַרן, וואָס האָבן געדאַרפֿט פֿאַרווירקלעכן דעם אַרבעטער־קאָנטראָל.

די פֿראַגע וועגן אַן 8־שעהיקן אַרבעטסטאָג איז געווען אויפֿגעשטעלט לויט דער איניציאַטיוו פֿונעם פֿאָרזיצער פֿון דער אַרבעטער־קאָמיסיע פֿראַנקעל, אָבער מע האָט זי ניט באַוויזן צו לייזן.

אַנדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע מאָסמיטלען פֿון דער קאָמונע

פֿאַר דער פּאַריזשער אָרעמשאַפֿט האָט געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג דאָס, וואָס די קאָמונע האָט אײַנגעשטעלט אין ראַטעס אויף דרײַ יאָר דאָס אויסצאָלן כּירועס. די קאָמונע איז אויך טעטיק געווען אין דער דערנערונג־פֿראַגע. די ספּעקוליאַציע האָט מען שטאַרק פֿאַרפֿאָלגט. מע פֿלעגט מאַסנווײַז אײַנקויפֿן דערנערונג און עס פֿאַנאַנדערטיילן דורך די געזעלשאַפֿטלעכע קראָמען לויט ביליקע פּרײַזן.

אַ באַזונדערס גרויסע באַדײַטונג האָט געהאַט די טעטיקייט פֿון דער קאָמונע אין היניזכט פֿון באַפֿרײַען די אַרבעטנדיקע פֿרויען און אין געביט פֿון פֿאָלק־בילדונג.

די קאָמונע האָט אויסגעגלײַכט דעם אַרבעטלױן פֿון די פֿרויען מיטן אַרבעטלױן פֿון די מאַנצבילן. זי האָט געזאָרגט וועגן אָרגאַניזירן יאַסליעס און קינדער־גערטנער אין די אַרבעטער־ראַיאָנען.

די קאָמונע האָט אָפּגעטיילט די קירך פֿון דער מעלוכע, באַזײַטיקט די גאַלאָכים פֿון דער שול, באַפֿוילן אַרויסוואַרפֿן פֿון דאָרט די הייליקע בילדער און פֿאַרבאָטן צו זאָגן טפֿילעס אין שול. מע האָט גערעכנט פֿאַנאַנדערוויקלען אַ גאַנצע נעץ פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעט־שולן און מאַכן צוטריטלעך די העכערע בילדונג פֿאַר די קינדער פֿון די אַרבעטער.

אַ סאַך קלויסטערס האָט די קאָמונע פֿאַרוואַנדלט אין פֿאָלק־קלובן. פֿון די באַלעמערס, וואָס זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין טריבונעס, האָט מען איצט געהאַלטן רעוואָלוציאָנערע רעדעס.

„אין ריין סאָציאַלן געביט האָט די קאָמונע באַוויזן אויפֿצוטאָן ניט קיין

סאכ, אָבער אויכ דאָס ביסל דעקט אופ גענוג בוילעט איר כאראקטער, אלס א פאָלקישע, ארבעטערשע רעגירונג".

די קאָמונע און דאָס פויערטום

דער הויפּט-באדינג פארנ ניצאָכנ און פאר דער פארפעסטיקונג פונ דער קאָמונע איז געווענ דער בונד מיטנ אָרעמסטנ פוי-ערטום.

„אָנ אזא בונד איז ניט פעסט די דעמאָקראטיע און עס איז אומעגלעכ א סאָציאַליסטישע איבערבויונג", — האָט לענינ אָנגעוויזנ.

אָבער די קאָמונע איז געווענ א באלאגערטע שטאָט און, אכוצ דעמ, האָט קיינ איינע פונ די פארטייענ פונ דער קאָמונע ניט געהאט קיינ ברייטע און פעסטע אָרגאניזאציאָנעלע פארבינדונגענ מיטנ דאָרפ.

די קאָמונע פלעגט אינ אירע אופרופנ זיכ ווענדנ צומ פויערטומ און האָט זיכ באמיט אימ צוציענ צו דער רעוואָליוציע. אָט וואָס, אשטייגער, עס איז געזאָגט געוואָרנ אינ איינעמ אנ אופרופ פונ 29-טנ אפּרעל צו די דאָרפ-ארבעטער:

„ענדלעכ, וויל פּאריז — זאָל דאָס גוט פארגעדענקענ דער ארבעטער פונ דער ערד, דער בארויבטער טאָג-ארבעטער, דער קליינייגנטימער, וועלכנ דער ווּכערניק זויגט אויס, דער כוטערניק, דער ארענדאטער, — איר אלע, ווער עס פארזייט און נעמט אראָפּ דעמ שניט, ווער עס גייט אָפּ מיט שווייס ארבעטנדיק אויסשליסלעכ צוליב דעמ, קעדיי דער בעסטער כיילעק פרוכט פונ אייער ארבעט זאָל אָנקומענ עמעצנ א ליידיקגייער, — סאָפּקאָלסאָפּ וויל פּאריז ערד פאר די פויערימ, פּראָדוציר-מיטלענ פאר די ארבעטער, — ארבעט פאר אלעמענ".

די אויבנ אָנגעוויזענע סיבעס, ווי אויכ די קורצע צייט פונ דער קאָמונעס עקזיסטענצ האָבנ ניט געגעבנ דער קאָמונע די מעגלעכקייט אופצוהויבנ קעגנ דער בורזשואזיע די אונטערדריקטע מאסנ פונעמ פראנצויזישנ דאָרפ, ווו עס איז געווענ א סאכ באטראקעס און אָרעמשאפט, וואָס זיינענ געווענ דערשטיקט פונ כויוועס און האָבנ געליטנ פונ ערד-מאנגל.

ווענ די קאָמונע וואָלט געווענ באוויזנ צו באקומענ א פארבינדעטנ אינ דאָרפ, וואָלט דער גוירל אירער געווענ גאָר אנ אנדערער.

„דריי כאדאָשימ פרייע באציונגענ פונ דעמ קאָמונאלנ פּאריזש מיט די פּראָווינצנ וואָלטנ געבראַט צו אנ אלגעמיינעמ פויערשנ אופשטאנד" — האָט לענינ אָנגעוויזנ.

דער ערשטער אינטערנאציאָנאל און די קאָמונע

די קאָמונארנ האָבנ ניט געקאָנט כאָטש וויפל-ניט-איז רעגולער באקומענ פונ מארקסנ און פונ גענעראל-ראט די ביז גאָר נייטיקע אייצעס און אָנווייזונגענ פאר זיי. בלויז זעלטענע צופעליקע בריוו פלעגנ דערגיינ פונ פּאריזש קיינ לאָנדאָנ און צוריק. דעריבער האָט די קאָמונע ניט געהאט די נייטיקע פעסטע פארטייישע אָנפירונג.

מארקס, וואָס האָט אינ דער סענטיאבער-ווענדונג פונעמ גענעראל-ראט געווארנט די ארבעטער ניט ארויסצוטרעטנ, ביז זיי וועלנ זיכ ניט באהעפטנ און ניט פארפעסטיקנ זייער קלאסנ-אָרגאניזאציע, ווענ ער האָט זיכ דערוווסט וועגנ די געשעענישנ פונ 18-טנ מארט, האָט ער ניט בלויז ניט פארורטיילט די פּא-

ריזשער ארבעטער דערפאר, וואָס זיי האָבנ ניט געפאָלגט זײַנ אייצע, נאָר ער האָט זיכ באצויגנ צו די דאָזיקע געשעענישנ מיט דער גרעסטער אופמערקזאמקײַט, ווי זייער אנ אָנטיילנעמער. נאָכשפּירנדיק אָנגעשטרענגט נאָכ יעדנ שריט אינעמ קאמפ פונ די פאריזשער ארבעטער, האָט מארקס מיט דער גרעסטער באגײַסטערונג גערעדט וועגנ דער היסטאָרישער איניציאטיוו פונעמ פראנצויזישנ פּראָלעטאריאט, וואָס האָט צעבראָכנ די אלטע מעלוכע־מאשינ אונ באשאפנ א מעלוכע פונ א נײַעמ טיפּ. „ס׳ארא זעלטענע בייגעוודיקײַט, ס׳ארא היסטאָרישע איניציאטיוו, ס׳ארא פײַקײַט אפ מעסירעסנעפעש עס איז פאראנ בא די דאָזיקע פאריזשער“, — האָט ער געשריבנ אינ אפּרעל 1871 יאָר. — „די געשיכטע ווייס ניט פונ אזא העראיזמ“. אָבער מארקס האָט ניט נאָר געערט די היסטאָרישע איניציאטיוו פונ די מאסנ; ער האָט גלײַכצײַטיק אויכ קריטיקירט די פעלערנ פונ די דאָזיקע מאסנ, קריטיקירט מיט דער שטרענגסטער אקשאָנעס פונ א פּראָלעטארישנ רעוואָליוציאָנער.

„דער אקט פונ דער קאָמונע, — האָט ער געזאָגט. — איז די גרעסטע העלדנטאט פונעמ פּראָלעטאריאט, אויב אפילע זי וועט דערשטיקט ווערנ פונ די וועלפ, כאזיירימ אונ הינט פונ דער אלטער געזעלשאפט“. „אָבער שעצנדיק אזוי הויכ דעמ אקט פונ דער קאָמונע, האָט מארקס ניט באהאלטנ פונעמ פּראָלעטאריאט קיינ איינ פעלער פונ דער קאָמונע“ (*לענינ*). אינעמ זעלבנ בריוו פונ אפּרעל 1871 יאָר האָט ער געשריבנ: „אויב זיי וועלנ ווערנ באזיגט, וועט שולדיק זײַנ אינ דעמ ניט קיינ אנדער זאכ, נאָר בלויז זייער „גרויסמוטיקײַט“. מע האָט געהאט באדארפט גלײַכ גיינ אפ ווערסאל, ווי נאָר ווינוא אונ נאָכ אימ אויכ דער רעאקציאָנערער טייל פונ דער פאריזשער גווארדיע זײַנענ אנטלאָפנ פונ פאריזש. פארלוירנ האָט מענ דעמ דאָזיקנ מאָמענט נאָר איבער „געוויסנהאפטיקײַט“. מע האָט *ניט געוואָלט אָנהייבנ קיינ בירגערקריג*, גלײַכ ווי דער ווילדער דעגענעראט טיער וואָלט ניט אליינ שוינ אָנגעהויבנ דעמ בירגערקריג מיט זײַנ פּרווו צו אנטוואָפענענ פאריזש! דער צווייטער פעלער: דער צענטראל־קאָמיטעט האָט צו פרי אראָפּגעלייגט פונ זיכ די פולמאכטנ, קעדיי אָפּטרעטנ דאָס אָרט דער קאָמונע. ווידעראמאָל איבער דער „ערלעכקײַט“, וואָס איז דערפירט געוואָרנ ביז צווייפלזוכט. אינעמ מאניפעסט פונעמ גענעראל־ראט פונ אינטערנאציאָנאל וועגנ דעמ בירגערקריג אינ פראנקרײַכ האָט מארקס אויספירלעכ אופגעקלערט פארנ אלוועלטלעכנ פּראָלעטאריאט די באדײַטונג פונ דער גרויסער העלדנטאט פונ דער קאָמונע. אָבער ער האָט דערבײַ ניט ווייניקער אויספירלעכ אופגעדעקט אלע אירע פעלערנ, קעדיי אפ די דאָזיקע פעלערנ, פונקט ווי אפ די דערגרייכונגענ פונ דער קאָמונע, דערציִענ דעמ פּראָלעטאריאט, אויסלערנענ אימ, ווי מע דארפ קעמפנ.

מארקס האָט אויסגענוצט יעדע מעגלעכקײַט אפ צו פארבינדנ זיכ מיט דער קאָמונע, קעדיי פארטיידיקנ איר זאכ.

„איכ האָב וועגנ אײַער איניענ אָנגעשריבנ עטלעכע הונדערט בריוו אינ אלע עקנ וועלט, ווו עס עקזיסטירנ אונדזערע אָרגאניזאציעס“, — אינפאָרמירט מארקס די קאָמונארנ *פראנקעלנ* אונ *ווארלענענ*.

אינ זײַנע דירעקטיוונ אינ פאריזש אונ אינ פּראָווינצ — קיינ ליאָנ, רואנ אונ

אנדערע שטעט, ווו עס זײַנענ געווענ אָרגאניזירט אָפטיילונגענ פונעמ אינטערנאציִאָנאל, האָט מארקס געגעבנ קאָנקרעטע אָפעראטיווע אָנווײַזונגענ. דעמ 4־טנ אפּרעל, אשטייגער, האָט ער רעקאָמענדירט דער פאריזשער סעקציע צו פאנאנדערשיקנ דעלעגאטנ איבער אַלע גרויסע צענטערס פונ פאריזש.

מארקס האָט געגעבנ דעטאלע אָנווײַזונגענ בענעגייע פארטיידיקנ פאריזש פונ די ווערסאלער. אינ א בריוו צו די מיטגלידער פונ דער קאָמונע האָט ער געפאָדערט פארפעסטיקנ די צאָפנדיקע זײַט פונ די הייכנ פונ מאָנמארטער, וואָס גרענעצט זיכ מיט פרײַסנ, ווײַל די פרײַסנ קאָנענ דורכלאָזנ די ווערסאלער. דער גאנג פונ די געשעענישנ האָט באוויזנ, אַפ וויפל עס איז ריכטיק געווענ מארקס מוירע. מארקס האָט פריִער געוואָרנט די קאָמונארנ וועגנ אנ אויסגלײַכ צווישנ טיערנ מיט ביסמארקנ אונ וועגנ ביסמארקס צוזאָגנ טיערנ צו דערשטיקנ די קאָמונע. ער האָט געוואָרנט די קאָמונע וועגנ דער געפאר צו צענטרענצלענ די צײַט אַפ קלייניקײַטנ. ער האָט מיט האס געשטעמפלט די רענעגאטנ פונ דער קאָמונע, אזוינע ווי טאָלענ, וואָס איז, זײַענדיק א מיטגליד פונ אינטערנאציִאָנאל, געזעסנ אינ דער ווערסאלער נאציִאָנאלער פארזאמלונג.

ווי לענינ ווײַזט אָנ, איז „מארקס געווענ אנ אָנטיילנעמער פונעמ קלאסנקאמפ פונ דער קאָמונע". מארקס אקטיווער אָנטייל אינ דער קאָמונע, זײַנ שטענדיקע ארויסטרעטונג אינ דער פרעסע צו פארטיידיקנ די קאָמונע; זײַנ אָפלייקענענ די רעכילעס, וואָס די בורזשואזיע האָט פארשפרייט וועגנ דער קאָמונע, האָבנ ארויסגערופנ א טיפנ האס בײַ דער בורזשואזיע צו מארקסנ. דער דאָזיקער האס האָט דערגרייכט צומ העכסטנ גראד, ווענ עס איז פארעפנטלעכט געוואָרנ דער מאניפעסט פונעמ גענעראל־ראט וועגנ דעמ בירגערקריג אינ פראנקרײַכ, וועלכנ מארקס האָט אָנגעשריבנ. דאָס דאָזיקע מארקס ווערק דינט, לויט לענינס ווערטער, ביז איצט פארנ בעסטנ האנטבוכ אינעמ קאמפ פארנ „הימל"* אונ איז די סאמע שרעקלעכסטע סטראשידלע פאר די ליבעראלע אונ ראדיקאלע „כאזיירימ". דער „מאניפעסט" איז ארויס אינ נאָמענ פונ גענעראל־ראט. אָבער ווענ די בורזשואזיע האָט אָנגעהויבנ זוכנ, ווער עס איז דער אווטער פונעמ „מאניפעסט", האָט מארקס געמאָלדנ, אז ער איז דער אווטער. אַפ דער דאָזיקער מעלדונג האָט די בורזשואזע פרעסע געענטפערט מיט ווילדע יעלאָלעס. עס איז ניט געווענ אזא רעכילעס, ניט געווענ אזא שעפל קויט, וואָס די פארקויפטע בורזשואזע שרײַבערלעכ זאָלנ זיי ניט האָבנ אויסגעגאָסנ אַפ מארקס קאָפ. אָבער דעמ אלטנ פירער פונעמ פראָלעטאריאט האָט די דאָזיקע וואקכאנאליע פונ די סאָנימ ארומ זײַנ נאָמענ נאָר פארווײַלט. „איכ שפײַ אַפ די דאָזיקע קאנאליעס, — האָט מארקס געזאָגט. — מיר איז אפילע אָנגענעמ, — האָט ער זיכ מוידע געווענ, — ווענ נאָכ אזויפיל יאָרנ פונ זומפיקער רויִקייט הייבט זיכ אָנ א געשלעג". ניט אײַנבייגנ, ניט אײַנברעכנ מארקסנ האָט זיכ דער בורזשואזיע ניט אײַנגעגעבנ.

ווענ די קאָמונע איז דערטרונקענ געוואָרנ אינ בלוט, האָט מארקס אָנ אויפהער געארבעט אַפ צו העלפנ די קאָמונארנ, וואָס האָבנ זיכ געראטעוועט פונ דער

* לענינ מיינט דאָ מארקס א פראזע אינ א בריוו צו קוגעלמאנענ, ווו מארקס דריקט זיכ אויס, אז די פאריזשער קאָמונארנ שטורעמענ דעמ הימל.

בלוטדורשטיקער בורזשואזיע. ער האָט געזאָרגט וועגן אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון די קאָמונאַרן אַף די געריכט-פּראָצעסן, אײַנגעאָרדנט געלט-זאַמלונגען פאַר די קאָמונאַרן, געהאָלפן די קאָמונאַרן, וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשיקונג און וואָס האָבן עמיגרירט קיין ענגלאַנד אאַז״וו.

די קאָמונע און די בורזשואזיע

אין דער צײַט, ווען די קאָמונע אין פּאַריזש האָט דערקלערט אַ מילכאָמע אַף טויט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, האָט טיער אין ווערסאַל זיך פיבערהאַפט געגרייט צו אַן אָנפאַל. די קלאַסן-אינטערעסן פון דער פראַנצויזישער בורזשואזיע און פון נעם פּרײַסישן יונקערטום האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון דער נאַציאָנאַלער פײַנטשאַפט. ביסמאַרק האָט אַליין פאָרגעלייגט טיערן הילף אַף צו דערשטיקן דעם פּאַריזשער אופשטאַנד און האָט אים גלײַך צוגעדינט, אַרויסלאָזנדיק פון געפענקעניש צענדליקער טויזנט סאָלדאַטן און אָפיצערן פון דער אַלטער אימפּעראַטאָרישער אַרמיי. דעם גענעראַל מאַק-מאַגאָנען, וואָס האָט אָפּגעגעבן סעדאַן, האָט ביסמאַרק אַרויסגעשיקט צו הילף טיערן און יענער האָט אים אוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דעם ווערסאַלער מיליטער.

דער קאַמף פון דער קאָמונע קעגן די ווערסאַלער

די קאָמונע איז, לויט מאַרקס אויסדרוק, געווען צופיל „גע-וויסנהאַפט״. זי האָט געצויגן מיטן אָנווענדן מיטלען קעגן די אָפענע קאָנטררעוואָליוציאָנערן, קעגן זייערע מיטהעלפער, קעגן דעם באַאַמטנטום, וואָס האָט סאַבאָטירט. זי האָט צו שפּעט פאַרמאַכט די באַזונדערס רעאַקציאָנערע צײַטונגען, און ערשט סאָף אַפּרעל, אַלס ענטפער אַף די צעשיסונגען און אַכזאָריעסן פון די ווערסאַלער, האָט זי גענומען אַרעסטירן די בורזשויען און די אָנהענגער פון ווערסאַל, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּאַריזש.

דעם 21-טן מײַ, דרײַ אַזייגער באַטאָג האָט דער ערשטער אָטריאַד פון די ווערסאַלער זיך אַרײַנגעריסן אין די כאָרעווע טויערן פון סען-קלו. איבער די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, וואָס די ווערסאַלער האָבן גענומען אין געפענקעניש, האָבן זיי זיך איזדעקעוועט און זיי צעשאָסן אַפן אָרט. ווען איין מיטגליד פון דער קאָמונע האָט פאָרגעלייגט צו ענטפערן דערויף מיט שטרענגע מיטלען קעגן די אַרעסטירטע אין פּאַריזש קאָנטררעוואָליוציאָנערן און אָרוועסלײַט פון דער בורזשואזיע, האָט די קאָמונע אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג אָן דעבאַטן.

ערשט דעם 23-טן מײַ האָט די קאָמונע באַשלאָסן אָנעמען שטרענגע מיטלען. אַלס ענטפער אַף די אַכזאָריעסן פון די ווערסאַלער האָט מען לויטן באַפעל פון נעם פּראָקוראָר פון דער קאָמונע ריגאָ צעשאָסן 4 אָרוועסלײַט. דאָך האָט אַלץ זיך שוואַך געפילט די אײַזערנע האַנט פונעם פּראָלעטאַריאַט. **דאָס אויספעלן פון אַן אָנפירנדיקער פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַף אַלע ווײַטערדיקע מעשים פון דער קאָמונע. די ניט-אַנטשלאָסנקײַט, די האַלביקײַט, דער אינערלעכער קאַמף האָבן אָפּגעשוואַכט דעם קויעך פון דער קאָמונע.**

מײנונג־פֿאַר־שײדנהײַטן אינ־װײניק אין דער קאָמונע

דער דאָזיקער אינערלעכער קאמפ צװישן דער יאקאָביניש־בלאַנ־קיסטישער מערהײַט מיט דער פּראָדוניסטישער מינדערהײַט האָט זיך אָנגעהויבן גלײַך נאָכן אויסװײלן די קאָמונע. שוין באַם באַהאַנדלען דעם פֿאָרטראָג װעגן די צוגאָב־װאַלן אין דער קאָ־מונע, װאָס זײַנען פֿאָרגעקומען דעם 16־טן אַפּרעל, האָבן אײ־ניקע אויסגעװײלטע ניט באַקומען קײן גענוגנדיקע צאָל שטימען איבער דעם, װאָס די װײלער זײַנען ניט געקומען. די מאַנדאַט־קאָמיסיע האָט דעריבער פֿאָרגעלײגט צו אַנערקענען פֿאַר אויסגעװײלט אין קאָמונע די אַלע קאַנדידאַטן, װאָס האָבן באַקומען העכער העלפֿט פֿון דער צאָל דערלאַנגטע שטימען, ניט אָפּהענגיק פֿון דער צאָל װײלער. די מינדערהײַט האָט פּראָטעסטירט און האָט געפֿאָדערט אָפּצו־היטן פּינקטלעך דעם געזעץ פֿון 1849 יאָר. די דאָזיקע פֿאָדערונג פֿון דער מינ־דערהײַט איז געװען באַשײַמפּערלעך אומגעלומפּערט, װײַל מע האָט דאָך ניט גע־קאָנט פֿאָדערן, אַז אַלע װײלער זאָלן זיך געפֿינען אויף די ערטער אין דער צײַט, װען דער גרעסטער טײל זײערער איז געװען אָפּן פֿראָנט פֿון בירגערקריג. די צװײטע אַרויסטרעטונג פֿון דער מינדערהײַט איז פֿאָרגעקומען דעם 1־טן מײַ באַם באַהאַנדלען און אָפּשטימען די פֿראַגע װעגן בילדן דעם קאָמיטעט פֿאַר געזעל־שאַפֿטלעכער רעטונג, װאָס האָט באַדאַרפֿט באַקומען ברײטע דיקטאַטאָרישע פֿול־מאַכטן. 17 מיטגלידער פֿון דער קאָמונע האָבן דעמלט פּראָטעסטירט קעגן יעטװי־דער „דיקטאַטאָרישער מאַכט", װאָס נעמט, קלומערשט, אָפּ באַם פֿאָלק זײַנע רעכט. די מינדערהײַט האָט דאָ װידער אַרויסגעװיזן אַ טעמפּן ניט פֿאַרשטײן די סיטוא־ציע פֿון בירגערקריג, אין װעלכער דער קאָמונע איז אויסגעקומען צו האַנדלען, באַ װעלכער מע האָט נײטיק געדאַרפֿט אָנװענדן די דרינגענדיקסטע און אַנט־שײדנסטע מאָסמיטלען און ניט צעטרענצלען די צײַט אויף לאַנגע כּקירעס אַרום יעדער פֿראַגע. דעם 16־טן מײַ איז די מינדערהײַט אַװעק נאָך װײַטער און 22 מיטגלידער פֿון דער קאָמונע האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט אין די צײַטונגען אַ מעלדונג, אַז זײ גײען אַרויס פֿון דער קאָמונע אַלס פּראָטעסט קעגן אײַנשטעלן דיקטאַטור און קעגן די שריט פֿונעם קאָמיטעט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג. װען די קאָ־מונע האָט אויף איר זיצונג אָנגענומען אַ רעזאָליוציע, װאָס האָט פֿאַרורטײלט די צעשפּאַלטערישע טעטיקײַט פֿון דער מינדערהײַט, האָבן אײניקע מיטגלידער פֿון דער מינדערהײַט געפּרוּװט זיך װענדן צו די מאַסן, אויסמײַדנדיק די קאָמונע, ד. ה. געפּרוּװט אײַנדערעמעסן צעשפּאַלטן דעם אײַנהײַטלעכן פֿראָנט פֿון די אַרבעטער קעגן די װערסאַלער טאַליאָנים. די מאַסן האָבן אָבער פֿײַנטלעך זיך באַצויגן צו דער שפּאַלטערישער טעטיקײַט פֿון דער מינדערהײַט און האָבן זײ געצװוּנ־גען אומצוקערן זיך אין קאָמונע. די דאָזיקע אַרונטערײַסערישע אַרבעט פֿון דער מינדערהײַט האָט אָן שום צװײפֿל אָפּגעשװאַכט די קױכעס פֿון דער קאָמונע אין קאַמפּ קעגן דעם סוינע.

די קאָמונע און דער פֿראַנצױזי־שער באַנק

אַ גרױסער פֿעלער פֿון דער קאָמונע איז געװען איר „אָפּשײַ", װאָס זי האָט אַרויסגעװיזן פֿאַרן פֿראַנצױזישן באַנק". אַ גרױ־סער כײלעק שולד פֿאַר דעם דאָזיקן פֿעלער פֿ״ן דער קאָמונע פֿאַלט װידעראַמאָל אויף דער מינדערהײַט. אין באַנק זײַנען גע־לעגן די קאָלאָסאַלע גאָלד־רעזערװן פֿון דער פֿראַנצױזישער בורזשואַזיע. די װער־

סאלער פּלעגן באקומען געלט פון באנק, און די קאָמונע האָט ניט געוואגט ארופ-צוליינג אפּן באנק די פּראָלעטארישע האנט און האָט איבערגעלאָזן אין באנק דעם אלטן דירעקטער און די אלטע וואך, באשטימענדיק אהינ בלויז אירן א קאָמי-סאר, וואָס האָט, אינ טאָכ גענומען, בלויז מיטגעהאָלפן אָפּצוהיטן די קאפּיטאַלן פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע. סאכאקל איז אין באנק געווען גאָלד, קרע-דיט-בילעטן און ווערטפּולע פּאפּירן אפ א סומע פון דריי מיליארד פראנק, פון זיי איז איינ מיליארד מיט 300 מיליאָן געווען גאָלד און פּאפּיר-געלט.

פאר דער צייט פון איר עקזיסטענץ האָט די קאָמונע ארויסבאקומען פון באנק אינגאנצן 16 מיליאָן פראנק, אינ דערצייט ווען די ווערסאלער האָבן פון דאָרט באקומען 257 מיליאָן, דה. 15 מאָל אזויפיל.

בא דער קאָמונע אונטער דער נאָז האָט דער פראנצויזישער באנק אומגע-שטערט באזאָרגט די ווערסאלער מיט געלט.

ווען די קאָמונע וואָלט אָבער פארנומען דעם באנק, וואָלט די גאנצע פראנ-צויזישע בורזשואזיע געווען געדריקט אפ דער ווערסאלער רעגירונג און געפאָדערט פון איר צו שליסן שאָלעם מיט דער קאָמונע.

די בלוטיקע מיי-וואָך און דער אומקום פון דער קאָמונע

ניט געקוקט אפ דער העלדישקייט פון די פּאריזשער ארבעטער און ארבעטערנס, וואָס האָבן ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכן מעסירעסנעפעש באַם פארטיידיקן דעם צוטריט צו דער שטאָט, האָט אָנהייב מיי די שלאכט זיך צוגערוקט הארט צו אירע פאָר-שטעט, און א רייַ דאָרעמדיקע פאָרטן זיינען שרעקלעך באָמ-בארדירט געוואָרן פון די ווערסאלער.

דאָס ווערסאלער מיליטער האָט זיך ארייַנגעריסן אינ פּאריזש זונטיק דעם 21-טן מייַ. אינ דעם טאָג האָט זיך זיי אייַנגעגעבן צו פארכאפּן די דאָרעמדיקע טויערן פון פּאריזש — די טויערן סענ-קלו און ארייַנדרינגען שנעל אינ די טיפענישן פון די מייַרעוודיקע בורזשואזע ראיאָנען פון שטאָט. עס האָט זיך אָנגעהויבן איינע פון די סאמע בלוטיקסטע גאסנ-שלאכטן, וועלכע עס ווייסט די געשיכטע.

וואָס מער די ווערסאלער האָבן זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט און באזונ-דערס צו די מיזרעכדיקע ארבעטער-קווארטאלן, אלץ מער און מער אקשאָנעסדיק איז געוואָרן דער ווידערשטאנד פון די קאָמונארן. ריזיקע באריקאדעס האָבן פאר-צוימט דעם וועג פאר די סאָלדאטן פון דער בורזשואזיע. די ארבעטער און האנט-ווערקער פון פּאריזש — מאנצבלען, פרויען און אפילע קינדער, — האָבן מיט געווער אינ די הענט פארטיידיקט זייער מאכט און זייער פרייַהייַט.

„אינ דער לעצטער שלאכט, וואָס האָט זיך געצויגן שוין 48 שאָ, האָט די פּאריזשער באפעלקערונג באוויזן די גאנצע ענערגיע, אפ וועלכע זי איז פייִק“, — ליינען מיר אינ לעצטן נומער „אָפיציעלע צייַטונג“ פון דער קאָמונע. „קינדער בויען באריקאדעס און זייערע פאָטערס פארטיידיקן זיי. פרויען און אפילע מו-טערס מיט א ביקס אינ די הענט, האלטן אונטער דעם גייַסט פון די מאנצבעלן מיט וואָרט און מיט טאט“.

מיטוואָך דעם 24-טן מייַ האָט זיך די ווערסאלער אייַנגעגעבן צו פארכאפּן די שטאָט-דומע. האָבנדיק אינ זייער רעשוס באדייַטנדיקע קרעפטן, הייבן זיי אָן

ביסלעכווײַז ארומרינגלענ די ארבעטער־קווארטאלנ אונ, ענדלעכ, זונטיק דעמ 28־טנ מײַ פארקלעמענ זיי אינ א פײַערדיקנ רינג די לעצטע פארטיידיקער פונ דער קאָמונע אינעמ ראיאָנ פונ דער גאס ראמפאָנאָ.

נאָכ לאנג פאר אָט דעמ לעצטנ טאָג פונ דער פאריזשער קאָמונע האָט זיכ אָנגעהויבנ דער גרויל פונ ווײַסנ טעראָר, וואָס אנטקעגנ אימ זענענ אויס בלאס די מאסנ־קעפונגענ פונ די יונער טעג אינ 1848 יאָר.

די געפאנגענע קאָמונארנ האָט מענ צעשאָסנ הונדערטערווײַז. דערבײַ האָבנ די סאָלדאטנ אונ די אָפיצערנ פונ דער ווערסאלער ארמיי ניט בלויז געהארגעט, נאָר אויכ זיכ איזדעקעוועט איבער זייערע קאָרבאָנעס. די קלאסנ־שווערד פונ דער בורזשואזיע האָט געשניטנ פאריינס אלע פראָלעטאריער פונ פאריזש, די טאליאָנימ האָבנ ניט געמאכט קיינ אונטערשייד ניט צווישנ געשלעכט, ניט צווישנ עלטער פונ די קאָמונארנ. מאנצבעלנ אונ פרויענ, ארבעטער אונ ארבעטערנס אונ אפילע זייערע קינדער — אלעמענ האָט דער קלאסנ־סוינע צוגערייט איינ בלוטיקנ סאָפ. „אפ די קאָמונארנ דארפ מענ אײַנאָרדענענ א געיעג״, — האָט געשריבנ די צײַטונג פונ די ווערסאלער. „מיר דארפנ באלאגערנ, ווי מע באלאגערט ווילדע כײַעס, יענע, וואָס האָבנ זיכ באהאלטנ״, — האָט געשריבנ א צווייטע צײַטונג. „קיינ איינער פונ די ראָצכימ, וואָס אינ זייערע הענט האָט זיכ אינ פארלויפ פונ צוויי כאדאָשימ געפונענ פאריזש, וועט ניט באטראכט ווערנ אלס פאָליטישער פארברעכער; צו זיי וועמ מענ זיכ באציִענ, ווי צו רויבער, אונ דאָס זײַנענ זיי טאקע״, — האָט א דריטע קאָנטררעוואָליוציאָנערע צײַטונג גערופנ זיכ אָפצורעכענענ מיט די קאָמונארנ.

קאָמאנדיר פונ קאָמונע־מיליטער — דאָמבראָווסקי

מיט א באזונדערס ראפינירטער אכזאָריעס האָבנ זיכ די הענקער נויקעמ געווענ אָנ די פירער פונעמ ארבעטער־קלאס, וואָס זײַנענ ארײַנגעפאלנ צו זיי אינ די הענט. אָט וויאזוי מע האָט, צומ בײַשפּיל, געקעפט ווארלענענ, איינעמ פונ די בעסטע פאָרשטייער פונעמ פאריזשער ארבעטער־קלאס. ווארלענענ איז ניט געלונגענ צו אנטלויפנ. א גאלעכ האָט אימ דערקענט אונ האָט טייקעפ אָנגעוויזנ אפ אימ אנ אָפיצער. „א גאנצע שאָ האָט מענ ארומגעפירט ווארלענענ איבער די געשלענגלטע גאסנ פונ מאָנמארטער מיט פארדרייטע הענט אפ הינטנ, דערבײַ האָט מענ אימ באליידיקט אונ זיכ איזדעקעוועט איבער אימ. זײַנ געקרויזטער קאָפ מיט א שטערנ פונ א דענקער, וואָס איז געווענ פול מיט געדאנקענ פונ ברודערשאפט, איז אינגאנצנ געווענ צעהאקט פונ שווערדנ אונ איז פארוואנדלט געווארנ אינ איינ בלוטיק שטיקל פלייש... ווי־ניט־איז האָט מענ זיכ דערשלעפט ביז צו דער גאס ראָזיע. ווײַטער האָט ער שוינ ניט געקאָנט גיינ אונ מע האָט אימ געמוזט טראָגנ. דאנ האָט מענ אימ אוועקגעזעצט אונ דערשאָסנ.*

* ליסאגארע — געשיכטע פונ דער קאָמונע.

די בורזשואזע דאמען פלעגן קומען אין די טפיסעס ספעציעל קעדיי זיך איזדעקעווען איבער די געפאנגענע, א קוק טאָן, ווי מע קעפט די העלדן די קאָ-מונארן, קעדיי מיט קלעפ פון שירעמס פײַניקן די קערפערס פון די שוין גע-קעפטע קאָמונארן.

די צאָל פון אלע אומגעקומענע און צעשאָסענע אין דער בלוטיקער מײַ-וואָך, איז ניט פעסטגעשטעלט. עס זײַנען אומגעקומען ניט ווייניקער פון 30 טויזנט

דאָס צעשיסן קאָמונארן

מאן. 38 טויזנט מאן האָבן די ווערסאלער ארעסטירט און אָפגעשיקט אין די טפיסעס און דערנאָך פארשיקט אין די ווײַטע קאָלאָניעס. צווישן די ארעסטירטע האָבן זיך געפונען העכער טויזנט פרויען און 650 קינדער.

די רעכטפארטיקײַט פון דער בורזשואזיע האָט געפײַערט איר ניצאָכן.

35. די לעקציעס און די באדײַטונג פון דער קאָמונע

די היסטאָרישע באדײַטונג פון דער קאָמונע

דער פירער פונעם אלוועלטלעכן פראָלעטאריאט קארל מארקס האָט מיט גרויס אומרו נאָכגעשפירט אין לאָנדאָן נאָך דער אנטוויקלונג פון די פאריזשער געשעענישן.

דעם 28-טן מײַ, ערעוו דעם פאלן פון דער קאָמונע, רעדט מארקס וועגן דעם, אז „דער סאָף איז נאָענט", „נאָר אויב די קאָמונע וועט צעשלאָגן ווערן, וועט דער קאמף בלויז אָפגעלייגט ווערן. די פרינציפן פון דער קאָמונע זײַנען אייביק און קאָנען ניט פארניכטעט ווערן; זיי וועלן זיך ווידער און ווידער שטעלן

אין טאָג־אָרדענונג אזוי לאנג, ביז דער ארבעטער־קלאס וועט זיך ניט דערשלאָגן צו זײַן באפרײַונג".

מארקס האָט טיף געגלייבט אין די קרעפטן פונעם ארבעטער־קלאס. אים האָבן ניט געשראָקן די צײַטווײַליקע דורכפאלן און מאפּאָלעס. אים האָט באגײַסטערט די העלדישקײַט פון די פאריזשער, "וואָס שטורעמען דעם הימל", פון די פּאריזשער, וואָס הייבן אוף די באוועגונג אף א נײַער, העכערער שטופע און פארשטייען, אז ניט מיט א "גוטמוטיק־פרידלעכן" וועג, נאָר מיטן וועג פון קלאסנקאמף וועט דער פּראָלעטאריאט קומען צום אופבוי פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

מארקס האָט הויך געשעצט די דערפארונג פון דער קאָמונע און האָט איר צוגעגעבן אן אלוועלטלעך־היסטאָרישע באדײַטונג. די קאָמונע איז געווען דער ערשטער פּרווו אין דער וועלט־געשיכטע פון דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט. דאָס איז געווען א מעלוכע פון גאָר א נײַעם טיפּ, דאָס פאָרבילד פון דער ראטנמאכט.

"דער קאמף פונעם ארבעטער־קלאס קעגן דעם קלאס קאפּיטאליסטן איז ארײַנגעטראָטן אין א נײַער פאזע,—האָט מארקס אונטערגעשטראָכן.—ווי אזוי די זאך זאָל זיך דירעקט דאָס מאָל ניט ענדיקן, איז אלצײנס דערגרייכט געוואָרן דער נײַער אויסגאנג־פּונקט, וואָס האָט אן אלוועלטלעך־היסטאָרישע באַדײַטונג".

אין די "פּראגעס פון לעניניזם" האָט ח' סטאלין געגעבן א קלאסישע פאָרמולירונג וועגן דער פאריזשער קאָמונע, אלס עמבריאָן פון דער ראטנמאכט.

"די רעפּובליק פון די ראטן איז, אזוי־ארום, יענע געזוכטע און ענדלעך געפונענע פּאָליטישע פאָרם, וואָס אין אירע ראמען דארף פארווירקלעכט ווערן די עקאָנאָמישע באפרײַונג פונעם פּראָלעטאריאט, דער פולשטענדיקער ניצאָכן פונעם סאָציאליזם.

די פאריזשער קאָמונע איז געווען דער עמבריאָן פון דער דאָזיקער פאָרם. די ראטנמאכט איז איר אנטוויקלונג און פארענדיקונג".

אזוי־ארום זײַנען מיר די יאָרשים און די פאָרזעצערס פון דער גרויסער זאך פון דער קאָמונע.

"מיר אלע שטייען אין אונדזער באוועגונג אף די אקסלען פון דער קאָמונע", האָט לענין אָנגעוויזן, אונטערשטרײַכנדיק, אז "די קאָמונע האָט אויסגעלערנט דעם אייראָפּייִשן פּראָלעטאריאט צו שטעלן קאָנקרעט די אופגאבעס פון דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע".

די באדײַטונג פונעם העלדישן קאמף פון די "אומשטערבלעכע קעמפער און מארטירער פון דער קאָמונע באשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן פארטיידיקט די ערשטע דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט אין דער געשיכטע פונעם פּראָלעטאריאטס קלאסנקאמף", די דיקטאטור, וועלכע מארקס און ענגעלס האָבן פאָרויסגעזאָגט נאָך אין פעריאָד פון דער רעוואָליוציע פון 1848 יאָר.

אָבער מאַרקס און ענגעלס האָבנ ניט בלויז פּראָוויזאָריש דיקטאַטור פּו־נעמ פּראָלעטאַריאַט, די קאָמונע איז געווענ דאָס „סאַמע רומפולע בלעטל אינ דער געשיכטע פונעמ ערשטנ אינטערנאַציאָנאַל", מיט וועלכנ זיי האָבנ אָנגעפירט, דאָס איז געווענ די „רומפולסטע העלדנטאַט פונ דער פּאַרטיי קאָמוניסטנ צײַט יולער אופשטאַנד פונ 1848 יאָר".

באַקענענדיק זיכ מיטנ העראָישנ קאַמפ פונ די פּאַריזער קאָמונאַרנ, וואָס „זײַנענ גרייט צו שטורעמענ דעמ הימל", טאָרנ מיר דערבײַ ניט פאַרגעסנ וועגנ דעמ, אַז די קאָמונע איז געווענ בלויז דער אָנהייב פונ דער ראַטנמאַכט, אַז זי איז פאָרגעקומענ אינ דעמ פעריאָד, ווענ דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָכ ניט געווענ גענוג רייפ, פאַראייניקט אינ איינ פּאַרטיי; אַז מיר דאַרפנ זיכ לערנענ ניט בלויז אָפּ די אומשטערבלעכע דערגרייכונגענ פונ דער קאָמונע, נאָר אויכ אָפּ אירע פעלערנ, מיר דאַרפנ דיסקאָנטירנ איר גאַנצע דערפאַרונג, וואָס איז גענויאָל פאַראַלגעמיינערט געוואָרנ אינ די ווערק פונ די גרונט־לייגער אונ לערער פונעמ מאַרקסיזמ.

די לעקציעס פונ דער קאָמונע

וואָס זײַנענ די גרינטלעכסטע אונ איקערדיקע לעקציעס פונ דער קאָמונע? פריִער פאַר אַלצ האָט זי דערוויזנ, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קאָנ ניט פּאָשעט דעראָבערנ די פּאַרטיקע מעלוכע־מאַשינ אונ זי צווינגענ דינענ זײַנע צילנ" (מאַרקס). די קאָמונע האָט דערוויזנ, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרפ צעקלאַפּנ אונ צעברעכנ די דאָזיקע מעלוכע־מאַשינ אונ ניט באַגרענעצנ זיכ מיטנ פּאָשעטנ פאַרכאַפּנ זי.

צווייטנס, האָט די קאָמונע מיטנ פאַקט גופע פונ איר עקזיסטענצ דערוויזנ, אָפּ וואָס עס דאַרפ פאַרביטנ ווערנ די דאָזיקע צעקלאַפּטע מעלוכע־מאַשינ פונ דער בורזשואַזיע. זי האָט באַוויזנ, אינ וועלכע קאָנקרעטע פאָרמענ עס וועט זיכ אָנהייבנ אויסגיסנ די אָרגאַניזאַציע פונעמ פּראָלעטאַריאַט אַלס הערשנדיקער קלאַס אונ אָפּ וואָס פאַר אַנ אויפנ די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע וועט זיכ צונויפּאָרנ מיט דער פולסטער אונ קאָנסעקווענטסטער דעראָבערונג פונ דער דעמאָ־קראַטיע.

מיר ווייסנ, אַז גראָד אָט די צוויי הויפּטלעכע אונ גרינטלעכע לעקציעס פונ דער קאָמונע האָבנ באַנומענ די רוסישע אַרבעטער, מיט וועלכע לענינ אונ די פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָבנ אָנגעפירט. זיי האָבנ אָפּ אַלע עטאַפּנ פונ דער רו־סישער רעוואָליוציע דיסקאָנטירט די גאַנצע דערפאַרונג פונ דער קאָמונע אונ האָבנ געבויט זייער סטראַטעגיע אונ טאַקטיק אָפּנ דיסקאָנט פונ אירע פעלערנ אונ לעקציעס. אונ דאָס טאַקע האָט בעפיירעש מיטגעהאָלפנ די רוסישע פּראָלע־טאַריער צו פאַרענדיקנ די מײַ־מאַפּאָלע פונ די קאָמונאַרנ מיטנ ניצאָכנ פונ אָקטיאַבער.

בלויז די באָלשעוויקעס האָבנ ריכטיק אָפּגעשאַצט אונ שאַצנ אָפּ די דערפאַרונג פונ דער רעוואָליוציע דעמ 18־טנ מאַרט 1871 יאָר. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־פאַשיזמ האָט צוגונסטנ דער בורזשואַזיע שטענדיק פאַרשוויגנ דעמ העלדישנ אַקט פונ די קאָמונאַרנ אונ האָט אימ פאַר־

קריפלט. דער באַווּסטער דײַטשישער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, דער רעוויזיאָניסט פאָלמאַר, האָט אַפנ שטוטגאַרטער צוזאַמענפאָר פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (אינ 1893 יאָר) דערקלערט, אַז „די פראַנצויזישע אַרבעטער וואָלטנ מער נוצנ געבראַכט דער זאַכ, ווענ זיי וואָלטנ דעמלט, דעם 18-טנ מאַרט 1871 יאָר, דעם אינדערפרי געווענ פאַשעט שלאָפנ.

סײַ בערנשטײַנ סײַ קאַוטסקי — די פירער פונעם צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל, סײַ די רוסישע מענשעוויקעס אַקימאָוו אונ מאַרטאָוו האָבנ אָדער זיכ אָפּגעזאָגט צו זענ אינ דער קאָמונע די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט אָדער זיי זײַנענ מאַסקימ געווענ מיט פאָלמאַרנ אינ דעם, אַז מע דאַרפ זיכ אָפּזאָגנ פונ אַ באַוואָפנטנ אופשטאַנד אונ זיכ באַגרענעצנ בלויז מיטנ אָנטייל אינ דעם בורזשואַזנ פאַרלאַמענט.

די דאָזיקע וויכטיקסטע לעקציעס, וואָס בלויז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אונ דער קאָמינטערנ האָבנ זיי ריכטיק באַנומענ, זײַנענ אויסערגעוויינלעכ וויכטיק פאַרנ אַלוועלטלעכנ פּראָלעטאַריאַט. די רעוואָליוציע פונ 18־טנ מאַרט 1871 יאָר האָט קלאָר באַוויזנ, אַז אָנ אַ פעסטער דיסציפּלינירטער, אייגהײַטלעכער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי קאָנ מענ זיכ ניט דערשלאָגנ צו קיינ ניצאָכנ אונ אַז בלויז ווענ מענ דערשטיקט אומדערבאַרעמדיק אָנ שום „איבעריקנ גרויסמוט" די בורזשואַזיע מיט אירע אַגענטנ, דאַנ איז געזיכערט דער ניצאָכנ פונעם סאָציאַליזמ.

דער אינטערנאַציאָנאַל נאָכ דער קאָמונע

מיטנ מאַניפעסט וועגנ בירגערקריג אינ פראַנקרײַכ, וואָס מאַרקס האָט אָנגעשריבנ, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל גענומענ אַפ זיכ די גאַנצע יערושע פונ דער קאָמונע אונ האָט זי דערקלערט פאַר אַ פאַרמעגנ פונעמ אַלוועלטלעכנ פּראָלעטאַריאַט. „דעמ אַרבעטער־פּאַריזש מיט זײַנ קאָמונע, — ווערט געזאָגט אינ דעמ דאָזיקנ מאַניפעסט, — וועט מענ שטענדיק באַערנ אַלס רומפולנ פאָרגייער פונ דער נײַער געזעלשאַפט. אירע מאַרטירער זײַנענ אַפּ שטענדיק פאַרייביקט אינעמ גרויסנ האַרצנ פונעמ אַרבעטער־קלאַס. אירע טאַליאָנימ האָט די געשיכטע שוינ איצט געשטעלט צומ שאַנדסלופּ, פונ וועלכנ קיינע טפילעס פונ זייערע גאַלאָכימ וועלנ ניט אימשטאַנד זײַנ זיי אַראָפּצונעמענ". דאָס, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָפנ פאַרטיידיקט די זאַכ פונ דער קאָמונע, האָט פּראָפּאַגאַנדירט אינ דער סוויווע פונ די אַרבעטער איר דערפאַרונג אונ גערופנ נאָכצוטאָנ איר בײַשפּיל, האָט אַרויסגערופנ אַ ווילדנ האַס בא דער בורזשואַזיע צומ אינטערנאַציאָנאַל אונ צו זײַנ אָנפירער — צו מאַרקסנ. די אָרגאַניזאַציעס פונעמ אינטערנאַציאָנאַל אינ פראַנקרײַכ זײַנענ צעגראָמירט געוואָרנ, די שפּאַנישע רעגירונג האָט פאַרבאָטנ די עקזיסטענצ פונ די סעקציעס פונ אינטערנאַציאָנאַל אינ שפּאַניע. צווישנ די מעלוכעס פונ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט מענ געפירט אונטערהאַנדלונגענ צו דערקלערנ אינ איינ צײַט דעמ אינטערנאַציאָנאַל אינ אַלע לענדער אויסערנ געזעצ. אונ אַפילע אינ ענגלאַנד האָבנ די רעאַקציאָנערנ געמאַסערט דעמ אינטערנאַציאָנאַל אינ פאַרלאַמענט, אונ געפאָדערט אָנצונעמענ קעגנ אימ אַנטשיידענע מיטלענ. דעמ אינטערנאַציאָנאַל האָט מענ צוגעשריבנ אַלצ, וואָס אינ דער וועלט איז. מאַרקס האָט געכויזעקט איבער

דער העצע, וואָס די בורזשואזיע האָט אופגעהויבנ, אונ האָט געזאָגט, אז דעמ אינטערנאציאָנאל וועט מענ אינגיכנ באשולדיקנ אינ דעמ, אז ער האָט עס אָרגאניזירט די ערד־ציטערניש אינ קאליפאָרניע.

אינ אזא סיטואציע פונ צעיושעטער העצע איז אינ לאָנדאָנ אינ סענטיאבער 1871 יאָר זיכ צונויפגעקומענ די קאָנפערענצ פונעמ אינטערנאציאָנאל, וואָס האָט באדארפט לייזנ א ריי פראגעס וועגנ די אָרגאניזאציעס פונעמ אינטערנאציאָנאל אינ די באדינגונגענ פונ די פארביטערטסטע רעדיפעס אונ אָנמערקנ די נאָענטסטע אופגאבעס, וואָס האָבנ זיכ געשטעלט פאר דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער-באוועגונג נאָכנ פאלנ פונ דער קאָמונע. די קאָנפערענצ האָט איבערגעקוקט דעמ סטאטוט אונ אימ דערגאנצט מיט אָרגאניזאציאָנעלע באשלוסנ פונ די פאָריקע קאָנגרעסנ, אָנגענומענ א באשלוס וועגנ אָרגאניזירנ דעמ אינטערנאציאָנאל אינ יענע לענדער, ווו זייַנ לעגאלע עקזיסטענצ איז געווענ פארבאָטנ. די קאָנפערענצ האָט געמאכט פארנ ארבעטער-קלאס דעמ וויכטיקסטנ אויספיר פונ דער דערפארונג פונ דער קאָמונע. די הויפט־צאָרע פונ דער קאָמונע איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס דער פראנצויזישער פּראָלעטאריאט האָט ניט געהאט קיינ ווירקלעכ רעוואָליוציאָנערע פּארטיי, וואָס זאָל זייַנ פייִק צו שטעלנ זיכ אינ שפּיצ פונ זייַנ קאמפּ. דעריבער האָט די קאָנפערענצ באשלאָסנ צו דערמאָנענ די מיטגלידער פונעמ אינטערנאציאָנאל, אז אינ די שלאכטנ פונעמ ארבעטער־קלאס איז די עקאָנאָמישע באוועגונג אונ די פּאָליטישע טעטיקייַט ענג צוזאמענגעבונדנ, אונ האָט ארויסגערוקט פארנ ארבעטער-קלאס פונ אלע לענדער די אופגאבע ווי אמגיכסטנ צו שאפנ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּארטייענ.

דער מארש פונ דער בורזשואזיע קעגנ דעמ גענעראל־ראט פונעמ אינטערנאציאָנאל האָט באפליגלט די באקוניסטנ. זיי האָבנ באשלאָסנ אויסצוניצנ די גינסטיקע פאר זיי לאגע, אונ האָבנ אויכ אופגעהויבנ א העצע קעגנ דעמ גענעראל־ראט אונ אימ באשולדיקט אינ דעמ, אז ער שלאָגט אראָפּ די ארבעטער־באוועגונג פונעמ ריכטיקנ וועג דערמיט, וואָס ער שטויסט אימ אפּנ וועג פונ פּאָליטישנ קאמפּ אונ פונ דעראָבערנ די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. פילנדיק די שטיצע מיצאד דער בורזשואזיע, האָבנ די אנארכיסטנ זיכ ניט געשעמט אויסצוגיסנ אפּנ קאָפּ פונ גענעראל־ראט אונ אפּ מארקסנ גאנצע שעפּלענ מיט רעכילעס אונ סינע. זיי האָבנ אנטוויקלט א קאָלאָסאלע ענערגיע, קעדיי אראָפּציִענ די ארבעטער־באוועגונג פונ יענעמ וועג, אפּ וועלכנ עס האָבנ אימ אָנגעוויזנ דער גענעראל־ראט אונ די דערפארונג פונ דער קאָמונע. בא אזוינע באדינגונגענ איז געוואָרנ אומעגלעכ ווייַטער צו האלטנ די באקוניסטנ אינעמ אינטערנאציאָנאל. דולדנ זיי וואָלט געהייסנ דולדנ אינ די אייגענע רייענ א סוינע, וואָס שטרעבט די דאָזיקע רייענ צו דעמאָראליזירנ אינ מאָמענט פונ א געפאר. מע האָט זיי געמוזט ארויסווארפנ. אונ דאָס איז געטאָנ געוואָרנ אפּנ האאגער קאָנגרעס פונעמ אינטערנאציאָנאל אינ 1872.

דער האאגער קאָנגרעס פונ 1872 יאָר

אפּנ קאָנגרעס, וואָס איז צונויפגערופנ געוואָרנ אינ האאג אינ 1872 יאָר, האָבנ מארקס אונ די מערהייַט פונ גענעראל־ראט, וואָס איז געגאנגענ נאָכ אימ, באקומענ די אויבערהאנט. די באקוניסטנ האָט מענ צעקלאפּט. דער קאָנגרעס האָט באשטעטיקט דעמ באשלוס פונ דער לאָנדאָנער קאָנפערענצ וועגנ אָרגאניזירנ א פּראָלע־

טארישע פארטיי און האָט באשלאָסן, אז אין „זייער קאמף פאר דער באפרײַונג קאָנען די ארבעטער ארויסטרעטן אלס קלאס בלויז דאן, ווען זיי האָבן זיך פאראייניקט אין א פּאָליטישער פארטיי".

באקוניִן מיט זײַנע אָנהענגער זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם אינטערנאציאָנאל. וועגן די סיבעס פונעם דאָזיקן טראָט האָט ענגעלס געשריבן:

„אויב מיר וואָלטן אין האאג ארויסגעטראָטן קאָמפּראָמיסטיש, אויב מיר וואָלטן פארשמירט די רײַפגעוואָרענע שפּאלטונג, וואָס פאר א רעזולטאטן וואָלטן דערפון געווען? די סעקטאנטן, ד. ה. די באקוניסטן, וואָלטן באקומען אין זייער רעשוס אן איבעריק יאָר צײַט אפּ אָפּצוטאָן אין נאָמען פון אינטערנאציאָנאל נאָך גרעסערע נארישקײַטן און נידערטרעכטיקײַטן. די ארבעטער פון די סאמע אנטוויקלטסטע לענדער וואָלטן זיך אָפּגעקערט פון אונדז מיט פאראכטונג. דעמלט וואָלט טאקע דער אינטערנאציאָנאל אפּ אן עמעס אומגעקומען, ער וואָלט אומגעקומען פון דער „אייניקײַט". אָנשטאָט דעם האָבן מיר מיט ערע פאר אונדז זיך אָפּגעריייניקט פון פוילע עלעמענטן".

„די באוועגונג פון פּראָלעטאריאט גייט אומפארמײַדלעך דורך פארשיידענע שטופעס פון אנטוויקלונג. אפּ יעדער שטופע בלײַבט שטעקן א טייל מענטשן, וואָס גייט ניט ווײַטער" — פארענדיקט ענגעלס דעם דאָזיקן געדאנק.

אונטערפירנדיק די סאכאקלען פון דעם האאגער קאָנגרעס, האָט מארקס, זיך אָפּשטעלנדיק אפּ דער באדײַטונג פון דער קאָמונע און אינטערנאציאָנאל, געזאָגט:

„וואָס אָנבאלאנגט מיך, וועל איך ווײַטער ארבעטן איבער מײַן אויפגאבע, צו שאפן אָט די סאָלידארישקײַט פון די ארבעטער, וואָס וועט אין דער צוקונפט זײַן אזוי גרויזאם. ניין, איך וועל פונעם אינטערנאציאָנאל ניט אוועקגיין און דעם רעשט פון מײַן לעבן וועל איך, פּונקט ווי מײַן גאנצע ביז איצטיקע ארבעט, ווידמען דעם טריומף פון די סאָציאלע אידייען, וואָס וועלן — איך בין אין דעם איבערצײַגט — ווען־ניט־איז ברענגען צו דער הערשאפט פון פּראָלעטאריאט".

אפּ דעם דאָזיקן קאָנגרעס האָט מען באשלאָסן אריבערצוטראָגן דעם גענעראל־ראט פונעם אינטערנאציאָנאל פון אייראָפּע קיין אמעריקע. דער דאָזיקער באשלוס איז ארויסגערופן געוואָרן דערמיט, וואָס איבערלאָזן דעם גענעראל־ראט אין לאָנדאָן האָט מען שוין ניט געקאָנט. די רעגירונגען און די פּאָליציי האָבן גראָמירט די אָרגאניזאציעס פונעם אינטערנאציאָנאל אין אלע לענדער. די נאָרמאלע פארבינדונג מיט די דאָזיקע אָרגאניזאציעס, די נאָרמאלע פאָרשטייערשאפט זייערע אינעם גענעראל־ראט איז געוואָרן אוממעגלעך. און בא אזוינע באדינגונגען איז דער גענעראל־ראט געשטאנען אין געפאר פארכאפּט צו ווערן פון אוועלכער עס־איז פײַנטלעכער צו אים גרופּירונג. דאָס דאָזיקע האָבן געקאָנט טאָן מיט דער הילף פון דער בורזשואזיע די אנארכיסטן, וואָס האָבן געוואָלט פארכאפּן דעם גענעראל־ראט. עס האָבן אים אויך געקאָנט פארכאפּן די בלאנקיסטן, וואָס האָבן געפּרוווט פארוואנדלען דעם אינטערנאציאָנאל אין א פארשווערונג־אָרגאניזאציע

אאוו. אָפּגעבן די שלאַכט־פּאָן פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלן אויטאָריטעט בא די אַרבעטער, אין די הענט צו אינטריגאַנער אָדער פֿײַנטלעכע צום אינטערנאַציאָנאַל שטרעמונגען וואָלט געווען אַ פֿאַרברעכן. דעריבער האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן אַריבערפֿירן דעם גענעראַל־ראַט אין פּשאַ.

נאָכן אַריבערטראָגן דעם אינטערנאַציאָנאַל אין צפֿון־אַמעריקע האָט ער פּאַקטיש אָפּגעשטעלט זײַן טעטיקייט און אין 1876 יאָר ווערט אויפֿן קאָנגרעס אין פֿילאַדעלפֿיע אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס וועגן צײַטווײַליק איבערײַסן די טעטיקייט פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל. די פּרוּוון פֿון די באַקוניסטן צו גרינדן זייערן אַ אינטערנאַציאָנאַל האָבן ניט געהאַט קיין דערפֿאָלג בא די אַרבעטער־מאַסן און זייער אָרגאַניזאַציע איז זיך גיך צעפֿאַלן. דער לעצטער פּרוּוו פֿון די אַנאַרכיסטן צונױפֿצורופֿן אַ קאָנגרעס איז געמאַכט געוואָרן אין 1881 יאָר, אָבער ער האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפֿאַל, ווײַל צום דאָזיקן קאָנגרעס אין לאָנדאָן זײַנען געקומען ניט קיין פֿאָרשטייער פֿון פּאַרטייען, נאָר פֿאָרשטייער פֿון באַזונדערע קרײַזלעך.

די באַדײַטונג פֿונעם ערשטן אינטערנאַצי־אָנאַל

די באַדײַטונג פֿונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט „פֿאַרלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פֿון די אַרבעטער, כּדי צוצוגרייטן זייער רעוואָליוציאָנערן אָנגריף אויפֿן קאַפּיטאַל”, ער האָט פֿאַרלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿונעם „פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם” (לענין). די אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפֿט פֿון אַרבעטער איז געווען די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע פּאַרטייִשע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע. דער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען געגרינדעט אויף די פּרינציפּן פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן קאָמוניזם, און אין קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם פֿון די אַלטע פֿאַרמאַרקסישע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען זײַנען פֿאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן די גרונט־פּראָבלעמען פֿון דער פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי.

די טעטיקייט און די אָנפֿירונג פֿונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אויסגעלערנט די אַרבעטער צונויפֿצופּאָרן זייער עקאָנאָמישן קאַמף מיטן פּאָליטישן אינעם גאַנג פֿונעם קלאַסנקאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, דעם קאַמף, וואָס פֿירט, ווי דאָס האָט דערוויזן די דערפֿאַרונג פֿון דער פּאַריזשער קאָמונע, צו דער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געגעבן מוסטערן פֿון קאַמף פֿאַר די גרונט־פּרינציפּן פֿון דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, וואָס איז געבויט אויף דער באַזע פֿון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. מיטן אויסשליסן פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל די באַקוניסטן, וואָס האָבן געבראָכן די פּאַרטיי־פּרינציפּן און די דיסציפּלין, וואָס האָבן צווייפּנעמדיק אײַנגעהיט אינוויייניק אינעם אינטערנאַציאָנאַל זייער געהיימע פֿראַקציאָנעלע אָרגאַניזאַציע, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל געוויזן אַ מוסטער פֿון אַנטשיידענעם קאַמף פֿאַר אָפּהאַקן די אַנטיפּאַרטייִשע עלעמענטן.

די אָנפֿירונג פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל אין דער שטרײַק־באַוועגונג און זײַן קאָנטאַקטירן די אַקציעס פֿון די אַרבעטער אין פֿאַרשיידענע לענדער בייס די דאָזיקע שטרײַקן האָט אין דער פּראַקטיק באַוויזן פֿאַר די אַרבעטער די באַדײַטונג פֿון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַרישקייט אין זייער קלאַסנקאַמף.

ענדלעך, האָבן זיך אין די נאַציאָנאַלע סעקציעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרייניקונג פון די אַרבעטער אויסגעשמידט יענע קאַדרען, וואָס זײַנען שפּעטער געוואָרן די אָרגאַניזאַציעס פון מאַסעווע מאַרקסיסטישע פּאַרטייען.

אַף דער באַזע פון דער דערפאַרונג פונעם פּראָלעטאַריאַטס שלאַכטן אין 1848 יאָר, אַף דער באַזע פון דער ירושה פונעם I אינטערנאַציאָנאַל און פון דער קאָמונע הייבט זיך אָן אַנטוויקלען אַ מאַסעווע אַרבעטער־באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

עס וואַקסט די אַרבעטער־באַוועגונג אין דער ברייט און עס ווערן געשאַפן מאַסעווע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אַף דער באַזע פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע מעלוכעס. דער פּראָצעס פון אויספורעמען די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַריאַט, פון אַרײַנציִען נײַע קאַדרען, וואָס זײַנען נאָך ניט איבערגעקאָכט געוואָרן אינעם פּאַבריק־קעסל, איז גלײַכצײַטיק געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרשטאַרקונג פונעם אָפּאָרטוניזם (בורזשואַזע ווירקונג) אין די רייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און אין קאַמף קעגן אים איז געגאַנגען די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער קאַמף פון מאַרקסן אַף צוויי פראָנטן קעגן דער אָפּאָרטוניסטישער טעאָריע און פּראַקטיק פונעם פאַרמאַרקסישן סאָציאַליזם ווערט איבערגעטראָגן פונעם אינטערנאַציאָנאַל אין די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וווּ ער ווערט פאָרגעזעצט אין אַ נײַער פאָרם. דער קאַמף אַף צוויי פראָנטן קעגן דעם רעפאָרמיזם, וועלכער טרעט שוין אַרויס אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם, פירן דאָ די בעסטע פאָרשטייער פונעם פּראָלעטאַריאַט אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון זײַנע פאַרהאַרטעוועטע פירער — מאַרקס און ענגעלס. די דאָזיקע רײַכסטע דערפאַרונג פונעם I אינטערנאַציאָנאַל האָבן אינגאַנצן איבערגענומען און באַרײַכערט מיט דער דערפאַרונג פון קאַמף אין די נײַע באַדינגונגען די באָלשעוויקעס און דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס אונטער זײַן אָנפירונג קעמפט איצט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט פאַר דער אַלוועלטלעכער קאָמונע.

אינהאלט

קאַפּיטל I. די אינדוסטריַעלע רעוואָליוציע אינ ענגלאנד אינ דער צווייטער העלפט פונעמ XVIII יאָרהונדערט. 1. די פאָרבאדינגונגענ פונ דער רעוואָליוציע (3). 2. די אינדוסטריַעלע רעוואָליוציע (11). 3. די איבערקערעניש אינ דעמ סאָציאַל־עקאָנאָמישנ געבוי פונ דער געזעלשאפט (18).

קאַפּיטל II. די גרויסע פראנצויזישע רעוואָליוציע. 4. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרדענונג פונעמ פאררעוואָליוציאָנערנ פראנקרייַכ (28). די קלאסנ־צעטיילונג און די פּאָליטישע אָרדענונג אינעמ פאררעוואָליוציאָנערנ פראנקרייַכ (37). 6. די אידעאָלאָגיע פונ דער אופשטייַגנדיקער בורזשואזיע (44). 7. די עפּאָכע פונ דער גרינדונג־ און געזעצגעבערישער פארזאמלונג (47). 8. דאָס אראָפּשליידערנ די מאָנארכיע. די רעוואָליוציע פונ 10־טנ אווגוסט 1792 יאָר (65). 9. אפ די וועגנ צו דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור (69). 10. די דיקטאטור פונ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע (77). 11. די קאָנטררעוואָליוציאָנערע איבערקערעניש פונעמ 9־טנ טערמידאָר (27־טנ יול 1794) און דער איבערגאנג פונ דער מאכט צו דער גרויסבורזשואזיע אינ די הענט (85). 12. דער סאָפּ פונעמ קאָנווענט און די עפּאָכע פונ דער דירעקטאָריע (94). 13. אפ די וועגנ צו א מיליטעריש־בורזשואזער דיקטאטור (98). 14. די עפּאָכע פונ קאָנסולאט און פונ דער ערשטער אימפּעריע (102).

קאַפּיטל III. די טשארטיסטישע באוועגונג אינ ענגלאנד. 15. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אנטוויקלונג און דער פּאָליטישער קאמפ אינ ענגלאנד אינעמ ערשטנ דריטל XIX יאָרהונדערט (113). 16. דער טשארטיזמ (125).

קאַפּיטל IV. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אנטוויקלונג און דער קלאסנקאמפ אינ פראנקרייַכ אינ דער ערשטער העלפט פונעמ XIX יאָרהונדערט. 17. די עפּאָכע פונ דער רעאקציע. די רעסטאווראציע פונ די בורבאָנענ (142). 18. די רעוואָליוציע פונ 1830 און די עפּאָכע פונ דער יולער מאָנארכיע (1830—1848) (149). 19. די רעוואָליוציע פונ 1848 אינ פראנקרייַכ (161). 20. פונ דער בורזשואזער רעפּובליק צו באָנאפּארטס אימפּעריע (172).

קאַפּיטל V. די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר אינ דייַטשלאנד. 21. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אנטוויקלונג און דער קלאסנקאמפ אינ דייַטשלאנד אינ דער ערשטער העלפט XIX יאָרהונדערט (179). 22. די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר אינ דייַטשלאנד (199). 23. דער ארבעטער־קלאס און מארקס־ענגעלסעס טאקטיק אינ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר אינ דייַטשלאנד (221).

קאפיטל VI. דער קאמף פאר אומאָפּהענגיקייט און דער בירגערקריג אין צאָפן-אמעריקע. 24. די מילכאָמע פאר אומאָפּהענגיקייט (232). 25. דער קלאסנקאמף אינעם פעריאָד פון אויסבילדן די צאפש (245). 26. דער בירגערקריג (249).

קאפיטל VII. די עפּאָכע פונעם I אינטערנאציאָנאל און די פאריזשער קאָמונע. 27. אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון דער עפּאָכע (276). 28. נאציאָנאל-פארייניקנדיקע באוועגונגען (278). 29. דאָס פארכאפּן קאָלאָניעס (283). 30. קאָלאָניאלע אופשטאנדן (285). 31. דער ערשטער אינטערנאציאָנאל ביז דער פאריזשער קאָמונע (294).

קאפיטל VIII. די פאריזשער קאָמונע. 32. פראנקרייך אין דער עפּאָכע פון דער צווייטער אימפעריע (318). 33. דאָס פאלן פון דער צווייטער אימפעריע (326). 34. די קאָמונע (331). 35. די לעקציעס און די באדייטונג פון דער קאָמונע (349).

Редактор Ф. Штрах.
Техн. ред. И. Тененбаум.
Корректор Рабкин.

Сдано в производство 19/IV—34 г.
Подписано к печати 5/VI—34 г.
Формат бумаги 62 × 94[1]/16.
22½ п. л. 52.000 зн. в п. л.
„Эмес“ 21. Тираж 2.500
Уп. Главлита В—83646.

Типография изд-ва „Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. 417.